STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05605

DI KENIGIN IZEBEL

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Stone
in memory of
Lily (Elise Calderon Spitz) & Ted Stone

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איזבאַן

די קעניגין איזבל

כרך

38

שמואל איזבאַן

די קעניגין אִיזֶבֶל

היסטאָרישער ראָמאַן

פאַרלאַג
„ייִדבוך"

ביי דער
„געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1959



די מלוכה פון ישראל

אינהאַלט:

בוך איינס

דאָס לאַנד פון ווידערשפּעניקע — — — — — — — — 9

בוך צוויי

אחאבס הויז — — — — — — — — — — — — — 91

בוך דריי

איזבלס קעניגרייך — — — — — — — — — — — 197

בוך פיר

דער לייבנעק פון יהודה — — — — — — — — — — 263

בוך פינף

די שלאַכט פון אפק — — — — — — — — — — — — 347

דאָס זענען די געשעענישן, וואָס ווערן דערציילט לויט די רייד פון יהושע בן גיגי, אַ קריגסמאַן פון ישראל, וואָס האָט איבערגעלעבט די הערשאַפט פון פיר מלכים: עמרי, אחאָב, אחזיהו און יהורם, די קרוינטרעגער נאָך דעם מורד ירבעם בן נבט, וואָס האָט אויפגעהויבן די שווערד אויף דעם מלך רחבעם, דעם זון פון שלמה און צעטיילט דאָס לאַנד אויף צוויי מלוכות.

ניט אויף פאַרמעטענע מגילות האָט יהושע בן גיגי באַשריבן די צייט-געשעענישן און נישט אויף שטיינערנע טאָוולען האָט ער איינגעקריצט וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אין די טעג פון נצחונות און מפלות אין דעם הויז פון אחאָב. איידער יהושע בן גיגי איז איינגעזאַמלט געוואָרן אין זיין פאָלק, איז ער אומגעגאַנגען איבער די מערק און הויפן פון שומרון און דערציילט פון די פאַסירונגען, וואָס האָבן געטראָפן אין זיינע טעג און וואָס זענען נישט באַשריבן געוואָרן אין דעם בוך פון די מלכים. ער האָט דאָס אַלץ איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אַז די קינדער און קינדס קינדער פון ישראל ביז צום סוף פון אַלע דורות זאָלן וויסן פון די צאָרנדיקע און אייפערדיקע צווישן פאָלק, וואָס האָבן פריער פון די נביאים געוואָלט פאַרברענען דאָס הויז פון אחאָב און טויטן איזבל'ן, אַז עס זאָלן אויסגעמיטן ווערן די אומווירדיקייטן וואָס האָבן געברענגט דעם אונטערגאַנג פון ביידע מלוכות: ישראל און יהודה און זייער פאַרקנעכטונג דורך אשור און בבל.

בוך איינס

דאָס לאַנד פון ווידערשפּעניקע

א

אין די טעג פון אחאב, דעם מלך פון ישראל, האָט אין דעם פלאַכלאַנד הינטער תירצה געלעבט אַ מאַן, איתמר בן צוער. ער איז געווען אַן אויסגע־דינטער קריגסמאַן, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין די מלחמות אונטער דעם מלך עמרי, דער פאָטער פון אחאב. איתמר איז געווען שטאַרק ווי אַ לייב, פלינק ווי אַ הירש און לייכט ווי אַן אָדלער ווען ער איז געלאָפן שלאָגן דעם שונא. די שלאַכטמענער האָבן דערציילט, אַז מיט זיינע אָרעמס האָט ער געקענט אויפהייבן געשפּאַנטע רייטוואָגנס און מיט די פלעכטן פון זיין באָרד איז ער געווען אימשטאַנד צו ציען אָנגעלאָדענע קאַראַוואַנען איבער דעם מדבר.

ווען קעניג עמרי האָט באַזיגט די פעלקער אַרום און אָפּגעקויפט פון שמר'ן פאַר צוויי צענטער זילבער דעם באַרג שומרון און אויסגעבויט די פעסטונגשטאָט האָט איתמר צוער זיך אָפּגעקערט פון זיין קעניג, ווייל עמרי האָט אין צייט פון שלום באַפעסטיקט דאָס געצנדינסט. ער האָט געפלוכט דעם מלכ'ס זינדיקע מעשים, אָבער ער האָט אויך געבענטשט זיינע נצחונות איבער די שונאים פון ישראל. פאַר זיין גבורה, פאַר זיין געטרייען דינסט האָט עמרי איתמרן געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער די בוימייסטערס און שקלאַפן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם פּאַלאַץ פון עלפאַנטביין אין דער נייער קרוינשטאָט, וואָס מען האָט גערופן: די פעסטונג צווישן שטעט.

די פעלדהאַרן פון צידון האָבן געהערט פון זיין גבורה. די שפּיזן־וואַר־פער פון מואב האָבן זיך געשראָקן פאַר זיין אָרעם און אָסאַ, דער פריערדי־קער קעניג פון יהודה האָט געוואָלט אים אַריבערגעווינען, מיט גאָלד און מיט ליסטווייבער פאַר אַ האָר פון זיינע גרענעץ־חיילות. אָבער דער קריגס־מאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דעם פלאַכלאַנד אַרום תירצה, די שטאָט וואו עס איז געשטאַנען פריער דער טראָן פון זיין קעניג עמרי.

עמרי האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן און זיינע גבורות זענען באשריבן געוואָרן אין בוך פון די צייט־געשעענישן פון די מלכים פון ישראל, אָבער איתמר בן צוער איז געוואָרן א פארגעסענער מאן. ווען זיין קעניג איז געשטאָרבן, איז דאָס לאנד אפרים געוואָרן דאָס וואוינאָרט פון די פאַרדאָר־בענע און די פארפירטע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די תענוגים פון דער וועלט. זיינע ליפּן האָבן נישט פארזוכט קיין וויין און זיין גומען האָט נישט געוואוסט דעם טעם פון קיין עוף און פון קיין רינדפלייש. און ווייל ער האָט זיך דערווייטערט פון אחאָב׳ס פּאלאץ אין שומרון און גערעדט גוטס אויף די רעכטפארטיקע פון ירושלים, האָבן איזבלס ראטגעבער אים גערופן: דער לייבן־עק פון יהודה.

אין יענע יאָרן האָבן די באוואוינער אין לאנד געלעבט אין וואוילטאָג און אין זינד. די הויפהאָרן האָבן ווידערשפּעניקט אין גאָט און די אונטער־טעניקע האָבן זיך געבוקט צום בעל און געבראכט קרבנות צו עשתורת אזוי ווי עס האָט געהייסן דעם מלכס וויב איזבל, די טאָכטער פון אתבעל, דער הערשער איבער די צידונים. די נביאים פון מדבר האָבן געשטראָפט מיט צאָרנדיקע רייד. זייערע אויגן האָבן באגלייט די טואונגען פון די רייכע און אָרעמע צווישן פאָלק און דאָס פייער פון זייער אָטעם האָט זיך געטראָגן איבערן פּאלאץ פון דעם קעניג און זיינע הויפלייט.

די פארדאָרבנקייט אין שומרון איז געווען אזוי גרויס, אז ווען די רעכטפארטיקע זענען ארויפגעקומען אין דער בארג־שטאָט, האָבן זיי תפילה געטאָן אז גאָטס אָטעם זאָל ווי א שטורעמווינט בלאָזן פאַרויס און רייניקן די לופט, וואָס זיי וועט אויסקומען דאָרט צו אָטעמען. די הויפלייט און שררות האָבן אָפּגעטאָן אזוינע לעסטערונגען, אז ס׳איז געווען א וואונדער פונוואנען די פרומע, וואָס אויסער די שטעט, האָבן געשעפּט טרייסט פאַר דער נשמה און רו פאַרן הארץ.

אחאָב איז געגאנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער עמרי. ער האָט געשטארקט דאָס געצנדינסט אין לאנד און באנייט דעם בונד פון האנדל מיט צור. און מיט יהושפט דעם קעניג פון יהודה האָט ער געשלאָסן פרידן און ביידע מלוכות האָבן מער נישט געטאָרט באפאלן איינע די אנדערע ביי די געמארקן. סוחרים פון וואָל און געווירצן און קאראוואנען־פירער מיט געוואנדן פון דעם ווייטן לאנד האָבן זיך באזעצט אין דעם לאנד אפרים און רייכע קינדער פון ישראל האָבן אָפּגעזוכט וואוינערטער אין צידון. זיי האָבן גערעדט די פרעמדע שפּראך און אָפּגעלערנט די מנהגים פון פרעמדע פאָר־מעטן. זיי זענען זיכער געווען, אז דער חסד פון אלמעכטיקן וועט פון זיי נישט אָפּגעטאָן ווערן, ווייל די כהנים האָבן נאָכאנאנד דערמאָנט, אז דער,

וואָס הערשט איבער הימל און ערד, וועט האַלטן דעם צוזאָג, אַז אפרים איז אַ געלערנטע קאַלב, וואָס ער האָט ליב אין די אָרעמס צו האַלטן און איר שײַנעם האַלדז צו גלעטן.

די אַקערלײַט און פּאַסטעכער זענען געוואָרן הענדלער און ים־פֿאָרער און געגלוסט צו רײַכטום און לעסטערונג. מענער פֿון לאַנד אפרים האָבן גענומען פֿאַר ווײַבער טעכטער פֿון צור, פֿון עמון און פֿון מואָב. זיי האָבן געבוירן קינדער און געבראָכן דעם בונד מיט גאָט און נישט באַשניטן די זכרים.

ווען די לעסטערונגען אין דעם העכסטן הויז פֿון ישראל זענען אויפֿגעגאַנגען ווי טונקעלע זײַלן רויך צום הימל, האָט איתמר בן צוער זיך באַזעצט אין אַ הויז פֿון צווײַגן און ליים אויף זײַן מאָגערן פֿעלד הינטער תרצה. ער האָט געמאָלן זײַן אײגענע תבואה און געלערנט די קלוגע שפּרוכן פֿון דעם דריטן מלך פֿון ירושלים, וואָס האָט געהערשט איבער דעם נישט צעטײלטן לאַנד ישראל. צוליב דעם וואָס זײַנע אויגן האָבן צוגעזען אַזויפֿיל בלוט אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון אָרם פֿון פּלשת און פֿון מואָב, האָט דער קריגסמאַן געשוואוירן מער נישט אַרויסצוציען פֿון שייד זײַן שווערד אַפֿילו קעגן די שררות, וואָס צווינגען אַרויף פֿאַראַרבנקייט אויפֿן פֿאָלק. די רעכטפֿאַרטיקע האָבן נישט באַנומען, פֿאַרוואָס איתמר טראָגט נישט זײַן צאָרן אויף די אומווירדיקע, טראָץ וואָס די פֿלעכטן פֿון זײַן באָרד זענען געווען ווי אײַזערנע ריטער און זײַנע אָרעמס זענען געווען אָנגעגאָסן מיט גבורה און זײַן צונג האָט געפֿלאַמט מיט אײַפֿער פֿאַר דעם גאָט פֿון די חיילות.

פֿון די דורכפֿאָרער האָט איתמר זיך דערוואוסט, אַז אין טאָל פֿון יזרעאל האָבן שטרענגטע ציִנזהאַרן אויסגערויבט די סעדער און ווײַנגערטנער און אַראָפּגענומען ביז צום לעצטן זאַנג פֿון די פֿעלדער. ווען די פֿאַרערעמטע האָבן געוויינט אויף דער גזילה, האָבן די מוכסים געזאָגט, אַז דער קעניג איז אַ מלך צדק, ער רייניקט זײַן מלוכה אַזוי ווי ער רייניקט אויס די דערנער אין זײַן ווײַנגאָרטן. דאָס געשריי פֿון צאָרן האָט זיך געטראָגן פֿון איין עק לאַנד ביז צום אַנדערן און פֿון ווײַטע שטעט זענען אָפּגענאַרטע אַנטלאָפֿן אין מדבר אַרײַן כּדי פֿון דאָרט צו שיקן זייערע תפֿילות קיין ירושלים.

דער פֿאַרגעסענער מאַן איתמר בן צוער האָט אויך געהערט, אַז אַחאָב האָט מורא פֿאַר איזבלן. זײַן פֿאָטער האָט אים געגעבן די פֿרעמדע פּרינצעסין פֿאַר אַ ווײַב, וואָרום דערמיט האָט ער געשטאַרקט די פֿרײַנדשאַפֿט מיט צידון, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די מאַכט בײַ די ים־ברעגן ביז צו די ווײַטע לענדער פֿון צפֿון. און טראָץ וואָס אין יענע טעג האָט אליהו, דער

געטלעכער מאן פון גלעד זיך באוויזן מיט שטראף־רייד פון גאט צבאות און אנגעווארפן א פחד אויף דעם קעניג פון ישראל, איז אחאב געווען צו־שוואך צו ווידערשפעניקן אין דער מלכה. אויס גרויס ליבע צו ישראל האט ער אויסגעבויט נייע שטעט און נייע פעסטונגען און פארווערט זיינע פעלד־הארן צו פירן מלחמות מיט אתבעלן. די ווינציקע צאל ערפורכטיקע אין שומרון האבן געזוכט ביי אחאב'ן גוטע מעשים, אבער געפונען האבן זיי נאר זינד. עס איז געווען ווייניק, האבן די אומדערשראקענע געזאגט, וואס ער איז געבוירן געווארן אין זינד און אין חטא האט אים זיין מוטער אנטפאנגען, האט ער נאך גענומען פאר א ווייב איזבלן, די טאכטער פון א געצנדינער און געבויט א הויז פאר בעל און די פאלשע כהנים האבן ביי זיין טיש געגעסן.

די אייפערדיקע האבן נישט געוואלט הנאה האבן פון דעם וואוילשטאנד וואס דער קעניג האט געבראכט אין לאנד. די, וואס האבן איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אז דער שטארקער שלאכטמאן אחאב איז א שוואכער זכר, האבן אויך געוואוסט דעם סוד, פארוואס איזבל געוועלטיקט איבערן הויף. זיי האבן ארייגעקוקט דורך די פארבאטענע עפענונגען אין די הויפקאמערן און ארויסגעטראגן די בושה אין די גאסן. די זאטע און צופרידענע האבן מתפלל געווען, אז די רעכטפארטיקע זאלן נישט נקמה נעמען אן דעם עכסטן הויז פון ישראל, ווארום נקמה האט נישט קיין אנדערע בייטש ווי אומגליק.

אין מדבר חורב האבן אין יענע טעג זיך אויסבאהאלטן יונגע פרע־דיקער, וואס האבן אזוי ווי דער מאן פון גלעד, גערעדט אויף אחאב'ס הויז פייערדיקע רייד, אבער די שררות האבן וואיטער געטאן ווי עס איז זיי וואוילגעפעלן און זיי האבן געאפפערט קרבנות אויף פרעמדע מזבחות. פונדעסטוועגן האבן זיך געפונען לערער אין ישראל, וואס האבן געוואויגן נישט בלוי אחאב'ס פארדארבענע מעשים, נאר אויך זיינע מצוות און זיי האבן געזאגט וועגן דעם הערשער פון שומרון, אז זיינע גוטע טו־אונגען האבן געקענט זיך פארגלייכן מיט זיינע עבירות. דעריבער האבן די שרים פון דער תורה שפעטער פארטייטשט דעם נאמען אחאב: אח לשמים, אב לעבודה זרה — א ברודער צום הימל, א פאטער צום געצנ־דינסט.

אין דעם שכנותדיקן לאנד יהודה איז געווען רו און עס האט גע־הערשט שלום ביי די געמארקן. אסא, דער פאטער פון דעם קעניג יהושפט פון ירושלים, האט נאך אין זיינע טעג אפגעשאפט די פרעמדע מזבחות און די בימות. ער האט צעבראכן די זיילשטיינער און אפגעהאקט די

די קעניגין איזבל

געצנבייכער און צעשמעטערט די זון־זיילן. נאָך זיין טויט איז דער זון יהושפט געווען גאָטפּאָרכטיק ווי זיין פאָטער. דער נייער קעניג איז גע־גאַנגען אין גאָט'ס וועגן און די פיינט האָבן זיך געשראָקן פאר זיין מאכט, אזוי ווי עס זענען געווען די רייד פון יעקב וועגן דעם סוף פון די טעג, אז נישט אָפּגעטאָן וועט ווערן א צעפּטער פון יהודה און א הערשערשטאָק צווישן זיינע פיס, ווי לאַנג מען וועט קומען קיין שילה.

צען יאָר האָט איתמר בן צוער געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט הינ־טער תרצה. ער וואָלט ווייטער זיך נישט געמישט אין די טואונגען פון די הערשער אין שומרון, ווען נישט צוויי ווידערשפּעניקע קאָמערדינער אין אחאָב'ס הויף, אבניה און חנינא, וואָס זענען איינמאָל אין באַגינען געקומען אים איבעררייד ן, ער זאָל אויפהייבן די שווערד אויף איזבלס הויז. דיין שווערד —האָבן זיי צו אים געזאָגט— וואָס האָט געשלאָגן דעם פּלישתי, דעם מואבי און דעם ארמי, וועט אַצינד מיזן טרינקען דאָס בלוט פון דעם קעניגס הויזגעזינד.

זיי האָבן געטראָפן דעם אויסגעדינטן קריגסמאן שטיין אין זיין קליינעם גאָרטן און גראָבן די ערד. זיין קורצע, קופּערנע באָרד איז גע־ווען אויסגעקעמט אין הארטע פלעכטן. די ביילן אויף די אָרעמס זענען געווען אָנגעצויגן ווי באַלענס. ער האָט געטראָגן א האָריקן לייבראָק און סאנדאלן מיט ברייטע רימענס. דאָס הויז אויפן פעלד, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעבויט פון צוויי גן און ליים, האָט אויס־געזען ווי דאָס וואוינאָרט פון א נזיר. דאָס ערשטע קילע פייער פון דער אויפגייענדיקער זון האָט געלויכטן אויף זיין לויטער פּנים. און אויף זיין שטערן איז געווען די לייטזעליקייט ווי ביי א געטלעכן מאן, צו וועמען לייבן קומען לעקן די הענט און די שאַקאַלן אנטרינען פון זיינע פיר איילן.

— פרידן צו מיינע ברידער פון שומרון! — האָט ער דער ערשטער אויסגערופן, ווייל ער האָט דערזען, אז זייערע גארטלען און הערבן זענען פון אחאָב־פּאַלאַץ.

אבניה און חנינא זענען געווען פון צוויי פארשידענע מאָסן. דער הויכער אבניה איז געווען אויסגעצערט און טרויעריק און דער קורצער חנינא איז געווען קיילעכדיק מיט א דיק פרייליך פּנים. אָבער ביידע שליחים זענען געטריבן געוואָרן אהער פון א פרומען פארלאַנג.

— פרידן צו דיר, ברודער איתמר בן צוער! — האָבן ביידע געענט־פערט און אונטערטעניק זיך פארנייגט.

איתמר האָט זיך אָנגעשפּארט אויף זיין גראָבאייזן און מיט פאר־

וואונדערונג געקוקט אויף די צוויי, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מידע וואַנ־דערער.

— געסט אין פרימאָרגן קומען תמיד מיט בשורות. און מענער פון שומרון האָבן אין די היינטיקע טעג וואָס צו דערציילן. זאָל זיין גע־בענטשט דער אייביקער היטער, וואָס האָט באַגלייט אייער לאַנגן וועג!

— זאָל זיין געבענטשט דער היטער פון ישראל! — האָבן זיי גע־זאָגט — איתמר בן צוער. פאַראַן בשורות וואָס ברענגען פרייד, און בשורות וואָס טראָגן אָן טרויער. וויפיל ווערט אונדזער בשורה וועט האָבן פאַר דיר און פאַר ישראל, וועסטו אליין זיך דערוויסן. אונדזערע רייד וועלן איצינד נישט באַשטיין פון לויבן דעם באַשעפער און די מעשים פון זיינע הענט. טראַץ וואָס מיר וויסן, אַז אונדזער שליחות האָט גע־קראָגן זיין ברכה, ווייל שטורעם־זאַמדן אויפן וועג האָבן אונדז נישט פאַרשאָטן און ווילדע חיות האָבן אונדז נישט פאַרצוקט.

איתמר האָט נאָכגעטאָן די מצווה, וואָס אברהם האָט געטאָן צו די מלאכים און אַרויסגעבראַכט וואַסער צו וואַשן זייערע פיס און שפּייז צו זעטיקן זייער הונגער. די שליחים האָבן נאָך דער פרימאָרגן־תפילה אָפּ־געגעסן דאָס ברויט, די קרייטעכצער און די פרוכטן און זיי האָבן פאַר איתמרן דערציילט אַלץ וועגן דעם באַגער פון די געטרייע הויפלייט אומ־צוואַרפן די מלוכה אין שומרון און אַרויסטרייבן פון פּאַלאַץ איזבל'ן, די טאָכטער פון צידון. אין נאָמען פון די רעכטפאַרטיקע — האָבן זיי גע־זאָגט — זענען זיי געקומען ביז תירצה, וואָרום די דערצאָרנטע קנאים וואַרטן אויף אים און אויף זיין שווערד.

איתמר איז געווען געניט אין ליבע און אין שנאה, וואָס פּילט אָן א מענטשלעכן האַרץ. ער האָט געגלויבט, אַז גאָטס לייטזעליקייט רוט אויף די צוויי קנאים, אָבער אין זייער פייַנטשאַפט צו דעם טרעגער פון ישראל'ס קרוין ווילן זיי אָפּטאָן אַזאַ פאַרברעכן, פון וואָס זייערע נשמות קענען זיך קייקלען צום אָפּגרונט. ארץ־ישראל איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי מלוכות מיט דעם ווילן פון אלמעכטיקן. רחבעם האָט פאַרלוירן מער ווי א האַלב לאַנד, ווייל ער האָט באַשווערט דאָס לעבן פון פאָלק און ירבעם בן נבט האָט אויפגעשטעלט די מלוכה אפרים, ווייל די צאָרנדיקע יונגע נביאים האָבן אים געהאָלפן אָנפירן דעם אויפשטאַנד קעגן רחבעמ'ען. האָט דען דאָס פאָלק נישט אויסגערופן נאָך שלמה'ס טויט: וואָס פאַר א חלק האָבן מיר אין דוד'ן און וואָס פאַר א ירושה איז פאַר אונדז ישי'ס הויז? אחאב איז, ווי זיין פאָטער עמרי, דער געזעצלעכער מלך פון ישראל, געזאַלבט דורכן פאָלק און געבענטשט דורכן נביא. אויב ער איז

זינדיק, מוז זיין הויז אויסגעראַיניקט ווערן. און אויב די פרעמדע מלכה איזבל האָט אַריינגעבראַנגט דאָס געצנדינסט אין דעם העכסטן הויז, זאָל דער האַר פון הימל און ערד זי צוריקטרייבן אין איר לאַנד.

דער אויסגעדינטער שלאַכטמאַן האָט צוריק אַרויסגעפירט זיינע געסט אין דעם גאָרטן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם גראָבאייזן און געפרעגט:

— צי האָט איר נישט אָפּשיי פאַר אייער קעניג און מורא פאַר אייערע שררות?

— דער קעניג איז אַ שוואַכלינג און די שררות זענען חונפים — האָבן זיי געענטפערט.

— כ'האָב געהערט פון דעם געצנדינסט אין איזבלס הויף, אָבער אויך ווינציק פון אַחאָב'ס שוואַכקייט, ווי גרויס איז דאָס אומרעכט?

— דאָס שלעכטס, וואָס מיר זעען אין פּאַלאַץ, איז גענוג צו וועקן די ווידערשפּעניקייט פון דעם גאַנצן חייל. איזבלס באַפעלן צו אירע כהנים און אַחאָב'ס געהאָרכזאַמקייט פאַרשעמען דעם נאָמען פון ישראל.

— פאַרוואָס קומט איר צו מיר? און פאַרוואָס זייט איר הויפדינער וואָס מוזן פאָלגן ווי קנעכט די ערשטע דערצאָרנט צו ווערן? אייערע שררות, פעלדהאַרן און ראַטגעבער, צי האָבן זיי דען נישט מורא פאַר דעם מאַן פון גלעד? און צי זענען זייערע אויערן טויב צו זיינע פלאַם־פייער־דיקע רייד?

אבניה האָט זיך אויסגעבויגן און געבליבן שטיין ווי אַ קרומער בוים, וואָס האָט אויסגעשפּראָצט אין דער ווידטעניש. ער האָט געענטפערט:

— דער מאַן פון גלעד באַהאַלט זיך אין מדבר און מיר זעען די אומוויר־דיקייטן אין הויף פון זון־אויפגאַנג ביז עס צינדן זיך די שטערן. איזבל האָט פאַרטריבן דעם נאָמען פון דעם, וואָס לעבט אייביק, פון אונטער אַחאָב'ס דאַך און דעם קעניג האָט זי געמאַכט אונטערטעניק צום בעל. די שררות טונקען זייערע שווערדן אין בלוט און די פעלדהאַרן גלוסטן צו די ווייבער פון די פרויען פון צידון. זיי טוען מיט די פרעמדע טעכטער דאָס, וואָס די זין פון מדבר האָבן געטאָן מיט די פרויען פון מדין. די טאָכטער פון אתבעל האָט פאַרוואַנדלט דאָס שענסטע הויז פון ישראל אין אַ וואַוינאָרט פון אויסגע־לאַסענע, אונדזערע אויגן זענען מיד פון זען אַזויפיל נידערטרעכטיקייטן און מיר פאַרגעסן די רעכענונג פון די טעג און נעכט. דער אויגנבליק איז אָן אַ סוף און די שעהן זענען די אומענדלעכע צייט, איתמר בן צוער! מיר קומען דיר אָנזאָגן, אַז עס זאַמלען זיך די ווידערשפּעניקע אין אַלע קאַמערן

אין אחאַב׳ס הויז. קום מיט אונדז און זיי וועלן פאַר דיר דערציילן פון דעם בונט קעגן קעניג.

— איר ווילט דעם קאָפּ פון אחאַב?

— דער קעניג פון זינד איז אַ סכנה פאַר דער מלוכה פון שומרון.

— ער איז דער מלך פון ישראל!

— צי איז דען זמרי נישט געווען דער מלך פון ישראל איידער עמרי האָט אים באַזיגט? און צי איז תבני בן גינת נישט געפאַלן פון זיין שווערד? און דו איתמר האָסטו דען זיך נישט געשטעלט אין דינסט פון עמרי, ווייל דאָס פאָלק און דאָס חייל האָט אים געוואָלט פאַר אַ מלך? קום איתמר בן צוער, אין אחאַבס הויז! פארלאָז דיין בלומענגאָרטן. דאָס שטיק פעלד וועלן איבערגראָבן יענע, וואָס זענען נישט געניט אין כלי־זין. אויב דער קאָפּ פון דעם מלך איז דיר אַזוי טייער, וועסטו אומברענגען די מלכה. דער אמת רעדט בלויז דורך דער שפּיז פון דעם קריגסמאַן!

איתמר האָט אצינד געקוקט אויף די מענער פון שומרון מיט פאַרדאַכט און צאָרן.

— דער נביא וואַכט איבער דעם הויז פון ישראל! און דער אמת רעדט אַראָפּ פון די ליפּן ביי דעם מאַן פון גלעד אַזוי ווי פריער ביי אחיה השילוני — האָט ער געזאָגט — כ׳בין מיד געוואָרן פון דעם פּאַנצער און שפּיז באַלד נאָכן טויט פון מיין קעניג עמרי, כ׳האָב אויסגעביטן מיין שווערד אויף אַ גראָבאייזן. די פעלקער ביי די געמאַרקן הייבן מער נישט אויף זייערע כלי־זין אויף ישראל און צו פאַרגיסן בלוט אין אַ ברודער־מלחמה וועל איך מיין וואָפן נישט אָנטאָן.

די שליחים האָבן אויסגעשפּרייט זייערע הענט ווי זיי וואָלטן גערופן דעם הימל פאַר אַן עדות צו זייער גרימצאָרן.

— וואָס וועט ווערן פון דער מלוכה פון ישראל, — האָט אבניה גע־פרעגט — אויב אירע פעלדהאַרן האָבן מורא פאַר בלוט און זיי זאָגן, אַז מיט פרומע שפּרוכן וועט מען ווייך מאַכן דאָס הארץ פון דעם מאַכטהאָבער? די קרוין פון ישראל וואַלגערט זיך אין מיסט און זי קען בלויז אויפגעהויבן ווערן אויף דער שאַרף פון דער שפּיז. נאָך איין מלחמה וואַרט אויף דיר, איתמר!

— איר זייט געקומען צו־שפּעט. כ׳האָב זיך שוין געשלאָגן אין אַלע מלחמות.

— די מלחמה קעגן דער פרעמדער מלכה איז נאָך נישט אויסגעפאָכטן געוואָרן. די, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן צו באַגלייטן דעם קרוינטרעגער אין שומרון, האָט פון דעם פּאַלאַץ געמאַכט אַ הויז פון זנות. אירע דינסטן

זענען נישט קיין שקלאַפינס פון מואָב און פון מדין, נאָר קדשות, וואָס אַנטבלויזן זייערע גלוסטיקע לייבער פאַר די מענער און פאַר די געצן, די כהנים דעקן אָפּ זייערע שאַנדעס און זינדיקן פאַר די מזבחות. פון צידון קומען די אויסגעלאַסענע טעכטער צו פאַרדאַרבן די קריגסמענער פון ישׂראל. פון די הויפקאַמערן גייט די זינד אַראָפּ אין די אונטערשטע גאַסן און די באַוואוינער זינקען אין אויסגעלאַסנקייט. איז דאָס ווייניק? אַזוי איז דאָך דער פאַרלאַנג פון די פרעמדע פעלקער, אָפּצושוואַכן די גבורה פון ישׂראלס שלאַכטמענער, וואָרים זיי גרייטן ווידער אַ מלחמה אויף אפרים.

איתמר, דערצאָרנט פון דעם וואָס ער האָט געהערט, האָט זיך גע־וואונדערט פון וואַנען עס נעמט זיך צו די צוויי וואַנדערער אַזאַ גליענדיקע ליבע צום פאַרשעמטן פאָלק, אַז זיי זענען גרייט אומצוברענגען דעם הערשער פון ישׂראל. אַ וואָלקן טרויער האָט פאַרצויגן זיין פּנים. דער טרויער ביי איתמרן איז געווען אין דער זעלבער מאָס ווי ס׳איז געווען דער אייפער ביי די שליחים אבניה און חנינאָ, וואָס זענען איצט געשטאַנען פאַר אים און געמאָנט זיינע אָרעמס און זיין שווערד. איתמר האָט געפרעגט:

— צי איז דען נישטאָ קיין בושה אין דעם הויז פון אחאָב און קיין חרטה ביי די איינוואוינער פון שומרון?

אבניה האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף איתמרס אַקסלען און אויסגערופן:

— ווי נעמט מען די אויערן פון אַלע געטרייע פעלדהאַרן, זיי זאָלן הערן, אַז דאָס הויז פון קעניג איז געשענדעט און די איינוואוינער פון שומרון זענען ווי ווערים, וואָס ווערן צעטראָטן מיט די פיס? אַ מלחמה אויף אחאָב׳ס הויז וועט שטאַרקן די מלוכה פון אפרים און באַשיצן אירע פעסטונג־שטעט קעגן די פרעמדע חיילות, וואָס לויערן ביי די געמאַרקן. נישט יהושפט, דער מלך פון יהודה וועט אָנרייצן זיין חיל אויף אונדז, נאָר דער קעניג פון ארם וועט באַפאַלן אונדזערע שטעט און די הערשער פון מואָב וועלן פאָדערן נקמה פאַר זייערע מפּלות פון פריער. אויב דער שונא וויל אַ קריג מיט ישׂראל, וואָס וועט ווערן גאָטפאַרכטיק, וועט ער געשלאָגן ווערן דורך דעם אָרעם פון גאָט צבאות, ווי דו ווייסט, איתמר בן צוער!

— דער באַשעפער פון דער וועלט איז דער האַר פון אַלע מלחמות! — האָט איתמר אויסגערופן.

— ער איז דער האַר פון אַלע מלחמות —האָט אבניה נאָכגעזאָגט, און זיין צונג האָט געפלאַמט.— פון הימל וועט ער אַראָפּשיקן זיינע רייטוועג־נער צו צעשמעטערן די הייזער פון דעם שונא און מיט שופרות וועט ער ווידער איינוואַרפן די ווענט פון זיינע פעסטונגען. ער, וואָס קען אויסרייסן

בערג און אויסטריקענען ימען, וואָס קען פאַרלעשן די זון און אַרויסבלאָזן דאָס קאַלטע פייער פון דער לבנה. ער, דער באַשעפער, וועט אויך שיקן מלאָכים צו באַוואַכן דיין וועג ביז שומרון, איתמר!

חנינאַ, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען א שווייגנדיקער הינטער אבניהן, האָט געמאַכט צוויי שריט פאָרויס. ער האָט איינגעצויגן די אַקסלען. זיינע אויגן האָבן געגליט און די ליפּן האָבן געבריט ווען ער האָט גערעדט.

— און הינטער די מלאָכים, זאָלסטו וויסן איתמר, וועלן נאָכגיין די וועכטער פון פּאַלאַץ. איינער וועט ברענגען א בעכער מיט וויין, וואָס וועט אויף אייביק איינשלעפערן דעם קעניג און א צווייטער וועט אריינוואַרפן צעמאָלענע סם־קערנער אין די שמעקעדיקע זאַלבן, וואָס וועלן פאַרברענען די הויט פון דער מלכה. און אויב איזבלס בלוט איז שטאַרקער פון די קערנער פון טויט, וועלן די וועכטער צוגרייטן אן אנדערן טויט פאַר דער פאַרדאַרבענער מאַכטהאָבערין.

אבניה האָט אַרויפגעלייגט זיינע פינגער אויפן מויל פון דעם צווייטן שליח, כדי אים איינצושטילן.

—שווייג, חנינאַ, דער טאָג פון שטראָף איז נאָך נישט געקומען און פון די קערנער פון טויט וועסטו רעדן, ווען פאַר איתמרן וועלן פאַרשלאָסן ווערן די טויערן פון פּאַלאַץ.

אָבער חנינאַ האָט מיט זיינע אַקסלען פאַרשטעלט אבניהן, דאָס דיקע, פליישיקע פּנים איז געוואָרן באַדעקט מיט א רויטקייט. פון זיינע ליפּן זענען ווידער געפאַלן רייד פון שלעכטס.

— נישטאָ אזא מלכה א באַטריגערין, וואָס קען נישט צעטראָטן ווערן פון דעם רייטוואָגן פון אירע אייגענע וועכטער, איתמר! צוויי אָנטרייבער פון איזבלס הויפשטאַל שטייען גרייט מיט די ווילדסטע פערד און א רייטוואָגן מיט די שאַרפסטע רעדער.

איתמר האָט אַוועקגעלייגט זיין גראָבאייזן. טרויער און פּחד האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ. ער האָט געקוקט אויף די שליחים פון שומרון און געפרעגט:

— ווער איז ערב פאַר דעם נצחון?

אבניה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט.

— דער וואָס רעגירט איבער הימל און ערד, איז ערב פאַר דעם נצחון פון די רעכטפאַרטיקע. מיט אן אומגעזעענער האַנט האָט דער אַלמעכטיקער אויפגעשטורעמט דעם ים, וואָס האָט אין כוואַליעס איינגעשלונגען די שיפן פון אדום. די שטאַרקסטע קריגסלייט וועלן אַנטלויפן פאַר דיר אזוי ווי זיי

זענען אנטלאָפן ווען דו האָסט זיי געשלאָגן אונטער עמרי׳ן. שטעל זיך נאָר אין די טויערן פון שומרון, איתמר. מעכטיק איז דיין אָרעם און פאַר דיינע קלעפּ איז נישטאָ קיין ווידערשטאַנד. צעגער נישט אין דעם ווילן פון אַל־מעכטיקן. ער וועט דיר געבן דעם צייכן און אין פּאַלאַץ וואַרטן אויף דיר די קנאים.

איתמר האָט א צעטומלטער אויפגעהויבן דעם גראָבאייזן און מיט אימ־פּעט געגומען שטעכן די ערד ארום א שווערן טייטלבוים, וואָס האָט זיך גע־בויגן פון דער משאָ פּירות. ווען ער האָט שוין געהאָט אַרומגעגראָבן מיט די אייזערנע ציין א קרייז מיט גרודעס פון דער פעטער ערד, האָט ער מיט אמאָל איבערגעלאָזט די שליחים און ער איז א פאַרטראַכטער געגאַנגען צו זיין הייזל פון צווייגן און ליים. אבניה איז געבליבן שטיין א פאַרגאַפטער, אָבער חנינאָ האָט געשפּרייזט הינטער אים מיט אויפגעהויבענע הענט. דער גלי אין זיינע אויגן איז נישט געווען אויסגעברענט און די בריענדיקע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— געדענק, איתמר! א בעכער מיט וויין וועט איינשלעפערן דעם מלך און א קרוג מיט שמעקעדיקע זאַלבן וועט פאַרברענען דאָס לייב פון דער קעניגין. און אויב דער טויט וועט פאַרשפּעטיקן, וועט א פלינקער רייטוואָגן צעטרעטן די טאָכטער פון צידון.

איתמר איז געבליבן אליין אויפן פעלד ביזן האַלבן טאָג, אָבער די וואָ־רענונגען אז מען גייט אומברענגען דאָס הויז פון אחאָב, האָט אים באַגלייט ביז דאָס ליכט פון דער זון איז אויסגעגאַנגען. צען יאָר האָט ער נישט פאַרגאָסן קיין בלוט, נישט דאָס בלוט פון די מואבים, נישט פון די ארמים און נישט פון די פּלישתים. און אצינד רופט מען אים צו א מלחמה אין קעניגס פּאַלאַץ. זיין מלך עמרי האָט באַזיגט מואָב און געפּייניקט דאָס אונטעריאָכטע פאָלק. ער האָט געירשנט דאָס לאַנד מידבאָ און דאָס באַ־צוואונגען אַלע זיינע טעג. נאָכדעם ווי די פיינט פון ישראל זענען אונטער־טעניק געוואָרן, האָט איתמר אַראָפּגענומען דאָס וואָפן פון זיינע לענדן, וואָרים דער מאכטהאָבער האָט אויסגעשטעלט אויף די געמאַרקן די גאָלדענע קעלבער און מזבחות.

פאַר דעם כבוד פון גאָט פון די חיילות, און אויס ווידערווילן צו די זינד פון זיין קעניג, האָט איתמר אויסגעטאָן זיין שווערד און דעם ברוסט־שילד. אָבער זיין נזיריש לעבן האָט נישט געקענט אָפּשטעלן דאָס געצנ־דינסט, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון עמרי צו זיין זון אחאָב. אין פּאַלאַץ פּילדערן היינט הויפליים. די אייפערדיקע ווילן דעם קאָפּ פון מלך און דער מאַן פון גלעד רייסט זיך אריין אין דעם קעניגס קאַמערן ווי א שטורעם־

ווינט פון מדבר. צי איז דען אמת, אז די מלוכה וועט אונטערגיין נישט איבער דער שוואכקייט פון דעם חייל, נאָר איבער די נידערטרעכטיקייטן פון איזבל? אויב ישראל איז אין סכנה, מוז דער שלאכטסמאן אָקעגנלויפן דער סכנה. דער געטרייער פעלדהאר מוז שיצן דאָס לאַנד, נישט נאָר קעגן דער שווערד פון אַנגרייפער אויף דער מויער נאָך אויך קעגן די וואָס ווילן הרוב מאכן פון אינעווייניק דאָס שענסטע הויז פון ישראל.

מיט אזוינע טראכטונגען איז איתמר נאָכן זונאונטערגאנג ארויף אויף זיין געלעגער פון ברעטער און טרוקענע בלעטער. ער האָט פארלאָשן דעם פאַקל, וואָס האָט געברענט אינעם אויסהייל פון דער וואנט, צוקאָפּנס. דער שלאָף איז צו אים נישט געקומען, אָבער ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן מיט דעם באַגער, אז אין באגינען וועט ער אוועקגיין צום פרומען שכן, דעם זקן אילפאָ שמאי און אים דערציילן פון דער קרוין פון ישראל, וואָס וואלגערט זיך אין מיסט און ווארט אז מען זאָל זי אויפהייבן אויף דער שארף פון א שפּיז.

ב

ביים ליכט פון טאָג האָט איתמר בן צוער געהייליקט דעם נאָמען פון באַשעפער און זיך געלאָזט גיין צום פעלד פון אילפּאָ שמאַי. פאַרבייגייענדיק דעם ערשטן ברונעם האָט ער ווידער אַמאָל געלויבט דעם נאָמען פון דעם האַר פון דער וועלט, ווי אַ באַוואָרעניש קעגן דעם בייזן חלום ביינאַכט. די זעאונג וואָס איז געקומען אין שלאָף איז געווען זינדיק, וואָרים פאַר זיין געלעגער האָט זיך באַוויזן די קעניגין איזבל, אַן אַנטבלויזטע, ווי זי האָט געטאַנצט פאַר דער אשרה. די מלכה איז געווען אַרומגערינגלט פון אירע דינסטן פון צידון, וואָס האָבן פלאַטערנדיק אָפּגעדעקט זייערע שאַנדעס, אָבער העכער פון זיי אַלעמען האָט זיך אַרויסגעהויבן די טאַנצנדיקע איזבל, און שטום אים גערופן ער זאָל אָנרירן די פרישע הויט פון איר לייב. דרייענדיק זיך אין אַ ראָד פאַר דעם געצנבוים, איז זי פון אָנהייב ענלעך געווען צו דער פאַרשייטער געצין פון מצרים, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון שטיין און אַנגענומען דעם לעבעדיקן קערפּער פון אַ גלוסטנדיקער יונגפרוי. איזבל האָט געוויגט מיט אירע לענדן. אירע בריסטן זענען געווען אויפגעבליט. די הייסע אַקסלען האָבן געצוקט. אירע קני־קייטעלעך האָבן געקלונגען, אָבער געקוקט האָט זי לאַנג אויף דעם פאַרשעמטן קריגסמאַן מיט אירע גליענדיקע אויגן און ציטערנדיקע ליפּן.

דאָס געשטאַלט פון דער טאַנצנדיקער קעניגין האָט פּאַמעלעך זיך געביטן. אַרומקרייצנדיק אַ צווייטן און אַ דריטן ראָד אַרום דעם געצנבוים, האָבן די ליפּן פון איזבל זיך פאַרקרימט אין פּיין. אירע פאַרשייטע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט לויטערע טרערן, וואָס האָבן געלויכטן ווי שטראַלן און פון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מעכטיקער זיפץ, ווי דער ערשטער שטורעמווינט איידער די דונערן צערייסן די וואָלקנס. דערזעענדיק דאָס בילד איז איתמר צעטומלט געוואָרן, אָבער אין שלאָף איז ער געווען

אומבמעבטיק, און זיינע ליפּן זענען געווען פאַרזיגלט, ביז ער האָט אויפגע־וואַכט מיט אַ געשריי, אַזוי ווי דאָס געבריל פון אַ לייב. אַצינד, ווען ער איז געגאַנגען לענג־אויס די פעלדער, וואָס אויף זיי האָט גערוט די ברכה פון גערעטעניש, איז די ערשטע צעטומלטקייט צו איתמרן צוריקגעקומען און ער האָט אין גרויס איילעניש ווידער תפילה געטאָן צו דעם, וואָס לייגט אין פרימאָרגן זיין בארעמהארציקייט אין אונדזערע הערצער, ווי דעם טוי אויף דעם באַשאַף. ער האָט געבעטן ביים האר פון אַלהאָס לעבעדיקע, אַז ער זאָל דערוויטערן פון אים דעם פאַלשן רחמנות, וואָס קען פירן צו גלוס־טונגען.

די זון איז שוין געווען הויך אין הימל און דיביימער און פלאַנצן היג־טער די פעלדער האָבן געגלאַנצט אין דעם ראָזן נעפל, וואָס האָט אַרויסגע־שיילט פון זיך ליכט און וואַרעמקייט. איתמר האָט געטראָגן בלויז דעם האָריקן לייבראָק און די סאַנדאַלן. זיין רויטע געקרייזלטע באָרד האָט געגליט אַנטקעגן דער זון. ער איז געגאַנגען פאַרביי די קנופּן בלומען און פרוכטן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן פלאַכלאַנד ביז צום לויטערן שטראָם וואַסער, וואָס האָט געריזלט צווישן ברוינע פעלדזן.

פעלד נאָך פעלד זענען די תבואות און פרוכטן אין דעם נידעריקן טייל לאַנד פאַרזייט און פאַרשניטן געוואָרן דורך די אָרעמע און גליקלעכע ערד־מענטשן, וואָס האָבן געוויכט פון דער שווערד און נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דאָס גראָבאייזן. זיי האָבן פיינט געהאַט עשירות און זיך געשפּייזט מיט פרוכטן און גרינסן. ווען דער שניט איז געווען נישט געראָטן צוליב אַ טריקעניש אָדער אַ היישעריק, האָבן זיי זיך פאַרדונגען צו די שכנותדיקע, רייכע ערד־באַזיצער און אַזוי אָרום באַשפּייזט און באַקליידט זייערע משפחות.

די רייכע באַזיצער פון די לאַנד־גיטער אין די בערג האָבן חושד געווען, אַז טייל ערד־אַרבעטער לעבן פון רויב און זיי באַפאַלן די קאַראַוואַנען, וואָס פירן סחורות פון מצרים און פון צור, אָבער וועגן דער ערלעכקייט פון די פרייד־לעכע מענטשן הינטער תרצה האָט מען געהערט אין שומרון, און זייער גוטער נאָמען האָט דערגרייכט ביז ירושלים, אין הויף ביזן בית־המקדש. אין שניט־צייט האָבן זיי נישט געוואַרט ביז די אָרעמע לייט וועלן קומען קלייבן לקט, נאָר אַליין אויסגעטיילט גאַרבן תבואה צו די אביונים. זיי האָבן אָפּ־געווישט די טרערן ביי די יתומים און געשאָנקען די חובות צו די אלמנות. מלאָכים האָבן אָפּט זיך פאַרשטעלט פאַר וואַנדערנדיקע הענדלער, וואָס פאָרן פון לאַנד יהודה צום לאַנד אפרים און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר די אָרעמע היימען. אַזוי אַרום האָבן זיי פאַריאָגט די בייזע רוחות, וואָס האָבן גע־לויערט ביי די שוועלן פון די ערלעכע און פרומע.

די קעניגין איזבל

איתמר האָט געשפּרייזט פאַרביי די לינדנביימער און ניסביימער, וואָס האָבן ארויסגעלאָזט די דופטיקע ריחות פון פריען אדר. אונטערן הימל איז געפלויגן א טשאַטע פייגל, ווי א דרייעק. דער טוי איז שוין געווען אויסגערונען און דאָס ווייכע גרינס פון די נידעריקע געוויקסן האָט אויפגעבליט. א ווייט געשריי פון ראָבן האָט אָפּגעקלונגען אין טאָל. אויף יענער זייט פון א בארג איז געפלאָסן א פלאַכער טייך און שיפלעך מיט מאַסטן, ווי אויסגעשפּרייטע פליגלען האָבן זיך געגליטשט איבער דער אויבערפלאַך. דאָס נידעריקע לאַנד איז געווען באַדעקט מיט געדיכטע גרינע אויסשיטן. די זאַנגען פון די פעלדער און די צווייגן פון דיביימער אין די ווייַנסעדער האָבן זיך געטונקען אין דעם לויטערן ליכט, וואָס קומט אין יענער שעה, ווען דער בורא פרייט זיך מיט זיין יצירה.

ביים גאָרטן פון אילפאָ שמאי האָט איתמר זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט באַגעגנט דעם אלטן, קנאַכיקן מאַן, וואָס האָט אין פרימאָרגן אויסגעזען אויסגעצערטער און געלייטערטער. די גרויע, לויזע באָרד האָט איינגעראַמט דאָס קופּער־ברוינע פּנים, וואָס איז געווען צעקאַרבט פון טיפער זיקנה. זיינע פאַרלאָשענע אויגן האָבן געלויכטן מיט גוטסקייט, וואָס קומט אין די יאָרן ווען דער בשר־ודם קען זיך מער נישט ווערן קעגן די שטאַרקע און גרויזאַמע. ער איז געזעסן אויף א שטיין הינטערן ברונים ביי זיין ערשטן מאַלצייט. ער האָט געגעסן טייטלען און געטרונקען וואַסער פון א בעקן.

— שכן אילפאָ שמאי! — האָט איתמר אויסגערופן, — געבענטשט זאָל זיין דער טוי און דאָס ליכט אויף דיינע פלאַנצן. כ׳בין געקומען נאָך דיין עצה. ביים מאַן פון אקער איז דער מוח לויטער אין פרימאָרגן, און דער טרויער פון דער וועלט צעטומלט נישט זיינע געדאַנקען. וועסטו מיך אויסהערן, שכן אילפאָ?

דער זקן איז אראָפּ פון שטיין און אים אקעגנגעגאַנגען.

— שכן איתמר, — האָט ער געזאָגט, — איך בין קיינמאָל נישט ווערט געווען נאָכצוטראָגן דיין שפּיז און פאַנצער, ווען דו ביזט ארויסגעגאַנגען אין שלאַכט. כ׳בין א פּראָסטער מאַן פון פעלד און מיין וואָפן איז דער אקער און דאָס גראָבאייזן. מיין האַנט איז אין די יינגערע יאָרן נישט געווען געניט צו האַלטן א שווערד. מיינע אומרעכטן מוזן זיין אזויפיל, ווי שטיינער פון די גאַסן אין תרצה. ווי אזוי וואַרטסטו אויף מיין עצה? פונדעסטוועגן, זאָג ארויס דיינע ספקות, איתמר. מיינע אויערן האָבן שוין פאַרנומען א סך תרעומות פון אומצופרידענע. וואָס פאַרלאַנגסטו?

האָט איתמר דערציילט, אַז אים פּייניקט אַ שרעק, אַז אין הויז פון אַחאָב קעניגט נישט דער מלך פון ישׂראל, נאָר זיין ווייב איזבל, וואָס פירט אַ זינדיקן לעבן און זי צווינגט דאָס פאָלק צו פאַרדאַרבענע מעשׂים. האָט דער שכן אילפאַ געזאָגט, אַז יעדער מאַן אין ישׂראל דאַרף באַדויערן דאָס פאַרדאַרבענע לעבן אין דעם קעניגס הויז, אָבער ווי אַזוי קאָן אַ מאַן פון פעלד אויסראָטן דאָס דאָזיקע שלעכטס? האָט איתמר אים פאַרטרויט, אַז ער וויל מיטן וואָפן אַריינגיין אין שומרון און אויסרייניקן דאָס הויז פון אַחאָב און ער האָט אילפאַ'ן אויך אויסגעזאָגט, אַז צוויי דערצאַרנטע שליחים זענען נעכטן געקומען אין זיין גאָרטן מיט דער בשׂורה, אַז די ווידערשפּעניקע אין פּאַלאַץ גרייטן אַ בונט און די פּאַרטיקע וואַרטן אויף זיין שווערד.

איז דער זקן געבליבן שטיין אין קווינקלעניש און געשוויגן, וואָרום אַ מאַן פון גראָבאייזן איז ער אצינד געווען אַנטקעגן אַ מאַן פון שווערד. אָבער די אויגן ביי איתמר'ן האָבן געברענט און זיין קול איז געוואָרן העכער.

— אין דער שטאָט וואו איך וועל אַריינקומען, — האָט ער געזאָגט, — הערשט אַ מלך אַ שוואַכלינג און די עלטסטע זענען נישט אונטערטעניק צו אים נאָר ציטערן פאַר זיין ווייב איזבל. איך ווער פאַרציטערט פון דער משחבה, אַז איבער איר שולד קאָן די מלוכה פון שומרון אונטערגיין אין אונדזערע טעג. אַ חלום האָט מיך געפּייניקט ביינאַכט אילפאַ, און אין חלום האָט איזבל געטאַנצט פאַר דעם געצנבוים אשׁרה. די שיינקייט פון איר אָפּגעדעקט לייב האָט געזאָטן מיט אַזויפיל תאווה, אַז דעם פרומסטן נזיר האָט זי געקאָנט שטעלן פאַר אַ פּרוּאָוו. ווי וועסטו דאָס פאַרשטיין, אילפאַ? און ווי גרויס עס איז געווען איר בושה אין חלום, אַזוי שטאַרק האָב איך זי באַדויערט.

דער אַלטער אילפאַ האָט געשטעלט אַ שריט פאָרויס און אויפהייבנדיק אַ קנאָכיקע האַנט, געזאָגט:

— דער, וואָס לייענט די מחשבות פון יעדן בן־אָדם זאָל מיך שטראָפן אַזוי און נאָך מער, אויב איך פאַרדעכטיק מיין שכן, דעם האַרטנעקיקן קריגסמאַן, אַז ער איז געוואָרן ווייך צו דער פאַרדאַרבענער טאָכטער פון צידון. ווי עס לעבט גאָט פון ישׂראל, אַז איך בין נישט חושד דיין האַרץ אין רחמנות צו די וואָס זענען פאַרזונקען אין אומריינע לוסטן. אָבער יעדע זעאונג ביינאַכט קומט צו אונדז נאָך די טואונגען בייטאָג. שכן איתמר, ווען עס וואָלטן זיך נישט באַוויזן די דערצאָרנטע שליחים פון שומרון אינמיטן טאָג, וואָלסטו נישט געזען די געצנדינערין אין איר בושה אויף דיין געלעגער ביינאַכט. וואָס זאָגט דיין האַרץ, איתמר? ווילסטו גיין קיין שומרון צו באַשטראָפן די מלכה, אָדער גיין ווילסטו אַהין, ווייל אויפגעוואַכט האָט אין דיר ווידער דער באַגער צו נעמען די שווערד?

— אויב מיין שווערד איז נאָך אַזוי שאַרף ווי ביי דער שלאַכט אין מואָב און מיינע אָרעמס זענען אַזוי שטאַרק ווי נאָך דעם שלאַג אויף די פּלישתּים, וועל איך אַרויפגיין מיט דעם ווילן פון אַלמעכטיקן קיין שומרון. איך וועל אויסראַייניקן דאָס שענסטע הויז פון ישראל און איך וועל צעבּרעכן דעם בעל און צעשמעטערן די אשרה. איך וועל דערשלאָגן די געצנדינער און פאַנגען דעם מלך און די פרעמדע מלכּה, די טאָכטער פון צידון וועל איך שטעלן פאַר אַ משפּט אין טויער פון שטאָט.

אילפאָ האָט אַריינגעלאָזט אַ ביינערדיקן פינגער אין דער לויזער באָרד און געזאָגט:

— ביזט געדעכט, שכן איתמר, אַז דאָס שענסטע הויז פון ישראל מוז אויסגעראַייניקט ווערן. אָבער דער וועכטער פון הימל און ערד, וואָס פולט־אָן די ים'ען מיט וואַסער און באַדעקט די ערד מיט געוויקסן, וועט אויך נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם קעניגס הויז אין שומרון. האָסטו געהערט וואָס עס דערציילן די סופרים אין די לערנהייזער פון מירמלשטיין? ווען דער אַל־מעכטיקער האָט געוואָלט באַשאַפן אָדם־הראשון, האָט ער געזען ווי די ערפּוכ־טיקע און פאַרדאָרבענע וועלן פון אים אַרויסקומען; האָט ער זיך פאַרטראַכט: אויב איך וועל באַשאַפן אָדם־הראשון, וועלן פאַרדאָרבענע פון אים אַרויסקומען און אויב איך וועל אים נישט באַשאַפן, ווי אַזוי וועלן ערפּורכטיקע פון אים אַרויסקומען? האָט דער באַשעפער צו הילף גענומען אַ גרויסע מאָס פון זיין רחמנות און באַשאַפן דעם ערשטן מאַן, אַז זיינע קינדער זאָלן פול־מאַכן די וועלט און די ערד זאָל געפירט ווערן פון די כּוחות פון גוטס און פון די כּוחות פון שלעכטס. וואָרים אַן פינצטערניש קאָן נישט לייכטן דאָס ליכט און אָן די שטורעמדיקע טייכן קאָן די ערד נישט באַפרוכפּערט ווערן. און צי ווייסטו, שכן איתמר, אַז נאָכן מבּול האָט נח אַרויסגעשיקט צוויי פייגל פון זיין תּיבה צו זען אויב דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דעם פּנים פון דער ערד; איינעם אַ ראָב און אַ צווייטן אַ טויב. איז די ראָב אַרויס הין און צוריק און געוואָרט ביז דאָס וואַסער איז אָפּגעטריקנט געוואָרן. אָבער די טויב האָט נישט געפונען קיין אָפּרו פאַר אירע פוססטריט און זיך אומגעקערט צו דער תּיבה. און ווער איז ערב, איתמר בן צועה, אַז דו וועסט זיין די טויב אין דעם מבּול פון שומרון?

און דער זקן אילפאָ איז אַראָפּגעקראָכן פון פעלז און האָט אויפגעהויבן דעם בעקן און אַן איינגעבויגענער גענומען גיסן וואַסער אויף די פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ וויכער גרינער צאָם לענג־אויס זיין פעלד. ווען ער האָט זיך געהאַט דערוויטערט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איתמר'ן און אים נאָכגעשיקט בענטש־ווערטער:

— דו וועסט אַריינקומען אין אַחאָב'ס הויז, איתמר. אויב דיין צונג איז

אַזוי שטאַרק ווי דיין אָרעם, וועסטו מאַכן זעעוודיק די בלינדע שרים און וועסט עפענען די אויערן ביי די טויבע הויפהאַרן. און זאָלן מלאכים באַגלייטן דיין וועג ביז שומרון!

איתמר האָט אָנגענומען די בענטשונג, אָבער ער איז נישט זיכער געווען צי דער פּראַקטיקער זקן וויל, ער זאָל אָנטון וואָפנקליידער קעגן די הערשער פון שומרון. אַ פאַרטראַכטער האָט ער געשפּרייזט לענג־אויס די פעלדער און אויפן זינען איז אים געקומען, אַז דער כוח וואָס ברענגט וואַסער פון דער טיפעניש פון דער ערד און מילך אין דער ברוסט פון דער פרוי — דער כוח איז אויך דער קוואַל פון די אייביקע וואונדער אין דעם באַשאַף. דער אַלטער אילפאַ איז אַ קלוגער שמועסער, אָבער אַ שלעכטער ראַטגעבער. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן שטילן לאַנד, האָט אילפאַ אים דערציילט, אַז דריי כוחות האָט דער אַלמעכטיקער אָנגעגרייט, איידער ער האָט די וועלט באַשאַפן: וואַסער, גייסט און פייער. דאָס וואַסער האָט געשוואַנגערט און געבוירן פינצטערניש; דאָס פייער האָט געשוואַנגערט און געבוירן ליכט; דער גייסט האָט געשוואַנגערט און געבוירן חכמה, און ביז אויפן דריטן טאָג ווערט די וועלט געפירט פון די זעקס כוחות: גייסט און חכמה, פייער און ליכט, פינצטערניש און וואַסער. דער פרידלעכער מאַן און דער שלאַכטמאַן — איבערביידן געוועלטיקן די כוחות.

און איתמר איז פאַרויסגעגאַנגען און געטראַכט: אויב עס איז דאָ אַ צעטומלטקייט אין די מוחות איבער די סודות פון דער וועלט, זאָלן די קלוגע אין די לערנהייזער זיך פאַרנעמען מיט די פאַרהוילעניש. ער וועט ווידער ווערן דער מאַן פון וואָפן און נישט דער שופט איבער חכמה, וואָס איז העכער פון דעם פּראָסטן פאַרשטאַנד.

ג

ער איז נאָך נישט אָפּגעגאַנגען קיין הונדערט טריט, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו א חרוב הייזל, וואָס איז געשטאַנען אָן א זייט פון דעם זאַמד־וועג. בלויז דריי ווענט אָן א דאַך זענען געווען צונויפגעקלעפּט פון אָפּגעקרישלטע פעלזן. אויפן אָרט פון דער פערטער וואַנט האָבן זיך געוואַלגערט אָפּגעסמאַלעטע שטיינער, ווי נאָך א בראַנד־שריפה. דערנעבן איז געשטאַנען א מאָגערע ציג ביי אַן איינזאַמען בוים. הינטערן בוים איז געווען א גריב, צו־פלאַך פאַר אַן עפענונג פון א הייל אָבער גענוג טיף פאַר א קבר.

איתמר איז געשטאַנען אויף דעם שטיק לאַנד, וואו עס זענען זיך אָנגע־לאָפן די פאַרשעמטע און די דערנידעריקטע פון ישראל. דאָ האָבן זיך באַזעצט די באַרויבטע פון די צינזהאַרן און די אָפּגענאַרטע פון פאַלשע משפטים. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר גאָט־צבאות, אָבער געמוזט ערן די כהנים פון בעל. איתמר האָט דערזען דאָס וואוינאָרט פון עלי, דעם פישערמאַן פון אשקלון, וואָס אמאָל איז ער געווען א ים־פאָרער און א לעסטערער, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלוירן זיין רייכטום, האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַן אָרט לעבן פון א נזיר. עלי האָט פריער געוואוינט אין יהודה, ווען עס האָט דאָרט געקעניגט דער מלך אָסא. ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע נעצן איבער דעם גרויסן ים צו פאַנגען אַלערליי ים־ברואים, דעריבער האָט ער אָנגעשפּאַרט מיט זיינע רודער־שיפן ביז צו די ים־שטעט פון מצרים. אויף צוריקוועגס האָבן זיינע שיפן גע־פירט סחורות פון פּרעה׳ס שטעט. פון דעם האַנדל איז ער אַזוי רייך געוואָרן, אַז ער איז יעדעס יאָר צוליב פאַרגעניגן געפאָרן צו די אינדזלען אין צפון און דאָרט פאַרבראַכט אין פרעמדע טעמפּלען און אין הייזער פון פאַרגעניגן. זיינע פרומע קרובים האָבן אים געוואָרנט מיט דער שטראָף פון דעם צאָרנדיקן גאָט. אָבער עלי דער פישערמאַן, האָט אויסגעקליבן א לעבן פון פרייד אַנשטאָט די פירונגען פון די גאָטפאַרכטיקע.

איין מאָל, ווען זיינע שיפן זענען ביינאַכט צוריקגעקומען פון מצרים אָנגעלאָדן מיט וואָל, געווירצן און איידלשטיינער, זענען רויבערס פון אשקלון באַפאַלן זיינע סחורות און אַלץ אויסגעפּלינדערט. עלי האָט געמאָנט גערעכטיקייט ביי די וועכטערס. ער האָט פאַרלאַנגט רייט־וועגענער און לויפערס צוריקצובערענגען די גזילה און געגעבן אונטערקויף־געלט. די וועכטערס האָבן צוגענומען די זילבערנע שקלים און די רויבערס נישט געכאַפּט. איז עלי געפאָרן קיין ירושלים צו פאָדערן א משפט. אָבער די טירן אין הויז פון גערעכטיקייט האָבן זיך פאַר אים נישט געעפנט. אַן אָפּגענאַרטער אין די רעגירער פון לאַנד יהודה, האָט ער פאַרלאָזן אשקלון און איז אנטלאָפן קיין שומרון. ער האָט זיך באַזעצט אין דעם פלאַכלאַנד הינטער תירצה. אָבער אַנשטאָט צו האַנדלען מיט די סוחרים פון צידון, האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיך א לעבן פון פוילקייט. ער איז אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה און זיך געשפּייזט מיט דאַרע טייטלען און מילך פון זיין ציג. אויפן לייב האָט ער געטראָגן א שטיק פעל, וואָס האָט נאָר צוגעדעקט די שאַנדע. זיין ווייסע באָרד האָט פאַרשטעלט די אויגן, וואָס האָבן נישט געוואָלט זען דאָס ליכט פון דער זון. ווען קעניג עמרי האָט אויפגעשטעלט אין שומרון די מזבחות פאַר בעל און עשתורת, האָט ער פון גרויס טרויער פאַרברענט זיין הויז. פון דעמאָלט אָן האָט ער, ווי א חיה געוואוינט אין דעם גרוב.

איתמר האָט אַצינד געזוכט דעם פישערמאַן אין דעם גרוב און הינטערן בוים, אָבער ער איז דאָרט נישט געווען. האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די חרובע ווענט, ערשט עלי איז דאָרט געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס הינטער זיך, פאַרזונקען אין מחשבות, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט און מיט דער זון, וואָס לייכט איבער איר.

און איתמר האָט זיך דערנענטערט צו אים און געזאָגט:

— עלי פון אשקלון, אויב דו האָסט פאַרלאָזן דיין גרוב און ביזט אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, איז עס פאַר מיר א צייכן, אַז דו קומסט צוריק צו דער וועלט , וואָס האָט דיר געטון שלעכטס. עלי, מיר, מיר אַלע דאָ פירן א לעבן פון אביונים, אָבער דיין אָרעמקייט צערייסט מיין האַרץ. אויך דיין ציג פייניקסטו מיט הונגער. וואָס טויג דיין פאַראַכטונג און דיין אייביקער שלאָף אַנטקעגן דעם ליכט פון טאָג ? צי מיינסטו דען, אַז מיט בלינדקייט וועסטו בייקומען די הערשער פון לאַנד ?

— פרעמדער, איך האָב דיך נישט גערופן זאָלסט מיך טרייסטן און איך פיר נישט קיין מלחמה מיט די הערשער פון לאַנד.

— שטיי אויף, עלי, פון דיין פאַרזונקענקייט ! די וועלט האָט דיך אָפּגענאַרט, אָבער דו ביזט אָנמעכטיק קעגן דעם באַטרוג. דו מיינסט אַז דו טראַכסט,

אָבער דיין מוח איז געליימט. דו האָסט אָפּענע אויגן, אָבער דו ביזט פאַרזונקען אין שלאָף. דו וואָגלסט אין דער פינצטערניש, אָבער דו זיצט אויף איין אָרט. אויך מיין הארץ איז פול מיט צאָרן אויף די, וואָס געוועלטיקן אין שומרון, אָבער איך האָב זיך דערטראַכט ווי אַזוי צו שטילן מיין צאָרן.

— פּרעמדער, דו רעדסט צו טויבע אויערן. מיט צאָרן נעמט מען אָפּ גערעכטיקייט, מיט מלחמה ברענגט מען שלום, מיט נקמה צאָלט מען פאַר באַטרוג. איך האָב די אַלע לוסטן אין זיך שוין אויסגעטראָגן. נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן האס און ליבשאַפט, און דער מענטש קומט נישט אַראָפּ אויף דער ערד צו משפּטן צווישן אַ לעבן פון גערעכטיקייט און אַ לעבן פון פאַרדאָרבנקייט.

— פאַרוואָס רופסטו מיך „פרעמדער” ? צי זעסטו מיך נישט אַלע טעג גיין פון מיין פעלד ? האָב איך דען זיך נישט באַזעצט צווישן די אָפּגענאָרטע און פאַרשעמטע ? איך האָב אוועקגעלייגט מיין וואָפן און גענומען דאָס גראָב־אייזן און דאָס שניט־מעסער. מיין שפּייז באַשטייט אויך פון פרוכטן און פלאַנצן. מיין שטיבל ווערט אָנגעהייצט פון זון אין זומער און די ווינטן טרייסלען די ווענט אין ווינטער. אָבער איך טייל זיך מיט מיין אָרעמקייט מיט יענע, וואָס זענען אָרעמער פון מיר. מיין ברויט האָסטו, עלי, נישט איין מאָל געגעסן, און פון מיין האָניק האָסטו געטרונקען. ווי אַזוי בין איך אַ פרעמדער, אַז איך געדענק מיין שכן אין זיין נויט ?

— איך רוף דיך פרעמדער, ווייל פרעמד זענען דיינע רייד און איך פאַרשטיי נישט די חוצפּה פון אַן אָקס, וואָס פאַרלאַנגט, אַז אַלע בהמות זאָלן זיך לאָזן איינשפּאַנען. צוליב וואָס ביזטו געקומען שטערן די מנוחה ביי איינעם וואָס מעג לעסטערן גאָט און מענטש ? אויב איך האָב געגעסן פון דיין ברויט און געטרונקען פון דיין האָניק, פאַרלאַנג נישט פון מיר קיין לוין, ווייל יענע וואָס זענען פריער געזעסן ביי מיין טיש און געגנבעט פון מיין בייטל, האָבן מיר אויך נישט געדאַנקט. אויב זיכער ביזטו, אַז מיין מוח איז געליימט, דערווייטער זיך פון דאַנען און טראָג דיינע טענות צו די, וואָס זאָגן אַז אין דער זון איז דאָ אַ ליכט און אין דער בין איז פאַראַן האָניק.

— עלי פון אשקלון, אויב דו האָסט נאָר אַ חרובן גוף און אַ נשמה אָן פייער, האָבן אַלע דיינע מיינונגען נישט קיין באַלוינונג. ביז נעכטן האָב איך אויך געטראַכט, אַז עס איז גוט צו זינקען אין פאַרגעסנקייט. אָבער צוויי שליחים פון שומרון און אַ בייזער חלום ביינאַכט האָבן מיר געבראַכט אַ וואָרענונג. איך בין אויפגעשטאַנען און געזען, ווי דאָס גאַנצע הויז פון ישראל איז איינגעהילט אין די בראַנד־פייערן פון די געצנדינערישע מזבחות. איך האָב געהערט אַ געשריי, אַז די געצעלטן פון יעקב און די וואוינערטער פון ישראל וועלן פאַרצערט ווערן אין די פלאַמען פון פרעמדע מלחמות. אויב צו־שפּעט וועלן זיך

איינזאַמלען די אייפערדיקע חיילות פון שטאָט און פון מדבר און אַרויפגיין לעשן די שרפה אין דער העכסטער שטאָט.

— פון דיר רעדט אַרויס דער צאָרן פון דעם וואַנדערער פון גלעד, פרעמדער. איך האָב געהערט, אַז ער לויפט אַריין אין פּאַלאַץ מיט פלוכן און ער באַהאַלט זיך אויס דערנאָך אין אַ הייל אין מדבר. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן רייד פון שטראָף, ווען עס הערן זיי בלויז די שטאַרקע און זיכערע? אויב רעכט איז מאַכט? פאַרוואָס האָבן דעם כוח די אומגערעכטע אין שומרון? און צוליב וואָס רעדסטו היינט ווי דער צאָרנדיקער מאַן פון דער הייל, ווען דו ביזט גאָר אַ שלאַכטמאַן, וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם וואָפן צוליב אַ צעריסענער מלוכה?

— דער צאָרנדיקער מאַן פון גלעד וועט אויפהייבן דעם פאַקל פון בונט. וואו נעם איך די גבורה איינצוזאַמלען אין דינסט אַלע שטאַרקע און שוואַכע, אַלע געזונטע און פאַרקריפּלטע פון ישראל און אַרויפגיין מיט זיי און איינוואַרפן דעם פּאַלאַץ פון עלפאַנטביין, וואָס מיינע הענט האָבן געהאָלפן בויען! איך קום פון דעם שכן אילפאַ. ער האָט מיך אָפגערעדט פון גיין קיין שומרון. אָבער די רייד פון דעם קלוגן זקן זענען געווען מיט הינדערניש, און ווען איך האָב אים אָפגעזעגנט, האָט ער מיר נאָכגעשיקט בענטש־ווערטער, אַז מלאכים זאָלן באַגלייטן מיין וועג צום הויז פון מלך.

עלי פון אשקלון האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיינע אויגן, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געגלאָצט אין דער ווייטקייט, האָבן צום ערשטן מאָל געקוקט צו איתמר׳ן מיט דעם בליק פון אַ גאַסטביטער וואָס מיינט, אַז דער דורכגייער האָט צו־לאַנג זיך פאַרזאַמט ביי זיין שוועל. אויף זיינע פאַרברענטע ליפּן איז געווען כעס און פאַראַכטונג.

— איך בין טויב פון די רייד, צי גערעכט איז דער מלך אָדער דער נביא, און איך וואונדער זיך וואָס דו רויבסט אַזוי פיל צייט ביי אַן אומגליקלעכן מאַן, וואָס זיין מוח איז געליימט און דאָס ערשטע ליכט פון באַשאַף רוט נישט אויף אים. בעסער וואָלט מיין צונג געבליבן שטום. אָבער אַז דו האָסט געעפנט מיינע ליפּן, דערמאָן איך דיר, אַז עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין נייעס אונטערן הימל. איך האָב שוין אויסגעברענט אין זיך אַלע פיינדשאַפטן און עס זענען פאַרלאָשן אין מיר אַלע ליבשאַפטן. איך האָב דורכגעמאָסטן לענדער און דורכגעזעגלט וואַסערן. איך בין אַנטלאָפן פון יהודה איבער באַטרוג און גזילה, און וואָס האָב איך געפונען אין די שטעט פון אפרים? — לעסטערונג צו גאָט און אַ פּחד צו אַ פרעמדער הערשערין. די שטאַרקע און די שוואַכע זענען אויסגעלאָסן. די כהנים טאַנצן פאַר דער אשרה, די געהאָרכזאַמע זכרים קומען צו די קדושות און זייערע זין ווערן נישט באַשניטן.

די קעניגין איזבל

דער פישערמאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער זון און א שטיל שפּאָטיש געלעכטער האָט פּלוצים צעשיידט זיינע ליפּן:

— אין מיינע יונגע יאָרן בין איך אליין געווען אן אויסגעלאַסענער יונג,— האָט ער געזאָגט.— מיינע שיפן האָבן מיך געפירט ביז צו די אינדזלען פון דרום און צפון. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין קפריסין און אין פּרעה׳ס ים־שטעט, און אומעטום האָבן די הענדלער פון פיש און וואָל מיר אָקעגנגעשיקט קנעכט מיט לאָגלען ווייז און קוכנס מיט פייגן. איך האָב אין די גרויסע שטעט געזען ווי רייכע שטאַרבן פון וואוילטאָג און אָרעמע לויבן ביי יעדן זון־אונטערגאַנג דעם באַשעפער פאַר דעם דאַרן ברויט. אין די הייזער פון פאַרגעניגן האָט דער ווייז מיך באַרוישט און לוסטפרויען האָבן אויסגעצערט מיין זכר׳שע קראַפט. איך האָב געהאַט האַרינטעס און שקלאַפינס, וואָס האָבן מיר אָנגעבאָטן פאַרגעניגן. אין א גאַסטהויז אין אַרם בין איך געקומען צו א זונה פון אשור. זי האָט ביי מיר נישט גענומען קיין זילבערנע שקלים, אָבער לוסט האָט זי געוואָלט מער ווי איך האָב פאַרמאָגט. אלע מיינע תאווה׳ס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן, אזוי ווי דער ברענענדיקער קנויט ווערט אויסגעלאָשן ווען דער אייל איז אויסגעטריקנט. און וואָס איז געבליבן פון יענער פרייד? — פאַראַכטונג צו די פאַרדאָרבענע און רחמנות צו די פאָרכטיקע. שפּעטער, ווען איך בין פאַראָרעמט געוואָרן, האָב איך געלערנט אז דאָס גוטס ווערט נישט באַלוינט און בייז ווערט נישט באַשטראָפט. מיין צאָרן וועט קיינעם נישט אויסבעסערן און מיין טרויער וועט די צאָל פאַרדאָרבענע נישט מינערן. איך האָב זיך באַזעצט צווישן די פאַרשעמטע און דערנידעריקטע און א נדר זיך געגעבן, אז ביז צום סוף פון מיינע טעג וועל איך זיך נישט מישן אין די וואוילטאָטן פון די גערעכטע און אין די פאַלשקייטן פון די נידערטרעכטיקע.

איתמר האָט אויסגעהערט דעם אומגליקלעכן עלי, וואָס ווייס נישט דעם אונטערשייד צווישן די גערעכטע און פאַרדאָרבענע און ער האָט זיך דערוויי־טערט פון אים. די אָרעמע לײַדן, ווייל זיי גלוסטן צו די זאכן וואָס עס פאַר־מאָגן די רייכע, און די רייכע פּייניקן זיך אוים מורא אז זיי וועלן פאַרלירן דאָס, וואָס זיי באַזיצן. עלי, דער פישערמאַן, ליידט נישט פון קיין פּחד און פון קיין גלוסטונגען, ווייל ער איז פריי פון דעם באַגער עפּעס צו פאַרמאָגן, און אזא מאַן איז פאַרלוירן פאַר אלע שלאַכטן פון ישראל.

ער האָט געלאָזט הינטער זיך די אָפּגעברענטע ווענט פון דעם חורבן הייזל און דעם איינזאַמען בוים און די מאָגערע ציג, וואָס איז געשטאַנען פאַרגלי־ווערט. די זון האָט שוין געפלאַמט הויך אין הימל ווען ער איז אויף צוריקוועגס פאַרבייגעגאַנגען אילפאַ׳ס גאָרטן. די ערד איז געלעגן אן אויפגעוווירענע. די גראָזן האָבן זיך געפעדערט אין דעם לייכטן ווינט און שאַרלאַך־רויטע בלומען

האָבן געזייגן דאָס ליכט פון דער זון. דאָס רייפע שטיק לאַנד, באַדעקט מיט הויכע ביימער, פּירות און פלאַנצן, האָט זיך געצויגן ביז צום ווייטן האַלב־בויגן, וואו הימל קומט זיך צונויף מיט דער ערד, און אַראָפּ, אין טאָל, האָבן שאָף און רינדער געוואַנדערט, און געשפּאַנטע אָקסן האָבן נאָכגעשלעפּט די אַקערס.

ווייט הינטער דעם דאָזיקן לאַנד, אין דער אָפענער וויסטעניש איז געווען צעשפּרייט א מחנה נזירים. אָבער זיי האָבן נישט אָנגערירט דעם גראָבאייזן און זייערע הענט זענען נישט געווען געניט צו האַלטן א שפּיז. זיי זענען געווען אָפּגעשיידט פון מענטשן און נאָענט צו גאָט. זייער אָנפירער יונדב בן רכב, האָט זיי פאַרבאָטן צו באַארבעטן די ערד, עסן פלייש און טרינקען וויין. ער האָט זיי גערופן טיפער אין מדבר אריין, אז זיי זאָלן לעבן ביחידות. אָבער אין זייערע הערצער האָט זיך געזאַמלט צאָרן און אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען גאָטס וואָרט וועט זיי באַפעלן ארויסצוגיין אין שומרון און איינוואַרפן די זיילשטיינער און פאַרברענען די געצנביימער.

און ווי איתמר האָט געשפּרייזט ווייטער און איז ארומגעגאַנגען די ניסנביימער און לינדענביימער, ערשט האָט ער דערזען פון דער ווייטנס, אויף א היגל ביי א ברונים ליגט אויסגעצויגן א מאַן אין דעם מאַנטל פון א כהן און נעבן אים זיצט אַן אָפּגעדעקטע יונגפרוי מיט א שטערנבאַנד אַרום קאָפּ און נאָר א דינעם גאַרטל טראָגט זי איבער די שענקלען. זיין צאָרן איז געווען גרויס אויף דעם מאַן, וואָס האָט זיך געגרייט צו טון די זינד וואָס עס האָט געטון זמרי בן סלוא מיט דער טאָכטער פון מדין. דער לוסטיונג האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף איר ברוסטטוך, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן און זי האָט אים געהאַלטן אין אירע אָרעמס. זי איז געווען יונג און פעטלייביק. איר געזיכט האָט געברענט פון לוסט, אָבער די אויגן זענען געווען רונדיק און לויטער, ווי ביי א קאַלב. ביי זיין צוקאָפּנס איז געשטאַנען א קרוג וויין און א פלייט און א שפּיז איז געווען אריינגעשטאָכן אין דער ערד. נעבן איר איז געווען אויסגעשפּרייט איר ליינענטוך און די סאַנדאַלן מיט די זילבערנע קני־רינגען וואָס זי האָט אויסגעטאָן. דער לוסטיונג איז נישט געשלאָפן, נאָר ער איז געלעגן אין א שלומער.

ביי איתמרן האָט אויפגעוואַכט דער באַגער נאָך נקמה פאַר גאָט פון די חיילות. אויף די פּיספינגער האָט ער זיך דערנענטערט צו זיי און דערזען א געלטבייטל צוגעבונדן צום גאַרטל פון דעם לוסטיונג. ער האָט זיך ארומגעקוקט אהין און אהער און ארויסגעצויגן די שפּיז וואָס איז געווען צוקאָפּנס. דערנאָך איז ער ארויפגעקראָכן אויף א באַרג גלייך קעגנאיבער דעם ברונים און געבליבן שטיין, אזוי ווי עס איז אַמאָל געשטאַנען דוד אנטקעגן דעם מלך

שאול אין מדבר זיף. ער האָט גערעדט רייד וואָס קומען פון די ליפּן ביי פּאַרכ־טיקע:

— גאָט האָט דיך איבערגעגעבן אין מיינע הענט, דו לעסטערער! איך האָב אייך ביידן געקאָנט דורכשטעכן מיט דיין אייגענער שפּיז, אָבער איך וויל נישט באַפלעקן מיט בלוט די ערד, וואָס גיט זריעה צו די הונגעריקע. דער טאָג פון אָפּרעכענונג וועט קומען! אַזוי ווי די וואַקס צעקריכט אין פלאַם, אַזוי וועט דאָס לייב פון דער יונגפרוי נעבן דיר צעפוילט ווערן אין מיסט, און פון דיין גוף וועט רינען בלוט און צופוסנס די מויערן פון שומרון, ווען מיין חייל וועט אַרויפגיין אין הויז פון אַחאָב.

דער מאַן אין מאַנטל פון א כהן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלומער און אָפּגעלאָזן די יונגפרוי. ער איז געווען פאַרוואונדערט און צעטומלט פון דעם שטרענגן קול און ער האָט אַריבערגערעדט צו איתמרן, וואָס איז געשטאַנען ווי א ריז אויף דעם באַרג אַנטקעגן:

— ווער ביזטו, הערצאָרנטער מאַן, וואָס דו האָסט געשטערט מיין רו און דו שיקסט א קללה אויף מיין קאָפּ? זעסטו נישט, אַז איך בין נדב, דער צינז־האַר איבער די לאַנד־גיטער פון תירצה? דעם מאַנטל פון א כהן טראָג איך צו שיצן זיך קעגן וועג־רויבערס. אָבער פאַרוואָס פלוכן דיינע ליפּן? ביזטו אַן אומגליקלעכער מאַן, פאַרהאַסט ביי פרויען, אָדער ביזטו איינער פון די אַנ־געלאָפענע פון יהודה, וואָס רייסן זיך אַריין ווי אומגעבעטענע געסט אין די הייזער פון ישראל מיט בייזע שטראָף־רייד? ווער דו ביזט נישט, בייזער מאַן, קער מיר אום מיין שפּיז און גיי דיר דיין וועג!

אָבער איתמר בן צוער האָט העכער גערעדט:

— איך בין א באַוואוינער אויף דער דאָזיקער ערד און איך האָב געטון מער צו באַשיצן דאָס פלאַכלאַנד איידער די האַרן פון תירצה, וואָס האָבן דיך אונטערגעקויפט און זיי צאָלן ווייניקער צינזן צום מלך. אונטער דעם קעניג עמרי בין איך געווען א פעלדהאַר און יעדער מאַן פון באַטרוג איז געפאַלן דורך מיין שווערד. עס איז שלעכט וואָס איך קאָן דיך נישט באַשטראָפן לויט דער מאָס פון דיין זינד. דו קענסט היינט גנבענען זילבערנע שקלים פון דעם מלכ'ס צינזן, אָבער דו וועסט נישט גנבענען דאָס אייביקע לעבן. ער, וואָס רוט אין די הויכקייטן, וואָס זעט אַלע נידערטרעכטיקע מענער פון יהודה און אפרים, און ער וואַכט איבער ביידע הייזער פון ישראל — ער האָט דיך היינט געזען אין דיין פאַרדאָרבנקייט. צי פלאַמסטו דען נישט פון בושה?

— פאַרוואָס זאָל איך פלאַמען פון בושה? איז דען די יונגפרוי נעבן מיר אַזאַ באַשעפעניש, וואָס ברענגט בושה צו א מאַן? איז דען איר בויך נישט רונדיק און ווייס ווי א לויטערער אייטער? און אירע בריסטן, זענען זיי דען

נישט ווי פולע קירבעסן? איך שווער ביי די געטער! דו ביזט געוויקסיק און שטאַרק, פרעמדער. אָבער דו מוזט זיין א סריס אָדער א נזיר פון מדבר, אויב דו האָסט זי נישט דערקענט, אז זי איז די טאָכטער פון אוריה בן שלה, דעם עלטסטן וויינהענדלער פון מכמש, וואָס האָט פארגעסן צוויי יאָר צו צאָלן זיינע צינזן צום מלכ׳ס אוצר. און דו מוזט זיין געשלאָגן מיט בלינדקייט, אויב דו זעסט נישט, אז אירע אויגן זענען אזוי ווי טיפע ברונימער און פון אירע ליפּן בלאָזט דער דופט פון די בעסטע געווירצן. דו גיי דיר דיין וועג, שטאַרקער מאַן, און איך וועל זיך פירן ווי עס הייסט די קעניגין און אירע כהנים.

— די קעניגין און די כהנים, וואָס הייסן זיי דיך טון?

— געבן צום בעל וואָס אים קומט, און נעמען פאַר זיך די פארגעניגנס פון דער ערד. יונגע פרויען און שטאַרקער וויין ברענגען פארגעניגן צו געזונטע מענער.

און דער צינזהאַר האָט זיך צעלאַכט מיט א זאַטן, פריילעכן געלעכטער.

איתמר איז גרייט געווען אראָפּצולויפן פון באַרג און אריינצושטעכן די שפּיז אין דעם פאַרדאָרבענעם מאַן, וואָס האָט גענומען צו זינד די טאָכטער פון א פאַראָרעמטן וויינהענדלער פאַר דעם פּרייז פון צינזן פאַר דער מלוכה. אָבער זיין צאָרן האָט זיך געקילט ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אז דער טאָג פון אָפּרעכענונג וועט אויך ברענגען די שטראָף פאַר דעם אומוויסנדיקן לוסטיונג. אויפן אָרט פון באַגער נאָך נקמה איז געקומען פארשעמונג. נאָך דעם פאַרלאַנג צו גרויזאַמער שטראָף איז געקומען פאַראַכטונג. ער האָט אראָפּגעוואָרפן די שפּיז און איז שווייגנדיק אראָפּ פון באַרג.

אויף צוריקוועגס צו זיין שטיבל האָט איתמר זיך געוואָרעמט מיט דער טרייסט, אז אין די שפּעטערע טעג וועלן די גערעכטע משפּטן די געפאַלענע און די ריינע וועלן הערשן איבער די אומווירדיקע. דער צינזהאַר, וואָס אים האָט ער ערשט אָפּגעלאָזט, וועט זינקען אין אָפּגרונט און די יונגפרוי נעבן אים וועט פארוועלקן ווי א רויז אין מיסט. אלע בשמים אין שומרון וועלן פון איר לייב נישט קאָנען אָפּוואַשן די בושה. אָנשטאָט דעם דופט פון זאַלבן וועט פון איר זיך טראָגן א צעפוילטקייט. אָנשטאָט א גאַרטל וועט א שטריק בינדן אירע לענדן און אָנשטאָט לאָקן און קרויזן, וועט איר קאָפּ באַדעקט ווערן פון א פליך.

ער האָט האַסטיקער געשפּרייזט פאָרויס, ווי ער וואָלט אַצינד זיך געאיילט צו א פּאָרכטיקער טוואונג. ער האָט זיך געיאָגט איבערן וועג און פאַרבייגעגאַנגען די אָפענע שטאַלן, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געפּילדער פון פערד און לאַסט־חיות. צוקומענדיק צו א פעלז, וואָס איז געשטאַנען איבער אן איינזאַמען קבר, איז ער אריבערגעשפּרונגען אן ערד־אויסהייל און האָט פאַרקירצט דעם וועג צום פעלד, וואו עס איז געשטאַנען זיין הייזל פון ליים און

צווייגן. אין מיטן גאנג איז פּלוצים אויסגערונען איתמר, דער קריגסמאַן פון גראַבאייזן, און ס'איז אויפגעשטאַנען דער דערצאָרנטער קריגסמאַן. און דער קריגסמאַן האָט זיך געאײַלט צו לאָזן וויסן דורך א שליח צו אבניה'ן און חנינה'ן זיי זאָלן ארויסשיקן אַ רייטוואָגן און אים ארויפברבענגען צו די טויערן פון שומרון.

ד

דער רייטוואָגן, וואָס האָט נאָכן זונאונטערגאנג זיך געטראָגן איבער דעם פּלאַכלאנד, ארויף צו דער שטאָט שומרון, האָט אונטער די ערשטע אָנגעצונדענע שטערן זיך פּארקערט צו די בארג־דורכהאָקן. די צוויי פליענדיקע פערד האָבן קוים אָנגערירט די שטיינער פון דעם אָפענעם וועג, וואָס האָט זיך געקאָלערט ארום די היגלען צווישן געדיכטע גרינע אויסשיטן. איבער די פרוכטבארע שטיקער לאנד האָבן זיך געשפּרייט יונגע וועלדער ביז צום דאָרף חצרות. דער קופּערנער שיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה האָט געגליט איבער די פעלדער און ווייַנסעדער פון אפרים אזוי לאנג ביז די פייגל אויף די צווייגן האָבן איינגעדרימלט און די פעלד־הונען האָבן אָפּגעשטעלט זייער געיעג.

דער רייטוואָגן האָט זיך אראָפּגעלאָזט צום נידעריקן וועג און זיך אָפּגעשטעלט פאַר א הויז מיט רויטע מירמלשטיין־ווענט. ארום דעם הויז זענען געוואקסן פייגנבביימער. דער דאך איז געווען אָנגעשפּארט אויף ברייטע זיילן און פאַרן ארייַנגאנג האָט גערוט אויף א ליימענעם גזימס א שטיינערנער געץ בעל, מיט א פארונדיקטער באָרד, ווי עס טראָגן די זאטע מענער פון צידון. דער געץ איז געזעסן אויף א טראָן און זיינע ביידע האנטפלאָכן זענען געווען אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון צוויי קעלבער. דער פלאַם פון א פאקל האָט גערויכערט דורך אן אָפענעם לאָדן און פון הויף איז געקומען דער מורמל פון א ריזלדיקן וואסער־שטראָם אין קופּערנע רינוועס צווישן די פלאַנצן.

דער ערשטער איז ארויסגעשפּרונגען פון רייטוואָגן איתמר בן צוער, געוויקסיק ווי א ריז. די קרויזן פון זיין קורצער קופּערנער באָרד זענען געווען געשמירט מיט זאלבן. ער האָט געטראָגן א דופּטיקן מאנטל איבער דעם האָריקן לייבראָק, וואָס האָט אים צוגעדעקט ביז אראָפּ צו די סאנדאלן. אין זיין גארטל האָט געשטעקט א קורצע שווערד.

הינטער אים איז נאָכגעקומען תקועי בן עמיאל, א מאָגערער מאן אין א

געלן אויבערמאנטל. דער געוויקלטער קאַפּטוך, די העלע צעקנאָדערטע באָרד און די גראָבע קופּערנע קייט מיט דער קמיע אויפן האלדז האָבן דערציילט, אַז ער איז אַ סוחר פון געוואַנטן און צירונג, וואָס פירט האנדל מיט ווייטע לענדער. דער דריטער אין רייטוואָגן איז געווען דער קורצער חנינא, וואָס האָט צוזאמען מיט אבניה׳ן אָנגעזאָגט איתמר׳ן וועגן די ווידערשפּעניקע אין אַחאָב׳ס הויף. ער איז אַצינד געווען איינגעהילט אין אַ גרויען דעקטוך און אַ שוואַרצער קאַפּטער איז געווען אַראָפּגעלאָזט איבערן האלבן פּנים. די דריי מענער האָבן שווייגנדיק זיך אַרומגעקוקט, איידער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער טיר. תקועי איז צוריקגעגאנגען צום רייטוואָגן און אַראָפּגענומען אַ קעסטעלע פון צעדערהאָלץ. ווען ער איז שוין געשטאַנען ביים בעל־אַפּבילד, האָט איתמר אויף איין רגע אויפגעהויבן די אויגן אויף הינטערווײַלעכץ און אָפּגעמאָסטן דעם אָפּגעלאָפענעם וועג פון תירצה ביז אַהער, און דערנאָך האָט ער געקוקט פאָרויס, צו די פעסטונגען פון שומרון.

די ליכט פון דער באַרג־שטאָט האָבן ווי זילבערנע שנורן געפינקלט פון דער ווייטנס. אויף די שפּיצן פון זײַלן און טורעמס האָבן געגליט פייערן. די פאַקלען אין די גאַסן פון שומרון זענען געווען העלער ווי דער שיין פון די גרויסע שטערן. דער ווייטער אָפּהילך פון דעם געפּילדער ביי די לוסטיקע באַוואוינער האָט זיך געטראָגן איבער די היגלען און טאָלן, ביז צו דער פּלישתים־שטאָט גבתון.

אויף דער שוועל איז אַרויסגעקומען תרשי בן יקטן, דער בעל־הבית, נידעריק און קרעפּטיק אין די אָרעמס, מיט אַ פּירעקיקער, שמעקעדיקער באָרד; ער האָט געהאַט לוסטיקע אויגן און לאַכנדיקע ליפּן. דערזעענדיק די דריי געסט, האָט ער זיך פאַרנייגט ביז צום בויך־גאַרטל וואָס איבער זיין לייבראָק.

— פרידן צו מיינע ברידער פון תירצה, —האָט ער געזאָגט,— איך האָב געוואַרט אויף אייך פאַר שקיעה און אַצינד ברענען שוין די שטערן. איך ווייס, אַז נישט קיין געוויטער האָט אייך פאַרהאַלטן, ווייל די מלקוש־רעגנס האָבן שוין אָפּגעוואַשן אַלע וועגן און די טבת־ווינטן בלאָזן נישט אין ניסן.

— די וועכטער פון קעניג היטן די טעמפּלען און די שטיינערנע קעלבער אויף די באַרג־וועגן, —האָט איתמר בן צוער געזאָגט,— און איך האָב געטריבן דעם רייטוואָגן דורך די נידעריקע וועגן הינטער בעל־שלשה און עפרה. אָבער איידער דו רופסט מיך אַריין אין הויז, תרשי, פאַרוואָס צעברעכסטו נישט פריער דעם געץ ביי דיין טיר? פאַרוואָס פאַרשוועכסטו דיין הויז מיט אַן אָפּבילד פון ליים און שטיין, וואָס האָט נישט דעם אָטעם פון דעם לעבעדיקן גאָט?

— צי זענען די ברידער מיינע פון תירצה געקומען מיט רייד פון שטראָף אויף מיין שוועל? —האָט תרשי געפרעגט.— אויך מיין האַרץ איז ביטער פאַר

דעם געלעסטערטן כבוד פון ישראל. יעדער געץ פון שטיין מאַכט אומווירדיק דאָס אָרט, וואָס אויף אים שטייט ער. אָבער, צי וואָלטן דען די שליחים פון איזבל מיך געלאָזט וואוינען ביים שיידוועג הינטער שומרון, אויב נישט פאַרבלענדט וואָלט איך זיי מיט דעם בעל? מיין בר־דער יהואָש, דעם בוימייסטער, האָבן דעם קעניגס קנעכט דערהרגעט, ווייל ער האָט פאַרקריפּלט דעם קאָפּ פון עשתורת אין איזבלס טעמפּל. אָבער איך וועל לעבן גענוג לאַנג אויף צו זען ווי אליהו, דער מאַן פון גלעד, וועט אומברענגען די בעל־דינער. טרעט אריבער, געסט מיינע! מיין ווייב וועט וואַשן אייערע הענט אין איר וועט טרינקען פון מיין וויין און פאַרזוכן פון מיינע טייטלען.

און תרשי האָט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף דעם קורצגעוויקסיקן חנינא און געזאָגט:

— דו, חנינא, האָסט נעכטן ארויסגעפירט א לייב פון גרוב און היינט גייסטו נאָך ווי א גוטער מלאך די פאַרכטיקע און גערעכטע. אָבער איר, תקועי און איתמר, וועט אצינד צוזאַמען גיין איבער די שטעט פון ישראל און וועקן דעם צאָרן פון פאָלק. אינאיינעם וועט איר גיין, ווייל איר קאָנט זיך נישט אָפּשיידן, ווי עס קאָן נישט אָפּגעשיידט ווערן דער פלאַם פון דער קויל.

איתמר האָט שטיל געלאַכט:

— זאָג אונדז, תרשי, ווער איז דער פלאַם און ווער איז די קויל?

— תקועי איז די קויל, וואָס וועט אַנגליען דאָס באַהאַלטענע פייער, און דו, איתמר בן צוער, ביזט דער פלאַם, וואָס וועט אָנצינדן דאָס הויז פון אַחאָב און פאַרברענען די מזבחות און די זיילשטיינער.

אינעווייניק אין הויז איז אנטקעגנגעגאַנגען תרשי׳ס ווייב פנינה, מיט א קרוג וואַסער, א קופּערנעם בעקן און א ליינטוך. זי איז געגאַנגען באָרוועס און אירע ווייסע אָקסלען זענען געווען געהילט אין דינע שלייערן. זי האָט געהאַט אָרעמבענדער אויף די ברוינע הענט. די שוואַרצע גליענדיקע האָר זענען געווען פאַרוויקלט ארום נאַקן און אירע ברענענדיקע אויגן האָבן שעמעוודיק פאַרבעטן די געסט, זיי זאָלן זיך זעצן אויף די אויסגעשפּרייטע פעלן פון פוקסן.

— ברענג די פייערפּאַן, פנינה, און די שעפּסן־פיס אין דעם געגאָסענעם בוימאייל און גרייט־צו א מאָלצייט, ווי אין ראש־חודש! —האָט תרשי באַפוילן זיין ווייב, נאָך דעם ווי די געסט האָבן געוואַשן די הענט.

— די בעסטע בשמים פון מצרים, א מתנה פאַר דיין ווייב פנינה! —האָט תקועי אויסגערופן און דערלאַנגט דאָס קעסטל פון צעדערהאָלץ צו תרשי׳ן.—אָבער נישט קיין מאָלצייט אין אויסטויש פאַר מיין געשאַנק, וויל איך. גרייט נישט די פייערפּאַן און בראָט נישט קיין פליישן, פנינה! אזוי ווי דו שפּאָרסט דיינע שמייכלען און דיינע טרערן פאַר דיין מאַן, אזוי וועסטו אויך באַהאַלטן

די שפּייז פאַר אים. דערלאַנג בלויז טייטלען און ווייַן אונטערצולעגען דאָס האַרץ. און דו, תרשי, ברענג דעם פּאַרמעט, אַז מיר זאָלן נאָכקוקן די באַהאַל־טענע עפענונגען פון אַחאָב׳ס קאַמערן. איך וועל תפילה טון צום האַר פון דער וועלט, אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן ברעכן די הינטערטירן, וואָרים ער וועט פאַר אונדז עפענען דאָס ערשטע טויער. אין מיין גאַרטל טראָג איך אַ פאַלשע מגילה פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה צו אַחאָב, דעם מלך פון ישראל.

און תקועי האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף די לענדן און געזאָגט מיט שפּאָט:

— אין מיין גאַרטל אַ פאַלשע מגילה און אויף אונדזערע צינגער רייד פון פּאַרכט.

ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די פוקסן־פעלן, און תרשי האָט אַרויסגעטראָגן דאָס קעסטל פון צעדערהאָלץ, האָט פנינה אַריינגעברענגט אַ פולן ווייַנבעקן מיט בעכערס און אַ קאָרב מיט טייטלען. תרשי האָט אונטער־געלייגט פאַר איתמרן אַ פּאָר קישנס, איבערגעדעקט מיט ציכן, וואָס עס האָבן אויסגענייט די קופּערהויטיקע באַוואוינער פון אשקלון. תקועי און חנינא האָבן פאַרלייגט די פיס אונטער זיך. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט בלויע טעלערס און געוועבטע טיכער פון מצרים. אין די ווינקלען זענען גע־שטאַנען ברוינע קרוגן מיט הויכע העלדזער און קעגנאיבער, אין דער הויך, האָבן זיך נאָך גערעדלט די לעצטע דינע קרייזלעך פון דער אויסגעלאָשענער וויירויך־פאַן. דער ברענענדיקער פאַקל איבער דער טיר, וואָס האָט געשיקט פייער און רויך צום באַלקן, האָט שוואַך באַלויכטן די פנימער פון די פיר מענער.

איידער תרשי האָט אַרויסגענומען פון זיין מאַנטל־פאַלד דעם פּאַרמעט, וואָס אבניה האָט צוגעשיקט פון שומרון, האָט ער אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף תקועי׳ס גליענדיקן פנים. אין זכרון איז אויפגעגאַנגען דער ווייטער טאָג, ווען דער רייכער סוחר פון געוואַנטן האָט געעפנט דעם בייטל פאַר די ווידערשפּעניקע אין שומרון און געפירט אויף זיינע קעמלען שווערדן און שפּיזן צו דער אונטערשטער שטאָט, פאַר דעם טאָג פון אָפּרעכענונג. זינט דעמאָלט איז תקועי׳ס לעבן פול מיט דעם אייפער פון די רעכטפאַרטיקע, אַזוי ווי וואָלקנס פון געוויטער זענען פול מיט דונערן און בליצן.

תקועי איז געווען רייך. ער האָט געפירט האַנדל מיט מצרים, מואָב און צור, אָבער ער איז געווען פון נידעריקן אָפּשטאַם. דעריבער האָבן די הענדלער אין ישראל אים נישט גערופן אויף זיין פאָטערס נאָמען. ער איז געקומען פון פּראָסטן פאָלק אין דער שטאָט תקוע, וואָס דער מלך רחבעם האָט באַפעסטיקט אין יהודה. מיט די חכמים און הינטערלוסטיקע פרויען פון תקוע האָבן זיך נאָך גערעכנט די האַרן אין מלכות בית דוד. דער מלך אליין האָט אויסגעקליבן

צווישן זיי ראַטגעבערס און פּאַרזאָגערס. און אין בן־ישי׳ס טעג איז דער גורל פון מלחמה און שלום געווען אין די הענט פון די ראַטגעבערס אין תקוע.

תקועי, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען דן, איז געווען דער ערשטער זון ביים פּאָטער עמיאל, א מאן אָן יחוס, אָבער א באַרעמלאָזער לאַנד־באַזיצער, וואָס האָט פאַרדונגען ערד צום פּראָסטן פאָלק. ווען זיין בכור איז אויסגע־וואַקסן, האָט עמיאל אים געמאַכט פאַר דעם איפּזעער ביים איינמאָנען תרומות און צינזן פון זיינע פעלדער. אָבער דן האָט צוגעזען ווי זיין פּאָטער באַרויבט אַלמנות און יתומים, איז ער אַנטלאָפן פון הויז און געוואַנדערט איבער די שטעט פון יהודה. ער איז אָנגעקומען אין דער פּלישתים־שטאָט אשקלון און זיך פאַר־דונגען צו א קופּערשמיד. צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געוואָלט אָנגעבן זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין פּאָטער, האָט מען אים גערופן תקועי, אויפן נאָמען פון דער שטאָט פון וואַנען ער שטאַמט. זיינע אָרעמס זענען געווען שטאַרק און ער איז געוואָרן א פלייסיקער שמיד. אָבער איינמאָל איז א באַ־וואוינער פון תקוע אַראָפּגעקומען אין אשקלון און ער האָט אים דערקענט און אָפּגעשפּאָט פון דעם רייכן זון, וואָס באַדינט די פּלישתים. תקועי איז אוועק קיין עזה. דאָרט האָט ער גערעדט צאָרנדיקע רייד און זיך ארומגעדרייט ביים ים־באַך, וואו די שיפן זענען אָפּגעשוואומען ביז מצרים און קפריסין. ער איז געווען הונגעריק און אָפּגעריסן, ביז די סוחרים פון געוואַנטן האָבן אים מיט־גענומען ווי א באַדינער אויף דעם ים.

ער האָט זיך אויסגעלערנט ארבעטן מיט די רודערס, אָנציען די מאַסטן און אָנלאָדן די סחורות. און ווי די סוחרים האָבן געזען, אַז זיין פייערדיקע צונג איז גוט פאַר דער שפּראַך פון האנדל, האָבן זיי אים געשיקט פאַרקויפן פּורפּור און וואָל אויף די מערק פון מצרים. פיר יאָר האָט תקועי געוואַנדערט איבער די ים־שטעט און רייך געמאַכט די בייטלען פון פרעמדע הענדלערס. אויפן פינפטן יאָר האָט ער איינגעקויפט אייגענע קעמלען און געפירט זיינע געוואַנטן איבערן מדבר קיין מצרים, מואב און צור. ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד פון אפרים. פון אַלע שיינע שטעט איז אים טייער געוואָרן תירצה, אָבער שפּעטער איז ער אוועק קיין שומרון און ער האָט דאָרט גענומען פאַר א ווייב עזובה׳ן, די טאָכטער פון דעם רעכטפאַרטיקן מאן אלדד. פון זיין האנדל איז ער געשווינד רייך געוואָרן און ער האָט דערנאָך געפירט אויף זיינע קעמלען דאָס גאָלד און דאָס פּערלמוטער און די סאַפּירשטיינער, וואָס די מייסטערס האָבן איינגעפאַסט אין די ווענט פון די רייכע הייזער אין שומרון. די באַרג־שטאָט איז אים אַזוי ליב געווען, אַז ער האָט געבענטשט יעדן נייעם מויער דאָרט. אַזוי זענען פאַרביי צען יאָר. ווען איזבלס בייזע מאַכט האָט דער־צאָרנט די פּאָרכטיקע אין ישראל, און דער פרעדיקער אין מדבר האָט געוואָרנט,

אז די פרעמדע מלכה וועט אומברענגען שומרון, איז תקועי, וואָס האָט געדענקט די אומרעכטן פון זיין פאָטער, אנטלאָפן פון דער פעסטונג־שטאָט און ווידער זיך באַזעצט אין תירצה. ער איז ארומגעגאנגען איבער די מערק פון די נידע־ריקע שטעט און געהעצט קעגן דער מלוכה פון שלעכטס. ער האָט געהאַסט שומרון און געשוואוירן מער נישט אומצוקערן זיך אהין. זיין הארץ איז געוואָרן פרום און זיין צונג א פייערדיקע בייטש. די באוואוינער האָבן נישט געגלייבט, אז דער רייכער הענדלער איז אריבער אויף דער זייט פון די בארויבטע.

אָבער דער אייפערדיקער תקועי האָט געעפנט דעם בייטל פאר די, וואָס האָבן געגרייט א בונט אין קעניגס הויז. ער האָט גערופן נאָך רייכע הענדלער צו שטרייטן דעם שטרייט פון די גערעכטע. ער האָט אויסגעבאָרגט צו די ווי־דערשפעניקע זיינע קעמלען, לאַסט־חיות און שיק־יונגען און געבעטן צו גאָט פון ישראל, אז ווען דער טאָג פון אָפּרעכענונג וועט קומען, זאָל ער מיט די איי־גענע הענט צעברעכן די זיילן פון אחאָב׳ס הויז.

דער ווייַן אין די בעכערס איז שוין געווען אויסגעזופּט און דער זאַפט פון די טייטלען אויסגענאָגט, ווען תרשי מיט די בייזיצערס ארום האָבן זיך אריבער־געבויגן איבער דעם אויפגעוויקלטן פּאַרמעט. דער שמאָלער פּאַרמעט איז גע־ווען באדעקט מיט רויטע און שווארצע צירקלען, פּאַסיקלעך, האלבע בויגנס און פיילן. איבער די פאַרשפּיצטע פיילן זענען געשטאַנען אותיות, ווי שטייפע וועכטער איבער טורעמס. איתמר׳ס אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די צייכנס. תקועי און חנינא האָבן געהאָרכזאם געקוקט אויף די ליפּן פון תרשי׳ן. ער האָט מיט א ביינערנעם הענטל געפירט איבער דעם פּאַרמעט און גערעדט:

— דאָס זענען די קאַמערן פון דעם פּאַלאַץ, וואו דער מלך גייט אריין רוען און תפילה־טון ביים סוף פון טאָג. די צירקלען זענען די טירן און די בויגנס זענען די טרעפּ. די פּאַסעקלעך זענען די פאָדערהייזער און די פיילן — די וועכטער. די טירן פירן, ווי ברענענדיקע פאַקלען צו די פאַרבאָרגענע קאַמערן, און די טרעפּ לייגן זיך אוים ווי ווייכע טעפּיכער פאר די ערלעכע. קיין איינ־ציקע פייל וועט נישט פאַלן און קיין איינציקע שפּיז וועט נישט אויפגעהויבן ווערן ביי די הינטערשטע טירן, אויב דאָס טויער פון פּאַלאַץ וועט בלייבן פאַר־שפּאַרט. עובדיהו, דער הויף־שרהה און זיינע וועכטער זענען מיט אונדז.

— איך זע א לאַנגע פייל מיט א בלויען גריפל, וואָס פירט צו א פאַרבאָר־גענער טיר, — האָט איתמר געזאָגט, — אויב א פאָדערהויז איז דאָרט, וואוהין פירט דאָס?

— דאָס דאָזיקע פאָדערהויז שטייט אויף הויכע זיילן און עס פירט דורכן אונטערשטן שטאָק צו די וואַשקאַמערן פון די הויפדינער. איבער דעם דאַך פון פאָדערהויז איז דער זאַל, וואו די הארן און די ראַטגעבער טרעפן זיך מיט

דעם מלך, און פון דאָרט פירן ווייסע טרעפ אראָפּ צום גאָרטן מיטן קוואַל, וואו איזבל, די מלכה, באָדט זיך אין פרימאָרגן.

— וואו געפינט מען דעם מלך אליין נאָך זונאונטערגאַנג? —האָט תקועי געפרעגט.

— דער מלך אחאב זיצט נאָך זונאונטערגאַנג איינער אליין אין דעם קאַמער מיט די קופערנע ווענט. דער מלך פון ישראל איז איינזאַם. ביים סוף פון טאָג נעמט ער ארויס פון די קרבֿ די מגילות פון פּאַרמעט, וואָס אויף זיי זענען באַשריבן די שלאַכטן פון זיין פאָטער עמרי, מיט תבני בן גינת און מיט זמרי אין די טעג פון זיין גבורה'שאַפט. דער מלך לייענט אין דער שריפט און ער וויינט.

חנינא האָט אראָפּגענומען דעם קאַפּטער פון זיין קאָפּ און אויסגערופן:

— וואָס ווילן מיר פון דעם מלך איידער מיר האָבן דעם קאָפּ פון איזבל?

— מיר ווילן נישט דעם קאָפּ פון איזבל, ווייל דער קעניג אליין וועט עפענען פאַר אונדז די טירן, —האָט איתמר שטרענג געזאָגט.— ווי שליחים פון פרידן, קומען מיר צו אים און מיר ברענגען אים די מגילה פון בונד און האנדל צווישן יהודה און ישראל! און גאָט פון ישראל וועט אונדז מוחל זיין די פעלשונג, ווייל מיר באַגייען דעם באַטרוג צו באַשיצן די מלוכה פון אפרים.

תרשי האָט פאַרשטעקט דעם צונויפגעוויקלטן פּאַרמעט אין זיין מאַנטלפאַלד און געזאָגט:

— איתמר בן צוער, היינט ביזטו ווידער געוואָרן דער ערשטער שלאַכטמאַן אין שומרון! און אצינד, איידער דו גייסט ארויף אין דער פעסטונגשטאָט, לייען־ארויס פון דיין מגילה דאָס וואָרט פון דעם מלך פון ירושלים צום מלך פון שומרון. לייען די רייד פון וואָרענונג, וואָס אונטער זיי וועט אחאב זיך שמעלצן ווי וואַקס אונטערן פייער.

איתמר האָט ארויסגענומען פון א זילבערנעם שייד ביי זיין גאַרטל די מגילה. דער גראָבער, ברוינער פּאַרמעט האָט געשאָרכט אונטער זיינע פינגער. די אויגן פון תרשי'ן און תקועי'ן האָבן אויפגעלויכטן און אויף די ליפּן פון חנינא'ן איז געווען א לוסט צו פלוכן און צו בענטשן, ווען איתמר האָט הילכיק געלייענט:

— „דאָס איז דאָס וואָרט פון שלום פון יהושפט, דער מלך פון יהודה, צו אחאב, דעם מלך פון ישראל! אחאב מיין ברודער, איך שיק דיר די מגילה פון פרידן דורך איתמר בן צוער, א קריגסמאַן אונטער דיין פאָטער עמרי, ווי א צייכן, אז איך וועל באַנייען דעם בונד פון האנדל און איך וועל שיקן אין דיינע שטעט מער רינדער פון מיינע פליינען, מער וואָל פון מיינע שערהייזער און מער תבואות פון מיינע פעלדער. און איך וועל צוריקנעמען אין אויסטויש

דיינע בשמים און געוואנטן און איילן. אָבער, ווי עס לעבט יהוה, דער גאָט וואָס רעגירט איבער הימל און ערד, אז איך פארלאנג אז דו זאָלסט אויסראַמען פון דיין לאנד די מזבחות און די בימות, און דו זאָלסט צעברעכן די שטיינערנע געצן, ווייל ער, וואָס רוט אויפן בארג ציון, וואַכט איבער ביידע הייזער פון ישראל. צוויי מלוכות זענען מיר, אָבער איין פאָלק. מיר האָבן צעטיילטע פעסטונגשטעט, אָבער איין הויז פון גאָט. און איך האָב מורא אז שומרון איז אָנגעברייט צו פאלן, ווארים פון די זינד פון אפרים הערן אלט און יונג אין מיין קרוינשטאָט. קער זיך אום צו גאָט־צבאות, מיין ברודער אחאָב, ווייל נאָר די פעלקער וואָס רודערן ביי די געמארקן, ווילן אונדז אָפּשיידן פון דעם האַר פון דער וועלט. אזוי שיקט זיין וואָרט פון שלום וואָס איז אויך דאָס וואָרט פון וואָרענונג, דיין ברודער יהושפט, דער מלך פון יהודה".

און איתמר האָט איינגעוויקלט דעם פארמעט אין דעם זילבערנעם שייד און אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף תרשי'ן און תקועי'ן.

— די געפעלשטע מגילה, —האָט ער געזאָגט,— איז דער שליסל צו די קאמערן, וואו עס זיצן די הערשער. מיין הארץ איז פריילעך, ווייל איבער ווייכע טעפּיכער וועל איך אהין אריינקומען.

ווען ער האָט געקוקט אויף חנינא'ן, איז זיין בליק געוואָרן שטרענגער און זיין קול העכער:

— צו וואָס פילדערט מען שוין היינט אין שכם, און פארוואָס ליארעמט מען אין פנואל? ווען עס וועט קומען דער צייכן פון דעם מאן פון גלעד אויפן בארג, וועלן ליפּן וואָס זענען פארמשפּט געוואָרן צו שווייגן, אָנהייבן ריידן; אויערן, וואָס זענען געווען פארווערט צו הארכן, וועלן פארנעמען די שאַלונג פון שופרות, ווייל מויערן וועלן אין יענעם טאָג איינפאלן. אז אחאָב'ס הויז וועט פאלן, וועלן יהודה און ישראל ווידער זיין אינאיינעם, און די פלישתים און די ארמים וועלן ליגן ביי די פיס פון דער שטארקער מלוכה. אָבער ביז יענעם טאָג מאכט שטום די, וואָס העצן די באוואוינער אין די גאסן און שטילט־איין די, וואָס פלוכן הארן אין קעניגס הויף. צי זענען די יונגע נביאים געשיקט פון דעם תשבי, אָדער זענען זיי וועג־רויבער פון מדבר? און דער איינער צווישן די פּרעדיקער, וואָס הייסט ברכיהו, וואָס ווייסטו וועגן אים, חנינא? איז ער א פּאָרכטיקער מאן, אָדער א מכשף?

דערהערנדיק די רייד, האָט חנינא אָפּגעווישט פון זיינע ליפּן די תאווה צו פלוכן און עס איז געבליבן די לוסט צו בענטשן.

— איך קען ברכיהו דעם וואנדערער, —האָט ער געזאָגט,— ער איז דער זון פון דעם רייכן אבינועם. ער איז א שטארקער מאן. מיט די הוילע הענט קאָן ער אויפהייבן צוויי הירשן און צעשמעטערן זייערע קעפּ מיט די הערנער איינס

אָן אנדערן. ער שרעקט זיך נישט פאַר הונגער און דאַרשט, און די פייערדיקע זון אין מדבר קאָן אים נישט אָפּשוואַכן. ער זיצט ביי די טעמפּלען און פּרע־דיקט האַס צום קעניגס הויזגעזינט. איזבל האַלט אים פאַר א מכשף, אָבער ער רעדט אין נאָמען פון גאָט־צבאות. זיין צונג ברענט מיט פייער און ער גלויבט, אַז אליהו, דער געטלעכער מאַן, קאָן שפּאַלטן די ערד און אריינטרייבן די פאַר־דאַרבענע אין אָפּגרונט.

— אזא פּרעדיקער ווי ברכיהו ברענגט א קללה אויף אונדזערע קעפּ! — האָט תקועי געזאָגט.

— זיינע ביטערע רייד זענען קיין סוד נישט, —האָט חנינא ווייטער גע־רעדט מיט אַ היציקן אָטעם,— ער האָט געזאָגט צו די באַוואוינער אין שטאָט, אַז דער טאָג פון בונט איז שוין געקומען אין בית אל. דער מלך האָט געהערט פון אים, און עובדיהו, דער שרה אין פּאַלאַץ, האָט אים איינמאָל אויסבאהאַלטן אין א טורעם פאַר איזבל'ס צאָרן. די פאַלשע כהנים שרעקן זיך פאַר אים, און איין טאָג האָבן זיי אונטערגעשיקט די לוסטפרוי תורתונא, אַז זי זאָל אים פארנארן אין טעמפּל.

— ווער איז תורתונא? —האָט איתמר געפרעגט.

— די ערשטע טענצערין ביי איזבל, א טאָכטער פון אשור, וואָס מאַכט פרייליך די כהנים און לערנט די קדשות טאנצן פארן מזבח.

— ווי אזוי קאָן א לוסטפרוי פארנארן א פאָרכטיקן פּרעדיקער?

— תורתונא האָט אים אָפּגעזוכט אויסערן שטאָט און איז אים נאָכגעגאַנ־גען ביז צו זיין קאַמער אין מדבר. די דאָזיקע זינדיקע פרוי איז שענער פון די שטיינערנע אָפּבילדער פון פרויען אין מצרים. זי איז אויסגעלאָסענער פון די שפּילווייבער אין צידון. אין שומרון דערציילט מען, אַז זי האָט אים אָנגעטרונ־קען מיט א בעקן וויין, ביז זי האָט אין אים אויפגעוועקט די גלוסטעניש פון א בופלאָקס. אָבער ווען קען נישט דעם שטאַרקן מאַן פון שומרון? ברכיהו איז נישט געבליבן איר געפאַנגענער. אזוי ווי שמשון, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין דער רגע פון באַטרוג און צעריסן אירע נעצן ווי שפּינוועבס, און ער האָט איר ארויסגעטריבן מיט חרפּה פון זיין קאַמער.

— ברענג מיר ברכיהו'ן! —האָט איתמר א געשריי געטון.— איך וועל אים טרעפן ביים ערשטן טויער אין שומרון און אים הייסן לעשן דאָס פייער אויף זיין צונג. און אַלע היציקע שטראָפערס וועלן מוזן קילן זייער צאָרן. א האָר וועט נישט פאַלן פון דעם קאָפּ פון מלך אין טאָג ווען ער וועט ווערן אונטער־טעניק צו גאָט.

— ווי קאָן אחאב ווערן אונטערטעניק צו גאָט, אַז איזבל איז ביי זיין רעכטער זייט? —האָט תרשי געזאָגט.— א נייעם בעל שמים גייט זי אויפ־

שטעלן אין טויער פון איר גאָרטן. האָסטו דען נישט געהערט, אז די מלכה האָט באַשטעלט ביי די לײמקנעטערס פון צידון אַ גרויסן געץ פון מירמלשטיין פאר די שטערנזעער און גייסטבאַשווערער. וואָלט מיין ברודער דער בוימייס־טער געלעבט, וואָלט ער דעם קאָפּ פון דעם נייעם געץ ווידער פארקריפּלט. אָבער דער אָפּגאָט וועט צעשמעטערט ווערן נאָך איידער די קנעכט וועלן אים אויפהייבן אויף דעם גזימס. עס וואַרטן שוין די געטרייע מיט די העק.

אין איתמר'ס אויגן, וואָס האָבן אצינד געהאַט דעם קאָליר פון קופּער, האָט אויפגעפלאַמט דער צאָרן פון אַ פעלדהאַר וואָס פארלאַנגט די געהאָרכזאַמ־קייט פון זיינע קריגער.

— מיט זייערע אייגענע הענט גראָבן די ווידערשפּעניקע פאר זיך קברים, —האָט ער מיט ביטערקייט געערדט.— קיין געץ וועט נישט צעבראָכן ווערן און קיין זײלשטיין וועט נישט איינפאלן, איידער איך וועל אריינקומען אין קע־ניגס הויז. צי מעגן מיר אליין פארשפּאַרן די טירן צו אחאָב'ס קאַמערן? איז דען שוין געהערט געוואָרן פון אַ גאַסט וואָס האַלט אַ שפּיז איבערן קאָפּ פון זיין גאַסטגעבער? פון דעם היינטיקן טאָג באַפעל איך: קיין האַק טאָר זיך נישט אויפהייבן אויף שטיין און ליים, וואָס איז טייער אין אחאָב'ס הויז. האָסטו אליין, תרשי, נישט אוועקגעשטעלט אַ בעל ביי דיין הויז, אָפּצונאַרן דעם קעניגס וועכטער? דאָס וואָרט פון באַפעל דעד איך אצינד: קיינער וועט נישט ברעכן אין שומרון, פון אַ קאַלב ביז אַ זונזייל, סיידן לויט מיין וואָרט!

תרשי, אַ צעטומלטער, האָט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף איתמר'ס אַקסלען צו שטילן זיין צאָרן.

— צו־שפּעט ביזטו געקומען אָפּשטעלן די האַנט פון די מורדים, —האָט ער געזאָגט.— זיי וועלן צעברעכן, פון אַ שוועל ביז אַ טורעם־שפּיץ און זיי וועלן איינוואַרפן אַלע אומווירדיקייטן ביי די שפּילהייזער און שטאָטבעדער אין יענער נאַכט, ווען דו וועסט לייענען פאר אחאָב'ן די מגילה פון שלום. דער שטויב פון בעל איז נאָר אַן אָנהייב, ווייל די געטרייע האָבן געזאָגט: די צע־האַקטע געצן וועלן ארויסרופן אַ צעמישעניש אין פּאַלאַץ. אַ קנעכט וועט אָפּ־נאַרן אַ האַר; אַ שלאַכטמאַן וועט משפּטן אַ ריכטער; אַ פּריסטער וועט לעסטערן דעם געצנבוים, און אַ סריס וועט שענדן אַ יונגפרוי. די מהומה וועט זיין אזוי גרויס, אַז דער מלך אליין וועט פּעכטן מיט זיינע הויפלייט, אָבער ער וועט אין געפאַנגענשאַפט אריינפאלן אין זיין אייגענעם קאַמער.

תקועי האָט אריינגעלאָזט זיינע פינגער אין דער העלער באָרד און געוואויגן און געמאָסטן די רייד פון תרשי'ן. חנינא האָט הינטערלוסטיק געקוקט אויף איתמר'ן, און אויסשטרעקנדיק די הענט, צו אים געזאָגט:

— אָבער אין דער פעסטונגשטאָט וועט נישט אויסברעכן קיין מלחמה,

סיידן לויט דיין וואָרט, איתמר. אויב גערופן האָט מען דיך פון תירצה צו פירן די מענער פון בונט, וועלן דיינע באַפעלן זיין ווי געבאָטן. דאָס פאָלק אין שומרון געדענקט דיינע גבורות אונטער עמרי'ן. אָבער וויסן זאָלסטו, איתמר בן צוער, אז צווייערליי כלי־זין האָבן די געטרייע גרייט צום געפעכט: די שפּיז פון מלחמה און די מגילה פון שלום. אויב דערקענען וועט דער מלך דעם געפעלשטן פאַרמעט, וועלן די ווידערשפּעניקע טון אזוי ווי די מורדים פון יהודה. צי האָבן זיי דען אונטער דעם מלך אָסאָ אין ירושלים נישט צעשמעטערט די פרעמדע מזבחות און בימות, די זיילשטיינער און געצנביימער, די גאָלדענע קעלבער און זונזיילן? ווי אן אייפערדיקע מחנה האָבן זיך די קנאים געלאָזט איבער די מויערן פון שטאָט און אויסגערייניקט אלע אומווירדיקייטן — אזוי קאָן געשען אין שומרון.

ביי די רייד האָט תקועי האסטיק זיך אויפגעהויבן פון זיין פוקסנפעל און מיט א שטרענגן קול געזאָגט:

— קיין בלוט וועט איר נישט פארגיסן און קיין וויין וועט איר נישט טרינקען אָן דעם ווילן פון אייער הויפּטמאַן. און דו, תרשי, קאָנסט נישט וואַשן מיט בלוט די נקמה פאר דיין אומגעבראַכטן ברודער, וואָס שרייט פון דער ערד. די מגילה פון קעניג יהושפט ליגט אין איתמר'ס שייד, און אחאָב וואַרט אין פּאַלאַץ אין שומרון. לאָמיר נישט פאַרזאַמען די נאַכט. קומט, מיר וועלן ארויפגיין אין דער בארגשטאָט איידער די לבנה וועט זיך אויסלעשן.

אויף זיין צייכן האָבן זיך אלע אויפגעשטעלט. איתמר האָט זיך איינגע־הילט אין זיין דופּטיקן מאַנטל. חנינא האָט פאַרוואָרפן דאָס דעקטוך אין ווי־דער אַראָפּגעלאָזן דעם קאַפּטער איבערן האַלבן פּנים. תקועי האָט פאַרוויקלט זיין געלן קאַפּטוך, באַטראַכט די קייט מיט דער קמיע און געזאָגט:

— אויפן בארג שומרון האַלט די מאַכט איזבל, אָבער אין דער אונטער־שטעטער שטאָט וועט הערשן איתמר.

מיט א ברענענדיקן פאַקל אין האַנט איז תרשי פאַרויסגעגאַנגען און גע־עפנט די טיר. פון דער צווייטער קאַמער איז ארויסגעקומען זיין ווייב פנינה, און אויסגעטיילט צו די געסט די געברענטע זאַנגען און געפּרעסטע פייגן. ארויס־גייענדיק צום רייטוואָגן האָבן זיי אויסגעמיטן צו קוקן אויף דעם געץ, וואָס שטייט אויף אלע שיידוועגן, ווי א צייכן פון ישראל'ס בושה. די נאַכט איז געווען לויטער און דער בלויער הימל איז געווען פאַרזייט מיט שטערן. פון דער ווייטנס האָבן געציטערט די ליכט פון דער בארגשטאָט. די לופט איז געווען אָנגעטרונקען מיט וויין און עס זענען אויפגעגאַנגען די ריחות פון בלומען וואָס שטאַרבן אין דער נאַכט.

די לבנה האָט געגאָסן איר שיין איבער דעם באשאַן, אָבער נישט בארואיקט דאָס הארץ פון איתמר'ן, ווען ער איז מיט זיינע באַגלייטער אריין אין רייטוואָגן. די לבנה האָט קוואַלן ליכט, אָבער זי איז געפּרוירן ווי אייז, — האָט ער געטראַכט, און זיך דערמאָנט, ווי אילפאַ שמאי האָט אים איינמאָל דערציילט, אז פון אָנהייב האָט דער אלמעכטיקער באשאַפן ביידע הימל־לאָמפּן: דאָס גרויסע ליכט און דאָס קליינע ליכט, די זון און די לבנה. איז געקומען די לבנה צום באשעפער און זיך באַקלאָגט: האר פון דער וועלט, קאָנען דען צוויי מלכים נוצן איין קרוין? האָט דער האר פון דער וועלט געזאָגט: גיי און ווער פאַרמינערט. האָט די לבנה געפרעגט: האר פון דער וועלט, דערפאַר ווייל איך האָב געזאָגט א גערעכטע זאַך, זאָל איך פאַרמינערט ווערן? האָט דער באשעפער צו איר ווידער געזאָגט: גיי און דו וועסט הערשן בייטאָג און ביינאַכט. אָבער די לבנה האָט געפאָלגט דעם ערשטן גזר פון אלמעכטיקן, און זי איז פאַרמינערט געוואָרן צו לייכטן נאָר ביינאַכט. האָט דער האר פון דער וועלט באַפוילן: ווייל דו האָסט זיך אליין פאַרמינערט און דו ווילסט נישט מער ווי הערשן ביינאַכט, דעריבער זאָלן די שטערן מיט דיר ארויסגיין ווען דו לייכטסט אויף, און זאָלן מיט דיר צוריק אריינגיין, ווען דו לעשט זיך אויס.

תקועי האָט אונטערגעיאָגט די לויפּפערד, און דער רייטוואָגן האָט צוערשט זיך פאַרקערט צום בארג־אראָפּלאָז און דערנאָך זיך געהויבן צו די הויבקייטן איבער די פעלזיקע דורכהאַקן, וואָס האָבן געקלעטערט ארויף, צו דער פעסטונג־שטאָט. און איתמר האָט ווידער געטראַכט, אז די לבנה, וואָס איז אַמאָל שטייןגעבליבן אין טאָל פון אילון און געהאַלטן דאָס ליכט אויף דעם פיינט אנטקעגן די קריגסלייט פון ישראל, באַגלייט אצינד זיין וועג, ווען ער דערנענטערט זיך צו דער שטאָט פון מלך, וואָס ער האָט אים דינען נישט געוואָלט. און ווי הויך דער רייטוואָגן האָט זיך געהויבן, אזוי שטארק איז אין אים פּלוצים אויפגעגאַנגען א פּחד, אז בייז קאָן געשען צו דער שטאָט, וואָס איז די שיינע און באַפעסטיקטע. ער האָט אין הארצן תפילה געטון, אז נישט פאַרווירקלעכט זאָל ווערן די פאַרויסזאָגונג פון די שטראָפערס, אז שומרון זאָל ווערן א וואָלקן פון רויך בייטאָג און א שיין פון פלאַמפייער ביינאַכט.

דער שארפער ווינט האָט אָנגעטראָגן דופטן פון וויינסעדער און בלומענגערטנער, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט אין די אויסהוילן פון די בערג. פון די דערפער ביי די וועגן, האָט זיך אויפגעהויבן דער רויך פון פלאַקערדיקע פייערן, ווי מען וואָלט אויף די מערק געברענט הויפנס מיסט.

דער רייטוואָגן איז געפלויגן ווי פייל פון בויגן. פאַר איתמר'ס אויגן האָבן פאַרבייגעהיפּערט ברייטע שטרעקעס לאַנד, אויסגעוואַשן פון די מלקוש־רעגנס. פרידן איז געווען אין די שטעט און אויף די פעלדער. די שוערדן־

טרעגער האָבן אויסגעטאָן די וואָפנקליידער. די וויינשטאָקן האָבן געבליט, די רייפע פרוכטנביימער האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט. אָבער פון די הייפן און די טעמפלען איז אויפגעגאַנגען דער רויך פון די בראַנדאָפּפערס פאַר בעל, דער רויך פון גרימצאָרן וואָס האָט געדראָט צו פאַרצערן שומרון.

דער שלאַכטמאַן פון תירצה האָט פּלוצים א שטויס געטון חנינא׳ן און זיך צעלאַכט:

— וואָס וועלן זאָגן די וועכטער אין אַחאָב׳ס הויז, אז זיי וועלן זען ווי א קריגסמאַן מיט א געפּעלשטער מגילה קומט צום מלך פון ישראל?

ה

אין שומרון זענען איתמר און תקועי אריינגעפֿאָרן דורך דעם טויער פֿון די שופרות. די וועכטערס, דערזעענדיק דעם קריגסמאַן מיט דער מגילה צום מלך, האָבן אָראָפּגעלאָזט זייערע שפּיזן און פּאַנצערס און פֿרייגעמאַכט דעם וועג. איתמר האָט איבערגעגעבן דעם רייטוואָגן צו אַ קנעכט אין אַריינפֿאָר פֿון שטאָט. תקועי האָט געעפֿנט זיין בייטל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום גאַרטל און דערלאַנגט דעם קנעכט אַ זילבערשטיק. זייער באַגלייטער חנינא, האָט פֿון פֿריילעכקייט צוגעוואָרפֿן צו אַ פֿאַרבייגייענדיקן בעטלער אַ זעקל מיט איילבירטן, וואָס ער האָט איינגעקויפֿט ביי די קאָרבן־טרעגער און אַלע דריי זענען אַריין אין דער ערשטער גאַס, וואָס האָט זיך געטרעפֿלט צום טורעם פֿון דער לבנה.

די פֿייערן פֿון די רויכערנדיקע פֿאַקלען האָבן געלויכטן איבער די אַריינגענג פֿון שפּילהייזער און טרינקקאַמערן. פֿלייטן האָבן געשפּילט און סמירנעס אויף האַרפֿעס האָבן געציטערט. דאָס געפֿילדער פֿון די לוסטיקע איינוואוינער, וואָס האָבן באַגערט וויין און פֿאַרגעניגן, האָט זיך געטראָגן ביז צו די לאָטוסקוואַלן, וואָס האָבן געריזלט אַרום די זיילן פֿון דעם עשתורת־טעמפּל קיר חרס. די געשמידטע טויערן פֿון טעמפּל זענען געשטאַנען האַלב אָפֿן און ווייכע וואַלטעפּיכער זענען געלעגן אויף די ברייטע מירמלשטיין־טרעפּ. ניסנביימער און פּאַלמענביימער האָבן געוויגט זייערע קרוינען קעגנאיבער די גאָלדענע קאַרניזן און געשניצטע טורעמס.

צווישן בראָנזענע זיילן און בלויע וואַסער־שפּריצן איז געשטאַנען די אָפּגעטין עשתורת, אַ ריזיקער שטיינערנער דענקמאָל פֿון אַן אַנטבלויזטער פֿרוי מיט אַ סך בריסטן און מיט קי־הערנער אויפֿן קאָפּ. דערזעענדיק די אומווירדיקע געשטאַלט פֿון דעם געץ, האָט תקועי מיט עקל אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און גיכער אַריינגעשפּאַנט אין אַ גאַס, וואו ביי די מויערן זענען געזעסן אביונים און פֿאַרקויפֿט פֿייגן און ניס. ער האָט אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ רויטן אָנגע־

שפּאַלטענעם פעלז ביי א וואנט און אראָפּגעקוקט מיט פאראכטונג צו די פּראכט־פולע געביידעס.

— דאָס איז די שטאָט פון זינד, וואו דער מלך מיט זיינע איינוואוינער אָטעמען־איין די פארסמטע לופט! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס איז די קרוין פון דער מלוכה אפרים, וואָס אויף איר לויערן די הערשער פון פרעמדע לענדער. כ׳האָב אמאָל געוואוינט צווישן דיינע מויערן, דו, שטאָט פון פאר־דאָרבענע! מיינע קעמלען האָבן דאָ ארייננעפירט געוואנטן און צירונג פאר די הויפלייט און שררות. היינט האָב איך דיך פיינט פאר דיין לוסט און פאר דיין רייכטום! ביזט אן אומריינער מארק פון געצנדינער, שומרון! ביזט די פעסטונג פון פארדאָרבנקייט! הלוואי זאָל דער האר פון הימל און ערד דער־הערן מיין רוף און אראָפּשיקן מלאכים, אז זיי זאָלן מיט זייערע פליגלען ריי־ניקן די שלעכטע לופט און לויטער מאכן די פארסמטע וואסערן אין די טעג פון אונדזער שליחות.

נאָך די רייד איז תקועי אראָפּגעקראָכן פונעם פעלז און מיט א האנטפאָך געהייסן איתמר׳ן און חנינא׳ן, זיי זאָלן אים נאָכגיין. תקועי האָט אין שומרון געקענט יעדן שטיין. יאָרן איז ער אין דער בארגשטאָט נישט געווען, אָבער ער האָט געדענקט די טעג, ווען די בוימייסטערס האָבן דאָ אויסגעלייגט די מירמלשטיין־שוועלן פאר יעדן רייכן בנין. ער האָט געקענט די גאָרטנס און זייערע פלאנצערס, די ווייכסעדער און די טרויבן־פרעסערס אין די קעלטערס. עס זענען אים נישט פרעמד געווען די שוחד־נעמערס און די נואפים צווישן די שררות אין קעניגס הויף. פון יעדן הויז האָבן אצינד ארויסגעשריגן די עבירות פון די באוואוינער, וואָס האָבן זיך באהאלטן צווישן די שטיינערנע ווענט. שפּרייזנדיק פּאָרוים, האָט ער מיט גרימצאָרן געקלאַפּט מיט זיינע סאנדאלן איבער די געפלאַסטערטע שטיינער, ווי ער וואָלט זיך וועלן נוקם זיין אין דער ערד, וואָס טראָגט אויף זיך אזויפיל זינד און ווערט נישט איינגעזונקען.

און ווי נאָר תקועי איז אָפּגעגאנגען די ערשטע הונדערט טריט, האָבן א הייפל לוסטיקע יונגען אין רייכע, דופּטיקע מאנטלען, וואָס זענען געווען אויפן וועג צו א שפּילהויז, אים אָפּגעשטעלט. זיי האָבן פריער געהערט זיינע רייד פון פאראכטונג אויף שומרון און זענען דעריבער אים נאָכגעגאנגען. זיי האָבן מיט שפּאָט באטראכט זיין קאַפּטור און זיין צעקנאָדערטע באָרד און אויסגע־רופן:

— ווער איז דער ווילדער גאַסט, וואָס האָט זיך היינט באוויזן אין שומרון? צי שטייען דען נישט מער קיין וועכטער אין מויער פון שטאָט? דאָס איז אוודאי א בייזער נזיר, וואָס צאַפּט מיט הנאה דאָס בלוט פונעם אייגענעם לייב! ער וועט נאָך ברענגען א מבול אויף אונדזערע וויינגערטנער און א היישעריק

אויף אונדזערע פעלדער! מען מוז אים פארטרייבן פון שטאט! אבער פריער דארף מען פון זיין באָרד אויספלעכטן א בארשט, וואָס זאָל גלעטן דאָס שיינע לייב פון דער טענצערין תורתונא. קום, אומגליקלעכער וואנדערער, מיר וועלן דיך מיטשלעפן אין שפּילהויז, וועסטו פארגעסן צו פייניקן זיך און אנדערע!

זיי האָבן אים געצויגן מיט ביידע אָרעמס און מיט שפּאָט געגומען צופּן זיין באָרד. חנינא האָט געוואָלט זוכן הילף ביי די שטאָט־וועכטערס, אָבער איתמר איז גיך צוגעלאָפן שיצן דעם באפאלענעם. ער האָט א כאפּ געטון צוויי פון די לוסטיקע יונגען און געטרייסלט זייערע קעפּ מיט אזא קראפט, אז דאָס בלוט פון זייערע באקן איז אפּגערונען. די, וואָס האָבן זיך גערוקט הינטער־ווייַלעכץ, האָבן מיט שרעק און פארוואונדערונג געפרעגט:

— ווער איז דער שטארקער מאן, וואָס באשיצט דעם נזיר?

— איז ער א גיבור פון יהודה, אָדער אן אויסשפּירער פון ארם?

— פון וואנען קומען די אומפריינטלעכע מענער, וואָס אונדזער שטאָט געפעלט זיי נישט?

— וועכטער פון שומרון! פארוואָס באשיצט איר נישט די באוואוינער, וואָס ווערן באפאלן פון פרעמדע ארומשלעפּערס?

עס זענען אָנגעלאָפן דורכגייער, מענער און פרויען. פון א טרינק־קאמער זענען ארויסגעקומען די זויפערס און צוויי סארוועדס האָבן זיך דערנענטערט מיט ברענענדיקע פאקלען אין די הענט. א פּאָר נייגעריקע פרוכטן־הענדלער האָבן אראָפּגענומען פון זייערע אקסלען די קוישן און געווארט, אז א בלוטיק געשלעג זאָל אויסברעכן. פונעם געדרענג האָבן זיך ארויסגערוקט צוויי וועכ־טער מיט קורצע בערד און קורצע שפּיזן. זיי האָבן צוגעשטעלט זייערע טראָמ־פּייטן צו די ליפּן, גרייט צו פאריאָגן דעם המון און פירן די פרעמדע אין גע־ריכטהויז אריין. חנינא האָט א דערשראָקענער געזוכט אן אויסוועג פון דעם קלעם. אָבער איתמר איז אקעגנגעגאנגען די וועכטער מיט דער מגילה, וואָס איז געווען ארומגעבונדן מיט גאָלדענעם פּאָדעם און געהאט דעם רויטן זיגל.

— פון יהודה קומען מיר און אונדזער רייטוואָגן שטייט אין ארייַנפאָר פון שטאָט! —האָט ער געזאָגט.— דער פּארמעט איז אן עדות, אז מיר גייען אין שליחות צום פּאלאַץ!

ער האָט גערעדט שטרענג און זיין דופּטיקער מאנטל איז געווען אויסגעצ־נייט אויפן שטייגער פון די רייכע צידונים. דעריבער האָבן די וועכטער צע־טריבן דעם אָנלויף און פרייגעמאכט דעם וועג.

אַפּגייענדיק ווייטער, האָט תקועי אראָפּגענומען פון חנינא׳ן דעם קאפּטער און אים אָנגעטאָן אויף זיין אייגן פּנים. ער האָט פארשטעלט די אויגן פאר דעם שיין פון די פאקל־ליכטער, נישט ווייל ער האָט זיך געשראָקן, אז די לעס־

טערער וועלן ווידער אַפּשפּעטן פון זיין באַרד, נאָר כדי נישט צו זען די אומ־ווירדיקייטן, וואָס די שטיינקריצערס און בוימייסטערס האָבן אוועקגעשטעלט אויף אַלע גאַסן און שיידוועגן.

איתמר'ן האָט זיך גערעכט, אַז דער רויש פון לוסט און די געשרייען פון זינד קומען פון די רייכע קוואַרטאַלן אויף די באַרגשפּיצן, וואו עס וואוינען יענע, וועלכע בייגן זיך נישט פאַר די גזירות פון קעניג אַחאַב, ווייל זיי אַליין העלפן די גזירות אַרויסגעבן. זיי צאָלן נישט גענוג צינזן, ווייל זיי האָבן אָפּ־געקויפט מיט די הויפּלייט צו באַרויבן דאָס פאָלק. די קרוין־שטאָט פון אפרים איז פול מיט רויב און די פּלייטן און האַרפעס שלעפּן די באַרויבטע צו די שפּיל־הייזער.

דער שיין פון די פאַקלען האָט שוואַכער געלויכטן דאָרט, וואו ער מיט זיינע צוויי באַגלייטער זענען צוגעקומען צו א פאַרשפּיצטן ווייסן בנין ביים ראַנד פון א באַרג־אַראָפּלאָז. צופוסנס זענען געלעגן די נידעריקע גאַסן מיט טורעמדיקע הייזער, צונויפגעדריקטע, ווי א שטורעמווינט וואָלט זיי אַראָפּגע־שליידערט אין אָפּגרונט. איתמר האָט אויפגעכאַפּט ווייטע טענער פון דער נידער און געמיינט, אַז די קולות זענען אַנדערש פון דעם גערויש, וואָס טראָגט זיך פון די פּלייטן און פייקלעך פאַר די שוועלן פון די שפּילהייזער. זענען עס אפשר די קולות פון די יונגע נביאים און חורב, וואָס ווערן באַגלייט מיט דעם געזאַנג פון די לוויים אין ירושלים? אָדער אפשר זענען עס די קריגס־לידער פון די באַהאַלטענע וואָפן־טרעגערס, וואָס שאַרפן שוין זייערע כלי־זין און וואַרטן ער זאָל זיי רופן אין טאָג פון צאָרן?

דאָס גרויסע הויז פון בעל איז געשטאַנען אויף א באַרג און די רייכע הייזער פון די הויפהאַרן, פּריסטער און סוחרים האָבן אָפּגעשיידט דעם טעמפּל פון דעם פּאַלאַץ. פון די אונטערשטע גאַסן האָבן די באַוואוינער געקאָנט זען די האַלב־קיילעכדיקע ווענט, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן ווי זיילן פון א מוראַדיקן טורעם. די נאַכט איז געווען ליכטיק. אויף די קעפּ פון די שטיינערנע און קופּערנע אָפּגעטער איז געפאַלן דער לבנה־שיין און פאַר די אריינגענג זענען די שאָטנס פון די לויפנדיקע קנעכט מיט פאַקלען אין די הענט פאַרשוואונדן, ווי זיי וואָלטן איינגעזונקען אין די דיקע מויערן.

צוועלף ריזיקע קעפּ פון געצן פאַר די פאָדערשטע טויערן, זענען געווען אויסגעשטרעקט ווי פויסטן קעגן דעם צאָרנדיקן גאָט. פייערן האָבן געברענט אין קופּערנע בעקנס פון די אונטערשטע זיילן, און די פלאַמען האָבן געציטערט אינעם לייכטן ווינט און אָפּגעגאָסן מיט רויטן שיין די גאָלד־באַזיימטע מאַנט־לען פון די פּלייטנשפּילער, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די עלטסטע פּריסטער.

איתמר האָט אוועקגענומען די אויגן פון איזבל'ס טעמפּל און אַראָפּגעקוקט

אויף דער אונטערשטער שטאָט. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אזוי ער האָט געקאָנט אמאָל אכטונג געבן אויף די בוימייסטערס און שקלאפן, וואָס האָבן געבויט דעם פאלאץ פון עלעפאנטנביין פאר זיין מלך עמרי. ווי אנדערש זענען די גאסן פון ירושלים און ווי רעכפארטיק איז דער הערשער פון יהודה, וואָס האָט וואָר געמאכט יעקב'ס רייד און ער וואשט אין ווייַן זיין קלייד און אין בלוט פון טרויבן זיין בגד.

תקועי האָט צאָרנדיק געשוויגן און געשפרייזט מיט דעם קאפטער אראָפגע־לאָזן איבער די אויגן. חנינא איז געווען גרייט אָנצוזאָגן איתמר'ן, אז זיי דער־נענטערן זיך צום אָרט, וואו עובדיה'ס שליחים וועלן אים באַגעגענען.

— צוויי הויפלייט פון עובדיה, דער שרה פון פאלאץ, וועלן ווארטן אויף אונדז ביים שיידוועג, וואו עס ריזלט אראָפ דער וואסערקוואל פון די בערג, — האָט חנינא געזאָגט.— זיי טראָגן מאנטלען ווי איזבל'ס כהנים און זיי פירן אָנגעלאָדענע קעמלען.

— ווי אזוי וועלן זיי אונדז דערקענען, און ווי זעען אוים די מענער וואָס זענען גרייט צו פארלאָזן זייער מלך און זיך שטעלן אויף דער זייט פון די גערעכטע?

— איינער, אשר, איז הויך, מיט א לאנגן האלדז ווי א מצרי פון גרינעם טייך, און דער צווייטער, חושם, איז נידעריק און פעט ווי א פיהענדלער אין בשן. זיי זענען געהאָרכזאם צו עובדיה'ן און געטריי צו די נזירים פון חורב. זיי ווייסן, אז א ריז מיט א קופערנעם באָרד גייט זיי אנטקעגן. מיט זייערע פאקלען וועלן זיי אונדז געבן צייכנס.

— וויפיל אזוינע געטרייע מענער דינען אין אחאָב'ס הויף?

— מער וויפיל איזבל'ס וועכטער קאָנען איבערציילן, —האָט תקועי גע־ענטפערט.— זיי זאמלען זייער פיין און זייער צאָרן, אזוי ווי דונערדיקע וואָלקנס זאמלען שטורעם פאר א רעגן. ווען דער טאָג וועט קומען, וועט דער שטורעם אויסברעכן ווי דער פלאָם פון א פייער־שפייענדיקן בארג.

די נאכט אין שומרון האָט זיך געבאָדן אין דעם ליכט פון די פאקלען און אייל־לאָמפן. פאר א ווייַנקאמער זענען געזעסן זאטע סוחרים פון צידון אויף ווייבע, געפלאָכטענע בענקלעך און נאָכגעקוקט די יונגע פרויען, וואָס האָבן פארביישפאצירט אין זייערע איידעלע געוואנטן און געקלונגען מיט זייערע טריטקייטעלעך און פינגער־קלימפערלעך. ביי דער שוועל פון אן אכסניה איז געהאנגען א געבראָטענער לאם, וואָס איז נאָך געווען חיים און דאָס פעטס איז טראָפנווייז פון דער הויט אראָפגערונען. דער קוכער האָט אָפגעשניטן מיט א לאנגן מעסער שטיקער פלייש, אָנגעשטאָכן אויף שפיזלעך און דערלאנגט די שטיקער צו די מענער, וואָס האָבן פארביילויפנדיק, זיך אָפגעשטעלט צו זעטיקן

דעם הונגער. א סאַרווער האָט פון א לאַגל אָנגעגאָסן ווײַן אין די בעכערס, צוויי לוסטיקע רײַטער אויף לויפּפערד, מיט קאָלירטע זאָטלען, האָבן פאַרבײַגאַ־לאָפּירט און פון וואוילטאָג געשמיסן מיט די קורצע בײַטשן איבער די קעפּ פון די קמיעות־הענדלער, וואָס זענען געשטאַנען בײַ די ווענט. א קעמל מיט אַ טראָגשטול צווישן די הארבן, באַצירט מיט קרײַנדעלעך און לעקעלעך, איז גע־שטאַנען בײַ א טויער און געוואַרט מען זאָל אין דעם אַפּריון אַרײַנזעצן זײַן רײַכע האַרינטע.

איתמר מיט זײַנע באַגלייטער זענען נאָך געווען ווײַט פון דעם וואַסער־קוואַל בײַם שיידוועג, אָבער זיי האָבן שוין געזען די ליכט־צייכנס וואָס האָבן געבלינקט פון די אָפּענע שטעגן. פאַרבײַגייענדיק ווײַנסעדער און בלומענגערט־נער זענען זיי צוגעקומען צו א באַרג־אַראָפּלאָז. פון וואַנען מען האָט געקאָנט קעגנאיבער אַרויסזען דעם טורעם פון דער לבנה. א גרויסער קופּערנער קאָפּ פון דעם געץ בעל האָט זיך אַרויסגעהויבן פון א דרײַעקיגן גראַניט. דער גלאַנ־ציקער שטיין איז געווען אײַנגעוואַקסן צווישן צוויי ברוינע זײַלן. דער שוואַ־כער אָפּשײַן פון ווײַטע ליכטער האָט א שימער געטון איבער דעם שטערן פונעם געץ און די גלעזערנע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווי בלויע פּאַפּירן. תקועי האָט אויפגעהויבן א שטיין און געוואָרפן דעם אָפּגאָט אין פּנים אַרײַן, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז דער בעל־קאָפּ איז אין יענער רגע אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בושה און די קופּערנע לעפצן האָבן אָנגעהייבן שטיל מורמלען. פון דעם פּלו־צימדיקן פאַרענדערטן אויסזען פונעם געץ, איז דער רעכטפאַרטיקער מאַן דרייסטער געוואָרן און פון זײַנע ליפּן זענען ווידער אַמאָל געפאַלן צאָרנדיקע רייד:

— זיי פאַרשאָלטן, שטיינערדיקע אומווירדיקייט! דו שטייסט ווי א דאָרן אין טאָל פון רויזן. כ׳פרעג ווידער: ווי אזוי איז פאַרדאָרבן געוואָרן מײַן געטרײַע שטאָט? און פאַרוואָס האָבן אירע הערשער אויסגעשטעלט אויף די גאַסן אָפּגעטער פון זילבער און אָפּגעטער פון גאָלד, און אירע אכסניה׳ס זענען פול געוואָרן מיט ווײַן־זויפערס און אויסגעלאַסענע פרויען? און פאַרוואָס נעמט איטלעכער שוחד און יעדער איינער יאָגט זיך נאָך דעם צינז פון שקלים? אָבער באַלד וועלן זיך דערוויסן די באַוואוינער, אז דאָס זילבער איז פּסולת און דאָס גאָלד איז געפעלשט און די ווײַן־געטראַנקען זענען מיט וואַסער געמישט. אָ, שומרון! נישט אייביק וועלן דײַנע ראש־חודש׳ן און יום־טובים פאַרשוועכט ווערן. עס וועט קומען דער טאָג, ווען די אײַפערדיקע וועלן פאַרטרײַבן דײַנע שופטים און פאַריאָגן דײַנע ראַטגעבער, כדי מען זאָל דיך ווידער קאָנען רופן: דאָס וואוינאָרט פון גערעכטיקייט.

פון דער ווײַטנס האָבן די צוויי הויפּלײַט געפּאַכעט מיט די פאַקל־ליכט

אזוי לאנג, ביז איתמר, תקועי און חנינא זענען צוגעקומען צו זייער קאראוואן. זיי האבן געעפנט די כהנים־מאנטלען און זיך געגעבן צו דערקענען. זייערע אויסגעגאלטע קאפ־שיידלען האבן געגלאנצט ווי פרישער פארמעט און אין זייערע אויגן האט געגליט דאס פייער פון די אייפערדיקע. אשר, דער הויכער, האט איינגעבויגן זיין לאנגן האלדז, ווי א צייכן פון הכנעה. דער קורצער, פעטער חושם האט זיי באגריסט.

— פרידן צו די שליחים פון תירצה!

— פרידן צו אונדזערע גאסטגעבערס! —האט חנינא געענטפערט.— מיר טארן נישט בלייבן אויפן אפענעם וועג. פירט אונדז צום הויף.

— צו־פרי, אז מיר זאלן אייך אריינפירן אין עובדיה׳ס קאמערן, —האט חושם געפליסטערט.— דער קעניג זיצט מיט זיינע ראטגעבער פון זון־אונטערגאנג אן, און ער איז טרויעריק. איזבל האט אים גערופן צום דינסט פון אירע כהנים, אבער דער מלך איז נישט געקומען אין טעמפל. זי האט אריינגעשיקט צו אים פלייטן־שפילערינס, אבער ער איז געבליבן פאראומערט. זי האט באפוילן אירע שקלאפינס צוצוגרייטן א באד פון מירט־געווירצן, אבער ער האט נישט איינגענעצט זיין לייב. אצינד דערציילט ער פאר זיינע ראטגעבערס די געשעענישן פון טאג.

תקועי האט אויסגעהערט חושמ׳ען און א פארטראכטער אריינגעלאזט די פינגער אין זיין בארד. דערנאך האט ער גענומען גלעטן אויפן האלדז די מעשענע קייט מיט דער קמיע. חנינא האט נישט ארויפגענומען די אויגן פון די צוויי שליחים און גערעדט שטיל, מער צו זיך ווי צו איתמר׳ן:

— דער מלך פון ישראל איז טרויעריק גראד אין דער שעה, ווען ער זיצט מיט זיינע יועצים. דאס איז נישט די טבע פון אחאב׳ן. פון זיינע ראטגעבערס ווערט ער אויפגעמונטערט, ווייל זיי ברענגען אים, אזוי ווי איזבל׳ס כהנים, פאלשע טרייסט. דער קעניג איז פאראומערט נאר ווען עס קומען־אן בייזע בשורות פון מדבר. אוודאי האט היינט ביי אים געמוזט זיין איינער פון די נזירים, אדער דער תשבי אליין מיט א ווארענונג.

איתמר האט געפרעגט די פארשטעלטע כהנים:

— האט דער קעניג היינט גערעדט צו די שליחים פון מדבר?

— דער מאן פון גלעד אליין איז היינט אנגעלאפן. ער האט פארשלעפט דעם קעניג אין גארטן און אים אויסבאהאלטן פון איזבל׳ס אויגן און אים באשווארןביים גאט פון ישראל, אז קיין טוי און קיין רעגן וועט נישט פאלן אויף די פעלדער.

— ווי גרויס מוז זיין די שטראף פארן קעניג, אז דאס פאלק וועט דורך אים מוזן ליידן! —האט איתמר אויסגערופן.

— אין דער אונטערשטער שטאָט זאָגט מען, אַז דאָס פאָלק וועט לײַדן, ווײַל אַחאָב'ס בוימײַסטער חיאל, האָט אויפגעבויט די מויערן פון יריחו, מיט דעם לעבן פון זײַן בכור אבירם האָט ער געלייגט איר גרונטפעסט, און מיט שגוב, זײַן ייִנגסטן זון, האָט ער אַרײַנגעשטעלט די טירן.

— דאָס איז אַ נייִע פלוך פאַר אַלטע זינד! —האָט תקועי געזאָגט,— און עס וועט זײַן אומגערעכט צו קומען צום מלך, אײדער זײַן צאָרן איז פאַרלאָשן. קום, איתמר, צוריק צום טויער פון שטאָט. וועסט פאַרברענגען אין דעם גאַסטהויז „פנואל'ס לאָגל". דער בעל־הבית איז מײַן פרײַנט. ער איז אַ רעכטפאַרטיקער מאַן, טראָץ וואָס ער באַדינט זויפערס און אַרומשלעפּערס. דאָרט וועסטו זופן פון אַ בײַנערנעם האָרן ווײַן, און איך מיט חנינא'ן וועלן היטן די טיר, אַז קיין נידערטרעכטיקע יונגען זאָלן זיך נישט אַרײַנרײַסן. מיר וועלן זיצן בײַ דער שוועל, ביז אַחאָב וועט זײַן גרייט אויפצונעמען דעם שליח מיט דער מגילה פון שלום.

ער האָט געהייסן די איבערגעטוענע כהנים צוריקגיין אין פּאַלאַץ און קומען זאָלן זיי ערשט דעמאָלט, ווען דער אויסדערוויילטער פון ישראל וועט ווידער זײַן אין אַ לוינע צו הערן די פלייטן־שפּילערינס און צו נעמען זײַן באָד פון מירט־געווירצן.

די שליחים אין די כהנים־קליידער האָבן אוועקגעצויגן מיט דעם קאַראַוואַן צום באַרג־אַראָפּלאָז און איתמר מיט זײַנע באַגלייטער האָבן זיך צוריקגעקערט צו די לוסטיקע גאַסן. די פאַקל־ליכטער פאַר די הײַזער זענען אַצינד געווען העלער און די ציטערדיקע קלאַנגען פון האַרפעס און לירעס אין די שפּילהײַזער האָבן געמאַכט זינגען די שטאָט.

אין גאַסטהויז „פנואל'ס לאָגל", האָט דער ווײַן־סאַרווער אויפגענומען איתמר'ן מיט פחד. ער האָט דערזען דעם שטאַרקן מאַן מיט דער קופּערנער באָרד, אײַנגעהילט אין דעם דופּטיקן מאַנטל און געמיינט, אַז איינער פון די שררות איז געקומען אַרויסטרײַבן די שיכורע יונגען. אָבער תקועי האָט אים צוגערופן צו דער שוועל, און דער בעל־הבית האָט גלײַך אָפּגעראַמט דעם שענסטן טיש און באַדעקט די וואַנט מיט אַ בלויען געוואַנט.

די מערסטע מענער אַרום די טישן האָבן געטונקען די ליפּן אין די האָרנס און בעכערס מיט ווײַן און גערעדט פּרעכע רייד. לויט דעם אַפּעטיט פון די הונגעריקע געסט און לויט די ריחות פון די שפּײַזן האָט אויסגעזען, אַז אין גאַסטהויז זאַמלען זיך דורכפאָרער, קאַראַוואַנען־טרײַבער און פישערלײַט פון ווײַטע שטעט. טייל האָבן מיט תאווה אַראָפּגעגעסן פון די טעלערס שטיקער געבראָטן פלייש; טייל האָבן געזופּט געטראַנקען און געזונגען פאַרבאָטענע לידער. אַן אָנגעשוואָלענער קוכער האָט אָפּגעשניטן חלקים פון אַ וואַרעמען ווי־

דער, וואָס איז אויף א קייט אראָפּגעהאנגען פון באַלקן, און ווי א קונצנמאכער, האָט ער די שטיקער צוגעוואָרפן דעם סארוועך. א הייפל פּעטע הענדלער אין קאָלירטע מאנטלען מיט געפלאָכטענע קאָפּטיכער האָבן נאָר־וואָס פארענדיקט זייער מאָלצייט מיט פרוכטן און זיך לוסטיק געמאכט איבער דעם געשיקטן קור־כער.

אין א ווינקל האָט א מעכטיקער מאַן מיט א פולער נעץ פיש ביי זיינע פיס געגאָסן פון א קרוג קלאָר וואסער און געהייסן דעם סארוועך, ער זאָל דאָס פאר־זיסן מיט האָניק און טייטלען. א יעגער מיט א קויש טויטע פייגל האָט גע־שלונגען פון א בעקן טייגלעך און זעמלמעל, איינגעווייקטע אין אייל. די קלאַנ־גען פון א פלייט הינטער א וואנט־פאָרהאנג האָבן פרייליך געמאכט די פּנימער פון די זויפערס, וואָס האָבן פארלאנגט ביים בעל־הבית מער פארוויילונג.

פון הינטער א זייל האָט זיך באוויזן א מאַן מיט אַ געשפּאָלטענעם שטערן פון א נישט־פארהיילטער מלחמה־וואונד. ער האָט געהאט א לאַנגן קאָפּ מיט שווארצע, בריענדיקע אויגן. איבער זיינע שלייפן זענען געפאלן קנוילן ווייסע האָר. די ברייטע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפרייט ווען ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון פרעמדע קליידער. ער האָט געוואָרפן דעם ערשטן בליק אויף איתמר׳ן און א געשריי געטון:

— ס׳איז ער, איתמר, מיין פעלדהאר! זיינע אויגן, זיינע אָרעמס, זיין קופערנע באָרד! ווי קומסטו קיין שומרון? איתמר בן צוער, דערמאָנסטו זיך אָן אחיעזר׳ן? געדענקסטו די טעג, ווען איך האָב אויסגעהאָרכט דיינע באפעלן און הינטער דיין רייטוואָגן בין איך געלאָפן דער ערשטער אין שלאכט? ס׳איז אזוי אמת, ווי די אומפארהיילטע וואונד אויף מיין שטערן. איתמר, מיין הויפּט־מאַן! ווי קאָנסטו פארגעסן ווי מיר האָבן געפאָכעט פאר אונדזער קעניג עמרי, וואָס האָט גרויס געמאכט ישראל און פארטריבן די מואָבים און די פּלישתים פון אונדזערע שטעט? אַמאָל האָט דאָס חייל אונדז פארבונדן, אָבער שפּעטער האָט מען דאָ דערציילט, אז זינט דו האָסט אויסגעטאָן דאָס וואָפן, לויפסטו ארום אין די פעלדער צוזאמען מיט די אינדן. כ׳זע, איתמר, אז די יונגשאפט איז פון דיר נישט אוועק, טראָץ דעם וואָס דו ביזט אין מיינע יאָרן. זאָג, ביזטו צוריקגעקומען געניסן פון די פארגעניגנס אין שומרון?

איתמר האָט געוואָלט אויסשטרעקן זיינע הענט ארומצונעמען דעם מאַן, וואָס האָט אים מיט הילכיקער פרייד באגריסט, אָבער ער האָט אים צוגעפירט צום ארויסגאנג און געפּליסטערט אין זיינע אויערן:

— אחיעזר בן דעואל! אויב דו האָסט מיך דערקענט און דו דערמאָנסט זיך, אז דאָס חייל האָט אונדז פארבונדן, באשווער איך דיך! גיב מיך נישט אוים פאר די מענער פון דעם גאסטהויז. איך קום אין שומרון מיט א פארבאָ־

טענער שליחות. פרעג מיך נישט און כ׳וועל נישט דארפן צעגערן. צווינג נישט ארויף קיין רייד פון אונדזערע ווייטע טעג. אצינד טרעט אָפּ, אזוי ווי דו וואָלסט מיך פארביטן פאר אַן אנדערן, אָדער ווי דו וואָלסט מיך פריער קיינמאָל נישט געזען. מיינע ליפּן מוזן בלייבן פארזיגלט ביז מיינע פריינט וועלן נאָך מיר קומען. איך וועל דערווייל טרינקען פון דעם האָרן און קוקן אויף דער שיינער טענצערין, וואָס וועט ארויסקומען פרייליך־מאכן די הערצער פון די מענער. — סארווער, דעם לאָגל מיט וויין!

דער פארוואונדערטער מאן האָט נאָך איין רגע זיך געקווייקלט און איז דערנאָך געהאָרכזאַם פארשוואונדן הינטער דעם זייל. איתמר האָט זיך צוריק־געזעצט אויף דער באנק און דער לאָגל־טרעגער האָט אָנגעפולט דעם האָרן מיט ברוינעם וויין, וואָס האָט זיך געגאָסן געדיכט, ווי האָניק.

אין יענער רגע איז א ברוינהויטיקע יונגפרוי מיט א קאָרב מילגרוימען אויפן קאָפּ ארויסגעקומען פון א זייטיקער קאמער און געשמייכלט צו די זאטע מענער. צוערשט האָט זי ביי איתמרן אויסגעזען ווי אַ פרוכטהענדלערין, וואָס האָט געברענגט אירע פּירות פון מארק, אָבער ווי נאָר זי האָט אראָפּגעשטעלט דעם קאָרב אויף דער ערד, האָט זי ארויסגערוקט אַן אָפּגעדעקטע קני מיט א שנור מעשענע גלעקלעך. זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס זיידענע געוואַנט, ארויסגעוויקלט זיך פון א שלייער און געבליבן שטיין אין בלויע טולן, וואָס זענען געווען צו־קורץ איינצוהילן אירע רונדיקע בריסטן און אקסלען ביז אראָפּ צום גארטלבאנד. אירע אויגן האָבן געצונדן גלוסטונג, ווען זי האָט זיך גע־וויגט פאָרויס צווישן די טישן, און דאָס קלינגעריי פון אירע טריטקייטעלעך האָט אוועקגענומען די מענער פונעם וויין און פון די שפּייזן.

— פּועה! —האָט דער יעגער אויסגעשריגן און געמאכט פּלאַץ אויף זיין באנק,— זעץ זיך נעבן מיר! כ׳וועל דיר אַויסטיילן א טויטן פויגל פאר יעדן קוש.

— א טאנץ, פּועה! —האָט דער פישערמאַן גערופן,— אַ פייערדיקן טאנץ, אזוי ווי תורתונא טאנצט פאר דער עשתורה!

— קיינער וועט זי ביי אונדז נישט אוועקנעמען! —האָבן געליארעמט די פּעטע הענדלער, אָנווייזנדיק אויף זייערע בייטלען ארום די גאַרטלען.— מיר האָבן די מטבעות און מיר צאָלן נישט מיט קיין טויטע פייגל אָדער מיט פיש פון שלעכטן ריח.

א געוויקסיקער יונג, מיט אָרעמס פון א שיפטרייבער, האָט זיך אויפגע־הויבן פון זיין באנק און אריבערגעשריגן איבער אלעמען:

— ווילסטו מטבעות, פּועה, אָדער ווילסטו א זכר?

פּועה האָט זיך געוויגט פארביי די פרעכע מאנסלייט. זי איז געבליבן

שטיין אומבאוועגלעך, ווי איינע פון די מירמלשטיין־אָפּבילדער אויף די שייד־וועגן פון קרנות. זי האָט אויפגעהויבן אירע געטאָקטע ברוינע הענט מיט די בראַנזלעטן, ווי א געפּלעכט איבער איר קאָפּ, און רואיק אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף די זכרים, וואָס זענען געווען גרייט צו צאָלן פאר איר ליבע. באלד האָט זי דערזען איתמר׳ן, דעם מאַן, וואָס האָט נישט אָנגעבאָטן קיין פרייז פאר איר לוסט און זי האָט געזוכט זיינע אויגן, אָבער איתמר האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף אירע אָפּגעדעקטע גלידער.

ווי נאָר זי האָט גענומען וויגן מיט אירע אַקסלען און טרייסלען מיט אירע היפּטן, האָט דאָס געפּילדער אויפגעהערט. זי האָט זיך גערוקט פאָרויס און אָטעמס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אין א קרייז און הונגעריקע אויגן האָבן געגליט. אירע באַוועגונגען זענען באַגלייט געוואָרן פון ציטערנדיקע טענער אויף א האַרפּע, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם לייכטן גערויש פון אירע קני־גלעקלעך. דער טאַנץ האָט געוועקט פאַרבאָטענע פאַרלאַנגען ביי די זכרים, וואָס האָבן אוועקגערוקט די טעלערס און אָפּגע־שטופּט די בעכערס. אָבער פּועה האָט געהאַט איין באַגער, — אז איתמר׳ס אויגן זאָלן רוען אויף איר.

איר גלידער־געטרייסל איז געוואָרן האַסטיקער. עס האָבן זיך געוואָרפן אירע בייטשן טונקעלע האָר, אירע רייפן־אויערינגען און אירע יונגע בריסטן. פון די אויגן איז אויסגערונען איר ווייכע בלויקייט און ס׳האָבן דאָרט געגליט פייערן פון צאָרן, וואָס באַווייזן זיך ביי א פרוי, ווען זי וויל נישט אָפּגעשטויסן ווערן פון א שטאַרקן מאַן. אָבער דער שטאַרקער מאַן האָט איר מער נישט אָפּגעשטויסן. איתמר איז געווען צעטומלט און ער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיינע שטרענגע אויגן אויף דער טענצערין, וואָס האָט אצינד פאַרגעשטעלט אַן אָנגענעם בילד, וואָס הייבט זיך ארויס צווישן האַרנס מיט ווייַן און דינע טע־נער פון א האַרפּע.

ער האָט געקוקט אויף איר און זיין פּנים האָט אפילו קיין צוק נישט גע־טון. א מער רעכטפאַרטיקער אויף זיין אָרט וואָלט פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט און נישט געוואָלט זען גאַטס ליכט, וואָס רוט אויף דעם לייב פון אַט דער יונגער לוסטפרוי. אָבער ער האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון אירע אַנטבלויזטע טיילן. די רגעס זענען געלאָפן, אָבער איר שאַנדע איז נישט געמינערט געוואָרן. צום ערשטן מאָל, נאָך יאָרן, האָט ער דערפילט אז ער שטייט פאר א פּרואוואונג פון ווייַן און א פרוי.

ווי נאָר פּועה האָט אויפגעהערט טאַנצן, האָט זי זיך דערנענטערט צו זיין טיש און אָנגעשטעלט אויף אים אירע לויטערע אויגן:

— וואָס טוסטו אין אזא ווייַנקאַמער, פרעמדער, —האָט זי געפרעגט,—

ש. איזבאַן

אויב דו זאָגסט זיך אָפּ צו לויבן די שיינקייט פון א טענצערין? ביזטו דען פון די גרויזאַמע נזירים, וואָס האָבן מורא פאר פארגעניגנס, אָדער געהערסטו צו די יעוונוכן, וואָס מעגן גלעטן דאָס לייב פון א האַרעם־ווייב, אָבער זיי קאָנען נישט הנאה האָבן דערפון?

איתמר האָט ארויפגעלייגט זיין האנטפלאַך איבער די אויגן, ווי עס טוען די פרומע ווען זיי ווילן אויסמיידן צו קוקן אויף א לעסטערונג, און ער האָט געזאָגט:

— דו רעדסט ווי א פארשייטע טאָכטער פון צידון, פועה.

— איך רעד ווי א יונגפרוי, וואָס פארלאַנגט די בליקן פון מענער. כ'בין נישט קיין טאָכטער פון צידון. מיין פאָטער איז געווען א שמיד אין בית־אל, און איך בין געקומען טאַנצן אין שומרון נאָכדעם ווי א וואַרזאָגערין האָט דער־זען מיינע שיינע פיס. די כהנים אין טעמפּל האָבן מיר געזאָגט, אז איך שטעל טריט פון א גאַזעל און וועלף וועלן זיך יאָגן נאָך מיר. זאָג, פרעמדער, איז דען מיין קערפּער נישט אזוי ריין ווי א קוואַל מיט קלאָר וואסער, וואָס פון אים טרינקען טויבן?

— אויב ס'איז דיר געגעבן געוואָרן א ריינער קערפּער, פועה, און דער באַשעפער אליין האָט אים אויסגעקנאָטן און אריינגעבלאָזן אין אים זיין אָטעם, גיב נישט אָפּ דיין גוף צו די פארדאָרבענע. היט דאָס געשאַנק ווי א הייליקייט און נישט ווי א מזבח פון געצן, וואו אומווירדיקע דערנענטערן זיך מיט גראָבע באגערן.

— ביזט צו־דרייסט, שיינער מאַן! דו זעסט מיך צום ערשטן מאָל און דו פארשעמסט מיך. איך האָב נאָך קיין אומווירדיקע צו זיך נישט צוגעלאָזן. איך טו דאָס, צו וואָס איך בין באַשאַפן געוואָרן. דער בעל־הבית פון גאַסט־הויז באַלוינט מיך מיט מטבעות און די זכרים — מיט באוואונדערונג. ביי פרומע און לעסטערער ווערן אויפגערודערט די הערצער.

— האָט דיר קיינער נישט געזאָגט, פועה, אז דו אליין פארמינערסט דיין ווערט? שומרון איז א פאַרדאָרבענע שטאָט. דער לעסטערער קוקט אויף א לוסטפרוי מיט זינדיקע באגערן. דער פרומער קאָן אמאָל פארבלענדט ווערן, אָבער ער וועט נישט טמא מאכן זיין נשמה אין די אָרעמס פון א פרוי.

— די מענטשן פון שומרון ווייסן, אז דער גוף קאָן פאָלגן דעם באַגער און די נשמה קאָן בלייבן ריין.

— פועה, כ'בין געווען א מאַן פון שווערד און איך ווייס פון דער געפאַלנ־קייט פון די שוואכע, וואָס קאָנען זיך נישט שיצן קעגן די שטאַרקע. די, וואָס באוואונדערן דיך, ווערן אָנגעצונדן פון די פארלאַנגען נאָך דיין לייב. די זינד פון קערפּער איז דער אָנהייב פון אַלע לעסטערונגען. דעריבער, יונגפרוי,

זאָלסט שוינען דיין שיינקייט און דיין יוגנשאַפט. דערוויטער זיך פון די זווי־פערד, וואָס פאַרגעסן צו לויבן דעם נאָמען פון אַלמעכטיקן, נאָך דעם ווי ער האָט געבענטשט זייערע טישן מיט שפייז.

ביי טישן קעגנאיבער האָט זיך אָנגעהויבן א געמורמל. דער יעגער, דער פישערמאַן און דער שיפּטרייבער האָבן אויפגערעגטע אויסגערופן:

— ווער איז דער מאַן, פון וועמען פועה וויל נישט אָפּטרעטן?

— ווער איז דער גיבור, וואָס דער צויבער פון איר שיינקייט קאָן אים נישט באַזיגן?

— וואָס איז ער, א פּרעדיקער? אָדער איז ער ווי מיר, געקומען אָהער הנאה האָבן פון די געטראַנקען און מאכלים?

— צו מיר, פועה! —האָט א הענדלער געשריגן.— דאָס איז נישט קיין טעמפּל! דאָ איז א הויז פון פאַרגעניגן!

— טראָג זיך אָפּ, אומגליקלעכער! —האָט א צווייטער זיך אויפגעהויבן און זיך דערנענטערט צו איתמר'ן.— אנטלויף אין מדבר, צו די מכשפים, וואָס האָבן מורא פאַר דעם ליכט פון דער זון.

איתמר איז שוין געווען אויף די פיס. זיין הויכער, שטאַרקער גוף איז, ווי א טורעם, אריבערגעוואַקסן די דריי יונגען, וואָס האָבן ווי איינגעבויגענע קאַרליקעס געלויערט אויף אים. די קרויזן פון דער קופּערנער באָרד האָבן זיך געהויבן אַזוי ווי זיין האַסטיקער אָטעם, וואָס איז געווען דער ערשטער ווייַ פון שטורעם. ער האָט געקוקט אויף זיי ארויסרופעריש.

דער ערשטער האָט זיך צו אים דערנענטערט דער פישערמאַן מיט א פאַר־מעסט פון איינעם, וואָס גייט אריבערשפּרינגען א באַרג. ער האָט מיט אומ־צוטרוי געקוקט אויף דעם יעגער און אויף דעם שיפּטרייבער הינטער אים, און מיט זיינע ברענענדיקע אויגן געוואָלט אויפרייצן די הענדלער. דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעבויגן נאָך נידעריקער, און ווי א דרייפיסיק באַשעפעניש גע־טשאַטעוועט, כדי מיט איין שפּרונג ארויפצוקלעטערן אויף איתמר'ס נאַקן.

אָבער איתמר האָט אים אָפּגעשטויסן מיט אַזא קראַפט, אז דער פישערמאַן האָט זיך א וואַקל געגעבן דריי פיס הינטערווייַלעכץ און איז אַנידערגעפאַלן ביים אויוון, וואו עס איז געשטאַנען דער קוכער און פונאַנדערגעבלאָזן די פייערן אונטער די בראָטפאַנען.

פון דער הינטערקאַמער איז ארויסגעלאָפן אחיעזר. מיט בליקן פול פחד און פאַרדאַכט האָט ער געקוקט אויף די אויפגעהעצטע געסט און זיך געבעטן:

— ער איז מיין פריינט! רירט אים נישט אָן! ער איז געווען מיין פעלדהאַר! שוינט אים, דעם גיבור!

דאָס געפילדער האָט אריינגעטריבן תקועי'ן פון גאַס. ער האָט זיך באַ־

וויזן אין אריינגאנג אַן בלוט אין זיין פּנים. צוערשט האָט ער אין זינען גע־האַט אראָפּצונעמען פון גארטל זיין געשוואָלענעם בייטל — ווי עס טוט א מאַן פון וואוילשטאַנד — און ווארפן אויף דער ערד זילבערנע מטבעות, כדי אָפּצו־ציען אַלעמענס אויגן פון דעם שלאַכטמאַן. ער האָט אָבער דערקענט אז דאָס זענען נישט קיין בעטלערס און קיין קנעכט, און ער האָט מיט א דונערדיקער שטים אויסגערופן:

— ווער פון אייך, א הענדלער צי א שרה, א קאַמערדינער צי א הויפּט־מאַן, וועט וואגן צו פארפירן א געשלעג מיט א קריגסמאַן צוליב א יונגפרוי, וואָס טוט נאָך די שקלאַפינס פון איזבל? בלינד זענט איר, אויב איר זעט נישט, אז א שליח פון קעניגס פּאַלאַץ זיצט צווישן אייך. ער איז גענוג גנעדיק צוצוקוקן זיך צו אייערע תאווה׳ס און צו דולדן אייערע אייטעלע רייד. און איר, ווי נידערטרעכטיקע יונגען, באַליידיקט זיין איידלקייט! היט זיך פאר אים! ער קאָן זיין שטארקער פון א בופלאָקס און צאָרנדיקער פון אן אויפגע־רייצטן טיגער. ער קאָן איינווארפן די זיילן פון דער וויינקאמער און צודעקן אייערע קערפּעס מיט די פאַלנדיקע ווענט.

תקועי׳ס רייד האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די, וואָס האָבן נאָר־וואָס זיך פארמאָסטן אויסצופּרואוון די גבורה פון איתמר׳ן. דער יעגער האָט אויפ־געהויבן זיין קויש מיט די טויטע פייגל און איז ארויסגעלאָפן פון גאַסטהויז. דער פישערמאַן האָט זיך צוגעשטעלט צו דער וואַנט, וואו עס זענען געהאנגען די לאָגלען און געזוכט שוץ ביי דעם וויין־סאַרוועך. די פעטע הענדלערס האָבן איינגעגראָבן די קעפּ אין די טעלערס און געמאַכט זיך נישט זען, ווי די פאר־שעמטע טענצערין האָט איינגעהילט איר אנטבלויזטקייט מיט דעם זיידענעם געוואַנט און איז ארויסגעלאָפן.

— קום פון דאַנען! — האָט תקועי אונטערגעיאָגט איתמר׳ן. — קום, איי־דער זיי פארהאַטן דיך! דאָס זענען חונפים און פארקויפטע מוסרים, און עס איז פאר זיי א פרייד איבערצוגעבן א רעכטפארטיקן מאַן צו די שטאָט־וועכטער. איך האָב געשיקט חנינא׳ן צום טויער פון די שופרות, ער זאָל צוריקברענגען דעם רייטוואָגן און מיר וועלן פאָרן צום הויז פון אהליאָב. ער איז מיין רייכער פריינט, אָבער ער וויכט פון יעדן שטרייט. ער פירט קעמלען מיט וואָל און ציגנהאָר און גאָלד און קופּער ביז מצרים, און זיין וואוינאָרט איז א גאַסטהויז פאר אַלע רעכטפארטיקע אין שומרון. אייל זיך, איתמר! די שליחים פון פּאַלאַץ וועלן אונדז דאָרט אויך טרעפן.

ווען חנינא האָט צוגעפירט דעם רייטוואָגן פאר דעם וויינקאמער, און איתמר מיט תקועי׳ן האָבן זיך דאָרט ארייננגעזעצט, האָבן די הענדלערס פּלוצים

די קעניגין איזבל

זיך אויפגעכאפּט פון זייערע ערטער. זיי זענען צוגעלאָפן צו דער שוועל און מיט די פינגער געטייטלט אויף די אנטלויפנדיקע און געשריגן:

— ער איז איינער פון די בייזע נביאים! מיר האָבן נאָר־וואָס ארויסגע־לאָזן א מאן, וואָס איז ווידערשפּעניק צום קעניגס הויז! יאָגט אים נאָך! ברענגט אים צו די ריכטער!

ו

אהליאָב בן נתנאל׳ס טירן זענען געווען געקאָוועט מיט קופּער און גאָלד, און פעסטע שלעסער זענען געהאנגען אויף זיי. אָבער פאר תקועי׳ן מיט זיינע באַגלייטער האָבן זיך אלע ריגלען געעפנט אין דער שפּעטער נאכט־שעה. דער בעל־הבית איז נאָר־וואָס געווען ארויס פון זיין ביינערנער באָדשיסל און צוויי געזונטע קנעכט האָבן אים אוועקגעלייגט אויף זיין רו־בעט און מיט ווייכע באַרשטן געקעמט זיין לייב. אין דער זעלבער צייט האָט א שקלאַפין, אזלאָ, געשמירט זיין באָדד מיט דופטיקע זאלבן. אהליאָב׳ס גוף איז געווען ווייך און פעט. זיינע אָרעמס — שיטער, און אויף זיין פּנים האָט גערוט די צופרידנקייט פון א מאַן, פאר וועמען אלע רייכטימער פון דער ערד זענען אָפן. ווען די באַדינער האָבן ארייַנגעפירט דעם וואָל־סוחר, איז אהליאָב אראָפּגעשפּרונגען פון זיין רו־בעט און איז אים אנטקעגנגעגאנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— מיין ברודער תקועי! —האָט ער אויסגערופן,— דאָס ביזטו, דער סוחר פון וואָל, אויף וועמען די נישט־פארגינער זאָגן, אז דו פארמאָגסט אזויפיל זעק מיט שקלים, אז מען מעג דיין גוף נאָכן טויט איינמויערן אין דיינע ווענט פון גאָלד. פינף יאָר האָב איך דיר נישט געזען, אָבער איך געדענק דיך, כאָטש דיין באָרד האָט שוין לאנג נישט פארזוכט קיין שמעקעוודיקע זאלבן, און דו זעסט אויס ווי א באוואקסענער נזיר פון די היילן אויפן כרמל. גיב מיר דיין האנט, תקועי! האָסטו דען פארגעסן די טעג פון אָרעמקייט, ווען מיר ביידע האָבן אָנגעהויבן צו האנדלען מיט שטערנבענדער, קרויזן און לייַנענע טיכער, וואָס די הויפדינער האָבן פאר גוט געלט צוגעשטעלט צו די פרויען פון די שררות? שוין דעמאָלט האָסטו געטראָגן א שנאה צו מאכטהאָבער. אָבער דיין ערלעכקייט האָט פארענטפערט דיין שטרענגקייט, און איך האָב דרך־ארץ געהאט פאר דיר, ווייל דו האָסט געמאָנט רעכטפארטיקייט ביים האר און ביים קנעכט. פאַרוואָס האָסטו אויסגעמיטן אזוי לאנג אונדזער שטאָט? זענען דען די אויפקויפער פון מצרים און ארם חשובער ביי דיר ווי די סוחרים פון שומרון

און צידון? מיין ברודער תקועי, דו האָסט פיינט דעם הערשער און באַ־שטראָפסט דעם פראָסטן באוואוינער. אָבער די און יענע צאָלן מיט שקלים פאַר דיין וואָל. איך זע, דו ברענגסט מיט זיך א גאסט, איינעם פון די געוויק־סיקע מענער, וואָס מען געפינט בלויז צווישן די שיינע און שטאַרקע הויפלייט אין ישראל. איז ער אויך אזוי ווי דו, ווידערשפעניק צו אחאָב׳ס הויז? תקועי, דערצייל דיין אלטן פריינט אהליאָב, ביזטו געקומען באנייען דיין וואוינ־אָרט אין דער בארגשטאָט, אָדער אָנהייבן א בונט קעגן דעם מלך? א גאסט, צי א פארשווערער? די איצטיקע שעה וועט בלייבן אין מיין זכרון. איך וועל דעם טאָג פון דיין צוריקקומען פארשרייבן אין דער מגילה פון מיין הויז!

— אהליאָב, מיין ברודער אין אָרעמקייט און אין וואוילשטאנד! —האָט תקועי געענטפערט,— איך בין נישט געקומען באנייען דאָס וואוינאָרט אין שומרון. פאַר דיר מעג איך זיך פארטרויען. דער מאן, וואָס שטייט נעבן מיר איז געווען א קריגסמאן אונטער עמרין און געהאָלפן בויען דעם פאלאץ אויפן בארג, וואָס איז געוואָרן דאָס הויז פון זינד. מיר זענען געקומען היינט ווי שליחים צו ריידן שלום מיט דעם מלך, טראָץ דעם וואָס זיין מאכט פארשעמט די קרוין פון ישראל.

— עמיהוד און קמואל! —האָט אהליאָב זיך אויסגעדרייט מיט א רוף צו זיינע קנעכט,— וואַשט מיט געווירצן די פיס, די הענט און די בערד פון מיינע פריידלעכע געסט!

— איך וועל נישט לאָזן פוצן מיין באָרד מיט זאלבן און איך וועל נישט טרינקען פון דיין וויין, אהליאָב, ווי לאנג די מאכט אין שומרון וועט פארשע־מען די קרוין פון ישראל!

— צי ווייסטו דען נישט תקועי, מיין ברודער, —האָבן אהליאָב׳ס געלאַ־סענע ליפן געלאכט,— אז מאכט געוועלטיקט איבער פאָלק, וואָס וויל זיך שפיגלען אין דער קרוין פון זיין קעניג? נישט אלץ וואָס איז אין דיינע אויגן פארדאָרבן, איז שלעכט פאַר די מענער פון ישראל. דאָס פאָלק וויל נישט קיין ווידערשטאנד און עס האָט זיך נאָך נישט באוויזן א פעלדהאַר, וואָס זאָל רופן די ווידערשפעניקע איינצוואַרפן די ווענט פון פאלאץ. אויב עס וועט קומען א מורד און ער וועט, אזוי ווי שמשון קאָנען שלאָגן מיט דער קינבאק פון אן אייזל הויפנס אויף הויפנס פון די שונאים, וועל איך גלויבן אין זיין שטאַרקייט. אָבער איך וועל אים אוועקטרייבן פון פאלאץ און אים הייסן לויערן אויף די פיינט ביי די געמאַרקן. אויף וואָס באַקלאָגן מיר זיך היינט? אונדזערע שטעט וואַקסן און דער פרידן רוט אויף די פעלדער און ווייַנגערטנער. מיר פירן דעם האנדל מיט מצרים, מיט צור און מיט צידון. די טייכן זענען פול

און די ברכה פון די רעגנס מאכט פרוכטבאר די ערד, וואָס זעטיקט אונדז מיט תבואות און פרוכטן.

אָבער דער צאָרנדיקער תקועי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— די ערד וועט באלד ווערן פארדארט ווי דער אויסגעברענטער דאָרנבוים! דו זיצסט אויף דיינע ווייכע טעפּיכער, אהליאָב, און הערסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף די מערק הינטער דיינע ווענט. דער מאַן פון גלעד איז היינט אָנגעלאָפן פון מדבר ווי א שטורעמווינט און געוואָרנט אחאָב'ן, אז קיין טוי און קיין רעגן וועט נישט פאלן אויף זיין לאנד.

דער מאַן פון גלעד איז א קללה־ברענגער. ער פליט־אָן ווי א ראָב און פארשווינד ווי אן אינד; ער באווייזט זיך ווי א טיגער און ווערט־נישט ווי א הירש. פארוואָס וויל ער זען די פלוך אויף אונדזערע שטעט? צי ווייס ער נישט, אז דאָס שלעכטס וואָס ער זאָגט־אָן וועט פאלן אויפן קאָפּ פון אפרים?

תקועי האָט שוין געעפנט די ליפּן, אָבער איתמר האָט געגעבן א צייכן, אז ער וויל ענטפערן דעם צופרידענעם מאַן פון שומרון. ער האָט געזאָגט:

— דער קאָפּ פון אפרים איז שומרון און דער קאָפּ פון שומרון איז אחאָב, און נישט קיין אנדערער שר ווי אחאָב וועט ברענגען הונגער און טויט אויף אונדזער פאָלק. א קעניג, וואָס ווידערשפּעניקט די געבאָטן פון די לוחות און לעסטערט די שריפט פון גאָט־צבאות — אזא מלך איז שוואך צו געוועלטיקן איבער אפרים! פאר דער שריפט פון גאָט־צבאות האָט זיין פאָטער עמרי מלחמה געהאלטן מיט דעם פלישתי און געשלאָגן מואב און ארם; און פאר די הייליקע שריפט וועגן וועלן די ווידערשפּעניקע אצינד אויפהייבן זייערע שווערדן קעגן זייער מלך. דאָס, וואָס איך רעד צו דיר, רייכער מאַן, וועל איך באלד לאָזן הערן פאר דעם שוואכן קעניג. צי האָט דען גאָט־צבאות אים ארויפגעזעצט אויף זיין פאָטערס שטול, אז ער זאָל אָפּגעבן זיין צעפּטער צו דער בייזער פרוי, וואָס וויקלט איר אומריינעם קערפּער אין דעם זייבערן מאנטל פון א מלכה? וועט א קעניג אין לאנד פון דרום אויך אוועקלייגן זיין פאנצער צו די פיס פון א ווייב, וואָס איז דאָרשטיק נאָך דעם בלוט פון פאָלק?

אהליאָב האָט אָנגעשטעלט זיינע וואכזאמע אויגן אויף איתמר'ן, ווי ער וואָלט אים ערשט אצינד דערזען. זיין דרייסטקייט האָט אים פארחידושט, אָבער זיין פּנים איז נישט פארצויגן געוואָרן מיט צאָרן.

— וואָס קאָנען דען דערציילן מיינע געסט צו א הענדלער, וואָס פירט זיינע קאַראוואַנען אין די דרום־לענדער? —האָט ער געפרעגט.— איך בין דורכגעגאנגען דאָס לאנד פון פּרעה, פון דעם ים־באַך ביז צום גרינעם טייך, וואָס טרינקט־אָן די פעלדער און ווייגערטנער. איך האָב געזען ווי עס לעבן די האַרן און די שקלאַפן. די אָרעמע קלייבן די ברעקלעך אונטער די טישן פון די רייכע,

אָבער אַלע גלויבן, אַז נישט דאָס הויז, נאָר דער קבר איז דאָס וואוינאָרט פון דער נשמה. אין די אונטערשטע גאַסן פון די שטעט אין מצרים האָב איך גע־טראָפן אומגליקלעכע קנעכט, וואָס טויטן זייערע פאָטערס און מוטערס, כדי צו גנבענען פאַר זיך דאָס אייביקע לעבן. נישט נאָר צו זיך און צו זייערע קינדער האָבן די בויערס פון די פּיראַמידן געזאָגט, אַז הייזער זענען צייטווייליק און קברים זענען אייביק. יעדער אָרעמער מצרי, וואָס איז נידעריקער פון אַ וואָרעם, ווייס אַז אינעם קבר וועט ער געפינען די אייביקע פרייד, און דעריבער וויל ער גיך, ווי אַ ווירבלווינט, דורכלויפן זיין לעבן אויף דער ערד. און וואָס ווילן היינט די פּאַרכטיקע מענער פון ישראל? זיי איז ווייניק דער וואוילשטאַנד און די ברכה אין זייערע הייזער און אויף זייערע פעלדער; זיי ווילן ארויס־קריגן מער הייליקייט פון די ערדישע יאָרן, צו פאַרלירן דאָס אייביקע לעבן, וואָס וואַרט אויף זיי אויף יענער זייט פון די וואָלקנס.

איתמר האָט געמאַכט איין שפּרייז נענטער צו זיין גאַסטגעבער.

— רייכער מאַן! אויב עס איז דיר טייער ישראל און דאָס אייביקע לעבן, שטיי צו אונדז צו! פאַרמאַך נישט די אויגן צום באַטרוג! ווי אַ זאַטער בער ליגסטו אין דיין ערד־אויסהויל און רעדסט אָן ווייטאָג פון די בלינדע און פאַר־פירטע, וואָס ווערן אַריינגעשטויסן פון זייער הערשער אין אָפּגרונט. דיין ברויט איז ווי ביי אָשרן, פעט, און דו וואָלסט גאָר געדאַרפט זיין ווי בנימין, — אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט. זעסטו דען נישט, אַז דער הונגער, די בייטש פון גרימצאָרן, וועט אויפעסן די תבואה־שפּייכלערס און פאַרברענען די פרוכטן און פאַרצערן די וויינגערטנער און אָפּשוואַכן די חיילות, וואָס וועלן מוזן אַקעגנגיין די פיינט ביי די פעסטונגשטעט? אויף די מזבחות פון בעל פאַרברענען היינט איזבל׳ס כהנים די שקלאַפן און קינדער, און אויף די שלאַכטפעלדער פון אַרם וועלן מאָרגן פאַרצערט ווערן די קריגער פון ישראל. איידער עס ווערט צו־שפּעט, רוף איך צו דיר: לאָמיר פאַרהיטן די חיילות פון צו לויפן אין די שלאַכטהייזער, ווייל נישט זיי נאָר זייער קעניג האָט געלעסטערט די שריפט פון די לוחות פאַר דעם פאַרגעניגן פון טאָג און פאַר דער הנאה פון אויגנבליק.

אהליאָב האָט שאַרף אָנגעקוקט זיין גאַסט.

— אויב דו ביזט דער מאַן פון שווערד, צוליב וואָס זאָלסטו נאָכזאָגן די רייד פון די נזירים אין מדבר? אַ קריגסמאַן אין ישראל וואַרט אויף די באַ־פעלן פון זיין מלך אין טעג פון סכנה. דעריבער זאָג איך דיר, ווי אַ הענדלער וואָס האָט אויסגעמאָסטן ווייטע לענדער, אַז עס וועט נישט אויסגעמיטן ווערן די געפאַר פאַר אונדזערע פעסטונגשטעט און באַרג־טורעמס ווי לאַנג אַחאָב׳ס הויף וועט זיין צעריסן. מואָב און די פּלישתים און אַרם זענען נאָר אונטער־טעניק צו אַ שטאַרק ישראל. זיי וועלן אָבער אַליין שטאַרק ווערן, ווען די

מלוכה אין אפרים וועט זיין צעטיילט. ברידער מיינע, פאַרמינערט נישט די גבורה פון ישראל, טראָג אייער פיינטשאַפט צום טראָן! אָבער ווי לאַנג וועל איך מוזן שטרייטן מיט מיינע פריינט, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן ביי מיר אויפן וועג צום קעניגס הויז? צו די וויינהאַרנס, געסט מיינע! קנעכט, וואו זענען די קרוגן?

עמיהוד און קמואל האָבן געעפנט א קופּער־געשמידטע טיר פון א ברייטן קאַמער מיט בלויע ווענט. די ערד איז געווען באַדעקט מיט געוואַנטן, אויסגעשטאָפּט ווי וואָלענע קישנס. עס איז געשטאַנען א הויכער אכט־פוסיקער טיש מיט פיר היסב־שטולן. דורך די האַלב־אָפּענע פענצטער מיט פאָרהאַנגען, צונויפגעהעקלט פון קרויזן און קייטעלעך, האָבן אריינגעבלאָזן ריחות פון פּרוכטן און בלומען. אהליאָב האָט איבערגעביטן זיין אויבער־בגד אויף א דופּטיקן מאַנטל, וואָס איז געווען באַנייט מיט רינדער וואָס פּיטערן זיך אויף א פעלד. א נידעריקער באַדינער מיט א קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד האָט אין איילעניש אריינגעבראַכט צוויי וויין־קרוגן מיט הויכע העלדזער און טאַצן מיט בעכערס און האָרנס. ער האָט זיך ווידער אמאָל באַוויזן מיט א קאָרב מילגרוימען און מיט א בעקן באָקסער און מאַנדלען. בעת ער האָט באַדעקט דעם טיש מיט פּרוכטן און וויין, האָבן די צוויי קנעכט זיך געוואָלט לוסטיק מאַכן איבער די געסט. וואָס ווילן נישט אָפּווישן דעם שטויב פון זייערע פיס איידער זיי זעצן זיך צום טיש. אָבער דער בעל־הבית האָט מיט א האַנט־צייכן זיי פאַרטריבן.

אהליאָב האָט גענומען א האַנט מיט מאַנדלען און זיי געוואָרפן אויף די ציין. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— און פאַרוואָס רעדן אַלע אויף די גאַסן און מערק וועגן דעם ווייב פון קעניג? יעדער הויפמאַן און יעדער קאַמערדינער וויים צו דערציילן, אז אחאָב איז א שוואַכער זכר און דעריבער געוועלטיקט איזבל איבערן הויף. צו וואָס טראָגט מען ארוים די בושה ביז צו די געמאַרקן? דער מלך איז מיין פריינט! גענוג אז די פאַרשעמטקייט בלייבט צווישן די ווענט פון דעם קעניגס הויזגעזינד! פאַרוואָס פאַרמאָגן מיר נישט די פרייד הנאה צו האָבן פון דעם וואוילשטאַנד פון לאַנד, אָנשטאָט אריינצוקוקן דורך די שלעסער־לעכער פון די הויפקאַמערן?

— אויף די טירן פון אחאָב'ס הויף־קאַמערן טאָרן נישט הענגען קיין שלעסער! —האָט תקועי אויסגערופן.— יעדער מאַן פון ישראל זאָל מעגן אריינקומען און אָנקוקן דאָס הויז פון פאַרדאָרבנקייט.

אהליאָב האָט געלאַכט און אונטערגעיאָגט זיינע געסט:

— צום טיש, געסט מיינע! נענטער צום טיש! דו, תקועי, האָסט נישט געלאָזט זאַלבן דיין באָרד, און דיין באַגלייטער איתמר האָט געזאָגט, אז מיין

ברויט איז אזוי ווי ביי אשרן — פעט. ווייל איך אייך זאָגן, אז אויך מיין ווייז איז נישט געמישט מיט טרערן נישט קיין געטראנק פון יסורים, נאָר פרישער זאַפט, אויסגעקוועטשט פונעם פלייש פון די טרויבן פילן אָן מיינע קרוגן. לאָמיר אויפהייבן די בעכערס און טרינקען!

— זאָלן מיר אויפהייבן די בעכערס און טרינקען פאַר די טעג פון טרויער וואָס וועלן קומען? — האָט איתמר געפרעגט.

— מיר וועלן אויפהייבן די בעכערס און טרינקען פאַר די געבענטשטע טעג, ווען אונדזערע קעמלען פירן קיין מצרים גאָלד און זילבער, קופּער און ציגן-האָר, בלויע וואָל און ווערמילרויטע לייגענטיכער. מיר וועלן טרינקען פאַר די טעג, ווען אונדזערע לאַסט-חיות טראָגן ווידער קיין יהודה פעלן פאַר קליידער און שיטים-האָלץ פאַר הייזער-בוי, בשמים פאַר זאַלבונג און ריינעם אייל פאַר באַלייכטונג. זאָג מיר, תקועי, האָבן אונדזערע אור-עלטערן אונטער ירבעמ'ען געחלומט, אז פון ארם וועט מען רופן אונדזערע בוימייסטערס, זיי זאָלן דאָרט אויפשטעלן פּאַלאַצן און קאַמערן פאַר די מאכטהאָבערס? קעניג אחאָב אליין איז א רייכער בוימייסטער! ער האָט שיין געמאַכט אונדזערע שטעט און באַ-פעסטיקט אונדזערע וואַך-טורעמס. ער האָט, ווי זיין פאָטער עמרי, געלערנט ביי די מצריים די קונסט פון אויפריכטן הייזער און טעמפּלען. לאָמיר בענטשן דאָס גוטס און פאַרגעמען דאָס שלעכטס. איך באַשווער אייך, געסט מיינע, ברענגט נישט קיין בייז אויף אחאָב'ס הויז, ווייל דאָס שלעכטס וועט ווי א בראַנד-פייער אָנצינדן אַלע וואָוינערטער אין ישראל און אייער נקמה וועט שפּעטער אייך אליין באַשטראָפן.

אהליאָב האָט צוגעטראָגן דעם בעכער צו זיינע ליפּן, אָבער זיינע געסט האָבן אים נישט נאָכגעטון. תקועי האָט געקוקט אויף אים, נישט פאַרשטייענ-דיק, ווי אזוי זיין פריינט אין אָרעמקייט און אין וואוילשטאַנד קאָן בענטשן די פאַרדאַרבנקייט, וואָס שפּאַרט זיך ביז צום הימל. ער האָט זיך געריכט, אז דאָס ווייז אין זיין האַנט וועט פּלוצים ביטער ווערן און דער בעכער וועט ארויס-פאַלן פון זיינע פינגער. אָבער די האַנט פון דעם זאַטן מאַן האָט אפילו קיין ציטער נישט געטון. ער האָט לאַנגזאַם אויסגעזופּט די זיסע טראָפּנס ביז צום דעק, און דער קנעכט קמואל האָט אין איילעניש אָנגעפולט צום צווייטן מאָל דעם בעכער פון זיין האַר.

אין יענער רגע האָט דער צווייטער קנעכט, עמיהוד, אריינגעפירט חנינא'ן, וואָס האָט א דערשראָקענער ארויסגערופן תקועי'ן און איתמר'ן און פאַר זיי דערציילט, אז דער קעניג וועט היינט נישט נעכטיקן אין פּאַלאַץ. די שליחים זענען נאָר-וואָס צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אז אחאָב מיט זיינע רייטער זענען, אויף איזבל'ס פאַרלאַנג, אוועקגעריטן אין די בערג פון כרמל אויפצוזוכן

דעם מאַן פון גלעד און אים ברענגען צום משפט איבער דער היינטיקער פלוך, אַז קיין טוי און קיין רעגן זאָלן נישט פאַלן אין לאַנד.

מיט פאַרוואָלקנטע אויגן האָבן ביידע אויפגענומען די רייד. זיי האָבן אוועקגעשיקט חנינאָ׳ן און צווישן זיך האָבן זיי איבערגערעדט צו גיין אין פּאַלאַץ מיט אַ נאַכט שפּעטער. אָבער תקועי האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין טרויער צו אהליאָב׳ן, דעם אומגליקלעכן מאַן וואָס מיינט, אַז ער געניסט פון אַלע פריידן. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מילד געזאָגט:

— פאַרגיב מיר, אהליאָב, ווייל איך האָב נישט פאַרזוכט פון דיין שפּייז און נישט געזופּט פון דיינע געטראַנקען. ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל, אַז איך האָב אַ נדר געטון נישט צו טרינקען דעם וויין אין הויז פון די זאַטע אין שומרון. איך וויל אָבער יאָ בעטן ביי דיר צוויי גלעגערס אויף דער היינטיקער נאַכט. ביים ליכט פון פרימאָרגן וועלן מיר זיך שיידן.

אהליאָב האָט באַטראַכט זיין גאַסט מיט אַ געלאַסענעם שמייכל און געזאָגט:

— מיר וועלן זיך שיידן, תקועי, אַלץ אין באַשאַף שיידט זיך; אַלץ, וואָס גייט־דורך די ערד, באַגעגנט זיך ווידער. אין דעם לעצטן טאָג פון די טעג דערפליען אונדזערע מידע נשמות צו איין־און־דער־זעלבער נעסט. אין לאַנד פון פרעה האָב איך געלערנט, אַז דער סוף פון לעבן איז נישט קיין ברעג פון רו, נאָר אַ טויער וואָס פירט צו אַ ניי קעניגרייך. אַז מיר וועלן זיך טרעפן ביי יענעם טויער, תקועי, וועסטו מיט פאַרדרוס פרעגן: צוליב וואָס האָב איך מיט דיר געשטרייט, אהליאָב מיין ברודער?

— איך וועל דאָס נישט פרעגן! — האָט תקועי אויסגערופן.

— דו וועסט פרעגן, —האָט אהליאָב ווייטער גערעדט,— וועסט פרעגן! צוליב וואָס האָב איך געשלונגען טרערן, ווען זיסער געטראַנק איז געווען גרייט אויף דיין טיש? צוליב וואָס האָב איך געשפּייזט מיין גומען מיט זיפצן, ווען רייכע שפּייזן האָבן געוואַרט איך זאָל דערפון געניסן? צו־שפּעט וועסטו באַדויערן דיין פאַרשפּילט לעבן! און אַצינד גיי אַריין תקועי אין דיין שלאָפקאַמער. די שקלאַפין וועט אויסבעטן דיין געלעגער. און אויך דו, איתמר, גיי מיט אים! מיט די זעלבע פרידלעכע אויגן, וואָס איר האָט אַריבערגעטראָגן מיין שוועל, זאָלט איר איינזינקען אין דער רו פון דער נאַכט. ווען איר וועט איבערשלאָפן דעם צאָרן און אויפוואַכן מיט חרטה, קומט ווידער צו מיין טיש. האָניק און טייטלען, גערשטנברויט און זעמלמעל מיט אייל וועלן זיין אייער מאָלצייט אין פרימאָרגן.

אויף איר האַרס רוף איז די שקלאַפין, עיה, אַריינגעקומען. זי האָט אויסגעהערט אהליאָב׳ס רייד און לוסטיק באַטראַכט איתמר׳ן, דעם שיינעם מאַן,

וואָס איז צאָרנדיק און שטאַרק, אָבער ער נוצט נישט זיין קראַפט. ער איז דרייסט צו באַליידיקן דעם האַר פון הויז, אָבער שעמעוודיק א גלעט צו טון די שיינע דינסט, אזוי ווי עס טוען די סוחרים און שיפטרייבער פון צידון. דערנאָך איז זי א געהאַרכזאַמע, מיט א פאַקל אין האַנט, אוועק מאַכן די געלעגערס פאַר די אומפריינטלעכע געסט.

איבער דרייסיק שטיינערנע טעפ זענען תקועי און איתמר ארויפגעגאַנגען, ביז עיה האָט זיי צוגעפירט צו דער שוועל פון זייער שלאָף־קאַמער.

אויפן אויבערשטן שטאָק האָט איתמר געזען פאַרביילויפן א פּאָר יונגע, שעמעוודיקע פרויען אין טולענע שלייערס, מיט פּנימער פאַרדעקט ביז צו די נאָזרינגען. די פרויען זענען מיט א דינעם, גלעקלדיקן געלעכטער פאַרשוואונדן הינטער א פאָרהאַנג.

אין דעם שלאָפקאַמער האָבן ביידע זיך געזעצט אויף די בעטן. תקועי האָט אויסגעטאָן זיין אויבער־בגד מיטן בייטל און די סאַנדאַלן. די קמיע מיט דער מעשענער קייט האָט ער אָנגעטאָן אויף איתמר׳ס האַלדז, כדי די ריגלען אויף אחאָב׳ס טירן זאָלן זיך צומאַרגנס עפענען. ער איז איינגעשלאָפן מיט א שטיל געבעט אויף די ליפּן. אָבער איתמר איז געבליבן וואַך. ער האָט געטראַכט, אז זיין גאַסטגעבער אהליאָב הערשט אין זיין רייכן הויז אזוי ווי דער קעניג אין די קאַמערן פון זיין פּאַלאַץ. ער פאַרמאָגט תבואה־שפּייכלערס און קעבסווייבער; ער רייט ארויס צו די הירש־יאַגדן און לאָזט זיך וואַשן זיין לייב פון שיינע שקלאַפינס. ער עסט אויף א שעפּס ביים מאָלצייט און זיין הויט ווערט פעט ווי ביי א פאַלשן כהן. דערנאָך צאָלט ער אוודאי אין דער שטיל פאַר דעם גוטס מיט א בייטל שקלים און מיט א בראַנדאָפּפער אויף איזבל׳ס מזבחות. אָט דער מאַן איז נישט קיין רשע, נאָר פויל פון זאַטקייט. און מען קאָן אים געווינען אויף דער זייט פון די ווידערשפּעניקע. אָבער, ווי אזוי מאַכט מען אז ער זאָל פריער זיך אויפהייבן איבער די פאַרגעניגנס פון טאָג?

איתמר האָט צוגעשלאָסן די אויגן. די רו איז געקומען ריין און ליכטיק, אזוי ווי דער באַגינען־נעפּל וואָס הייבט זיך ארויס פון די טייכן און וועלדער אינעם לאַנד אפרים.

ז

איתמר האָט זיך אויפגעוועקט ביים ליכט פון באַגינען, וואָס איז געפלאָסן דורך אַלע עפענונגען פון דעם רייכן אהליאָב׳ס הויז. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין בעט און אָנגעטאָן זיין לייבראָק מיט די סאַנדאַלן. תקועי איז נאָך טיף געשלאָפן אויפן געלעגער קעגנאיבער און זיין שווערער אָטעם דורך די אָפענע ליפּן האָט צעבלאָזן די האָר פון זיין צעשויבערטער באָרד. איתמר האָט דערזען דאָס אויבערשטע פענצטערל אונטערן באַלקן. ער האָט אַראָפּגע־רוקט דאָס ריגל און אַרויסגעקוקט אין דער פאַרנעפּלטער גרויקייט, וואָס שיילט אַרויס דאָס ליכט פון דער פינצטערניש.

פייגל זענען אָנגעפלויגן מיט דער בשורה פון פרימאָרגן, און די פלעדער־מייז, וואָס זענען געטריבן געוואָרן פון דעם ליכט פון טאָג, האָבן געזוכט אַ באַ־העלטעניש אין די ווייטע גערטנער וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צו די וועגן פון מגידו.

אין אהליאָב׳ס הויף זענען די ניסביימער און די טייטלביימער געווען אָפּ־געגאָסן מיט טוי. רייפע בלומען האָבן אַרויסגעלאָזן זייער לעצטן אָטעם און יונגע שפּראָצן האָבן אָנגעטרונקען די לופט. פון דער ווייטנס האָט דאָס בי־לעריי פון די הינט זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען פון פוקסן. פון די באַרג־אַראָפּלאָזן, וואָס האָבן געפירט צום פלאַכלאַנד פון תירצה, האָט זיך פאַרטראָגן אַ טויב געקלינגעריי פון קעמל־גלאָקן.

אין איילעניש האָט איתמר זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די טרעפּ. אין דער אונטערשטער קאַמער איז אויף אַ שטענדער געשטאַנען אַ ליימענע קרוג וואַסער מיט אַ קופּערנעם בעקן. ער האָט אָפּגעגאָסן די הענט, און אין מיטן זיינע לויב־רייד צו באַשעפער, וואָס לייגט טוי אויף די פלאַנצן און צינדט־אָן דאָס ליכט פון טאָג, האָט ער דערהערט אַ גערויש הינטער יענער זייט וואַנט. עפּע־נענדיק די טיר צום הויף, האָט ער דערזען אַ געוויקסיקן האָריקן מאַן מיט האַרטע

קינבאקן איינגעוויקלט אין א געלער באָרד, ער האָט געהאַט א ברוינעם לייענעם טוך ארום שטערן און איינגעהילט איז ער געווען אין א לאַנגן, שוואַרצן דעק־טוך. זיין שפּיציקער קאָפּ האָט געהאַט א גראָבן וואָרצל איבערן רעכטן אויער. דער מאַן האָט לאַנג געקוקט אויף איתמר׳ן מיט א פּאָר גליענדיקע אויגן.

— ווער ביזטו, פרעמדער? —האָט איתמר געפרעגט.— און וואָס טוסטו אין אהליאָב׳ס הויף אצינד, ווען די שטערן האָבן זיך פאַרלאָשן?

דער פרעמדער האָט ארויסגענומען די הענט פונעם דעקטוך, און איתמר האָט דערזען זיינע שטאַרקע אָרעמס און אָנגעשוואָלענע פּלייצעס.

— איך הייס ברכיהו, —האָט ער געזאָגט,— איך בין דער זון פון דעם רייכן מילנער אבינועם, און מען רופט מיך: דער ווידערשפּעניקער, וואָס העצט די געהאָרכזאַמע און זאַטע. און דיך, איתמר בן צוער, וועל איך אצינד פירן איבער די מערק פון שטאָט, איידער דו גייסט זען דעם מלך.

— ברכיהו, — האָט איתמר איבערגעזאָגט דעם נאָמען,— מיין אָנקום אין שומרון איז א סוד און מיינע שליחים וועלן מיר באַגלייטן. פון וואַנען קענסטו מיין נאָמען און ווער האָט דיר דערציילט, אז איך בין אָנגעקומען אין שטאָט?

— אין שומרון טראָגן־אָן די פלעדערמייז די בשורות איידער זיי אַנטלויפן פון דעם ליכט פון טאָג. דיינע שליחים וועלן דיך באַגלייטן צו די קאַמערן פון קעניג, אָבער איך וועל דיך פירן צו דער גאַס פון ווידערשפּעניקע.

— וואו איז די גאַס פון ווידערשפּעניקע און ווער זיצט דאָרטן?

— די גאַס פון ווידערשפּעניקע ליגט אין טאָל, הינטערן טויער פון די שופרות. די טורעם־וועכטער אויפן הויז פון בעל זעען די גאַס, אָבער זיי שווייגן. דאָרטן ארבעטן די טעפּער אין זייערע וואַרשטאַטן און אהינצו קומען די באַרויבטע שטאָט־הענדלער, די פישערלייט און די פּרוכטן־ברענגער פון די דערפער, וואָס מוזן צאָלן שוחד איידער מען לאָזט זיי אריין אין מאַרק. ווען די זון גייט־אויף, באַווייזן זיך די סופרים און זיי לערנען מיט די ווידערשפּעני־קע ליבשאַפט און צאָרן.

— וועמען בענטשן די סופרים און וועמען טוען זיי שעלטן?

— זיי שעלטן די כהנים און פאַר דעם מלך האָבן זיי ליבערייד, ווייל אחאָב הייסט די חכמים לערנען תורה מיט קינדער און זקנים. ער האָט געעפנט לערנהייזער פון מירמלשטיין צווישן וויינגערטנער. דער קעניג וויל נישט קיין הונגעריקע לערער און ער טיילט־אויס פאַר זיי פונעם הויף־אוצר פעטע שפּייזן און קליידער. די צינזהאַרן טאָרן נישט צוקומען נאָענט צו די פרומע. שלעכט, איתמר בן צוער, אויך די פּאַרטיקע ווערן זאַט און געהאָרכזאַם.

— דו ווייסט מער וויפיל דו מעגסט, ברכיהו. אָבער געדענקסטו דען נישט אז פאַר די סופרים דאַרף יעדער מאַן אין ישראל דרך־ארץ האָבן און זייערע

מעשים זענען לויט די געבאָטן פון סיני? היטן זאָל מען זיך פאַר די מוסרים און יונגפרויען, וואָס די כהנים שיקן אַריין אין די מערק.

— נישטאָ קיין מוסרים צווישן די ווידערשפּעניקע און די יונגפרויען יאָגן זיך בלויז נאָך די תּלמידים פון די נביאים; ביז צו זייערע היילן אין מדבר יאָגן זיי זיך. איך האָב די שפּילערין תּורתונא, די דינסט פון איזבל, פאַרטריבן מיט חרפּה פון מיין קאַמער, אָבער דער פּאַרכטיקער אלישמע, איז שיעור נישט געשטרויכלט געוואָרן. איר כּישוף און באַטרוג איז אַ סכּנה, די זינדיקע קדשות קאָנען מיט זייער צויבער איינשלעפערן די פערד אין די שטאַלן און די פייגל אין די נעסטן. דער חכם אלישמע איז געווען אַלע טעג באַגליבט ביים מאַן פון גלעד, אָבער דער געטלעכער שליח וויל אים מער נישט זען, ווען ער קומט פון מדבר.

— איבער דער שפּילערין תּורתונא?

— ניין, אלישמע איז אַלט און פריי פון גלוסטונגען. די פּרוּוואונג פון אַלע זינדיקע פרויען איז ער בייגעקומען, אָבער ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ווידערשפּעניקן מאַן צו די וועכטער פון איזבל. דער שמיד גדעון, איז דורך די ריכטער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, ווייל ער האָט צעהאַקט אַ שטיינערנעם קאַלבגאָט. ער איז אַנטלאָפן אין הויז פון אלישמע, זענען געקומען אַחאַב׳ס וועכטער מיט וואָפן און אַרומגערינגלט די גאַס און פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרויסגעבן דעם פאַרמשפּטן איידער זיי וועלן אומברענגען אַלע באַוואוינער פון גאַס. איז דער פרומער אלישמע אַוועק אין גדעונ׳ס באַהעלטעניש און צו אים געזאָגט:
— שוין בעסער אַז דו אַליין זאָלסט געטויט ווערן, איידער מען זאָל אויסהרגענען אַלע באַוואוינער פון מיין גאַס. גדעון האָט אויסגעהערט זיין לערער און געענטפערט: — ביזט גערעכט, פּאַרכטיקער מאַן, גיב מיר אַרויס צו די וועכטער פון קעניג! און אלישמע האָט אים אַרויסגעגעבן צו די שליחים פון אַחאַב.

ווי ברכיהו האָט געהאַלטן אין דערציילן איז פון די טרעפּ אַראָפּגעקומען תּקועי, איינגעהילט אין זיין נאַכט־מאַנטל, אויף זיינע גרעדיכטע האָר איז געזעסן דער קאַפּטוך און איבערן האַלדז די מעשענע קמיע. תּקועי האָט געהאַט אויסגעווישט דעם שלאָף פון די אויגן. אויף זיין געלעגער נאָך האָט ער געהערט דעם אויפגערעגטן פרעמדן מאַן און ער האָט זיך געאיילט אַראָפּצוגיין און אויפווייזן זיין טעות.

— אלישמע האָט געטון דאָס, וואָס איז רעכט! —האָט ער זיך אָנגערופן.
— מען האָט אונדז געלערנט אַ דין, אַז ווען גזלנים באַפאַלן אַן עדה און זאָגן: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך, אַז נישט וועלן מיר אייך אַלעמען אומברענגען, טאָר מען קיינעם נישט אַרויסגעבן. אָבער ווען זיי זאָגן: גיב אונדז דעם

דאַזיקן, וואָס מיר רופן־אָן זיין נאָמען, — זאָל מען אים ארויסגעבן, כדי די אומשולדיקע אין דער עדה זאָלן נישט אומקומען.

ברכיהו האָט אָנגעשטעלט זיינע גליענדיקע אויגן אויף דעם הענדלער פון וואָל און געפרעגט מיט צאָרן:

— פון ווען אָן איז א מאן פון אייפער געגליכן צו א קרבן פון גזלנים? נישט אזוי זאָגט דער מאן פון גלעד. ווען דער תשבי האָט אויפגעהערט צו זען אלישמע'ן, איז דער חכם אריינגעפאלן אין טרויער און געפאסט. איז דער געטלעכער מאן ווידער צו אים געקומען און געזאָגט: דיין מויל, וואָס לערנט ליב צו האָבן דעם מענטש און דעם וואָרים, האָט ארויסגעגעבן א מאן פון אייפער צו די הערשער פון שלעכטס. נאָכן דין ביזטו גערעכט, אָבער דער דין איז נישט גילטיק פאר די גאָטפאָרכטיקע. נאָר הענדלער און קנעכט מעגן טון אזא פאררעטעריי. ווי קאָן איך זיך ווייזן פאר א חכם, וואָס דינט מלכות?

דער האָריקער מאן ברכיהו האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין דעקטוך, גרייט צו פארלאָזן דאָס הויז, אָבער איתמר האָט מיט א האנט־צייכן אים צוריקגערופן און פארמאכט הינטער אים די טיר.

— דאָס איז ברכיהו, — האָט ער געזאָגט צו תקועי'ן, — ער איז געקומען מיך פירן אין די פארבאָרגענע גאסן פון שטאָט. איך וויל גיין מיט אים, תקועי. איך וועל פארלאָזן דאָס הויז איידער אונדזער גאסטגעבער וועט אראָפּקומען מיך רופן צום מאָלצייט. ביז צום זונאונטערגאנג וועל איך דורכגיין שומרון. איך וועל זען דאָס, וואָס טאָר נישט געזען ווערן און הערן דאָס, וואָס איז פארבאָטן צו הערן, כדי, אז ווען איך וועל שטיין פארן מלך, זאָלן מיינע מחשבות זיין ווי קלאָרע וואסערן און מיינע רייד ריין, ווי דאָס פייער אויפן מזבח.

תקועי האָט אָפּגעבונדן דעם בייטל פון זיין גארטל און דערלאנגט דאָס זילבער איתמר'ן.

— גיי, איתמר, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל בלייבן און נישט פארשעמען אונדזער גאסטגעבער. מיין פריינט אהליאב איז פארפירט, אָבער ער איז א מכניס־אורחים מיט אן ערלעך הארץ. אין טויער פון שטאָט וועלן שפעטער וואַרטן מיינע קאראוואנען אויף לאָדונג. און דו, גיי דיר דורך די אונטערשטע גאסן און קוק־אָן די באוואוינער וואָס ליידן פון אומרעכט. וועסט רעדן מיט די פרידלעכע לערער און האָרכן דעם פאָרכטיקן אלישמע, וואָס איז אצינד געשטראָפט; ער איז אָבער א רודף־שלום, און דו זאָלסט זיך נישט זעצן ביי זיין צופוסנס.

איתמר האָט אָנגעקוקט ברכיהו'ן מיט א פרייזלעך פנים און געפרעגט:

— זע איך דען אויס ווי איינער, וואָס איז געהאָרכזאם צו א רודף־שלום?

— האָסט געפרעגט און געענטפערט, — האָט ברכיהו געזאָגט. — ווי לאנג

דיינע אָרעמס האָבן גבורה און דיין צונג פייער, וועסטו בייקומען די, וועלכע לאָזן נישט פאַלן א האָר פונעם קאָפּ, וואָס טראָגט די קרוין פון ישראל.

איתמר מיט ברכיהו׳ן זענען שוין געווען גרייט ארויסצוגיין, ווי דער באַדינער קמואל איז ארויסגעקומען פון דער שפּייז־קאַמער מיט א קופּערנעם טאַץ, באַלייגט מיט ברויט, האָניק און טייטלען. אויפן וואונק פון תקועי׳ן האָבן אַלע דריי צוגענומען דאָס שפּייז. זיי חאָבן געלויבט דעם האר פון דער וועלט, וואָס מאכט וואקסן דאָס ברויט אויף די פעלדער און פולט־אָן מיט זאפט די טייטלען אויף דיביימער. דערנאָך האָבן איתמר מיט ברכיהו׳ן געטונקען דאָס ברויט אין האָניק און פארביסן די געפּרעסטע פרוכטן און זיי האָבן זיך געזעגנט מיט תקועי׳ן.

מיט איילנדיקע טריט האָבן זיי דורכגעשפּרייזט דעם גערטן, פון וואַנען די ריחות פון האָניק־בלומען און פרוכטן האָבן פארשמעקט די הייפן ביז צום הויז פון בעל. ביים טויער האָט איתמר זיך אומגעקוקט. דאָס רייכע הויז איז געווען איינגעטונקען אין פייגנביימער. דאָס ערשטע פייער פון דער אויפגייענדיקער זון האָט געצונדן די טורעמלעך פון די פייגל־שטיינער, טויבן־שלאַקן און פערד־שטאַלן. די דינע וועגעלעך צווישן די פלאַנצן זענען געווען אויסגעפלאַסטערט מיט צעקרישלטן מירמלשטיין.

זיי זענען אָנגעקומען אין דער מארק־געגנט. הילצערנע ארקאדן און לייַמענע זיילן האָבן ארומגערינגלט די בוידן און שטענדערס צווישן די אונטערשטע גאַסן און בארג־טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די אויבערשטע ווייסע הייזער. דער טאָג איז ערשט אויפגעגאנגען, אָבער דאָס געפילדער פון די הענדלער, וואָס האָבן אויסגעשפּרייט די טעפּיכער און אויסגעלייגט זייערע סחורות, האָט זיך שוין געטראָגן ביז אונטערן הימל.

דער מארק אין שומרון איז אין די פרימאָרגנס געווען פול מיט קעמלען־קאַראוואַנען, פערד און מויל־אייזלען. דאָ האָבן זיך געטראָפן גערטנער און תבואה־סוחרים פון אַלע עקן לאַנד. וואָל־פלאַנצער און פי־ציכטער האָבן געצויגן פון צפון, און וויין־הענדלער זענען אָנגעקומען פון יהודה. עס האָבן זיך באוויזן די טעפּער פון גליל, די קוישן־פלעכטער פון צור און די אייגנטימער פון קופּער־גריבער אין עבר־הירדן. דאָ האָט מען געקאָנט באגעגענען די צורשטעלער פון זיידענע געוואנטן און געווירצן פון דמשק, און די האָלץ־פארקויפער פון לבנון.

די איינקויפער האָבן זיך נאָך נישט באוויזן, אָבער די הענדלער זענען שוין געשטאַנען הינטער זייערע שטעלן און בוידן, וואָס זענען געווען באַלויכטן מיט רויכערנדיקע אייללאָמפּן. איתמר, וואָס חאָט דורך די פארגאנגענע יאָרן נישט אָנגעקוקט קיין טייערע געוואנטן, צירונג און בשמים, האָט איצט אָנגעשטעלט

די אויגן אויף די קאָלירטע ליינען, בראָנזענע אָרעמבענדער און זיידענע קאָפּטיכער.

א הענדלער מיט א צאָפּ, פארוויקלט ווי א שלאנג ארום זיין קאָפּטוך, האָט זיך געשפּילט מיט א שנירל פּערל. ער האָט דערזען איתמר׳ן צווישן די בוידן און איז אים אקעגנגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— אהער! צו מיר, אהער! —האָט ער גערופן.— דערנענטער זיך, שטארקער מאן! פון וואנען קומסטו? פון לבנון? דיין גוף איז ווי א צעדער און די קייטן אויף דיינע אָרעמס וועלן מוזן צעגיין ווי פלאקס אויפן פייער. וואָס ווילסטו פאר דעם ליכט פון דיין הארץ? רויטע קרויזן פארן קאָפּ? א האלדזבאנד פארן נאקן, אָדער גאָר א זילבערנעם האָר־צוואנג? קוק־אָן מיינע גאָלדענע פוסרינגען מיט די דינע גלעקלעך, וואָס וועלן אָנזאָגן דאָס אָנקומען פון דיין געליבטער. דאָס צירונג איז אויסגעארבעט אין צידון, נישטאָ קיין פיינערע שנירלעך פערלמוטער פון מיינע אפילו אויף די מערק פון מצרים.

פון צווישן קאָלירטע געוואנטן און בראָנזענע קרוגן, האָט זיך ארויסגעהויבן דער גרויסער קאָפּ פון א צווייטן מארק־הענדלער. ער האָט געהאט א קין פון א סרים און א קול פון א ציגענבאָק, און ער האָט געשריגן:

— ליגנער זענען די צידונים און פאלש זענען זייערע צינגער! קרויזן און האלדזבענדער טוט מען אָן די קעבסווייבער און זונות! וואָס קויפט א מאן פאר א יונגפרוי, וואָס צו איר באגערט ער? — א דופטיקן מאנטל, וואָס זאָל איינוויקלען איר ווארעמען לייב, און געווירצן, וואָס זאָלן מאכן שמעקן איר שוים. קום צו מיר, גיבור פון אפרים מיט דער באָרד פון אן אַדומי! מיינע איילן און בשמים וועלן וואשן איר קערפּער ווי דער טוי וואשט די בלומען, און מיט מיינע זאפטן וועסטו קאָנען לעשן דאָס פייער פון אלע דורשטיקע דינסטן ביי דער קעניגין.

ברכיהו האָט אויפגעהויבן זיינע פויסטן מיט דראָאונג:

— היט זיך, איר אומווירדיקע, צו פארשטעלן דעם וועג! —האָט ער צאָרנדיק אויסגערופן.— אייערע באגערן זענען פארדאָרבן און אייערע רייד זענען אזוי פאלש ווי דאָס צירונג, וואָס איר פארקויפט. הלוואי זאָל אָנלויפן דער געטלעכער מאן פון גלעד און אָנטראָגן א ווינט, וואָס זאָל איבערקערן אייערע בוידן און פונאנדערבלאָזן די סחורות, וואָס איר גרייט־אָן פאר די זוויפערס און שפּילערס — צו די פיר רוחות! אייערע געווירצן זענען ערגער פון סם און אייערע געוואנטן זענען מיאוסער פון די קליידער, וואָס עס טראָגן איזבל׳ס כהנים. לאָזט דורך, געצנדינער! מאכט פריי דעם וועג, חונפים!

ער האָט שוין געהאט הינטער זיך די מארק־הענדלער און איז צוגעקומען צום אָרט, וואו עס האָבן געקניט קאראוואנען מיט קעמלען און פערד האָבן גע־

געסן זייער פּאַשע. פון די אַרומיקע גאַסן האָט זיך געטראָגן אַ רעש. דאָס ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון האָט באַלויכטן די שפּיצן טויערן. ברכיהו׳ס צאָרן האָט נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם האַנדל. פוסגייער און רייטער האָבן אַצינד געצויגן פון באַרג און טאָל צו די בוידן. יונגען מיט לאָגלען האָבן פאַרקויפט געטראַנקען. פרויען האָבן זיך אויסגעזעצט שפּינען ליינען פון פלאַקס. די הענדלער האָבן העכער געלויבט זייערע סחורות און באַגלייט זייערע רייד מיט שבועות. די קויפער האָבן זיי נישט געגלויבט, צוערשט זיך אויסגעדונגען און דערנאָך געעפנט די בייטלען.

איתמר האָט מיט באַוואָרעניש באַטראַכט זיין באַגלייטער און געזאָגט:

— פאַרוואָס צאָרנסטו אויף די הענדלער, ברכיהו? זעסטו דען נישט אַז זיי זענען געהאַרכזאַמע באַוואוינער, אונטערטעניק צום מלך און זיינע געזעצן? דיין צאָרן אויף די מענער אין גאַס איז צו־פרי. מען טאָר נישט העצן דאָס פאָלק, ברכיהו, איידער מען באַוואָפנט די הויף־וועכטער קעגן דעם קעניגס הויז. די גערעכטע מוזן וואַרטן ביז די טרויבן וועלן רייף ווערן.

— היינט ביינאַכט וועלן די טרויבן זיין רייף! —האָט ברכיהו אויסגערופן.

—ברכיהו, איך קום היינט צום מלך ווי אַ פאַרשטעלטער שליח פון פרידן. אויב דו ביזט געווען צוזאַמען מיט די קאַמער־דינער חנינא און אבניה, ווייסטו, אַז עובדיהו, דער שרה פון אחאב׳ס הויז, איז מיט די גערעכטע און ער וויל נישט לאָזן דערנידעריקן דעם קעניג, סיידן ער וועט זיך נישט פאַרענטפערן פאַר די רעכטפאַרטיקע. אפילו דער בעטלער און דער קנעכט ווערן אויסגעהערט דורך די שופטים פון שומרון. מען טאָר נישט קומען צום מלך ווי אַ גאַסט און פאַרשעמען די קרוין פון ישראל.

— די קרוין פון ישראל איז שוין פאַרשעמט דורך אחאב׳ס ראַטגעבער און איזבל׳ס מכשפות.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די אָרעמע גאַסן אין שומרון. ווייט הינטער די רוענדיקע קאַראַוואַנען האָבן זיך אַרויסגעזען ברייטע גראָז־פּלאַכן און ווע־געלעך אויסגעפּלאַסטערט מיט שפּיציקע שטיינער. דאָרט איז געווען אַ בויד פון אַ בעקער, אַ יאַטקע־קלאָץ פון אַ קצב, אַ קאַמער פון אַ שוסטער, און אין מיטן האָבן זיך אַרומגעדרייט ציגן און שעפּסן. די דורכגאַנגען צו די הייפן זענען געווען פאַרצאַמט מיט הויכע קאַרבן און זעק, אָנגעשטאָפּטע מיט גרינס און פּרוכטן. פאַר אַ שורה ברייטע הילצערנע קלעצער זענען געשטאַנען אַ שע־רער, אַ רופא און אַ מכשף און געוואַרט אויף באַוואַקסענע מענער, אויף קראַנקע און בעלי־מומים און אויף אַזעלכע וואָס ווילן גענעזן ווערן דורך אַ צויבער.

ביידע, דער קריגסמאַן פון תירצה און דער ווידערשפּעניקער רייכער זון פון שומרון, זענען צוגעקומען צו אַן אויסהויל אין דער ערד, וואָס איז געווען

אונטערגעשפּאַרט מיט הויכע, דיקע זיילן. דער אויסהויל האָט געעפנט נייע גאַסן צום דרום־טייל פון שטאָט. א שמאָלער וואַסער־שטראָם איז געפלאָסן לענג־אויס די שיטערע וויינגערטנער. נעבן א גראַניט־וואַנט זענען געשטאַנען צוגעבונדן עטלעכע פערד, וואָס האָבן, לויט די קאָלירן פון די זאָטלען, גע־שטאַמט פון דעם קעניגס שטאַל. דאָס האָבן די נאַכט־וועכטער זיי איבער־געלאָזן, איידער זיי זענען אוועק טוישן די וואַך. איתמר האָט געגלעט די רוקנס פון די פערד און איז נאָכגעגאַנגען ברכיהו'ן צום אָפענעם וועג.

א הינקענדיקער חלפן, מיט זעקלעך מטבעות אָנגעהאַנגען אויף זיין בויך־גאַרטל, איז אקעגנגעקומען און אָנגעבאָטן גאָלדענע און זילבערנע קלינגערס פון צור און פון מואָב און פון לאַנד פון די פּלישתים. ער האָט געטראָגן א לייבראַק אָן ארבל און געהאַט א טרויעריק פּנים. איבער זיין רעכטער באַק איז געווען דער שניט פון א שווערד.

אָבער ברכיהו האָט נישט געהאַט קיין רחמנות אויף דעם בעל־מום און אים געטריבן פון זיך:

— אוועק, אומנוצלעכער!

— די מצריים פאַרקויפן דאָס אייביקע לעבן און איך פאַרקויף דאָס, וואָס האָט דאָס אייביקע ווערט! —האָט דער חלפן אויסגערופן.— האַנדלט איין די מטבעות! מען קאָן דערפאַר קויפן וואָל און שקלאַפן. ביליק, האַר! דאָס געלט פון מואָב איז ביליק, ווילאַנג זייער פאָלק צאָלט צינזן צו ישראל.

— פון די אויבערשטע גאַסן קום איך, —האָט ברכיהו געערעדט שטרענג.

— איך גיי דורך די באַרגשטאָט פון איין טויער צום אַנדערן און איך רוף די גייציקע און די לעסטערער, זיי זאָלן זיך גרייטן צום טאָג פון אָפּרעכענונג. ווייסטו דאָס, אומריינער?

— איך ווייס.

— אויב דו ווייסט, פאַרוואָס דרייסטו זיך צווישן גלוסטיקע און גייציקע? אז דו דינסט אזוי פרי צום גאָלד, ווען האָסטו צייט צו דינען דעם האַר פון דער וועלט?

— צום האַר פון דער וועלט האָב איך אָפּגעזאָגט די תפילה פאַר זונאויפ־גאַנג. איך שווער ביי מיין טאַטער פועה, וואָס ברענגט פרוכטן אין מאַרק! איך זיץ נישט ווייט פון דער גאַס פון סופרים. אָבער צו לערנען פעלט מיר אויס דער שיין פון טאָג און איך קען נישט די שריפט פון מגילות. איך האַנדל מיט מטבעות, ווייל איין סופר האָט מיר געזאָגט, אז נישט אַלע ווערן קלוג פון פאַר־קויפן וואָל און פלאַקס. און איך האָב געהערט ווי א צווייטער האָט געלערנט, אז ווער עס וויל קריגן וויסן, זאָל אריינקוקן אין די דינים פון געלט, ווייל זיי

זענען אַזויפיל, ווי די טראָפּנס וואַסער אין אַ טײַך וואָס פּלייצט אַריבער די ברעגן.

דער חלפן האָט נאָך געקלונגען מיט די זעקלעך מטבעות, אָבער איתמר מיט ברכיהו'ן האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן איבער די טרעפּ, צו דער גאַס פון ווידערשפּעניקע, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן הויכע, בלינדע מויערן. פון דער ווייטנס האָבן זיי געזען ווי דאָס בלויע וואַסער פון אַ שמאָלן בעקן שוינקט די גראַניט־שטיינער אַרום דעם באַרג. וואו עס שטייט דאָס הויז פון בעל. דאָס טויער פון די שופרות האָט זיך אַרויסגעהויבן איבערן הויז פון געצנדינסט. זיבן אָפּגעטער מיט קעלבערנע קעפּ, אויסגעהאַקטע פון ראָזן מירמלשטיין, זענען געשטאַנען לענג־אויס דעם בעקן און זייערע אָפּבילדער האָבן זיך געשפּיגלט אין וואַסער. איבער די ווייכע, גרינע קעפּ פון די לינדענביימער זענען געפלויגן בושלען אין אַ דרייעק און פון אַ טאָל האָט זיך פאַרטראָגן דאָס געשריי פון באַהאַלטענע נאַכט־פייגל.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, און די נידעריקע גאַס פון די ווידערשפּעניקע איז געווען פול מיט געפּילדער פון די אָנגעקומענע, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויסצוהערן די נייעס פון דעם געטלעכן מאַן פון גלעד, וועלכער האָט מיט אַ טאָג פריער דערצאָרנט דעם מלך און די מלכה מיט דער קללה, אַז קיין טוי און קיין רעגן וועט נישט פאַלן איבערן לאַנד.

דער פרימאָרגן איז נישט געווען אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע טעג פון שומרון. די אָפּגענאַרטע שטאָט־הענדלער האָבן זיך שוין באַוויזן. די טעפּער האָבן אויף די שוועלן געקלעפּט כלים פון ליים. דער בעקער האָט אָנגעטראָגן זיינע געבעקסן פון פרישן זעמל־מעל. דער פּרוכטן־הענדלער האָט געבראַכט פייגן, טייטלען און ווייַנטרויבן. דער מילך־יונג האָט דורכגעשטופּט זיינע ציגן צווישן די דורכגייער, און פון מויל צו אויער האָט מען איבערגעגעבן פון דעם פּחד וואָס איז באַפאַלן אַחאָב'ס הויז. צווישן די גאָטפּאַרכטיקע האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן שוין געשפּירט, ווי דער פייערדיקער אָטעם פון הימל פאַרברענט די געוויקסן פון דער ערד, ווייל דער אַלמעכטיקער האָט איי־בערגעגעבן די שליסלען פון רעגן צום מאַן פון גלעד.

די נייגעריקע האָבן געפרעגט און די קלוגע האָבן געענטפערט, אַז די שטראָף פון טריקעניש קומט דערפאַר, ווייל אַחאָב האָט געבראָכן דעם חרם, וואָס גאָט האָט אַרויפגעלייגט אויף יריחו, און ער האָט געהייסן זיין שרדה חיאל צוריקבויען אירע מויערן. פון די באַרויבטע שטאָט־הענדלער און פישער־לייט האָט איתמר געהערט די פלוך־רייד, וואָס זענען אַצינד געפאַלן אויפן קאָפּ פון אַחאָב'ס בוימייסטער חיאל. ברכיהו איז אַוועק אויפזוכן דעם פרומען אלישמע, און איתמר האָט זיך אַליין געפרעגט: פאַרוואָס האָבן די הערשער

אין שומרון פארגעסן אָן דער קללה פון יהושע בן נון, וואָס האָט געוואָרנט, אז ווען דער בויער פון יריחו וועט לייגן דעם גרונטפעסט פון די מויערן וועט שטארבן זיין בכור, און ווען ער וועט אריינשטעלן די מויערן פון שטאָט וועט שטארבן זיין יינגסטער זון? צי זענען דען וויניק געזעצן אויסגעשטעלט אין שומרון, אז חיאל פון בית־אל האָט געמוזט צוריק באפעסטיקן די שטאָט פון זינד?

און ווען איתמר האָט א פארטראכטער זיך פארקוקט אויף די טעפער, וואָס זענען געזעסן אויף די שוועלן פון זייערע ווערקשטאטן און געקלעפט קרוגן און טעפ פון ליים, איז פון א טויער ארויסגעקומען ברכיהו. ער האָט געפירט א חויכן זקן אין א ווייסן וויקל־מאנטל מיט א זיידענעם קאַפּטור. דאָס איז געווען דער פרומער אלישמע, וואָס דער מאן פון גלעד האָט אויף אים גע־צאָרנט. דער חכם האָט געזאָלט זיין דערשלאָגן ווי א קנעכט, אָבער ער האָט געשפרייזט ווי א שר. זיין ברייטער קאָפּ איז געווען איינגעראַמט אין א ווייַ־סער באָרד, פארשוירן ווי ביי די מענער פון אשור. דער אייפערדיקער ברכיהו האָט איצט אונטערטעניק געקוקט אין די אויגן פון דעם פרומען מאַן און געפרעגט:

— וואָס וועסטו זאָגן צו דער שטראָף פון טריקעניש, אלישמע? קומט דען נישט די פּלאָג אויף אונדז דערפאר וואָס בלויז זיבן טויזנט אין גאנץ ישראל דינען צו יהוה? און ווי לאַנג וועלן די חכמים לערנען אונטערטעניקייט צו אַחאָב׳ס מלוכה און געהאָרכזאמקייט צו די דינער פון בעל?

דער זקן האָט צעשפרייט די הענט, ווי ער וואָלט געטריבן פון זיך די מאָ־נענדיקע רייד. א מחנה הענדלער און ווערקמייסטער האָבן אים ארומגערינגלט. טייל האָבן געקוקט אויף אים מיט אָפּשיי און טייל מיט צאָרן.

— זיבן טויזנט, צי זיבן מאָל הונדערט טויזנט, —האָט אלישמע געזאָגט, — אלע צאָלן זענען גילטיק פאר דעם האר־צבאות. בלויז ווען ישראל גייט ארויס אין מלחמה, ציילט מען די קעפּ אין דער מחנה. האָט דען יעקב נישט אראָפּגענידערט מיט זיבעציק נפשות אין מצרים, צווישן א פאָלק וואָס דינט די געצן פון דער זון און פון די שטערן, און צי האָבן דען יעקב׳ס קינדער זיך נישט געמערט און געשטארקט? דער פאָטער און דעם פאָטערס פאָטער פון דעם היינטיקן מלך, וואָס איז א לעסטערער, זענען געזאַלבט פון די נביאים, און כהנים האָבן זיי געבענטשט. זייערע אומווירדיקייטן וועלן פארטריבן ווערן פון דעם ווינט אין מדבר, אזוי ווי די פלעדערמייז ווערן פארטריבן פון דעם ליכט פון טאָג. זאָגט זיך נישט אָפּ פון גאָטס לערע. דער בעל פעור און דער בעל שמים און דער בעל פון צידון וועלן פארשווינדן פון לאנד און בלייבן וועלן די לוחות, וואָס משה האָט אראָפּגעבראכט פון סיני.

— ווי קאָן א קעניג זיין אַ גאַבעיטער, ווען מיט זיין צעפּטער גיט ער ארויס פרעמדע דינים צום פאָלק? און ווי קאָנען זיינע פאַלשע כהנים זיין לערער פון שומרון, אז זיי דינען צו עשתורת און צו דער אשרה?

— די פאַלשע כהנים וועלן אוועק, ווי דער רויך פון דעם בראַנדפּייער אויף זייערע מזבחות, און בלייבן אין גאָטס הויז וועלן די אמתע כהנים, און דער אמתער כהן איז אַ דינער פון אלמעכטיקן, וואָס דער קעניג אליין שטייט פאַר אים אויף זיינע קניען, און דער רייכער איז ביי אים דער זעלבער ווי דער בעטלער.

פון דער מחנה האָט זיך ארויסגעריסן א דערצאָרנטער מאַן אין אַן אויפגעפּנטן דעקטוך. און ער איז אקעגנגעלאָפן דעם חכם און געשליידערט אים אין פנים ביטערע רייד:

— אלישמע, אלישמע! פארוואָס איז ביי דיר דאָס נפש פון א גאָט־פאַרכטיקן מאַן געוואָרן אזוי ביליק, אַז דו האָסט אים ארויסגעגעבן צום קעניגס שלעגער, און צו די זינדיקע טואונגען פון די הערשער ביזטו מילד? גע־דענקסטו דעם שמיד גדעון? זיין בלוט שרייט פון דער ערד! די פרומע באַ־וואוינער פון שומרון האָבן אויף דיר געצאָרנט; דער נביא האָט זיך מיט דיר געקריגט, און דו, אלישמע, זעסט נישט אצינד דעם בארויבטן הענדלער און דעם אָפּגעגאַרטן פישערמאַן, און דעם באגזלטן קעמלטרייבער? פארוואָס וועקסטו נישט יעדן מאַן פון ישראל צו אַ בונט? ביזטו דען נישט איינער פון די שרים פון דער תורה?

דער זקן האָט זיך געלאָזן אויסגעדרייט צו דעם דערצאָרנטן מאַן און צו די, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען און געזאָגט:

— די שרים פון דער תורה פעכטן נישט מיט דער שווערד. אונדזערע הענט, וואָס וויקלען מגילות, זענען צו־שוואַך צו האלטן שפּיזן און פיילבויגנס. ווי קאָן דער מאַן פון פּאַרמעט רופן די מורדים קעגן אַ געזאלבטן קעניג? ווי־דערשפּעניקייט איז ווי שטאַרקער וויין, און פיינטשאַפט איז ווי דער זינדיקער באַגער צו דער פרוי. היט זיך פאַר די כוחות וואָס נעמען אוועק די רו פון דער נשמה.

— וויין מאַכט פריילעך דאָס האַרץ! — האָט א פרוכטנטרעגער מיט חוצפּה אויסגעשריגן.

— ווער עס געדענקט. אז וויין מאַכט פריילעך דאָס האַרץ, דער טאָר נישט פארגעסן, אַז איין בעכער וויין פרישט אָפּ, ווי דער טוי אין פרימאָרגן; צוויי בעכערס וויין מאַכן לויז די צונג, און דער, ווער עס טרינקט־אויס א פולן לאָגל, ווערט שפּעטער געפונען אויפן מיסט־הויפן, בארויבט און געשלאָגן. איר זאָלט בייקומען די באַגערן פון זינד! שוינט די קרוין פון ישראל! עס איז ווייניק

וואָס אחאָב איז דער קעניג פון שומרון, ער איז דער שאָטן פון דעם מלכות, וואָס איז העכער פון דער ערד.

אַ דאַרער מאַן מיט אַ בלאַס, געפּייניקט פּנים, אין זאַק־לייוונט און מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן האָט זיך דערנענטערט צום זקן:

— חכם אלישמע! האָבן מיר דען נישט געלערנט פון פּאַרמעט, אַז דער גאָטפאַרכטיקער קאָן פאַרלירן אַפילו דעם פאַרשטאַנד, אויב ער נעמט זיך אָן דעם צאָרן פון גאָט־צבאות?

— דער גאָטפאַרכטיקער, וואָס פאַרלירט זיין פאַרשטאַנד צוליב גאָט־צבאות, אים משפּט נישט די תורה; דער גאָטפאַרכטיקער, וואָס פאַרלירט זיין פאַרשטאַנד צוליב חכמה, בלייבט גערעכט. און דער וואָר עס פאַרלירט זיין חכמה צוליב פאַרשטאַנד, וועט אַראָפּגיין אין טאָל פון טויט.

די מחנה הינטער דעם פרידלעכן זקן איז געוואָרן גרעסער. ברכיהו איז מער נישט געווען דער איינציקער באַגלייטער זייַנער, און איתמר איז שוין גע־ווען ווייט פון דעם אומצופרידענעם אַנלויף.

אויף אַ מויל־אייזל איז אָנגעריטן אַ קנאָביקער משמש, מיט אַקסלען אי־בערגעבויגענע ווי אַ קעמל־האָרב. צוקומענדיק צו דער מחנה, איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער לאַסט־חיה און זיך געשטעלט ביי דער רעכטער זייט פון דעם חכם אלישמע. זיינע האַרע פינגער האָבן געגראַבלט אין דער געלער באָרד, וואָס איז געוואַקסן אין דער ברייט און זיינע וווייכע ליפּן האָבן זיך באַנעצט, ווען ער האָט געערדט זיינע געלאַסענע רייד:

— אויב עס איז אונדז באַשערט מיט ווייסע בערד און ווייסע קעפּ צו זינקען אין די נעפּלען, וואו עס באָדן זיך אונדזערע מחשבות, זאָלן מיר בעסער וויטער טויב בלייבן צו די רייד פון בונט און אייַנזינקען אין די טיפע ימען פון דער קלאָרער לערע און לויטערע תפילות.

אין מיטן גערודער איז פון הינטערווייל־עכץ אָנגעקומען אַ היציקער מאַן אין אַ רויטן, געפּרעסטן וויקלמאַנטל, וואָס האָט צוגעדעקט זיינע פּיסקנעבלעך. ער איז געווען יינגער אין יאָרן און געשווינדער אין גאַנג. אין גרויס אייַלעניש האָט ער געראַמט פאַר זיך אַ וועג צו שיצן זיין לערער.

— כבוד פאַר דעם שר פון תורה! —האָט ער געשריגן.— כבוד פאַר דעם לערער פון פּאַרמעט! פאַרוואָס ליאַרעמט איר צוליב דעם טרעגער פון דער קרוין אין שומרון? לאָזט דורך! מאַכט פריי דעם וועג פאַר אלישמע, ווען ער גייט נעמען טבילה אינעם ריינעם קוואַל. ווייסט איר דען נישט, אַז אַ חכם קומט אַפילו פריער פון דעם מלך פון ישראל? אַ חכם, אַז ער שטאַרבט איז נישטאָ קיינער וואָס קאָן פאַרנעמען זיין אָרט; אַ מלך, אַז ער שטאַרבט, איז יעדער מאַן פון ישראל ווערט צו פאַרנעמען דאָס מלכות.

די מחנה איז געוואָרן שיטערער. די אומצופרידענע האָבן אָפּגעטראָטן פון וועג און די אייפערדיקע זענען געבליבן וואַרטן ביז דער היציקער מאַן וועט צוקומען צו אלישמע׳ן. אלע האָבן דערקענט דעם יונגן חכם יצהר בן רעואל, א תלמיד פון דעם זקן, וואָס האָט שטילערהייט געהאָלפן אויסבאַהאַלטן די יונגע נביאים פון איזבל׳ס נקמה, וואָרום ער איז געקומען אין פּאַלאַץ לערנען מיט די פּרינצן. ער האָט אָבער געפּרעדיקט פאַר די באַוואוינער פון שומרון אונטערצודריקן ווידערווילן און בייצוקומען באַגערן. יצהר האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און גערופן:

— צעגייט אייך, אויב די דינים פון ישראל זענען רעכטפאַרטיקע אין אייערע אויגן. צי ווילט איר דען אַרויסרופן די וועכטער מיט שפּיזן אויף אונדז? ישראל וויל נישט פאַרטרייבן דעם געזאַלבטן קעניג! שווינט דאָס שענסטע הויז אין שומרון! אויב די ערד, וואָס אויף איר טרעט דער קעניג, וועט ווערן אונטערגעהייצט מיט פייערפאַקלען און פיילן וועלן געוואָרפן ווערן דורך די פענצטער פון זיינע קאַמערן, ווי אַזוי קאָן מען זיך ריכטן, אַז די איבעריקע זיילן פון קעניגרייך זאָלן נישט איינפאַלן?

— זאָלן די זיילן איינפאַלן! — האָט א הענדלער זיך צעשריגן און אַראָפּגעריסן פון זיך זיין קאַפּטוך. — יצהר בן רעואל! ווי לאַנג וועסטו צו אונדז רעדן פאַלשע טרייסט? איז נישטאָ קיינער מער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר די באַגזלטע און פאַר די געליטענע פון באַטרוג? די חכמים זיצן געבייגענע איבער די מגילות און פרומע קריגסלייט טאָרן נישט אַרויסציען זייערע שווערדן! ווער וועט אויסגלייכן דעם אומרעכט צווישן דעם באַרויבטן און דעם הערשער? ענטפער אונדז, יצהר בן רעואל! ענטפער דו, וואָס לערנסט מיט אונדז די שריפט פון פאַרמעט!

— דער נביא! — האָט יצהר אויסגערופן. — דער נביא, וואָס גלייכט־אויס די אומרעכטן צווישן ישראל און דעם אלמעכטיקן, וועט אויך אויסגלייכן דעם שטרייט צווישן דעם מלך און גאָט־צבאות! היינט איז ער אין חורב און מאָרגן וואַנדערט ער אין כרמל און א טאָג שפּעטער רוט ער ביים באַך כרית, אָבער ער איז דאָ און באַווייזט זיך מיט דער שליחות פון יהוה. ער איז צאָרנדיק און אומדערשראָקן! ער איז א ברענענדיקער פלאַמפייער בייטאָג און ווי א לייכטנדיקער פאַקל ביינאַכט. ער מעג שטרייטן מיט די באַוואוינער אויף דער ערד, די טויערן פון מלכות־שדי זענען פאַר אים אָפן און די שלעסער אויף די טירן פון מלכים פאַלן פאַר אים. דער תשבי, דער געטלעכער מאַן, וועט זיך אָננעמען פאַר די געליטענע פון אומרעכט. ער שעמט זיך נישט צו מאָנען ביים באַשעפער טרייסט פאַר ישראל. אַזוי ווי א ווייב שעמט זיך נישט צו מאָנען ביי איר מאַן שפּייז פאַר איר הויזגעזינד. צוריק צו אייערע הייזער, מענער פון ישראל!

דער טעפּער צו זיין ליים, דער שמיד צו זיין אייזן און דער שפּינער צו זיין פלאַקס! לאָזט דורכגיין! פאַרשפּאַרט נישט דעם וועג פאַר דעם שר פון דער תורה!

און ווי יצהר בן רעואל האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט פאָרויס, איז ברכיהו געלאָפן פאָרויס און אים אַזוי נאָכגעטון, און גערופן:

— לאָזט דורך! פאַרשפּאַרט נישט דעם וועג פאַר דעם שר פון דער תורה!

פון דער ווייטנס האָט איתמר געזען, ווי די צוויי לערער פון פּאַרמעט רייניקן זיך אַ וועג דורך דעם המון־עם, און אין זיין האַרץ איז געוואָרן טרייסט, וואָס ברכיהו טוט איינשטילן די דערצאָרנטע מענער און ער לאָזט נישט פאַלן קיין האָר פון דעם ווייסן קאָפּ פון דעם געאַכטעטן זקן. דער המון איז שוין געווען ביים ארויפגאַנג צו דער אויבערשטער שטאָט, אָבער מיט אַמאָל האָבן רייטער אויף פערד, מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן זיך אריינגעריסן אין דער גאַס פון ווידערשפּעניקע און געטריבן די דערשראָקענע צו די שטיינערנע טרעפּ. די, וואָס האָבן נישט געפּאָלגט, האָבן זיי געשלאָגן מיט די הוילע שפּיזן, און די, וואָס זענען געווען אונטערטעניק, האָבן זיי די פערד צעטראָטן. אין גע־לויף האָט דער בעקער, פון פּחד, אויסגעשאָטן זיינע געבעקסן; דער פּרוכט־טרעגער האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע איילבירטן; די טעפּערס האָבן איבערגעלאָזן די צעבראָכענע כלים אויף די שוועלן און אַראָפּגעלאָזן די ריגלען פון די טירן. די געשרייען פון די צעשלאָגענע און דאָס מעקעריי פון די עלנטע ציגן האָט זיך געטראָגן ביז צופוסנס פונעם באַרג, וואו עס זענען געשטאַנען די הייזער פון מירמלשטיין.

אין איתמר׳ן האָט אויפגעפלאַקערט דער צאָרן. ער האָט געוואָלט ארויפלייגן זיינע שטאַרקע אָרעמס אויף איינעם פון די רייטערס, אָבער ברכיהו האָט זיך באַוויזן און אים אַוועקגעשלעפּט הינטער אַ זייל. דער ווידערשפּעני־קער מאַן האָט אַצינד איינגעשטילט דעם צאָרנדיקן קריגסמאַן, וואָס איז געקו־מען ווי אַ שליח פון פרידן צום מלך.

— היינט ביינאַכט, — האָט ער אים דערמאָנט, — וועלן די טרויבן זיין רייף.

איתמר האָט זיך געלאָזט פירן פון אים איבער די מערק און הייפן פון דער באַרגשטאָט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם רייכן מאַנטל פון די אַקסלען, נישט צו פאַרשעמען די אָרעמע באַוואוינער. די זון האָט געברענט די ערד און אָנ־געגליט די וואַסערן, און זיי האָבן ביז שפּעט אין טאָג זיך געהויבן איבער די געטרעפּלטע גאַסן צו די רייכע פּערטלען, וואו פאַר די הייזער פון מירמלשטיין זענען געשטאַנען רייטוועגענער און לויפּפערד. דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּ־

געלאָזן צו די זאמדן פון דער הינטערשטאָט. זיי האָבן אויסגעמיטן די ווינ־קאמערן און זיך אונטערגעלענט דאָס הארץ ביי דער בויד פון א קוכער מיט א קרוג וואסער, ברויט און פרוכטן, און ברכיהו האָט אים געזאָגט. אז עובדיהו, אחאָב׳ס הויף־שררה אליין, וועט אים אָפּוואַרטן ביי די זיילן פון דער לבנה ווען די זון וועט זיך לעשן, און ער וועט שמירן מיט אייל זיין באָרד פאר דער שוועל פון דער מלכה׳ס פּאלאץ. נאָך דעם מאָלצייט האָבן זיי זיך אָפּגערוט ביי א הינטערהויף, און פייגל מיט אָפענע שנאָבלען און שארפע נעגל זענען ווי אָדלערס געפלויגן איבער זייערע קעפּ. אין די נידעריקע טויערן זענען געזעסן אביונים, וואָס האָבן געפלוכט די כהנים און גערעדט אומריינע רייד אויף די שררות.

פונעם זאמד־וועג איז אין געאייל אָנגעקומען א נאקעטער מאן מיט א פעל ארום די לענדן. ער האָט געהאט א פּנים פון א בעטלער און פון א הייליקן. דערזעענדיק די צוויי רוענדיקע מענער, האָט ער אָנגעשטעלט זיינע גליענדיקע אויגן צום הימל און פארבראָכן מיט די הענט:

— פארוואָס רוט איר דאָ ווי זאטע קעלבער, ווען איזבל׳ס דינער האָבן געשמיסן אַ פאַרכטיקן מאן צום טויט?

ברכיהו האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגענומען דעם צאָרנדיקן מאן פאר אַן אָרעם.

— וועמען האָבן זיי געשמיסן?

— יקנעם, דער שליח פון דעם תשבי, גייט־אויס אין יסורים! — האָט דער מאן מיט דער פעל ארום די לענדן געשריגן. — אליהו, דער מאן פון גלעד, איז אנטלאָפן צום באך כרית און זיינע נאָכגייער זענען געבליבן ווי צעשאָטענע שאָף! איזבל וועט זיי אלעמען טויטן! יקנעם ליגט אין דער קברים־הייל און דאָס בלוט רינט־אויס פון אים.

דער מאן האָט אָפּגעווישט די ליפּן מיט דער האָריקער האנט און א רגע געשוויגן. דערנאָך איז זיין קול געוואָרן יאָמערדיק:

— איז מער נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָננעמען פאר דעם געפּייניקטן און צאַפּן בלוט פאר בלוט? דו, שטארקער מאן, שטיי־אויף! דו ביזט ענלעך צו די וואָס רייטן אויף לייבן און וואָס קאָנען אָפּשטעלן שטורעמווינטן און אויסרייסן ביימער מיט די וואָרצלען. שטיי־אויף און קום זען דעם שליח פון תשבי, איידער ער גיט־אָפּ זיין נשמה דעם באשעפער.

דאָס פארלאָזענע אָרט, וואוהין דער צאָרנדיקער מאן האָט זיי געפירט, איז געווען ווי אן ערד־אויסהייל פאר קברים, טיף און טונקל. פוןביידע זייטן האָבן זיך געצויגן רויטע פעלזנשטיינער. פון דער הויך איז געפאלן א פלאַ־

מענדיקער זונשטראל. די פעלזן זענען געווען אָנגעגליט ווי פייערשטאָבעס אקעגן דער אויסגייענדיקער זון.

דער שטארבנדיקער יקנעם איז געלעגן אין זיינע לעצטע אנגסטן. פון דעם געפייניקטן פנים זענען אראָפּגערונען שנירעלעך בלוט אויף דער שווארצער באָרד. אויף דעם צעשונדענעם לייב האָבן נאָך געגליט די פּאָסן פון די בייטשן, וואָס אין די הענט פון די בארמלאָזע. די אויסגעלאָשענע, ווייכע אויגן האָבן געוואַרט אויף דער רו, וואָס קומט נאָך דויערנדיקע יסורים.

און ווי איתמר און ברכיהו האָבן געזען, אז עס איז צו־שפּעט צוריקצו־ברענגען צום לעבן דעם שטארבנדיקן, האָט דער מאַן מיט דער פעל ארום די לענדן זיך צעוויינט. דערנאָך האָט ער דערציילט ווי איזבל'ס וועכטער האָבן געכאַפּט דעם פּאַרכטיקן מאַן ביים אריינפאָר פון שטאָט און אים געבראַכט פאַר דער קעניגינס כהנים. די פאַלשע ריכטער האָבן אים פאַרמשפּט צום טויט און מען האָט אים געפייניקט מיט מוראדיקע יסורים, און אין קייטן אים ארויסגע־פירט אויפן מארק פון די פאַרשעמטע און אים געשמיסן אזוי לאַנג, ביז ער איז געבליבן א פאַרגליווערטער הענגען אויף א זייל. אָבער ער האָט זיך נישט באַקלאָגט. נאָר איין מאָל האָט ער א זיפץ געטון, אז ער איז דורשטיק.

זיינע ענוים האָבן געדויערט א טאָג מיט א נאכט. די פּייניקער האָבן נישט געגלויבט, אז א גוף פון פלייש און בלוט קאָן אויסטראָגן אזוינע יסורים, און איבערגעשראָקענע האָבן זיי אים אוועקגעטראָגן צו דער קברים־הייל. די גרוי־זאמע האָבן געמיינט, אז ער איז שוין געשטאָרבן, ווייל פליגן האָבן געגעסן די וואָקסענע אויגנהייטלעך, אָבער ער האָט אומגעריכט געעפנט די אויגן. פאַרלאָ־פענע מיט בלוט, און די ליפּן האָבן נאָך אויסגערעדט פּאַרכטיקע רייד.

אצינד, ווען די דריי מענער זענען געשטאַנען ביי זיין צוקאָפּנס, האָט ער צום לעצטן מאָל אויפגעהויבן די בליקן צום לויטערן באַשאַף ארום און גע־מורמלט:

— גייט און זאָגט דעם מלך ער זאָל פאַרלאָזן זיין פּאַלאַץ און זיין וויינ־גאָרטן און זיינע קלאָרע קוואלן און ארויסגיין זאָל ער אין די אָרעמע גאַסן פון זיין שטאָט, וואָס דער געטלעכער מאַן פון גלעד האָט אויף אים געברענגט די קללה פון טריקעניש. אָנשטאָט ברויט וועט ער האָבן יסורים און אָנשטאָט וויין — טרערן, און וויינען וועט ער אזוי לאַנג, ביז דער גאָט־צבאות וועט צו־ריקרופן דעם תשבי, ער זאָל בעטן רחמים פאַר אים, אז די הימלען זאָלן זיך עפענען און די טייכן זאָלן ווידער פול ווערן און די ערד זאָל צוריק זיין פעט פאַר די באַוואוינער פון ישראל.

דער שטארבנדיקער מאַן איז אנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָבן זיינע ליפּן

נאָך געמורמלט און זיין שטים איז געוואָרן אזוי לויטער, ווי דאָס פאָכען פון די פליגלען ביי די מלאכים.

די זון האָט אויסגעברענט אירע לעצטע פלאַמען און דער טאָג איז שוין געווען פאַרלאָשן ווען עובדיהו, אחאב׳ס הויף־שררה, האָט באגעגנט איתמר׳ן ביי די זיילן פון דער לבנה. עובדיהו, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר זיין קעניג, איז איצט אנטקעגנגעגאַנגען דעם קריגסמאַן אָן וואָפן. מיט הכנעה. זיינע העלע אויגן זענען געווען מילד ווי ביי א שעפּס, און זיין באָרד ווייך. עובדיהו איז געווען דער גאָטפאַרכטיקער מאַן אין הויף פון די לעסטערער, אָבער ער האָט געוואוסט פון איתמר׳ס דינסט אונטער עמרי׳ן. ער האָט אים באגריסט מיט דעם כבוד, וואָס מען טיילט־צו א צוריקגעקומענעם גיבור פון שלאַכט.

עובדיהו האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל פון קעמלהאָר און אים אויסגע־שפּרייט ווי א טעפּיך פאַר זיינע פיס. ער האָט מיט טייערן אייל געזאַלבט איתמר׳ס באָרד. ער האָט אוועקגעשיקט ברכיהו׳ן, ער זאָל דערווייל פונאנדער־לאָזן די אויפשטענדלער, וואָס ווילן אריינרייטן קיין שומרון. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו איתמר׳ן, אז איידער ער גייט אים אַריינפירן אין אחאב׳ס קאַ־מערן, מוז ער, דער שליח פון שלום, פריער וויסן די פירונגען פון דעם שוואכן קעניג און די געוואוינהייטן פון זיין ווייב איזבל, די שטרענגע הערשערין.

— דער מלך איז קיל, —האָט ער געזאָגט,— און די מלכּה פלאַקערט; אחאב איז א קוואַל וואָס ריזלט, איזבל איז א שפּייענדיקער באַרג. זיין צייט־פאַרטרייב איז יאַגד נאָך הירשן, און זי, קריגט איר פאַנג צווישן די כהנים. ער איז פרום און פּחדנותדיק; זי באַגערט אַלע פאַרגעניגנס אונטערן הימל. ער טרינקט שווערע וויינען; איר האַרץ גייט־אויס נאָך טענץ פון לוסט. ער פירט זיין וועלט לויט דער צייטרעכענונג פון דער זון; זי וואַכט־אויף צום כישוף־ליכט פון דער לבנה און צו די מזלות פון די שטערן.

אויף עובדיהו׳ס פּנים האָט גערוט א גליקלעכע התפּעלות, ווען ער האָט זיך צוריק איינגעוויקלט אין זיין געוואַנט פון קעמלהאָר און געפירט זיין גאַסט צום אויבערשטן טייל שטאָט. פון זיינע דיקע ליפּן האָבן זיך געקייקלט רייד פון וואָרענונג:

— דער קעניג ווערט טרויעריק ביים אָנקומען פון שליחים. אָבער איזבל איז די פרייליכסטע גאַסטגעבערין אין שומרון. ווען דו וועסט שטיין אויף איר שוועל, וועלן אירע טעפּיכער זיין באַדעקט מיט לילעס, די האָרנס וועלן זיין אָנגעפולט מיט וויין און שקלאַפינס וועלן וואַשן דיינע פיס. פאַרטרייב זיי, איתמר! פון וויין פאַרלירט דער זכר דעם פאַרשטאַנד און א פרוי מאַכט חרוב דעם מאַן. היט זיך פון דער לוסטפרוי, וואָס וועט דיר רופן: דער לייבן־

עק פון יהודה, ווייל איר הארץ איז א נעץ, איר צונג א שלאנג און איר לייב ברענט שטארקער פון פייער.

— רעדסט פון תורתונא, די וואס טאנצט פאר דער אשרה?

— דאס איז תורתונא, וואס דינט די כהנים פון בעל. איר שיינקייט און לוסט איז א סכנה, אבער זיבן מאל זיבן איז גרעסער די סכנה וואס קומט פון די צינגער פון אחאב׳ס ראטגעבערס. ווען דו ועסט זיצן צווישן זיי, זאלסטו זיך באווארענען ווי פאר שאקאלן, און אפגעהיטן זאלסטו זיין ווי פאר דעם סם פון א הארנשלאנג אויפן וועג. דו מוזט אבער בלייבן אזוי פרידלעך ווי די טויבן אין דער מלכה׳ס הויף, ווייל קיינמאל פריער טאר דער מאן נישט ריידן רייד פון ביטערקייט צו מיין קעניג, איידער ער ווייס אז דער מלך איז אן אכזר.

ביידע זענען געגאנגען ארויף, איבער דער גרינער בארג־גאס וואס איז געווען פארפלאנצט מיט איילבירטן־ביימער. די גאס האט זיך געהויבן אנטקעגן די ברוינע זיילן פונעם גראניט־טורעם, וואס האט באוואכט דעם וויינגארטן פון איזבל. די שאטנס פון דער נאכט האבן איינגעהילט די שפיצן מויערן פון דער צעווארפענער בארגשטאט, וואו עס האט פריער פאר אחאב׳ן און פאר עמרי׳ן געוועלטיקט שמר.

איתמר האט אפגעריסן אן איילבירט־צווייגל. ער האט געהאט אונטער זיין דופטיקן מאנטל א בייטל מיט זילבער, זיין כלי־זין און די מגילה פון שלום. דערנענטערנדיק זיך צום שענסטן הויז פון ישראל, האט ער אנגענומען דעם ארעם פון אחאב׳ס הויף־שררה און געזאגט:

— איך וועל אויסשטרעקן צום קעניג די שווערד און דאס איילבירט־צווייגל. וואס וועט ער אויסקלייבן?

בוך צוויי

אַחאַב׳ס הויז

א

דער קעניג פון ישראל איז נאָכן זונאונטערגאנג נישט געבליבן אין קאמער פון די מגילות. די פאקלען האָבן שוין געברענט, אָבער ער האָט נישט געהייסן זיינע פּאַרמעט־שרייבער פאַרצייכענען די געשעענישן פון טאָג. צומאָרגנס, נאָך דעם ווי אליהו, דער מאן פון גלעד, איז אנטלאָפן מיט דער קללה פון טריקעניש, האָט ער באפוילן די קנעכט ארויסצוטרייבן זיינע ראטגעבערס, וואָס האָבן אים דערמאָנט די פאָרויסזאָגונג פון די נביאים, אז אפרים איז א שיינע קאלב צו דרעשן, און קיין בייז פון הימל קאָן איר נישט געשען.

דער מלך אַחאָב איז געווען דערשלאָגן דורך דער נאכט און זיין הארץ האָט נישט געפונען קיין רו. איבער דער קללה פון דעם באָרוועסן מאן פון מדבר, האָט זיין מאָגן נישט פארנומען קיין שפייז און די תפילה אין פרימאָרגן האָט געדויערט לענגער. איזבל האָט אריינגעשיקט מיט א שקלאפין א לאָגל וויין, אָבער דער מלך איז נישט אראָפּ פון זיין בעט. אין האלבן טאָג האָט די מלכה אליין זיך געשטעלט ביי זיין צוקאָפּנס און אים דערמאָנט א צווייטע פאָרויסזאָגונג, אז אפרים וועט רייטן אין קריג. בעת יהודה וועט בלייבן אקערן די פעלדער. איזבל׳ס טרייסט האָט געוועקט אין אַחאָב׳ן ווידערשטאנד צו דעם נזיר פון גלעד. אין זיין גדערכעניש זענען אויפגעגאנגען אלע ווערטער פון ליבשאפט, וואָס די חכמים האָבן געלאָזן אויסרופן אין די טויערן פון שטאָט. האָבן דען די לערער נישט געזאָגט און איבערגעחזרט, אז אפרים איז געבליבן דער בכור, און דער אלמעכטיקער אליין איז געוואוינט דעם זון, דעם טייערן, אויף זיינע אָרעמס צו טראָגן ?

פון דעם וויין האָט אַחאָב נישט פארזוכט, אָבער פון דער קעניגינס רייד האָט ער געשעפּט רו, און ביים סוף פון טאָג האָט ער זיך געגרייט אויפצונעמען דעם פאלשן שליח, וואָס עובדיהו האָט אויף אים געזאָגט, אז ער קומט פון יהודה. פארוואָס נארט אים אויך דער אייגענער הויף־שררה ? —האָט געפרעגט דער וואָס הערשט איבער ישראל.— צי איז נאָך וויניק וואָס עס ווידערשפּע־

ניקן אין אים די פּאַרכטיקע און עס העצן קעגן אים די פּרעדיקער? זיין האַרץ האָט געטראַכט דאָס וואָס די ליפּן האָבן נישט געוואָלט זאָגן. פון וועןאָן הייבט איבער אים די האַק דער, וואָס טאָר נישט אָפּטרעטן פון זיין צוקאָפּנס? איז ער אויך צוגעשטאַנען צו יענע הינטערליסטיקע, וואָס רעדן פרומע רייד און זייערע טואונגען זענען פאַלשע? ווער וועט בלייבן הינטער אים, אויב די סופרים און חכמים וועלן אויך געבן די הענט צו די וואָס שאַרפן די שווערדן? עובדיהו האַלט די שליסלען פון אַלע קאַמערן און די שווערדן פון אַלע וועכטער. ווען ער האָט די הונדערט נביאים באַהאַלטן פון איזבל'ס נקמה, איז ער אויך געבליבן געטריי דעם פּאַלאַץ. האָט ער דען נישט געזאָגט נעכטן צו איזבל'ס עלטסטן כהן הטיפא: לאָז וויסן דער מלכה, אַז איך וועל נישט אויסהרגענען די תלמידים פון אליהו, אָבער איך וועל זיין ביי איר רעכטער האַנט, אויב עס דאַרף פאַלן די קרוין פון ישראל.

דער מלך האָט זיך געשטאַרקט. אין זכרון זענען פּלוצים אויפגעגאַנגען אַלע נצחונות אויף די שלאַכטפעלדער און די מפּלות אין אייגענעם הויף, וואָס ווערט רעגירט פון איזבל'ן. וואָס איז געשען מיט דער קעניגין? איז זי אַ לייביכע, אויסגעוואַקסן צו פאַרצוקן די געטרייע פון דעם גאָט פון חיילות? און פאַרוואָס זוכט מען די שולד פאַר יעדער פּלאָג אין דער מלכה? זי איז זיין ראַטגעבערין און ביי זיין רעכטער האַנט שטייט זי. זי שטאַרקט אים ווען דאָס רחמנות איז גובר זיין צאָרן. אָן איר, וואָלטן די מלחמות מיט מואב און מדין נישט אויפגעהערט, און צו די שלאַכטן מיט יהודה וואָלט קיין סוף נישט געקומען.

אין זיינע טעג און אין די טעג פון זיין פאָטער עמרי, האָבן די שררות און הויפלייט געפּרעגט: צוליב וואָס האָבן ירושלים און שומרון געפירט ברידער-מלחמות, אַז ביידע לענדער זאָלן מיט חורבות באַדעקט ווערן און די חיילות זאָלן בלייבן אָפּגעשוואַכט? געפּרעגט האָבן די שררות, געפּרעגט האָבן די הויפלייט, אָבער געענטפערט האָט איזבל: יהודה האָט געוואָלט אויפרייסן די שטעט פון אפרים, ווייל אַ לייב איז יהודה, וואָס פון פאַרצוקונג איז ער אויסגעוואַקסן, און בנימין, זיין שותף, איז אַ וואָלף, ווי עס האָט געזאָגט דער פאָטער פון די שבטים: אין דער פרי עסט ער פאַנג און אין אָוונט טיילט ער רויב.

דאָס בלוט פון זיינע אָבות האָט אַצינד געריזלט אין אחאָב'ס אָדערן, ווי די לויטע שטראָמען וואָס ריזלען אין פרילינג דורך די וועלדער פון אפרים. אחאב האָט זיך איינגעהילט אין זיין בלויען, דופּטיקן מאַנטל, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט ביי די אַקסלען מיט קרעלן פון עלעפאַנטנביין און באַצירט אַרום די אַרבל מיט ווערמילרויט. זיין ליכטיקע, ברוינע באָרד איז געווען געשמירט

מיט געווירצן און די ליפן האָבן געלעכצט נאָך דעם שטאַרקן געטראַנק. ער האָט אָנגעגאָסן א האָרן מיט וויין, אָבער עס נישט צוגעטראָגן צום מויל. ער וואָלט גרייט געווען אַרויסצורייסן מיט זיינע קנעכט אויף געיעג, אָבער די בליכט פון דעם קרוינטרעגער האָט געהייסן וואַרטן אויף דעם פאַרשטעלטן שליח און רעדן צו אים שטרענגע רייד. וועגן באוואַכן די פעסטונגען און פאַרמערן די צינזן פון די אונטערטעניקע פעלקער — וועט ער רעדן — און וועגן פאַרבעטן דעם מלך פון יהודה, אז ער זאָל קומען אָנקוקן די נייע שטעט וואָס האָבן שיין געמאַכט דאָס לאַנד ישראל.

צופרידן פון דער טרייסט און געשטאַרקט פון דער רו, האָט דער קעניג אַצינד פאַרגעסן אָן אַלע אומרעכטן וואָס קומען אים אויפן זכרון, ווען די עלטסטע פון די שטעט שטעלן זיך פאַר אים מיט מאָנונגען. ער אליין האָט זיך נישט באַקלאָגט אויף די בייזוויליקייטן פון לעבן און גאַרנישט נישט געמאָנט ביים האַר פון דער וועלט פאַר דעם אומרעכט, וואָס איז געטון געוואָרן צו זיין זכריי־שער קראַפט — א פאַרשעמונג אין די אויגן פון איזבל. די קעניגין אליין האָט אים אַרומגערינגלט מיט פרעמדע יונגפרויען און באַפוילן אויסצומאָלן אויף זיין רייטוואָגן אויסגעלאָסענע טעכטער, כדי צו וועקן זיינע גלוסטונגען. פאַרוואָס ווייסט נאָך נישט די טאָכטער פון אתבעל, אז אויב דער אַלמעכטיקער האָט אים דערהויבן צום טראָן, איז זיין איינציקע גלוסטונג גרויס צו מאַכן ישראל? די פּאַרכטיקע רופן זי: די פאַרדאַרבענע, וואָרום צוליב אירע מעשים שעלט דער נזיר דאָס לאַנד.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען די גרויסע קופּערנע שילד אויף דער יואַנט, האָט ער זיך פאַרהאַלטן און דערזען זיין קיילעכדיק פּנים, וואָס איז אזוי שטרענג צו זיינע ראַטגעבערס און אזוי געהאַרכזאַם צו דער מלכה. פון דעם רויטן קופּער האָט אַרויסגעקוקט דער דיקער האַלדז. זיין פלאַכער שטערן איבער די העלע ברעמען איז געווען איינגעשרומפּן צווישן די ברוינע קרויזן האָר פון קאָפּ, וואָס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן מיט דער געדיכטער באָרד. די ווייכע, אויפ־געהויבענע ליפּן האָבן שיער נישט אָנגערירט די איבערגעבויגענע נאָז. וואָס האָט געקאָנט דערשפּירן אַלע סכנות פון דרויסן, אָבער נישט געווען גענוג שפּי־רעוודיק צו די אויפשטענדלער אונטערן דאַך פון זיין קעניגרייך.

אחאָב האָט געהאַט א הויכן, לויזן גוף און דער ברייטער, בלויער מאַנטל האָט אַרויפגעלייגט וואָג און אויפגעהויבן דעם וואוקס פון דעם הערשער, ווע־מען די צערייצטע קנאים האָבן אָנגערופן: דער שוואַכלינג אין קעניגלעכע קליידער. דער מלך איז נישט געווען קיין שוואַכלינג, אָבער ווען געסט זענען אַריבערגעטרעטן זיין קאַמער, האָט ער נישט אַראָפּגענומען די קורצע שווערד פון זיינע לענדן און פאַרטאָפּלט ביי דער טיר די צאָל וועכטער מיט שפּיזן און

ברוסטשילדן. ער האָט צוריקגעשטויסן פרעמדע חיילות אין שלאַכט, אָבער בײַ זיך אין פּאַלאַץ האָט ער מורא געהאַט פאַר מענער מיט הינטערליסטיקע רייד. ער האָט זיך געשראָקן, אַז זייערע שאַרפע צינגער וועלן אים בײַקומען. אויס באַוואָרעניש פאַר די שכנים בײַ די גרענעצן, האָט ער געוואָלט דערגיין די חכמה פון קריגספירונג בײַ פרעמדע פעלקער און האָט פלייסיק געלערנט זייערע שפּראַכן. נישט בלויז מיט דעם וואָפן פון זיינע קריגסלייט, נאָר אויך מיט דער רוט פון זיין צונג האָט ער אונטערטעניק געמאַכט מואָב און שטעט פון ארם און פון די פּלישתּים.

דער קעניג איז אַריין אין דעם קאַמער פון די רויטע טעפּיכער, וואָס עס האָבן פאַר אים אויסגעהעקלט די וועבער פון ארם־דמשק. און ווי אַלע מאָל, פאַרן אָנקום פון אַן אומגליק, האָט ער אויך היינט זיך געשטעלט פאַרן געש־ניצטן אָרון פון ניסנהאָלץ און זיך געפרעגט: ווי אַזוי וועט ער זיך דערהויבן איבער אַלע קלייניקייטן פון לעבן? וועלכע מעשׂים וועלן אים מאַכן פאַר גאָט אָנגעזעענער פון די צדיקים און פון די אויפשטענדלער? וואָס איז דער פאַר־באָרגענער כוח, וואָס איז מער ווערט פון רייכטום? וואָס איז שטאַרקער פון מאַכט און לוסטיקער פון פאַרגעניגנס?

פאַר דעם קאַמערשוועל, וואָס האָט אַרויסגעפירט צו דעם געדיכטן גאָרטן, האָט דער קעניג געקוקט אויף די געוויקסיקע צעדערן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון לבנון און אויף די טויבנשלאַקן, וואָס זענען אויסגעשניצט געוואָרן אין חצור. די בלויע וואַסערן צווישן די פלאַנצן האָבן געוואָרט, אַז דאָס ליכט פון די שטערן זאָל זיך דאָרט שפּיגלען. אונטערן טונקעלן הימל האָבן די קעל־בערנע פיגורן אויף די שפּיציקע פעלזן זיך אויפגעהויבן ווי לעבעדיקע חיות. פאַר די טויערן האָבן שוין געברענט די קופּערנע אייללאָמפּן און שטרענגע וועכטער מיט האָרנס זענען געווען גרייט אָפּצושטעלן די פאַרביילויפנדיקע רייטוועגענער. דער קעניג האָט געהאַט א פאַרלאַנג אַריינצושפּאַצירן צווישן די פייגנביימער, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עובדיהו מיט זיין גאַסט זענען אויפן וועג צום פּאַלאַץ, און ער איז צוריק אַריין אין קאַמער פון די ראַט־געבער.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף א זייל פון פּאָרפיר און זיך דערמאָנט אין יענעם לויטערן פרימאָרגן, ווען זיין פאָטער עמרי האָט צום ערשטן מאָל אָנגע־טאָן אויף אים דאָס כלי־זין און אים געלערנט, אַז יעדער נצחון אין שלאַכט איז בלויז א שאָטן, און יעדער באַגער נאָך מאַכט — א בליץ, און וואָס פאַר אַן אומזין איז פאַר א מלך זיך צו יאָגן נאָך נצחונות? איז דען נישט בעסער, אַז דאָס וואָס פאַרגייט זאָל אַוועק צו דאָס וואָס דויערט נישט און דער בליץ זאָל איינשלינגען דעם שאָטן?

די קעניגין איזבל

זיין פֿאָטער האָט געשלאָגן זמרי'ן. ער איז ביי־געקומען די פּלישתים און פאר קנעכט געמאכט מואב. אָבער, ביים סוף פֿון אַלע מלחמות איז ער געבליבן טרויעריק. די באזיגטע האָבן אים געצאָלט צינזן און געבראכט צו אים זייערע ווייבער, זייערע שקלאפֿן און זייער פּי. די געשלאָגענע האָבן געקושט זיין שטויב, אָבער זיין הארץ האָט נישט געפֿונען קיין רו. קיין נצחון איז נישט געווען אזוי גרויס ווי די פרייד פֿון פרידן, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעבויט די בארג־פעסטונגען.

מיט אזא אומגלויבן אין כוח פֿון נצחון, האָט אַחאָב געטרעטן אויף דער אויסגעשפּרייטער פעל פֿון א לעמפּערט. אין א ווינקל האָט דער נעפּל פֿון צוויי גאָלדענע וויירויך־פאַנען זיך געהויבן צום באלקן און זיך געקנייטשט ווי די פאלדן אויף די מאַנטלען פֿון כהנים. צווישן בלויע פאָרהאַנגען אין א בראָנ־זענער שייד, האָט זיך געדויכערט דאָס פייער פֿון א פאקל, וואָס דער לעצטער קנעכט האָט אָנגעצונדן נאָך דעם ווי ער האָט אריינגעלייגט די איינגעוויקלטע מגילות אין די קאַרבן.

ער איז פארבייגעגאנגען די וואנט, באהאנגען מיט שופרות אין בראָנזענע שילדן. די אויסגראווירטע שריפט אויף שטיין און בראָנז, וואָס האָט דערציילט די גבורות פֿון דעם מלך פֿון ישראל, האָט געשטארקט זיין געמיט און עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער איז דער מאַן מיט אַן אָרעם פֿון אכזריות און מיט א הארץ פֿון רחמים; אז ער האָט די גבורה פֿון א לייב און די ווייבקייט פֿון א לאַם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר א זילבערנעם קאַסטן, אָנגעפּולט מיט בעכערס, קרוגן, רינגען און שפּיזן, וואָס די אונטערייאָכטע הערשער האָבן אים געשאָנקען. א לענגערע צייט האָט ער געקוקט אויף דעם הילצערנעם שטענ־דער, וואו עס איז געשטאנען א קליינע קאַלב, אויסגעזעגט פֿון קלאָרן עלעפאנט־ביין. ביר קעלבלעך פֿון אלבאסטער האָבן געזויגן אירע ברוסטן. די פיגורן זענען געווען א געשאנק פֿון דעם קעניג פֿון מואב אין צולאָג צו זיין צינזן־אָפּצאָל. דאָס וואָל פֿון לעמער און ווידערס און דריי צענטנער גאָלד, וואָס ער האָט געשיקט אום ראש־חודש. פאַרוואָס חנפעט אים דער הערשער פֿון מואב, און דער מאַן פֿון גלעד רעדט צו אים ווי צו א נידערטרעכטיקן פֿון ישראל? צי מעג א געטלעכער שליח, וואָס איז אפילו הייליקער פֿון די כהנים, פארשילטן מיט הונגער דאָס גאנצע לאַנד. ווען דער קעניג אליין האָט געטון אומרעכט אין זיינע אויגן? און צי ווערט פֿון זיין אומרעכט א זינד דערפאר, וואָס ער באַ־צירט מיט די בעל־קעפּ דעם פּלטרין של מלך? דער טראָן פֿון ישראל איז היינט אויפֿן בארג שומרון און דאָס פֿאָלק שטייט צופוסנס פֿון בארג.

דערנענטערנדיק זיך צו דער טיר, האָט דער קעניג מיט ליבשאפט געגלעט די טלאָען פֿון א רייטפערד, אויסגעשניצט פֿון שווארצן מירמלשטיין. ער האָט

מיט אַמאָל דערזען עובדיהו׳ן מיט איתמר׳ן ביי דער שוועל. דער שׂרה פון פּאַלאַץ האָט אַפּערגעשאַרט דעם פּאַרהאַנג, אויסגעהעקלט פון גאָלדענע קייטע־לעך, און זיך פאַרנייגט ביז צו די לענדן.

— מיין האַר מלך, איך ברענג מיט זיך דעם מאַן פון שווערד, וואָס האָט פריער געפירט די חיילות פון דיין פאָטער עמרי און היינט איז ער אַ פרידן־שליח פון יהודה.

אחאָב האָט געשטעלט זיינע טריט הינטערווייליקץ און לאַנג געקוקט אויף איתמר׳ן, וואָס איז געשטאַנען אַן אויסגעשטרעקטער מיט דער מגילה אין דער רעכטער האַנט. דערנאָך האָט דער מלך אויפגעהויבן די אויגן אויף זיין הויף־שׂרה, די זעלביקע אויגן וואָס האָבן ביז היינט נאָך געקאָנט געטרויען דעם ערשטן מאַן ביי זיין צוקאָפּנס.

— פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט, עובדיהו? — האָט ער שטיל געפרעגט.

דער הויף־שׂרה, וואָס האָט זיך נישט געריכט אויף דעם קעניגס קענט־שאַפט אונטערצושיידן באַטרוג פון אמת, האָט פון צעטומלטקייט אַרויפגע־לייגט די הענט אויף דער מגילה, וואָס איתמר האָט שוין געהאַלטן ביים אויפ־וויקלען. אָבער דער הערשער פון ישׂראל האָט נישט געהאַט קיין אכזריות אין זיין בליק, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום קריגסמאַן און אַרויסגעשלעפּט ביי אים דעם פּאַרמעט. זיינע אויגן זענען געווען ווייך און זיין פּנים מילד, ווי ביי אַ שעפּס. ער האָט זיין גאַסט און זיין שׂרה געלאָזן שטיין אין זייער פאַר־שעמונג און באַפוילן אַריינצורופן פּקחיהו׳ן, איינעם פון זיינע עלטסטע ראַט־געבער, וואָס איז געווען געניט אויף מענטשלעכן באַטרוג.

דער ראַטגעבער. פעט און קיילעכדיק, איז אַריינגעקומען מיט וואַקלדיקע טריט. ער האָט פאַרשאַרצט זיין ברייטן, רויטן מאַנטל און אַרויסגעשטעקט דעם קורצן האַלדז, ווי אַ צייכן פון געהאָרכזאַמקייט. די אויגן אונטער די חע־לע, שיטערע ברעמען זענען געווען ווייך און די הויט איבער די באַקנביינער אויסגעגלעט, ווען ער האָט געקוקט אויפן מלך.

— פּקחיהו, —האָט אחאָב געזאָגט,— קוק אָן דעם מאַן, וואָס איך האָב אַריינגעלאָזן אין מיין קאַמער אַזוי פרידלעך, ווי אברהם האָט אויפגענומען די מלאכים, און זאָג מיר: איז ער געשיקט פון יהושפט, דעם קעניג פון יהודה?

פּקחיהו׳ס לויז פּנים איז געוואָרן בלייך פון דערשטוינונג. ער האָט מיט געניטשאַפט געקוקט אויף דעם געוויקסיקן מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם הויף־שׂרה און דערנאָך האָט ער אַריבערגעטראָגן זיינע אויגן צום מלך און געוויגט מיט זיין גרויסן קאָפּ:

— אין יהודה וואַקסן נישט אַזוינע ריזן, קעניג. ער האָט די קניען פון די רייטער אין גולן און די אָרעמס פון די שיפטרייבער אין צור. בלויז די

מענער פון אפרים האָבן אַזוינע האַרטע, רויטע בערד, וואָס פון זיי קאָן מען פּלעכטן בייטשן פאַר די פאַרמשפּטע אין געפענגעניש.

דער ראַטגעבער האָט אַ וואונק געגעבן צו עובדיהו'ן, ער זאָל אַפּלאָזן דעם גאַסט, און ער אַליין איז אים אַרומגעגאַנגען דריי מאָל. ער האָט ווי אַ וואָרענונג אויפגעהויבן די קורצע רעכטע האַנט און אויסגערופן:

— איך געדענק אים, ווי אַזוי זאָל איך אים פאַרגעסן? דאָס איז ער, איתמר בן צוער! איך געדענק ווען ער האָט נאָך געלערנט די וועכטער אין פּאַלאַץ צו טראָגן מיט כבוד דאָס כּלי־זין. ער האָט געטרונקען ווייַן פון די ערשטע בעכערס און געריטן פאָרויס פאַר דעם קעניגס קריגער. אָבער שפּעטער, ווען די אַרמיס זענען באַפאַלן בשן, האָט ער אויסגעטון דאָס געווער און איז אַוועק אַקערן די פעלדער הינטער תירצה. אַלע הויפלייט אין שומרון געדענקען דעם שלאַכטמאַן, וואָס האָט אויסגעביטן די שווערד אויף אַ גראָבאײַזן. שיק אים צו דער שטיינערוואַנט, קעניג! פאַרשטיינערט זאָל ווערן אַ הויפּטמאַן פון ישראל, וואָס וואַרפט אַוועק זיין וואָפן און פאַרשעמט דאָס, ווייל ווען דער שונא באַלאַגערט די פעסטונגען. זאָל איך אַריינרופן די וועכטער?

ביי די דאָזיקע ווערטער, האָט פּקחיהו אַראָפּגעכאַפּט אַ שופר פון דער וואַנט אונטערצוויאָגן די געטרייע וועכטער פון יענער זייט טיר, אָבער דער קעניג האָט אים אַרויסגעשיקט נאָך איידער ער האָט צוגעטראָגן דעם האָרנביין צו די ליפּן, און ער האָט זיך דערנענטערט צו איתמר'ן, וואָס איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט און אומבאַוועגלעך. אין האַרצן האָט ער תפילה געטון. אַז ער זאָל קאָנען ביישטיין די פּראָוואָקאַציע קעגן דעם מאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן נישט ווי אַ קנעכט אויסצופאָלגן זיין ווילן, נאָר ווי אַ פאַרשטעלטער שליח מיט אַ בשורה פון שלעכטס.

— איתמר בן צוער, — האָט ער געזאָגט, — מיינע אויסשפּירער האָבן געוואוסט פון דיין קומען. און איידער איך וועל איבערלייענען דיין מגילה, זאָג איך דיר: די שריפט אויף דעם פאַרמעט איז וואָר, אָבער דער טרעגער פון דער מגילה איז הינטערליסטיק. אויב דו ביזט געקומען מיט אַ וואָרענונג פון די שונאים, פאַרוואָס האָסטו זיך איינגעהילט אין מאַנטל פון פרידן? און אויב דער מלך פון יהודה, וואָס איז צו מיר אַ ברודער, האָט דיך געשיקט, צוליב וואָס האָסטו געדאַרפט פאַר אַ באַגלייטער מיין הויף־שררה? די טויערן פון שומרון וועלן פון היינט־אָן שטיין אָפן. און ווייל דער מאַן פון גלעד האָט פאַרגעזאָגט טריקעניש און הונגער אין לאַנד, וועל איך הייסן אַראָפּנעמען די שלעסער פון מיינע קאַמערן. זאָל קומען יעדער פּרעדיקער און שונא און שטראָפן דעם קעניג. אַחאָב וועט נישט אַנטלויפן פון דער שטראָף. דאָרט וואו דער טויט וועט אויף מיר וואַרטן, אַהין וועל איך גיין. אין ווייַנסאָד

הינטער מיין הויז אָדער אין רייטוואָגן הינטער מיינע חיילות, וועל איך אים אויפנעמען. אויב דער תשבי, וואָס שילט מיין לאַנד, איז דער שליח פון הימל, באַשטראָף מיך, האַר פון דער וועלט! שטרעק־אויס דיין מעכטיקן אָרעם, ווייל איך וועל נישט אַנטרינען פון דיין צאָרן.

איתמר. וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אין ערפורכט פאַר דעם דערשראָ־קענעם מלך, האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— קעניג פון ישראל! איך וואוין אין א ווייט אָרט און איך אַקער אַן אָרעם פעלד. איך האָב אויסגעביטן מיין וואָפן אויף א גראָבאייזן, נאָך דעם ווי איך האָב געדינט אונטער דיין פאָטער עמרי. אָבער די מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטון אין דער העכסטער שטאָט פון ישראל, האָבן מיך צוריקגערופן אהער. איך האָב זיך באַוויזן אין מאַנטל פון שלום, צי מיט דער שפּיז און שילד, אַלץ איינס בין איך געקומען צו דיר מיט ליבשאַפט און פאָרכט. אויב איך וועל אין דער שעה אראָפּוואַרפן די קרוין, באַפעל דיינע קנעכט זיי זאָלן מיך אריינזעצן אין געפענגעניש; אויב, אָבער, איך בין געקומען דיר צו ברענגען די וואָרענונג פון סכנה, גיב מיר דיין אויער און דיין גנאָד, קעניג!

— רעד, איתמר.

— געטויט זאָל ווערן דער מאַן פון ישראל, וואָס וועט ווידערשפעניקן דעם קעניג. אָבער א מלך, וואָס לעסטערט די געבאָטן פון די לוחות און הייסט זיין פאָלק ווידערשפעניקן קעגן דער שריפט פון גאָט, איז נישט ווערט צו זיין דער טרעגער פון ישראל׳ס קרוין. פון מדבר ארויס האָבן די שבטים פון ישראל געבראַכט די תורה, וואָס משה האָט אראָפּגעטראָגן פון הימל. מיני פייער אויף שטיין האָבן די געטלעכע פינגער די שריפט אויסגעקריצט, און דו, אחאָב, וואָס פון שטויב האָט דער אַלמעכטיקער אויפגעהויבן דיין פאָטער עמרי און אים געמאַכט פאַר א הערשער איבער זיין פאָלק, — דו לעסטערסט די געבאָטן, וואָס זענען דער פאַנצער פון ישראל.

דער צעפלאַמטער איתמר האָט געוואוסט, אז זיינע ערשטע ווערטער זענען צו־חוצפּהדיק פאַר א גאַסט אין דעם מלכ׳ס קאַמער. אָבער ער האָט זיך גע־שטאַרקט. דערזעענדיק דעם הערשער פון ישראל אין זיין שרעק און געפאַלנקייט.

דעם קעניגס טריט איבער דער לעמפּערטעפּעל זענען געוועזן שווערע. ער האָט דורכגעשפּאַנט דעם טעפּיך איין מאָל און א צווייט מאָל. זיין רעכטע האַנט איז געוועזן פאַרלייגט אויף זיין האַרצן און זיין לינקע האַנט האָט גערוט אויף דער קורצער שווערד. צי האָט ער נישט געטון אַלץ וואָס איז אין באַזיץ פון א קעניג צו באַפעסטיקן די באַרגשטאָט? פאַרוואָס זעט דער מאַן פון גלעד בלויז דאָס הויז פון בעל און זיינע אויגן זענען בלינד צו דער פּראַכט פון שכם, פון תירצה און פון בית־אל? אין חויף פון פּאַלאַץ וואוינען מייסטערס פון

שטיין און בויער פון טורעמס, שמידן פון קופער און מישער פון פארבן, גאָלד־גראַווירער און מינצנגיסער. פון יענעם טאָג, ווען ער האָט געגומען דעם צעפּטער אין האַנט, האָט זיין מויל באַפוילן צו בויען הייזער און פּאַלאַצן, בלומען־גערטנער און וויינשטאָקן, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווען ער האָט געקוקט אויף די ווענט פון גאָטס טעמפּל. די געצן פון עשתורות און די קאַלב־קעפּ פון בעל האָבן אויסגעקנאָטן פרעמדע שטיינהאַקער פון צור, און דאָס ליים און מירמלשטיין האָט איזבל אַליין געהייסן פירן אויף די לאַסטקאַסטן פון בשן.

אַחאָב׳ס האַנט האָט נאָך געגרוט אויף דער קורצער שווערד, ווען ער איז געבליבן שטיין פאַר דעם קריגסמאַן און געזאָגט:

— איך האָב געלאָזט דיין צונג לויז ווערן, איתמר. און דאָס וואָס דו זאָגסט מיר אין דיין אייפער, האָב איך געהערט פריער פון די נזירים פון מדבר. אויב דער תשבי וועט זיין גערעכט, און מיינע טייכן וועלן זיך אויסטריקענען און מיין ערד וועט פאַרדאַרט ווערן. וועט יעדער בעטלער און וואַנדערער מעגן אויסגיסן זיין קללה אויף מיין קאָפּ. אַלע פּרעדיקער וועלן אָנלויפן, אַלע שטראָפער וועלן אהער איילן. דאָרט, וואו דער טויטער גוף ליגט, קומען די אָדלערס צופליען. אָבער דער הערשער פון שומרון איז נאָך נישט טויט. אַחאָב לעבט! אין יענע טעג ווען איך האָב אויסגעבויט מיינע שטעט און אויפגעריכט מיינע פעסטונגען, האָב איך אויך געשטאַרקט מיין מאַכט, וואָס איז געווען די מאַכט פון מיין פאָטער. און געבראַכט נצחונות פאַר ישראל. די דאָזיקע מאַכט וועט בלייבן ביז מיין לעצטן טאָג אויף דער ערד.

איתמר האָט זיך דערנעענטערט צום קעניג. אין יענער רגע האָט אין זיינע אויגן אויפגעגליט אַ פונק פון דעם אייפער פון גאָט פון די חיילות.

— אַצינד, אַז דו האָסט מיך אויסגעהערט, הערשער פון שומרון, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך דיר זאָגן די רייד, וואָס אַ ייזער זון זאָגט צו זיין פאַרשולדיקטן פאָטער. איך האָב ליב אפרים ווי אַן אייגענע מוטער, ווי אַן אַם און ווי אַ הונט. און ווייל איך האָב ליב די ערד, וואָס אויף איר האָב איך מיינע קריגער געפירט צו פאַרטרייבן דעם שונא, בין איך היינט געקומען דיך וואָרענען, אַז דיין שטאָט איז פול מיט פאַרדאָרבנקייט און נאָענט צום טויט. איך שטיי פאַר דיר, קעניג, ווי פאַר אַ גרוב און איך שריי־אויס: שטיי אויף, מלך, פון דיין שלאָף, ווייל דער אָפּגרונט וועט דיך איינשלינגען!

— איתמר, דו ביזט מיין גאַסט און דו טאָרסט נישט פאַרשעמען דעם גאַסטגעבער, וואָס האָט דיך אויפגענומען אָן די לייבוועכטער. דיין מגילה רעדט פון שלום, אָבער דיין האַרץ איז פאַרסמט מיט שנאה. זאָג מיר, ווי גרויס איז די מאַכט הינטער דיר, אויב דיינע ליפּן מעגן רעדן אַזוינע דרייסטע רייד?

— מיין מאכט איז דער האָרן און די שפּיז, קעניג! ווען די טרומייטן פון מיינע געטרייע וועלן בלאָזן, וועלן אנטלויפן די וועכטער פון דיין פּאַלאַץ, און עס וועט זיך אויפהויבן דאָס פאָלק אונטערן באַרג. פון אַלע וואווינערטער וועלן אָנקומען די פּאַרטיזאַנען פון ישראל. זיי וועלן רייטן אויף קעמלען און אויף מוילאייזלען; זיי וועלן אַנלויפן אויף פערד און אויף רייטוועגענער. דער גאָט פון אויפשטאנד, וואָס איז דער גאָט פון גערעכטיקייט, וועט אַריינבלאָזן גבורה אין די אָרעמס פון די שוואכע!

א דערשראָקענער האָט אחאב איצט געקוקט אויף דעם מאַן, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון גאָט פון אויפשטאנד.

— ביזטו דאָס דער שליח פון מיינע פיינט, וואָס ווילן אָפּהאַקן דעם גאַנצן האָרן פון ישראל? — האָט ער געפרעגט. — ביזטו דאָס דער, וואָס אים האָבן געשיקט די, וועלכע נערן זיך מיט באַטרוג און שפּייזן זיך מיט גרימצאָרן? אָבער ווילאַנג גראָז וועט באַדעקן מיינע גערטנער און וואַסער וועט שטראָמען אין מיינע טייכן, וועלן די מענער פון ישראל נישט הייבן די שווערדן איינער אויפן אַנדערן.

אחאב איז פאַרבייגעגאַנגען זיין הויף־שררה, וואָס איז געשטאַנען ביי א וואַנט, געבויגן פאַר זיין באַליידיקטן קעניג. דער מלך האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א רויכערנדיקן איילאָמפּ. די אויגן האָבן געגליט, דער ברוינער פּאַס באָרד אַרום דער רעכטער באַק האָט א ציטער געטון, ווען ער האָט אויסגערופן:

— אַז מען וועט איינוואַרפן מיין הויז אויפן באַרג, וועל איך אויפשטעלן א נייעם פּאַלאַץ; אַז מען וועט חרוב מאַכן מיינע שטעט, וועל איך נייע פעסטונגען אויפריכטן; אַז ציגל וועלן איינפאַלן, וועל איך מיט אָפּגעהאַקטע שטיינער ווידער בויען די וואווינערטער, און אויב די ווילדע פייגנביימער וועלן אויסגעריסן ווערן, וועל איך מיט צעדערן זיי פאַרבייטן. ביז היינט האָב איך געוואוסט, אַז אַרם טאָר איך נישט געטרויען, און אַז מואָב איז די רוט פאַר מיין פאָלק. איצינד זע איך, אַז מיינע הויפלייט האָבן אָנגעצילט די פיילן אויף מיינע טורעמס. אָבער איך שווער ביי מיין אָרעם, מיינע פיינט וועלן צעריבן ווערן דורך מיינע חיילות!

מיט אַמאָל האָט דער קעניג זיך א וואַקל געטון. דאָס זיכערע קול איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט צוגעטראָגן ביידע האַנטפלאַכן צום שטערן און אַן אָפּגעשוואַכטער געמורמלט:

— פאַרוואָס פאַרקלאָגט מען מיך און פאַרוואָס צאָרנט מען אויף מיר דער געטלעכער מאַן? צי דערפאַר ווייל חיאל האָט אויפגעבויט יריחו און איזבל דינט צו די געטער פון איר פאָלק? חיאל איז מיין רעכטע האַנט אין קריג און מיין בוימייסטער אין פרידן, און איזבל איז מיין מלכה. פון איר חכמה

ווען חערשט שלום מיט צור און ארם הייבט נישט קיין שווערד אויף מיין לאנד. און פאַרוואָס האָט מיין שר נישט געמאַרט אויפריכטן די טויערן פון יריחו? יריחו איז מיין פעסטונגשטאָט, פון אירע טורעמס קאָן מען אראָפקוקן צו דער הינטערליסטיקער מואב. האָט דען משה דורך דער תורה נישט פאַרזאָגט יעדן מאַן אין ישראל, אז ווען ער וועט בויען א נייַ הויז, זאָל ער מאַכן א געלענדער צו זיין דאַך, און ער וועט דעריבער נישט ברענגען קיין בלוט אין זיין הויז, ווען עמעצער וועט אראָפפאַלן! די פעסטונגען אין שומרון זענען דער דאַך איבערן הויז פון ישראל און יריחו איז דער געלענדער! אליהו, דער נביא פון מדבר, ברענט ווי א האַרנשלאַנג מיינע טריט. איך שווער ביי מיין קרוין, אז איך האָב אים געוואָלט איבערבעטן, אז פרידן זאָל זיין צווישן דעם געטלעכן מאַן און דעם מלך. אָבער ער וויל בעסער זען אן אומגליק אין לאנד און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ווי א בייזער רויבפויגל אין מדבר.

— דער מאַן פון גלעד וויל אויסראָמען די אומווירדיקייטן פון ישראל, קע־ניג! — האָט איתמר געזאָגט.

אין יענער רגע איז דער צוטרוי אין דער אייגענער מאַכט פון קעניג אוועק. שטייענדיק קעגנאיבער דעם מאַן, וואָס האָט געהאַט מער זיכערקייט פון אים, האָט זיך אַחאָב מיט אַמאָל ארומגעזען, אז זיינע ראַטגעבער האָבן אים פאַר־בלענדט און זיינע פאַרטרויאונג־מענער האָבן אים גענאַרט. דורך אַלע פריער־דיקע יאָרן האָט ער זיך געפירט אזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געהערט דעם פלאַטער פון נאַכטפייגל און דאָס קלינגערייַ פון שפּיזן, איינגעטונקענע אין גיפט. וואו זענען די ריכטער, וואָס זאָלן שאַצן די מעשים פון דעם מלך? ער האָט געוואָלט שרייען, אָבער זיין קול איז געוואָרן דערשטיקט; ער האָט געוואָלט צאַרענען, אָבער די רייד זענען געווען מיט געבעט:

— פאַרוואָס באַזינגען מיך נישט די זינגער און פאַרוואָס קריצן נישט אוים די שטיינהאַקער מיין נאָמען און מיינע גבורות אויף די בימות ביי די שיידוועגן? וואָס איז מיין זינד און מיין פאַרברעכן? איז שוין נישטאָ קיי־נער אין ישראל, וואָס ציילט מיינע גוטע מעשים? און צי זענען די כהנים פון די שטיינערנע קעלבער אין בית־אל אזוי נידערטרעכטיק, אז צוליב זיי זאָל אויף מיין לאנד פאַלן די קללה פון הונגער? מיינע קינדער טראָגן נעמען פון די פאַטער־הייזער און מיין טאָכטער עתליה, האָט גענומען פאַר א מאַן דעם פּרינץ פון ירושלים. איך האָב אָפּגעגעבן כבוד די באַדינער פון דער תורה און געבויט הייזער פון מירמלשטיין פאַר די לערער און סופרים. איך האָב אוועק־געזעצט ריכטער, וואָס לאָזן נישט בארויבן אלמנות און באַטריגן יתומים. אין מיין הויז פון גערעכטיקייט וועט א יונגער זיך נישט גרויסן קעגן א גרייז־גרויען און א מינדערווערטיקער וועט נישט אַקעגנרעדן אן אָנגעזעענעם מאַן. וואָלט

איך געווען א מלך ביי די פּלישתים, צי ביי די צידונים, וואָלטן די בוימייסטער אויסגעפורעמט מיין אָפּבילד פון עלעפאַנטנביין, אזוי גרויס ווי די געצן אין די טעמפּלען, און מען וואָלט מיינע אָפּבילדער אוועקגעשטעלט ביי אלע געמאַרקן, זיי זאָלן דערמאָנען טאָג און נאַכט דעם פאָלק. אז זייער הערשער, וואָס קאָן אָנפילן די טייכן און פּרוכטיק מאַכן די ערד — ער קאָן ארויסשיקן שיפן אויף די ימען און באַצווינגען פרעמדע פעלקער. רעדט נישט צו די נזירים פון מדבר! פרעגט דעם צויבערמאַן און דעם שפּרוכקענער. צי די עלטסטע פון ישראל דאַרפן נישט פאַלן צו דעם זוים פון מיין קלייד און זאָגן: הערשער, פאַרלאָז אונדז נישט! אָדער אפשר שאַצן שאַץ איך אומזיסט מיינע מעשים פאַר ישראל? צי איז שוין געקומען דער טאָג איך זאָל זאָגן צו מיינע פירשטן: פאַרמאַכט די טויערן און לאָזט אראָפּ די שלעסער, ווייל מיין פעסטונג איז געפאַנגען!

איתמר׳ס פּנים איז געוואָרן פלאַמענדיקער, ווען אחאב האָט זיך געגרויסט מיט זיינע גבורות, און ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט, ווי א וואָרע־נונג:

— זאָלן זיי פאַרמאַכן די טויערן! זאָלן זיי אראָפּלאָזן די שלעסער! זאָלן די פירשטן אנטלויפן צו די פיר עקן וועלט, אָבער זיי קאָנען נישט אנט־לויפן פון די שטורעמווינטן, וואָס וועלן אָנהויבן בלאָזן פון די בערג און פון די ימען און פון די טייכן און וועלן אומוואַרפן די ווענט פון דיין פעסטונג!

ביי די רייד האָט אחאב זיך דערנענטערט צו דעם מאַן, וואָס זיין פאַרלאַנג נאָך נקמה איז געווען געפערלעכער ווי אלע מלחמה־וואָרענונגען פון פרעמדע הערשער. ער האָט א צעטומלטער אויסגעשריגן:

— דער מאַן פון גלעד איז אנטלאָפן צום באַך כרית, אָבער די וואָס גייען אים נאָך ווילן מיך באַשטראָפן פאַר די זינד פון ירבעם און פאַר דער פאַרדאָרבנ־קייט פון בעשאַ און פאַר די רציחות פון זמרי. זענען דען מיינע פּלייצעס אזוי שטאַרק און קאָנען טראָגן די חטאים פון דורות? וואָס וויל מען פון מיר? מיין פאָטער האָט אייך ארויסגעפירט פון דער פינצטערניש און באַפרייט פון דער בייזער מאַכט פונעם הויז פון זמרי. ער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין אין תירצה און אויפגעבויט בית־אל און איינגענומען אשקלון. איך אליין האָב באַפעסטיקט אייערע שטעט און ארומגערינגלט מיט טורעמס דאָס לאַנד. זעט איר דען נישט, אז דער האַר פון דער וועלט אליין האָט אונדז אויפגעהויבן צו רעגירן אין באַרגלאַנד און אין פלאַכלאַנד? זאָלן זיי קומען אצינד, די מענער פון אויפשטאַנד! אויב זיי וועלן שטורעמען מיין פּאַלאַץ, וועל איך ארויס צו זיי און ווידער אמאָל זאָגן: מיין פאָטער האָט דאָס פאָלק פון הינטערגאַסן ארויסגעפירט און אין הויכע הייזער אריינגעזעצט, און איך האָב גרויס געמאַכט

אייער נאָמען און ארויסגערופן אייער פּחד ביי די פעלקער. איר זייט דעם קעניגס קינדער און קינדער הייבן נישט קיין האַק אויף זייער פאָטער. אויב, אָבער, איר ווילט מיין בלוט, וועל איך אייך מיין בלוט געבן. עלטסטע פון ישראל! שטעכט־אויף מיינע אָדערן און זאָל רינען מיין בלוט און איר זאָלט לעשן אייער דאָרשט, אויב דאָס איז פאר דער שוץ פון ישראל.

די געשרייען פון דעם דערשראָקענעם קעניג זענען געוואָרן העכער און פארצווייפלטער, און ער האָט מיט וואַקלענדיקע טריט צוגעשפרייזט צו די גרינע וואזעס מיט ציפּרעסן. דער בלויער מאנטל איז געפאלן פון די אקסלען. אין יענער רגע איז דער הערשער געוואָרן קלענער אין וואוקס און יונציקער אין וואָג. זיין פּנים איז געוואָרן ווי אַש, און אין די מידע אייגן האָט זיך געלאָשן דאָס לעצטע פייער פון ווידערשטאנד. דאָס קול האָט שטיל אויסגעיאָמערט ווערטער, וואָס נישט איתמר און נישט עובדיהו האָבן געקענט הערן.

דער מלך פון ישראל איז געוואָרן אָנמעכטיק, זיינע פּלייצעס, צו־שוואַך צו טראָגן די לאסט פון דער מלוכה, האָבן זיך געקאָרטשעט. און דער הויכער, לויזער גוף איז צוגעפאלן צו דער וואנט. עובדיהו חאָט, אונטערלויפנדיק, געכאַפּט דעם הערשער ביי די אָרעמס איידער ער איז אראָפּגעזונקען צו דער ערד און אים אריינגעזעצט אין א טיפן געוואנט. ער האָט אים ארומגעבעט מיט קישנס און דעקטיכער און איז געלאָפן רופן די שקלאפין ניפרה, זי זאָל פאר אים אויפשפּילן אויף דער האַרפע.

די טונקלהויטיקע ניפרה, איז אריינגעקומען באגלייט פון דריי קנעכט, וואָס האָבן געטראָגן א האַרפע, א לירע און א פלייט. עובדיהו האָט אָנגעפולט א בעכער מיט וויין און א פארשולדיקטער דערלאנגט דאָס שווערע געטראנק דעם קעניג. ער איז געשטאנען א געבויגענער און געוואָלט וויסן, וועלכער פון די באליבטע פארוויילער קאָן ברענגען רו זיין הארץ: א טענצערין, א צויבערמאן, א מעשיות־דערציילער, אָדער די פויסטן־שלעגער פון די הִיתים, וואָס ווע׳ן פעכטן ביי זיין צופוסנס?

אַחאָב האָט געטרונקען פון דעם וויין און מיט א האנטצייכן געהייסן איבערלאָזן די האַרפע־שפּילערין. זי איז א שעמעוודיקע אָפּגעגאנגען טיפער אין קאמער און זיך געזעצט אויפן ראנד פון טעפּיך, ביי דער וואנט פון הערבן. מיט דער האַרפע אָנגעשפּארט אויף אירע בריסטן און מיט גליִענדיקע אויגן אראָפּגעלאָזטע צו דער ערד, האָט זי גענומען צופּן די סטרונעס און וויינענדיקע טענער האָבן אויפגעציטערט צווישן די ווענט פון קאמער, וואו א קעניגלעכע מאכט האָט געהאלטן ביים פאלן. איתמר, פול מיט חרטה, האָט געוואוסט, אז די טענער וועלן נישט מונטערן דעם מלכ׳ס הארץ. עובדיהו האָט געוואָלט געבן א צייכן, אז די שקלאפין זאָל אויפהערן שפּילן, אָבער איתמר האָט זיך

דערנענטערט צו דער יונגער פרוי, וואָס האָט אצינד אויפגעהויבן אויף אים אירע גלוסטיקע אויגן אין פארשעמטקייט.

— פאַריאָג דעם טרויער פון קעניג, —האָט ער שטיל געזאָגט,— דו ביזט גערופן געוואָרן פריילעך צו מאכן זיין האַרץ.

די אויגן ביי דער שקלאפין האָבן געשטראַלט מיט דער ליכט פון זיבן זונען. זי האָט געזאָגט:

— דעם קעניגס האַרץ וועט ווערן פריילעך, ווייל דו האָסט באַלויכטן זיין קאמער מיט דיינע רייד פון אמת.

— דער קעניג איז דערשראָקן, ניפרה, און די טענער פון דיין האַרפע באַדאַרפן פאַרטרייבן זיין פחד.

— דו ביזט א שטאַרקער מאַן, איתמר, —האָט זי געפליסטערט,— דיינע אויגן קאָנען אַנצינדן דעם מדבר, און פאַר דעם פייער פון מדבר האָבן מורא מלכים.

— האָסטו דען אליין נישט מורא פאַר דעם טרויער פון דיין האַר?

— שטאַרקער מאַן! עס איז גוט צו זען דעם הערשער אין זיין פחד.

— שפיל, ניפרה, פאַר דעם קעניג. מאַך לוסטיק זיין באַטריבטע נשמה.

— איך וועל שפילן פאַר זיין גאַסט, וואָס איז אים בייגעקומען מיט רייד פון צאָרן.

— שפיל בלויז פאַר דעם קעניג. דער גאַסט איז זיין קנעכט.

און איתמר איז אָפּגעגאַנגען און אָנגעהאַנגען זיינע אויגן אויף דעם מלך פון ישראל, וואָס איז אצינד געווען נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער.

אַהאָבס אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט גערוט אויף די גאָלדענע פעדים פון זיין מאַנטל. פאַר די מידע אויגן איז געשטאַנען א נעפּל, ווי א געדיכטער וואָלקן וואָלט פּלוצים זיך אַרויסגעהויבן פון די ווייַרויך־פּאַנען און אים אָפּגעשיידט פון אַלע סכנות. דער קעניג איז געווען איינזאַם. זיינע ליפּן האָבן געזופּט ווייַן פון דעם בעכער און אין די אויערן האָט געקלונגען א וואָרענונג, אַז אויף דעם הערשער פון לאַנד קוקט זיך מער נישט אום דער רעגירער פון דער וועלט.

דאָס וואָס מאַכטהאָבער פאַרלאַנגען איז אָפּט פאַרהאַסט ביים האַר פון באַשאַף, —האָט אַהאָב געטראַכט,— פאַרוואָס האָבן נישט דער קעניג און דער שטראָפער איין און דעם זעלבן רצון? פאַרוואָס נידערן אצינד נישט אַראָפּ די מלאכים און צינדן־אָן זיינע ליפּן מיט פלאַמענדיקע רייד, אַז זיין שונא זאָל צעשמאָלצן ווערן ווי א וואַקס פון זיין היציקן אָטעם? און פאַרוואָס פאַרמאָגט ער נישט דעם כוח צו קאָנען קנעטן און פורעמען דעם ווידערשפּעניקן איתמר לויט זיין פאַרלאַנג? קאָן עס זיין, אַז עמרי׳ס זון איז פאַרשאָלטן געוואָרן מיט טרויער און אין זיין האַרץ איז בלויז דאָ אָרט פאַר געיאָמער? מיט

דעם געטלעכן מאַן איז ער צעקריגט און דעם האַר פון דער וועלט קאָן ער נישט איבערבעטן. איז דאָס איזבל'ס שולד, וואָס ער איז אַזוי איילענדיק אַריבער־געגאַנגען פון די פריידן פון דער וועלט צום איינזאַמען לעבן פון אַ פאַרהאַסטן קעניג? שטאַרק זיך, קעניג פון ישראל! — האָבן זיינע שלאָפּע ליפּן געפּליס־טערט, — די אָפּשפּעטער טאָרן דיך נישט זען אין דיין געפאַלנקייט! הייב זיך אויף און נעם דעם צעפּטער אין האַנט אַריין! זאָלן פון דיין מויל פאַלן באַפעלן און דער פאַרשטעלטער שליח וועט זען, אַז עס איז פאַראַן אַ הערשער און אַ שופט אין שומרון!

אחאָב האָט זיך אַרויסגעהויבן פון די קישנס און געוואַנטן. די דאַרשטיקע ליפּן זיינע האָבן. ווי אין פיבער, אויסגעזופּט פון בעכער די לעצטע טראָפּנס וויין. דאָס געטראַנק האָט געמוזט שטאַרקן דעם שלאַפן מלך, ווייל זיין גע־שטאַלט איז געוואָרן העכער און זיינע טריט זענען געוואָרן זיכערער, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום קריגסמאַן און געזאָגט:

— ביזט אַ געפאַר, איתמר, און איך האָב מורא פאַר דיר. דו האָסט גע־בראַכט אומרו אונטער מיין דאַך און מיינע וועכטער וועלן אַצינד דיך מוזן היטן. אויף דיין צונג איז דאָ מער סכנה, ווי אין די הונדערטער שפּיזן איינגע־טונקען אין גיפט און מיין קאָפּ איז מער נישט געשיצט קעגן דיינע פיילן. אַ הינטערליסטיקער מלך וואָלט מיט גאָלד שטום געמאַכט דיין צונג, אָבער דער זון פון עמרי קויפט נישט אונטער זיינע פיינט.

איתמר האָט אַ געבויגענער געפּליסטערט:

— באַפעל דיינע קנעכט און זאָלן זיי מיך פירן איז געפענגעניש, קעניג!

אויף דעם קעניגס ליפּן איז געווען שפּאָט און ער האָט געוויגט מיטן קאָפּ:

— אָנשטאָט אין געפענגעניש וועל איך דיך אַריינזעצן אין פּאַלאַץ, איתמר, און איידער איך וועל מיינע ראַטגעבער ווידער איינזאַמלען מאָרגן ביים זונפאַרגאַנג, וועסטו זיך שטעלן, ווי אַ בעטלער, פאַר דעם קאַמער פון איזבל.
— קנעכט, פירט דעם געפאַנגענעם צו דער מלכה!

ווען די וועכטער זענען אַריינגעלאָפן און אַרומגערינגלט איתמרן, האָט עובדיהו זיך געשטעלט ווי אַן אָנשפּאַר פאַר די פּלייצעס פון זיין האַר. אחאָב האָט אים אָנגעקוקט צוערשט מיט פאַראַכטונג און דערנאָך מיט פאַרגעבונג. דער כוח וואָס האָט אים ערשט אַרויסגעהויבן פון דער דרימלענדיקער רו און געשטאַרקט זיין צונג, האָט אַצינד אים ווידער באַפוילן: אויף די פיס, אחאָב! ווען איזבל זאָל אַפילו נישט שטיין ביי דיין רעכטער זייט און נישט אַרויספירן דיך פון דיינע טעותים, מוזטו אליין געדענקען, אַז פאַר אַ האַר איבער דיין פאָלק האָט דיין פאָטער עמרי דיך איבערגעלאָזט. אַזוי ווי די נשמה פירט־אָן

מיט דעם גוף, אזוי מוז דער פּאַלאַץ אָנפירן מיט דער מלוכה. אויף די פיס, אַחאָב!

אויפגעמונטערט פון דעם שטאַרקן ווילן, האָט ער נאָכגעקוקט די וועכטער, וואָס האָבן ארויסגעפירט דעם געפאַנגענעם איתמר, אָבער א טרויער חאָט באַלד פארקלעמט זיין הארץ. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט דעם אויפשטענדלער איינגעשטילט, אָבער ער האָט אים נישט בייגעקומען און א מידער האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אָרעם פון זיין הויף־שררה.

פון דעם בויגן־טורעם זענען אראָפּגעקומען צוויי רופאים אין ווייסע פאַלדנקליידער, באַגלייט פון א הויכן, מאָגערן שטערנזעער. זיי האָבן עובדיהו׳ן דערמאָנט, אז עס איז דער טאָג פון חודש, ווען דער קעניג באַדאַרף זיך אויסטאָן נאַקעט פאַר זיינע היילער. די רופאים האָבן געהאַט געגאָלטע קעפּ און פעטע העלדזער, און עס חאָט געבלאָזן פון זיי מיט ריחות פון מירע. זיי האָבן מיטגעבראַכט געטריקנטע קרייטעכצער, געווירצנשטויב און ליטערע איילן צוצולייגן צום קאָפּ און צום גוף פון דעם קראַנקן הערשער. א קנעכט האָט אריינגעפירט א האָריקן ציגנבאָק, וואָס דער קעניג זאָל האָבן געהייסן ברענגען פאַר א שולד־אָפּפער צו פאַרגעבן די זינד פון זיינע רופאים.

די היילער האָבן געוואַרט, אז דער קעניג זאָל אריינגיין אין זיין שלאָפקאַמער. אויף דער שוועל האָט דער שטערנזעער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און דערנאָך האָט ער אריינגעקוקט אין דעם פאַרמעט פון דער לבנה, אויסצורעכענען צי די נאַכט איז גענוג ליכטיק צו היילן דעם שלאָפן מלך.

ב

איזבל האָט געהאַט א פּאַלאַץ פאַר א היים נאָך איידער זי האָט פאַרלאָזט איר לאַנד צידון. זי איז אויפגעוואַקסן אויף די קניען פון איר פּאָטער אתבעל, וואָס איז געווען דער קעניג און כהן ביי די צידונים, און זי איז געוואָרן ווידער־שפּעניק צו אירע עלטערן אין יענעם עלטער, ווען אחאב איז צו־יונג געווען נאָכצוטראָגן די שווערד פון זיין פּאָטער עמרי, דעם שלאַכטמאַן און דעם מלך פון ישראל.

אירע עלטערן זענען געווען אייפערדיקע געצנדינער, און פון איר גאָר פריער קינדהייט האָט זי געדענקט איר פּאָטער, ווי ער האָט אוים ווילדער פרייד געשניטן שטיקער פון זיין אייגענעם לייב, טאַנצנדיק פאַר די קעלבער. אין זיינע רו־שעהן איז ער געזעסן אויף זיין טראָן א שטייפער, א פאַרגליווערטער, אזוי ווי דער שטיינערנער געץ וואָס האָט באוואַכט די טירן פון זיינע קאַמערן. איזבל'ס מו־טער, רפיחה, האָט מורא געהאַט פאַר איר מאַנס הערשאַפט, און אליין האָט זי זיך פאַרנומען מיט כישוף און פאַרבאָטענע ליבעס. פירשטן פון צור און שררות פון מדין זענען צו איר געקומען נאָך עצות, ווי אזוי אומצוברענגען די, וואָס לויערן אויף זייערע לעבנס. די קעניגין רפיחה האָט געלאָזט רויכערן בראַנד־אָפּפערס און צוגעזאָגט די אומגליקלעכע אזויפיל מאַכט און פאַרגעניגנס, אז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין צו וואַשן זייערע קליידער אין ווייַן און באָדן זייערע קער־פּערס אין בלוט. אין צור האָבן קנעכט דערציילט, אז זי פלעגט הרגענען יעדן מאַן נאָך דעם ווי זי האָט געטיילט מיט אים איר געלעגער, און דערנאָך האָט זי אָפּגעוואַשן אירע זינד מיט קרבנות פאַר עשתורת. די שענסטע יונגפרויען פון צרפת האָבן געטאַנצט פאַר אירע פלאַקערנדיקע מזבחות, און די בלינדע און געליימטע פון קרנים האָבן זיי באַזונגען, ווייל זי האָט אויסגעטיילט מטבעות אין טעמפּל און געוואָרפן פאַר זיי ברעקלעך פון אירע זאַטע טישן.

אתבעל און רפיחה האָבן געהיט זייערע פינף געהאַרכזאַמע זין, אָבער די טאָכטער איזבל, וואָס איז געוואָרן גאָר פרי ווידערשפּעניק, האָבן זיי געלאָזט

צום חסד פון די געצן. איזבל האָט אָנגעהויבן זוכן אירע פריידן ביי די הויפֿ־לייט און וועבטער פון איר פּאָטערס טעמפּל. איר מוטערס רחמנות צו די געשטראָפטע קאַליקעס האָט איר נישט איבערגענומען, אָבער איר פאַרלאַנג נאָך פאַרגעניגנס האָט געטריבן איזבל׳ן צו גרויזאַמקייטן. ווי א פּרינצעסין, האָט זי געמעגט אין הויף שמייסן די קינדער וואָס האָבן איר ארויסגעוויזן ווידערשטאַנד און ביי די קנעכט האָט זי געלאָזט אָפּשניידן די אויערן, ווען זיי האָבן נישט געפאָלגט אירע באַפעלן. די גרעסטע פאַרוויילונג איז פאַר איר געווען דער טאַנץ פון די פּריסטער אין הויז פון בעל. אין די נעכט איז זי נישט מיד געווען צו קוקן אויף די פייערן פון די מזבחות. ווען די געצנדינער האָבן געוואָרפן קינדער אין די פלאַמען און געשניטן פון זיך לעבעדיקע אברים. אוים ליבע זיך צו פייניקן, האָבן די פּריסטער געשליידערט מעסערס איינער אויפן אַנדערן און געשפּאָלטן די קעפּ. אונטערן שיין פון די רויבערנדיקע פאַקלען האָט איזבל אָפּט געזען דעם בליץ פון קורצע שפּיזן און דאָס בלוט, וואָס האָט געשפּריצט פאַר דעם כבוד פון בעל.

אתבעל האָט איבערגעגעבן זיין טאָכטער צו קטורה׳ן, א מצרישע דערציערין, וואָס איז פריער געווען אַן אַם און שפּעטער האָט זי געלערנט מיט רייכע טעכטער די מנהגים פון לעבן. אָבער עס איז געווען צו־שפּעט. איזבל איז געווען געגנוג רייף צו באַגיין די זעלבע זינד ווי איר מוטער. פונדעסטוועגן האָט די עגיפּטערין באַגלייט איזבל׳ן ווי א שאָטן, ווייל עס איז געווען די צייט צו לערנען איר די פירונגען פון א פּרינצעסין. צו פופצן יאָר איז איזבל׳ס קערפּער געווען שלאַנק ווי א צווייג אין דעם ווייַנשטאָק פון קדש און אירע געשניצטע פּים האָבן זיך געוויגט אונטער די קלאַנגען פון ציטרעס און פלייטן. זי האָט געקענט אַלע פאַרשייטע טענץ פאַרן מזבח, און אַן אַנטבלויזטע האָט זי אויפגעטראָטן אין די שפּילהייזער פאַר די אויסדערוויילטע לוסטיונגען פון צידון. זי האָט נישט געוואוסט דעם ווערט פון איר ליבע און זיך אָפּגעגעבן צו די אויסגעלאַסענע. איין מאָל אין א נאַכט, ווען די באַזויפטע מענער האָבן געגאָסן אויף איר לייב האָרנס מיט וויין, איז צו איר צוגעגאַנגען עכאָן, דער זון פון דעם קעניגס שאַצמייסטער. זיין איידל פּנים האָט געשטראַלט פון תאווה און זיין קול איז געווען אָנגעזאָפּט מיט פאַרבאָטענע באַגערן.

— איך וויל זיין, איזבל, ווי דאָס בינטל רויזן, וואָס וויקלט ארום דיינע האָר, —האָט ער געזאָגט.— איך וויל זיין דער גאַרטל, וואָס דריקט דיינע היפּטן און דער פּוסרינג, וואָס נעמט אַרום דיין קנעבל. און דו, פייער פון עשתורת, מעגסט מיך פאַרצערן אויף קויל. אויב דאָס וועט קילן דיין האַרץ. קום, שיינע טאָכטער, צו די ברעגן פון אכזיב און מיר וועלן באָדן אונדזערע חלומות אין די קלאָרע וואַסערן.

איזבל האָט אויסגעהערט זיינע פלאַמענדיקע רייד און דערזען, אז ער איז איידעלער און שענער פון די אַלע אויסגעלאַסענע יונגען. אָבער געוואוסט האָט זי אויך, אז ער איז פארשטויסן פון זיין פאָטערס הויז, ווייל ער האָט צוגענומען זיין יינגסטע קעפסווייב. עכאן האָט ביי איר געבעטן ליבע, אָבער זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. א געהיימער כוח האָט איר באפוילן אָפּצוזאָגן מענער, וואָס פארלאנגען נישט, נאָר בעטן. די לוסטיונגען אין שפּילהויז האָבן זיך געוואונדערט אויף זיין דרייסטקייט.

— עכאן איז צו־העזהדיק, —האָבן זיי געזאָגט,— זיין פאָטער איז דער שאַצמייסטער, אָבער איזבל איז די פּרינצעסין און זי מעג אָפּשטויסן דעם, וואָס פאָדערט מער ווי עס קומט אים.

עכאן איז אוועק, און טעג נאָכדעם האָט ער געפלאָמט פון באגערן. איין מאָל אין א פרימאָרגן איז ער געקומען צו איר טיר און אוועקגעלייגט א הענגל ציפּערבלומען, ווי א צייכן אז זי מעג אים אפילו טרעטן מיט אירע סאנדאלן, אָבער פארלאָזן וועט ער זי נישט. איזבל האָט אים נישט געוואָלט זען, אָבער ער האָט שוין געוואוינט אין איר הארצן און זי האָט אים פארגליכן צו א פאַר־בלאָנדזשעטן אינד אין פעלד. נעכט זענען פארביי, און איזבל האָט געליטן פון טרויער. זי האָט זיך אליין געוואונדערט פארוואָס אירע אויגן זענען פייכט פון טרערן און איר נשמה איז אומעטיק. זי האָט פארטריבן אלע ליבהאָבער און נישט געוואָלט זען דאָס ליכט פון טאָג. זי האָט זיך פארגראָבן אין די ווייכע טעפּיכער און געוויינט אין שוים פון איר דערציערין קטורה.

נאָך דרייסיק טעג האָט זי אים גערופן צו זיך, און עס איז איר קלאָר גע־וואָרן, אז זי האָט אים פריער ליב געהאַט. נישט יעדער ליבהאָבער, —האָט זי געטראַכט,— קאָן שטורעמען דאָס הארץ פון א פרוי אזוי ווי א פעסטונג. זי איז געקומען אין עכאַנ׳ס הויז און איז דאָרט פארבליבן. די מוטער האָט פאַר־לאַנגט אז איר טאָכטער זאָל צוריקקומען. דער פאָטער האָט געשיקט גאָלד און מתנות מיט קטורה׳ן, אָבער איזבל האָט די געשאנקען נישט אָנגענומען. טעג און נעכט האָט דאָס פּאָרל פארברענגט אין זיינע טונקעלע קאַמערן און פארגעסן אָן די געצן. זיי האָבן גערעדט איינער צום אנדערן צערטלעכע ווערטער און זיך געבאָדן אין די וואסערן פון אכזיב. זיי האָבן אויסגעפלאָכטן געלעגערס פון לילעס און רויזן און געטרונקען ווייַן פון איין בעכער. די פרייד האָט גע־קאָנט ווערן אומענדלעך. איזבל איז געפאָרן קיין דמשק, קיין רבת־עמון און קיין שומרון. עכאן האָט אויסגעקויפט די שענסטע געוואנטן, טולן און ליינען אויף די מערק, ביז ער איז פאראָרימט געוואָרן. דעמאָלט האָט איזבל אים אָנגערעדט, ער זאָל צוריקגיין אין זיין פאָטערס הויז און אויסרויבן די שאַצקאַ־מער, אז זי זאָל קאָנען איינקויפן די טייערסטע נאָזרינגען, שטערנבענדער,

קמיעות און מאַנטלען אויפן מאַרק פון דמשק. עכאן האָט געפּאַלגט און אַרויס־געגנבעט די שליסלען פון שאַצקאַמער. אָבער די וועכטער האָבן אים געכאַפּט, און דער פאָטער, דער שאַצמייסטער, האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. די ריכטער האָבן זיך דערמאָנט אין זיינע פריערדיקע זינד, ווען ער האָט איבערגע־רעדט דאָס קעפּסווייב פון זיין פאָטער, און זיי האָבן אים פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן ווי אַ בראַנדאָפּפער אויפן מזבח פון בעל פעור.

איזבל האָט באַווינט זיין טויט און זיך באַשוואוירן, אַז ווען די לבנה וועט זיך באַנייען צום דריטן מאָל, וועט זי נעמען אַ מאַן פון אַ פרעמד לאַנד, וואו די ריכטער זענען נישט גרויזאַם און די שטראָף פאַר געגנבעטע ליבע איז מילדער, און די פרויען ווערן באַלוינט מיט מאַכט פאַר זייער געטריישאַפט. פון די טעג ווען זי איז געווען מיט עכאַנען אין שומרון, האָט זי געדענקט די מענער פון ישראל, וואָס זענען גרויזאַמע קריגער אויף די שלאַכטפעלדער און איידללייט אין זייערע הייזער. זי האָט געהערט, אַז די פירשטן פון שומרון און פון ירושלים נעמען פאַר ווייבער פרעמדע פרינצעסינס; זיי פילן־אָן זייערע האַרעמס מיט די שענסטע טעכטער פון מצרים און מואב. די מלאכים בויען פאַר זיי טורעמס פון העלפאַנטביין און מירמלשטיין. איזבל האָט מקנא געווען יענע יונגפרויען, און אַ שבועה זיך געגעבן, צו נעמען אַ מאַן פון די מעכטיקע און רייכע אין שומרון.

איר באַגער איז געווען צו קריגן אַ פרינץ פון ישראל. זי האָט געשיקט אַ פאַרמעט־בריוו צו אירע עלטערן און איבערגעבעטן זיך מיט קטורה׳ן. ווען זי איז צוריקגעקומען אהיים, אין צידון, האָבן אַלע פאַקלען געברענט אויף די מויערן פון שטאָט. עס איז דעמאָלט געווען פרידן צווישן צור און ישראל, און אתבעל, דער קעניג און כהן, האָט געשיקט שליחים צום מלך פון ישראל אָנזאָגן זיין טאָכטערס פאַרלאַנג. עמרי האָט שוין געהאַט אויפגעריכט די פעסטונגען אויפן באַרג און געוואָלט שטאַרקן דעם בונד פון פריינדשאַפט מיט צידון. ער האָט פאַרבעטן איזבל׳ן צו קומען קיין שומרון און ווערן דאָס ווייב פון זיין זון אחאָב. די צידונישע פרינצעסין האָט געהאַט איר ערשטן באַזיג. דעמאָלט איז אין איר רייף געוואָרן דער פאַרלאַנג, אַז שטאַרקע נעמען דאָס, וואָס זיי קומט.

ווען איזבל׳ס רייטוואָגן איז אָנגעקומען אין שומרון, האָבן די האָרנס פאַרן פּאַלאַץ אויפגעשאַלט, די פלייטן האָבן געשפּילט, און ווען זי איז געזעסן אין איר טראָגשטול, אויפן וועג צו אחאָב׳ס טורעם, האָט זי זיך דערוואוסט פון אירע דינסטן, אַז פרינצן פון ישראל, זין פון די פריערדיקע מלכים, האָבן זיך געליבט מיט די יונגע קעפּסווייבער פון זייערע פאָטערס. איר באַגלייטערין, קטורה, האָט איר געטרייסט, אַז די מענער פון ישראל זענען געטרייער צו גאָט

און בעסערע ליבהאָבער ווי די זין אין צור, אָבער איזבל האָט זיך געשראָקן פאַר אחאָב'ן, ער זאָל נישט עפענען אַ האַרעם איידער זי זעצט זיך ביי זיין רעכטער זייט. הערן האָט זי אויך געהערט פון די קאַמערמיידלעך, אַז אין קעניגרייך פון ישראל איז נישטאָ קיין אויסגעלאַסנקייט, און דער טרעגער פון דער קרוין הייבט־אויף זיינע אויגן בלויז צום הימל און צו דער מלכה.

נאָך צען טעג האָט איזבל געקענט אַלע גאַסן און וויינגערטנער פון דער רייכער באַרגשטאָט, אָבער זי האָט נישט געזען קיין טעמפּלען מיט רויכערנדיקע מזבחות און קיין צעבלוטיקטע פּריסטער, אַזוי ווי אין צידון. זי האָט אָנגע־פרעגט ביי אירע דינסטן, ביי אחאָב'ס קנעכט און ביים קעניג עמרי'ס לייב־וועכטער, אָבער געענטפערט האָבן איר די גאָטספאַרכטיקע אין שומרון:

— אין דעם דאָזיקן לאַנד רעגירט דער האר־צבאות, —האָבן די פרומע געזאָגט, — גאָט, דער אַלמעכטיקער וואוינט אין הימל, אַזוי ווי דער קעניג רוט אין די קאַמערן פון פּאַלאַץ. ער קאָן אָנפילן טייכן און אויסטריקענען ימען; ער קאָן אָנטראָגן שטורעמווינטן אויף די וויינגערטנער און באַפרוכפּערן מדב־ריות; ער קאָן פאַרברענען פעלדער און עפענען קוואַלן אין די פעלזן. היט זיך פאַר דעם האר־צבאות, וואָרום ער איז נישט בלויז דער גאָט פון באַרמהאַרצי־קייט, נאָר אויך דער גאָט פון צאָרן.

איזבל האָט זיך באַזעצט אין דעם העכסטן טורעם פון פּאַלאַץ און קטורה'ן האָט זי צוריקגעשיקט קיין צידון. זי איז געוואָרן דאָס ווייב פון אחאָב און געוואַרט אויפן טאָג, ווען מ'וועט אים זאַלבן פאַר אַ קעניג, נאָכדעם ווי עמרי וועט זיך לייגן מיט זיינע עלטערן. צו די וועכטער האָט זי אַרויסגעגעבן באַ־פעלן און איבער די שקלאַפינס האָט זי רעגירט. אין איינעם אַ טאָג, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז צווישן די יונגפרויען אין הויף געפינט זיך עטרה, אַ ווידערשפעניקע טאָכטער פון אדום, וואָס העצט די הויפלייט אויף איר. עטרה האָט געוועלטיקט איבערן האַרעם און זי האָט אויסגעבעטן דאָס געלעגער פון קעניג עמרי יעדעס מאָל ווען ער איז צוריקגעקומען פון שלאַכט. זי האָט גע־מעגט אַריינקומען אין קאַמער פון די ראַטגעבערס און געהאַט מאַכט צו פאַר־טרייבן די פרויען, וואָס האָבן באַגערט ליבע פון דעם הערשער. ווען זי האָט געזען ווי די צידונערין איזבל, וואָס קען נאָך נישט רעדן די שפּראַך פון ישראל, פאַרשעמט די הויפלייט און קעפסווייבער אין דעם העכסטן הויז, האָט זי אָנ־גערעדט אויף איר פאַר עמרי'ן. אָבער איזבל, וואָס איז געווען אויפן וועג צו הערשאַפט, האָט געלאַכט פון דער חוצפּהדיקער אדומערין און זיך באַוואוירן אָפּצוראַמען פון וועג אַלע פרויען, וואָס זוכן לייטזעליקייט ביים קעניג.

נאָך עמרי'ס טויט האָט אחאָב זיך געזעצט אויפן טראָן פון זיין פאָטער, און די יונגע מלכה האָט זיך דערוואוסט, אַז איר מאַן איז אַ שוואַכלינג אין קע־

ניגלעכע קליידער. דער באַגער נאָך מאַכט און די גלוסטונג צו פּרוּוען האָבן געדרימלט אין זיין נשמה. אָבער אַפילו די גיכע נצחונות אין מלחמות האָבן אים נישט געקאָנט אַרויסשטויסן פון דער מידער רו, וואָס האָט אים באַהערשט. כדי אויפצואוועקן אין אַחאַב׳ן דעם פלאַם פון לעבן און אויפצוהיטן דעם איי־גענעם פאַרלאַנג נאָך מאַכט, האָט איזבל פאַריאָגט די הינטערליסטיקע, וואָס האָבן אים געחנפעט און זי האָט זיך אַליין געשטאַרקט צו ווערן די וועכטערין פון דער מלוכה.

איזבל האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פּריסטער און הויפליַיט, וואָס זי האָט גערופן פון צידון. זי האָט פאַרטריבן די יונגפרויען, וואָס האָבן אָפּגעהיט די הייליקייטן פון ישראל און אויפגעשטעלט אין הויז מזבחות פאַר דעם בעל און געצנביימער פאַר דער אשרה. פון אַחאַב׳ן האָט זי געבוירן קינדער, אָבער ער איז צו איר געווען אַ קאַלטער זכר. איזבל האָט געוואָלט לעשן אין זיך דאָס פייער פון אייפער, און דעריבער האָט זי פאַריאָגט די רייכע הענדלערס און בוימייסטערס, וואָס האָבן צו אים געבראַכט אַלס מתנות טענצערינס און שפּילערינס פון אשור, זיי זאָלן פון אים טראַגעדיק ווערן. איין מאָל, נאָך דעם ווי דער קעניג איז צוריקגעקומען פון אַ שלאַכט מיט אַרם־דמשק, האָט זי גע־הייסן אויסמאָלן אויף זיין רייטוואָגן צוויי קדשות מיט זייערע אָפּגעדעקטע שאַנדעס, אַז די געמעלן זאָלן וועקן די לוסט ביים קעניג, וואָס איז קאַלט צו דער וואַרעמקייט און ווייכקייט פון אַ פרויען־לייב.

אַחאַב האָט באַפעסטיקט זיין מלוכה. צו די אונטערטעניקע פעלקער איז ער געווען אַ האַר, און צו דער מלכה — אַן אונטערטעניקער קנעכט. אויף איר פאַרלאַנג האָט ער אויפגעבויט דאָס הויז פון בעל און פון עשתורת. פאַר צענט־נערס מיט גאָלדענע שקלים האָט איזבל אויפגעשטעלט די הייזער פון געצן, און פאַר צענטנערס מיט זילבער האָט זי אויפגעריכט די זיילשטיינער און די באַוואוינער פון שומרון האָט זי גערופן צו דינען אירע אָפּגעטער. זי האָט אָפּגעשפּעט פון די פּרעדיקער און נביאים, וואָס זענען אַנגעלאָפן ווי די הייסע ווינטן פון מדבר, ווייל פון אירע לענדן זענען אַרויסגעגאַנגען פּרינצן פאַר ישראל און איר נאָמען וועלן פעלקער געדענקען ביז צום סוף פון די טעג.

פאַר די שררות האָט איזבל געהאַט האַרטע רייד, און ביים מלך האָט זי נישט געפרעגט אויב זי מעג משפּטן און באַשטראָפן. וויסן האָט זי געוואוסט, אַז אין אַחאַב׳ס קאַמער טאָר זי נישט אַריינקומען מיט שטילע טריט, נאָר זיך אַריינרייסן מוז זי ווי אַ שטורעמווינט. אָפט האָט זי אַרויסגעוויזן רחמנות צו זיין שוואַכקייט און באַדויערט זיין שעמעוודיקייט. זי איז געווען גליקלעך וואָס דער מלך פון ישראל קומט צומאָל צו איר בעטן, זי זאָל אים פירן ווען ער בלאָנדזשעט.

די קעניגין איזבל

יאָרן זענען פאַרביי און די מלוכה פון ישראל איז געפירט געוואָרן מיט אן אייזערנער רוט דורך דער טאָכטער פון צידון. איר שאַרפע צונג האָט גע־וואונען די אויערן פון די ראַטגעבערס. זי האָט געהאַרכט וואכזאַם און געהערט שטרענג. זי האָט געקענט די גלוסטונגען פון שררות און זי האָט אזוי ווי חוה, די מוטער פון אלדאָס לעבעדיקע, די דאָזיקע מענער פאַרפירט מיט עצות וואָס זענען געווען באַפעלן.

אירע אויגן, וואָס האָבן געגליט ווי פאַקלען ווען די אונטערטעניקע האָבן זיך געוואָרפן צום פוס פון די מזבחות, זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן, ווען די קרבנות זענען אָנגעזאָגט, אז די גאָטפאַרכטיקע הרגענען אוים אירע כהנים. א שבועה האָט איזבל זיך באַשוואוירן, אז זי וועט לאָזן פייניקן די געבאַפטע נזירים פון מדבר; זיי וועלן אויסגיין אונטער די יסורים פון די בייטשן דורך אירע תלינים און זייערע לייבער וועלן ווערן א מאכל פאַר די ראָבן.

ווען אין איזבל'ן איז אויפגעגאַנגען א צאָרן אויף אחאב'ן, וואָס וואַשט זיך אין קילע וואַסערן ווען די נידערטרעכטיקע לייגן פייער אונטער די זייל־שטיינער פון זיין פּאַלאַץ, האָט זי גערופן דעם קרווינטרעגער און געפרעגט:

— פאַרוואָס ווייזט נישט דער מלך פון ישראל זיין מאַכט און ער טראָגט נישט אַרוים די גבורה אין די גאַסן? עס איז דאָך גענוג, אז דו, אחאב, זאָלסט אויסשטרעקן דיין אָרעם און פון די באַרג־זאַמדן און פון די זומפּן און פון די טאָלן זאָלן אַרויסוואַקסן גערטנער און וועלדער און עס זאָלן זיך עפענען גראָטן אין טיפע היילן. צי האָט דען נישט דיין פאָטער אויפגעריכט אויפן חעכסטן שפּיץ א פּאַלאַץ פון עלפאַנטביין, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען: דאָס שענסטע הויז פון ישראל? פאַרוואָס האָסטו מורא, זון פון עמרי? די קרוין איז אויפן באַרג פון שומרון און דאָס פאָלק וואַנט צופוסנס דעם טראָן.

אין צידון האָט איר אַלטע דערציערין קטורה געהערט, אז איזבל פאַר־שעמט די הייליקייטן פון ישראל און זי טוט אָפּשפּעטן פון איר מאַן, דעם קע־ניג. דאָס, וואָס די קאַראַוואַנען־טרייבער האָבן דערציילט, האָט אין איר אַרוים־גערופן פּחד. ווען איזבל איז נאָך געווען א קינד, האָט זי מיט דער פּרינצעסין געלערנט, אז די קרוין אויף איר קאָפּ וועט אַמאָל זיין א לאַסט, און אז זי וועט קיינעם נישט האָבן ביי איר זייט. ווען די באַליידיקטע און דערצאָרנטע וועלן וואַרפן שטיינער אויף איר אין פּאַלאַץ. אויך די הויפלייט אין צור האָבן מיט צאָרן געקוקט אויף איזבל'ס פירונגען. זיי זענען געווען באַזאָרגט איבער די ווערטער פון חרפה, וואָס זי האָט געלאָזט פאַלן אויף איר קעניג. די שררות און די פּריסטער זענען געווען שטאָלץ וואָס די טאָכטער פון אתבעל איז גע־

וואָרן דאָס ווייב פון דעם קרוינטרעגער אין א פרעמד לאַנד און זיי האָבן געוואָלט זי זאָל היטן די מלוכה ווי א פעלז און א פעסטונג.

פון דער ווייטנס האָט קטורה געהאַט א פאַרלאַנג צו צוימען די באַגערן פון דער פרוי, וואָס זי האָט אמאָל אזוי ווי ביי א דערשראָקן קינד געטריבן אירע פיס צו די קלאַנגען פון ציטרעס. קטורה האָט געוואָלט שיקן קיין שומרון א פאַרמעט־בריוו מיט שטרענגע פאָרוואורפן. אָבער אין איר ערשטער מגילה איז נישט געווען קיין ביטערקייט, נאָר רייד פון פאַרוואונדערונג: וואָס איז געשען מיט דעם גוטן האַרץ פון איזבל, וואָס איז אמאָל געווען די שטאָלצע פרינצעסין פון צידון? ביים בעל, וואָס איז דער גאָט פון דיין פאָטער! און ביי דער אשרה, וואָס שיצט די מאַכט פון דיין מוטער! דיין אַלטע דינסט קטורה שווערט, אז זי זעט אין דיינע פירונגען נישט דעם ווילן פון העכערן פאַרלאַנג, נאָר בייזוויליקע טואונגען, וואָס ווען אמאָל אומברענגען דיין הויז אויפן באַרג.

אָבער איזבל, וואָס האָט זיך געהיט אז די קרוין זאָל פאַר איר נישט ווערן קיין משא און דער טרויער זאָל נישט הויזן אין אירע קאַמערן, האָט נישט געענטפערט אויף אירע וואָרענונגען. אין די פייערן פון די מזבחות האָט זי געזען דאָס ליכט פון דער וועלט און אין די טענץ פון די פריסטער פאַרן בעל האָט געפלאַטערט די פרייד פון לעבן. נישט זי האָט געבעטלט די קרוין פון ישראל. פון שומרון האָט מען זי גערופן צום קעניגרייך, און עשתורת אליין האָט באַוואַכט איר טראָגבעט אויפן וועג צום פאַלאַץ. די אַלטע קטורה איז נישט מיד געוואָרן צו שרייבן אירע פאַרמעט־בריוו, וואָס זי האָט געשיקט צו איזבל'ן דורך הענדלערס, וואָס האָבן געפירט זייערע קאַראַוואַנען פון צור קיין ישראל. „אין צידון, —האָט קטורה געשריבן,— וואונדערן זיך די שטערנזעער: ווי קאָן א מלכה געניסן פון פאַרגעניגן און כבוד אָן דעם קעניג ביי איר רעכטער האַנט? פאַרוואָס טראָגסטו נישט, איזבל, אים אַנטקעגן דיין דאַנקבאַרקייט פאַר זיין גנאָד און דו בעסט נישט פאַרגעבונג, ווען עס רוען אויף דיר די לוסטיקע אויגן פון פרעמדע מענער? מיין האַרץ ווערט שווער ווען איך טראַכט, אז די שטייער קאָנען פאַלן אויף דינע זיילן גראָד דאַן, ווען די ציטרעס און פלייטן וועלן שפּילן פאַר די געטער".

צו פאַרטויבן אין זיך די רייד פון קטורה'ן, האָט איזבל זיך אָפּטער געטראָפן מיט אירע מכשפות און וואָרזאָגערס; זי האָט געגלויבט אין דער אַלמעכטיקייט פון גייסטבאַשווערער און אין דער גערעכטיקייט פון די שטאַרקע. זי האָט געוואוסט, אז די הינט אין איר גאָרטן בילן דעמאָלט, ווען אַחאָב ווערט באַפאַלן פון מרה־שחורה. זי איז געווען זיכער, אז די האַרין, אזוי ווי די ישקלאַפין, קאָן פאַרכישופן יעדן געליבטן דורך דעם, וואָס זי וויקלט־איין זיין גאַרטל

די קעניגין איזבל

אין א פארבלוטיקטער וואָל פון א שעפּס און ליגט אים דאָס צוקאָפּנס. זי האָט נישט מורא געהאַט פאַר די שפּעטערע טעג, פונדעסטוועגן האָט זי זיך נאָכגעפרעגט ביי די פּריסטער פון ארם און ביי די באַשווערער פון אשור, וואָס עס וועט מיט איר געשען אין יענעם טאָג, ווען דער מלך פון ישראל וועט זיך לייגן מיט זיינע אָבות? זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דעם לעצטן טאָג, אָבער זי האָט די קאַלטע פינגער פון טויט דערשפּירט אויף איר לייב יעדעס מאָל ווען זי האָט באַפוילן צו הרגענען א געטלעכן שליח פון מדבר. די שטערנזעער און טרעפערס פון גורלות האָט אויסגעלייגט טרייסט-ווערטער, ווי טעפּיכער פאַר אירע פיס, און אירע כהנים האָבן זי באַרואיקט און גענאַרט.

ג

צומאָרגנס, נאָך דעם ווי אליהו, דער מאַן פון גלעד, האָט זיך באוויזן פאַר אַחאָב׳ן אין גאָרטן מיט דער קללה פון הימל, האָט איזבל געוואַרט ביזן סוף פון טאָג און זי האָט געהייסן אָנצינדן מער פאַקלען אין פּאַלאַץ, און אין הויז פון בעל האָט זי באַפוילן צו אָפּפערן נאָך דריי אומנוצלעכע קנעכט. אויב דער מאַן פון חורב וויל ברענגען טרויער און אומגליק אין לאַנד, וועט זי אַריינטראָגן לוסט און פרייד צווישן די זיילן. ווען אירע באַפעלן זענען אויסגעפאָלגט געוואָרן, האָט זי געשיקט נאָך די קאַמערמיידלעך, זיי זאָלן אַריינברענגען וואַזעס מיט געווירצן. אַליין האָט זי אַכטונג געגעבן, אַז די האָרנס זאָלן זיין פול מיט שווערן וויין. אויף די טעפּיכער זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן לילעס און ווירצשטויב און אין די קופּערנע בעקנס האָבן די דינסטן אָנגעגאָסן ליטערע, שמעקעוודיקע וואַסערן. פון איר געטרייען קנעכט און כהן חטיפא, האָט זי געהערט, אַז עובדיהו האָט אַריינגעפירט צום קעניג אַ פעלדהאַר, וואָס האָט געדינט אונטער עמרי׳ן. פאַרוואָס איז ער אָנגעקומען אַ טאָג נאָכדעם ווי דער נזיר פון מדבר איז אַנטלאָפן? — האָט זיך איזבל געפרעגט. — זוכט ער אין פּאַלאַץ צאָרן, צי גנאָד? אַחאָב מיין קעניג! אַחאָב מיין מאַן! פאַרוואָס קענסטו נישט בייקומען די, וואָס זענען ווידערשפּעניק און דו שיקסט זיי צו איזבל׳ן נאָך שטראָף? אויב אַ געפעכט פון ווערטער וויל דער פרעמדער, וועט זי אים אויפנעמען אין איר קאַמער אָן די שווערדן־טרעגער. דער דערשלאָגענער אַחאָב איז אָנמעכטיק אפילו צו פאַרטרייבן די קליינע פוקסן פון זיין וויינגאָרטן. זי וועט אָבער היינט נישט זיין שטרענג צו דעם אומגעבעטענעם גאַסט, וואָרעם ער האָט פריער געטראָגן אַ שפּיז און אַ פּאַנצער פאַר אַחאָב׳ס פאָטער, און ער האָט געהאָלפן בויען דעם פּאַלאַץ אויפן באַרג.

צוויי פאַרלאַנגען האָט איזבל געהאַט, ווען די קנעכט האָבן אָנגעצונדן די קופּערנע אייללאָמפּן פאַרן כבוד פון דעם קעניגס גאַסט — די דינסטן זאָלן איר אָנטאָן די דיאַדעמעס און קרויזן, און די טענצערין תורתונא זאָל וואַרטן

אין דער קאמער פון ציפּרעסן. אויב דער פרעמדער וועט נישט געפאנגען ווערן פון איר צונג, זאָל ער פאלן פאר תורתונא׳ס רייץ. פון שטויב האָט זי תור־תונא׳ן אויפגעהויבן און געמאכט זי פאר איר ערשטער דינסט; און ווי נאָר די דאָזיקע יונגפרוי, וואָס האָט זיך געוואלגערט אין די הינטערגאסן פון חרן, איז אנגעקומען אין איזבל׳ס קאמערן, האָט זי רייף געמאכט אירע גלידער אונטער דער בייטש פון די בעסטע מצרישע טאנץ־לערער. תורתונא האָט גיך פארשטא־נען דעם ווערט פון איר שיינעם קערפער און זיך אויסגעלערנט צו ברעכן דעם ווידערשטאנד פון זכרים. איזבל האָט זיך דערקענט אויף איר ווייבלעכער מאכט און ארייננגענומען זי צווישן די ערשטע קדשות, אז זי זאָל נאָכשפּירן די טואונ־גען פון אחאָב׳ס ראטגעבער.

צוויי יאָר זענען פארביי, און איזבל האָט געקוקט אויף תורתונא ווי אויף א טורעם־פענצטער, פון וואנען מען קאָן זען אלץ וואָס באוועגט זיך צווישן די זיילן פון פאלאץ. דורך איר האָט די מלכה אויסגענארט סודות פון די קריגס־לייט און אויפגערייצט דעם שרה קעגן הויפּטמאן און דעם קאמערדינער קעגן וועכטער, און דאָרט, וואו תורתונא האָט זיך אנגעשטויסן אויף ווענט און שלע־סער, האָט איזבל אליין אנגעשטעלט אירע שארפע אויגן.

תורתונא איז געוועזן די טאָכטער פון א שענקער אין חרן. קליינערהייט האָט זי געוואשן די פיס פון וויינזויפערס און געקליבן נדבות אין די טויערן פון שטאָט. ווען זי איז געוואָרן גענוג אלט צו וויסן, אז מענער באלוינען פאר ליבע, האָט זי אנגעשפּארט צו א קנעכט און צו א הויפּטמאן, צו א דינער און צו א טורעמוועכטער, ביז א הענדלער פון שומרון האָט איינמאָל דערזען דאָס שיינע, פארוואָרלאָזטע מיידל און זי געבראכט אין הויף פון טעמפּל. צו איזבל׳ן האָט ער געזאָגט: זי קען זיין די כהנת און דיין שקלאפין! אין הויז פון בעל האָט תורתונא צום ערשטן מאָל דערפילט דאָס פארגעניגן צו טראָגן אָרעמבענדער און בליציקע סאפּיר־רינגען. זי האָט זיך געפרייט מיט די האלדזשנורן און קניגלעקעלעך, וואָס די דאנקבארע מענער האָבן איר געגעבן מתנות. זי האָט פארזוכט וואוילטאָג און פארבאָטענע ליבעס, און עס איז איר באלד ביים אָנ־הייב פרעמד געווען אייפערזוכט און קנאה. זי האָט געקאָנט זיך איבערגעבן יעדן מאן, וואָס האָט געצאָלט פאר די פארגעניגנס פון איר קערפער.

דער שטארקסטער באגער ביי תורתונא׳ן איז געווען צו זיצן אין געריכט־הויז אויף דער ערשטער באנק צווישן די רייכע פרויען פון שומרון, טראָגן טייערע קליידער פון די בלויע געוואנטן פון בבל, באדעקן אירע אָרעמס מיט צירונג פון דמשק און הערן ווי די ריכטער פארמשפּטן צום טויט די פארזינ־דיקטע. זי האָט אויך ליב געהאט צו באגלייטן איר הארין איזבל, און פאָרן אין רייטוועגענער, וואָס ווערן געשלעפּט פון דעם קעניגס פערד. ביינאכט

זענען פאר איר געווען אפן די טירן פון הארעם, פון טעמפל און פון דעם קעניגס שלאפקאמער. די פרויען אין פאלאץ זענען זי מקנא געווען און האבן פאר איר מורא געהאט. דאס איז נישט גענוג געווען פאר איר. תורתונא האט געוואוסט, אז זי איז יינגער און בארעמהארציקער פון איזבל׳ן, און א באהאלטענע האפע־נונג האט געווארעמט איר נשמה, אז זי וועט פארנעמען דאס הארץ און דעם מוח פון דעם קעניג דענסטמאל, ווען איזבל וועט ווערן עלטער און שוואכער בייצוקומען די גוטע מידות פון דעם געלאסענעם חערשער.

פאר איזבל׳ן זענען נישט געווען פארהוילן תורתונא׳ס פארבאטענע וואונטשן. די שיינע לוסטיקע טענצערין איז געווען איר רעכטער ארעם און זי האט גענוצט אירע הענט ווי קייטן צו בינדן שטארקע מענער. זי האט פאר תורתונא׳ן נישט מורא געהאט, ווייל פון שטויב האט זי די יונגפרוי ארויסגע־הויבן און צו שטויב קאן זי צוריקגיין, לויט דעם ווילן פון דער מלכה. אבער זי האט געהיט אירע טריט. זי האט איר אנפארטרויט סודות, אבער מיט פאר־דאכט האט זי תורתונא׳ן באגלייט אומעטום. און אצינד, ווען אחאב׳ס קנעכט איז אריינגעקומען אנזאגן, אז ביי דער שוועל ווארט א שלאכטמאן אן וואפן, וואס מעג זיין איר גאסט און איר געפאנגענער, האט איזבל פארשטאנען, אז זי דארף הייסן תורתונא׳ן ווארטן אויף יענער זייט וואנט.

זי האט דעריבער אונטערגעאיילט אירע דינסטן, זיי זאלן וואשן איר נאקן מיט די איידלסטע געווירצן פון מצרים, אנטאן איר די דיאדעמעס און קרויזן. זי האט אליין איינגעהילט איר בוזעם אין בלויע, דורכזיכטיקע טולן און אויף אירע אקסלען האט זי אנגעהאנגען א מאנטל פון טונקעלן פורפור. אנשטאט די איידלשטיינער, וואס גליען מיט בלויע פייערן, האט זי אנגעטאן אויפן האלדז א פערלשנור. זי האט אריינגערופן א דינסט, זי זאל באפעסטיקן איר ברוסטטוך, אבער דעם שטערנבאנד האט זי איר צוריקגעגעבן. די גלעקלעך, די לייבלעך און די נאזרינגען זאל טראגן תורתונא און די וואס זענען גלייך צו איר. איזבל האט נישט פארגעסן איינצונעמען אירע היפטן און א גארטל מיט זילבערנע פעדים און א קורצע שווערד האט זי אריינגעשטעקט אין א שיידל פון לעמפערטפעל. ווען די דינסט האט פארבונדן די רימענס פון אירע גע־פלאכטענע סאנדאלן, האט זי אריינגעשטעלט איר פנים אין דער קופערנער וואנטפאן און זי איז געווארן פרייליך פון איר אפבילד. נישט אין די קליידער פון א מלכה וועט זי היינט אויפנעמען דעם גאסט, נאר אזוי ווי די קריגערישע פרוי, וואס קאן פעכטן מיט דער צונג ווען זי האלט איר האנט אויפן וואפן.

ווען תורתונא האט זיך באוויזן אין אריינגאנג, האט איר הארין זי צוגע־רופן צו דער ווייררויך־פאן. זי האט זיך געשטעלט פאר דער טענצערין און דער שיין פון דעם קופערנעם לאמפ איז געפאלן אויף איר שטערן.

— מיט יאָרן פריער האָט א הענדלער דיך געבראכט צו מיר, תורתונא,— האָט איזבל געזאָגט,— און ער האָט געזאָגט: זי קאָן זיין דיין כהנת און דיין שקלאפין! איך האָב דיך אויסגעקליבן פון אלע מיינע דינסטן און געלערנט מיט דיר דעם פאנג פון שטארקע מענער. איך וויל דו זאָלסט היינט נאָך איין פאנג מאכן.

— תורתונא האָט דיך נאָך נישט גענארט, מיין קעניגין,—האָט די טענצערין זיך געבוקט,— זי האָט שוין געשאָסן א סך פייגל.

— דער היינטיקער פאנג איז נישט קיין פויגל. ער קאָן זיין א לייב, אָדער א לעמפערט.

— מיינע פיילן זענען שארף, קעניגין, און זיי טרעפן אין הארץ פון דער חיה.

— האָסט פארגעסן, תורתונא, אז ברכיהו, דעם זון פון אבינועם, ביזטו נישט בייגעקומען, נאָך דעם ווי דו ביזט צו זיין קאמער אין מדבר אים נאָכגעגאנגען.

— דער מאן פון מדבר האָט דעם כוח צו פייניקן זיין לייב און בלינד צו מאכן זיינע אויגן פאר דער שיין פון דער וועלט און פאר פרויען. אָבער ביי א מאן פון שווערד זענען די אויגן אזוי ווי די גלוסטיקע ציין ביי א רויב־חיה.

— צווישן די שווערדן־טרעגער אין ישראל טרעפט מען אזוינע, וואָס זענען נאָך צאָרנדיקער פון די אָרעמע נביאים. מיין גאסט היינט קאָן זיין היינטערליסטיק ווי א שלאנג און שטאָלץ ווי אן אָדלער.

— ער וועט ווערן א שטילע טויב, און מיין הארץ וועט זיין א נעסט פאר אים.

— איך וועל דיך ארייגרופן, תורתונא, ערשט דענסטמאָל ווען זיין הארץ וועט בלייבן הארט ווי א פעלז.

— איך וועל וואַרטן אין דער קאמער פון ציפרעסן, קעניגין.

ד

ווען איתמר איז אריינגעפירט געוואָרן דורך די וועכטער, האָט איזבל מיט איין הייב פון דער האַנט באַפוילן די קנעכט, זיי זאָלן פאַרשווינדן און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אריינגערופן א שקלאַפין, וואָס האָט געטראָגן א בעקן מיט דעם שמעקעוודיקן, לויטערן וואַסער. און איתמר האָט באַלד דערזען, אַז די דאָזיקע פרוי האָט די מאַכט פון א הערשערין און די שלוּיאיקייט פון א שפּילווייב. דעריבער האָט ער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אָפּגעזאָגט אין האַרצן א תפילה צום באַשעפער, ער זאָל אים שטאַרקן. צוויי כוחות ווילן פון איצט־אָן זיך ראַנגלען אונטערן דאַך פון דעם הויז, — האָט ער צו זיך געזאָגט. און ווייל ער איז גרייט געווען אויפצונעמען דאָס געפעכט, האָט ער פריער געמוזט בייקומען איר שלוּיאיקייט. ער האָט געשטעלט איין שריט פאָרויס און אונטער־טעניק זיך איינגעבויגן.

— איזבל, דעם קעניגס ווייב, —האָט ער שטיל געזאָגט,— איזבל, די הערשערין פון שומרון.

— און דו, איתמר, זון פון צוער, ווילסט נישט זיין איר קנעכט, —האָט איזבל מיט א קילן שמייכל אין די גרינע אויגן אָפּגעמאָסטן דעם שטאַרקן מאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר א געבויגענער אין די קליידער פון א פעלדהאַר. זיין גוף איז געווען פול מיט גבורה און שיינקייט, אַזוי ווי די ערד איז פול מיט דער בענטשונג פון הימל.

זי האָט געשפּרייזט פאָרויס צו אים, און ער האָט געהאַט אויף זיינע נאָז־פליגלען די איידעלע גערוכן. פון די פאַנען ווייראויך ביי די ווענט האָבן זיך געהויבן דינע וואָלקנדלעך, און פון איזבל'ן האָבן געבלאָזן ריחות פון מירע, ווירצנשטויב און לויטערן אייל.

— איך ווייס וואָס מען זאָגט אויף דיר, איתמר, —האָט זי שטייענדיק נאָענט צו אים גערעדט,— דו ביזט פון די ווידערשפּעניקע. אָבער דאָס, וואָס

דו שטייסט צווישן די ווענט פון מיינע קאמערן מיטן קאפ אויפן נאקן, איז א צייכן, אז איזבל פייניקט נישט אלע שטארקע, אומגערעכטע מענער.

ער האט געוואלט ענטפערן מיט שטרענגע רייד, אבער אויף די ליפן זע־נען געלעגן ווערטער, אנדערע ווי די באגערטע אין הארץ. ער איז געבליבן שטיין איינגעבויגן און גרעפרעגט:

— צי בין איך א געפאנגענער ביי דער מלכה, צי בין איך איר גאסט?

זי האט אנגעוויזן אויף דעם בעקן אין די הענט פון דער שקלאפין.

— טונק איין דיינע פינגער אין דעם לויטערן וואסער, —האט זי שטיל באפוילן,— און דער צארן אין דיין הארץ וועט זיך לעשן.

איתמר האט זיך אויסגעלייכט און אויפגעהויבן די אייגן. אויף דער וואנט, העכער פון די וואלקנדלעך רויך, זענען געהאנגען שאלן פון ביין און קרוגן פון פארפיר און אין דעם גארטל פון דער קעניגין האט געשטעקט א קורצע שווערד. ער האט איינגעטונקען די פינגער אינעם בעקן און מיט די איינגענעצטע שפיצן געפירט איבער זיין שטערן, שלייפן און בארד. דערנאך האט ער זיך פאר־נייגט. די דינסט איז ארויסגעלאפן. א קנעכט הינטער א פארהאנג האט גע־ראמט פאר איר א וועג.

— דיין הארץ איז פול, אבער דיינע ליפן זענען שטום, —האט איזבל גע־זאגט.— צום קעניג האסטו היינט גערעדט רייד, וואס עם וואגט נישט צו רעדן דער שטארקסטער הערשער פון ארם. פון וואנען שעפסטו די העזה צו פארשע־מען דעם זון פון דיין האר, וואס ביי אים האסטו געדינט? און די וואס שטייען הינטער דיר, זיצן זיי אין די טרינקחייזער פון שטאט, אדער באהאלטן זיי זיך ווי פוקסן אין די לעכער פון דער ערד? א שלאכטמאן אין ישראל קאן זיין ווייך ווי א לאם און הארט ווי א פעלז. דו ביזט נישט פון די צארטע.

— איך בין נישט קיין הארטער פעלז, קעניגין פון שומרון.

— מיינע אויערן זענען נישט אפן פאר ווערטער פון חניפה. אויב שטרייטן ביזטו געקומען, זאל דיין צונג ווערן לויז! ביזט א מאן פון ווידערשטאנד, איתמר, דיין געפוצט בארד איז ווי ביי א רייטער פון יהושפט, דעם מלך פון ירושלים, וואס האלט זיין האנט אויפן נאקן פון זיינע פיינט, און דיין האלדז איז ווי ביי א פלינקן אינד אין יזרעאל, וואס אנטלויפט פאר פייער. נישט קיין געפאנגענער ביזטו אין פאלאץ, נאר מיין גאסט. אבער פארוואס צווינגסטו מיך צוווארטן? פארוואס פרעגסטו מיך נישט ווילאנג דאס בלוט וועט זיך נאך גיסן אין שומרון?

— אויב דיין באגער איז דאס, קעניגין, זאל דיין באגער זיין פאר מיר א באפעל, און איך וועל דיך פאלגן און פרעגן: ווילאנג וועט דאס בלוט זיך גיסן ביי די מויערן פון דיין שטאט? פארוואס הרגעסטו אוים יעדן רעכטפאר־

טיקן מאַן אין יזרעאל? צו באַדעקן מיט קברים די ערד אין דער שפלה? ווילסטו דען מאַכן דעם גרעסטן פעלד מיט קברים אין טאָל? איזבל, קעניגין פון שומרון, פאַרזיי נישט מער דיינע טורעמס און פעסטונגען מיט טויטע שלאַכטמענער. פאַרוואָס גלויבן נישט די הערשער אויפן באַרג, אַז נאַר פון די לעגדן פון אַ לעבעדיקן פאָלק קומען־אַרויס גיבורים?

איזבל האָט געשטילט איר צאָרן, וואָס האָט זיך געהויבן ווי אַ שטורעם פון איר האַרץ. זי האָט ווייטער געלאָזט ריידן דעם מאַן פון בונט. ביי איתמר׳ן האָט דער אייפער זיך געשטאַרקט און דאָס פייער אויף דער צונג איז געוואָרן גליענדיקער.

— דו האָסט פאַרגעניגן פון מאַכט, איזבל, און דיין האַרץ ווערט לוסטיק, ווען קעפּ פאַלן צופוסנס דיין באַרג. זעסטו דען נישט, אַז דער פיינט אין ארם וואַרט אויף אַ באַד פון בלוט אין ישראל? פאַרוואָס טוסטו נישט, מלכה, אַזוי ווי עס טוט דער מלך פון יהודה? אַנשטאָט במות פאַר געצן, היט־אויף פאַר דעם פאָלק דעם מזבח פון דעם פאַרכטיקן גאָט, און אַנשטאָט פאַלשע כהנים, רוף צו זיי די פרעדיקער פון אמת. פאַרוואָס וועקסטו אַליין, קעניגין, דיינע באַוואוינער צו ווידערשטאַנד קעגן דער מלוכה?

דער שיין פון דעם קופּערנעם לאָמפּ האָט באַלויכטן די שפּיציקע קינבאַקן פון איתמר׳ן און אין איזבל׳ס אויגן האָט אַצינד געברענט געגנוג פייער צו פאַר־צערן אַלע מענער פון אויפשטאַנד, וואָס באַהאַלטן זיך צווישן די זיילן פון איר פּאַלאַץ.

— דאָ, וואו איך טרעף ווידערשטאַנד, מאַך איך מיר אַ וועג מיט דער שווערד! — האָט זי אויסגערופן. — וואָס לויבט מען אַזוי ירושלים און וואָס חנפהט מען איר מלך? צי האָט דען רחבעם, דער זון פון שלמה, נישט געטון אַזוי ווי עס טוט היינט מיין מאַן אַחאב? צי האָט דען זיין פאָטער נישט גענו־מען פאַר אַ ווייב נעמה, די טאָכטער פון קעניג פון עמון, זי זאָל אריינברענגען לוסט אין ירושלים און אָנטאָן אויף איר קאָפּ און אויף די קעפּ פון די טעכטער פון יהודה דיאַדעמעס, קרוינען און ווירצנשטויב? פאַרוואָס פלוכן אונדז די נזי־רים? אויך דער קעניג פון ירושלים האָט אוועקגעשטעלט שיינע קעלבער אויף די שיידוועגן פון זיין באַרגשטאָט. צי דערפאַר וויל דער מלך פון ישראל איז אַ שוואַכער לאָס, וואַרפט איר אויף אים אָן אַ פחד? אויב אַרויסשטויסן ווילט איר מיך פון דעם שענסטן הויז פון ישראל, זאָג איך צו אייך: איזבל, די טאָכ־טער פון צידון רעגירט איבערן פּאַלאַץ מיט אַן אייזערנער רוט! די שטאַרקע צווישן פרויען איז איזבל!

— קיין מאַן אין ישראל האָט נישט ליב שטאַרקע פרויען. די שטאַרקע פרוי פאַרשעמט דעם זכר און ווייזט אים זיין אָנמעכטיקייט. קעגנאיבער איר איז

ער געהאָרכזאם ווי א קעמל און נידעריק ווי א שטוב־חיה. איך וויל נישט אי־בערזאָגן אצינד מיינע רייד פון וואָרענונג צום קעניג, פארוואס איך האָב איבער־געלאָזט דאס גראָבאייזן אויף מיין פעלד און אָנגעטאָן די שווערד קעגן דעם קרוינטרעגער פון ישראל. ווייסטו קעניגין, וואָס עס וועט ווערן פון אחאָב'ן, דעם שוואכסטן צווישן מלכים, ווען דער טאָג פון פּרואוואונג וועט קומען?

— ווען דער טאָג פון פּרואוואונג וועט קומען, וועט פון דעם שוואכן לאם ווערן א טיגער מיט שארפע נעגל און ציין. און אזוי ווי א טיגער וועט ער זיך אויפהייבן איבער אייך און ער וועט אייך פארצוקן. און אויב ער וועט פאלן, וועט איזבל בלייבן. איבער דעם בלוט פון אחאָב'ן וועל איך אויפריכטן דעם ליידיקן טראָן און איך וועל אָנטאָן די קרוין אויפן קאָפּ פון זיין יורש. איך האָב גרויסגעמאכט שומרון און איך וועל נישט לאָזן, אז די נזירים פון מדבר זאָלן מינערן פון איר מאכט.

— דיין גלויבן קאָן זיין שטארקער פון דיין מאכט, קעניגין.

— וויפיל זענען דען פאראן אויפשטענדלער, וואָס וועלן זיך אויפהייבן קעגן די רעגירער פון שומרון? איז דען זייער צאָל גרעסער פון צען? זענען זיי דען מער ווי די צאָל פון די נזירים?

— זיי זענען מער פון צען און מער פון צען מאָל צען, און אז דאָס פייער וועט זיך פונאנדערבלאָזן איבער דעם גרויסן לאנד פון ישראל ביז צו די געמארקן פון יהודה, וועט זייער צאָל זיין גרעסער פון דער צאָל קנעכט, וואָס זענען ארויס פון מצרים. הער מיין וואָרענונג, מלכה! שוין היינט זאמלען זיך די דערשלאָ־גענע און די בארויבטע אין די אונטערשטע גאסן פון שטאָט. זיי זענען אָנמעכ־טיק און צעטראָטן, אָבער דאָס פייער, וואָס האלט־אויף די נשמה ווען דער גוף צעפאלט — דאָס פייער ווארעמט זייער בלוט פאר יענעם טאָג, ווען זיי וועלן אויפשטיין צו מרידה. ווי אָרעם וועט זיין שומרון ווען זי וועט פארוויסט ווערן, און ווי טרויעריק וועלן בלייבן די הערשער צופוסנס אירע חורבות!

— דו האָסט אצינד געוואָרנט איזבל'ן, דאָס ווייב פון דעם מלך פון ישראל!

— איך האָב געוואָרנט די קעניגין. רוף די קנעכט און אויף מיינע הענט זאָלן זיי אָנטאָן קייטן.

און איתמר האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, מען זאָל זיי בינדן אין קייטן. אָבער אין איזבל'ס אויגן האָבן אויפגעגליט פייערלעך, וואָס מען זעט אין די בליקן פון א זיגערין, ווען זי וויל זיין גנעדיק צו איר געפאנגענעם.

— נישט באשטראָפן וועל איך דיך, בייזער מאן, און מיינע קנעכט וועלן דיך נישט פירן אין געפענגעניש. אָנשטאָט אין תפיסה וועל איך דיך אריינפירן אין מיין הויף, אז דו זאָלסט אליין זען, ווי לייטזעליק עס איז די הערשערין פון שומרון און ווי גרויס עס איז די בענטשונג פון הימל אין מיין קעניגרייך. קום

אריין אין מיינע שפילהייזער און זעץ זיך אין מיינע געריכטהייזער. דו וועסט זען די מאכט פון מיינע שופטים און די געטריישאפט פון מיינע כהנים. וועסט אַנקוקן די פרייילעכע און די גליקלעכע וואָס זיצן צווישן מיינע מויערן און דו וועסט אויסרופן: איך וועל ווערן איינער פון זיי!

איזבל איז אים פארבייגעגאנגען און די איידעלע ריחות פון מירע און לוי־טערן אייל האָבן אויף אים שארפער געבלאָזן, ווי די לופט ארום וואָלט פלוצלינג אָנגעטרונקען געוואָרן פון שטארקע ווייַנען. אָט די שמעקעוודיקע ריחות, — האָט ער געטראכט, — זענען צו פאריאָגן דעם ריח פון בלוט, דאָס בלוט הינטער די טויערן פון שטאָט, דאָס בלוט אויף די פעלדער פון יזרעאל און דאָס בלוט ביי די בארגפעסטונגען פון יהודה. בלויז א האלבער שריט האָט אים אָפגעטיילט פון איר, אָבער די שטארקע פרוי האָט געהאלטן איר רעכטע האנט אויפן שווערד־שיידל און די לינקע האָט גערוט אויף דער פערלשנור ארום האלדז. זי האָט אָפגעמאָסטן זיין נאקן און זיינע אָרעמס, און איתמר'ן האָט זיך אויסגעדאכט, אז זי ציילט די שמיץ, וואָס זיין לייב וועט קאָנען אויסהאלטן איידער מען וועט אים ווארפן אין דער גרוב פון חיות.

זיינע אויגן האָבן געוואנדערט איבער די ווענט און זיילן און די ליפּן האָבן געפּליסטערט: אלץ איז דאָ אזוי ווי אין די טעג פון עמרי. די פאקלען איבער די ארייַנגענג ברענען און די בלומען און מילגרוימען אין די ביינערנע קרוגן עפענען זייערע צעבליטע קעפּ. געהאָרכזאמע קנעכט און דערשראָקענע דינסטן קומען און גייען איבער די טעפּיכער פון וואָל. אָבער עס איז היינט שטילער ווי אמאָל. דער פּאלאץ, וואָס האָט פריער געוויימלט פון שלאכטמענער און הויפליים, איז פּוסט. א טרויעריקער קעניג זיצט צווישן די זיילן אויף יענער זייט וואנט; און אַנמעכטיקער חערשער, וואָס פאָלגט אלץ וואָס עס הייסט אים די שטארקע מלכה. איז זי א מלכה, צי א פארטריבענע שקלאפין פון דעם קעניגס הויף אין צידון?

איזבל האָט געשפרייזט פאָרויס און איתמר איז געהאָרכזאם איר נאָכגעגאנ־גען. פאר דער הויכער פענצטער־וואנט פון ווייסן מירמלשטיין האָט די קעניגין א רגע זיך פארהאלטן און ארויסגעקוקט. די נאכט איז געהאנגען איבער שומרון ווי א טונקל דעקטוך, און דאָס פאָלק ביים בארג האָט אונטערטעניק גערוט. הינ־טער איר האָט זיך איתמר געשטעלט מיטן פנים צו דער אויבערשטער שטאָט, צו די פעסטונגען, צו די טורעמס, און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פון טרויער. דער פּחד פאר די געשעענישן פון מאָרגנדיקן טאָג איז אים באפאלן. ער האָט היינט געערדט ביטערע רייד צו דער קעניגין, אָבער ער איז געבליבן פריי. פונדעסט־וועגן האָט ער זיך געפילט ווי א געבונדענע חיה און אין אזא צושטאנד וועט אים צומאָרגנס טרעפן תקועי און ער וועט אים פרעגן: מיין קריגסמאַן, א קעניגרייך

האסטו אריינגענומען אין דיינע פויסטן, אבער דו ביסט געווען צו־שוואך די פויסטן צו פארמאכן!

אונטער דעם טונקעלן שיין, צווישן די נידעריקע בייכיקע זיילן, וואס האבן געפירט צום הויף פון שפילהויז, האט איתמר געוואלט באוואיקן זיין הארץ און איינשטעלן א סדר אין זיינע געדאנקען. איזבל האט ערשט אצינד באמערקט די קופערנע קמיע אויף זיין האלדז. מיט א האנט־צייכן האט זי אים געוויזן דעם וועג פארויס צו די בלויע טרעפ. א דינסט איז אויסגעוואקסן, גרייט צו באגלייטן איר הארין. א קנעכט האט געראמט פאר איר א וועג.

אויף דער ערשטער טרעפ האט די קעניגין זיך אויסגעגלייכט אין גאנג מיט איתמר'ן און געפליסטערט אין זיינע אויערן:

— טראג אריבער דיין שנאה צו די פעלקער ביי די געמארקן. שטעל זיך ארויף אויפן העכסטן טורעם און קוק אראפ אויף דעם לאנד צופוסנס דעם בארג. וועסט זען, אז גבתון איז נאך אלץ א דארן אין מיין אויג און די פלישתים פאר־צאמען דעם וועג צו דעם פלאכלאנד.

— אן די געטרייע חיילות וועט גבתון נישט איינגענומען ווערן — האט איתמר געזאגט.

— דער קעניג פון ישראל אליין וועט ארויספירן זיינע שלאכטמענער אין מלחמה!

— אן דער בענטשונג פון דעם קעניג איבער אלע קעניגן וועלן די חיילות געשלאגן ווערן.

— דו רעדסט ווי אליהו, דער פרעדיקער פון חורב, איתמר! וואס איז גע־שען מיט די שטאלצע פעלדהארן? א קריגסמאן, אז ער קומט היינט אין פאלאץ, פרעגט ער מער נישט ביי זיין מלך: פארוואס באפעסטיקסטו נישט שומרון קעגן די פלישתים און קעגן אדום און קעגן ארם, אזוי ווי דו האסט זיך באפעסטיקט קעגן מואב?

זיי זענען געשטאנען אויף דער אונטערשטער טרעפ קעגנאיבער א שמאלער וואנט, אויסגעהאקט פון גרינע פעלזן. פון ביידע זייטן זענען געהאנגען קופערנע איילאמפן. א מאגישע שריפט אין דער שפראך פון צידון האט באדעקט די וואנט און העכער איבערן געלענדער איז געווען אויסגעמאלן א וואג, וואו אויף איין שאל האט א געץ מיט זיבן פאר הענט געוואויגן זיין אייגן הארץ קעגן די שפרוכן פון אמת, וואס זענען געלעגן אויף דער צווייטער שאל.

איתמר האט זיך געוואונדערט: פון וואנען נעמט זיך צו דער דאזיקער פרוי אזוי פיל שטארקייט, און איר הארץ איז פריי פון פחד? פארוואס גלויבט זי, אז זי האט מער כוח פון אלע מאכטהאבער ביי די פעלקער? גאנץ ישראל

וויים, אַז וואו זי שטעלט אַ טראַט, זייט זי גלוט, אייפער און בלוט. זי קאַן שיקן מענטשן צום טויט און זי קאַן זיי שענקען דאָס לעבן. אָבער דאָס, וואָס ער־הערט היינט, איז שרעקלעכער פון אַלץ וואָס ווערט דערציילט. פאַר דעם נביא, וואָס קוקט אויף איר אַראָפּ פון בארג חורב, קאַן איזבל אויסזען ווינציקער ווי אַ מילב. אָבער די מילב האָט געברענגט אין לאַנד אַזוי פיל טרויער, שנאה און יאוש, וואָס קאַן פאַרלענדן אַ פאָלק. מאָרגן וויל זי ארויסגיין אין מלחמה מיט די פעלקער, און זי האָט אַ באַגער אים איבערצורײַדן, ער זאָל איינקויפן די גע־טריישאַפט ביי די ערפּורכטיקע קריגסמענער, אַז זיי זאָלן אויסדרייען זייערע שווערדן צום לאַנד פון די פלישתים. זענען דען די פיילנשיסער גענוג שטאַרק און די שפּיזנטרעגער גענוג מעכטיק צו שיצן די אייגענע פעסטונגען? דער האַר איבער אַלע מלכים איז אַן עדות, אַז ער איז היינט געקומען זיך צונויפרײַדן מיט דער בייזער מאַכטהאָבערין, איידער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן. אָבער ווער וועט אין אים אָנצינדן די פלאַמענדיקע רייד, אַז זי זאָל צעשמאָלצן ווערן פון זיין גליענדיקן אָטעם? תקועי, מיין ערפּורכטער פריינט! ברכיהו, מיין צאַרנדיקער באַגלייטער! פאַרוואָס זייט איר נישט מיין אָנלען אַצינד, ווען איך שטיי פּנים אל פּנים מיט דער הערשערין פון שומרון?

איתמר האָט שוין געוואָלט ארויפברענגען אויף די ליפּן די רייד פון זיין הארץ, אָבער די מלכה האָט לאַכנדיק ארויפגעלייגט אירע פינגער אויף זיין מויל, ווי זי וואָלט וועלן לעשן זיין טרויער און זיין כעס. צוויי וועכטער מיט שפּיזן זענען איר פאַרבייגעגאַנגען. איזבל האָט געפליסטערט:

— איך האָב נישט געלייקנט, אַז דער גאָט פון צבאות באַגלייט די קריגס־מענער פון ישראל. עס איז וואָר, אַז ער איז דער גאָט פון מלחמה און פון צאָרן. ער באַשראָפט ליכט און פינצטערניש, אָבער ער באַשטראָפט פאַר פאַרגעניגן און לוסט, וואָס זיינע גיבורים באַגערן איידער זיי גייען ארויס צו די שלאַכטן. אָבער וואָס שטרייטן מיר? און צי איז נאָך נישט געקומען דער טאָג, אַז אַלע מענער אין ישראל זאָלן זען אַז בעל איז דער האַר אין מיין לאַנד? ער ברענגט רעגן און באַפרוכפּערט די ערד און היסט אונדז געניסן פון פאַרגעניגנס פון לעבן. צי גלויבסטו דען, אַז דער בייזער נזיר פון מדבר מעג פאַרשליסן די הימלען? און ווער קאַן פאַרווערן, אַז די מזבחות פאַר דעם גאָט פון צידון זאָלן נישט בלייבן אין מיין קעניגרייך? האָט דען איינער פון די פרומע שטראָפער שוין פריער אַמאָל געהאַט די העזה צו פאַרשעלטן די במות, וואָס דער מלך פון ירושלים האָט אויפגעשטעלט פאַר זיינע פרויען, וואָס ער האָט גענומען פון פרעמדע לענדער? ווער וויים עס נישט? טויטן וואָלט יהושפט געטויט יעדן ווידערשפּעניקן, וואָס וועט שאַרפן זיין צונג קעגן דעם הערשער פון יהודה!

א קנעכט מיט א פאקל האָט געעפנט א טויער, וואָס האָט געפירט צום גאָרטן פון טאָפּאָלבויימער און מאנדלבויימער. די מלכה האָט געלאָזט איתמר'ן פאָרויס־גיין פאר איר.

— דו וועסט דורכגיין דעם גאָרטן און אריינקומען אין הויז פון פארגעניגן, —האָט זי געזאָגט.— קיין וועכטער וועט דיר נישט נאָכגיין, וועסט הערן די פלייטן שפּילן און דער טאנץ פון די יונגפרויען וועט פרייליך מאכן דיין האַרץ.

און זי האָט זיך לייכט איינגעבויגן און נאָך שטילער גערעדט:

— פארוואָס מוזן מיר וואַרטן אויף א פולן לאָגל מיט טרויער צו פארזוכן די קארגע פרייד פון א קליינעם בעכער? גיי אריין, שלאכטמאן, אָבער פריער מוזטו זען תורתונא'ן. זי איז היים ווי דער פלאקער פאר דער אשרה און קלוג ווי א שטערנזעער. שלעכטע צינגער זאָגן, אז זי איז די ליבע פון אחאָב'ס חינ־טערגאס. אָבער ווען דו וועסט זי אָנקוקן, וועסטו אליין זאָגן, אז זי איז נישט פון די באשעפענישן, וואָס זייער לעבן איז א חרפה.

— איך האָב נישט פארלאָזט מיין ווייטן וואוינאָרט און נישט גערעדט היינט רייד, וואָס זענען פארבאָטן צו הערן, אז די קעניגין זאָל צו מיר ברענגען די פארפירערישע פרויען פון שומרון.

איזבל האָט אויפגעהויבן ביידע הענט און זיי ארויפגעלייגט אויף איר האַרץ ווי זי וואָלט וועלן דערשפּירן צי איר אָטעם בריט האסטיקער און צי איר בלוט ריזלט גיכער. פון די פלעמלעך אין אירע גרינע אויגן איז געוואָרן א פלאקער. די שמעקעוודיקע ריחות פון איר לייב האָבן געבלאָזן אויפן פּנים פון דעם מאַן, וואָס לאָזט נישט איינדרימלען איר צאָרן. צום ערשטן מאָל וויל זי מאכן א שונא פאר א פריינט, אָן דער שווערד, אָבער ער שטרייט מיט איר. פארוואָס וויל ער פארלירן די פרייד צווישן די ווענט פון לוסט?

זי האָט אצינד גערעדט צו אים באפעלערישע רייד:

— מאָרגן, אז דער קעניג וועט צוריקקומען פון דער יאָגד, וועסטו וואַרטן ביי זיין טיר. די פעלדהאַרן און די כהנים וועלן זוכן א ראט קעגן דער געפאר פון ארם. אחאָב געטרויט אויך נישט מואב. זייער הערשער, מישע, צאָלט צינזן, אָבער זיין האַרץ איז ווידערשפּעניק. זאָלסט קיינמאָל נישט גלויבן א קעניג, וואָס פיטערט שאָף. דו וועסט מאָרגן זיך זעצן צווישן די ראטגעבערס, ווייל דו ביסט געווען א וואָפנטרעגער אונטער עמרי און האָסט געהאָלפן בויען דאָס העכסטע הויז אין שומרון. אצינד, גיי אריין אין גאָרטן, דו וועסט טרעפן תורתונא'ן, וואָס וועט זיין צו דיר א שוועסטער און א לוסטפרוי. איידער די נאכט וועט אריבער, וועט זי דיר ווייזן אלע פארגעניגנס פון יענע, וואָס זענען געטריי צום פאלאץ.

ש. איזבאָן

איתמר האָט געקוקט אויף אירע הענט, וואָס האָבן גערוט אויף דער פּערל־שנור. זיין האַרץ איז געווען אַ קילער קוואַל, אָבער ער איז נישט אימשטאַנד גע־ווען צו לעשן דאָס פייער אין אירע אויגן. ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— איך וועל גיין זען תורתונא׳ן מאָרגן.

— היינט! —האָט איזבל שטרענג אַ זאָג געטון און אָנגעוויזן צום אָפענעם גאָרטן.

— נאָכן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן?

— נאָך איידער די שטערן וועלן זיך לעשן!

ה

איתמר איז געשטאנען אויף יענער זייט טויער, ווי א ווייכע האנט האָט פּלוצים אָנגערירט זיין אקסל. זיינע אויגן האָבן גערוט אויף דעם קלאָרן נאַקן פון דער יונגער פרוי, וואָס האָט זיך באוויזן פאר אים ווי א גליענדיקע דלילה. זי איז געווען איינגעהילט אין א דינעם, רויטן געוואַנט, וואָס איז געפאלן איבער די אָרעמס ביז אריבער די אָפּגעדעקטע קני. אלץ, וואָס איז געלעגן אויף איר געפורעמטן קערפּער האָט געלויכטן ווי דער שיין פון די שטערן. די גלעקלעך אויף די סאנדאלן, דער גאָלדענער האלדזבאנד, דער קאם פון ווייסןביין אויף דעם געפורעמטן שווארצן קאָפּ האָר, באשאָטן מיט זילבערשטויב. זי האָט געהאלטן אין האנט א קליינעם פּאקל, און איתמר האָט אונטער דעם פלאם געקאָנט זען ווי אירע ברוינע אויגן בריען אים און אויף אירע ליפּן בלעזלען זיך שוין פארפירערישע רייד. קוקנדיק אויף דער דאָזיקער שיינער פרוי, פול מיט לוסט און זינד, האָט איתמר אין הארצן ווידער געוואָלט תפילה טון צום באשעפער פון הימל און ערד, ער זאָל פארטרייבן די, וואָס איר אויסזען איז געפערלעכער פון אלע אויסגעלאָסענע קדשות אין טעמפּל. אָבער תורתונא׳ס צונג איז געווען פלינקער פון זיינע מחשבות, און זי האָט געזאָגט:

— קוק אויף מיר, דו לייבן־עק פון יהודה, און רוף מיך נישט: די אויסגעלאָסענע טענצערין פאר דער אשרה! ווייל דו וועסט פארשעמען די שיינקייט וואָס גאָט אליין האָט מיר געגעבן ווי א טייער געשאנק. איך בין פארשייט, אָבער דאָס איז בלויז מיין אויסזען. עס איז די פארשייטקייט פון אן אונטערטעניקער דינסט אין הויז פון בעל. אין מיינע אויגן טאנצט א פרייד און אויף מיינע ליפּן בריט די לוסט. אָבער הינטער די דופּטיקע זאלבן אָטעמט א שווער הארץ און א נשמה, וואָס זיפצט פון טרויער. קום מיט מיר, איך וועל הייסן דעם קנעכט ברענגען שפּייז אונטער דעם ערשטן טאָפּאָלבוים, איידער מיר וועלן אריינגיין צו די וואָס טרינקען פון לאָגלען און מאכן פריילעך די אומעטיקע.

איתמר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, און די פרוי, וואָס האָט אריינגע־

נומען די פיר ווינקלען פון דער וועלט אונטערן דאַך פון איר האַרינטע, האָט גערעדט:

— איך קען דיין נאָמען, איתמר בן צוער, און איך ווייס פאַרוואָס עס רופן דיך די בייזע: דער לייבן־עק פון יהודה. דו ביסט טרויעריק, שטאַרקער מאַן, און ווי אומגערעכט וועט זיין צו לייקענען, אַז צאַרנדיקע מענער בלייבן נישט טרויעריק אין דעם חויז פון פאַרגעניגן. האָט דיר די קעניגין געזאָגט, אַז תורתונא איז די דינסט, וואָס זאָרגט פאַר אַלע וואָס פאַרלירן די פרייד צווישן די ווענט פון פאַרגעסנקייט? קום מיט מיר דער. דער פאַלאַץ איז אָפן און מיין האַרין איז רייך.

— דיין האַרינטע וועט אָרעם ווערן, תורתונא, אַזוי ווי דו. אַ טאָג וועט קומען און עס וועט איר מער נישט בלייבן ווי די קרוין, און דיר וועט בלייבן דיין האַלדזבאַנד, וואָס איר ביידע וועט אַרויסטראָגן אין מאַרק צו פאַרקויפן.

— די קעניגין וועט קיינמאָל נישט פאַראָרעמט ווערן. אויב אויסגעלייזיקט וועלן ווערן אירע אוצרות, וועט זי איינמאָנען דעם קאָפּצינז פון יעדן נייגעבווירענעם און פון יעדן האַרעם־ווייב און פון יעדן לאָגל־טרינקער און אפילו פון יעדן פאַקל־צינדער און פון יעדן קנעכט. אָבער פאַרוואָס רעדט דיין צונג בייזע רייד? די קעניגין האָט דיך אויפגענומען ווי אַ פעלדהאַר. זאָג נישט דעריבער: היינט מיין הערשערין, מאָרגן מיין קנעכט.

איתמר׳ס מויל האָט געשוויגן, אָבער זיי מוח האָט געטראַכט פון איזבל׳ן און די דינסטן, וואָס רינגלען איר אַרום. איר רעכטע האַנט איז אויסגעשטרעקט צו די געצנדינער און מיט דער לינקער האַנט רופט זי יענע, וואָס ווילן צעברעכן אירע זיילשטיינער. שטאַרק זיך איתמר, אַז איזבל׳ס הינטערליסטיקייט זאָל דיך נישט אומברענגען! די פאַרפירטע אין שומרון וועלן לאַכן און די ערפורכטיקע וועלן וויינען. און ווי אַכזריותדיק וועט זיין דיין שטראָף פון די, וואָס האָבן דיך געשיקט אַהער, אויב דו וועסט טרינקען פון תורתונא׳ס סם.

פון די טיפענישן פון זיין האַרץ איז געקומען די וואָרענונג. איין קול האָט גערופן: בלייב שטיין, רייניק זיך פון די גלוסטונגען, איידער זי וועט דיך אַרויפברענגען ווי אַ קרבן אויף איר מזבח און דיין מויל וועט בלייבן פאַרשטאָפּט! און אַ צווייט קול האָט באַפוילן: גיי אַריין איתמר, זע אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דעם קעניגרייך פון שלעכטס. די מלכה אַליין האָט אויפגעפּראַלט פאַר דיר די טירן פון אירע קאַמערן!

ער האָט דערשפּירט דעם באַריר פון תורתונא׳ס ליפּן אויף זיין אויער, ווען זי האָט גערעדט צו אים בריענדיקע רייד. ער איז אָפּגעטראָטן אַ שפּרייז, אָבער זי איז ווידער געווען נאָענט צו אים.

— שטאַרקער מאַן, דערנענטער זיך, —האָט זי געפליסטערט,— איך קוק

אויף דיין פנים ווי אין א קופּערנער פּאַן און איך זע מיין אייגן אָפּבילד. דו האָסט, ווי איך, א פּאָר לוסטיקע אויגן, הייסע נאָז־פליגלען און דאָרשטיקע ליפּן. אָבער דו האָסט פאַרגעניגן ווען דו דערשטיקסט דיין געזונט לוסט, וואָס רייסט זיך פון דיין ברוסט ווי א שטורעמווינט. דיין באָרד איז ווי ביי א שמשון, אָבער דיין גבורה ליגט אין דיין חארץ. דו בענקסט נאָך פרייד, אָבער ווען די פרייד וועט דיר אנטקעגנקומען, וועסטו זיין צו־מיד אויסצושטרעקן דיינע אָרעמס! פאַרוואָס פּייניקסטו זיך, גיבור? אזוי שטראָפן זיך דאָך זיך אליין די שלאַכט־מענער פון יהודה, ווייל באַרימער זענען זיי. די קאַרגע פרייד פון לעבן, וואָס איז דיר באַשערט דאָ, אין שומרון, ווערט אויפגעגעסן פון דעם אייפער, וואָס דו טראָגסט צו דיין גאָט פון צאָרן.

איתמר האָט זיך צוגעבויגן צו דער פרוי פון לוסט, וואָס איז געווען אזוי שלוי, ווי די שלאַנג ארום עפּלבוים.

— גיי צוריק אין דיין קאַמער, תורתונא, —האָט ער געזאָגט,— די פרייד וואָס מענטשן לויבן, ווערט אָפּט פאַרהאַסט פון גאָט.

— פאַרטרייב מיך נישט, שטאַרקער מאַן. קוק אויף מיר. בין איך דען פון די יונגפרויען, וואָס דאַרפן זיך שעמען מיט זייערע לייבער? דער קילסטער מאַן קאָן פאַרצערט ווערן אין די פלאַמען פון מיין ליבע. דו קאָנסט נישט פאַר־מיאוסן מיין ווערט. איך ווייס, אז צו פאַנגען דאָס הארץ פון א קריגסמאַן מוז די פרוי גיין אין געפעכט. אָבער איך קאָן שלאָגן יעדן מאַן מיט דעם פייער פון מיינע אויגן. איך קאָן אים בייקומען מיט דעם ברי פון מיינע ליפּן. קום צו מיר און דו וועסט דערטרינקען דיין טרויער אין מיין שויס. קום היינט, אז דו זאָלסט ביים סוף פון דיינע טעג נישט דאַרפן ליידן פון חרטה, אז ביסט יונגער־הייט געווען א שקלאַף פון פאַרבאָטענע חלומות.

און תורתונא האָט ארויפגעלייגט אירע ווייסע אָרעמס אויף זיינע שטאַרקע אַקסלען. איתמר האָט זי אָפּגעשטופּט. פון דעם שטויס האָבן די גלעקעלעך אויף איר גאָלדענעם האַלדזבאַנד זיך צעקלונגען. זי איז געבליבן שטיין ווי א באַליידיקטע דינסט, אָבער אָן צאָרן. מיט אמאָל האָט זי זיך אויסגעשטרעקט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו א בויך־טאַנץ. זי האָט אָנגעהויבן ציען מיט די היפטן און וויגן מיט די שענקלען. דער צעטומלטער איתמר האָט געוואָלט באַ־פרייען די אויגן פון אירע אָפּגעדעקטע קני און זי האָט מיט א צערטלעכער שטים אים אריינגערוימט רייד פון לוסט:

— גיב מיר דעם פאַרמעט מיט די נעמען פון אלע ווידערשפּעניקע און איך וועל דיר געבן א נאַכט פון פאַרגעניגן.

איתמר האָט געקוקט אויף די פלאַנצן אונטערן שיין פון די קופּערנע לאָמפּן, וואָס האָבן געלויכטן ווי אן אָנגעצונדענער וויינגאָרטן. בלענדנדיקע פאַקלען

האָבן געפלאַמט הינטער יעדן בוים. צו די אויערן האָבן זיך דערטראָגן די טענער פון פלייטן און ציטרעס און דאָס גערויש פון טאַנצנדיקע פיס. פון דער ווייטנס האָט די אונטערשטע שטאָט זיך געטונקען אין דעם ווייסן ליכט פון דער לבנה, און אין יענער רגע איז שומרון נישט געווען די שטאָט פון מויערן, זיילן און בריקן, נאָר זי האָט אויסגעזען ווי אַ רייף פון ווייסן פייער, אריבערגעוואָרפן איבערן באַשאַף. ארום די טאָפּאָלביימער האָבן יונגפרויען באַדינט די לעצטע מיוחסים, וואָס האָבן נאָך געטרונקען פון ביינערנע האָרנס. די שלאַכטמענער האָבן שוין פאַרלאָזן זייערע פּלעצער, געבליבן זענען די קנעכט, וואָס האָבן פאַרריכט דאָס אויסבעטעכץ פון די טראָגשטולן פאַר זייערע הארן. צווישן די זיילן האָט דער בלאָנדזשענדיקער שיין פון אַ פאַקל זיך געיאָגט נאָך אַן אָפּגעדעקטער טענצערין. ביי יענער זייט טויער האָבן געשפּרייזט די שפּיזן־טרעגער און דער קעניגינס וואַך.

איתמר האָט אויפגעהויבן די אויגן. אַ קלאָרער הימל איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ און קלאָרע מחשבות זענען געווען אין זיין האַרץ. ער האָט געוואָלט צוריקגיין צו די טרעפּ, וואָס פירן אריין אין פּאַלאַץ, אָבער דאָס גאָרטן־טויער הינטער אים איז געווען פאַרמאַכט. פון דער טונקלקייט איז ארויסגעקומען איזבל, איינגעהילט אין אַ ברייטן פּורפּור־מאַנטל, פאַרקנעפּלט ארויף ביזן האַלדז.

— גיי אריין טיפער אין גאָרטן, שלאַכטמאַן, — האָט זי געמורמלט. — איך האָב דיר געגעבן תורתונאַן פאַר אַ שקלאַפין און אַ לוסטפרוי.

און זי האָט אויפגעהויבן די הענט צו זיין נאַקן און אראָפּגענומען די קורפּערנע קמיע, וואָס איז געהאַנגען ארום זיין האַלדז און געזאָגט:

— איך וועל דאָס פאַרשטעקן צווישן מיינע האָניקבלומען.

די קללה פון הימל איז געקומען אויפן לאנד אפרים, און די טריקעניש האָט אויסגעצערט די ערד. צוויי יאָר האָבן די פעלדער נישט ארויסגעגעבן קיין תבואה און די ביימער קיין פרוכטן. די טייכן זענען איינגעלאָפן, די קוואלן האָבן אויסגעטריקנט און די פלאנצן האָבן אויפגעהערט צו שפּראָצן. איבערן פלאכלאנד זענען די וועגן פול געווען מיט פּגרים פון פערד, מויליייזלען און שאָף, וואָס זענען אויסגעגאנגען פון דאָרשט. די קנעכט זענען געוואָרן אזוי דאר, אז די שקלאפן־הענדלער האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי אויפצוקויפן. די שטראָף איז געפאלן אויף דעם פאָלק און וואָר געמאכט די רייד פון דעם תשבי, וואָס האָט געוואָרנט אַחאָב'ן: אזוי ווי עס לעבט יהוה, דער גאָט פון ישראל, וואָס איך שטיי פאר אים, אויב אין די דאָזיקע יאָרן וועט זיין טוי און רעגן, סיידן לויט מיין וואָרט.

אין יענע טעג האָבן די באוואוינער פון די שטעט זיך איינגעזאמלט אין די הויפן און אויף די מערק. די נזירים זענען געבליבן אין מדבר, אָבער די סופרים האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין די לערנהייזער און די פאלשע כהנים זענען געקומען אין זייערע טעמפּלען, און אלע האָבן אויסגעגאָסן זייערע הערצער פאר דעם האר פון דער וועלט, אז ער זאָל אויפהערן פּייניקן דאָס פאָלק און אראָפּשיקן טוי און רעגן און ווידער פרוכטבאר מאכן די ערד. די רייכע האָבן אָנגעטון זעק ארום די לענדן און די פרומע האָבן געשאָטן אַש אויף די קעפּ, און דאָס געיאָמער פון א גאנץ פאָלק איז געווען אזוי הילכיק, אז עס האָט געקאָנט שפּאלטן די זיבן הימלען. אָבער דער הימל האָט זיך נישט געעפנט און קיין טראָפּן רעגן האָט נישט באנעצט די פארחלשטע ערד. די געאַכפּערטע האָבן געפּאָדערט מער תפילות ביי די גאָטפּאָרכטיקע און די סופרים האָבן געטרייסט, אז ער, וואָס חערשט איבער הימל און ערד, ער, וואָס האָט ארויסגעפירט אברהמ'ען פון לאנד כשדים און לוט'ן פון סדום, ער וועט אויך ארויספירן דאָס פאָלק פון דער פּלאָג, וואָס מאכט חרוב דאָס לאנד.

ווען די שייערן אין קעניגס הויף האָבן זיך אָנגעהויבן אויסליידיקן, און די ברונימער האָבן אויסגעטריקנט, זענען די ראטגעבער צוגעשטאנען צו אחאָב׳ן, ער זאָל ארויפגיין מלחמה האלטן מיט דעם אלטן פיינט אין רמות־גלעד. ער זאָל צונעמען די טייכן און אָפּראַמען די תבואות פון זייערע פעלדער און די פרוכטן פון די גערטנער זאָל ער אָפּרייסן און זאט מאכן זיין לאנד. אחאָב האָט מורא געהאט צו פירן זיינע הונגעריקע חיילות אין א שלאכט קעגן פרעמדע קריגער, וואָס עסן געבראָטענע שעפּסן און טרינקען פון האָרנס וויין. איזבל׳ס כהנים האָבן אויסגעשאָכטן די לעצטע פעטע אָקסן פאַר בראנדאָפּפערס. זיי האָבן ווייטער געטאנצט פארן בעל, און פון דעם קעניג האָבן זיי פארלאנגט, ער זאָל אריינשיקן די שווערדן־טרעגערס אין דעם פרעמדן לאנד. אחאָב האָט געצעגערט. אויף זיינע אויערן זענען געפאלן די תענות פון די שלאכטמענער און די קללות פון פאָלק. די קריגסלייט האָבן געזאָגט: וואָס וועט ווערן פון ישראל, אז דער קעניג שרעקט זיך פאַר בלוט? און דאָס הונגעריקע פאָלק האָט געפרעגט: וויפיל קאָנען מיר קריגן פון א מלך, וואָס שמעקט דעם ריח פון בלוט פון די בראנדאָפּפערס, וואָס זיין ווייב איזבל ברענגט צום בעל?

איזבל האָט געפאָדערט דעם קאָפּ פון דעם תשבי, ווייל מיט זיין בלוט האָט זי געוואָלט אָפּוואשן די בושה פון די אָנמעכטיקע געצן און אָנווארפן א פחד אויף די געטרייע דינער פון יהודה. די טעג אין פאלאץ זענען פארביי מיט טרויער און די נעכט מיט אנגסטן. אחאָב איז נישט געהאָלפן געוואָרן דורך זיינע ראטגעבערס און געוואָלט פרעגן ביי איתמר׳ן, וואָס איז מיט צוויי יאָר פריער אָנגעקומען אין איזבל׳ס קאמער ווי א מאן פון אויפשטאנד און איז געוואָרן דער פעלדהאר איבער די בעסטע שלאכטמענער. דער קעניג האָט זיך געוואונדערט פארוואָס איתמר האָט זיך באזעצט אין פאלאץ און איז נישט צוריקגעגאנגען צו די ווידערשפּעניקע אין דער אונטערשטער שטאָט. ווי א צויבערמאן אויף א פייערדיקן רייטוואָגן האָט ער זיך באוויזן אין שומרון. ער האָט געלייגט די פירשטן צו זיינע פיס און ביי די לוסטפרויען, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט די שלאכטמענער, האָט ער איינגעשטילט אלע באגערן. ער האָט געהאט די אויפזיכט איבער די הויפלייט און געצוימט די פארשייטע תורתונא. די כהנים האָבן זיך געשראָקן, אז איתמר וועט איינעמען דעם פאלאץ אָן בלוט, וואָרים ער איז א הינטערליסטיקער שליח פון די מורדים. זיי האָבן דערפון קיין סוד נישט געמאכט פאר דער מלכה און געוואָרנט אויף דער סכנה. איזבל האָט געוואָלט זיין קאָפּ, אָבער געלאָזט האָט זי אים לעבן, ווי לאנג ער האָט געהאט זיין קאמער אין פאלאץ און געקאָנט צאמען די ווידערשפּעניקע און איינהאלטן דעם צאָרן פון פאָלק. ווייל דער צאָרן פון הימל און די קללה פון דער ערד

זענען דערווייל געגוג געווען פאר דער קעניגין, וואס האט צוגעזען ווי די טרי־קעניש האט פארצערט אירע שייערן און אויסגעשעפט אירע קוואלן.

און ווען אלע תפילות האבן זיך איינגעשטילט און אלע רייד פון די ראט־געבער האבן זיך אויסגעלאזט, האט דער קעניג פון ישראל אריינגערופן איתמר׳ן אין זיין גארטן און געפרעגט ביי אים, צי די חיילות פון ישראל זענען געגוג שטארק פאר דער שלאכט אויף רמות־גלעד. עס איז געווען דער סוף פון טאג. דאס ליכט פון דער וועלט האט זיך געלאשן. דער רויך פון טעמפל איז אויפ־געגאנגען איבער די מויערן פון שטאט און דער גערוך פון די פרידנאפפערס האט אנגעטרונקען די לופט, וואס האט געגליט ווי דער הייסער אטעם פון מדבר. איתמר האט דעם קעניג אויסגעהערט און אים דערמאנט די פארשטומטע שופרות פון די גאטפארכטיקע און קריגסלייט, וואס די מלכה האט זיי פארווערט צו בלאזן, און ער האט איבערגעזאגט די רייד פון משה בן עמרם, ווען ער האט אין מדבר גערעדט צום פאלק: „און אז איר וועט גיין אויף מלחמה אין אייער לאנד אקעגן דעם שונא וואס דריקט אייך, זאלט איר שאלן און טרומייטן, און איר וועט דערמאנט ווערן פאר יהוה, אייער גאט, און איר וועט געהאלפן ווערן פון אייערע פיינט״! אבער ווי אזוי קאנען די חיילות דערמאנט ווערן פאר גאט, אז די טרומייטן זענען שטום אויפן באפעל פון דער הערשערין? און ווי אזוי וועט דאס פאלק געהאלפן ווערן פון זייערע פיינט, אז די טירן פון פאלאץ זענען געשלאסן פאר דעם מאן פון חורב?

א דערצארנטער האט אחאב אוועקגעשיקט איתמר׳ן, און זיך געפרעגט: פארוואס דערצייל זיי אלע, די פירשטן, די סופרים און די קריגסמענער די וואונדער פון דעם נזיר, און פון דער מאכט פון דעם מלך פארשווייגן זיי? די צונג פון דעם געטלעכן מאן קאן אויפהעצן דאס פאלק, אבער די שווערד פון קעניג געווינט די שלאכט. ווען די שעה וועט קומען, וועט דער מלך פון ישראל ווידער פירן די חיילות צו די שלאכטן, אבער ביים סוף פון די טעג וועלן זיי אנטון די קרוין פון גבורה אויפן קאפ פון דעם מאן פון גלעד.

איין מאל, ביינאכט, ווען אחאב האט ארויסגעשיקט פון זיין שלאפקאמער פקחיהו׳ן, זיין געטרייען, מיט דער מגילה פון די געשעענישן פון טאג און זיך געלייגט אויף זיין געלעגער, האט ער דערהערט א שטים, וואס ער האט געמיינט, אז זי קומט פון די העכסטע הויכקייטן.

— שטיי־אויף, אחאב, און גיי זוך דעם, וואס האט געברענגט א קללה אויף דיין לאנד! —האט די שטים באפוילן.— גיי צו די פעלזן און צו די אויסהוילן פון דער ערד, ביז די הייל פון דעם תשבי וועט זיך עפענען פאר דיר. די שא־קאלן וועלן זיך צעלויפן און די מדבר־פייגל וועלן אוועקפלאטערן. דיינע סאנ־דאלן וועלן טרעטן אויף דעם שטויב, וואס איז פאר די נזירים א גאלדענער

זאמד, און דיינע באפעלערישע רייד וועלן ווייך מאכן דאָס הארץ פון דעם אכזר. דו וועסט ווערן חעכער פון אַלע מושלים פון די לענדער ארום. דו וועסט איינשטילן דעם הונגער פון דיין פאָלק און אָפּשטעלן דעם צאָרן פון די מורדים. די איינגעשפּארטע נזירים וועלן קומען זיך בוקן צו דיר און ווידערשפּעניקע וועלן וואשן דיינע פיס. שטיי־אויף, אחאָב, און גיי!

די אויערן ביים קעניג זענען געוועז וואך און די אויגן האָבן אין דער טונקלקייט געזען אויף מיילן. ער איז אראָפּ פון געלעגער. די שטים, וואָס האָט פון אָנהויב אים אָפּגעשראָקן, האָט אצינד געשטארקט זיין הארץ. ער האָט ארייגערופן פקחיהו'ן און געהייסן אויפוועקן עובדיהו'ן, דעם הויף־שררה.

עובדיהו, וואָס האָט געפּאָרכט פאר גאָט און זיך געשראָקן פאר די שלאָפּקייטן פון זיין קעניג, האָט, דערזעענדיק פקחיהו'ן געמיינט, אז זיין האר איז ווידער געפּייניקט געוואָרן פון א בייזן חלום. ער האָט גענומען זיין קורצע שווערד און די ברוסטשילד און איז אריין אין אחאָב'ס שלאָפקאמער. ער האָט אים געטראָפן זיצן אויף זיין געלעגער, נישט אין נאכט־מאנטל, נאָר אין די וועג־קליידער. צופוסנס אים האָט געקניט א קנעכט און פארבונדן די רימענס פון זיינע סאנדאלן. דער הערשער פון ישראל איז געוועזן וואך. עובדיהו האָט פארשטאנען, אז זיין האר וויל מיט אים שפּאצירן אין גאָרטן פון פּאלאץ און ריידן פון די ענינים פון מלוכה, ווי עס איז זיין שטייגער ווען ער ווערט באַרויבט פון שלאָף. אָבער אחאָב האָט צוגערופן דעם ערשטן פון זיינע געטרייע, און זיין קול איז נישט געוועזן אזוי מונטער ווי זיין פּנים.

— האָסטו אמאָל דערשפּירט, עובדיהו, דעם פּחד ווען די פאקלען לעשן זיך אוים איינער נאָכן אנדערן, ביז דו בלייבסט אליין אין א געדיכטער פינצטערניש? — האָט ער געפרעגט. — אזוי פיל פּחד און נאָך מער איז מיך באפאלן יעדעס מאָל ווען די נזירים פון מדבר זענען אָנגעלאָפן. פון יענעם טאָג־אָן, ווען דער מאן פון גלעד איז געקומען אין מיין גאָרטן פארשעלטן דאָס לאנד, האָט דער פּחד זיך נישט אָפּגעטון פון מיר. צוויי יאָר הויערט די קללה אויף ישראל. שומרון ווערט חרוב און דאָס פאָלק איז פארהונגערט. אָבער היינט איז דער פּחד פון מיר אוועק. א שטים, וואָס קומט פון די הויכקייטן, האָט מיך אויפגעוועקט און מיך באפרייט פון די אנגסטן.

אחאָב האָט זיך אויפגעשטעלט און ארויסגעשיקט דעם קנעכט. פון זיינע ליפּן זענען געפאלן באפעלערישע רייד:

— אצינד וועט זיין ליכטיק צווישן די זיילן פון מיין הויז, עובדיהו מיין געטרייער! איך גיי אויפזוכן דעם אכזר, וואָס האָט געברענגט די פלוך אויף דעם לאנד. קום מיט מיר. מיר וועלן דורכשניידן אלע וועגן, ביז איך וועל

געפינען דעם גרויזאמען מאַן און איך וועל איינשטילן דעם הונגער און אָפּשטעלן דעם האַס פון די מורדים!

עובדיהו האָט זיך געבוקט פאַר זיין האַר:

— מיין קעניג! איז דען נישט גענוג, אַז צוויי הונדערט רייטער פון די געטרייע זאָלן דורכשניידן די וועגן און אויפזוכן דעם געטלעכן מאַן און אים איבערבעטן?

— נישט איבערבעטן דעם אכזר וויל איך, נאָר אים בייקומען! דער קעניג פון ישראל וועט נישט ארויסגיין וואנדערן אין מדבר און אויף די בארג־פעלזן, נאָר צו ריידן רייד פון חניפה צו דעם שליח פון בייז. וואָס פאַר אַן אויסדער־וויילטער שליח פון גאָט איז דער מאַן פון גלעד, אויב ער באַהאַלט זיך אין די היילן ווען די ערד ווערט פאַרברענט? די זין און טעכטער פון שומרון ליגן פאַרשמאַכט, קינדער שטאַרבן אויס און די בהמות פאַלן אויף די וועגן. צי איז דען די זינד פון איזבל׳ס כהנים ווערט דאָס אומגליק פון אַ גאַנץ פאָלק? קום מיט מיר, עובדיהו! דאָס איז נישט בלויז דער באַפעל פון מלך, נאָר דער שטרענגער ווילן פון דעם, וואָס רעגירט איבער הימל און ערד. ווען עס וועט ליכטיק ווערן אין מזרח, וועלן מיר ארויסגיין פון שומרון.

עובדיהו האָט זיך אונטערטעניק פאַרנייגט פאַר זיין האַר און געזאָגט:

— איך וועל הייסן די קנעכט אָנזאָטלען די קעמלען.

— זאָלן די קעמלען בלייבן אין הויף; צופוס וועלן מיר גיין, ווי אָרעמע וואנדערער, און קיין רייטער זאָל אונדז נישט באַגלייטן. און דו זאָלסט נישט מיטנעמען, נישט פאַר מיר און נישט פאַר דיר, מער ווי אַ לאָגל וואַסער און קרייטעכצער. מיר וועלן איינטיילן דאָס לאַנד. איך וועל גיין צו דרום און דו וועסט גיין צו צפון. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן ביי די טייכן און ביי די קוואלן, אפשר וועלן מיר געפינען גראָז און מיר וועלן דערהאַלטן ביים לעבן די פערד, די מוילאייזלען און פי, וואָס איז אונדז נאָך געבליבן.

ווען די ערשטע שטרייפן ליכט האָבן אויפגעבלעלט איבערן הימל, האָבן דער קעניג פון ישראל מיט זיין געטרייען וועכטער זיך איינגעהילט אין גרויע געוואַנטן און זיי זענען ארויס דורכן הינטער־טויער פון שטאָט. צום ערשטן מאָל דורך די פאַרלאָפענע צוויי יאָר האָט אַחאָב זיך נישט באַוויזן פאַר איזבל׳ן איידער ער האָט פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ. אין יענער נאַכט האָבן כוחות פון ווי־דערשטאַנד זיך געוועקט אין דעם מאַכהאָבער, וועמען די גאָטפאַרכטיקע האָבן גערופן: „אַ שוואַכלינג אין קעניגלעכע קליידער". צופוסנס די וועגט, וואו עס האָבן זיך גענומען שפּרייטן די וועגן צו די פאַרוווישטע ישובים, האָט אַחאָב זיך צעשיידט מיט זיין הויף־שררה. ער האָט אין איילעניש געשטעלט האַסטיקע טריט און אויסגעמיטן די הייזער פון מירמלשטיין, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט

אונטער די טויערן פון די שופרות. ביים אויפגייענדיקן ליכט פון דער זון איז ער געשטאַנען פאַר די גליענדיקע זאַמדן פון דעם פרייען מדבר.

איבער דעם פלאַכלאַנד איז אויפגעגאַנגען אַ טאָג, וואָס האָט ווידער גע־פלאַקערט מיט דעם ערשטן פייער פון מזרח, און אַחאָב האָט זיך געשטעלט מיטן פנים צו די קרומע וועגן, וואָס זענען געלאָפן צו אַלמתון, צו בעל־שלשה און צו גלגל. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן, צו דער העכסטער שטאָט, צו די טורעמס, און זיין האַרץ האָט געוויינט. דער פּחד פאַר דעם, וואָס האָט אים אנטקעגנקומען, איז אים באַפאַלן. דער אָפּענער מדבר איז געלעגן ביי זיי־נע פיס, אָבער ער האָט זיך געפילט ווי אַ חיה אין געפאַנגענשאַפט, און כדי זיך אליין צו פייניקן מיט דער שטראָף פון גאַנצן פאָלק, האָט ער תפילה געטון צו גאָט פון זיינע אָבות, וואָס לאָזט אים היינט נישט געניסן פון דעם לויטערן ליכט אין פרימאָרגן און פון דעם קילן בלעטער־געדרויש אין זיין גאָרטן. ער האָט הנאה געהאַט וואָס ער פאַרזוכט דעם טעם פון דאָרשט. אויס באַוואָרעניש האָט ער אָנגעטאַפּט דעם לאָגל וואַסער אַרום זיינע לענדן, דערנאָך האָט ער באַרירט זיין קורצע שווערד הינטער דעם גרויען געוואַנט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דעם, וואָס זיצט אין די הויכקייטן, און ווידער אַמאָל דערהערט אַ שטים, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ ווירבלווינט.

— אַחאָב! — האָט די שטים גערופן. — דער פלאַקערנדיקער הימל איבער דיין קאָפּ און דער גליענדיקער מדבר אונטער דיינע פיס וועלן נישט קאָנען ריי־ניקן דיינע זינד.

אַ דערשראָקענער איז ער אוועק פון דעם אָרט, און עס האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז דאָס יאָגט אים נאָך די צונג פון דעם מאַן פון גלעד. וואו וועט ער אים געפינען, דעם ווידערשפעניקן, וואָס טראָגט באַרמלאָזיקייט אין זיין האַרץ און די פלוך־ווערטער גייען קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן? אין פּאַלאַץ האָט מען געהערט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט פאַרשאָלטן דאָס לאַנד מיט טריקעניש, וויל ער מער נישט זען דעם שיין פון טאָג. אָבער די סופרים, וואָס זיצן אין די הייזער פון מירמלשטיין האָבן דערציילט, אַז גאָט פון צבאות אַליין האָט אים באַפוילן זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דער מלכה׳ס נקמה ביים באַך־ברית וואָס פאַרן ירדן, און דאָס וואַסער פון דעם באַך זאָל ער טרינקען און די ראָבן זאָלן אים ברענגען שפּייז. אַחאָב האָט נישט געגלויבט, אַז דער געטלעכער מאַן, וואָס איז בכוח אויסצושעפּן די טייכן און צו פאַרשליסן דעם הימל, זאָל אַנט־לויפן פאַר אַ קעניג, וואָס הערשט איבער אַ מלוכה אויף דער ערד. אָבער די סופרים האָבן איבערגעזאָגט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, ווי ער איז געגאַנגען אהינצו, און דאָס וואונדער וואָס ער האָט דאָרט באַוויזן. ער, וואָס קומט פון גלעד און וואָס מען רופט אים אליהו דער תשבי, האָט געטון אַזוי ווי עס איז

געווען דאָס וואָרט פון גאָט. ער האָט זיך געזעצט ביים באַך־ברית און די ראָבן האָבן פאַר אים געבערענגט ברויט און פלייש אין דער פרי, און ברויט און פלייש אין אָוונט, און פון דעם פרישן וואַסער האָט ער געטרונקען.

און ווען דער באַך איז אויסגעטריקנט געוואָרן, ווייל עס איז קיין רעגן אין לאַנד נישט געווען, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צום מאַן פון גלעד, ער זאָל גיין קיין צרפת וואָס אין צידון, וואָרום דאָרט וועט א פרוי, אן אלמנה, אים שפּייזן. אין אריינגאַנג פון דער פרעמדער שטאָט האָט ער דערזען, ווי א פרוי קלייבט האָלץ, האָט ער ביי איר געבעטן וואַסער, און ווען זי איז געגאַנגען ברענגען א כלי מיט וואַסער, האָט ער נאָכגערופן: אויך אַ שטיקל ברויט, איך בעט דיך, ברענג אין דיין האַנט, גוטע פרוי. האָט זי געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט יהוה דיין גאָט, אויב איך האָב א קוכן! בלויז א האַנט פול מעל אין טאָפּ און אביסל אייל אין קרוג איז מיר געבליבן. און אָט קלייב איך צונויף די העלצער און איך וועל גיין מאַכן שפּייז פאַר מיר און פאַר מיין זון, און מיר וועלן עס אויפעסן און דערנאָך וועלן מיר שטאַרבן.

האָט דער מאַן פון גלעד צו איר געזאָגט: זאָלסט נישט מורא האָבן. גיי און טו ווי דו זאָגסט, נאָר מאַך מיר דערפון אַ קליינעם קוכן צוערשט, און פאַר דיר און פאַר דיין זון וועסטו מאַכן צולעצט, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: דער טאָפּ מעל וועט נישט אויסגיין און דער קרוג אייל וועט נישט געמינערט ווערן ביז צום טאָג, ווען גאָט וועט וואַשן די ערד מיט רעגן. איז די אלמנה געגאַנגען און געטון ווי דער גאַסט האָט איר געהייסן, און איר הויזגעזינד האָט געהאַט צו עסן פיל טעג. דער טאָפּ מעל איז נישט אויסגעגאַנגען און דער קרוג אייל איז נישט געמינערט געוואָרן, אַזוי ווי עס איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט, וואָס ער האָט גערעדט דורך אליהו'ן.

און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, איז דער זון פון דער פרוי שטאַרק קראַנק געוואָרן, אַז ס'איז אים מער קיין אָטעם נישט געבליבן. האָט די בעל־הביתטע פון הויז געוויינט פאַר אליהו'ן: וואָס האָסטו צו מיר, דו געט־לעבער מאַן, ביזטו דען געקומען אהער צו דערמאָנען מיינע זינד און טויטן מיין זון? האָט ער צו איר געזאָגט: גיב מיר דיין זון! און ער האָט אים גענו־מען פון איר בוזעם און אים ארויפגעטראָגן אין דער אויבערשטוב, וואו ער האָט דאָרט געוואוינט, און האָט אים אוועקגעלייגט אויף זיין בעט און גערופן צו גאָט: יהוה מיין גאָט, צי אויך צו דער אלמנה, וואָס ביי איר האַלט איך זיך אויף, האָסטו בייז געטון, צו טויטן איר זון? און ער האָט זיך אויסגעצויגן איבער דעם קינד דריי מאָל, און גערופן צו גאָט און געזאָגט: יהוה מיין גאָט, איך בעט דיך, זאָל די זעל פון דעם דאָזיקן קינד זיך אומקערן אין אים! און ער, וואָס רעגירט איבער הימל און ערד, האָט זיך צוגעהערט צום קול פון אליהו,

און די זעל פון דעם קינד האָט זיך אומגעקערט און ער איז צוריקגעקומען צום לעבן. האָט אליהו אַראָפּגעטראָגן דאָס קינד פון דער אויבערשטוב אין הויז און עס אָפּגעגעבן צו זיין מוטער: זע, דיין זון לעבט! האָט די פרוי געזאָגט צו אליהו'ן: אצינד ווייס איך, אז דו ביזט א געטלעכער מאַן, און דאָס וואָרט פון גאָט אין דיין מויל איז אמת.

אַחאָב איז געגאַנגען מיט איינזאמע וועגן און אויסגעמיטן די שטרעקעס לאַנד, וואו ס'האָבן פריער געשפּראָצט געוויקסן, כדי נישט צו זען ווי גאָטס באַשאַף איז פאַרוועלקט. אין האַלבן טאָג איז ער צוגעקומען צו א באַרג. צו־פוסנס איז געלעגן דאָס דאָרף קוצו, ביי דער זייט פון ברייטן וועג וואָס פירט צו בית־אל. די זון האָט געברענט דעם באַרג און דאָס ליכט פון דער וועלט האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז צום סוף פון הימל. דער קעניג האָט איבערגע־דעקט דעם קאָפּ מיטן קאַפּטער פון זיין גרויען געוואַנט, זיך צו שיצן פון דעם גליענדיקן מדבר־שטויב. דער לאָגל ביי די לענדן איז אצינד געווען גרינגער, ווייל די לעצטע טראָפּנס וואַסער האָבן זיך אויסגעלאָזט. די קני האָבן זיך אונ־טערגעבראָכן פון מידקייט און דער דאָרשט האָט געברענט זיין אָטעם, אָבער אַחאָב איז ווייט געווען פון דעם רחמנות, וואָס מאכט שוואַך דאָס האַרץ פון די שטאַרקע. עס האָבן אים געפּרייט די ערשטע יסורים אויף זיין גוף און ער איז מיט מער איילעניש אריינגעגאַנגען טיפער אין לאַנד, צו געפינען גראָז און וואַ־סער פאַר די פערד און פי.

פאַר זיינע מידע פיס האָבן זיך געצויגן ישובים, וואָס האָבן דורך אלע מלחמות אויסגעמיטן פאַרוויסטונג, אָבער אצינד זענען די שטיקער לאַנד געווען פאַרברענט, און אויפן אָרט וואו עס האָבן פריער געבליט פלאַנצן, זענען היינט געווען טיפע אויסהוילן, ווי עפענונגען פון קברים. פאַר איין ישוב האָט זיך דער קעניג אָפּגעשטעלט. ער איז ארויפגעקראָכן אויף א בערגל און דערקענט דאָס דאָרף ליש, וואָס אירע גיבורים האָבן פאַרהיטן איר ערד אין דער מלחמה מיט אסא, דעם מלך פון יהודה. דאָס דאָרף איז צוויי מאָל חרוב געוואָרן, און נאָך יעדן חורבן זענען די הייזער אויפגעבויט געוואָרן מיט מער פראכט. אין טויער, ביים אריינפאָר, זענען געשטאַנען קנעכט אָנשטאָט וועכטער. דער מאַרק איז דאָרט געווען פוסט. אויפן טורעם זענען נישט געזעסן די עלטסטע פון דאָרף, נאָר די נידערטרעכטיקע יונגען. די קליינע הייזער האָבן אויסגעזען ווי אויסגעליידיקטע געבויען, וואָס די שווערד פון א ווייטן שונא האָט פאַרזען, אָדער אן ערדציטערניש האָט פאַרגעסן איינצווואַרפן. פאַר די שוועלן האָבן פאַרחלשטע זקנים געדרימלט, יונגע מוטערס האָבן געשטרעקט זייערע פאַרדאַר־טע בריסטן צו די זייגלינגען. ביי דער וואַנט פון א געבעטהויז האָבן זיך גע־וואַלגערט שפּרינגבעקנס, גאָפּלען, שופלעס און טעפּ איבערגעצויגענע מיט קו־

פער. איבערן הויף, הינטער דער וואנט, האָבן זיך ארומגעדרייט צאָרנדיקע פרעדיקער, אָבער זייערע רייד זענען פארטויבט געוואָרן פון די קולות פון בעט־לערס, וואָס האָבן מיט די ליפּן תפילה געטון און די הענט זייערע האָבן זיי אויס־געשטרעקט נאָך נדבות.

א באַגאַסענער מיט אנגסטן איז אחאב אראָפּגעלאָפן פון בערגל. זיינע מחשבות זענען געווען אזוי ווי דער צאָרן אין זיין הארץ. א פאַלק פון בעטלער איז פון די זין פון ישראל געוואָרן! — האָט ער אויפגעהויבן זיין טענה צום הימל, — מיינע גיבורים וועלן ווערן קנעכט און מיינע געטרייע וועלן באטריגער זיין, אויב דער הונגער וועט נישט איינגעשטילט ווערן.

ווי דונערן וואָס צערייסן די וואָלקנס, זענען די רייד פון תשבי געפאלן אי־בער דעם דאך פון זיין הויז, און ווי בארעמלאָז האָט דער געטלעכער מאן גע־מוזט זיין, אויף צו לאָזן הערן די דאָזיקע רייד! „אין יענע טעג, — האָט ער געוואָרנט, — ווען דאָס פייער פון הימל וועט פארצערן יעדעס געוויקס פון דער ערד, וועלן דיינע הויכע תפילות זיין א געמורמל, וואָס וועט נישט דערהערט ווערן, און דיינע געשרייען נאָך רחמים וועלן זיין בלאָנדזשענדיקע ווערטער, פארטויבטע פון ווינט".

אויס שנאה צו זיך אליין, וואָס ער איז געווען טויב צו די וואָרענונגען, איז ער אצינד גרייט געווען צו נעמען אויף זיין גוף אזויפיל יסורים, אז זיין שטראָף זאָל זיין א פארגעבונג פאר די ריינע און אומשולדיקע. אין דעם אָפּע־נעם מדבר איז אים מיט אמאָל באפאלן א גרויסע פאָרכט פאר דעם. וואָס רעגירט מיט דער וועלט און ער האָט זיך דערמאָנט, אז די יסורים פון פארגעבונג דארפן פאלן אויף דעם גוף פון איזבל, וואָס האָט אים געמאכט פאר א לעסטערער צו גאָט און א קנעכט צו אירע ראטגעבער. פון האס צו זיין מלכה, וואָס איז אין קריג מיט יהוה און מיט זיין שליח, איז אחאב אצינד גרייט געווען צו שינדן מיט בייטשן דעם דאָזיקן איידעלן קערפּער, וואָס האָט נאָך אויפגעהיט די שיינ־קייט ווי אן עדות צו דער שאנד און זינד. ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס גרויע דעקטוך און אויסגעשטעלט דעם נאקן צו די ברענענדיקע שטראלן פון דער זון. זיינע אויגן האָבן לאנג געקוקט אויף דעם פאראָרעמטן לאנד. ער האָט אויסגעטון די סאנדאלן, אנידערגעקניט אין זאמד און זיינע הייסע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— איך זוך דיך, גאָט פון מיינע חיילות; איך זוך דיך אין די זאמדן און איך וויל דיך געפינען אין די עפענונגען פון די פעלזן. פארשטעל אויף א רגע דאָס פייער פון דער זון! האַלט־איין דעם גליענדיקן מדבר־ווינט און הער־אויס מיין געבעט! מאַך פון מיין הארץ אן אָפּגרונט, וואו די עבירות פון אלע לעס־טערער אין פאלאץ זאָלן אריינפאלן, אָבער קער נישט אָפּ דיין פּנים פון מיין

תפילה און זאָג נישט מער: „איך האָב פיינט די רואיקע און זאַטע אויפן בארג שומרון, וואָס עסן פעטע שעפּסן און טרינקען וויין פון בעקנס". די, וואָס האָבן נעכטן געשלונגען דאָס פלייש פון אָנגעשטאָפּטע ווידערס, אָ, גאָט, נאָגן היינט די ביינער ווי הונגעריקע הינט. אין די קאַמערן פון דעם העכסטן הויז פון ישראל הויערט שוין דער הונגער, אָבער דיין שטראָף איז נאָך נישט אָפּגעשטעלט. צי איז דען די שטראָף אויף קינדער פאַר די זינד פון עלטערן גילטיק אין די הייזער פון מלכים? ירבעם האָט צעריסן דאָס מלכות בית דוד, און דיינע פּאַרכטיקע שליחים האָבן דעם מורד נישט פאַרשאָלטן, ווייל ער האָט צעטיילט דאָס לאַנד. אין אָט דער שעה פון אומגליק, שטאַרק די מלוכה פון ישראל, האַר פון צבאות, אַז זי זאָל ווייטער געוועלטיקן איבער די פּלישתים און האַלטן דעם אָרעם אויפן נאַקן פון מואב און אַרם, וואָרים באַפעסטיקן מוז איך די מלוכה קעגן אשור, וואָס גרייט אירע חיילות ביי די געמאַרקן. אָבער, ווי וועט מיין פאָלק שלאָגן די שונאים, ווען זיין קעניג וואַנדערט ווי אַ בעטלער אין מדבר און זיינע געטרייע שלאַכטמענער שטאַרבן אוים פון דאָרשט?

ער האָט געשלאָגן זיין שטערן אָן דעם בריענדיקן זאַמד און ווייטער געבעטן:

— פיל־אָן די קוואַלן און טייכן, מיין גאָט, און באַדעק די ערד מיט גרינסן, און ווען איך וועל צוריקקומען אין מיין שטאָט, וועל איך באַפעלן, אַז די פלייטן זאָלן אויפשפילן און די האַרפעס זאָלן אויפציטערן מיט לויב צו דיר, יהוה! און די געזאַנגען וועלן אַרויפגיין ביז צו דיין כסא־הכבוד, און איך וועל ברענגען די שלאַכטאָפּפערס און די שפּייזאָפּפערס, אַזוי ווי עס האָבן געטון מיינע אָבות ווען זיי זענען געגאַנגען אין מדבר.

אחאָב האָט זיך אויפגעהויבן, גרייט זיך צו לאָזן ווייטער אין וועג אַריין. זיין האַרץ איז געווען פאַרחלשט און זיינע מידע אויגן האָבן לאַנג געקוקט אויף דער וויסטקייט אַרום. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ וואַקל געטון און זיין קאָפּ איז צוגעפאַלן צו אַ שטיין און ער האָט דערזען אַ טראָפּן בלוט, וואָס איז אַראָפּגערונען פון זיין פאַרוואונדעטן שטערן. דאָס בלוט האָט געקילט זיין האַרץ, ווי אַ פרישער טראָפּן פון אַ לויטערן קוואַל. טרערן האָבן געשטיקט זיין האַלדז. אַ באַגייסטערטער האָט ער ווידער אַמאָל צוגעלייגט דאָס מויל צו דער ערד און געמורמלט:

— יהוה מיין גאָט, דער גאָט פון צבאות! דו אַלמעכטיקער, וואָס קאָנסט אָנפילן ימען און באַדעקן דעם מדבר מיט פרוכטן, שיק אַראָפּ מלאכים, זיי זאָלן אויפקלייבן דעם טראָפּן און עס אַרויפברענגען צום טוויער פון רחמים. און דאָ, אין דעם מדבר, וואו עס איז גערונען דאָס בלוט פון דעם מלך פון ישראל, זאָל אויפגיין דער ערשטער פלאַנץ, און זיינע זאָמען זאָלן באַפרוכפּערן די פעלדער

די קעניגין איזבל

און גערטנער איבער דעם לאנד, וואָס שפּרייט זיך פון דעם העכסטן בארג ביז צו די פלאכן פון ים!

ער איז געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן אין דער ערד. די פיס האָבן געבריט אין זאמד און דער גוף, מיטן רוקן צו שומרון, האָט געברענט אנטקעגן דער גליענדיקער זון. הינטער אים האָט זיך געצויגן די דאָרשטיקע ערד און פון פאָרנט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער פלאקענדיקער מדבר.

ז

ביים סוף פון טאָג איז איתמר געגאַנגען צו דער אויבערשטער שטאָט, באַגלייט פון זיינע געטרייע ברכיהו און תרשי. דער רויך פון די בראַנדאָפּפערס איבער די מויערן און די ערשטע פאַקלען האָבן באַלויכטן די טויערן און טורעמס. דער קריגסמאַן האָט געקלעטערט איבער די ווייסע, פלאַכע טרעפּ און איז צוגעקומען צו דער בריק, וואָס האָט אָפּגעטיילט די נידעריקע גאַסן פון די הייזער פון מירמלשטיין. די בנינים זענען געשטאַנען צוקאָפּנס פון טעמפּל פון עשתורת, ווי געטרייע וועכטער ביי אַ פּעסטונג.

די וועלט הינטער שומרון איז געווען פינצטער, אָבער דאָס גערודער פון דער קרוינשטאָט האָט זיך געטראָגן צוזאַמען מיט די זיילן רויך, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן ווי וואָלקנס, אָנגעלאָדן מיט דונערן. פאַר איתמר׳ן איז היינט געווען די נאַכט פון פּראָוו, אַזוי ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער איז געקומען מיט דער פאַלשער מגילה אין פּאַלאַץ. ער האָט געטראָגן קליידער פון אַ הויפּטמאַן, ווי אין די טעג פון עמרי און געהאַט גרייט אויף די ליפּן פלאַמענדיקע רייד, אָבער נישט פאַר דעם מלך פון ישראל, נאָר פאַר דעם צידוני חטיפא, וואָס האָט געהאַלטן די שליסלען פון די גאָלד־קאַמערן אין דעם קליינעם עשתורת־טעמפּל קיר־חרס. דאָס האָט תורתונא אים געשיקט צו איזבל׳ס הינטערליסטיקן קנעכט, דעם עלטסטן כהן וואָס איז גרייט געווען אויסצוטוישן גאָלד פאַר מאַכט. תורתונא׳ס באַגער, ער זאָל עפענען די קאַמערן, און דער פאַרלאַנג פון די ווידערשפּעניקע, אַנצוהייבן דעם קריג קעגן טראָן, האָבן אונטערגעיאָגט זיינע טריט צום הויז פון טומאה. פאַר דעם דאָזיקן גאָלד וועלן אויסגעשמידט ווערן שווערדן פאַר די מורדים, וואָס וועלן אַרויסטרייבן די צידונים פון העכסטן הויז און אויסראַמען די געצן. איתמר האָט געקוקט אויף דער שטאָט וואָס צינדט אָן די ערשטע פייערן. עס איז געווען די צייט פון די אָוונט־קרבנות. דער עלטסטער פון די כהנים האָט געשיכורט און געטאַנצט מיט די קדשות פאַרן מזבח, און דער וועג צום הארץ פון אַ נידערטרעכטיקן איז תמיד דורך ווייַן און יונגפרויען.

ברכיהו און תרשי זענען נישט געווען צעפלאמט אזוי ווי איתמר. ווי נאענט זיי זענען געווען צום טעמפל, אזוי טרויעריק זענען געווען זייערע הערצער. ברכיהו האט שוין לאנג אויסגעטאן דאס גרויע געוואנט פון א נזיר, און זיין באָרד איז געווען געזאלבט ווי ביי א געאכפערטן מאן. ער האט, אזוי ווי תרשי, געטראגן א מאנטל פון בלויען וואל, באזיימט מיט פורפור און אויפן קאפ האט ער געהאט א וויקלטוך פון געדרייטע ליינען. ווען נישט די הייליקע שליחות, וואלטן זיינע פיס אזוי געהארכזאם נישט נאכגעגאנגען איתמר'ן. גאט פון ישראל, וואס איז דער גאט פון רחמים, וועט פארגעבן יענע וואס גייען אויסרויכערן דאס הויז פון אומריינקייט. און כדי צו זיין ריין אין די אויגן פון גאט, איז ברכיהו מיט צוויי טעג פריער ארויפגעגאנגען אין ירושלים און אריינגעקומען אין בית־המקדש און געברענגט ווי א נדר א שלאכטאפפער פון א יונגן רינד און א גאט־אפפער פון ווייז, אז עס זאל אויפגיין דער געשמאקער ריח צו דעם דערבארעמדיקן פאטער אין הימל.

פאר א זייל אויף יענער זייט בריק האט זיך איתמר אפגעשטעלט. אין האלבן טאג האט מען אים נאך אנגעזאגט, אז דער מלך איז אוועק איבער די וועגן זוכן דעם תשבי, און זיין הארץ האט געוויינט פאר דעם הערשער פון ישראל. דער מלך, וואס האט געזאגט, אז „טורעמס שטייען ביי זיין צוקאפנס און פעסטונגען ביי זיין צופוסנס", האט אוועקגעוואנדערט אן איינזאמער אין מדבר. איתמר האט גערעדט צו זיינע באגלייטער, וואס זענען געווען קלענער פון אים אין וואוקס, אבער גרעסער אין אייפער:

— מיר וועלן אריינקומען אין געצנהויז ווען זייערע כהנים וועלן זיין פארזאמלט. אונדזערע געטרייע וועלן ווארטן הינטער די טירן. תורתונא וועט רעדן מיט חטיפא'ן ביים טויער פון די זיבן פעסטונגען.

— איין פעסטונג נאר מוזן מיר איינגעמען, —האט תרשי געזאגט מיט א זיכערן קול,— די קאמער פון גאלד. דערנאך וועלן אלע אנדערע פעסטונגען פאלן.

— דיין פרייד איז צו־פרי, תרשי, —האט ברכיהו געזאגט,— די שטארקסטע פון אלע פעסטונגען איז דער פאלאץ, און דארט זיצט א שטרענגע ווערטערין. ערשט נעכטן האט די בייזע מלכה באפוילן אירע כהנים צו שעכטן מער רינדער פאר די מזבחות, ווייל דארשט און הונגער איז בלויז די שטראף פארן פאלק, אבער נישט פאר די געזאלבטע. און צו אירע קנעכט האט זי געזאגט: די שטאט וועט פאלן, די הייזער וועלן אפגעווישט ווערן, אבער דער פאלאץ וועט בלייבן!

תרשי האט אויסגערופן:

— איך וואַרט אויף דעם טאָג, ווען די פּרעמדע חערשעריו וועט אומקומען פאַר דעם בלוט פון מיין ברודער!

— אז דער טאָג וועט קומען, —האָט ברכיהו היציק געזאָגט,— וועט זי א געפאנגענע דורכגיין צום לעצטן מאָל די זיילן פון פּאַלאַץ, און ווי ביי א געפאנגענע, וועלן די קייטן בינדן די הענט וואָס זענען איינגעטונקען אין בלוט.

— קיין טיר און קיין וואַנט וועט נישט בלייבן גאַנץ אין אירע קאַמערן!

—איז תרשי׳ס שטים געוואָרן צאָרנדיקער,— און דעם לעצטן שטיין וועל איך אליין אויף איר וואַרפן!

איתמר האָט זיך געשראָקן, אז דער אייפער ביי זיינע באַגלייטער וועט צעטומלען זייערע קילע מוחות. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געשווינט די קעפּ פון די קנאים אבניה און חנינא. נאָך דעם ווי ער איז אריינגעקומען אין קעניגס הויז מיט דער פאַלשער מגילה, האָט מען געכאַפּט די צוויי הויפּדינער און זיי אריינגעזעצט אין געפענגעניש. איזבל האָט זיי געהייסן טויטן, אָבער איתמר האָט אויסגעבעטן זייערע לעבנס, און אַחאָב האָט זיי איבערגעגעבן צו אמון, דעם שטאָטהאַר, ער זאָל זיי מאַכן פאַר טורעם־וועכטער, און זיי זענען דערנאָך אנטלאָפן אין מדבר, צו די נזירים. איתמר האָט ווידער געוואָלט רעדן צו תרשי׳ן און ברכיהו׳ן שטרענגע רייד, ווי עס רעדט א הויפּטמאַן צו זיינע קריגער, אָבער אין יענער רגע איז אקעגנגעקומען א זקן, איינגעהילט אין ליינענטוך, ווי עס טראָגן די געאַכפּערטע אין די לערנהייזער. דער אַלטער מאַן האָט געהאַט ביי די לענדן א טאָרבע פון פעל און אין האַנט א לעדערנע שייד מיט מגילות. אויף זיין פּנים זענען געווען אויסגעלייגט די זאָרגן פון דער וועלט. די צעשויבערטע באָרד־פלעכטן זענען געווען לאַנג ביז צום בויך־באַנד. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג און געפרעגט:

— גוטע וועכטער, וואו איז דאָס נאָענטסטע מזרח־טויער וואָס פירט ארויס פון שטאָט?

— א גרויסע שליחות מוז וואַרטן אויף דיר, אויב דו איילסט זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט אין דער היינטיקער נאַכט, — האָט איתמר געזאָגט.

אונטער דעם בלאַסן שיין פון א ווייטן פאַקל האָט דער זקן דערזען, אז ער רעדט צו א מאַן אין די קליידער פון א פעלדהאַר, און זיין קול איז געוואָרן הכנעהדיק:

— ווי גערעכט ביסטו, שררה. עס וואַרט אויף מיר א שליחות, אָבער נישט דאָ, נאָר אויסער די מויערן, אין דעם פרייען לאַנד אָן צוימען.

— דיינע רייד זענען דרייסטע. דו רעדסט ווי איינער, וואָס איילט זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אנדערע. ווער ביסטו און וואוהין גייסטו?

— איך בין חיאַ, און איך לערן מיט דעם פאָלק אין דער אונטערשטער שטאָט. ביז נעכטן זענען מיר נאָך געזעסן אין הייזער פון מירמלשטיין, אָבער די מענטשן אין פּאַלאַץ היטן מער נישט דעם כבוד פון דער תורה. דער מלך איז פאַרשוואונדן פון העכסטן הויז, און עס איז אַרויס אַ גזירה פון דער מלכה, מען זאָל אַנלייגן שלעסער אויף די הייזער און מער נישט שיקן קיין שפּייז צו די סופרים. אויב מיר מוזן לעבן ווי די נזירים, וועט זיין בעסער פאַר אונדז צו וואוינען אין מדבר, וואו עס זענען נישטאָ קיין שווערדנטרעגער און בויגנציער, און נאָר יהוה, דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, רעגירט דאָרט. צען פון אונדז האָבן שוין פאַרלאָזן שומרון, איך בין דער עלפטער.

דערהערנדיק די רייד פון דעם זקן, האָט איתמר געזאָגט:

— די גזירה האָט אַרויסגעגעבן די מלכה, אָבער פאַר די פּאַרכטיקע וואָס דינען דעם באַשעפער פון הימל און ערד, זענען נישט גילטיק באַפעלן פון אַ הערשערין, וואָס הייסט פאַרהונגערן די לערער פון תורה. זאָג מיר, חיאַ, ווער עס באַהאַלט דאָס ברויט און דאָס פלייש פון דיין טיש; זאָג מיר ווער דיינע פיינט זענען, און איך וועל זיי שטעלן אויף דעם דאָזיקן אָרט צום משפּט.

— לערער און סופרים האָבן נישט קיין פיינט, — האָט דער זקן געענטפערט. — די גזירה פון הונגער פאַלט אויפן גאַנצן פאָלק.

— פאַרוואָס זאָלסטו פאַרלאָזן די שטאָט היינט? צי ווייסטו נישט, אַז אַחאָב איז געגאַנגען איבערבעטן דעם מאַן פון גלעד, און די מלכה פון בייז וועט באַלד פאַלן? קלוגער מאַן, אַנטלויף נישט היינט פון דאַנען, איידער עס קומט די שעה פון אָפּרעכענונג.

— היינט איז דער טאָג. עס קומט אַ סוף צו דער לערע אין די שטעט, וואו גייסטבאַשווערער און מכשפים האָבן זיך באַזעצט און פאַרטריבן די שלי־חים פון גאָט. דער געטלעכער מאַן אליהו איז פאַרלאָזן, אין מדבר זיצט ער, און מען ברענגט אים מער נישט קיין ביכורים־ברויט און קיין קוכנס און קיין קליידער, נישט אום שבת און נישט אום ראש־חודש. די רייכע לייט רופן אים מער נישט צו עסן ביי זייערע טישן און צו שלאָפן אויף זייערע געלעגערס. דער שליח פון גאָט איז אַ הייליקער און ער ווייזט וואונדער, אָבער די קראַנקע ווילן מער נישט גענעזן ווערן דורך אים. אין דער שטאָט וואו עס הערשט די שווערד, האָט געמוזט אויפהערן דאָס געזאַנג פון תורה. ווי לאַנג אַחאָב איז געווען שטאַרקער פון איזבל'ס ראַטגעבערס, די צידונים, האָט מען געשווינט אונדזערע קעפּ. נאָך דער קללה פון הונגער וויל מען אונדזער בלוט. פאַרהאַלט מיך נישט, פעלדהאַר. אַלע ערלעכע וועלן פאַרלאָזן שומרון. ווער עס קאָן, נעמט מיט אַ ציג און אַ לאָגל וואַסער. און אויב דיין האַרץ איז אַזוי פּאַרכטיק ווי דיין מויל, גיב מיר אַ וועכטער, ער זאָל מיך בשלום אַרויספירן פון טויער.

איתמר האָט געקוקט אויף דעם זקן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים געבויגן און זיין רחמנות איז געפאַלן אויף דעם אומגליקלעכן. דער געדעכטער מאַן אַנטלויפט אין מדבר און ער קאָן אים נישט פאַרהאַלטן. צי האָבן די פעסטונ־גען און דער רויך ענג געמאַכט פאַר אים די שטאָט? און פאַרוואָס שטייט דער מאַן פון תורה אונטערטעניק פאַר א שלאַכטמאַן? צי האָט ער אים איבערגע־שראָקן מיט זיינע וואָפנקליידער? די לערער אליין לערנען דאָך, אז דער בשר־ודם — פון א פּראָסטן מאַן ביז א שופט — מוז זיין אונטערטעניק און ווייך ווי א ראָר און נישט שטאָלץ און האַרט ווי א צעדערבוים. און פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס האָט באַפוילן און עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, שטייט דאָך אויך דער מלך געבויגן אזוי ווי א קנעכט. צוויי יאָר ווי ער גייט ארום אין דער דאָזיקער שטאָט. ער איז וואוילגעפעלן ביים קעניג און צוגעלאָזן ביי דער מלכה. ער איז פאַרשטעלט פאַר א געטרייען, אָבער ביי די לענדן טראָגט ער די שווערד פון בונט, און דורך אלע טעג ביז היינט האָט ער נאָר געזען פאַרדאָרבנקייט און אומגליק.

ער האָט געגעבן א צייכן ברכיהו'ן, ער זאָל ארויספירן דעם אַלטן מאַן דורכן מזרח־טויער. ברכיהו האָט אויפגעהויבן אויף אים זיינע פאַרוואונדערטע אויגן, אָבער איתמר'ס שטרענגער בליק האָט געצוימט זיין ווידערשטאַנד. ווען ביידע זענען אַפּגעגאַנגען, האָט דער שלאַכטמאַן און תרשי זיך געהויבן ארויף, העכער און העכער איבער די שטיינערנע טרעפּ. די גאַסן, וואָס זענען פריער געווען איבער דער פלאַך, זענען אצינד געלעגן אין טאָל. איתמר האָט אראָפּ־געקוקט צו דער אונטערשטער שטאָט. דער רויך איז געוואָרן שיטערער און די לופט לויטערער. פון דער ווייטנס זענען די אַנגעצונדענע פאַקלען ווי פלעמלעך געשפּרונגען אונטערן טונקעלן הימל, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אז די פלעמלעך — דאָס איז די שריפט פון פייער וואָס נאָר די, וועלכע אנטלויפן אין מדבר, פאַרשטייען.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין שכן אילפאַ שמאי, וואָס באַארבעט זיין פעלד הינטער תירצה. דער דאָזיקער מאַן איז געווען געניט אין אלע פאַרהוי־לענע געשעענישן. ביים זונאויפגאַנג און ביים זונאונטערגאַנג האָט ער געפירט מיט אים שמועסן פון דער געטלעכער הערשאַפט איבער די מלוכות אויף דער ערד. קיין מלך זיצט נישט אויפן טראָן אָן דעם ווילן פון דעם, וואָס האָט פונאַנדערגעשיידט צווישן ליכט און פינצטערניש, — האָט אילפאַ געזאָגט. איינמאָל האָט דער מאַן, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון דעם טומל פון דער וועלט, דערציילט, אז עמרי האָט געקראָגן די מלוכה נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט גרעסער געמאַכט דאָס לאַנד אפרים, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעקויפט דעם באַרג שומרון. שטאַרקערע הערשער פאַר אים האָבן רעגירט און זענען

אונטערגעגאנגען. און פאַרוואָס איז עמרי, דער שלאַכטמאַן, וואוילגעפעלן אין די אויגן פון דעם האר פון דער וועלט, און ער האָט געמעגט איבערגעבן די מלוכה צו זיין זון אחאָב? פריערדיקע מלכים האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים אין פּאַלאַץ. און אילפּאָ האָט געזאָגט, אז עס איז נישטאָ קיין גוטער טאָט אָן באַלוינונג. אחאָב האָט געירשנט זיין פאָטערס מלוכה, ווייל עמרי האָט אויסגעבויט די שיינע פעסטונגשטאָט, וואָס האָט שטארק געמאַכט ישראל. און ווער טרייסלט היינט די פעסטונגען פון ישראל? אָן די הייזער פון זינד וועט שומרון צו אפרים זיין אזוי ווי ירושלים צו יהודה. היינט אַנטלויפן די רעכט־פאַרטיקע פון דער פעסטונגשטאָט. דער פאַלאַץ איז די קרוין, אָבער די לערער פון פאָלק זענען די זיילן וואָס שפּאַרן־אונטער די מלוכה. אויב די זיילן ברעכן זיך, וועט איינפאַלן דער געלענדער און פון די ווענט וועלן חורבות בלייבן.

די טריט ביי איתמר'ן זענען געוואָרן לאַנגזאַמערע און די מחשבות האַס־טיקערע. ער האָט געוואוסט, אז דער מלך איז ביז זונאונטערגאַנג נישט געווען אין פּאַלאַץ. אצינד, ווען ער, איתמר, דערנענטערט זיך צו זיין הויז, איז דער הערשער שוין צוריקגעקומען פון זיינע וואַנדערונגען, און אויך זיין קנעכט עובדיהו קלעטערט אויף צוריקוועגס איבער די באַרג־פעלזן. ביידע זענען ארוים זוכן דעם מאַן פון גלעד, וואָס האָט מיט זיין פייערדיקן אָטעם געברענגט א טריקעניש איבערן גרויסן לאַנד. ביידע האָבן אליהו'ן געזוכט — דער מלך און דער קנעכט —, אָבער געפונען האָט אים דער קנעכט.

נאָך איידער איתמר מיט תרשי'ן זענען ארויפגעגאַנגען צו דער אויבער־שטער שטאָט, האָט ברכיהו געברענגט די בשורה, אז עובדיהו האָט געטראָפן דעם תשבי אין מיטן וועג. דערנאָך האָט מען אין הויף פון די בעל־כהנים דער־ציילט, אז אחאָב'ס שררה איז געפאַלן אויף זיין פּנים, און דער מאַן פון גלעד האָט צו אים געזאָגט: גיי און זאָג דיין האַר, אז אליהו איז דאָ. האָט עובדיהו זיך צעוויינט: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, אז דו ווילסט איבערגעבן דיין קנעכט אין אחאָב'ס האַנט, ער זאָל מיך טויטן? אזוי ווי עס לעבט יהוה, דער גאָט, אויב עס איז דאָ א פאָלק אָדער א קעניגרייך, וואוהין מיין האַר האָט נישט געשיקט אהין דיך זוכן! און איצט זאָגסטו: גיי זאָג דיין האַר, אז אליהו איז דאָ? ווי נאָר איך וועל אוועק פון דיר, וועט דער גייסט פון גאָט דיך פאַרטראָגן פון דאַנען, און אז אחאָב וועט קומען און דיך נישט געפינען, וועט ער מיך הרגענען. פאַרוואָס זאָלסטו לאָזן טויטן דיין קנעכט, וואָס איז פאַרכטיק צו גאָט? איז דען דיר נישט דערציילט געוואָרן וואָס איך האָב געטון, ווען איזבל האָט אויסגעהרגעט די נביאים פון יהוה; ווי אזוי איך האָב באַהאַלטן הונדערט מאַן פון די נביאים אין די היילן, און איך האָב זיי געשפּייזט מיט ברויט און וואַסער. און אצינד הייסטו מיך גיין צו אחאָב'ן, ער זאָל מיך הרגענען? אָבער

דער געטלעכער מאַן האָט באַרואיקט דעם דערשראָקענעם שרה און געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט פון צבאות, וואָס איך שטיי פאַר אים, אַז היינט וועל איך זיך ווייזן פאַר דעם קעניג!

אין הויף פון די בעל־כהנים האָט מען אויך געוואוסט, אַז אַחאָב איז שפּע־טער אַנטקעגנגעגאַנגען אליהו'ן, און ווי ער האָט דערזען דעם געטלעכן מאַן האָט ער אויסגערופן: ביזטו דאָס, פאַראומגליקער פון ישראל? האָט דער תשבי געזאָגט: נישט איך האָב פאַראומגליקט ישראל, נאָר דו און דיין פאָטערס הויז, ווייל איר האָט פאַרלאָזן די געבאָטן פון יהוה, און דו און דיין פאָטער זייט געגאַנגען נאָך די בעל־געטער. אצינד שיק און זאַמל־איין צו מיר גאַנץ ישראל אויף דעם באַרג כרמל, און עס זאָלן אויך קומען די פיר הונדערט און פופציק נביאים פון בעל און די פיר הונדערט נביאים פון דער אשרה, וואָס עסן ביים טיש פון איזבל'ן, וואָרים איך גיי אָפּשטעלן דעם הונגער אין לאַנד. און אַחאָב האָט אַרויסגעשיקט זיינע רייטער צווישן די שבטים פון ישראל און באַפוילן זיינע נביאים און כהנים, זיי זאָלן זיך איינזאַמלען אויפן באַרג כרמל און זען ווי דער תשבי וועט רופן צו גאָט פון די חיילות, ער זאָל אַראָפּשיקן רעגן אויף דער ערד.

איתמר האָט שוין געהאַט הינטער זיך די בריק, וואָס טיילט־אָפּ די אויבער־שטע שטאָט פון די אונטערשטע גאַסן. אַ ברייטער, אויסגעפּלאַסטערטער פּלאַץ האָט אים אָפּגעשיידט פון דעם טעמפּל קיר־חרס. די טונקעלע בלויע נאַכט איז געהאַנגען איבער די טורעמס און דעכער, און אין שומרון האָבן געברענט די ליכטער פון לוסט. העכער פון אַלע בנינים האָט אצינד זיך אַרויסגעהויבן דער קליינער טעמפּל, דאָס הויז פון די פרייַלעכע כהנים און אויסגעלאַסענע קדשות. וועכטער מיט שווערדן און בויגנציער האָבן אַרומגערינגלט די געביידע פון מירמלשטיין מיט די אַרויפגעשטאָכענע פאַקלען אויף די מויערן. איתמר האָט זיך אומגעקוקט. תרשי איז געווען הינטער אים, אָבער אין זיינע אויגן איז שוין געווען אויסגעלאָשן דער צאָרן. ביידע האָבן געקוקט אויף די ווענט, וואָס האָבן פאַרשעמט דעם שטאָלץ פון ישראל. דער שלאַכטמאַן איז געווען גרייט אויסצוזאָגן פאַר תרשי'ן דעם סוד, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין האַרץ.

— צוויי פאַרלאַנגען פירן אונדז היינט צו דער שוועל פון געצנהויז, — האָט ער געזאָגט.— ביי דיר איז דאָס די לוסט נאָך נקמה פאַר דעם בלוט פון דיין ברודער, און מיין באַגער איז פריער צו שטאַרקן די חיילות פון ישראל, איידער אַרם וועט אָנפאַלן אויף שומרון. צוליבן חייל פון ישראל האָב איך צוויי יאָר נישט אויפגעהויבן די שווערד אויף דעם קעניגס הויז. ווי עס לעבט גאָט, אַז פאַר שומרון האָב איך דאָס געטון! היינט גייען מיר אויסרויבן איזבל'ס גאָלד. פאַר דעם גאָלד פון דער מלכה וועל איך קריגן שווערדן און

קיווערס, בויגנס און פאנצערס. דער שליסל פון דער קאמער פון גאלד איז אין דער האנט פון דעם כהן חטיפא.

תרשי, וואס האט א צעטומלטער אויסגעהערט איתמר'ן, האט געזאגט:

— חטיפא איז א שטרענגער מאן און א בייזער וועכטער. איין פרוי איז דא אין שומרון, וואס קאן ביי אים צונעמען דעם שליסל פון די גאלד־קאמערן. זי איז תורתונא.

איתמר האט געקוקט אויף אים מיט א שטרענגן בליק.

— חטיפא איז פעט און פויל, —האט ער געזאגט.— אבער ער קאן זיין שטארק ווי א לייב צו די, וואס קומען ביי אים צונעמען זיין מאכט. ער איז אויך א קנעכט צו זיינע גלוסטונגען, ווען ער וואלגערט זיך א באזויפענער צו־פוסנס דעם מזבח. ער פארלירט אבערן די גבורה פון א זכר, ווען ער ליגט אין די ארעמס פון א יונגפרוי.

— וועט תורתונא אויסשטרעקן צו אים אירע ארעמס? — האט תרשי געפרעגט.

— פארשעם נישט די פרוי פון אשור, תרשי! דו אליין וועסט זען, ווי נאך דער ערשטער שלאכט וועט זי ארויסקומען צו אונדזער חייל, אזוי ווי יעל, דאס ווייב פון חבר בן הקיני, און זי וועט האלטן דעם קאפ פון בן הדר'ן. און די וואס האבן גערעדט אויף איר בייז, וועלן שטיין אויף די קני פאר איר.

תרשי איז געווען פארוואונדערט וואס איתמר שוינט דעם נאמען פון דער פרוי, וואס גייט־נאך ווי א שטן איזבל'ן. אבער ער האט אצינד נישט געוואלט רעדן צום שלאכטמאן רייד, וואס וועלן אים דערצערנען, און געזאגט:

— אן חטיפא'ן וועט דער אוצר בלייבן פארשלאסן. עס וועט נישט גענוג זיין דורכצוגיין דאס ערשטע טויער מיט די וועכטער. די קאמערן פון גאלד זענען ארומגערינגלט מיט דריי ווענט, און ארום יעדער וואנט שטייען ווידער וועכטער מיט שפיזן. אויף די טירן הענגען שלעסער.

— פאר אונדז וועלן די וועכטער זיך אונטערגעבן און די שלעסער וועלן פאלן.

— דערצייל פאר מיר אלץ, איתמר, איידער מיר גייען עפענען די טירן פון דער קאמער.

— די טיפסטע קאמער איז באוואכט פון דעם גרייז־גרויען נציח, וואס האט זיך נאך געשלאגן אין דער מלחמה מיט מואב. דער זקן איז געווען א פלינקער שפיזנווארפער, אבער היינט איז ער מיד און ער רעדט גוט פון די טעג אונטער עמרי. נאכן זונאויפגאנג איז ער נאך פארזונקען אין דעם ערשטן שלאף. מיר וועלן אים נישט דארפן טויטן; עס וועט גענוג זיין צו פארשטאפן זיין מויל. אונטער די קלעפ פון אונדזערע האמערס וועלן וועגט פאלן; טירן וועלן זיך

ברעכן און אין דרויסן וועלן וואַרטן קעמלען און פערד אוועקצופירן די פּוילע זעק צום הויז פון די ווידערשפּעניקע.. מיט דעם גאָלד אין אונדזערע הענט וועלן מיר זיין האַרן, און אַחאַב׳ס הויז וועט האָרכן אונדזערע באַפעלן. ביזטו נאָך אַלץ דערשראָקן, תרשי?

תרשי האָט אַזוי לאַנג געקוקט אַ צערודערטער אויף דעם שלאַכטמאַן, ביז זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי קוילן. זיין קליינע שוואַרצע באָרד איז געוואָרן שפּיציקער; זיינע ציין האָבן געלאַכט און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איתמר׳ן.

— איך בין הינטער דיר, איתמר. ווען גייען מיר אויסרויבן די קאַמערן?

— מאָרגן, איידער די זון וועט אויפגיין.

— ווען דאָס פאָלק וועט זיך איינזאַמלען אויפן באַרג?

— יאָ. דער באַרג וועט זיין באַדעקט מיט די שבטים פון ישראל. די רעכטספּאַרטיקע הינטער דעם תשבי, און דער געטלעכער מאַן קעגן איזבל׳ס כהנים. די באַוואוינער וועלן אַרויסגיין אין די גאַסן, און דאָס געפּילדער וועט אַזוי פאַרטויבן די שטאָט, אַז קיינער וועט נישט הערן ווי מיר ברעכן די ערשטע ווענט. און אַצינד תרשי, ווילסטו נאָך אַלץ פריער די נקמה פאַר דיין ברודערס בלוט?

— איך בין הינטער דיר, איתמר.

ביי איתמר׳ן האָבן די אויגן געשטראַלט, ווען ער האָט געקוקט אויף זיין געטרייען באַגלייטער. די קינבאַקן זענען געווען האַרט ווי אַ פעלז; די שפּיצן פון דער קורצער קופּערנער באָרד האָבן אַ ציטער געטון פון פרייד. אָבער ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין דער פרוי פון אַשור, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין איזבל׳ס גאָרטן ווי אַ געפאַנגענעם, און אַרויספירן וועט זי אים מאָרגן פון פּאַלאַץ ווי אַ האַר מיט דעם גאָלד פון די קאַמערן. זיינע אייגענע מחשבות האָבן זיך געוויגט צווישן זיכערקייט און אומצוטרוי. צופוסנס די בימות האָט ער אַצינד געטראַכט פון תורתונא׳ן מיט פּחד, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז די מפּלה, אַזוי ווי דער נצחון, ליגט אויף דעם שוועל פון דעם דאָזיקן געצנהויז.

ח

א רעש האָט זיך געטראָגן פון דעם הויף אין טעמפּל ווען איתמר מיט תרשי׳ן זענען דורכגעגאַנגען דעם קופּערנעם טויער. פּאַקלען האָבן געלויכטן אויף די מויערן. אינעווייניק האָבן פּעטע כהנים אין ווייסע קליידער מיט גילדענע בויכבענדער געטראָגן טרומייטן און גיטאַרעס צו די בימות. קנעכט מיט גרויסע נאַזירינגען האָבן געשלעפּט געהילץ אויף זייערע נאַקנס. יונגע קדשות אַנטבלויזטע ביז צו די היפּטן, האָבן מיט קרוגן געשפּאַנט צו די גראַניט־זײַלן, וואָס האָבן געפירט צום גרויסן מזבח. אַלע האָבן זיך געאײַלט צוצוקומען צום פּייערדיקן מויל פון בעל, איידער מען וואַרפט דאָרט אַריין דעם ערשטן אָוונט־אָפּפער.

איתמר האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א וואַסער־לויף, וואָס איז געווען אָרומגעבויט מיט טרעפּ פון רויטן מירמלשטיין, און אַריבערגעקוקט צו א געצעלט, פאַרשטעלט מיט פּאָרהאַנגען פון ציגנהאָר און בלויען וואָל. צוויי קנעכט האָבן מיט קופּערנע האָקנס באַהאַפּטן די פּאָרהאַנגען און צוגעשטעלט א צודעק פון רויט־באַפאַרבטן ווידערפעל, און אויסגעלייגט א ווייכן טעפּיך פאַר די טריט פון עלטסטן כהן. איבער דער טריקעניש אין לאַנד, האָט פון די רערן נישט געשפּריצט דאָס לויטערע וואַסער. אָבער פונעם געצעלט אַרויס האָט זיך געטראָגן דער דופט פון ווײַנרויך. אין איתמר׳ס מוח זענען אויפגעגאַנגען די רייד פון די רעכטפאַרטיקע, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט די וואָרענונג פון דעם געטלעכן מאַן: „צוליב די דאָזיקע בימות האָט איר די נזירים אָנגעטרונקען מיט ווײַן און די נביאים האָט איר געהייסן עסן דאָס פּעטע פלייש פון רינדער. דעריבער וועל איך אײַך צודריקן צו אײַערע ערטער אַזוי ווי א וואָגן פול מיט היי דריקט די ערד. און איך וועל קלאַפּן אויף די שפּיצן פון די זײַלן, אַז די אומרייַנע שוועלן זאָלן צעמעטערט ווערן!״

אַז איינציקער האָרן האָט געבלאָזן און דערנאָך האָט א שאַלונג זיך געטראָגן פון די פיר טויערן אין הויף, וואָס זענען געווען נידעריקער פון דעם וואַך־טורעם און העכער פון די זײַלן. די שאַלונג איז געווען דער אָנזאָג, אַז דאָס דינסט צו די געצן הייבט זיך אָן. הינטער די דאָזיקע זײַלן האָט יעדן טאָג

געוואָרט אויף אים תורתונא. ביים זונאונטערגאַנג, ווען זי האָט זיך געריכט אַז ער גייט אַרויס פון פּאַלאַץ איבערצוציילן דעם קעניגס וועכטער, האָט זי זיך באַהאַלטן אין דעם נידעריקןביידל פון ציפּרעסן, אַז איזבל'ס קנעכט זאָל איר נישט זען. מיט צוויי יאָר פריער האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים אירע אָרעמס, אָבער דער קריגסמאַן האָט אָפּגעשטויסן אירע הענט, וואָס האָבן אים געשלעפּט צום אָפּגרונט. היינט, זענען אירע הענט קייטן פון ליבע, וואָס האַלטן אים געפאַנגען, און ווי אַ געפאַנגענער גייט ער צו דער דאַזיקער פרוי אין דער שעה פון זיין אָנמעכטיקייט.

תורתונא איז צום ערשטן מאָל געקומען צו אים, ווען די ערד אַרום פּאַלאַץ האָט אַרויסגעגעבן פּרוכטן און די גערטנער זענען געווען פאַרפּלאַנצט מיט וויינשטאָקן, און קעלטערס זענען דאָרט געווען אויסגעהאַקט אין טורעמס אויסגעבויט איבער זיי. איזבל האָט אים אָפּגעגעבן אַ קאַמער אין פּאַלאַץ, ער זאָל זיין דער האַר איבער דעם קעניגס וועכטער, ווייל ער איז געווען אַ געטרייער פעלדהאַר אונטער עמרי'ן. און תורתונא איז געקומען צו אים אין זיידענע געוואַנטן מיט אָרעם־רייפן און קני־גלעקעלעך, אַזוי ווי עס קומט אַ טענצערין רייצן אַ נזיר, וואָס אַנטלויפט פון די פאַרגעניגנס אין לעבן. אָבער איתמר איז בייגעקומען אַלע תאווה'ס פון אַ זכר און געווען טויב צו אירע רייד. דאָס שטאַרקע האַרץ האָט געוויינט אויף דעם פאַרדאַרבענעם הויז פון ישראל, און די טאָכטער פון אשור איז אַוועק אַ פאַרשעמטע. צומאָרגנס איז זי ווידער געקומען און גערעדט צו אים גליענדיקע ווערטער. זי האָט פאַרנומען זיין צאָרן און זיינע זיפצן אויף דער געפאַר וואָס לויערט אויף שומרון, און נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דער שיינער שלאַכטמאַן קאָן זיין טרויעריק. אָנשטאָט צו צווינגען אים, ער זאָל בעטלען ביי איר ליבע, האָט זי אַליין, ווי אַ דינסט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

— פאַרוואָס טרויערסטו, שטאַרקער מאַן? — האָט זי געפרעגט. — די גליקלעכע אין שומרון פאַרגעסן די אומגליקן פון דער וועלט. לאָמיר נישט געדענקען די פיינטשאַפט, ווייל מיר ווייסן דעם סוד פון אַלע פריידן. לאָמיר אָפּנאַרן דאָס לעבן, איידער די עלטער וועט זיך נוקם זיין אין אונדז.

ער האָט זי אָפּגעשטויסן:

— דו ביזט נישט ווערט צו וואַשן די פיס פון די, וואָס זייערע הערצער זענען אָנגעלאָדן מיט גערעכטער פיינטשאַפט!

זי האָט זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צו דער ערד און צומאָרגנס האָט זי אַ טאָג מיט אַ נאַכט פאַרברענגט אין געוויין. אַ באַגער האָט אין איר געפּלאַקערט צו געווינען דאָס האַרץ פון דעם פאַרעקשנטן מאַן, וואָס איז גרויזאַם צו אירע טרערן און קאַלט צו דער שיינקייט פון איר לייב. זי האָט זיך אומגעקערט צו אירע פריערדיקע פאַרגעניגנס און פאַרברענגט מיט די, וואָס האָבן

געבראַכט קרבנות און גאָלד אין דעם הויז פון בעל. זי האָט געוואוסט, אַז איר שיינקייט וועט פאַרוועלקן אַזוי ווי די פלאַנצן אין איזבל׳ס טרוקענעם גאָרטן, און זיך געאײַלט צו געניסן פון וואָס מער ליבע. זי האָט געטאַנצט אין איזבל׳ס שפּילהויז און פאַר די מזבחות. די כהנים האָבן פאַרגליכן איר לייב צו די שיינע אָפּבילדער פון מירמלשטיין און פּאָרפיר, וואָס עס האָבן אויסגעהאַקט די געשיקטע הענט פון די מייסטערס אין צידון. אויפן דריטן חודש האָט זי אַנט־פּלעקט, אַז זי ליבט מיט דעם פייער פון איר נשמה דעם שלאַכטמאַן, וואָס איז אַנדערש פון אַלע לוסטיונגען אין פּאַלאַץ.

פון איר קנעכט סוטי, וואָס האָט געזאַמלט גאָלדענע שקלים, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איתמר פירט אַ פאַרשטעלט לעבן. פאַר איזבל׳ן איז ער אַ גע־טרייער שר איבער דעם קעניגס וועכטער, אָבער אין דער אונטערשטער שטאָט גרייט ער זיך, צוזאַמען מיט די ווידערשפּעניקע, צום טאָג ווען ער וועט איבער־נעמען דאָס העכסטע הויז, איידער עס וועט פאַלן פאַר אַרם. תורתונא איז נישט געגאַנגען וואָרענען די מלכה, וואָרים זי האָט געזאָגט: פאַר דעם פּרייז פון מיין געטריישאַפט וועל איך געווינען זיין האַרץ. זי האָט איתמר׳ן מער נישט צוגעזאָגט איר געלעגער, נאָר דאָס גאָלד פון איזבל׳ס קאַמערן פאַר די שווערדן פון זיינע געטרייע זעלנער. און דער שלאַכטמאַן האָט געטראַכט: איך וועל אָננעמען די געטריישאַפט פון דער לוסטיקער פרוי, וואָס פאַרמאָגט דעם כוח פון אַ הערשערין און די געפאַלנקייט פון אַ שקלאַפין.

ער האָט זי געטראָפן יעדן טאָג ביים זונפאַרגאַנג אין איזבל׳ס גאָרטן. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע ווייכע רייד זענען פאַלשע, אָבער ער איז געווען באַ־גייסטערט פון זיין שליחות און פון אירע צוזאָגן צו פאַרפירן די קעניגין. תורתונא האָט געבעטלט ביי דעם שטאַרקן מאַן ליבע, דעמאָלט ווען יעדער לוסטיונג איז גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין רעכטע האַנט פאַר איר באַריר. אַ פּאָר מאָל איז זי געלאָפן זוכן באַשווערונגען און צויבער־וואַסערלעך ביי די מכשפים פון עקרון, אָבער ווען זי איז צוריקגעקומען צו אים, האָט זי ווידער געערדט אונטערטעניקע רייד.

— זינט דו ביסט אָנגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט קיין מאַן נישט גענענט צו מיר, איתמר. די קעניגין האָט מיך געשיקט דיך פאַנגען, אָבער איך אַליין בין געוואָרן דיין שקלאַפין. ווי אַ דינסט ליג איז אויף די קני און פרעג: וואָס האָסטו געטון צו מיר, שלאַכטמאַן? בין איך דען פון די פרויען, וואָס זייער לעבן איז פאַרשאָלטן? פאַרוואָס רופט מען דיך „דער לייבן־עק פון יהודה״, ווען דו קאָנסט ווערן דער קאָפּ פון דעם קאַלב אין אפרים?

איתמר האָט זיך אָפּגעקערט פון אירע פלאַמענדיקע ליפּן. די ערשטע שוואַכקייט איז אים באַפאַלן. ער האָט דערזען איר שיינקייט און זיך געשראָקן,

אַז די דאָזיקע פרוי זאָל אים נישט אומברענגען. דער נאָך האָט ער שטרענג געזאָגט:

— היט זיך מיך ליב צו האָבן! דער האַר איבער די חיילות וואַכט איבער אונדז.

— דער האַר איבער די חיילות, ווער הייסט אים נאָכשפּירן אַלץ וואָס ווערט געטון צווישן די זיילן פון פּאַלאַץ? —האָט זי געפרעגט.— אויב מיר לעסטערן אים, איז עס דערפאַר וואָס ער האָט אונדז געמאַכט פאַר לעסטערער, ווייל ער האָט אונדז באַשאַפן אַזוי, אַז מיר פאָלגן אונדזערע פאַרלאַנגען אין מיר טוען דאָס וואָס די לוסט הייסט אונדז. איך ליב דיך, איתמר, איך ליב דיך שטאַרקער פון מיין לעבן. צוליב דיר האָב איך אָפּגענאַרט די קעניגין און איר געצעלט מיט בייז פאַר באַרעמהאַרציקייט. צוליב דיר האָב איך פאַרטריבן מענער, וואָס וואַרפן גאָלד צו מיינע פיס. איך ליב דיך מיט דעם פייער פון מיין נשמה און איך ווייס אויך, אַז דו ביזט הונגעריק נאָך מיינע ליפּן, אָבער דיין מויל זאָגט נישט אויס נאָך וואָס דיין האַרץ גלוסט. פאַרוואָס פייניקסטו זיך, שטאַרקער מאַן! איך ווייס אַז עס וועט קומען דער טאָג ווען דו וועסט זיך דערנענטערן צו מיר, אָבער נישט אַזוי ווי עס קומען די מענער מיט די באַגערן פון אויפגעגערעגטע בופלאָקסן. איך וויל פון דיר מער ווי די לוסט פון א קורצער נאַכט; איך וויל פון דיר אייביקע שיכרות און דעם זיסן פיין פון זיין געפאַנגען אין דיינע אָרעמס. פון היינט־אָן וועל איך נישט אָפּטרעטן פון דיר ווי א געהאָרכזאַמע דינסט.

איתמר האָט איר אוועקגעשיקט און באַפוילן, זי זאָל זיך נישט ווייזן פאַר אים דרייסיק טעג. אָבער אויפן זיבעטן טאָג, נאָכן זונאונטערגאַנג, איז ער אַליין, א פאַרשעמטער, געקומען צו איר אין קאַמער. זי האָט געעפנט פאַר אים די טיר און אָנגעצונדן אַלע אייללאָמפּן.

— איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט קומען, —האָט זי געזאָגט,— אָבער איך האָב נישט געגלויבט, אַז אַזוי פרי.

איתמר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיינע ציטערדיקע קני האָבן זיך געבויגן; די ליפּן זענען געבליבן שטום, ווי די צונג וואָלט צוגעטריקנט צום גומען. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען א דינער נעפל. ער האָט זי איינגעשלאָסן אין זיינע הענט און זי האָט דערפילט, ווי די קראַפט אין זיינע אָרעמס איז פלוצים אויסגערונען. אַלע באַהאַלטענע באַגערן האָבן אין אים אויפגעפלאַקערט. זי האָט איינגעביסן אירע ליפּן אין דער קופּערנער באָרד און געפליסטערט:

— אויך דו, שטאַרקער, ביזט געקומען צונעמען פאַר זיך די פאַרגעניגנס פון לעבן.

תורתונא איז געבליבן מיט אים און זיך דערוואוסט אלע סודות פון זיין הארץ. איתמר האָט געשיקט זיין שליח, ברכיהו'ן, קיין תירצה אָנזאָגן די געטרייע, אַז ער האָט געקראַגן אַ שקלאַפין, וואָס שפּירט־אויס פאַר אים אַלע פאַרהוילענע זאַכן אין פּאַלאַץ, און תקועי'ן האָט ער געהייסן זאַמלען הונדערט צענטער גאָלד ביי די רייכע הענדלער, וואָס פירן זייערע קעמלען קיין יהודה און מצרים און אין לאַנד פון די פּלישתים. תורתונא האָט געוואוסט, אַז פאַר ישראל נאַרט איתמר די מלכה, און אויס געטריישאַפט האָט זי געשוואוירן צו געווינען פאַר אים איזבל'ס בעסטע קנעכט. זי האָט פאַרטרויט צו חטיפאָ'ן, דעם אויפזעער איבערן גאָלד אין טעמפּל, אַז די מלוכה טרייסלט זיך, און ביי די נייע הערשער וועט ער ווערן דער נציב איבער דעם שטיק לאַנד הינטער מגידו, אָבער אין אויסטויש וויל זי פון אים גאָלד פון זיין קאַמער, צו קויפן וואָפנקליידער פאַר די מענער פון בונט. חטיפאָ האָט צוגעזאָגט צו עפענען די גאָלד־קאַמער, אָבער אין דער שטיל האָט ער געהייסן אוועקשטעלן מער וועכטער פאַר די קורפערנע טירן. דער צידוני איז געווען אַ בעל־תאווה, דורשטיק נאָך וויין און גלוסטיק צו פרויען, אָבער דער באַגער נאָך מאַכט איז געווען שטאַרקער פון אַלע לוסטן, און עס איז געווען פאַר אים נאָך צו־פרי צו גיין מיט די אויפשטענדלער. ער האָט פאַר זיך געגנבעט טייערע כלים און איידלשטיינער פון סאַפיר און טאַפּאַז, און זיי באַהאַלטן אין די קעלערן פון זיין חויף. ער האָט אָנגעזאַמלט אַן אוצר פאַר דעם טאָג, ווען ער וועט מוזן אַנטלויפן, אָדער פאַר דעם צאָרן פון די ווידערשפּעניקע, אָדער פאַר דער נקמה פון דער מלכה.

פון אַלע פאַרהאַסטע מענער אין פּאַלאַץ, איז חטיפאָ געווען ביי תורתונא'ן דער מיאוסטער. צו זיין פעטלייביקייט און לויזלייביקייט האָט זי געהאַט אַ ווידערווילן. זי האָט פיינט געהאַט זיין זיכערקייט, זיין מאַכט און זיין לוסט. איר באַגער צו באַזיגן דעם דאָזיקן פאַלשן היטער פון דער מלכה'ס אוצר, איז נישט געווען גענוג שטאַרק, אַז זי זאָל טיילן מיט אים איר געלעגער. דער פאַרדאַכט, אַז דער אומגעלומפּערטער מאַן וועט מעגן באַרירן איר לייב, האָט זי אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט געזוכט שוץ אין די אָרעמס פון איתמר'ן.

איתמר האָט געטרייסט די דערשראָקענע תורתונא, און זיין האַרץ האָט געזאָטן פון אויפרעגונג. אָבער דאָס איז נישט געווען די אויפרעגונג פון כעס, נאָר פון אַ פאַרלאַנג, וואָס טאָר מער נישט דערשטיקט ווערן. די קריגסלייט האָבן געמורמלט איבער די באַגעגענישן און נאָכגעזאָגט דאָס וואָס די הויפהאַרן האָבן נישט פאַרגעסן, אַז „תורתונא איז די ליבע פון אַחאָב'ס הינטערגאַס". און ברכיהו, וואָס איז אַליין אַמאָל אַנטלאָפן ביז צום מדבר פון תורתונא'ן, האָט מורא געהאַט, אַז דער שטאַרקער שלאַכטמאַן וועט אַוועקלייגן זיין שווערד פאַר

דעם בעט פון דער טענצערין. אָבער איתמר איז געוואָרן צארט צו דער פרוי, וואָס האָט אָנשטאָט ליבע געקראָגן פון אַלעמען פאראכטונג.

— פארוואָס ציטערן די הויפּלייט און צוליב וואָס שרעקן זיך מיינע געטרייע? —האָט איתמר געפרעגט.— זי, תורתונא, וועט עפענען אַחאָב׳ס הויז פאר מיינע חיילות און אוועקנעמען די שפּיזן ביים קעניגס וועכטער. זי וועט אויסוואקסן, ווי א שוואָם פון דער ערד, ווען איך וועל זי זוכן נאָכן מבול פון בלוט, און אזוי ווי א שוואָם וועט זי איינזאפּן אין זיך דאָס ליכט און דאָס פינצטערניש און די ריחות פון שלעכטס ארום.

און ווי שטארק דער הונגער האָט געפּייניקט דאָס פאָלק, אזוי גרויס איז געוואָרן דאָס חייל פון די ווידערשפּעניקע. זיי האָבן זיך געזאמלט אין תירצה, אין בית־אל, אין שכם און גערופן צו זיך די מענער פון בונט, וואָס האָבן געצויגן פון איבערן גאנצן לאַנד. דער אייפערדיקער תקועי האָט נישט גערוט ביז ער האָט אויפגעזוכט די רייכע הענדלער פון רינדער, תבואות און געוואַנטן, צווישן די, וואָס האָבן אין דער שטיל געעפנט זייערע בייטלען פאר דער שלאַכט פון די גערעכטע, איז אויך געווען אהליאָב. ער האָט אויסגעשטרעקט די האנט צו די ווידערשפּעניקע ערשט דעמאָלט, ווען איזבל׳ס שווערדנציער האָבן דערהרגעט זיין קנעכט שעריה. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי איזבל׳ס וועכטער האָבן זיך אומגעקערט פון א געיעג נאָך אנטלאָפענע נזירים. זיי זענען אָנגעריטן פון דן מיט טרומייטן, שיכורע פון נצחון, און זיי האָבן געשוואוירן, אז דעם ערשטן קעמלטרייבער וואָס וועט אַנטקעגנקומען, וועלן זיי טויטן און די סחורות פון זיין קאראוואַן וועלן זיי אויסרויבן. אויפן וועג זענען אָנגעקומען אהליאָב׳ס קעמלען מיט דעם טרייבער שעריה, און זיי האָבן געטון אזוי ווי עס איז געווען זייער שבועה. נאָכדעם ווי דער פרידלעכער אהליאָב האָט אַליין באערדיקט זיין געטרייען קנעכט, האָט ער אויסגעביטן די רייד פון לויב פאר אַחאָב׳ס הויז אויף ווערטער פון צאָרן. ער האָט אָבער גיך חרטה געהאט, ווייל דער מלך איז געווען זיין פריינט. זיין האנט האָט געטיילט זילבער, אָבער זיין צונג איז ווידער געוואָרן מילד.

— אָדער דו וועסט געווינען די שלאַכט, פרוי, —האָט ער געזאָגט צו איתמר׳ן,— אָדער דו וועסט אָנטאָן קייטן פון א געפאַנגענעם, שפּעטער. אָבער פאר דעם בלוט פון מיין קנעכט, בעט איך דיך, זאָלסטו חיינט נישט באפאַלן דאָס הויז אויפן בארג.

אהליאָב האָט יעדן ראש־חודש אויסגעטיילט זילבער און ווידערפעלן פאר איתמר׳ס מורדים, און געזאמלט שקלים ביי די אָרעמע הענדלער, וואָס האָבן געמוזט אָנקומען נאָך זיינע טובות. ער האָט געהאט א פארלאַנג צו באשטראָפן איזבל׳ס רויבעריונגען, אָבער ער האָט רחמנות געהאט אויף דעם הערשער פון

ישראל און אים איז דערווידער געוועז די נקמה פון בלוט. די מלוכה פון גע־רעכטיקייט, —האט ער געזאגט,— קאן קומען דעמאלט, ווען דאס העכסטע חויז פון ישראל וועט בלייבן גאנץ. און ער האט געגלויבט, אז די פלאג פון הונגער איז א גרעסערע שטראף פאר דעם מלך, איידער די פארקנעכטונג דורך א פרעמדן הערשער. די ווידערשפעניקע קריגער האבן מיט אייפער געהויבן די שווערדן, און איתמר האט פאר זיי גערעדט צו אהליאב׳ן:

— דער מענטש שרעקט זיך פאר דעם מבול פון אויבן און פאר דעם תהום אונטער אים. אבער דער מלך, וואס צוליב זיינע זינד האבן די פענצטער פון הימל זיך פארמאכט, — ער גייט ארום אן פחד, און קיין האר פון זיין קאפ טאר נישט פאלן. אצינד ווייסטו, אהליאב, פארוואס די שפיזן פון די געטרייע זענען דורשטיק נאך בלוט?

אהליאב האט געוואוסט. אבער, ווי אלע רייכע סוחרים אין זיין שטאט, האט ער געפרעדיקט א לעבן אן שטרייטן. ער האט געגלויבט, אז די פריילעכע באוואוינער אין שומרון זענען פארפירט ווי קינדער, און ווי קינדער הארף מען זיין מוחל זיין. דעריבער האט ער געקוקט מיט לויטערע אויגן אויף די, וואס בוקן זיך צו עשתורת, ווייל זיי מיינען, אז די אפגעטין בענטשט זיי מיט פרוכטבארקייט, און ער האט אויך פארטראגן יענע, וואס טאנצן פאר דעם בעל, ווייל זיי זאגן, אז ער ברענגט זיי לוסט אנשטאט יסורים און וויין אנשטאט טרערן. די לייכטזיניקע פארנעמען די טענער פון די פלייטן, בלויז די שטרענגע און פארכטיקע הערן דאס קול פון הימל.

פאר איתמר׳ן זענען אהליאב׳ס גלאסענע רייד אויסגערונען ווי רויך, אבער די פליסטערן פון תורתונא׳ן האבן אין אים געוועקט אלע פארבארגענע גבורות, ווי עס וועקט א געוויטער די דונערן אין די וואלקנס. זי האט זיך באַ־וויזן ווי א שטורעם און איז אוועק ווי א פלאטערנדיקער פויגל. איתמר האט פארווערט די קנאים צו ריידן בייז אויף איר, און מיט פארכטיקע רייד, ווי א נזיר, האט ער געדאנקט דעם אלמעכטיקן, וואס ער איז נישט געקומען צו־שפעט ארויסצורייסן די דאזיקע בלום פון דעם דערנער־טאל. ביים סוף פון צווייטן יאר, ווען די יסורים פון הונגער האבן געברענגט טויט אין יעדן הויז, האט איתמר געגלויבט, אז עס איז נאענט דער לעצטער טאג פון אחאב׳ס מלוכה, און ער האט גערעדט צו תורתונא׳ן וועגן דעם אומקום פון דער מלכה. און תורתונא, וואס איז געווען אונטערטעניק אין זיינע ארעמס, האט א צעשטראלטע ארויס־געזאגט איר באגער:

— ביים לעצטן מאלצייט אין קעניגס הויף, וועל איך רופן די קנעכט מיט די לאגלען וויין. עס וועט זיין סם אין יעדן בעכער און גיפט אין יעדן שמייכל ביי די הויפהארן. נאר איך און דו וועלן ארויספירן דאס פריילעכע פאלק אין די גאסן, ווען ברויט און האניק וועט ווידער זיין אין שומרון.

ט

דער טאָג איז געווען פאַרלאָשן. איתמר איז געשטאַנען ביים הויכן, באַ־לויכטענעם טויער פון געצנהויז און געטראַכט פון דער צייט, ווען ברויט און האָניק וועט ווידער זיין צו דער זעט אין שומרון. ער האָט אָפּגעוואַרט תורתונא'ן, אָבער דאָס הארץ איז נישט געווען פריי פון דעם פּחד פאַר דעם אָפּגעשוואַכטן חייל. דאָס הונגעריקע פאָלק שטאַרבט־אויס און די דערצאָרנטע הויפּלייט וואַרטן אויף זיינע באַפעלן. אויב די תפילות פון די נזירים און ערפורכטיקע זענען נישט אָנגענומען געוואָרן ביי גאָט, וועט אליהו, דער מאַן פון גלעד וואָס האָט פאַרשלאָסן די הימלען, אָנטראָגן די וואָלקנס. דער ערשטער רעגן פון ברכה וועט זיין דער אָנזאָג ארויסצופירן דאָס חייל אנטקעגן צוויי פיינט: צו די פעסטונגען פון אַרם, און צו די טורעמס פון קעניגס הויז. פאַלן וועט דער פּאַלאַץ פון אחאָב, בלייבן וועט דאָס הויז פון ישראל.

איתמר איז אוועק פון טויער אנטקעגנצוגיין דער פרוי, וואָס די נאָענטע האָבן וועגן איר געזאָגט, אז זי האָט אים נאָך נישט דערשלאָגן, אָבער זי האָט אים שוין באַזיגט. ער האָט געטראַכט, אז אין די טעג וואָס וועלן קומען, וועט זיין פרייד מיט איר זיין אזוי גרויס, ווי די פרייד מיט דעם נצחון איבער אחאָב'ס הויז. זי, וואָס צו אירע פיס ווילן שררות לייגן אוצרות, האָט היינט איין פאַר־לאַנג: צו באַדינען אים, איר האַר. אין פּאַלאַץ מעג זי שטיין צוקאָפּנס פון טראָן, אָבער זי וויל בעסער זיין א דינסט ביי אים צופוסנס. ער האָט נישט אָנ־געהאנגען אויף איר קיין פּערלשנורן און קיין גאָלדענע שטערנבענדער, אָבער נאָך דער ערשטער באַגעגעניש האָט זי איינגעוואָרפן די וואַנט, וואָס האָט זיי צעשיידט.

איתמר האָט מיט אמאָל דערשפּירט א באַריר אויף זיין אָרעם, און ער האָט זיך אויסגעדרייט. הינטער אים האָט תרשי אָנגעוויזן אויף א געוויקסיקן קנעכט, וואָס איז אָנגעקומען פון צווישן די ציפּרעסן־ביימער. ווען דער קנעכט האָט זיך דערנענטערט, האָט ער זיך געבוקט אזוי ווי יעדער אונטערטעניקער.

— די וועכטער ווארטן אויף דיר, איתמר, —האָט ער שטיל געמורמלט.
— די שליחים זענען איינגעזאַמלט אין הויז פון די ווידערשפעניקע.
— אחיעזר! —האָט איתמר א פאַרוואונדערטער אויסגערופן.— פאַרוואָס ביזטו געקומען אַצינד אהער?

ער האָט געקוקט אויף אחיעזר בן רעואל מיט פאַרוואורף. עס איז געווען אחיעזר זיין ברודער אין די שלאַכטן אונטער עמרי, דער זעלנער מיט דעם גע־שפּאָלטענעם שטערן און בריענדיקע אויגן, וואָס פלעגט נאָכלויפן זיין רייטוואָגן. צען יאָר זענען זיי געווען צעשיידט, ווי איתמר האָט אים ווידער געפונען אין פּנואל׳ס טרינקשטוב, נאָך זיין צוריקקומען אין שומרון. אחיעזר האָט גע־שוואוירן נאָכצוגיין זיין אַמאָליקן פעלדהאַר. ער האָט פאַרלאָזט זיין דינסט צווישן דעם קעניגס וועכטער און איז צוגעשטאַנען צו די ווידערשפּעניקע, און ער איז געגאַנגען אין אַלע געהיימע שליחות. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן ווען איתמר האָט אים אוועקגעשיקט, און האָט זיך באַוויזן ווען ער האָט אים גערופן. אָבער, פאַרוואָס איז ער היינט געקומען אָן א באַפעל? און צוליב וואָס האָט ער אָנגעטון די קליידער פון א הויף־קנעכט?

— פאַרוואָס ביזטו געקומען אהער, אחיעזר? — האָט איתמר ווידער גע־פרעגט, און זיין בליק איז געוואָרן שטרענגער.

— א געפאַר לויערט אויף די מענער אין דער אונטערשטער שטאָט.

— דו ביזט אַצינד אומבאַשיצט אין דעם הויף.

— א קורצע שווערד איז פאַרשטעקט אונטער מיין געוואַנט.

— ווי גרויס איז די געפאַר, וואָס האָט דיך געטריבן ביז אהער אין צייט פון שלאַכטאָפּפער?

אין יענער רגע זענען צוויי הויף־כהנים פאַרבייגעגאַנגען דאָס טויער. אויס באַוואָרעניש מען זאָל אים נישט פאַרדעכטיקן, האָט אחיעזר זיך אויסגעצויגן אין שטויב און געוואַרט ביז די כהנים זענען אוועק. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— די מלכה האָט אַרויסגעשיקט אירע רייטער צו פאַנגען די שליחים פון בית־אל.

— ווער האָט זיי אויסגעגעבן?

— די נידערטרעכטיקע זענען צווישן אונדז. די, וואָס לעסטערן אין דער שטיל די קרוין, האָבן אַלץ דערציילט אין פּאַלאַץ.

— מרגלים אין אונדזער מחנה?

— צוויי זענען זיי: רעואל און תמי, פון די, וואָס זאַמלען פאַר אונדז שפּיזן און פיילן פון דעם קעניגס לאַגער. זיי ווייסן נישט, אַז איך בין זיי נאָכ־געגאַנגען ביז זייער קאַמער, פאַרשטעלט ווי א הויף־קנעכט. געפאַנגען זענען זיי אַצינד און וואַרטן אויף זייער שטראָף.

— און די מענער פון בית־אל, זענען זיי אנטרונען?
— זיי געפינען זיך אויסערן שטאָט.
— גיי צוריק, אחיעזר, און היט די מרגלים ביז האלבער נאכט. ביים גאָט פון די חיילות! מיט מיין שווערד וועל איך זיי זייערע קעפּ אראָפּשניידן, און זאָלן די שרעקעוודיקע נישט מיינען, אז די פלינקע מיט די גיפטיקע ציינגער אנטלויפן פון שטראָף.

אחיעזר האָט זיך שוין געהאט געשטעלט אויף די פיס, ווי פון הינטער די ציפּרעסן האָט זיך ארויסגעהייבן די וואוקסיקע געשטאַלט פון א ברייטן מאן, איינגעהילט אין א מאנטל פון בלויען וואָל. דאָס איז געווען אהליאב בן נתנאל. ער האָט זיך דערנענטערט מיט זיכערע טריט. פון זיין געקרייזלטער באָרד האָט געבלאָזן דער דופט פון פרישע זאלבן און ארום זיין בויכבאנד איז געהאנגען א גארטל מיט שקלים, לויטן שטייגער פון די רייכע קאראוואנען־סוחרים. די זאַטע ליפּן האָבן געלאכט ווען ער האָט דערזען דעם שלאכטמאן.

— אין פרידן, איתמר? — האָט ער געפרעגט.

איתמר, וואָס האָט זיך נישט געריכט צו טרעפן דעם פרידלעכן הענדלער ביי דער שוועל פון גענצנהויז, האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט.

— קומסט תמיד אין פרידן, אהליאב, אין צייטן פון גוטס און אין צייטן פון שלעכטס.

— נישטאָ קיין גוטס און שלעכטס אונטער דער זון. אלץ איז לייטזעליק אין די אויגן פון דעם, וואָס וואכט איבער הימל און ערד, ווייל אזוי האָט ער באַשאפן דעם מאן, מיט לוסט און מיט פחד. ווי גוט איז צו טרעפן א קריגסמאן אין הויף פון טעמפּל, ווען ער קוקט רואיק אויף דעם רויך פון דעם אוונט־אָפּפער.

און ער האָט זיך צעלאכט מיט א געלעכטער פון א מעכטיקן, וואָס איז אָפּגעהיט פון אלע אומגליקן. ער האָט אריינגעקוקט אין איתמר׳ס אויגן, וואָס זענען אצינד געווען ריין פון צאָרן, און געזאָגט:

— זאָלן די טעג פון רו זיך ציען וואָס לענגער. מלחמות קומען קיינמאָל נישט צו־שפּעט. דאָס געפעכט פון שווערדן ווערט תמיד דערטרונקען אין בלוט און דאָס אומגליק איז נישט ווייטער פון דעם נצחון.

— דו ביזט היינט אויף דער זייט פון די אייפערדיקע, אהליאב, און דיינע פרידלעכע רייד זענען צו־שפּעט געקומען, —האָט איתמר געערדט,— מאָרגן איז א טאָג פון משפט אויפן בארג כרמל. דער שטרייט צווישן דעם מאן פון גלעד און די כהנים פון דעם דאָזיקן טעמפּל וועט אויסגעפאָכטן ווערן פאר די אויגן פון גאנצן פאָלק. אָבער, צי ביזטו מיר געקומען אָנזאָגן, אהליאב, אז דו וועסט היינט ביינאכט קומען אהין, וואו עס זאמלען זיך די ווידערשפּעניקע? און ווען וועלן דיינע קנעכט ברענגען די זעק מיט זילבער פון דיר און דיינע פריינט?

— קומען אהין וועל איך נישט, אָבער די זעק מיט זילבער אויף די קעמלען וועלן זיין מער ווי די צאָל קנעכט, וואָס וועלן זיי קאָנען טראָגן, — האָט אהליאָב געזאָגט. — דעריבער האָב איך דיך אצינד אויפגעזוכט אין דעם הויף, וואו דער פוים פון א פאַרכטיקן טאָר נישט באטרעטן. זאָלסט נישט אָפּוואַרטן מיינע מיינע שליחים ביים טויער פון די שופרות, ווייל די פאַקלען באלויכטן די אויב־בערשטע שטאָט. שיק דיינע וועכטער צו די זיבן זיילן הינטער דער מערב־וואַנט, וואו יעדער קנעכט איז אונטערגעקויפט, ער זאָל זיין בלינד און טויב. מאָרגן וועל איך ארויפגיין אויפן בארג און זען די שלאַכט צווישן דעם נביא און דעם מלך. אָבער ווי געפעלט דיר דער אומערלעכער אהליאָב? האָסטו גע־הערט פון א פריינט פון דער מלוכה, וואָס העלפט די פיינט פון קעניגס הויז?

און אהליאָב האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל, גרייט אוועקצוגיין מיט דעם וועג פון די ציפּרעסן, ווי ער האָט דערזען ארויסקומען פון הינטער א בוים תרשי׳ן און נאָך אים דעם געבויגענעם אחיעזר מיט דער קורצער שווערד אין האַנט.

— ער טראָגט א שווערד! — האָט אהליאָב א דערשראָקענער ארויסגערופן.

— א קנעכט מיט א וואָפן אונטער די לענדן.

— דערקענסטו נישט אחיעזר, מיין געטרייען? — האָט איתמר געלאַכט.

— ער איז געקומען ווי א שליח אין די קליידער פון א הויף־קנעכט.

דער רייכער הענדלער האָט פאָרזיכטיק באטאַפּט די קורצע שווערד.

— נישט קיין שפּילצייג אָפּצונאַרן די וועכטער, טראָגט ער. עס איז א שאַרפע שפּיז, וואָס קאָן דורכלעכערן א מענטשלעך האַרץ.

— דאָס הענטל איז פון אייכנהאָלץ, אָבער דער קופּערנער שפּיץ איז דור־שטיק נאָך בלוט! — האָט אחיעזר מיט שטאָלץ געזאָגט.

— דיינע געטרייע זענען דורשטיק נאָך בלוט, — האָט אהליאָב א מורמל געטון און א דינער וואָלקן טרויער האָט פאַרצויגן זיין פּנים.

ביי אחיעזר׳ן האָבן די אויגן געגליט. ער האָט א צעפלאַמטער געקוקט אויף איתמר׳ן, זיין האר, און אויסגערופן:

— בלוט רייניקט דאָס פאָלק און מאַכט אים שטאַרק. פון בלוט גייט־אויף דער גוטער ריח אויף דעם מזבח נאָך די שלאַכטאָפּפערס. ווי לאַנג מלחמות וועלן נישט פאַרהיטן ווערן אין ישראל, וועט בלוט זיך גיסן אין שומרון.

אהליאָב איז אָפּגעגאַנגען, און זיין האַרץ האָט אויף איין רגע באדויערט דעם מאַן, וואָס זוכט זיין פרייד אין אומגליק. מענטשן זענען פאַרשידן, אָבער זיי ווערן רעגירט פון איין־און־דעם־זעלבן העכערן כוח. דער פרידלעכער באַ־וואוינער און דער קריגסמאַן ווערן געטריבן פון די זעלבע פאַרלאַנגען, וואָס באַ־וועגן זייערע טואונגען אויפן וועג צו זייער גליק; און עס וואָלט געווען אומגע־

רעכט צו טראַכטן היינט, אַז די וואונטשן פון איתמר'ן און זיינע באַגלייטער זענען אומזיניק.

און ווי דער רייכער וואָל־הענדלער האָט זיך געלאָזט צו זיין הויז, וואו די קנעכט האָבן פאַר אים געגרייט אַ דופּטיקע באָד און אַ פעטע מאָלצייט, האָט איתמר אוועקגעשיקט אחיעזר'ן און געהייסן תרשי'ן וואַרטן ביים קופּערנעם טויער. ער אַליין איז געגאַנגען צווישן זיילן אַנטקעגן אַ ברוינער וואַנט. די קנעכט מיט דעם געהילץ פאַר די בראַנדאָפּפערס זענען פאַרשוואונדן פון הויף און די יונגע קדשות האָט מען מער נישט געזען. ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר מיט אַ קופּערנעם גלאָק, איז אויף די טרעפּ אַרויסגעקומען תורתונא.

זי איז געווען איינגעהילט ביז איבערן קאָפּ אין אַ טונקעלן געוואַנט, וואָס האָט צוגעדעקט אירע קרויזן פון פּערלמוטער, אירע האַלדזשנורן און גאָלדענע אָרעמבענדער. די טענצערין פון איזבל'ס הויף איז געווען גרייט צו פאַרווײַלן די געצן און זייערע כהנים, אָבער אירע ברוינע גליענדיקע אויגן זענען געווען טרויעריק. נישט ווי אַ שטורעמווינט האָט זי זיך היינט באַוויזן אויף דער שוועל. זי איז געשטאַנען פאַר איתמר'ן ווי אַן אונטערטעניקע דינסט. די גע־האַרכזאַמקייט פון די פאַרגאַנגענע טעג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטומען צאָרן, אַזוי ווי ביי אַ באַליידיקטע שקלאַפין וואָס קאָן מער נישט איבערטראָגן איר בושה. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך זיין ליבשאַפט אָן ווערטער. זי האָט געקוקט אויף די בליציקע אויגן און קופּערנער באָרד פון דעם מאַן, ביי וועמען דאָס הארץ איז תמיד וואַרעמער פון דער צונג, און ווי זיין שווייגן וואָלט פאַר־באָרגן פון איר דעם לעצטן סוד, האָט זי זיך געבעטן:

— פיר מיך אַרויס פון דאַנען, איתמר, אַז איך זאָל זיך מער נישט אומקערן.

— צור־פּרי, תורתונא. דו ביזט נאָך אַ געפאַנגענע אין דעם געצנהויז, — האָט ער געזאָגט.

— האָסטו דען נישט געזאָגט, אַז עס קומט אַ סוף צו די טעג פון אומגליק און איך וועל זיין מיט דיר אין דער שעה פון נצחון?

איתמר'ס קול איז געוואָרן שטאַרקער:

— מאָרגן וועט דאָס פאָלק זיך איינזאַמלען אויפן באַרג כרמל, אַנטקעגן די דינער פון דעם טעמפּל. עס וועט זיין אַ שלאַכט פון די פאָרכטיקע קעגן די פאַרדאָרבענע. אַז די שופרות וועלן בלאָזן, וועלן די קנעכט אויף אַ טראָגשטול דיך אַריינפירן אין פּאַלאַץ, נישט ווי איזבל'ס דינסט, נאָר ווי איר האַרין. אָבער היינט, תורתונא, מוזטו זיין נידעריקער פון אַ שקלאַפין ווען דו וועסט טאַנצן פאַר דעם כהן חטיפאָ.

— דיינע רייד וואַרעמען מיין האַרץ, איתמר. אָבער די פאַרשעמונג איז געוואָרן אַ לאַסט. חטיפאָ איז מיאוס און פאַרדאָרבן ווען ער טראָגט־צו דעם

בעכער צו די ליפּן. שיק מיך נישט צו אים, איך בעט דיך, אין דער לעצטער נאכט איידער עס קומט דער זיג פון די גערעכטע. לאָז נישט פארשעמען די, וואָס איז דיר געווען געטריי אין די טעג פון געפאר.

— די געפאר איז נאָך נישט פארביי, תורתונא. אז דו וועסט קריגן די שליסלען פון חטיפאָ׳ן, וועסטו אראָפּגיין אין דער גאָלד־קאמער און מיינע געטרייע וועלן דערנאָך קומען מיט זייערע זעק און קעמלען. איזבל האָט דיך געלערנט באטרוג צו די רעכטפארטיקע, אָבער פאר ישראל האָסטו אָנגעהויבן צו נארן די מלכה! דו וועסט היינט ווידער טאנצן פאר דעם צידוני, וואָס איז נישט פריי פון גראָבער לוסט. אויף צו קריגן די שליסלען פון דער גאָלד־קאמער וועסטו פאר אים שטיין אויף די קני.

— איך בין קיינמאָל נישט געשטאנען אויף די קני פאר די אויסגעלאסענע. איך האָב זיי געצאָלט מיט פאראכטונג, ווען זיי האָבן געלייגט פּערל פאר מיינע פיס.

— היינט, תורתונא, וועסטו דערשטיקן דיין שטאָלץ.

— די מענער אין פּאלאץ וועלן מיך זען אין מיין געפאלנקייט, איתמר. צי גייט דען נישט אוים דיין הארץ אויף מיין בושה? איך וועל וויינען אויף מיין פארשעמטקייט.

— דער גאָט פון חיילות וועט אָפּווישן דיינע טרערן, און פאר דיין בושה וועלן אלע גערעכטע באלוינט ווערן. אייל זיך, תורתונא, מיינע וועכטער ווארטן אויף דעם גאָלד.

תורתונא׳ס קול איז געווען אָנגעזאָפּט מיט געוויין:

— שיק מיך נישט צו חטיפאָ׳ן, איתמר מיין געטרייער! איך קאָן די שליסלען קריגן נאָך איידער עס וועט אויפפלאקערן דער בראנדאָפּפער. מיין דינסט אָזלאָ, וועט חטיפאָ׳ן איינשלעפערן אין זיין רו־קאמער און ער וועט פארשפּעטיקן צו קומען צום מזבח.

אָבער איתמר׳ס קול איז געוואָרן שטרענגער:

— זאָלסט נישט שיקן דיין דינסט, תורתונא! די מלכה האָט טויזנט פּאָר אויגן. אירע וועכטער זוכן ארום אין שטאָט די פארדעכטיקע פון בית־אל. אן אומגליק וועסטו ברענגען אויף מיינע פארשטעלטע מענער, וואָס ווארטן הינטער די טויערן, אויב חטיפאָ וועט פעלן אין דעם געצנהויז. איך באשווער דיך, תורתונא, פאר דעם העכסטן הויז אין ישראל, גיי אהין וואו איך שיק דיך!

תורתונא איז געשטאנען אן אָנמעכטיקע. איר הארץ האָט געשטורעמט. קעגנאיבער זיך האָט זי געזעןביידע מענער, דעם כהן פון צידון און דעם קריגס־מאן פון ישראל. ווי אנדערש זיי זענען! דער ערשטער איז א הונגעריקער לוסט־יונג, וואָס נעמט אלץ וואָס זיין תאווה פארלאנגט, און דער צווייטער איז א

שלאַכטמאַן פאַר די גערעכטע, וואָס האָט דערוואָרגן אין זיך אַלע גלוסטונגען,
אויך דעם באַגער נאָך איר. אָבער אין דער שעה פונעם פּרואוו, וועט דער שטאַר־
קער קריגסמאַן נאָכגעבן דעם שוואַכן, פעטן כהן, און ביידע וועלן מאַכן אַ בונד
און אָפּגעבן די פאַרשעמטע צו די לעסטערער. קיינער פון די מענער וועט גאָר־
נישט איינשטעלן; איינשטעלן וועט זי, תורתונא, די טאָכטער פון אשור. לייב
איז אַזוי ביליק, אַז מען קאָן אים קריגן פאַר אַ זילבערשטיק. זי מוז שטילן די
תאווה פון יעדן אומווירדיקן הענדלער. ווי אומפאַרשעמט עס האַנדלען מיט איר
די נידערטרעכטיקע און די גערעכטע!

תורתונא האָט זיך דערווייטערט פון איתמר'ן. זי האָט זיך געלאָזט צום
ערשטן טויער פון טעמפּל. דאָס טונקעלע געוואַנט האָט צוגעדעקט אירע אַקסלען,
אָבער פונעם קאָפּ מיט די געטורעמטע האָר האָבן אין דער פינצטער אַראָפּגעלויכטן
די פּערלקרויזן. אין גאַנג האָבן די קני־גלעקעלעך געקלונגען, אָבער אירע טריט
זענען געווען וואַקלדיקע. אויפן אָרט פון גלויבן איז געקומען אומצוטרוי,
אָנשטאָט געטריישאַפט — אומווילן. צי איז דען חטיפאָ גערעכט, ווען ער זאָגט,
אַז דער מענטש איז אַ שקלאַף פון זיינע באַגערן? גראָבקייט און איידלקייט,
צניעות און בושה האָבן בלויז די נזירים אויסגעטראַכט. די לוסט פון גוף איז
אַזוי הייליק ווי דאָס געבעט צום הימל. די פרייד אין שומרון איז העכער פון דעם
טרויער אין מדבר. איז זי דען נישט פון די פרויען, וואָס איר לייב האָבן די גע־
טער אויסגעפורעמט צו ברענגען לוסט פאַר די מענער? נישט נאָר די פירשטן
פון צידון זענען פאַרדאָרבן. דאָס פאָלק, וואָס רימט זיך, אַז פון זיינע לענדן זע־
נען מלכים אַרויסגעגאַנגען, האָט אויך צווישן די פעלדהאַרן זינדיקע און אַזוינע
וואָס רעדן־אָן צו זינד. פאַר דעם העכסטן הויז פון ישראל האָט איתמר אַצינד
זי באַשוואוירן צו גיין טאַנצן אין טעמפּל, און זי גייט אַ געהאָרכזאַמע. דיאוּנ־
טעניקע פרעגן נישט; זיי פאָלגן די האַרן.

ווען תורתונא איז אַריינגעקומען צווישן די זיילן, האָט דער רויך זיך געהויבן
ווי בלויע וואָלקנס איבער די קעפּ פון מענער און פרויען, וואָס זענען גערופן גע־
וואָרן צום דינסט. דאָס פייער האָט פאַרצערט די געשטאָפּטע בראַנדאָפּפערס. די
כהנים אין ווייסע ליינען מיט בלויע גאַרטלבענדער זענען געלעגן אויף די קני און
דער עלטסטער צווישן זיי, אין לויזע גאָלדענע קליידער, האָט געזונגען אַ געבעט
צו די כוחות וואָס שיצן די מאַכטהאָבער. תורתונא איז פאַרבייגעגאַנגען די
ווענט, וואָס זענען געווען באַמאָלן מיט אָפּבילדער פון קעלבער, ציגנבעק, ווערים
און טורטלטויבן. זיבעציק מענער אין רויטע סדינים זענען געשטאַנען פאַר די
געמעלן און גערויכערט ווייַרויך. אונטער די בראָנזענע איילאָמפּן ביי דער
צפון־וואַנט זענען געזעסן ווייבער און געוויינט אויף דער שטראָף פון עשתורת,
וואָס האָט פאַרשטאָפּט די וואַסער־קוואַלן און אויסגעטריקנט די מילך אין זייערע

בריסטן. הינטער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פערצן טרעפּ, אויסגעזעגט פון אייכנהאָלץ, און איבער זיי זענען געשטאַנען לויטערע ייִנגלעך אין העמדער פון בלויען וואָל און געשפּילט אויף פלייטן.

תורתונא איז שוין געווען ביים זיילשטיין, וואו עס האָט גערוט די קופּערנע געשטאַלט פון בעל־פעור, דעם אָפּגאָט פון אכזריות, וואָס האָט פאַרלאַנגט דאָס בלוט פון די שקלאַפן און דאָס פעטס פון די האַרן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אויבערשטע דורכזיכטיקע געוואַנט. דאָס גאָלד פון איר האַלדזשנור האָט געלויכטן אַנטקעגן דעם אויפגייענדיקן פלאַקער פון מזבח. אירע ברוינע אויגן האָבן געשטראַלט, ווען די ליפּן האָבן אָפּגעזאָגט די לויבווערטער צום גרויזאַמען גאָט, וואָס אים האָט זי היינט באַדינט צום לעצטן מאָל. זי האָט זיך דערנענטערט צום קלענערן זיילשטיין פון עשתורת, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם בעל מיט אַ בלויער וואַנט. און זי האָט באַזאַכט אַראָפּגעלאָזן דעם דינעם אַקסל־שלייער. זי האָט געקוקט אויף דער אָפּגעטין פון פרוכטבאַרקייט, וואָס האָט געהאַלטן אירע הענט אַרום די פולע בריסטן און זיך דערמאָנט אָן איר אייגענער אַנטבלויזטקייט. ביידע אָפּגעטער זענען היינט געווען אָנמעכטיק. דער שטרענגער בעל איז נישט געווען אימשטאַנד אָנצוצינדן בליצן און אַראָפּצושליידערן דונערן, און די צאַרטע עשתורת מיט די בלומען ווי קרוינען אַרום איר קאָפּ, האָט נישט געקאָנט עפענען די טראַכט פון דער פאַרדאַרטער ערד. תורתונא האָט זיך מער נישט געשראָקן פאַר די אָפּבילדער, וואָס האָבן אַלע טעג אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף איר. זי איז געווען פריי פון דער מורא, אַז זיי וועלן איר אָפּטון כישוף און פאַרוועלקן איר שיינקייט.

צוקומענדיק צום פּאָליש, וואו צען אַנטבלויזטע יונגפרויען האָבן געוואַשן די פיס פון די כהנים, האָט זי זיך אויסגעוויקלט פון דעם לעצטן געוואַנט, וואָס האָט נאָך צוגעדעקט אירע היפּטן. זי איז געבליבן שטיין אין דעם גאַרטלבאַנד אויסגעפלאָכטן פון פּורפּור און ווערמילרויט. זי איז אַרומגעגאַנגען צוויי מאָל דעם קרייז, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם עלטסטן כהן פון מזבח. דער געלאָסענער זקן האָט אויפגעהויבן די גרויסע קופּערנע שטאַנג צו שאַרן די קוילן און געגרייט דאָס מעסער פאַר די פרישע קעלבער. צוויי קדשות, איינע ביי זיין רעכטער האַנט און איינע ביי זיין לינקער האַנט, האָבן געהאַלטן צוויי גילדענע בעקנס, איינס פאַר דעם בלוט פון די געשאָכטענע און אַ צווייטס פאַר דעם ערשטן חלק געבראָטענעם שעפּסן־פלייש. הינטער דעם כהן האָט די אַנטבלויזטע תורתונא באַזאַכט זיך אָנגעהויבן דרייען אין דעם ראָד, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט פאַקלטרעגער. אירע קני־גלעקעלעך האָבן זיך געוויגט און די קייטעלעך אויף די סאַנדאַלן האָבן געקלונגען.

אַ שטאָלצע, ווי זי וואָלט פאַרגעסן אָן איר הוילקייט, האָט זי אויסגע־

שטרעקט איר אויסגעשניצטן רייפן לייב צו די הויכקייטן, וואָס חייבן זיך אַרי־בער די זיילן און ווענט. אירע אויערן האָבן פאַרנומען די דינגע פּליוטן־טענער, און יעדער גליד איז געווען גרייט צו פּלאַטערן פאַר דעם פייער פונעם מזבח. אין יענער רגע האָט זי דערזען אַרויסקומען פון הינטער אַ טיר־פאָרהאַנג אַ הייפל שפּיזנוואַרפער און שווערדן־שליידערער און נאָך זיי האָט זיך באַוויזן אַ קורצער קיילעכדיקער מאַן מיט אַ גרויסן געלן קאָפּ, אַזוי גלאַט ווי די הויט אויף זיינע באַקן. דער שטערן איז געווען פול מיט פאַקן־לעכער. אַנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ פּירשט אין אַ מאַנטל פון קאַלירטן וואָל. זיינע רויטע הויזן זענען געווען באַדעקט מיט געמעלן פון גאָלדענע שרצים און שלאַנגען. דאָס איז געווען דער כהן חטיפאַ, דער שאַצמייסטער איבער דעם גאָלד פון געצנהויז. ער איז געווען אויפגערעגט. נישט ווי זיין שטייגער, האָט ער געלאָזט די וועכ־טער שטיין הינטער זיך און מיט האַסטיקע שפּרייזן צוגעגאַנגען צום קרייז פאַר דעם מזבח, וואו קיינער האָט זיך נישט געטאָרט דערנענטערן, אויסער תורתונאַ׳ן.

— דו ביזט היינט אַריינגעקומען אין הויז פון די געטער, אייהער די כהנים האָבן פאַרזוכט פון דעם פלייש און וויין, —האָט ער געזאָגט.— פאַרוואָס? צו מיינע וועכטער וועל איך אויסרופן: זאָל לעבן די שוועסטער פון לוסט! אָבער צו דיר וועל איך זאָגן: פאַרוואָס האָסטו זיך געאיילט, תורתונאַ? ווייסטו נישט, אַז יעדער באַטרוג איז באַגלייט פון פאַרדאַכט? וואָס האָסטו אָפּגעטון? די קנעכט פון דער מלכה שטייען הינטער אַלע ווענט.

— דו שרעקסט זיך, חטיפאַ, ווען דיין האַרץ דאַרף זיין פרייליך, —האָט תורתונאַ געפּליסטערט,— און וואָס ציטערסטו נאָך פאַר דער מלכה? עס קומט אַ סוף צו די טעג פון איר הערשאַפט. די שליסלען פון דער גאָלד־קאַמער, חטיפאַ. איך וויל די שליסלען.

— פאַר גאָלד באַצאָלט מען מיט בלוט. מלכים שטעלן איין זייערע טראָ־נען פאַר גאָלד, — האָט חטיפאַ געזאָגט, און מיט די אָפענע נאָזלעכער אַריינ־געאָטעמט דעם פרישן דופט פון איר לייב, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דעם געוואַנט ווי אַ נוס פון דער שאָל.

— די שליסלען, דו האָסט צוגעזאָגט, חטיפאַ, — האָט תורתונאַ געזאָגט, און פאַרבייגעפּלאַטערט פאַר אים ווי דער ערשטער ווייַ פון אַ שטורעם.

— איך האָב צוגעזאָגט די שליסלען פאַר אַ פּרייז. איך וויל אַ חלק אין דער הערשאַפט פון די מורדים, און דיך וויל איך פאַר מיין דינסט.

תורתונאַ האָט געקוקט מיט שפּאָט אויף דעם קיילעכדיקן מיאוסן זכר. אירע אויגן האָבן אַצינד געפּלאַקערט ווי דאָס פייער אויפן מזבח. אויף אירע ליפּן איז געווען צאָרן:

— דו ביזט דאַרשטיק נאָך וויין, חטיפאַ, דעריבער רעדט דיין צונג נאַרישע

רייד. דיין הערשאפט פון די מורדים וועסטו קריגן, אָבער די, וואָס איז ביז היינט געווען א דינסט ביי דער מלכה — איר וועלן קנעכט אויף א הייבשטול ארייַנטראָגן אין פּאַלאַץ.

חטיפאַ האָט געלאַכט:

— אַלע שקלאַפינס האָבן שיינע חלומות, אָבער דיינע טרוימען קומען פון א פאַרלוירענעם פאַרשטאַנד. דו ביזט שיין, תורתונא. דו האָסט היינט מער לוסט ווי אין אַלע אנדערע נעכט, און אַז דו וועסט טאַנצן פאַרן מזבח, וועלן די ווילדע זכרים נאָך טיפער איינשנײַדן די מעסערס אין זייערע לייבער. אָבער דו ביזט בלויז די הערשערין פון דער נאַכט, תורתונא. דו קאָנסט קעניגן אַזוי לאַנג ווי דער רויך פון די געשטאָפּטע אָפּפערס וועט אויפגיין, דערנאָך וועסטו ווידער, ווי א געבויגענע דינסט, זיך שטעלן אין דער קאַמער פון דער מלכה.

תורתונא האָט נישט געענטפערט. פון דער ווייטנס האָבן די טענער פון די פּלייטן זיך איינגעשטילט און עס איז אויפגעגאַנגען דאָס בלאָזן פון די טרו־מייטן, ווי א הילכיקע מלחמה־שאַלונג. די כהנים האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און דאָס פאָלק הינטער זיי האָט אַזוי נאָכגעטון. צווישן די פרויען אויף די טרעפּ ביים ארייַנגאַנג האָט זיך געטראָגן א דין געיאָמער, אַזוי ווי די קולות פון די קלאָגווייבער וואָס זיצן אין טויער און באַוויינען דעם אָפּגאָט תמוז. מיט אַמאָל, ווי אויף א צייכן פון דעם צאַרנדיקן בעל, האָט די טענצערין זיך געהייבן אויף די שפּיץ־פינגער און ארומגעוויקלט די הענט ווי שלאַנגען ארום איר קאָפּ. מיט א וואונק האָט זי צוגערופן דעם יונגן קנעכט סוטי, און באַפוילן:

— וויין פאַר דעם כהן חטיפאַ, א האָרן מיט וויין!

דער קנעכט האָט געפאָלגט זיין הארינטע.

מיט דעם גרויסן גאָלדענעם בעכער אין האַנט האָט חטיפאַ גלוסטיק גע־קוקט אויף דער פרוי, וואָס מאַכט פאַרגעסן הונגער און מגפה, און דעם פּחד פאַר א בונט. זיינע ליפּן זענען געווען פייכט און זיינע אויגן גלאַנציק, ווען תורתונא האָט, ארומגייענדיק דעם אָנגעצייכנטן קרייז אונטערן שיין פון די פאַקלען, באַרירט מיט די שפּיצן פינגער זיין נאַקעטן קאָפּ־שיידל. דער בעכער איז געווען גרויס ווי א קרוג, און ווען ער האָט אויסגעזופּט דאָס שווערע זיסע געטראַנק ביז צום לעצטן טראָפּן, האָט ער שוין געוואוסט, אַז אירע קני־גלעקע־לעך שפּילן העכער פון די טרומייטן און איר צירונג ברענט העלישער פון די פלאַמען. פאַר איר טאַנץ אין דעם הויז קריגט זי זילבער און פאַרגעניגן. אָבער מיט וואָס באַלוינט איר דער, וואָס האָט איר היינט געשיקט נאָך די שליסלען? האַלט זיך אויף די פיס, חטיפאַ! —האָט ער זיך אַליין געוואָרנט.— דער וויין צינדט־אָן דאָס בלוט, אָבער דער מוח בלייבט קיל. דו מוזט זיין קליגער פון

אַלע פּוקסן הינטער דעם טעמפּל! דיין גאָלדקאַמער וועלן זיי אויסליידיקן און דיך וועט מען צווישן די געפאַנגענע קנעכט פירן!

מער ווי איין באַגער האָט חטיפאַ אצינד געהאַט: נאָך אַ בעכער מיט וויין, אַ חלק פון געבראָטענעם שעפּס און אַ ווייכן געלעגער פאַר זיין מידן גוף, און ביי זיין צופונס זאָל זיצן תורתונא.. די דאָזיקע שיינע מיט דעם לויטערן לייב, האָט אים קיינמאָל נישט באַלוינט פאַר זיין גנאָד. דער באַריר פון אירע פינגער קאָן פאַרברענען זיין גוף, אָבער ווען ער זאָל זי נעמען אין זיינע אָרעמס, וועלן טרערן רינען פון אירע אויגן. צי איז ער דען מיאוס׳ער פון די אַלע קרעציקע אַרום? אויב גאָלד וויל זי פאַר די שווערדן פון די ווידערשפּעניקע, וועט ער זי באַלד אַראָפּפירן אין דער אונטערשטער קאַמער. פון דעם סוד טאָר קיינער נישט וויסן צווישן די זיילן. וואָס די שפּיז איז פאַר דעם קעניגס לייבוועכטער, זענען די שליסלען פאַר אים. ער וועט די שליסלען נישט געטרויען זיין ערשטן קנעכט, און דערווייל זיצט נאָך אחאַב אין פּאַלאַץ. דו מוזט זיין פלינקער פון די בויגנציער, חטיפאַ, און שלויער פון די פּוקסן! אַ חלק פונעם גאָלד זאָלסטו אויסטיילן די מענער פון בונט, אָבער דו טאָרסט נישט פאַרהאַקן די לעצטע טיר פון איזבל׳ס פעסטונג!

ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ בעכער וויין און זיינע קני זענען געוואָרן שוואַכער. דער קנעכט איז צוגעקומען מיט אַ פולער קרוג און מיט אַ וואַרעמען שטיק שעפּס אויף אַ בראָטפּאַן. תורתונא האָט שוין אַרומגעפּלאָטערט דריי מאָל אַרום דעם מזבח. לויט די ציטערדיקע קלאַנגען פון די האַרפעס האָט זי געשטעלט זאַכטע טריט, און לויט די שווערע קלעפּ אויף די פּויקן האָט זי האַסטיק איינגעקאַרטשעט אירע אַקסלען, ווי אין אַנגסטן. דערנאָך האָט זי ווי אַ שטורעם־פויגל זיך אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון די כהנים, וואָס זענען געזעסן אויסגעצויגן אין שטויב. אירע אָרעמס האָבן זיך געוויקלט און אירע קני האָבן זיך געשטרעקט פאַרויס, און ווידער אַמאָל האָט זי אויף די שפּיצן פינגער געשפּאַנט אַרום דעם אָנגעצייכנטן ראָד, ווי אַרום דעם ראַנד פון אַ תהום.

חטיפאַ איז געווען באַזויפן. ער האָט צוריקגעגעבן דעם קנעכט דעם ליידיקן בעכער, אָבער דאָס פעטס פון דעם שעפּסן־פלייש איז נאָך געראָנען איבער די ליפּן. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער טאַנצנדיקער תורתונא, וואָס האָט זיך געטראָגן אצינד ווי אַ פלאַנץ אין שטורעם. ער האָט דערזען ווי אירע גלידער צינדן־אָן די בליקן פון די זכרים. די צעפּלאַמטע כהנים, וואָס האָבן געשלאָגן די קעפּ אָן דער ערד, זענען שוין גרייט געווען צו שניידן די לייבער און צאַפּן זייער בלוט.. די שיכרות האָט געוועקט זיין שנאה צו די קרבנות־ברענגער, וואָס גייען־נאָך דעם אַלטן כהן ווי בלינדע אָקסן. פּלוצים האָט אים

פארדראָסן אויף איר אנטבלויזטקייט. די, וואָס איז אויסדערוויילט פאַר פירשטן און הויפהאַרן, זאָל נישט טאַנצן פאַר זויפערס אזוי נאַקעט ווי אַן אָפּגעשיילטע פרוכט. חטיפאַ האָט זיך געוואַקלט, אָבער ער איז נישט אומגעפאַלן. אַן איינ־געבויגענער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, האָט ער געוואָלט, האָט ער געוואָלט אָפּשטעלן איר טאַנץ.

— וויקל זיך איין אין שלייערס, —האָט ער געברומט,— זיי פאַרדינען נישט אזויפיל פאַרגעניגן.

תורתונא האָט זיך געוויגט פאַרויס און זיך דערנענטערט צום אַלטן כהן, וואָס איז ווי א בעטלער געלעגן צופוסנס פון מזבח. זי האָט מיט די פינגער אָנגערירט די פעדים פון זיינע גאָלדענע קליידער. דערנאָך האָט זי זיך גערוקט צוריק. תורתונא האָט געזוכט חטיפאַ'ס קאָפּ. אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט אין זיינע אויערן:

— רייד נישט קיין בייז אויף דיינע פיינט. געדענק, זיי זענען שותפים צו דיין רויב.

די רייד זענען געפאַלן אויף אים ווי הייסע פיילן. אין איין רגע איז די שיכרות געווען אויסגעלאָשן. די פאַקנלעכער איבערן שטערן זענען געוואָרן טי־פער און גרעסער. אין די אויגן האָבן זיך געצונדן בליצן. ווייסן שוין די קרבנות־ברענגער אויך דעם סוד? די געהאַרכזאַמע, וואָס קריכן ווי ווערים פאַר דעם גאָט פון שטיין, קאָנען אויך זיין מוסרים פאַר דעם לעבעדיקן מלך. ער איז מער נישט באַוואַכט. וואָס פלינקער ער וועט אָנשטאָפּן די זעק מיט גאָלד פאַר די מורדים, אלץ ווייטער וועט ער זיין פון דער שטיינער־וואַנט, וואו־הין איזבל טרייבט די פאַרמישפּטע צו זייער טויט. אויב אזוי, חטיפאַ, נעם תורתונא'ן און לויף אַראָפּ אין דער אונטערשטער קאַמער! —האָט א קול אים באַפוילן.— פון די צעפּלאַמטע כהנים רינט שוין דאָס בלוט; דער ווייַן האָט פאַרגאָסן זייער מאַרך און זיי קאָנען מער נישט פונאַנדערשיידן צווישן ליכט און פינצטערניש.

חטיפאַ'ס אויגן זענען געווען פאַרגלאָצט. ער האָט זיך גערוקט צו דער טענצערין שווער, לעפּיש, ווי א פאַרוואונדעטע חיה וואָס האָט שטעקן א פייל אין לייב, און ער האָט געמורמלט:

— האָסט מיך אויסגעגעבן, תורתונא! דיין צונג איז געוואָרן לויז, אזוי ווי די שיטערע הויט אויף מיינע אָרעמס. מאָרגן וועט מען דעם סוד וויסן אין פּאַלאַץ. קאָן עס זיין, אַז נאָר דאָס גאָלד ביי די מענטשן פון דער אונטער־שטער שטאָט וועט אונדז שיצן? היל זיך איין אין דיינע שלייערס און קום!

די טאַנצנדיקע תורתונא האָט נישט דערקענט חטיפאַ'ס קול. זיין מויל האָט גערעדט אמת, אָבער אין זיינע אויגן איז געווען פּחד. פאַרוואָס שרעקט

זיך אזוי חטיפאַ? ווי יעדער צידוני, מיינט ער, אז עס קומט אים אייביקע מאכט, אָבער א טאָג פאר דער לעצטער שלאכט האָט ער מורא פאר דעם טויט. וואָלט ער צומאָל געווען א בכור, האָט ער אויך געמעגט זיין פריי פון פחד. נישט דאָ, אין קיר־חרס, נאָר אין טעמפּל פון בית־אל פארברענט מען בכורים און קנעכט. דאָס ליכט פון די פאקלען איז אצינד נישט געפאלן אויף איר, און זי איז געבליבן שטיין אין מיטן ראָד א צעטומלטע. די טרומייטן האָבן אויפגעהערט צו בלאָזן און די הארפעס צו זיפצן.

— דו רעדסט היינט אנדערש ווי אין אלע טעג, —האָט זי געזאָגט,— דו האָסט מורא, חטיפאַ.

— היל זיך איין אין דיין געוואנט, תורתונא. דער, וואָס האָט מורא איז נישט קיין שקלאף צו זיינע באגערן, נאָר א האר איבער אלע גלוסטונגען. די אומווירדיקע, וואָס קריכן דאָ ווי בהמות אין א שטאַל, פארדינען נישט דיין גנאָד. די העכסטע האנט האָט אויסגעפורעמט דיין שיינעם גוף. היט דעם דאָזיקן אוצר, וואָס איך גיי אצינד אָפּוועגן מיט דעם געוויכט פון גאָלד.

— וואָס זאָל איך טון?

— רוף אָזלאָ'ן, דיין דינסט, און זי זאָל זיי פארשפּילן אזוי לאנג, ביז איך וועל אָנלאָדן דאָס גאָלד אויף די קעמלען און אָפּשיקן צו דער אונטערשטער שטאָט. קום, ווייל די געמיינע לייט ווייסן שוין נישט דעם אונטערשייד פון גוטס ביז שלעכטס.

זיינע רייד זענען געווען געגנוג הויך, אז אנטקעגן זאָל א באַזויפטער כהן זיך אויפהייבן פון דער ערד און זיך רוקן צו אים. אויס באוואָרעניש, האָט תורתונא ווידער געפלאטערט ווי א ווירבלווינט אין ראָד. דער באַזויפענער האָט געצייילט די טריט פאָרויס. ער איז אויסגעגאנגען פון לוסט, ווען זי האָט זיך פארבייגעוויגט פאר אים. זיינע אויגן האָבן געגלאנצט און זיין בויך האָט געפרייכט. ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף די שפּיצן פינגער, און דער ווייסער סדין ארום די אקסלען האָט זיך צעבלאָזן פון דעם ווינט, וואָס תורתונא האָט אָנגעיאָגט אויף אים. ער האָט מיט אנגסט געקוקט הינטערווייילעכץ. די זיילן און די פאקלען זענען געשוואומען אין דעם נעפל פון רויך. דערנאָך האָט ער אָנגעהאנגען די בליקן אויף דעם לויטערן ראָזעווען לייב, וואָס איז אונטערן שיין פון פייער געווען אויסגעפורעמט אזוי ווי דאָס אָפּבילד אויפן זיילשטיין.

אין יענער רגע איז אויף תורתונא'ס צייכן צוגעקומען איר דינסט. די אונ־טערטעניקע אָזלאָ, האָט יעדן אָוונט געוואַרט הינטער א זייל אויף די באַפעלן פון איר הארינטע. זי האָט געגעסן ביי איר טיש און געהיט אירע סודות. אויך זי איז געווען א פרוי פון שטורעם. זי איז געשטאנען אין א ווייכן בלויען גע־וואנט, באצירט מיט גאָלדענע פראנזן און גלעקעלעך און אויף אירע פיס האָט

זי געטראָגן סאַנדאַלן אויסגעניייטע פון קראָקאָדילן־הויט.ביידע פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט. אין זייערע אויגן איז געווען די זיכערקייט פון לוסטווייבער וואָס ווייסן ווי אַזוי שוואַך צו מאַכן זכרים. תורתונא האָט זיך איינגעוויקלט אין איר טונקעלן דעקטוך און איז אַרויס. ווען די פּריילעכע אָזלאָ האָט גענו־מען אָפּדעקן גליך נאָך גליך פאַר דעם באַזויפענעם כהן, איז תורתונא באַוואַכט נאָכגעגאַנגען דעם וואַקלענדיקן חטיפאַ צו דער פאַרשטעלטער וואַנט.

דער געטרייער קנעכט סוטי, האָט שטיל געעפנט אַ קופּערנע טיר און דער שאַצמייסטער איבער די גאָלדקאַמערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דרייסיק שטיי־נערנע טרעפּ, פירנדיק תורתונא'ן הינטער זיך. מיט אַ פאַקל האָט סוטי באַ־לויכטן דעם וועג. אויף דער נידעריקסטער טרעפּ האָט חטיפאַ אָפּגעבונדן פון גאַרטל אַ קייט מיט שליסלען. ער האָט אויסגעמיטן דריי פעלזן־ווענט און די ווערכטער מיט שפּיזן, ווייל ער איז אַראָפּגעקומען צו דער טיפסטער קאַמער נישט דורכן הויף, נאָר פון אינעווייניק. דער שלאָס האָט לייכט נאָכגעגעבן, און זיי זענען געשטאַנען אין אַ שמאָלן פאַרהויז מיט אַ באַלקן, אונטערגעשפּאַרט פון דרייסיק הויכע זיילן. אויף יעדן שפּיץ זייל איז געווען אַן אַנדער געמעל. אויף איינעם — אַ מענטשנקאָפּ מיט בהמישע הערנער, אויף אַ צווייטן — אַ שיפּענדיקע שלאַנג, און אויף אַ דריטן — אַ קנויל מיט פאַרזעעניש.

חטיפאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אויפגעהויבן אַ הילצערנעם צודעק. אַ לייטער האָט אַראָפּגעפירט נאָך אַ שטאָק נידעריקער, ווי צו דער עפענונג פון אַ טיפער גרוב. תורתונא איז אים נאָכגעגאַנגען. די טיפקייט האָט געשראָקן און איר האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ רגע, ווייל באַלד האָט זי דערזען די שווערע קאַסטנס פון צעדערהאָלץ און קופּער, וואָס זענען געשטאַנען ביי די שוואַרצע ווענט. ווי אַ מכשף האָט דער שאַצמייסטער אויפגעהויבן זיין ווייזפינגער, און דער קנעכט מיטן פאַקל האָט געעפנט איין קאַסטן נאָכן אַנדערן.

תורתונא האָט נישט געוואוסט אויף וואָס פריער צו קוקן. פאַר אירע אויגן האָבן געבליצט גאָלדענע קרוגן, שפּרינגבעקנס און ענגלייכטער, שטאַנגען און איילאָמפּן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קאַסטן, אויסגעזעגט ווי אַ שיפל. ביז אַרויף צום צודעק זענען געווען אָנגעהויפט געפלאָכטענע שנורן מיט רינגען, האַלדז־קייטעלעך, קרויזן און פינגער־גלעקעלעך פון דינסטן גאָלד. אויפן וואונק פון חטיפאַ'ן, איז דער קנעכט אָנגעטראָטן און ער האָט אַליין, מיט ביידע הענט, אַרויסגעהויבן מנורות פון פאַרשידענע מאָסן, גאָפּלען, פייער־פענדלעך, קוויטן און בלעטער, אויסגעקלאַפּטע פון גאָלד און זילבער, און מיט שטאָלץ האָט ער געוויזן תורתונא'ן דאָס רייכטום. אין איין קאַסטן זענען געלעגן איידלשטיינער, און דאָס בלויע ליכט פון סאַפירן האָט אַזוי שאַרף געבליצט, אַז עס האָט געקאָנט

באַלויכטן אַלע פּינצטערע הייל. דאָס איז דאָס רויב, וואָס איזבל זאַמלט אַלע טעג, —האָט תורתונא צו זיך גערעדט,— און דאָס איז אָפּגעשיידט פון די אוצ־רות אין פּאַלאַץ. דאָס גאָלד און זילבער האָבן אירע צינזהאַרן צוגענומען פאַר קרבנות, פאַר שוחד, פאַר שטראָף און פאַר אויסקויפן זיך פון געפאַנגענשאַפט. ווי פאַרגעסן דאָס, די דאָזיקע צירונג ליגט אונטער א דאַך פון שימל! דאָס רייכטום פון דער וועלט ליגט אין א קאַלטן קבר!

זי איז פאַרבייגעגאַנגען הויכע קערב, פול מיט קלינגענדיקע קרוינדלעך, קמיעות, געלענק־בענדלעך, בראַנזלעטן, און באַדויערט וואָס אירע הענט זענען צו־קליין ארויפצונעמען אויף זיך אַזויפיל איידלקייטן.

חטיפאָ האָט אריינגעשטעקט דעם פאַקל אין א וואַנט־אויסהויל און דעם קנעכט ארויסגעשיקט. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען פון אונטער א הויפן שפּרינגבבענקנס און קרוגן א גילדענעם קראַנץ, באַזעצט מיט איידלשטיינער, וואָס עס טראָגן די, וועלכע שטייען נאָענט צו מלכים און ער האָט זיך דערנענ־טערט צו תורתונא'ן:

— געדענקסטו וואָס איך האָב פריער געזאָגט? פאַר גאָלד באַלוינט מען מיט מאַכט. טראָגנען פון מלכים טרייסלען זיך אין דער אויבערשטער קאַמער, אויב עס פעלט דאָס גאָלד אין דעם אונטערשטן קעלער. בויג זיך איין, תורתונא.

און ער האָט אָנגעטון דעם קראַנץ אויף אירע קרויזן האָר און זיך אָפּגערוקט אויף א פּאָר שריט, צו מעסטן איר ווערט. אין יענער רגע האָט אין תורתונא'ן אויפגעוואַכט א שטאָלץ און עס האָט זיך איר געדאַכט, אז דער מיאוסער מאַן האָט פאַרלוירן זיין העסלעכקייט. מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנט האָט חטיפאָ איר געוויזן דריי קאַסטנס פון צעדערהאָלץ און געזאָגט:

— די דאָזיקע הויפנס גאָלד וועלן ווערן דיין, אויב איתמר וועט אריינ־שרייבן אויף פּאַרמעט, אז איך וועל זיין דער נציב איבער דעם שטיק לאַנד פון שומרון ביז מגידו און איך וועל מעגן אויפמאָנען די צינזן און דעם מעשר אין אַלע שטעט. און דאָס בלוט פון א שעפס זאָל פאַרזיגלען א בונד צווישן אונדז! און דיך, תורתונא, וויל איך פאַר מיר. אין אַלע טעג בין איך געוועזן ארומגע־רינגלט פון פאַלשע וועכטער און עס זענען מיר נאָכגעגאַנגען באַטריגער און חונפים. פון היינט־אָן וויל איך א פרוי וואָס קאָן זיין געטריי ווי א שקלאַפין. קום נענטער, תורתונא!

און ער אַליין איז צוגעקומען נענטער צו איר און זי אריינגעכאַפּט אין זיי־נע אָרעמס. זי האָט אים אָפּגעשטויסן, און ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם ווידערשטאַנד פון אן אונטערטעניקער. זיינע פאַרגלאָצטע אויגן האָבן אָצינד געזען קלאָר. דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן זיין פנים און ער האָט זי גע־צויגן צו זיך מיט כוח, ווי ער וואָלט זי וועלן פאַרזיגלען אויף זיין לייב.

— גיי צו דיינע לוסטווייבער וואָס דו האָסט איינגעקויפט אין צידון! — האָט זי געשריגן און זיך ארויסגעוויקלט פון זיינע הענט.

— איך וויל נישט די פרויען פון מארק. די אויסדערוויילטע וויל איך! —האָט ער געברומט און זי געקלאַמערט צו זיך, און זיינע פינגער האָבן אויף נקמה געוואָלט אראָפּרייסן די איידעלע געוואנטן פון אירע אקסלען.

זי האָט זיך גערוקט הינטערוויילעכץ, און ער האָט געשאַרט זיינע פיס פאָרויס נאָך איר. זיין צונג איז געווען ניכטער, אָבער זיינע קני האָבן זיך געוואַקלט אונטער דער משא פון וויין. מיט אמאָל האָט זי שפּאַטיש זיך צעלאַכט און זיך געדרייט ארום אים ווי אין א ווירבלראָד. אין דעם גערייץ איבער־ער טונקעלער קאמער האָט תורתונא אין אים אויפגעוועקט באַגערן וואָס זענען געווען שטארקער פון זיינע כוחות. זיינע ליפּן האָבן געציטערט און דער אָטעם האָט געברויט ווי א פייערדיקער ווינט, און ער האָט ווידער אויסגעשטרעקט די קורצע הענט נאָך איר, אָבער זי איז אויסגערונען אונטער זיינע האנטפלאַכן. ער האָט זי נישט געוואָלט פארלירן, טראָץ דעם וואָס זיין אָרעם איז געווען צו־שוואַך זי ביי־צוקומען. פאַר א שטארקערן פון אים וואָלט זי זיך אונטערגעגעבן. נישט קיין שקלאַפין ביי א שטרענגער מלכה איז תורתונא אַלע יאָרן געווען, נאָר אליין א הערשערין איז זי. מיט דעם וואונק פון איר אויג קאָן זי פאַרגיסן בלוט. ווער האָט געזאָגט, אז זי איז א לוסטפרוי? א דורשטיקע חיה איז זי; א לייביכע וואָס פארצוקט רויב, א טאָכטער פון די היילן, וואָס פאַרצערט אַלץ אין פייער.

פּלוצים איז תורתונא געבליבן שטיין פאר אים מיט א פלאטער. זי האָט אויסגעשפּרייט אירע ווייסע הענט ווי פליגלען. אין אירע פריילעכע אויגן איז געווען א צוזאָג זיך אונטערצוגעבן, אָבער אירע ליפּן האָבן געמאָנט:

— איך וויל מער גאָלד, חטיפאַ; א וואנט מיט גאָלד! בין איך דען נישט ווערט אזויפיל? פארלאַנג איך דען אזא הויכן לוין פאר מיינע אָרעמס און דיין פרייהייט?

— איך בין נישט קיין געפאנגענער, תורתונא.

— מאָרגן וועלן זיי דיך ארויספירן פון שטאָט אין קייטן, ווי אַלע איבע־ריקע קנעכט.

— זייער נצחון איז נאָך נישט געקומען.

— הינטער דער וואנט וואַרטן איתמר׳ס געטרייע!

— אזוי פיל גיב איך! —האָט חטיפאַ פארעקשנט געזאָגט און ווידער אמאָל אָנגעוויזן אויף די דריי קאסטנס פון צעדערהאָלץ, און ער איז צוגעקומען אזוי נאָענט צו איר, אז ער האָט דערשפּירט דעם ברי פון איר אָטעם.— אזוי פיל גיב איך און נישט מער! און דו, תורתונא, וועסט מוזן רייטן אויף מיין קעמל, אין

איך וויל רעגירן ווי א נציב איבער דעם צוגעזאָגטן טייל לאַנד, פון שומרון ביז מגידו.

און ווי ער האָט אָפּגעזאָגט זיינע באַגערן, האָט ער ווידער אַמאָל זיך אויס־געשטרעקט זי ארומצונעמען. דער קראַנץ אויף איר קאָפּ האָט דערהויבן איר אַנזען אין זיינע אויגן. זיינע נאָזלעכער האָבן איינגעזאַפּט די ריחות פון אירע געווירצן און דעם דופט פון אירע האָר. א וואַנט מיט גאָלד וויל זי, די שיינע קדשה! פאַר אזוי פיל און אזוי פיל גאָלד וועט זיך זיך אונטערגעבן און אויס־קויפן אים פון געפאַנגענשאַפט. און ווי זי שרעקט אים מיט א נצחון, וואָס איז אזוי ווייט! זיינע ליפּן האָבן געוואָלט שפּעטן און זיין האַרץ איז געווען פריילעך.

ער האָט געמיינט, אז ער האָט זי ביינעקומען, אָבער זיינע הענט זענען גע־בליבן הענגען אין דער לופט. פאַרוואָס באַזיג איך זי נישט? איך האָב אריינ־גענומען די טענצערין אין א שטייג פון טעמפּל, אָבער איך אליין בין איר געפאַנגענער!

דער אָנמעכטיקער חטיפאָ איז געווען גרייט צום לעצטן געפעכט. ער האָט זיך געדרייט מיט זיין שווערן גוף ארום איר. זיינע פיס זענען געווען שוואַך, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו לויפן פאָרויס. די גבורה איז אויסגע־גאַנגען, אָבער ער האָט אָנגעשעפּט פרישן כוח. פּלוצים איז זי געבליבן שטיין פאַר אים א שטרענגע און אָנגעקוקט אים מיט קאַלטע אויגן, וואָס האָבן געצווימט אַלע זיינע גלוסטונגען. ער האָט שוין געהאַלטן זיינע פינגער אויף די פאַלדן זייד איבער איר נאַקן. אין יענער רגע האָבן זיך געהערט שטאַרקע קלעפּ פון יענער זייט וואַנט, א צייכן, אז איתמר'ס געטרייע זענען בייגעקומען די וועכטער אין דרויסן. פון א נידעריקן אויסהויל האָט א קופּערנע טיר זיך געעפנט און אין קאַמער איז אריינגעשפּרונגען תרשי מיט א פאַקל, ווי ער וואָלט זיך ארויס־געשיילט פון א וואָלקן. הינטער אים זענען נאָכגעקומען באַוואָפנטע קנעכט מיט זעק, און אין גיכן האָבן זיי אָנגעהויבן ארויסשלעפּן די כלים פון גאָלד און זילבער פון די אָפענע קאַסטנס.

תרשי האָט אריינגעשטופּט חטיפאָ'ן אין א ווינקל צו היטן אים אזוי לאַנג, ביז די אָנגעשטאָפּטע זעק וועלן ארויפגעלאָדנט ווערן אויף די קעמלען. תורתונא האָט געקוקט אויף די שטאַרקע קנעכט און געוואוסט, אז אויף זייערע אַקסלען וועלן זיי צומאָרגנס אין א טראָגשטול זי אריינפירן אין פּאַלאַץ.

ו

— צי זענען שוין אלע גערעכטע פארזאמלט אין דעם הויז פון די ווידער־שפעניקע, אָדער זענען נאָך געבליבן די איבערגעשראָקענע ביי זייערע ליידיקע טישן ?

אין דעם טונקעלן הויז, אונטערן שוואכן שיין פון די פאקלען האָבן די גע־טרייע קריגסלייט פון איתמר׳ן זיך אומגעקוקט צום ארייַנגאנג, פון וואנען דאָס הילכיקע קול פון דעם שטראָפער איז געקומען. אין דער טיר פון צעדערהאָלץ איז געשטאנען א נידעריקער, באָרוועסער מאן אין א לייבראָק מיט א פאסטעך־שטעקן אין האנט. זיין געדיכט באָרד האָט פארשטעלט דאָס ביינערדיקע פנים, אז מען האָט קוים די ברענענדיקע אויגן ארויסגעזען. די קנוילן האָר, וואָס זענען אָפּירגעקראָכן פון אונטער דעם קאָפּטוך, זענען געפאלן ביז צום נאקן. ער האָט מיט צאָרן זיך דורכגעריסן צווישן די ערשטע זײלן, און די וועכטער וואָס האָבן אין אים דערקענט מיכיהו׳ן, דעם שטרענגן נזיר פון מדבר, זענען גיך אָפּ־געטראָטן פאר אים.

מיכיהו בל ימלאָ איז צוגעגאנגען צו א שטיין, אויסגעהאקט ווי א בימה. דאָס ליכט פון א ברענענדיקן פאקל איז געפאלן אויף זיינע קינבאקן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע מאָגערע הענט און גערעדט נאָך הילכיקער :

— די ווידערשפעניקע אין שומרון זענען שטארקער פון מלכים, און די שטארקע געווינען אלע שלאכטן. גייט ארויף אויפן בארג און נעמט געפאנגען דעם קעניג, וואָס האָט געזאָגט צום פאָלק, אז די טורעמס ליגן ביי זיין צוקאָפּנס און די פעסטונגען ביי זיין צופוסנס.

ביי קיינעם פון די צעטומלטע מענער הינטער דער שטיינערנער בימה האָבן די ליפן זיך נישט געעפנט. און דער שטראָפער האָט נישט פארלוירן קיין צייט אויסצולאָדן דעם שפּאָט און דעם האַס פון זיין הארץ. זיין שטים האָט געדונערט :

— אין באגינען וועט דער מאן פון גלעד איינזאמלען דאָס פאָלק אויפן בארג כרמל, און איך בין אצינד געקומען פון בית־אל. פאר דעם גרויסן געצנהויז בין

איך דאָרט געשטאַנען און געזען דאָס פייער פון די מזבחות וואָס פאַרצערן די בראַנדאָפּפערס. דער ריח פון געבראָטענעם פלייש און פון גערויכערטן ווייריך איז אויפגעגאַנגען ביז צום הימל. דאָס געזאַנג האָט געררוישט, די פלייטן און האַרפעס האָבן געשפילט. און איך האָב געזען זייער כהן־גדול. ער האָט גע־טראָגן גאָלדענע קליידער און זיין לייב איז געווען פעט. דער דאַזיקער פאַלשער דינער שיקט די אָפּפערס צו די געצן, ווייל ער איז א שררה ביים קעניג. ער פאַרמאָגט פעלדער, וויינגערטנער, שאָף און רינדער. ער איז אין בית־אל דער הערשער און דער ריכטער, און זיינע משפטים זענען מוראדיקער ווי אין די גע־ריכטהייזער פון סדום. און איך האָב געזוכט הינטער די ווענט פון געצנהויז די געטרייע און זיי נישט געפונען. בין איך געקומען אהער אייך צו זאָגן: ווען דער תשבי וועט פאַרזאַמלען די פאַלשע כהנים אויפן באַרג, זאָלן זייערע שרים אַרומרינגלען די געצנהייזער אין שומרון און אין בית־אל און אין דן און איר זאָלט, ווי גאָט האָט באַפוילן, א קלאַפּ טון די שפּיצן פון די זיילן, אז די שוועלן זאָלן אויפציטערן, און איר זאָלט זיי צעברעכן איבער די קעפּ פון יענע, וואָס שטייען אין טעמפּל און די איבערגעבליבענע וועלן אויסגעהרגעט ווערן מיט דער שווערד, ווייל עס וועט נישט זיין פאַר זיי קיין אנטרינונג. און אויב זיי וועלן זיך איינגראָבן אין די אויסהוילן פון דער ערד, וועט גאָטס האנט זיי פון דאָרט אַרויסנעמען. און אויב זיי וועלן זיך פאַרבאַרגן אין תהום פון ים, וועלן די שלאַנגען אונטערן וואַסער זיי בייסן. און אז זיי וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט, וועט דעם פיינטס שפּיז זיי אומברענגען. און ווען דאָס פייער וועט ברענען, זאָלט איר די שריפה נישט לעשן, און ווען די ערד וועט ציטערן, זאָלט איר די ווענט נישט איינהאַלטן. גייט און צעברעכט דאָס הויז פון פאַרדאָרבנקייט, אז איר זאָלט דערנאָך קאָנען אויפריכטן דאָס הויז פון גערעכטיקייט.

דער באָרוועסער מאַן איז אנטשוויגן געוואָרן און איז אָפּגעגאַנגען אין א ווינקל הינטערן לעצטן זייל. א שטילקייט, ווי דער שווייגנדיקער אָטעם פון גאָט איז געהאנגען צווישן די ווענט. דער שטראָפער האָט אצינד געצייל̈ט די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, וואָס זענען געקומען אין דעם הויז פון די ווידעו־שפּע־ניקע.

אין דעם הויז פון די ווידערשפּעניקע האָט איתמר איינגעזאַמלט די אויפ־שטענדלער פון ישראל נאָך איידער די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן. זיי זע־נען אָנגעקומען אויף פערד און קעמלען פון בית־אל און שכם. דאָס זענען גע־ווען די געטרייע שרים, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט איבער דעם לאַנד פון צפון און דרום ביז צו די געמאַרקן פון רמות־גלעד און גערופן צו זיך די שטאַרקע און אומדערשראָקענע. דאָס דאַזיקע הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער אונ־טערשטער שטאָט, דאָרט וואו עס הייבט זיך אָן דער וועג צום מדבר, איז געווען

האלב־חרוב, אונטערגעשפּאַרט פון אָפּגעשונדענע זיילן, און פוקסן פון מדבר זענען ארומגעלאָפן אין די אויסהוילן. אָבער דער איינגעבויגענער דאַך האָט באַשיצט די קריגסמענער, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאַרגיסן בלוט פאַר דער ריינקייט פון ישראלס קרוין. אין זייערע הערצער איז געווען מער פּחד פאַר דעם גאָט פון די חיילות איידער פאַר דער שפּיז פון דער פרעמדער מלכה איזבל. וואָרעם אויף די מערק און אין די טויערן האָבן די נזירים דערמאָנט דעם טאָג, ווען גאָט האָט זיך באַוויזן צו יעקב'ן אויף זיין צוריקקוועגס פון פדן־ארם און צו אים געזאָגט: „נישט יעקב נאָר ישראל וועט זיין דיין נאָמען. אַ פאָלק און אַ געזעמל פעלקער זאָל ווערן פון דיר, און מלכים זאָלן ארויסגיין פון דיינע לענדן".

פאַר דער שטיינערנער בימה זענען געשטאַנען צען יונגע מענער מיט פאַר־שוירענע בערד, אין ווייסע סדינים און די שפּיצן פון זייערע אויפגעהויבענע שפּיזן האָבן געשטעקט ברענענדיקע פאַקלען. הינטער זיי, אין דער טיפעניש פון געביי איז געווען אַ הויכער אָרון און אַ טיש. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גאָלדענע, געהאַמערטע מנורה, איינע פון די טייערסטע כלים וואָס די געטרייע האָבן געבראַנגט פון ירושלים. איר פוסגעשטעל איז געווען פון זילבער און אויף אירע רערן זענען געווען מאַנדלקווייטיקע בעכערלעך מיט אַ קנאָפּ און אַ בלום. די זיבן פלעמלעך האָבן ווי זיבן אויגן באַוואַכט די טונקעלע זיילן.

תרשי און ברכיהו, צוויי פון איתמר'ס עלטסטע, וואָס האָבן פריער געזאָרגט, אַז וועכטערס זאָלן שטיין פאַרן אריינגאַנג און אויסקוקערס זאָלן באַוואַכן דעם דאַך — זיי האָבן אַצינד איבערגעקליבן די מענער וואָס זייערע הענט טראָגן וואָפן און אויף זייערע הערצער רוען ברוסטשילדן. די צאָל פון די אומדער־שראָקענע איז געווען דריי הונדערט. נאָך דעם ווי דער באַרוועסער מאַן האָט זיי געהייסן גיין צעברעכן די זיילשטיינער פון די טעמפּלען, האָבן זיי אויסגע־שטרעקט די הענט נאָך וואָפן, און זייערע קולות זענען געווען אַזוי הילכיק, ווי דאָס גערויש אין אַ שלאַכט. דער רעכטפאַרטיקער תקועי איז געשטאַנען הינ־טער דער בימה. דער צאָרן אין זיינע אויגן איז געווען אויסגעלאָשן, ווען ער האָט געזען ווי ביי די ווענט, איבערגעדעקטע מיט ליינטיכער, ליגן הויפנס מיט שפּיזן, שווערדן און פיילבויגנס, וואָס די וואָל־הענדלער פון תירצה האָבן פאַר זייער געלט איינגעקויפט. אויף זיין רוף האָבן די זאַטע סוחרים געעפנט די בייטלען און אויסגעציילט די שקלים צו די מורדים. אַזוי פינקטלעך ווי מען צאָלט דעם צינז צו דעם קעניגס צינזהאַרן.

אין יענער רגע האָט דער פאַרכטיקער תקועי געוואויגן און געמאָסטן די ווערט פון די רייכע הענדלער, וואָס האָבן געהאָלפן די מורדים. נישט אַלע זע־נען היינט געקומען. אהליאָב איז געבליבן דער שטאָלצער יחסן, אָבער די, וואָס

זענען געשטאַנען מיט איינגעבויגענע קעפּ אונטער דעם באַדעקנס פון דעם האַלב חרובן געביי, האָבן געוואוסט די פּאַרכטיקייט פון דער שעה. היינט זענען זיי האַרן, מאָרגן וועלן זיי ווידער ווערן קנעכט פון יהוה. זייערע זעק מיט גאָלד זענען אונטערוועגס און דער אוצר פון חטיפא׳ס קאַמער איז שוין אין די הענט פון איתמר׳ס שליחים. איינעם נאָכן אַנדערן האָט תקועי מיט זיינע בריענדיקע אויגן דורכגענומען די הענדלערס. נישט ווייט פון תרשי׳ן זענען אויף א באַנק פון אָפּגעקרישלטן עלעפאַנטביין געזעסן דריי פון די נאָענטסטע: צפני, דער רייכער הענדלער פון פיש, קורח, דער שפּינער פון פלאַקס און אליפו, וואָס האָט פאַרמאָגט א סך וויינסעדער און פעלדער. אויף זייערע בויך-בענדער זענען גע־האַנגען די שליסלען צו די שפּייכלערס און קאַמערן. ווען זיי זענען אין זייערע הייזער געלעגן אויף די טישן פון מירמלשטיין, האָבן די קנעכט געשמירט זייערע לייבער מיט געווירצן, אָבער דאָ זענען זיי אליין געווען שקלאַפן, וואָס וואַרטן אויף די באַפעלן פון א פאַרכטיקן שלאַכטמאַן.

צפני איז היינט געקומען איינגעהילט אין א טונקעלן דעקטוך, אָבער אין די טעג פון א גאַנץ יאָר האָט ער זיך געוויקלט אין א קאָלירטן וואָל פון אשור. אויף זיינע פיס האָט ער געהאַט גילדענע סאַנדאַלן און אין זיינע שטייגן זענען געווען פייגל, וואָס האָבן נאָכגעזעדט די שפּראַכן פון די מצריים און אַרמיים. ער איז געווען א פישערמאַן און זיינע שיפן זענען יעדן ראש־חודש אָפּגעשוואָ־מען פון די ברעגן, נאָענט ביי צידון. אין די נעכט, ווען זיין אייגענע שפּאַציר־שיף האָט זיך געגליטשט צו די וואַסערן פון די צפון־שטעט, האָבן די באַוואוי־נער פון די שטילע האַפנס געעפנט טירן און טעראַסעס צו שמעקן די ריחות פון זיינע געבראָטענע פיש און די פרישע געבעקסן פון זעמלמעל. צפני האָט גע־האַט א ווייך האַרץ, אָבער זיין צונג האָט גערעדט שטרענגע רייד. זיינע גע־לאַסענע אויגן האָבן אצינד געוואַנדערט איבער די קעפּ פון די היציקע מענער און אין זיין מוח איז געווען אָרט פאַר איין זאָרג: פאַרוואָס איילן זיך די שווערדן־טרעגער? איז נישט בעסער צו וואַרטן, ביז דער מאַן פון גלעד וועט איינשטילן דעם צאָרן פון באַשעפער און אַראָפּברענגען דעם ערשטן רעגן?

קורח, דער שפּינער, האָט געהאַט א גאָלדענע באָרד און א שטים פון א לייב. אין צייטן פון געפאַר זענען זיינע מחשבות געווען קילע און זיינע באַ־שלוסן לאַנגזאַמע. פאַר די מורדים האָט ער זיך געשראָקן, אָבער פון דעם קע־ניגס הויפליים האָט ער געהאַסן גנאַד, ווען זיינע קאַראַוואַנען האָבן אָן אונטער־קויף־געלט אריינגעפירט דעם פלאַקס אין די דערפער, זיין בייטל איז געווען אָפן, און דעריבער האָט ער געוואָלט וויסן צי איתמר׳ס געטרייע וועלן נישט באַפאַלן זיינע קעמלען אויף די וועגן, אזוי ווי זיי וועלן טון צו די קאַרגע חענד־לערס, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון תקועי׳ן.

די קעניגין איזבל

הינטער די אַקסלען פון קורח'ן איז געזעסן דער זקן אַליפז, אַן איבערגע־בויגענער, און די פינגער פון זיינע ביינערדיקע הענט זענען געווען פאַרפלאָכטן אין דער שיטערער באָרד. ער איז געווען זאַט אין יאָרן. זיין מאָגערער גוף האָט ווי א רייפע פרי געצויגן צו דער ערד, אָבער זיינע חושים זענען געווען וואַך, און ער האָט יעדן טאָג געמאָנט ביי זיינע מענטשן אין הויף חשבון פון די הוצאות, פון פרימאָרגן ביזן זונאונטערגאַנג. זיינע וויינסעדער און ווייצפעל־דער זענען געווען אין רבלתה, אָבער די פעטע ערד האָט געקאָנט זיך אויס־שפרייטן ביז בית־שאָן. ווען נישט זיינע זין, וואָס זענען געווען פויל און פאַר־שווענדעריש, אַזוי ווי אַלע לוסטיונגען אין דער אויבערשטער שטאָט. ביי אַליפז'ן האָט די שיטערע, גרויע באָרד געציטערט, ווען זיינע ליפּן האָבן שטיל אויסגעציילט וויפל שקלים די קריגסלייט האָבן אים אָפּגעקאָסט.

תקועי האָט זיך דערנענטערט צו די דריי באַזאָרגטע נגידים, וואָס די ערדי־שע תאווה'ס ביי זיי זענען נאָך נישט געווען פאַרלאָשן. ער האָט זיי געוואָלט באַרואיקן, אַז דאָס מלכות פון גערעכטיקייט איז נאָענט. אָבער אין יענער רגע האָט די טיר זיך האסטיק אויפגעריסן און מיכיהו איז ארויסגעלאָפן ווי א שטו־רעמווינט. תקועי האָט לאַנג געקוקט צום אָרט. וואו איז ער פאַרשוואונדן, אָט דער באָרוועסער מאַן, —האָט ער זיך אַליין געפרעגט.— איז ער א שטראָפער ביים פאָלק, אָדער זיין הארץ איז בלויז פאַראומערט און ער האָט פאַרגעניגן פון פייניקן זיך אַליין? ווי גרויזאַם עס פירן זיך די נזירים! זיי הערן די זיפצן פון די פאַריאָכטע, אָבער זיי רירן זיך נישט ארויס פון מדבר, אַזוי ווי די פייגל וואָס ווילן נישט פאַרלאָזן די וואַרעמע נעסטן. זיי הערן דאָס קלינגען פון שווערדן, אָבער זיי אַנטלויפן פאַר דעם ליכט פון טאָג. דער נזיר וואָלט באַדאַרפט זיין שטאַרק ווי א זייל, אָבער זיין אָנשפּאַר איז אַזוי ווי א ראָרשטאָק ביים גרינעם טייך אין מצרים, וואָס צעשטעכט די האַנט פון דעם, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אים.

פון א נידעריקער טיר הינטער דער בימה, ווי א גרוב־עפּעננונג, איז ארויס־געקומען איתמר. ער האָט געטראָגן א טונקעלן דעקטוך און אויף זיין שטערן איז געהאַנגען א קמיע, וואָס האָט געלויכטן אַזוי ווי די רויטע קרויזן פון זיין פריש־געזאַלבטער באָרד. ער האָט געשפּרייזט צו תקועי'ן.

— די וועכטער האָבן געבראַנגט די קעמלען מיט גאָלד, —האָט ער מיט פרייד געזאָגט.— חטיפא איז געפאַנגען.

און איידער תקועי האָט געעפנט די ליפּן צו דאַנקען דעם האַר פון דער וועלט, וואָס האָט געגעבן איזבל'ס רויב אין די הענט פון די געטרייע, האָט איתמר אָנגעוויזן אויף די פאַרזאַמלטע:

— די רייכע הענדלער זענען געקומען, פאַרוואָס פעלן די סופרים?

די פרייד מיט דעם געפאנגענעם גאָלד האָט זיך אויסגעלאָשן, ווען זיינע צאָרנדיקע בליקן האָבן געזוכט די חכמים פון ישראל. ער האָט נישט אראָפּ־גענומען די אויגן פון תקועי'ן, די אויגן וואָס האָבן געפרעגט: וואו זענען די לערער וואָס הייסן דאָס פאָלק אכטן שטאָלץ קעגן פאריאָכונג, דעם מאן פון מארק קעגן דעם יחסן, דעם ערלעכן קעגן דעם פאלשן? פארוואָס פעלט דאָ דער שר פון תורה אלישמע? און יצחק בן רעואל? די איינגעשפּארטע זיצן נאָך אין דעם לעצטן הויז פון מירמלשטיין, אָבער די שוואכע, וואָס איזבל האָט פאר־הונגערט, ציען אין מדבר אריין. זיי גייען אריין טיפער אין דעם קעניגרייך, וואָס האָט נישט קיין גרענעצן, קיין צוימען, — אין דער מלוכה פון שטויב, וואָס דאָ שפּרייזט זי זיך אויס און דאָרט ווערט זי איינגעשרומפּן. זיי געפינען רו אין די אויסהוילן פון דער רויטער ערד, וואָס וועגן איר זאָגט די מלכה, אז די זאמדן וועלן פלאקערן און דער הימל וועט זיך איינוויקלען אין זיילן פייער, ווען אירע זעלנער וועלן קומען אויסרויבערן די אנטלאָפענע פון איר שווערד.

ביי איתמר'ן האָט דאָס פנים נאָך געפלאמט פון בושה, ווען ברכיהו, באַ־גלייט פון א קנעכט, איז צוגעקומען אָנזאָגן, אז די וועכטער פון דרויסן האָבן שוין באהאלטן די זעק מיט גאָלד און די נייע זעלנער וואַרטן מען זאָל זיי איינ־שווערן ביי דער בימה. ער האָט דערציילט, אז חטיפאָ לאָזט זיך נישט אריינ־זעצן אין געפענגעניש און ער וואָרנט, אז ווי נאָר מען וועט אראָפּנעמען די קייטן פון זיינע הענט, וועט ער שטעלן אלע מענער פון בונט צום משפּט פון דער קעניגין.

— דער צידוני שרייט, אז תורתונא האָט אים פארפירט, און דער עלט־סטער פון קעניגס וועכטער האָט אים בארויבט, —האָט ברכיהו געזאָגט.— ער פאָדערט א בונד, פארזיגלט מיט בלוט, אז ער וועט ווערן דער הערשער איבער דעם שטיק לאנד, וואָס ציט זיך פון שומרון ביז מגידו. ער שווערט ביי די געצן פון שטיין און ביים פייער פון די מזבחות, אז מוראדיק וועט זיין די נקמה, אויב ער וועט בלייבן א געבונדענער.

— שטילט אים איין! —האָט איתמר באפוילן.— בלויז איין נאכט וועט חטיפאָ בלייבן אין געפענגעניש. פאררינגלט דאָס טויער, אָבער נעמט אראָפּ פון אים די קייטן, ווייל דער ערשטער קנעכט ביי דער קעניגין איז ער.

דער אלטער אליפז האָט זיך איבערגעוועקט פון דעם לייכטן דרימל, ווען זיינע אויערן האָבן אויפגעכאפּט א בייזע בשורה. די אויגן זענען נאָך געווען פארוואָלקנט, אָבער ער האָט אראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם נעפּל פון שלאָף, און אויפהייבנדיק א קליינע, קנאָכיקע האנט האָט ער געשריגן:

— איך ווייס, איך ווייס, אז צוערשט נעמט מען צו דאָס גאָלד און דערנאָך טוט מען אָן קייטן אויף די הענט פון די ברייטהארציקע. אויב מען האָט אָפּ־

געגאַרט דעם כהן, וואָס האָט געעפנט די קאַמער פון גאָלד, וויפל בייז וועט מען טון צו אונדז? ווען קומט מען דען צו מיר? ווען קומט מען צו אליפז'ן, ווען מען דאַרף גאָלד און זילבער פאַר אומערלעכע מעשים?! אַלע אין שומרון ציילן מיינע שקלים, דער צינזהאַר און דער שר! אָבער קיינער פירט נישט קיין רעכענונג פון מיינע חובות. קאָן א קנעכט ציילן די האָר פון זיין האַרם באָרד? — אַזוי קאָן דער, וואָס שטרעקט־אויס די האַנט צו מיין בייטל, אויס־ציילן די שולדן פון מיינע וויינסעדער און פעלדער. קורח, צפני, זאַמלט־איין די ווייכהאַרציקע הענדלער און זאָגט זיי, אַז שעפּסן זענען זיי געבליבן. די שלאַכט וועט דערטרונקען ווערן אין בלוט און מיר וועלן פאַרלירן פאַר גאָט און פאַרן קעניג!

תקועי האָט זיך געשטעלט ווי א וואַנט פאַר דעם אויפגערעגטן זקן און אויסגערופן:

— אליפז, אליפז, דו זאָלסט נישט ציילן דיין פאַרלוסט אין שקלים, ווייל אויב דער פּאַלאַץ וועט נישט געפאַנגען ווערן, וועט פון דיין גאָלד שטויב בלייבן און פון דיין זילבער — אַפּפאַל, און דיין ווייַן וועט זיין ווי דאָס אָפּלויף־וואַסער. די שרים וועלן בלייבן פאַרברעכער און פריינט פון רויבער און זיי וועלן ווייטער נעמען אונטערקויף־געלט. פאַר דעם יתום און קנעכט וועט מען קיין משפט נישט פירן און פאַר דער אָרעמער אלמנה וועט קיינער זיך נישט איינשטעלן. און צי מיינסטו דען אליפז, אַז צו אונדזערע ברידער הענדלער וועלן די שרים באַרמהאַרציקער ווערן?

אליפז האָט אויפגעהויבן זיינע מידע אויגן. די שיטערע באָרד האָט גע־ציטערט, אָבער די אויערן האָבן נישט געוואָלט אויפנעמען די שטרענגע רייד פון דעם וואָס באַציט די, וואָס מאָרגן וועלן זיי גזלענען און באַשטראָפן. איתמר איז צוגעקומען צום עלטסטן פון די רייכע הענדלער:

— דו האָסט נישט פאַרלוירן פאַר גאָט און פאַרן קעניג, אליפז, —האָט ער געזאָגט,— דו האָסט באַצאָלט א פּרייז.

— א פּרייז?

— אַלץ וואָס איז טייער, האָט א פּרייז און דעם העכסטן פּרייז צאָלט מען פאַר דער קרוין.

אליפז האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצאָרט און אן איבערגעשראָקענער און מיט צעשפּרייטע הענט געלאָפן צו דעם געזעמל הענדלער, וואָס זענען איי־ציקווייז אַרויסגעקומען פון צווישן די זיילן. ער האָט געשריגן:

— די קרוין! זיי גרייטן זיך אַראָפּצונעמען די קרוין פון דעם קעניגס קאָפּ. ווער וועט זי אָנטאָן?

תקועי, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט געזאָגט:

— דער, וואָס וועט ארויפגיין מיט זיינע קריגער צו שלאָגן די בני־ארם, איידער זיי וועלן באַלאגערן אונדזערע שטעט, דער וועט אָנטאָן די קרוין. דו האָסט דערלעבט דעם טאָג פון פּרואוו, אליפז. נאָך איידער די זון וועט אויפגיין, וועט דער געטלעכער מאַן פון גלעד שטיין פאַר דעם פארזאמלטן פאָלק אויפן בארג. ער וועט אָבער פריער מוזן אויסבעטן ביים האר פון דער וועלט די ברכה פון רעגן, איידער ער וועט אויפזוכן א קאָפּ פאַר דער קרוין. שטיי אויף, אליפז, פון דיין אייביקער נאַכט!

און תקועי האָט געמורמלט א תפילה: פּאָטער אין הימל, עפן די אויגן פון דעם גייציקן מאַן, ער זאָל קאָנען אונטערשיידן צווישן ליכט און פינצטערניש.

אָבער נישט די פרומע רייד פון תקועי, נאָר אליפז׳ס געשרייען, אַז די קרוין וועט פאַלן, האָט צונויפגעטריבן די צעטומלטע הענדלער הינטער דער בימה. זיי האָבן זיך געשטופּט פאָרויס, צום זקן, ווי א דערשראָקענע סטאדע שאָף, וואָס זוכט שוץ פאַר א שטורעם. פון דעם געזעמל האָט ארויסגעשפּריייט קורח. ער האָט געהאַלטן אויף זיינע פינגער דעם שפּיץ פון זיין גילדערנער באָרד און דער קילער מוח, האָט ווי זיין שטייגער, געטראַכט איינס: ווי אזוי בלייבט מען היינט מיט די שטאַרקע און מען באוואָרנט זיך פאַרן מאָרגן, אויב דעם קעניגס זעלנער וועלן באזיגן די אויפשטענדלער? די הענדלער אין אפריח מוזן שפּרייזן צווישן די גערעכטע און פאַלשע, ווען די מלוכה איז געוואָרן צו־שוואַך צו היטן זייערע פארמעגנס. מיט זיין אָנגעשטאָפּטן בייטל האָט קורח באוואָפנט די אויפגעהעצטע מורדים און זיי האָבן צוגעזאָגט צו שיצן זיינע קאַראוואַנען אויף די וועגן. און פאַרוואָס ציטערט אזוי אליפז? צי קאָן דען א מאַן פון וואוילשטאַנד אָנטאָן אויף זיך, אזוי ווי א דעקטוך, זיינע וויינסעדער און פעלדער ווען ער שטייט ביים ראַנד פון קבר?

— אליפז, פאַרוואָס וויינסטו ווי א בעטלער ווען דו שטייסט ביים טויער פון א נייער מלוכה? —האָט ער געפרעגט.— דערוויילן זיצן מיר נאָך אין די ווייַנגערטנער און די קנעכט וואַשן אונדזערע פיס און די דינסטן זאַלבן אונדזערע לייבער. גערופן האָט מען אונדז צו הערן די שבועה פון די שווערדן־טרעגער, אָבער דו פאַרשטערסט די פרייד. ווילסטו דען אַז מען זאָל ברענגען די נייע מלוכה צו דיין טיש, ווי א טעלער מיט געבאַקענע פייגן? נאַקעטע זענען מיר ביידע ארויס פון דער מוטערס טראַכט. אָבער וואָס בין איך היינט אנטקעגן דיר, אליפז? — אזוי ווי אַן אָרעמער קעמל־טרייבער אנטקעגן א רייכן תבואה־זאמלער, וואָס רוט אין טויער פון זיינע שייערן. אָבער ביים האר פון הימל בין איך רייכער פון די שטאָלצע פירשטן ארום טראָן, וואָס טרייסלט זיך שוין.

אליפז האָט אויסגעשטרעקט זיינע מאָגערע הענט צו די הענדלער.

— פארוואָס גרויסט זיך מיט זיין רייכטום קורח? —האָט ער געפרעגט.
— האָט ער דען פארגעסן וואָס עס איז געשען צו דעם ערשטן פון זיינע זיידעס אין מדבר? איך וויל נישט איינגעזונקען ווערן ווי א וואָרים אין תהום, נאָר ווען מיין טאָג וועט קומען, וויל איך מיט כבוד אראָפּגיין אין קבר. איך וויל זיין קלענער ווי איך בין, איך וויל בלייבן א מילב, אויב דער פאָטער אין הימל האָט מיר נישט געגעבן די גבורה פון א לייב. און צי ווײן איך דען ווי א בעט־לער ווען איך זאָג, אז אַלץ אונטער דער זון קומט־אָן מיט מי? פרעגט מיינע קנעכט, וועלן זיי אייך אויסזאָגן, אז איך האָב זיך געטונקען אין זיבן שווייסן פאר יעדן גארב תבואה און פאר איטלעכן הענגל ווײנטרויבן.

צפני האָט זיך געלאָזן דערנענטערט צום דערצאָרנטן זקן. דאָס דעקטוך איז געלעגן אויף אים ווי א קעניגלעך קלייד און זיין גאנג איז געווען געמאָסטן מיט חשיבות און מאכט.

— איך פארשטיי דיין פחד, אליפז, —האָט ער גערעדט,— און איך זאָג צו דיר: שרעק זיך נישט, מיין ברודער. די שווערדנטרעגער וועלן זיך נישט איילן. דער שטרייט צווישן די שלאַכטמענער און דעם פּאַלאַץ וועט אויפהערן ווען דער ערשטער רעגן וועט פאלן. א מלוכה איז ווי א שיף, וואָס שווימט אַפּ פון די ברעגן פון צור. זי איז שטארקער פון די ים־רויבער אָבער זי האָט מורא פאר די וואַלפיש, וואָס וועלן זינקען די שיף אין אָפּגרונט. די וואַלפיש זענען אַחאָב׳ס שרים, און לאָמיר פארהיטן אונדזער שיף פון זייערע ציין.

דערנאָך האָט צפני איבערגעלאָזט די הענדלער און איז צוגעגאנגען צו איתמר׳ן אים איינצורוימען א סוד:

— פינף זעק מיט גאָלד, צוויי מאָל אזוי שווער ווי ביי אליפז׳ן, וואַרטן אין דרויסן.

— וואָס פארלאנגסטו, צפני, אז דו האָסט פארדאָפּלט דיין חלק?

ער האָט דערלאנגט איתמר׳ן א האנט מיט דעם שטאָלץ פון א יחסן, וואָס זוכט פאר זיינע מעשים א העכערן לוין.

— צייט, גיב די הענדלער צייט, זיי זאָלן קאָנען רעדן צו די צינזהאַרן און ווייך מאכן די הערצער פון אַחאָב׳ס פירשטן, די רויבפייגל, וואָס שאַרפן זייערע נעגל.

— צו־שפּעט! די צינזהאַרן, די פירשטן און די רויבפייגל וועלן נישט אָפּשטעלן דאָס געיעג נאָך גזלה. דער מאַן פון גלעד האָט אַלעמען גערופן אויפן באַרג צום משפט.

— ברענגט נישט דאָס אומגליק אריין אונטערן דאַך פון דיין קאַמער, ווען דאָס שלעכטס קאָן פארהאַלטן ווערן אין טיר — האָט דער רייכער פישערמאַן זיך געבעטן.

— איך איל זיך, צפני. מיינע שלאַכטמענער זענען פלינק ווי די הירשן.

— אייל זיך נישט, איתמר, איך האָב שוין געזען א שרפה אין מיין הויז, ווען דער קנעכט האָט פארגעסן אויסצולעשן דעם לעצטן פאַקל, ווייל ער האָט זיך געאיילט צום הויז פון פארגעניגן. איך האָב געזען ווי דאָס פייער פאַר־ברענט מיינע שענסטע דינסטן.

— דער קריגסמאַן מוז זיין ווי א פייל פון בויגן.

— אויב דו איילסט זיך, איתמר, —האָט צפני געלאַכט,— פאָר מיט מיר אויף א פישפאַנג צו די ברעגן פון נבל איידער דער שטורעם וועט אָנלויפן און די רעגנס וועלן אָנטרינקען די דאַרשטיקע ערד. מיינע קנעכט וועלן דיך אריינ־זעצן אין א קליינער שיף פון פימסנהאָלץ און אויסקלייבן די שטאַרקסטע נעצן און דו וועסט דאָרט זיך לערנען די הנאה פון וואַרטן.

צפני האָט נאָך נישט געענדיקט ריידן, ווי ברכיהו האָט זיך געשטעלט פאַר איתמר'ן. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ א קראַנץ פון בלעטער און דאָס ווייסע געוואַנט איז ארום זיינע אַקסלען געווען פארבונדן מיט בלויע בענדער. ער האָט געהאַלטן א מגילה אין א לעדערנער שייד.

— די שבועה, —האָט ער דערמאָנט איתמר'ן,— די געטרייע וואַרטן אויף דער שבועה.

ווען איתמר איז שוין געשטאַנען ביי דער בימה און די צען יונגע מענער, איינגעהילטע אין ווייסע געוואַנטן האָבן אים ארומגערינגלט און אויפגעהויבן די שפּיזן מיט די ברענענדיקע פאַקלען, האָט תרשי אָנגעוויזן אויף א האַלב־נאַקעטן מאַן, וואָס איז געשטאַנען הינטער א זייל מיט אַן אָפּגעריסענעם בלע־טער־צווייג אין ביידע הענט. א פעל פון א טיגער האָט באַדעקט זיינע לענדן. זיין הויט איז געווען פאַרברענט פון דער מדבר־זון. די אויגן זענען געווען תמעוואַטע, ווי ביי א שעפּס און די באָרד איז געווען באַשאָטן מיט דעם שטויב פון ליים. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ געיאָגטער חיה. איתמר האָט געמיינט, אַז זיינע ליפּן זענען פון פחד שטום געוואָרן, אָבער תרשי האָט אים דערציילט, אַז דער ווילדער מאַן איז א שליח פון מדבר. ער הייסט יעלם, און ער איז געקומען אָנפרעגן, צי די אַנטלאָפענע פון איזבל'ס שווערד וועלן מעגן צוריקקומען אין דער נייער מלוכה פון שומרון.

איתמר האָט געקוקט אויף דעם געיאָגטן מאַן, אָבער לאַנג האָט ער נישט געדאַרפט האַלטן די אויגן אויף אים. ער האָט אַזוינע ווי ער באַגעגנט אויף אַלע וועגן. זיי זענען ענלעך צו די, וואָס ווערן געפירט פון דעם נזיר יונדב בן רכב. אין די שפּאַלטן פון בערג און אין די היילן, וואו עס האָבן זיך באַהאַלטן מורדים, האָט איתמר געטראָפן די דאָזיקע מענער, וואָס זעען אויס ווי שטערנ־זעער און מכשפים, אָבער זיי זענען פרומער און ערלעכער פון די ערפּורכטיקע

נכבדים. זייערע הערצער זענען פול מיט ביטערקייט, אָבער זיי פירן נישט מיט קיינעם קיין קריג. אָט דער אנטבלויזטער מאן יעלם, איז איינער פון יענע אָרעמע אין מדבר, וואָס האָבן בלויז איין באגער: אויסלעשן אַלע תאוות און רייניקן די אייגענע נשמות. זיי רופן זיך בני־ישימון. עס איז זיי קיינמאָל נישט אָנגעגאנגען די מלוכה און עס האָט זיי נישט געאַרט די פרייד פון די גליקלעכע און דער טרויער פון די דערשלאָגענע. די מערסטע פון זיי האָבן זיך דערווייטערט פון פרויען און די וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין די שטעט די משפחות, זענען געקומען צו זייערע ווייבער צוויי מאָל אין יאָר צו ברענגען א נייעם דור, וואָס זאָל זיך אויך אָפּזונדערן פון דער מלוכה. זיי זענען געקומען אזוי אָפט, ביז איזבל׳ס ריכטער האָבן געהייסן פארשטיינען די ערשטע צען פון די בני ישימון. זיי האָבן גענומען טבילה פארן זונאויפגאנג. זייערע ליפּן האָבן נישט פארזוכט קיין ווייַן און דעם הונגער האָבן זיי געשטילט מיט פייגן און האָניק.

— וואָס זוכסטו יעלם, אין שומרון? — האָט איתמר געפרעגט.

אין די שעפּסענע אויגן פון דעם האלב־נאקעטן מאן האָט אויפגעלויכטן א בלאסער שיין, וואָס מען זעט ביים אויפגיין פון די ערשטע שטערן. ער האָט ארויסגעלייגט דעם בלעטער־צווייג און גערעדט מיט א שטיל פארכטיק קול:

— איך און די מענער הינטער מיר ווילן קומען היטן דעם היכל, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אין דער נייער מלוכה.

אין יענער רגע האָט תקועי זיך אריינגעשטעלט צווישן אים און איתמר׳ן, און זיין שטים האָט געדונערט:

— דו, יעלם, און די מענער הינטער דיר! האָט איר דען נישט אויסגעקליבן פאר א וואוינאָרט דעם מדבר אָנשטאָט די בארגשטאָט? האָט איר דען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון עסן פלייש, ווייל שעכטן א בהמה איז אזוי ווי ברענגען א בראנדאָפּפער צום פּאָטער אין הימל? האָט איר דען זיך נישט אָפּגעקערט פון אלע מצוות? איר האָט פיינט די פרייד פון די גליקלעכע און איר ווילט נישט הערן די זיפצן פון די, וואָס ליידן. איר באָדט זיך אין לויטערן קוואַל־וואסער, ווייל די ווינטן פון שומרון מאכן אומריין אייערע לייבער. פארוואָס ווילט איר אצינד צוריקקומען דורך א טייך פון בלוט. וואָס אנדערע וועלן פארגיסן?

יעלם איז געשטאנען ווי א תם און נישט געהערט תקועי׳ס צאָרנדיקע רייד. זיין דולער בליק איז געהאנגען אויף איתמר׳ן. ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב א חלום געזען, שלאכטמאן. און אין חלום האָט א קול פון די טיפעניש מיר באפוילן צוריקצוגיין אין שומרון און היטן דעם נייעם היכל.

— א חלום!

ש. א י ז ב אַ ן

— א חלום האָט ער געזען!

א נייגעריקער המון אין דעם טונקעלן געביי האָט זיך געזאַמלט הינטער יעלמ'ען. א ראָד איז אויסגעוואַקסן ארום דעם ווילדן מאַן, וואָס זיין קול איז געוואָרן זיכערער און שטאַרקער:

— אין חלום האָב איך געזען, ווי דער אַלטער פּאַלאַץ אויפן באַרג ברענט. איך בין געשטאַנען נאָענט צו אחאָב'ס טראָן, ווען די פלאַמען האָבן פאַרצערט די פירשטן און קנעכט, און אַש איז פון זיי געבליבן. איך בין אַנטרונען דורך די זיילן פייער און געשפּרונגען איבער די טויטע גופים פון די ברענענדיקע ווענט אזוי ווייט, ביז איך בין אליין אומגעפאַלן. אָבער די שׂרפה האָט ווייטער געפלאַקערט. וואָלקנס רויך האָבן איינגעוויקלט דעם פּאַלאַץ בייטאָג, און זיילן פייער — ביינאַכט. צומאָרגנס בין איך ווידער געלאָפן פון דעם פייער אזוי לאַנג, ביז די כוחות זענען מיר אויסגעגאַנגען. אָבער דאָס מאָל בין איך אומגעפאַלן דאָ, ביים טויער פון דעם אַלטן געביי. איך האָב זיך ארומגעקוקט און דערזען די חורבות. איך האָב זיך אויסגעצויגן אין שטויב און געבעטן צום פאָטער אין הימל: האַר פון דער וועלט! באַפריי מיך פון דעם פּחד, ווייל די, וואָס וועלן ארויסקומען פון מדבר נאָך מיר, וועלן ציטערן אזוי ווי פיש וואָס מען האָט ארויסגעשלעפּט פון וואַסער און איבערגעלאָזט אויף דער יבשה. מיט אַמאָל האָב איך געהערט א טיפע שטים, וואָס איז געקומען פונעם אָפּגרונט פון די ימען. יעלם! — האָט די שטים צו מיר גערעדט, — שטיי־אויף און גיי צוריק אין מדבר! רייניק זיך און קום ווידער צוריק צו דעם דאָזיקן אָרט! קום צוריק און היט די ריינקייט פון ישׂראל! איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון חלום און געזאָגט: פון דאַנען וועל איך נישט אָפּטרעטן. די ווענט פון די חורבות וועלן מיך שיצן, ווייל א נייער היכל וועט דאָ אויסגעבויט ווערן. אויב נישט דער נייער געזאַלבטער פון ישׂראל, ווער דען וועט פאַרטרייבן מיין פּחד?

און יעלם האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און תפילה געטון. און ווי נאָר ער האָט פאַרגלאָצט די אויגן און זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו פליסטערן, האָט א דאַרע פרוי, אין צעריסענע קליידער, זיך ארויסגעריסן פון די שטאַרקע אָרעמס פון די טירוועכטער. אירע האָר זענען געווען צעשויבערט און דאָס קול אירס האָט געיאָמערט ווי ביי א קלאָגוויב. מיט אירע שוואַכע עלנבויגנס האָט זי זיך געריניקט א וועג אין דעם געדראַנג, ביז זי איז אנידערגעפאַלן אויף אירע קני פאַר איתמר'ן און אויסגעשטרעקט די הענט:

— ברענגט צוריק צו מיר דעם, וואָס האָט פאַרגעסן ארויפצולייגן ברויט אויף מיין טיש און צו לערנען תורה מיט זיינע קינדער, — האָט זי געשריגן, — אין ברענענדיקן מדבר איז ער אוועק אליין און אונדז האָט ער איבערגעלאָזט אויסצוגיין פון הונגער און דאָרשט אין דער שטאָט פון פייער. פאַרוואָס האָט

איר פאַרטריבן מיין מאַן, אז ער זאָל גיין וואוינען אין די לעכער פון פעלזן, ביז צו די גריבער פון חיות איז ער אוועק זיך רייניקן און מיין ליכטיקע שטוב איז פאַר אים געוואָרן א נעסט פון טומאה. פון זונאויפגאַנג יאָג איך זיך נאָך אים איבער די מערק, אָבער ער וויל נישט קומען אין מיין הויז. אָ, איר גרוי־זאַמע מענער פון ישראל! צי נאָך ווייניק אומגליקן האָט איר געברענגט אויף אונדזערע קעפּ, אז איר ווילט אויך צונעמען ביי מיר דעם באַשיצער פון מיינע שוואַכן?

אין מיטן גערודער וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די מענער אין די ווייסע סדינים, איז אַנגעלאָפן ברכיהו מיט דעם בלעטער־קראַנץ אויפן קאָפּ. זיינע אויגן האָבן געברענט פון ווילדן כעס און זיין קול איז געווען שטרענג ווען ער האָט אויפגעהויבן מיט ביידע הענט די קלאַנגדיקע פּרוי.

— שווייגן זאָלסטו, פּרוי! — האָט ער געוואָרנט. — ווייסטו דען פאַר וועמען דו שטייסט אויף דיינע קני? פאַר דעם, וואָס האָט באַפוילן צו פירן די מלחמה פון נקמה פאַר אזוינע אומגליקלעכע ווי דו. שווייגן זאָלסטו, אויב אַנשטאָט בענטש־ווערטער האָסטו געברענגט קללות אויף דיינע ליפּן.

— פאַרשווייגן זאָלן ווערן אייערע לעצטע תפילות און פאַרשטומט זאָלן ווערן אייערע לעצטע זיפצן, ווען דער מלאך פון טויט וועט קומען נאָך אייערע נשמות! — האָט די אומגליקלעכע געיאָמערט. — זיסער פון האָניק וועלן אצינד זיין די קללות אויף מיין גומען. דאָס פייער וועט מיך נישט פאַרברענען און דער מבול וועט מיך נישט דערטרינקען. אָ, אַלמעכטיקער אין הימל! פּאַטער פון די פאַרלאָזענע! גיב מיר כוח, אז איך זאָל קאָנען אויסשטרעקן מיינע מידע הענט און מיט די נעגל אויסשטעכן די אויגן פון דעם, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר א פאַרשטויסענע אלמנה און מיינע קינדער פאַר יתומים.

ווען ברכיהו האָט אַרויסגעפירט די פרוי צו דער טיר, איז דער האַלב־נאַ־קעטער יעלם געשטאַנען א פאַרציטערטער און מיט זיינע שעפּסענע אויגן געזוכט הילף ביי די וועכטער. פלוצים האָט אויפגעבלאָזן א טרומייט און א קול פון דער בימה האָט אויסגערופן:

— די שבועה! דערנענטערט זיך, איר אַלע, וואָס איר זייט גרייט צו שווערן פאַר דעם האַר פון די חיילות, אז איר וועט אויפהייבן די פאַן אויף די פעסטונגען און די שווערד אויף יענע, וואָס ווילן אָפּהאַקן דעם האַרן פון ישראל.

פון הינטער די זיילן זענען אַרויסגעקומען אַלע מענער אין ווייסע געוואַנטן און זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען פאַר דער שטיינערנער בימה. די צען געטרייע, מיט די ברענענדיקע פאַקלען אויף די שפּיצן פון די שפּיזן, האָבן זיי אַרומגערינגלט אין א האַלבן ראָד. איתמר האָט זיך דערנענטערט צום טיש הינטערן אָרון, וואו עס איז געשטאַנען די מנורה מיט דעם זילבערנעם פּוסגע־

שטעל. ער האָט אויף איין רגע ארויפגעלייגט די הענט אויף די רערן מיט די מאַנדלקווייטיקע בעכערלעך. די זיבן פלאַמען האָבן אצינד געגליט ווי די זיבן זיילן ליכט, וואָס וועלן פאַרויסגיין פאַר זיינע קריגער. אָבער די טרערן פון דער אומגליקלעכער פרוי זענען געווען הייסער פון דעם פייער און שטאַרקער פון דעם פלאַקער. די קללה פון דער פאַרשטויסענער האָט איבערגעלאָזט טרויער און ער האָט געטראַכט, אַז אַ קריגסמאַן וואָס איז נישט הארט ווי אַ פעלז, איז קיין שלאַכטמאַן נישט. ער האָט געוואָלט זיך אליין שטאַרקן, וואָרן דער ריכ־טער פון דער גאַנצער ערד ווייס, אַז ער האָט דער ערשטער פאַרלאָזט דאָס אָרט פון נזירים אויף צו שטרייטן דעם שטרייט פון די גערעכטע. נישט ר און נישט די, וואָס הינטער אים זענען שולדיק פאַר דעם פלאָג פון די אומגליק־לעכע. אָבער וואוהין דען זאָל די געשטראָפטע פרוי קומען מיט איר געוואלד־געשריי, אַז נישט אין דעם הויז פון די ווידערשפעניקע? ווי אומדערבאַרעמ־דיק מוז זיין דער קריגסמאַן איידער ער גייט ארויס אין שלאַכט. אַן ערפּורכ־טיקער מאַן וואָלט די דאָזיקע פאַרלאָזענע און פאַרשטויסענע געטרייסט, אָבער אַ שווערדנטרעגער האָט זי מיט חרפה פאַרטריבן.

אַ פאַרכטיקע שטילקייט איז געווען צווישן די פאַרלאָזענע ווענט ווען איתמר איז ארויפגעגאַנגען אויף דער בימה. ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער די, וואָס האָבן אויפגעהויבן די אויגן צו אים און געזאָגט:

— געטרייע פון ישראל! איר זייט די ווידערשפעניקע קריגער פון שומרון. נישט צו די פירשטן און הויפּלייט פון פּאַלאַץ וועט איר פון מאָרגן־אָן האָרכן, נאָר צו די באַפעלן פון דעם האַר איבער הימל און ערד, צום גאָט פון די חיילות וועט איר געהאָרכזאַם זיין. איך, איתמר בן צוער, אייער פעלדהאַר און זיין קנעכט וועלן זיינע באַפעלן אויף אייך ארויפצווינגען. און זאָל דער מאַן פון גלעד מאָרגן נישט בייקומען די פאַלשע כהנים אויפן באַרג און זאָל קומען ־י שעה פון שלאַכט, וועלן קיין שופרות אייך נישט באַגלייטן און קיין פליי‌טן וועלן אייך נישט צוריקברענגען נאָכן נצחון, ווייל גרויס טרויער וועט הערשן אין ישראל אין טאָג פון דעם קעניגס געפאַנגענשאַפט. היינט האָב איך אייך איינגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן הויז, אַז איר זאָלט פאַרזיגלען די שבועה פון געטריישאַפט מיט אייער בלוט. איטלעכער פון מיינע קריגסלייט וועט אויס־שניידן אויף זיין לייב דאָס אות „ת", ווייל תשועת אדוני וועט אייער פאַנצער ווערן. לוויים, בלאָזט אין די שופרות! כהנים, וויקלט אויף די פאַרמעטן! און איר, מיינע געטרייע ברכיהו און תרשי, שאַרפט אָן די שווערדן!

דריי יונגע לוויים האָבן געבלאָזן שופר און די טירלעך פון אָרון זענען גע־עפנט געוואָרן, דערנאָך האָבן צוויי כהנים, אין לויזע סדינים, אויפגעוויקלט קורצע מגילות און ארויסגעלייענט די שבועה פאַר די, וואָס האָבן געשלאָסן אַ

בונד מיט זייער פעלדהאר. בעסער צו פאלן פון דער שווערד פונעם שונא איידער אנצוטאן קייטן פון דעם אייגענעם מלך, און זיי וועלן די שבועה און דעם פארמעט, וואס איז באדעקט מיט דער שריפט, פארזיגלען מיט בלוט, אבער מיט דעם בלוט, וואס פליסט ארוים פון אייגענע אדערן.

די מענער, אין ווייסע געוואנטן, האבן מיט ציטערניש געהארכט די ווער־טער, וואס זענען געפאלן אין דער פארכטיקער שטילקייט און זייערע פנימער זענען געבליבן הארט און זייערע אויגן האבן געגלאנצט ווי קאלטער קופער. ברכיהו און תרשי זענען מיט זייערע קורצע שווערדן געגאנגען פון איינעם צום אנדערן, גיך ארופגעריסן ביי יעדן דאס געוואנט איבערן לינקן אקסל, אפגע־דעקט דאס פלייש, און אין איין אויגנבליק אויסגעשניטן מיט דער שארף פון דער שווערד דאס אות „ת". די געטרייע האבן פארביסן די ליפן בייצוקומען די יסורים און מיט דעם הייסן בלוט, וואס איז גערונען שנירלווייז, האבן זיי פארזיגלט זייערע חתימות אויפן פארמעט.

די לוויים זענען אנגעלאפן מיט איינגעוויקטע טיכער און מיט ליינענע בענדער און ארומגעוויקלט די וואונדן. דער נאך האבן זיי אריינגענומען די געטרייע אין זייערע ארעמס און זיי געשטארקט. די שופרות האבן ווידער גע־בלאזן, די טירלעך פון ארון האבן זיך פארמאכט. די צען מענער ארום דער בימה האבן געהייבן די ברענענדיקע פאקלען, ווי זיי וואלטן אין דער לופטן גע־צייכנט א פייערדיקע שריפט און געשריגן:

— די שווערדן וועלן מיר וואשן אין בלוט, ריין צו מאכן ווי שניי דאס לייב פון ישראל!

— די שווערדן וועלן מיר וואשן אין בלוט! — האבן די איינגעזאמלטע נאכגעשריגן.

דער עלטסטער פון די לוויים האט ארופגעלאזט זיין שופר און אנגעהויבן זינגען פסוקים, פאר דעם געזאנג־מייסטער א מזמור פון דוד האט ער געזונגען: „גאט וועט דיר ענטפערן אין טאג פון נויט. דיך וועט שטארקן דער נאמען פון דעם גאט פון יעקב. ער וועט שיקן דיין הילף פון הייליקטום און פון ציון וועט ער זיך אונטערלענען".

נאך יעדן פסוק האט דער עלטסטער לוי זיך גערוקט אויף א שריט צוריק און געווארט ביז די איינגעזאמלטע האבן אים נאכגעזונגען. און נאך יעדן פסוק איז דאס געזאנג פון די איינגעזאמלטע געווארן העכער און קרעפטיקער. און איבער דעם הילכיקן געזאנג האט זיך געהערט דאס קול פון איתמר'ן:

— איר וועט ארויסגיין אין די שלאכטן אין רייטוועגענער און מיט פערד און מיט בויגן־שטריק. אבער אין טאג פון נויט וועט איר זיך באהאלטן אין

חרובע פוקסנלעכער. אַנשטאָט ווײַן וועט איר טרינקען טרערן. קיין נביא וועט פאַר אײַך נישט אויסבעטן אַ געלעגער פון צווייגן און בלעטער. איך וועל אײַך נישט אויסטיילן קיין נחלאות נאָך אַ נצחון און איך וועל אײַך נישט מאַכן פאַר קיין נציבים איבער די דעראָבערטע שטיקער לאַנד. ווען אײַער רעכטע האַנט וועט זײַן אויפן נאַקן פון אײַערע פײַנט אין פּאַלאַץ און אויף די טויערן, וועלן די שונאים ווערן ווי אַ פײַעראויוון פאַר אײַער נקמה און דער האַר פון די חיילות וועט זיי אומברענגען אין זײַערע אייגענע פלאַמען. און עס וועלן אײַך ליב זײַן די שלאַכטן פון ווייניקע אַקעגן פילע, ווײַל קריגער פון ווידערשטאַנד וועט איר ביי מיר זײַן!

דאָס געזאַנג פון די פאַרזאַמלטע איז געוואָרן הילכיקער. די אײַנגעשוואויר־רענע זענען פון התלהבות אונטערגעשפּרונגען. די לוויים האָבן פון גרויס פרייד העכער געבלאָזן אין די חצוצרות: „ דערהויב דיך גאָט אין דײַן שטאַרקייט! מיר וועלן זינגען און לויבן דײַן גבורה!”

איתמר איז געבליבן שטיין אויף דער בימה און זײַנע ליפּן האָבן געמורמלט: זיי מיר אַ פעלז פון באַשיצונג, פאַר אַ באַפעסטיקט הויז מיך צו העלפן. וואָרן דו ביזט מײַן פעלז און מײַן פעסטונג! ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און נאָכ־געזאָגט די רייד, וואָס דער קרוינטרעגער פון ירושלים האָט אין זײַן שוואַכקייט געבעטן ביים האַר פון דער וועלט: „קריג גאָט מיט מײַנע קריגער, שטרייט מיט מײַנע שטרײַטער! נעם אָן אַ שילד און אַ פאַנצער און שטיי־אויף מיר צו הילף!”

נישט ווייט, הינטער אַ זײַל, איז געווען אָנגעשפּאַרט ברכיהו און געעפנט זײַן פּרום האַרץ מיט אַ באַזונדערער תפילה צום פאָטער אין הימל, אַז אַלע שלאַכטן פון די רעכטפאַרטיקע זאָלן געוואונען ווערן, ווי עס האָט פאַרויסגע־זאָגט דוד, דער שטאַרקסטער קריגסמאַן פון ישראל: „דערהויב דיך איבער די הימלען, גאָט, איבער דער גאַנצער ערד זאָל דײַן כבוד זײַן! אַ נעץ האָבן זיי אָנגעברייט פאַר מײַנע טריט. זיי האָבן געגראָבן פאַר מיר אַ גרוב, זענען זיי אַליין אַרײַנעפאַלן”.

אין יענער רגע איז תקוע׳י געשטאַנען ביי איתמר׳ס רעכטע האַנט. ער האָט געקוקט אויף די, וואָס זענען געווען אָנגעצונדן מיט אייפער און אָנגעגורט מיט גבורה; זײַן מוח איז געווען וואַך, אָבער זײַן האַרץ איז געווען פאַראומערט. ער האָט געוואויגן די נצחונות און מפּלות ביי די חיילות, וואָס ווערן ווידערשפּעניק צו דער מלוכה. עס איז וואָר, אַז דער פּאַלאַץ איז געוואָרן דאָס הויז פון אומריינקייט, אָבער ווער קאָן ערב זײַן, אַז נאָכן זיג פון די מורדים וועט דער בנין ווערן אַ היכל פאַר גאָט? און אויף צומאָרגנס נאָכן נצחון פון די מענער פון אויפשטאַנד, ווער וועט דען פאַרמיידן די סכנה וואָס לויערט אויפן גאַנצן

הויז פון ישראל ? נישט פון היינט־אָן און נישט פון נעכטן האָבן די שליחים פון ירושלים געוואָרנט, אז ווען די פרעמדע מלכה וועט פאַרטריבן ווערן פון שומרון און אחאב וועט זיך אומקערן אויף די וועגן פון גאָט, וועט א נייע גע־פאר, ווי א שטורעם פון ים, אָנלויפן אויף דעם לאַנד. ארם און מצרים וועלן אריינגעמען יהודה און ישראל ווי אין א צוואַנג. פאַרוואָס רודערן די פעלקער ? —האָט קעניג דוד געפרעגט— און די אומות טוען ברומען אומנישט ? די מלכים פון דער ערד שטעלן זיך אויף און די פירשטן עצהן זיך אינאיינעם אויף גאָט און אויף זיין געזאלבטן : לאָמיר צעררייסן זייער בינד און אראָפּוואַרפן זייער שטריק.

— פאָטער אין הימל ! —האָט תקועי געבעטן— גיב כוח צו דעם דאָזיקן צעריסענעם פאָלק ! ישראל וועט מוזן זיין שטארק ווי א לייב און פלינק ווי א הירש צו האַלטן אונטעריאָכט די שונאים. צי האָבן דען נישט די פאָרכטיקע פון מדבר געטרייסט, אז עס וועט זיין אין יענעם טאָג פון סכנה, וועט אפרים נישט מקנא זיין יהודה און יהודה וועט נישט פיינט האָבן אפרים ? באַנאַנד וועלן זיי אָנפליען אויף די פלישתים צו מערב און אינאיינעם וועלן זיי באַזיגן די קינדער פון מזרח. און צו אדום און מואָב וועלן זיי אויסשטרעקן זייער מעכ־טיקן אָרעם, און די קינדער פון עמון וועלן זיך איינהאָרכן צו די זיגער. און גאָט וועט פאַרוויסטן דעם צונג פון מצרים׳ס ים און ער וועט בלאָזן מיט א הייסן ווינט אויף זיין טייך און וועט אים צעשלאָגן אויף זיבן בעכן, אז מען וועט קאָנען אין די שיך אריבערגיין. אזוי שנעל וועלן פאַרטיליקט ווערן די, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דעם הויז פון ישראל.

די נאַכט איז אויסגעגאַנגען און ווען די שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו לעשן און איבערן הימל איז אויפגעגאַנגען דאָס ליכט פון דער וועלט, האָט דאָס געזאַנג פון די ווידערשפעניקע נאָך אַלץ זיך נישט איינגעשטילט. די פאַק־לען האָבן געגליט אזוי ווי דער פלאַקער אין זייערע אויגן. דאָס בלוט האָט ווי א פייער געברענט אין די אָדערן.

פון די באַגערן אין די הערצער איז געוואָרן א געבעט אויף די ליפּן, און אַלע האָבן געוואָרט, אז דער טאָג פון באפרייאונג זאָל קומען אינאיינעם מיט די ערשטע שטראַלן פון דער זון.

תקועי איז א פאַרגליווערטער, מיט צוגעשלאָסענע אויגן נישט אָפּגעטראָטן פון דער בימה. און ווען ער האָט שפּעטער ווידער געעפנט די אויגן, האָט ער פּלוצים דערזען, ווי די ווענט פון דעם אַלטן געביי זענען זיך צעפאַלן. דער דאַך האָט זיך געעפנט און דער געלענדער האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט, און א פלאַמענדיקע זון האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם שלאַכטפעלד. צווישן ישראל און די פעלקער פון מזרח און פון מערב. אויפן העכסטן בארג איז דעמאָלט

געשטאנען דער מאן פון גלעד, און אזוי ווי אמאָל דער לוחות־טרעגער אין מדבר, האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע הענט צום הימל. און איתמר מיט זיינע שווער־דנטרעגער האָבן געטריבן די שונאים פון דער ערד פון ישראל, וואָרן דאָס קול פון אלמעכטיקן אליין האָט צו אים גערעדט: מיין זון ביסטו. איך האָב דיך היינט געבוירן, בעט ביי מיר און איך וועל דיר געבן פעלקער צו ארבן.

ב וך ד ר י י

איזבל'ס קעניגרייך

א

צומאָרגנס נאָכן זונאונטערגאנג, אײדער די רעגנס פון מבול האָבן גע־פלײצט אויף דער װעלט, זענען אַלע איזבל׳ס כהנים געלעגן געשאָכטענע בײם טײך קישון. פיר הונדערט און פופציק כהנים פון בעל און פיר הונדערט פון דער אשרה, װאָס האָבן געגעסן בײ איזבל׳ס טיש, זענען אומגעקומען דורך דער שװערד פון אליהו, דער מאַן פון גלעד. דער דערשראָקענער אחאָב האָט צוגע־זען װי דאָס װאַסער אין טײך װערט רויט פון זײער בלוט, און ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף זײן רײטװאָגן און איז אין געאײל אװעק קײן יזרעאל. איזבל האָט ארויסגעשיקט אירע רײטער צו כאַפּן אַ לעבעדיקן דעם װידערשפּע־ניקן מאַן, אָבער אײדער דער געטלעכער שליח איז צוריק אנטלאָפן אין מדבר, האָט ער געזאָגט צו זײנע שליחים, װאָס זענען געװען עדות פון דער שלאַכט פון די גאָטפאַרכטיקע קעגן די געצנדינער:

— גײט אראָפּ אין שטאָט און זאָגט אָן דעם פאָלק, אַז די געצן זענען צע־בראָכן, די בימות צעשמעטערט און די פאַלשע כהנים זענען פון מײן שװערד פארטיליקט געװאָרן. פון הײנט אָן װעט פאַלן טוי און רעגן אויף מײן לאַנד, אַזױ װי עס האָט באַװיזן פאַר מיר יהוה דער גאָט פון ישראל, װען ער האָט אראָפּגעשיקט דעם קװיל פײער צו פארצערן דעם בראַנדאָפּפער אויף זײן מזבח.

די שליחים זענען אָנגעקומען אין שומרון און באַלד זענען די מערק און די גאַסן פול געװאָרן מיט די אײנװאױנער פון דער אונטערשטער שטאָט. װאָס זע־נען אָנגעלאָפן צו הערן די בשורה־ברענגער. די טעפּער זענען נאָך פריער אװעק פון זײער לײם, די שמידן פון זײער אײזן און די שפּינער פון זײער פלאַקס, אָנצוקוקן די שליחים װאָס האָבן דערצײלט, אַז אַזױ װי עס שנײדט מיט דעם סערפּ דער מאַן פון פעלד זײן תבואה, אַזױ האָט אליהו געשניטן די קעפּ פון די פארפירער פון ישראל. דאָס ליכט פון טאָג האָט זיך געלאָשן. די פײערן פון די ערשטע פאַקלען האָבן אויפגעלויכטן איבער דער אויסדערװײלטער שטאָט, און פלוצים האָבן װאָלקנס פון געװיטער שװאַרץ געמאַכט דעם הימל און פון די

דונערן און בליצן האָט אויפגעציטערט די ערד, אַזוי ווי בערג וואָלטן אונטערגעשפרונגען און טאָלן וואָלטן איינגעזונקען. אָבער דאָס פאָלק האָט נישט געציטערט, און אַלע פאַרכטיקע זענען געפאַלן אויף זייערע פּנימער און מתפּלל געווען צום פאָטער אין הימל, וואָס ער האָט ווידער אַראָפּגעשיקט די רעגנס פון ברכה אויף דעם דאַרשטיקן לאַנד.

דער גליענדיקער שטויב איז אויסגערונען און די הייסע לופט האָט זיך אויסגעוועפּט, און אַ קעלט פון שווידער האָט דורכגענומען אַלעמענס לייבער. אָבער דאָס פאָלק איז געבליבן ליגן אויף די קני און אויפגעהויבן די אויגן צו די הויכקייטן, צו זען ווי די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט און די שלאַקס־רעגנס האָבן אָנגעטרונקען די אויסגעברענטע פעלדער און סעדער און אָנגעפילט די טייכן און קוואַלן, וואָרן אַלץ וואָס לעבט האָט ווידער געמוזט גדייען, און דאָס וואָס וואַקסט אין בויך פון דער ערד, האָט פונדאַסניי געמוזט אַרויסשפּראָצן.

די צוריקגעקומענע האָבן זיך איינגעזאַמלט פאַר די טרינקשטובן און שפּילהייזער. די הענדלער האָבן פאַרלאָזט די בוידן. די שטערנזעער זענען אַרויס פון די ערד־אויסהוילן און די אביונים האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די שוועלן. און אויף אַלעמענס ליפּן איז די שלאַכט אויפן באַרג געוואָרן אַ מעשה פון וואונדערצייכנס, וואָס האָט פאַרכטיק געמאַכט די הערצער פון די אומדערשראָקענע. צווישן די וואָס זענען אומגעגאַנגען אין פאָלק און מיט פלאַמיקע רייד דערציילט וועגן דער שחיטה. איז געווען יצהר בן רעואל, דער באַגלייטער פון דעם עלטסטן לערער אלישמע, וואָס ביז צום הונגער אין לאַנד האָט ער געפּרעדיקט צו שווינען דעם כבוד פון מלך, ווייל ער באַשיצט די לערער פון ישראל. זיין גאַנג איז, ווי זיין שטייגער, געווען אַ געשווינדער. ער האָט, ווי שטענדיק, געטראָגן דעם רויטן געפּרעסטן וויקלמאַנטל מיט פאַלדן, וואָס האָבן צוגעדעקט זיינע פיסקנעכלען. זיין צונג האָט אָבער מער נישט געהאַט קיין געלאַסענע רייד פאַר דעם הויז פון אחאָב, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אייפער פון די ווידערשפּעניקע איז שטאַרקער פון די פרידלעכע רייד ביי די סופרים.

יצהר בן רעואל האָט געדענקט די זאַטע טעג, ווען ער האָט אינאיינעם מיט עובדיהו׳ן אויסבאַהאַלטן די יונגע נביאים פון איזבל׳ס צאָרן, און ער האָט שטילערהייט געפלוכט די קעניגין, וואָס האָט באַפוילן צו פאַרהונגערן די שרים פון דער תורה. ער איז, צוזאַמען מיט גאַנץ ישראל, אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג כרמל. דאָס בלוט פון די געשאָכטענע כהנים האָט אים מער נישט געשראָקן. און נאָך דעם נצחון פון אליהו׳ן איבער די געצנדינער, איז ער אַראָפּגעקומען אין שטאָט און איינגעזאַמלט די איבערגעבליבענע לערער הינטערן טויער פון די שופרות, זיי צו לאָזן הערן וועגן דער שלאַכט וואָס דער האר פון דער וועלט אַליין האָט אָנגעפירט. יצהר האָט דערציילט, אַז דורכן גאַנצן טאָג, ווען איתמר

בן צוער האָט געהאַלטן גרייט זיינע באַשוואָוירענע קריגער, האָט דער באַרג זיך נישט געוויקלט אין רויך. אין באַגינען האָט דער מלך פון ישראל געפאָלגט דעם מאַן פון גלעד און איינגעזאַמלט דאָס פאָלק און די כהנים פון איזבל, און אליהו האָט צו זיי געזאָגט: ביז וואַנען וועט איר אַרומשפּרינגען אויף צוויי צווייגן? איך אַליין בין געבליבן אַ נביא צו יהוה און די נביאים פון בעל זע־נען פיר הונדערט און פופציק מאַן! דערנאָך האָט ער זיך געהייסן ברענגען צוויי אָקסן, און גערעדט צו די געצנדינער, זיי זאָלן צעשניידן איין אָקס און עס אַרויפלייגן אויפן האָלץ פון זייער מזבח און קיין פייער זאָלן זיי נישט אונ־טערלייגן. און אַליין האָט ער צעשניטן דעם צווייטן אָקס און אים אַרויפגע־לייגט אויפן האָלץ. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרריכט דעם צעשטערטן מזבח פון יהוה, און קיין פייער האָט ער נישט אונטערגעלייגט. ער האָט צוגערופן די כהנים פון בעל און געזאָגט: רופט צו דעם נאָמען פון אייער גאָט און איך וועל רופן צו דעם נאָמען פון יהוה, און עס וועט זיין: דער גאָט וואָס וועט ענטפערן מיט פייער, ער איז גאָט!

דער מאַן פון גלעד האָט געשפּעט פון די כהנים פון בעל, ווען זיי האָבן צוגעגרייט זייער אָקס פאַר אַ בראַנדאָפּפער. זיי האָבן גערופן דעם נאָמען פון בעל פון פרימאָרגן ביז אין מיטן טאָג: — בעל, ענטפער אונדז! אָבער קיין קול און קיין ענטפער איז נישט געקומען. האָט דער מאַן פון גלעד דערנאָך גע־זאָגט צום פאָלק: גענענט צו מיר! און די פאַלשע כהנים האָבן געהונקען אַרום מזבח און האָבן זיך איינגעשניטן, ווי זייער שטייגער, מיט שווערדן און שפּיזן ביז בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיי, און דער געטלעכער מאַן האָט פון זיי געלאַכט. און זיי האָבן ווידער גערופן מיט גוואַלד־געשרייען ביז צו דער טונ־קעלער שעה, ווען מען ברענגט דעם אָוונט־קרבן, אָבער קיין קול און קיין ענט־פער און קיין הערונג איז נישט געקומען. האָט אליהו גענומען צוועלף שטיינער, אַזוי ווי ס'איז די צאָל שבטים פון די קינדער פון ישראל, און אויפגעבויט פון די שטיינער אַ מזבח צו דעם נאָמען פון יהוה, און אַ רונדע גרוב האָט ער גע־מאַכט אַרום דעם מזבח און ער האָט אויסגעלייגט דאָס האָלץ און דעם צעשני־טענעם אָקס האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ און געהייסן אָנפילן פיר קרוגן מיט וואַסער און אַרויפגיסן אויפן בראַנדאָפּפער און אויפן האָלץ. און ווען דאָס פאָלק האָט געפאָלגט, האָט ער עס געהייסן טון אַ צווייט און אַ דריט מאָל, און דאָס וואַסער איז געפלאָסן רונד אַרום מזבח און אויך די גרוב איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער.

אַז עס איז געקומען די טונקעלע שעה, ווען מען ברענגט דעם אָוונט־קרבן, האָט זיך דער געטלעכער מאַן געשטעלט פאַרן מזבח און גערופן: יהוה, דו גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל! באַווייז היינט, אַז דו ביזט דער פאָטער

פון דיין פאָלק און איך בין דיין קנעכט, און דורך דיין וואָרט האָב איך געטון די אַלע דאָזיקע זאַכן. ענטפער מיר, יהוה, ענטפער מיר און זאָל דאָס דאָזיקע פאָלק וויסן אַז דו, יהוה, ביזט גאָט און דו האָסט אָפּגעקערט זייער האַרץ אַהינטער.

איז אַראָפּגעפאַלן אַ פייער פון גאָט און האָט פאַרצערט דעם בראַנדאָפּפער, און דאָס האָלץ, די שטיינער און די ערד, אפילו דאָס וואַסער וואָס אין גרוב האָט עס ווי אויסגעלעקט. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען און איז געפאַלן אויפן פנים, און אַלע האָבן געזאָגט: יהוה, ער איז גאָט! יהוה, ער איז גאָט!

האָבן די פאַלשע כהנים געזען דאָס פייער פון גאָט און האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און געוואָלט אַראָפּלויפן פון באַרג, האָט אליהו באַפוילן צום פאָלק: כאַפּט די נביאים פון בעל! קיינער זאָל נישט אַנטרונען ווערן פון זיי! האָבן די גאָטספאָרכטיקע זיי געכאַפּט, און דער געטלעכער מאַן האָט זיי, ווי שקלאַפן, געצוואונגען אַראָפּצונידערן צום טייך קישון און ער האָט זיי דאָרט געשאָכטן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט צו אַחאָב'ן: גיי אַרויף! עס און טרינק, וואָרן עס איז אַ גערויש פון אַ סך רעגן!

ווען אַחאָב איז אַרויפגעגאַנגען עסן און טרינקען, האָט אליהו אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ כרמל און האָט זיך איינגעבויגן צו דער ערד און אַריינגעטון זיין פנים צווישן זיינע קני און ער האָט געזאָגט צו זיין יונג: גיי נאָר אַרויף, טו אַ קוק צום ים! איז ער אַרויפגעגאַנגען און געקוקט, און ער האָט געזאָגט: איך זע גאָרנישט. האָט דער געטלעכער מאַן געזאָגט: גיי ווידער אַרויף זיבן מאָל. און ס'איז געווען ביים זיבעטן מאָל, האָט דער יונג געזאָגט: זע, אַ קליין וואָלקנדל, אַזוי ווי די האַנט פון אַ מענטש גייט אַרויף פון ים. האָט זיך אליהו אָנגערופן: גיי אַרויף, זאָג צו אַחאָב'ן: שפּאַן־איין דיין רייטוואָגן און נידער אַראָפּ, כדי דער רעגן זאָל דיך נישט פאַרהאַלטן.

און אין יענער שעה איז דער הימל שוואַרץ געוואָרן פון וואָלקנס און אַ געוויטער און אַ גרויסער רעגן האָט גענומען פלייצן איבער דער וועלט. און דער מלך פון ישראל האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין רייטוואָגן און איז אַוועק קיין יזרעאל. און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף אליהו'ן, און ער האָט אָנגעגורט זיינע לענדן און איז געלאָפן פאָרויס פאַר אַחאָב'ן, ביז צום וועג וואו מען קומט קיין יזרעאל.

ב

נאָך דעם ווי אַחאָב האָט דערציילט איזבל'ן אַלץ וואָס דער מאַן פון גלעד האָט געטון, און ווי אַזוי ער האָט אויסגעהרגעט אַלע נביאים מיט דער שווערד, האָט ער אַריינגערופן דעם הויף־שרה, עובדיהו'ן, דעם ערשטן פון די געטרייע, און געזאָגט: אַ מאַלצייט אין פּאַלאַץ גרייט־צו. און זאָלסט איינזאַמלען מאָרגן ביים זונאונטערגאַנג אַלע געטרייע און עס זאָלן אויך נישט פעלן די, וואָס ווילן ווידערשפּעניקן אין דער קרוין פון ישׂראל. דאָס וואָרט פון אַ שטאַרקן מלך וועלן זיי הערן!

און איזבל האָט שטילערהייט געשיקט אַ שליח צו אליהו'ן מיט אַן אָנזאָג: זאָלן די געטער אַזוי טון און נאָך מער, אויב איך וועל מאָרגן אין דער צייט נישט מאַכן דיין לעבן אַזוי ווי דאָס לעבן פון איינעם פון מיינע נביאים! און דער הייליקער מאַן האָט אַ דערשראָקענער זיך אויפגעהויבן און איז אַנטרונען מיט זיין לעבן. ער איז אָנגעקומען ביז באר־שבע, וואָס געהערט צו יהודה, און דאָרט איבערגעלאָזט זיין יונג און אַליין איז ער אַריין טיף אין מדבר. אין דעם פרייען לאַנד, וואָס האָט נישט קיין צוימען. און ער האָט געוואַנדערט אַ לאַנגן טאָג, ביז ער האָט זיך געזעצט אונטער אַ בעזימביימל און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

ביי דעם קעניגס מאָלצייט האָט אַחאָב געזעצט אויבן־אָן איתמר'ן און פון זיין רעכטער זייט האָט ער נישט אָפּגעלאָזט עובדיהון. פאַר זיינע ראַטגעבער און פאַר דעם ערשטן הויפּטמאַן, דעם עמוני אָסף בן עודד, האָט ער געהייסן אָפּראַמען אַן אָרט ביי די הינטערשטע טישן, וואו עס זאַמלען זיך די נציבים און שופטים פון אַלע טיילן ישׂראל. מיט אַ טאָג פריער האָט אים אליהו אויפן באַרג באַזיגט, און זיין נצחון האָט געשטאַרקט די ווידערשפּעניקע קריגסלייט. די קללה פון פייער און די ברכה פון וואַסער האָבן געוויזן, ווי קליין עס איז די מאַכט פון איזבל. אַלע אירע וועכטער און קנעכט וועלן דערטרונקען ווערן ווי

מילבן אין דעם מבול, וואָס גיסט איבער דער וועלט שוין א טאָג און צוויי נעכט, און עס פאַרמאַכן זיך נישט די פענצטער פון הימל.

אין דעם פּאַלאַץ פון עלפאַנטביין האָבן די מייסטערס פון קעניג אויסגע־צירט די ווענט מיט גאָלדענע כלים, און ווי א צייכן פון פרידן, זענען די קור־פּערנע פאַנצערס און כלי־זיין געווען פאַרהאַנגען מיט פעלן פון הירשן און לייבן. די איידלשטיינער פון טאָפּאַז און סאַפּירן אין די אויסהיילן פון באַלקן, האָבן געשטראַלט ווי זיבן זונען. די אייל־לאָמפּן און די ברענענדיקע פאַקלען האָבן באַלויכטן די טישן און חיסב־בעטן, אַזוי ווי ביי אַלע פריערדיקע מאָלצייטן, אָבער דאָס ליכט האָט נישט אָנגעצונדן דעם פלאַקער אין די אויגן פון דעם מלך, וואָס האָט געדאַרפט זיין לוסטיק ווען דער הונגער אין לאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. איזבל האָט נישט געוואָלט קומען צום מאָלצייט. אין דער נאַכט פון פרייד פאַר די פּאָרכטיקע פון ישראל האָט זי זיך פאַרשלאָסן אין איר קאַמער און גערופן איר ערשטן טעמפּל־וועכטער, חטיפאַ'ן, ער זאָל באַפעלן די מייסטער פון צידון אויפצושטעלן נייע מזבחות אויף די חורבות פון די אַלטע, און הע־כערע טעמפּלען פון רויטן מירמלשטיין זאָלן אויסגעבויט ווערן אין די טויערן פון די שטעט. דער דערשראָקענער חטיפאָ, וואָס פון זיינע הענט האָט איתמר אראָפּגענומען די קייטן, איז געקומען צולויפן צו זיין הארינטע און אויפגעוויזן, אַז ביים מלכ'ס מאָלצייט וועט אויסגעפּאַכטן ווערן די שלאַכט צווישן דער טאַכטער פון אתבעל און אירע פיינט. און וואָס פאַר אַ שטאַרקע מלכה וועט זיך באַהאַלטן אין איר קאַמער, ווען איר מאַכט שטייט אין קאָן? איזבל האָט געהאָרכט חטיפאַ'ן און איז געקומען צום קעניגס טיש. חטיפאָ האָט דעם סוד פון זיין געפאַנגענשאַפט און פון דעם רויב אין דער גאָלד־קאַמער נישט אויס־געגעבן. דער באַטרוג איז געווען פאַרשטעקט טיף אין זיין האַרץ, וואָרן ער האָט געזאָגט: צווישן דעם מלכ'ס טראָן און איתמר'ס שווערד קאָן מיין קאָפּ בלייבן גאַנץ.

די רעגנס האָבן נישט אויפגעהערט צו פליצן. די וואָלקנס האָבן פינצטער געמאַכט די וועלט. ווינטן האָבן נישט צעריסן דאָס געוויטער און די זון האָט נישט אָנגעוואַרעמט די דורכגעווייקטע ערד. צווישן די ווענט פון טרקלין מיט די בלויע זיילן, וואו דעם קעניגס געסט זענען געזעסן, האָט דער רויש פון רעגן זיך געהערט אַזוי שוואַך, ווי דער אָפּהילך פון א פויקן־קלאַפּעריי אין א ווייַ־טער מלחמה. די פייערן פון די אייל־לאָמפּן איבער די קעפּ האָבן אָנגעגליט די לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געווירצן און ווייַרויך און ריחות פון גע־בראָטענע פליישן. אָנגעשפּאַרט אויף געוואַנטן פון זייד און פּורפּור, האָבן די געסט געגעסן פון טיפע שיסלען און געזופּט וויין פון ביינערנע הארנס. זיי האָבן מיט לוסט געקוקט אויף די טענצערינס און שפּילפרויען, וואָס האָבן פרייַ־

לעך געמאכט זייערע הערצער. די קנעכט זענען ארומגעלאָפן מיט זילבערנע בעקנס און אין געאייל זיי באדינט. דער מלך פון ישראל, אויף זיין העכסטן זיצאָרט, האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון עובדיהו׳ן, וואָס האָט געזאָרגט, אז אין דער היינטיקער נאכט זאָל דער נאָמען פון דעם דאָזיקן הויז נישט ווערן צו שפּאָט צווישן די פעלקער.

צווישן די הויפלייט, הינטער די זיילן פון פּאָרפיר, זענען אויך געזעסן פעלדהאַרן, וואָס אחאָב האָט שטילערהייט געדונגען אין אדום. אין דער קופּער־נער טיר האָבן זיך באוויזן רייכע וואָל־סוחרים, צינזהאַרן און קאַראוואַנען־פי־רער. תקועי, געטריי צו זיין נדר, נישט צו טרינקען דאָס וויין און נישט צו עסן די שפּייזן אין דער פאַרדאַרבענער שומרון, איז צום מאָלצייט נישט געקומען. אויך דער דערצאָרנטער יצהר בן רעואל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מלכ׳ס טיש. די פּעסטע טריט פון די אָנגעקומענע קריגסלייט האָבן באַרואיקט דאָס הארץ פון אחאָב׳ן, וואָס האָט אין דער לוסטיקער שעה נישט פאַרגעסן, אז זיין לאַנד איז באַדראָט. בן הדר, דער הערשער פון אַרם, האָט דורך שליחים היינט געוואָרנט, אז ער וועט באַלאַגערן שומרון און צוריקצאָלן פאַר אַלע פאַרלוירענע מלחמות. אליהו האָט פאַרטיליקט איזבל׳ס כהנים. אָבער דעם קריגערישן פיינט האָט ער איבערגעלאָזט ביי די געמאַרקן. בן הדר וויל אויסרויבן די אָפּגעשוואַכטע ישראל, און ער, אחאָב, מוז היינט האָבן ביי זיך יעדן שווערדנטרעגער און בוי־גנציער. ער האָט אַ קוק געטון אויף איתמר׳ן קעגנאיבער זיך און אויף די קריגסלייט הינטער אים, וואָס שלאָגן זיך ווי לייבן, און דער מלך האָט אין יע־נער רגע געטראַכט: די געדונגענע אדומים וועל איך נישט שיקן אין מלחמה, נאָר זיי האַלטן ווי אַ פּאַנצער הינטערן פּאַלאַץ, ביז צום טאָג פון נצחון.

אחאָב האָט אַ צווייט מאָל אַ קוק געטון אויף איתמר׳ן, און געזען ווי די מלכה מיט דעם גאָלדענעם קרוינבאַנד אויפן קאָפּ בייגט זיך אראָפּ צו אים. זי פּליסטערט אין זיין אויער און די רייד פון שפּאָט גייען נישט אראָפּ פון אירע ליפּן, נישט ווי אַ שטאָלצע קעניגין וואָלט געזעסן ביים גאָלדענעם טיש, נאָר אַ לוסטיקע קעפּסווייב, וואָס וויל פאַרפירן אייגעם פון איר האַרם קנעכט. פאַר־וואָס האָב איך אים נישט דערהרגעט אין יענער נאַכט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַ פאַרשטעלטער אריבערגעטרעטן די שוועל פון פּאַלאַץ? —איז אין זיין צעפּלאָמטן מוח דורכגעלאָפן אַ מחשבה.— אָבער וועלכער מלך וועט אין טאָג פון נויט אומברענגען דעם געטרייען קריגסמאַן פון זיין פאָטער? עס איז געווען גאָטס האַנט, וואָס האָט דעמאָלט ארויסגעפירט איתמר׳ן אַ לעבעדיקן פון זיין קאַמער ביז צו איזבל׳ס טיר.

איזבל איז געזעסן אויפן הייבשטול, וואָס איז געווען אזוי ווי מיט אַ טרעפּ העכער פון איתמר׳ס אָנלען־בעט. אנטקעגן. פון איר קלאָרן נאַקן איז אראָפּ־

געפאלן א רויטער זיידענער געוואַנט. אויפן שטערן, אונטער א געקרויזטן לאָק, איז געווען אָנגעהאנגען א דיסקוס, גרויס ווי א לבנה־טעלערל, באזעצט מיט איידלשטיינער. די קרוין פון ישראל האָט געטראָגן דער געהאַרכזאמער אַחאַב, אָבער אין איזבל'ס בליק איז געווען די גאווה פון א הערשערין. וואָס האָט אויף קיין איין רגע נישט ארויסגעלייגט דעם צעפּטער פון האנט. דאָס רויטע גאָלד אויפן קרוינבאנד און אויף די אָרעם־רינגען האָט געלויכטן ווי דאָס לויטערע פייער פון א שטערן אין מיטן נאכט. ביי איר רעכטער האנט איז געשטאנען חטיפא, גרייט ארייננצוכאפּן אין זיינע קורצע הענט א פאן מיט קטורת און לאָזן הערן פאר זיין הארינטע רייד פון חניפה. אָבער איזבל האָט היינט נישט פאר־טראָגן קיין פאלשע צונג. נאָך דער שחיטה ביים טייך קישון, ווען זי מער קיי־נעם נישט געטרויען. פון היינט־אָן וועט זי מוזן איבערקויפן מער קנעכט אין פאלאץ און צאָלן מער גאָלד פאר געטריישאפט.

אויב די ערד וועט ברענען אין שומרון, וועט ירושלים קאָנען ווערן דאָס אָרט פון אנטרינונג — האָט איזבלס הארץ זיך געשטארקט. האָט זי דען צוליב דעם נישט איבערגעגעבן איר טאָכטער עתליה פאר א ווייב צו יהושפט'ס זון יהורם? די מלוכה פון ישראל שפּרייט זיך אויס אריבער די געמארקן. די פאָדערשטע צוויי פיס פון אַחאַב'ס טראָן שטייען אין פאלאץ פון שומרון און די הינטערשטע צוויי פיס אין ירושלים. עתליה, איר געטרייע טאָכטער, מוז דאָס געדענקען. ווען דער מלך יהושפט וועט איינגעזאמלט ווערן מיט זיינע עלטערן, וועט זי רעגירן אין יהודה'ס קרוינשטאָט, ווי איר מוטער הערשט היינט אין שומרון. און אויב א נידערטרעכטיקער שר זאָל יהושפט'ן טויטן, וועט איר מאכט פריער קומען. פארוואָס פארגעסט אַחאַב. אַז ער האָט א חלק אין דער מלוכה פון ירושלים? נאָך היינט וועט זי אים דערמאָנען, ווי גרויס עס איז זיין כוח און ווי שטארק זיין רעכט. זאָלן די אויסגעלאַסענע יונגען פריער אויס־ליידיקן די לאָגלען.

אין געדרעכעניש איז אויפגעגאנגען די ליכטיקע נאכט אין ירושלים. ווען יהורם האָט גענומען עתליה'ן פאר א ווייב. דער הימל און די ערד זענען פאר דעם כבוד וועגן דעם פרינץ און די פרינצעסין געשוואומען אין ווייז. די פרייד האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די זיילן און זיך געענדיקט אין בעט. די פירשטן האָבן געשאלט אויף יענער זייט וואנט, ווען די עלטסטע דינסט האָט אויסגעטון די כלה פון איר ברוסטטוך און פון דעם בויכגארטל. און פון דעם העכסטן טורעם אויפן בארג ציון האָט זיך געטראָגן א געזאנג, ווען דער חתן האָט אין דער פארשלאָסענער קאמער זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און אויסגעוויקלט עתליה'ס לייב פון די לעצטע געוואנטן. די רוישיקע שטאָט האָט זיך געבאָדן אין שיין פון די פאקלען און דאָס לוסטיקע פאָלק האָט צוגעזען ווי דער יורש

פון יהודה האָט זיך געבויגן פאַר דער פּרינצעסין פון שומרון און די קרוין פון די שוואַכע האָט זיך געבוקט פאַר דער קרוין פון שטאַרקע.

ביי איזבל'ן האָט דאָס האַרץ זיך געהויבן ווי א ווינט אין געוויטער. זי האָט געוואוסט, אז חטיפאַ ציטערט פאַר זיין קאָפּ, אחאָב האָט זיך דערשראָקן פאַר די, וואָס איבער זיי דאַרף ער הערשן, און תורתונא — די טרעפּ צו אַלע געהיימע קאַמערן, — זי שטייט אויף די קני פאַר דעם שיינעם איתמר. ווער זאָגט, אז דער בייזער אליהו האָט טרויעריק געמאַכט איר האַרץ? די, וואָס האָבן צעבראָכן די מזבחות, וועלן שפּעטער אָנטון קייטן און די, וואָס האָבן געשאָכטן אירע כהנים, וועלן נישט אַנטרינען פון איר שווערד; עס זענען נאָך פאַראַן בוימייסטערס אין צידון און כהנים אין ישראל! צייט. איזבל! אַלץ וואָס א מלכה דאַרף, איז צייט, און די אַלע אויסגעצירטע געסט, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד די שונאים פון צידונס שיינקייטן, וועלן ווידער זיך בוקן פאַר דער בייטש. ווי שטומע שעפּסן וואַרטן זיי אויף אַחאָב'ס לויב־רייד פאַר דעם אַנטלאָפענעם צאַרנדיקן מאַן, וואָס האָט געוויזן וואונדער אויפן באַרג. איזבל! — האָט א שטים צו איר גערעדט. — צייל איבער ביי די טישן אַלע פאַלשע הערצער און אַלע צינגער פון באַטרוג! דו ווייסט מער ווי די ראַטגעבער, וואָס רייבן די פּלייצעס מיט אַחאָב'ס הויפּלייט, מיינען, אז דו ווייסט!

און צו זיין פריי פון מחשבות, וואָס וויגן זיך צווישן קווענקלעניש און זיכערקייט, האָט זי ווידער אמאָל זיך אַראָפּגעבויגן צו איתמר'ן, וואָס איז געזעסן צווישן זיינע באַגלייטער תרשי און אחיעזר בן דעואל. די מלכה האָט געהאַט א שמייכל אויף די ליפּן:

— צו תורתונא'ן האָב איך שטענדיק געזאָגט: איך טראָג נישט קיין שנאה צו דיין געליבטן, ווי לאַנג ער זאַמלט שווערדן און שפּיזן קעגן די פּירשטן פון אַרם, און די זיילן פון מיין טעמפּל וועט ער נישט אָנרירן. דו האָסט מיינע בימות נישט אָנגערירט, איתמר. אָבער האָסט געוואַרט מיט דיינע באַשוואוירענע, מיינע זיילשטיינער צו צעברעכן. מיין שטאַרקסטן קנעכט חטיפאַ, האָסטו אָפּגעשוואַכט און תורתונא, די שטאָלצע, האָסטו פאַר דיין דינסט געמאַכט.

איתמר, א צערודערטער, האָט אויפגעהויבן די אויגן: ווער האָט איר אויסגעגעבן דעם סוד? די שווערד איז געווען ביי זיינע לענדן, אָבער דאָס זיצאָרט האָט געבריט. אַן אומגעריכטע זאָרג איז אויפגעשוואומען אין זיין מוח: וויפיל פון די, וואָס זיצן אַרום די טישן, וועלן אים שיצן, ווען איזבל וועט פּלוצים מאָנען ביי אַחאָב'ן זיין קאָפּ? די זיכערקייט איז פון אים אוועק. די צונג האָט געוואָלט פרעגן, אָבער דאָס האַרץ האָט באַפוילן צו שווייגן. איזבל'ס שלויער בליק איז נישט אַראָפּ פון אים. אירע שוואַרצאַפּלען האָבן אים דורכגעגליט ווי הייסע שפּיזן.

— האָב נישט מורא, פעלדהאר, —האָט זי הינטערליסטיק געלאכט.— דיין קאָפּ איז צו־טייער און דיין אָרעם צו־שטארק, אז דער מלך זאָל דיך וועלן פארלירן. דו ביזט אָנגעפלויגן אין פּאלאץ ווי אן אָדלער, און ווי אן אָדלער וועסטו דאָס הויז מוזן באשיצן. אָרם, דער אלטער טיגער, גורט זיך אָן און גייט אויף שומרון! און איך שווער ביי דער קרוין פון שומרון! איידער די ערשטע שלאכט וועט אויסברעכן, וועלן מיינע כהנים ווידער זיצן ביי מיין טיש און די דינער פון בעל וועלן קניען פאר די הייליקייטן וואָס האָבן געברענגט מאכט און פרוכטבארקייט אין לאנד.

און איזבל האָט אראָפּגענומען פון הארצן א שנירל מיט דריי פּערל און זיי אויסגעלייגט אויף איר האנטפלאך און דערנאָך האָט זי דאָס אויפגעהויבן אנטקעגן דעם שיין פון אן איילאָמפּ איבער איר קאָפּ און די פּערל האָבן איינגעזויגט דאָס ליכט פון דעם פייער.

— אזוי ווי דער שיין פון פייער באָדט זיך אין די פּערל, —האָט זי געזאָגט,— אזוי שפּיגלט זיך דאָס ליכט פון דער וועלט אין שומרון. ווי לאנג ישראל האָט אן אָנלען אין צידון, וועלן אחאָב׳ס קריגער צוריקקומען פון די שלאכטן מיט גאָלד און מיט געפאנגענע. די, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אין די מערק, אז פאר די קראָטן און פאר די פלעדערמייז וועלן זיי אוועקוואַרפן מיינע הייליקייטן פון גאָלד און זילבער, זיי זאָלן אצינד זיך באהאלטן אין די שפּאלטן פון פעלזן. די טויערן פון שומרון וועל איך פאר זיי פארשליסן. אין די רואיקע טעג, ווען אָרם איז געווען אויף די קני און מואָב האָט זיך געאיילט צו ברענגען די צינזן. אזוי גיך ווי די כהנים די בראנדאָפּפערס, דעמאָלט האָב איך אחאָב׳ן געוואָרנט: שטרעק־אויס דעם גאָלדענעם צעפּטער צו דער זון און די שווערד צום ערשטן שונא!

די בעקנס זענען שוין געווען אויסגעליידיקט פונעם שעפּסנפלייש און די האָרנס פון ווײַן, און די קנעכט זענען אָנגעלאָפן מיט קוישן פרוכטן. אָבער איזבל איז נישט מיד געוואָרן צו ריידן פאר איתמר׳ן, אז אחאָב מוז געשטארקט ווערן איידער דער שטורעם פון צפון קומט־אָן. וואָס זי האָט נישט דערציילט דעם קריגסמאן איז, אז זי איז באפאלן געוואָרן פון א פּחד. זי האָט געקוקט מיט עקל אויף די אלע געסט, וואָס האָבן היינט פארנומען די שטולן פון אירע אויסגעהרגעטע כהנים. אין הארצן האָט זי געהאט א קללה, אָבער אין די אויגן איז געווען גאווה. די מחשבות אין אלע מוחות זענען פאר איר געווען אָפן, אָבער איר אייגן הארץ איז געווען פארמאכט ווי א פארזיגלטע מגילה. אויב די קללה־ברענגער פון מדבר האָט זי באזיגט, איז דען איר שווערד שוואכער פון דעם הייליקן וואָרט? פארוואָס קאָן זי נישט האלטן מלחמה מיט די נזירים מיט זייער אייגענעם וואָפן? אירע נייע כהנים וועלן אויך ווייזן צייכנס ווי

העלזעער און טויטנבאַשווערער. זייערע צינגער וועלן זיין שאַרף און זייערע רייד ביטער, און דאָס פאָלק וואָס איז אונטערטעניק צום מלך, וועט נישט וויסן דעם אונטערשייד פון גוטס ביז שלעכטס.

— איתמר, —האָט איזבל געפּליסטערט,— דיין מלך איז אויפגעקומען אין א הויז פון גיבורים. אָבער אָן איזבל'ן איז ער א שוואַכלינג קעגן יעדער אויס־געשטרעקטער שווערד. אינעם טאָג ווען איך בין אָנגעקומען פון צידון, האָט זיין פאָטער עמרי צו מיר געזאָגט: זאָלסט נישט אָפּטרעטן פון זיין רעכטער האַנט, טאָכטער פון אתבעל, ווייל מיין זון שרעקט זיך. און עמרי, זיין פאָטער, איז געווען אומדערשראָקן. מיט לוסט איז ער געלאָפן שלאָגן די נידערטרעכ־טיקע אין תירצה, און דאָס רויב זיינס פון אַלע מלחמות האָט רייך געמאַכט ישראל.

צוויי קנעכט האָבן אריינגעפירט איבער די טרעפּ פון עלפאַנטביין דעם רייכן אהליאָב. ער איז אָנגעקומען אין א בלויען וויקלמאַנטל און זיין באָרד איז געווען געשמירט מיט פרישן בוימאייל. איתמר האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אָנווייזן אָרט צווישן די נאָענטע צום מלך, אָבער דער געלאָסענער מאַן האָט מיט א שמייכל אויף די זאַטע ליפּן געדאַנקט פאַר דעם כבוד און זיך געזעצט נעבן די ערשטע וואַל־הענדלער. די מלכה האָט ווידער אמאָל זיך איינ־געבויגן צו איתמר'ן, גרייט עפּעס אריינצורוימען, אָבער אין יענער רגע האָט א שווערד א קלאַפּ געטון איבער דעם העכסטן טיש און עס איז געוואָרן גאָר שטיל.

אחאָב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָנלען־בעט. זיין הויכע געשטאַלט האָט זיך אויפגעהויבן צווישן צוויי איילאָמפּן אויף דער וואַנט הינטער אים. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און די אָפענע אַרבל פון דעם בלויען געוואַנט האָבן א פאָכע געטון ווי פליגלען. אונטערן שיין פון פייער איז די ברוינע קרויזן־באָרד געוואָרן געדיכטער און טונקעלער. ער האָט לאַנג געקוקט אויף די זאַטע געסט אַרום די טישן און געזאָגט:

— צוויי בשורות האָב איך היינט פאַר מיינע פירשטן און געטרייע: די בשורה פון פרוכטבאַרקייט און די בשורה פון מלחמה. עס וועלן ווידער וואַקסן תבואות אין מיין לאַנד און עס וועלן רייף ווערן די פרוכטן. אָבער די ערד, וואָס טרינקט זיך אַצינד אין א מבול, וועט אָפּשווענקען דאָס בלוט פון אונד־זערע קריגער. נאָך דעם היינטיקן מאָלצייט, גורט אָן די שווערדן, מיינע גע־טרייע! און צו די, וואָס האָבן אין די טעג פון הונגער געלויערט אויף מיין קרוין, זאָג איך: בינדט נישט אָפּ אייערע וואָפן, ווייל קעגן א שונא וועט איר מוזן אייערע פיילן וואַרפן. צו די געטרייע און צו די ווידערשפּעניקע איז היינט מיין וואָרט: בן הדד, דער מלך פון אַרם, האָט איינגעזאַמלט זיין חיל און

געשלאָסן א בונד מיט צוויי־און־דרייסיק מלכים, און זיינע שליחים האָט ער צו מיר געשיקט מיט אַן אָנזאָג: דיין זילבער און דיין גאָלד איז מיין, און דיינע ווייבער און דיינע שענסטע קינדער זענען מיינע. אויב דו ווילסט נישט אַז פון שומרון זאָל א חורבן אַש בלייבן! און וואָס זאָל ענטפערן א מלך צו די שלי־חים, וואָס קומען אין טאָג פון זיין שוואַכקייט? אזוי ווי דיין וואָרט, מיין האר מלך, —האָב איך געזאָגט,— דיינער בין איך און דאָס אַלץ וואָס איך האָב!

א רעש האָט זיך אויפגעהויבן ביים טיש הינטער איתמר'ן מיט זיינע באַ־גלייטער, צוליב דעם מלכ'ס רייד. אויך צווישן די נציבים, צינזהאָרן און שקלאַפן־הענדלער, וואָס זענען געקומען פון די ווייטע טיילן אפרים, האָט זיך געטראָגן א טומל. שווערדן האָבן לייכט געקלונגען און קולות האָבן געברומט. בלויז די מיושבדיקע ראַטגעבער מיט די אויסגעקעמטע בערד האָבן זיך נישט גערירט פון די היסב־בעטן. דער ערשטער פעלדהאַר, אָסף בן עודד, אַן עמוני. האַרט ווי א פעלז, האָט געהאַט אויף די ליפּן א סודותדיקן שמייכל. דער קריגס־מאַן האָט געשוויגן ווען די שקלאַפן־הענדלער האָבן געפּילדערט. ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט. זיינע קינבאַקן זענען געווען שפּיציק. דער קאָפּ אונ־טערן קופּערנעם קיווער איז געווען איינגעבויגן און די אָנגעשפּאַרטע באַלעקנס אויף זיין נאַקן און אָרעמס זענען אָפּגעשטאַנען ווי לויזע בינדשמירעק. איתמר בן צוער, וואָס איז געזעסן אָפּגערוקט פון אים, האָט געטראַכט: דער מבול פון וואַסער וועט זיך אָפּשטעלן און עס וועט קומען א מבול פון בלוט. אָבער פאַר־וואָס שרעקט זיך דער מלך, ווען דאָס חייל פון ישראל איז הינטער אים? אהליאָב האָט געלאָזט הערן פאַר זיינע בייזיצער: עס איז גוט וואָס אחאָב האָט מורא. די רו אין לאַנד וועט דויערן לענגער און די וועגן פאַר די קעמלען־קאַראַוואַנען וועלן בלייבן אָפן. אין דעם טומל איז עובדיהו אַרומגעגאַנגען די טישן און באַרואיקט די געסט, וואָרן דער מלך האָט מיט א מונטערן קול ווידער גערעדט:

— די רייד פון שרעק האָב איך געזאָגט צו די שליחים, אָבער צו מיין פעלדהאַר האָב איך באַפוילן: זאַמל־איין דאָס חייל, ווייל דער טיגער אין טויער וועט נישט זאַט ווערן מיט דעם ערשטן רויב. ער, מיט זיינע צוויי־און־דרייסיק מלכים, וועלן באַלאַגערן מיין שטאָט און זיינע שליחים וועלן ווידער קומען... און די רייד פון בן הדד'ס שליחים צום צווייטן מאָל זענען געווען מער פאַרדאָרבענערע: אונדזערע קנעכט וועלן דורכזוכן דיין הויז און וואַוינ־ערטער פון דיינע אייגענע, און וואו נאָר א גלוסטיקייט וואָס איז טייער אין דיינע אויגן, וועלן זיי אַוועקנעמען פון דיר... עלטסטע פון ישראל, וואָס איר זענט דאָ איינגעזאַמלט. צו אייך רעדט היינט דער מלך פון ישראל: בן הדד וויל מלחמה. זיין חייל איז זאַט; זיינע רייטוועגענער זענען איינגעשפּאַנט, און

זיינע פיילבויגנס אָנגעצויגן. אזוי פיל און נאָך מער פון די גוטע קריגסלייט אין ישראל זענען אין די טעג פון הונגער אראָפּגעלאָזן געוואָרן אין די קברים. אָבער גאָט פון די חיילות איז מיט אונדז, און די גבורה פון שומרון האָט זיך נישט אָפּגעטון. די פעלקער ביי די געמארקן זענען אונטערטעניק צו מיין קרוין און מואָב'ס צינזן האָב איך פארמערט אויף הונדערט טויזנט לעמער און הונ־דערט טויזנט ווידערס. וואָס זאָגן מיינע עלטסטע און מיינע פירשטן? זאָל איך באוויליקן דעם פארלאנג פון בן הדד'ן, אָדער אויפגיין זאָל איך אין א מלחמה אויף אים?

— א מלחמה אויף די בני־ארם! — האָבן די נציבים די ערשטע אויסגע־רופן און זיך געהויבן פון די ערטער.

— א קריג אויף בן הדד'ן! — האָבן די עלטסטע געשריגן.

— זאָלסט זיך נישט צוהערן און נישט איינוויליקן, מלך פון ישראל! — האָבן די פירשטן געפילדערט און געהויבן די שווערדן.

— מיינע געטרייע האָבן גוט געזאָגט, —האָט אַחאָב אצינד הילכיקער גע־רעדט,— עס וועט זיך נישט צוהערן צו בן הדד'ן דער מלך פון ישראל. ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל! נאָך איידער איך וועל אָנפרעגן דעם געטלעכן מאן פון חורב, וועל איך צו די קריגסלייט באפעלן: שלאָגט זייערע שלאכטמענער און ציט אראָפּ פון זייערע לייבער די ברוסטשילדן און די שווערדן, אז די גע־פאלענע זאָלן בלייבן ליגן נאקעטע מיט זייער בושה. און ווי שמארק איך וועל ארוים אין שלאכט, אזוי וועל איך נאָך שטארקער צוריקקומען. מיט רייטוועג־געגער וועל איך קומען, מיט דעראָבערטע שטעט און מיט געפאנגענע פאר די שקלאפן־מערק.

די אויסרופן פון פרייד האָבן זיך געטראָגן איבער די טישן און געוואַנ־דערט מיט א ווידערקול צווישן די זיילן עלפאנטביין. די קנעכט האָבן גע־ברענגט פרישע שיסלען מיט שאָפנפלייש און שפּרינגבעקנס מיט וויין. ברוינ־הויטיקע דינסטן זענען אָנגעלאָפן מיט קוישן פרוכטן אויף די קעפּ. פינף יונג־פרויען ביי דער וואנט האָבן אָנגעהויבן שפּילן אויף די גיטארעס, אָבער דער בלאָז פון א חצוצרה, הילכיק ווי א מלחמה־רוף, האָט פארטויבט די געלאָסענע קלאנגען.

דער מלך האָט אויסגעשפּרייט די הענט, אז דאָס גערודער זאָל זיך איינ־שטילן און נאָך געזאָגט:

— אָסף בן עודד, מיין ערשטער הויפּטמאן, וועט שלאָגן דעם פיינט הינ־טער די מויערן פון מיין פעסטונגשטאָט, און אלקנה השמעי, וואָס האָט נישט פארלאָזט מיין רעכטע האנט, וועט זיי נאָכיאָגן ביז אפק. און איתמר בן צוער, דער געטרייער פון מיין פאָטער, וועט זיי טרייבן אויף די וועגן צו עשתרות און

קרניים און ווייטער, ביז צום לאַנד פון אַרם־דמשק. און איר אַלע זאָלט זיי פאַרטיליקן פון פאַרנאַכט ביזן פרימאָרגן. זייערעביידלעך זאָלט איר פאַרברע־נען און זייערע רייטוועגענער אויפן פייער זאָלט איר וואַרפן, און עס זאָל פון זיי נישט אַנטרינען ווערן קיין מאַן, ווייל קיין מאָל איז נאָך קיין פרעמדער פירשט נישט געקומען צום הערשער פון ישראל וואָרענען: איך וועל אַרויפ־קלעטערן אויף די טורעם־ווענט פון שומרון. ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל'ס חיילות! נאָך אין באַגינען וועל איך צוריקשיקן די שליחים צו בן הדד'ן מיט אַן אָנזאָג: זאָל דער, וואָס גורט זיך ערשט אָן, זיך נישט רימען ווי דער וואָס בינדט זיך שוין אָפּ!

די פרייד־געשרייען זענען געוואָרן הילכיקער און האָבן געקלונגען ווי דער שאַלרוף פון נצחון נאָך אַ שלאַכט. דער מלך האָט זיך צוריק געזעצט און די געטרייע האָבן אים נאָכגעטון. עובדיהו האָט געפּאַטשט אין די הענט און גערופן:

— קנעכט, מער קרוגן! מער שפּרינגבעקנס!

אין טומל זענען די פּריילעכסטע צווישן דעם קעניגס געסט געווען די קנעכט־הענדלער. זיי האָבן אויסגערעכנט וויפל קייטן און שטריק זיי וועלן מיטפירן צו די שלאַכטן, און ווי גרויס עס וועט זיין דער פּרייז פאַר יעדן גע־זונטן קנעכט. אָבער די זאָרגן פון אַלע קנעכט־הענדלער אין לאַנד האָט אויף זיך גענומען מלכיאל בן רם, דער רייכסטער צווישן זיי. די בני־אַרם זענען שיינע מענער מיט שטאַרקע אָרעמס, — האָט ער צו זיך געזאָגט. זייערע פרויען זענען גוט פאַר דינסטן און זיי קאָנען ברענגען לוסט צו די פירשטן פון די מזרח־פעלקער. מיט אַ קרוג וויין אין האַנט האָט ער פאַרלאָזט דעם טיש און זיך דערנענטערט צו פּקחיהו'ן, צו דעם וואָס שטייט צוגעשמידט הינטער אַחאָב'ס אַקסלען. מלכיאל איז געווען הויך און ברייט. איינגעהילט אין אַ רויטן מאַנטל מיט אַ געפלאָכטענעם בויכבאַנד. זיין געלע באָרד איז געווען געדיכט און זיינע שאַרפע ציין האָבן געבליאַסקעט צווישן די פולע פליישיקע ליפּן. ער איז אַצינד געווען אויפן וועג צו שליסן אַ בונד פון האַנדל מיט דעם מלכ'ס רעכטע האַנט.

אויף איתמר'ס אויערן זענען דעם קעניגס ווערטער געפאַלן ווי אַ לוסטי־קער מלחמה־געשאַל, אָבער די פרייד ביים קריגסמאַן איז באַלד דערטרונקען געוואָרן אין טרויער. דער מלך האָט געגערדט אומדערשראָקענע רייד. אָבער הינ־טער דער שטאַרקייט איז געווען דער פּחד פון אַ רעגירער, וואָס האָט מורא צו פאַרלירן די קרוין. אים, איתמר'ן, שיקט ער אַרויס דעם לעצטן אין שלאַכט, ווייל ער וויל אים טרייבן וואָס ווייטער פון פּאַלאַץ. ער געטרויט נישט דעם געטרייען פון זיין פאָטער עמרי. וואָס פאַרא מאָלצייט ערב אַ נצחון איז דאָס?

די מלכה קויפט־אונטער קנעכט פאר נקמה, דער קעניג וויל פאריאגן די גיבורים פון פאלאץ. און ווי אזוי קאן געשטארקט ווערן א מלוכה נאך דריי יאר טרי־קעניש אין לאנד און מיט א שונא ביים טויער?

איתמר האט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איזבל׳ן, וואס האט געטונקען אירע ליפן אין א הארן ווייַן. זיינע אויגן האבן געוואנדערט איבער די קעפ פון די עלטסטע און נכבדים, וואס האבן נישט געקאנט שטילן די תאווה נאך שפייזן און געטראנקען. ווי רואיק עס זיצן די זיכערע אויפן בארג שומרון! זיי רוען אויף די געלעגערס פון זייד; זייערע בערד זענען געזאלבט מיט די בעסטע אייל׳ן; די לייבער זענען געשמירט מיט געווירצן, און זיי מיינען, אז זיי האבן אפגע־שטויסן דעם בייזן טאג. די נציבים זענען נישט ערלעכער פון די צינזהארן, און די שופטים זענען נישט גערעכטער פון די תלינים אין געפענגעניש. וועט עס זיין א צייכן פון יהוה, וועט מכיהו, דער בארוועסער נביא, וועט ווידער אמאל אריינלויפן ווי א שטורעמווינט און אויסשרייען, אז מען זאל א קלאפ טון אן די שפיצן פון די זיילשטיינער און צעהאקן דאס גרויסע הויז אויף שטיקער און דאס קליינע הויז אויף שפענדלעך איינוואַרפן?

ער האט זיך געדרייט און געזוכט די אויערן פון תרשי און אחיעזר. אבער זיינע באגלייטער זענען נישט געווען הינטער אים. נעבן חטיפא׳ן האט א לוסט־ווייב געצופט די סטרונעס פון א גיטארע און א פריילעכע געוויגט אירע שענק־לען אויף צו פארווילן א באזויפענעם פירשט. פלוצים האט זיך איתמר אויפ־געהויבן פון זיין שטול און זיך ארומגעקוקט. ער האט זיך דערמאנט אין תור־תונא׳ן. וואו איז זי אצינד? ווער האט זי פארגעסן צו פארבעטן? פארוואס האט ער אליין זי נישט אוועקגעזעצט ביים טיש ווי א הארינטע, נאר געלאזט זי ווי א דינסט אויף יענער זייט שוועל?

און ווי פאר איזבל׳ן וואלט געוועזן אפן דער טרויער פון זיין הארץ, האט זי פלוצים איינגעבויגן איר קאפ צו דעם פארטראכטן קריגסמאן, אזוי נאענט, אז איר קרוינבאנד האט אנגערירט זיין שטערן.

— א שלאכטמאן דרימלט נישט אין טאג פון מלחמה, —האט זי שטיל געזאגט,— הייב אויף די אויגן, איתמר, און קוק זיך ארום! די שלעפערס און חענדלערס פון דער אונטערשטער שטאט האבן באזעצט דעם קעניגס טישן, און די, וואס מאכן שיין דעם פאלאץ אלע טעג פון יאר, פעלן.

און זי האט זיך האסטיק אויפגעשטעלט און איז אראפ אויפן ערשטן טרעפל פון איר הייבשטול און מיט א געשריי א פאטש געטון מיט די הענט:

— צי זענען שוין נישטא קיין טענצערינס אין הויז פון אחאב?

און אזוי ווי אין די פרייע, זאטע טעג איז אויך היינט פון דער מלכה׳ס

וואונטש געוואָרן א געבאָט. אויף עובדיהו׳ס וואונק האָט אַ קנעכט געעפנט א קופּערנע טיר און עס זענען אריינגעלאָפן מיט א געלעכטער צוועלף יונגע טענ־צערינס אין בלויע און רויטע דורכזיכטיקע שלייערן און זיך אוועקגעלאָזט אין א ראָד צווישן די זיילן.

איזבל האָט מיט א האַנט־צייכן אָפּגעשטעלט דעם טאַנץ.

— נישט די דינסטן פון הארעם, —האָט זי געזאָגט,— תורתונא׳ן. די שענסטע שפּילערין אין שומרון ברענגט אריין! תורתונא׳ן, די טענצערין פון אשור!

די באַזויפּענע געסט האָבן זיך דערפרייט מיט דעם באַפעל פון דער מלכה. דער ווייַן און די לוסט האָבן נישט געלאָזט טראכטן קיין שווערע מחשבות, און זיי האָבן אָנגעשטעלט די אויגן צו דער טיר. אָבער זייער נייגעריקייט איז נישט געשטילט געוואָרן. דערווייל האָבן צוויי שווארצע שקלאַפן אריינגעטראָגן אויף שטאַנגען א גרויסן שפּרינגבעקן. זיי האָבן געעפנט דעם דעקל, אריינגעשטאָכן א גרויסן גאָפּל, איבערגעצויגן מיט גאָלד און בליציקע איידלשטיינער, און עס איז ארויסגעשפּרונגען דער קאַרליק אמציה, מיט א רויטן געשוואָלענעם קאָפּ און דיגע פּיס. דאָס קליינע באַשעפעניש, איינגעוויקלט אין א דעקטוך פון ציגנ האָר, האָט זיך געשטעלט אויף א טעפּיך פאַר דעם קעניגס טיש, גרייט פריילעך צו מאַכן דעם מלך מיט זיינע געסט.

אין יענער רגע האָט זיך אויפגעהויבן א פאָרהאַנג אין דער וואנט, הינטער איזבל׳ס הייבשטול, און עס האָט זיך באַוויזן תורתונא. צווישן די געסט איז אויסגעבראָכן אַ גערויש און די נציבים פון די וייטע שטעט האָבן, אויפגערעגטע, זיך געהויבן פון די ערטער. איתמר האָט ווידער דערזען די דאַזיקע וואָס ער זוכט. זי איז געווען איינגעהילט אין א מאַנטל פון טונקל־בלויען זייד און מיט אן אקסלבאַנד פון גאָלדענע פייגלפעדערן. מיט איר איידעלע האַנט האָט זי א רגע געהאַלטן דעם שווערן פאָרהאַנג איבערן קאָפּ. זי איז געשטאַנען אומ־באַוועגלעך, ווי איינע פון די אויסגעשניצטע שטיינפיגורן אין דעם טראָנזאַל. פון אירע טונקעלע אויגן האָט ארויסגעלויכטן א געפייניקטע שיינקייט. איתמר האָט א פאַרשוידיקטער אראָפּגעלאָזן די אויגן און געפרעגט: פאַרוואָס, אל־מעכטיקער, לאָזטו דערנידעריקן איינע פון דיינע שענסטע באַשעפענישן? אין איזבל האָט געהאַט אויף די ליפּן דאָס, וואָס דאָס הארץ האָט איר אונטערגע־זאָגט: צוליב איר געלעגער האָט דער שלאַכטמאַן פאַרלאָזט זיין שפּיז.

— ווי שיין און ווי גלוסטיק זי איז! — האָט די מלכה א פליסטער געטון הינטער־ליסטיק צו איתמר׳ן.

— און ווי פיינט דו האָסט זי דערפאַר, מלכה! — האָט איתמר ארויסגע־זאָגט, און באַלד באַדויערט די דרייסטע רייד.

די קעניגין איזבל

— די מלכה האָט נישט פיינט אירע דינסטן, —האָט איזבל גערעדט מיט א געבייזער,— און זי האָט נישט מורא פאר די, וואָס הייבט־אונטער דעם זוים פון איר קלייד, אָבער אין איר גארטלבאנד טראָגט זי א שפּיז. דו וועסט באַלד זען, איתמר, ווי ליבע קאָן צעטרעטן א שטאָלצע פרוי. דו האָסט תורתונא׳ן אויף די קני געשטעלט, אָבער פאר מיר וועט זי, אזוי ווי אין אלע טעג, זיך אויס־ציען אין שטויב.

און איזבל האָט אויפגעהייבן אירע הענט אין דער זייט וואו תורתונא איז געשטאַנען און באַפוילן:

— טאַנץ פאר דער אשרה, תורתונא! טאַנץ! פייער איז דיין ערד און רויך איז דיין הימל!

— טאַנץ נישט, תורתונא!

דאָס אומגעריכטע קול איז געווען העכער פון איזבל׳ס באַפעל. און די, וואָס זענען געזעסן הינטער דער מלכה, האָבן פאַרוואונדערטע אריבערגעקוקט צו יענער זייט טיש. עס איז געווען דער מלך פון ישראל וואָס האָט, א דערמיג־טערטער פון וויין, אויפגעהויבן זיין ווידערשפעניק קול. די הילכיקע רייד פון אחאב׳ן האָבן ביי איזבל׳ן פאַרטריבן די לעצטע שפּורן פון לוסט. אירע גרינע אויגן האָבן געגליט אזוי ווי דער פלאַם פון דעם פאַקל צוקאָפּנס. זי האָט אצינד מיט מער צאָרן אויסגעשריגן:

— טאַנץ פאר די לוסטיקע מענער, טאָכטער פון אשור!

אחאָב איז שוין געווען אויף די פיס. ער האָט געהאַלטן דעם ליידיקן האָרן אין האַנט. זיין פּנים, איינגעראַמט אין דער ברוינער באָרד, תמיד רואיק, קיגנ־איבער דער מלכה, האָט אצינד אויפגעפלאַמט ווען ער האָט גערעדט רייד פון ווידער שטאַנד.

— נישט קיין טאַנץ און נישט קיין לוסט פאר פרעמדע הייליקייטן וועט היינט זיין, מלכה! איך האָב געשוואוירן פאר דעם געטלעכן מאַן, אז דער וואָס האָט צו די אָפּגעטער נישט תפילה געטון און אויף פרעמדע בימות קיין קרבנות נישט געברענגט, און דער, וואָס האָט דאָס ווייב פון זיין חבר נישט אומריין געמאַכט, און דער, וואָס האָט קיינעם נישט גענאַרט און נישט געפעלשט מיט דער וואָג, און דער, וואָס האָט דעם הונגעריקן ברויט געגעבן און דעם נאַקעטן קליידער אָנגעטאָן, — זיי אלע וועלן פון די פרוכטן פון לאַנד עסן און פון די רייכטימער מיט פולע הענט שעפּן. אין דער היינטיקער נאַכט טראָג איך א ליב צו דעם מאַן פון גלעד, וואָס האָט די ברכה פון רעגן ביים האַר פון הימל אויס־געבעטן. ביי מיין קרוין האָב איך דעם נביא צוגעזאָגט נישט צו פרייען זיך מיט

די הייליקייטן פון שטיין און האָלץ. און צי איז דען נישט דאָס וואָרט פון מלך אַזוי ווי דאָס וואָרט פון פאָלק, איזבל, מיין מלכה?

איזבל איז געשטאַנען אַ שטרענגע קעגנאיבער איר קעניג:

— פון וועןאַן איז די מלכה פון שומרון אונטערטעניק צו דעם מאַן פון גלעד און צו די באַרוועסע נזירים פון מדבר? זי נעמט וואָס איז רעכט און זי קריגט וואָס זי פאַרלאַנגט.

— דער מאַן פון גלעד האָט אָפּגעשטעלט דעם הונגער אין ישראל.

— ער האָט פאַרלענדט מיינע כהנים.

— ער, וואָס וואוינט אין דער וויסטעניש, האָט אוועקגענומען די טריקע־ניש אין מיין לאַנד.

— ער, וואָס טרינקט טרערן און וואַשט זיינע הענט אין בלוט. וועט אויס־גיין אין דעם דאַרשטיקן מדבר.

פון אַחאָב'ן האָט זיך נישט אָפּגעטון די ווידערשפּעניקייט אנטקעגן דער־פלוך פון דער מלכה, און צום ערשטן מאָל איז די שטאַרקע איזבל געווען אָנ־מעכטיק אין איר פאַרשעמונג. פאַר די באַזויפענע פירשטן און הענדלער האָט אַחאָב פון איר אָפּגעשפּעט. און ווי שטאַרק עס איז די בושה, אַזוי זיבן מאָל שטאַרקער וועט זיין איר נקמה, די נקמה פאַר אירע טויטע כהנים און צעבראָ־כענע בימות.

תורתונא האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זי איז אַצינד גרייט געווען זיך צו בוקן פאַר דעם, וואָס האַלט די קרוין און דעם טראָן. אָבער איתמר האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר, און שווייגנדיק זי אוועקגעפירט צווישן די זיילן.

הינטער זיי, אויף אַ היסב־בעט איז געזעסן אָנגעלענט חטיפאַ, אַ צעפלאָמ־טער פון ווין, מיט לוסט אויף די ליפּן. ער האָט געהאַלטן אויף זיין קני אַ יונגע האַרפע־שפּילערין. די יונגפרוי האָט מיט די פינגער געצופּט זיינע פּעטע באַקן.

— קוק מיך אָן. בין איך שיין?

— אַזוי ווי די בלויע ליליע אין דעם קעניגס גאָרטן.

מיט אירע אָפּגעדעקטע אָרעמס האָט זי אַרומגענומען זיינע שווערע אַקסלען.

— ריר מיך אָן. בין איך וואַרעם?

— אַזוי ווי דאָס לעבן, —האָט חטיפאַ געברומט, און זיינע רויטע אייגן זענען געווען פאַרגלאָצט,— אַ לוסטיונג וואַלט דיך, שיינע טאָכטער. פאַרגליכן צו אַ בלום וואָס זאַפּט־איין די שטראַלן פון דער זון, אָבער איך זאָג, אַז דו שיינסט ווי דער אָפּגעפּוצטער קופער פון מיינע כלים...

— די פירשטן זאָגן, אַז איך בין היים ווי דער פלאַקער אויפן מזבח.

— אָבער דו גייסט צו די זקנים, וואָס האָבן מידע ביינער און פון זייער פייער איז שוין אַש געבליבן.

איתמר האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם באַזויפֿענעם כהן און דערזען די שרעק אין תורתונא'ס אויגן. ער האָט געזאָגט:

— קום, פון מיין בעבער וועסטו טרינקען וויין.

— דער וויין וועט איינשלעפערן דיין ווידערשטאַנד, איתמר. דו האָסט ערשט געזען איזבל'ן אין איר צאָרן. אין בית־אל וואַרטן אויף איר צען כהנים, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם געטלעכן מאַנס שווערד.

— תורתונא, קום צום טיש. היינט ביזטו דעם קעניגס גאַסט!

— פאַרוואָס שרעקט דיך נישט קיין געפאַר, איתמר? —האָט זי מיט געבעט אין איר שטים געפרעגט.— טויטן וואָלסטו היינט באַדאַרפט חטיפאַ'ן, אויך דער די מלכה וועט אַוועק קיין בית־אל. איינער פון דיינע קנעכט איז אין געאייל געקומען צורייטן פון דאָרט.

— חנינא?

— ער וואַרט אויף יענער זייט טויער. די מלכה טאָר אים נישט זען.

— די מלכה זיצט ביים מאַלצייט.

— זי וועט זיך באַלד אויפהייבן און אַוועקרייטן אין דער שטאָט פון אירע שטערנזעער און גייסטבאַשווערער. און דאָרט לויערט מען אויף אונדזער בלוט. איך שרעק זיך, איתמר. דו האָסט היינט געהערט די קעניגין. עס איז מיין לעבן אָדער חטיפאַ'ס קאָפּ. זיין צונג איז ווידער לויז פון וויין. פאַרוואָס האָסטו אים אַרויסגעלאָזט פון געפאַנגענשאַפט?

איך בין נישט געקומען ברענגען טויט אין דעם הויז, וואָס דער נביא האָט ווידער געבענטשט מיט לעבן. אונדזער פיינט איז היינט אָרם. און מאָרגן גייען מיר אַרויס אין מלחמה.

— נאָך אַלע מלחמות וועט דער קעניג שוינען דיין קאָפּ, איתמר. אָבער מיך קאָן מען אומברענגען, אָדער פאַרקויפן, אַזוי ווי דער שקלאַפן־הענדלער פאַרקויפט זיין אָפּגענוצטן קנעכט. און קיין פירשט וועט זיך פאַר מיר נישט איינשטעלן.

— פאַרוואָס איז דיין פחד שטאַרקער פון דיין מאַכט, תורתונא? די, וואָס פאַרווילן מלכים, קויפט מען נישט פאַר דעם פרייז פון קנעכט.

— אַזוינע ווי איך, קריגט מען נאָך היינט אויף די מערק פון רמות־גלעד. נישטאָ קיין צו־טייערער פרייז פאַר לוסטיקע פרויען. די בייטלען פון די וואַנדערנדיקע הענדלער זענען אָנגעשטאָפּט מיט דעם קעניגס גאָלד.

ער האָט אָנגענומען אירע פינגערשפּיצן מיט ליבשאַפט און זיין בליק האָט זיך געבאָדן אין דעם שיין פון אירע אויגן.

— דיין הארץ איז ביטער, תורתונא. דער קעניג איז היינט א ברודער צו זיינע געסט, און דו ביזט געקומען א פרעמדע און א שטאָלצע.

—אין דעם קעניגס הויף האָב איך געלערנט, אז שטאָלץ איז פאר דער פרוי אזוי ווי די שלאכט פאר דעם מאן.

תרשי האָט אין געאייל פארבייגעשפרייזט די באַזויפענע, וואָס האָבן זיך געקאָלערט אויף דעם אויסגעשפרייטן פעל פון א לייב, און זיינע אומרואיקע אויגן האָבן געזוכט דעם שלאכטמאן. איתמר האָט אים א רוף געטון:

— תרשי!

— דער קעניג רעדט סודות מיט זיינע הויפטלייט, —האָט תרשי ארומקוקנדיק זיך שטיל געזאָגט,— און א שלאכטמאן, וואָס גייט מאָרגן ארויס אין מלחמה, טאָר היינט ביים טיש נישט פעלן.

ב

איתמר האָט איבערגעלאָזט תורתונא'ן, און ווי נאָר זיינע טריט האָבן זיך דערווייטערט, האָט ביי דער טענצערין פּלוצים דאָס פּנים אויפגעלויכטן. דער וואָלקן טרויער איז פון שטערן אויסגערונען און די אויגן זענען געוואָרן פריילעך. אַנשטאָט צו פאַרשווינדן הינטער די זיילן האָט זי זיך דערנענטערט צום ערשטן טיש און זיך אַריינגעזעצט אין א שטול, וואָס א פעלדהאַר האָט ערשט פאַרלאָזן קעגנאיבער איתמר'ן. הינטערווייַלעכץ האָט די קעניגין געקוקט אויף איר מיט פאַראַכטונג.

ביי אחאָב'ס רעכטער האַנט איז געשטאַנען פּקחיהו, גרייט צו געבן עצות די קריגסלייט, אָבער פון אחאָב'ס ליפּן זענען געפאַלן ווערטער הילכיקע און באַפעלערישע אויף די אויערן פון זיינע צוויי הויפּטלייט: אָסף בן עודד און אלקנה השמעי. דער שטאַרקער שלאַכטמאַן, וואָס איז געקומען דינען דעם מלך פון ישראל נאָך זיינע אַלע מלחמות אין עמון, האָט אַצינד זיך איינגעהאָרכט מיט אומגעדולד. ער האָט געטראָגן די ברוסטשילד און די שווערד ביי די לענדן. ווי ער וואָלט אָקאָרשט נישט אויסגעטרונקען א האָרן מיט וויין, נאָר ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין פּאַלאַץ נאָך א שלאַכט, אָנצוזאָגן דעם ערשטן נצחון. זיין פּנים איז געבליבן האַרט ווי א פעלז. זיינע אויגן האָבן געקוקט שאַרף אויף האָרן און אויף קנעכט. און פון זיין שטערן האָט אַראָפּגעלאַכט יעדער קנייטש און יעדער קאַרב, ווען ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן אויף די נציבים און הענדלער, וואָס האָבן שוין געציילט דאָס גאָלד פון דעם רויבזאַק. פּלוצים האָט ער דערזען נעבן זיך מלכיאל בן רמן. דער שקלאַפן־הענדלער איז געשטאַנען הינטער פּקחיהו'ן, מיט א פאַרמעט אין האַנט און אויף די ליפּן א פאַרלאַנג, ער זאָל דער ערשטער אָפּקויפן די געפאַנגענע קנעכט, איידער די קלענערע הענדלער וועלן אָנבאָטן ביליקערע פרייזן.

און קעגנאיבער, אויף א רויטן וואָלענעם טעפּיך, האָט דער פריילעכער

קאַרליק אַמציה זיך געקאַלערט און זיך געקנוילט ווי א וואָרעם אין יסורים. ער האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און צעשפּרייט די קורצע פיס און באַגערט, אַז דעם קעניגס בליק זאָל אויף אים פאַלן. אָבער אָסף בן עודד, וואָס האָט פיינט געהאַט לוסט און שפּיל, האָט א געשריי געטון צו פּקחיהו׳ן:

— נעם אוועק די מילב!!

— אָט דער קליינער זכר, —האָט א פעטער שקלאַפן־הענדלער זיך קייכ־לענדיק צעלאַכט,— ער קאָן צאַפּן די אייטערס פון א קו און בלייבן שטיין נישט איינגעבויגן, אויף די פיס! לייגט אים אריין אין א קעסטל פון קופּער און איך וועל אים אויסטוישן אויפן מאַרק פון דמשק פאַר א שטאַרקן קנעכט.

פּקחיהו האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט א געבייזער:

— טרעט־אָפּ. אַמציה! דער קעניג רעדט מיט דעם שלאַכטמאַן. פאַר־וואָס ברענגסטו נישט דיינע פאַרמעטן און דערציילסט נישט די געסט וועגן דעם גאַנג פון די שטערן?

דאָס באַשעפעניש, קליין אין וואוקס, ווינציק אין מאָס, מיט א נאָמען וואָס זאָגט־אָן גבורה, האָט זיך פאַרנייגט ביז צום גרעלן בויכבאַנד:

— פאַרמעטן זענען גאָלדענע שליסלען, וואָס עפענען די טויערן פון כישוף.

— האָט ער געזאָגט.

— זאָל ער אונדז בעסער טרעפן אויף וועלכע וואַסערן עס שווימען די שיפן פון די קריגערישע מלכים! — האָט א לוסטיקער נציב אויסגערופן.

דער קאַרליק האָט זיך נאָך טיפער פאַרנייגט און געוואָלט עפענען די ליפּן, אָבער א קנעכט האָט א כאַפּ געטון דעם קאַרליק אויף די אָרעמס און אים ארויס־געטראָגן. אָסף בן עודד איז געוואָרן אויף די פיס. ער האָט אומגעריכט ארויפ־געלייגט זיין רעכטע האַנט אויף דער שווערד און מיט א היציקן אָטעם געזאָגט צו אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים קעניגס טיש:

— איך וועל ארויסגיין און דערשלאָגן בן הדד׳ס חייל ביי די מויערן און די, וואָס וועלן אַנטרינען פון מיין שווערד, זאָל אלקנה השמעי טרייבן קיין רמה, ביז ער וועט נעמען אָפּק און אירע טעכטערשטעט. און ער טאָר נישט שוינען בית־תפּוח און נישט חומטה, און ער זאָל צעטרעטן קרית־ארבע און פאַרטיליקן רמות־גלעד! א מחנה גיבורים וויל איך צוריקפירן אין מיין קעניגס שטאָט!

א צעפלאַמטער פון אָסף בן עודד׳ס רייד, האָט אחאָב זיך אויפגעשטעלט און אויך ער האָט געזאָגט צו זיינע הויפּטלייט:

— די העכסטע פעסטונגשטעט זאָלט איר פאַרנעמען. און ווען דו, אלקנה השמעי. וועסט ארויפקומען אין רמת־גלעד, זאָלסטו רופן צו זיך דעם עלטסטן פון שטאָט, ער זאָל ארויסשטעלן אין מאַרק אַלע געפאַנגענע מענער, פרויען און קינדער, און זאָלסט צו אים זאָגן: אַזוי ווי דיין מלך האָט פאַרלאַנגט פון שומ־

רון, אזוי פארלאנג איך פון רמות־גלעד. אייער זילבער און אייער גאָלד איז מיין, און אייערע ווייבער און שענסטע קינדער זענען מיינע, אויב דו ווילסט נישט אז פון דיין שטאָט זאָל א הויפן אַש בלייבן.

און ווי אחאָב האָט דאָס ארויסגערעדט, איז מלכיאל בן רם צוגעקומען מיט א באנד פּערל אין האנט. זיינע אויגן זענען געווען פרייליך, די באָרד צע־פלאָכטן און זיינע בלענדנדיקע ציין האָבן צעטיילט די ליפּן אין א שלויען שמייכל.

— מיין האר קעניג, —האָט ער געזאָגט,— צי מעג דער רעגירער פון ישראל ריידן אזוינע רייד פון בושה צו די געשלאָגענע אַרמים? זאָלן די קריגער נאָר איינוואַרפן די מויערן פון שטאָט און צו די געפאנגענע קנעכט זאָל רעדן דער, וואָס האלט גרייט די קייטן.

אָבער פּקחיהו האָט אָפּגעשטופּט דעם צעקאָכטן שקלאַפן־הענדלער און גע־רעדט אצינד צום מלך, וואָס איז געווען ארומגערינגלט פון אָספ׳ן, אלקנה׳ן און איתמר׳ן.

— פון די זין פון מואב דאַרף אונדזער חייל זיך לערנען גבורה. זיי זענען לעמער אין פרידן און וועלף אין מלחמה. אין טאָג פון שלאַכט קאָנען אפילו די שטאַרקע קריגער פון מדין זיי נישט בייקומען.

— פון ווען אָן לערנען די קריגער פון ישראל גבורה ביי די פעלקער פון מואב און מדין? —האָט איתמר א דערצאָרנטער געפרעגט.— האָט דען עמרי, דער פאָטער פון מלך אחאָב, נישט געשלאָגן אליין מואב און געירשנט מיצבאָ ביז אויפן היינטיקן טאָג? פון יהושע בן נון טוט ישראל שעפּן לוסט צו שלאָגן און פון דוד בן ישי ירשנט זי די פרייד פון נצחון.

— דוד׳ס מלוכה איז געשטאַנען אין ירושלים! — האָט אלקנה השמעי געזאָגט.

— די נצחונות פון ירושלים וועלן היינט זיין די שאַלרופן אין שומרון, — האָט איתמר, א צעפלאַמטער גערעדט— די, וואָס האָבן אמאָל געוואָלט ארויפ־גיין אויף יהודה, ווילן היינט פארצוקן אפרים. און יענע, וואָס וועלן מאָרגן לאַגערן ביי שומרון, וועלן דערנאָך ווידער ארומרינגלען ירושלים.

אחאָב האָט געפירט זיינע אויגן פון איין קריגסמאַן אויפן אנדערן, ווי יצהר בן רעואל, דער לערער פון דעם מלכ׳ס זין, האָט פּלוצים זיך באוויזן אין זיין לאנגן, רויטן וויקלמאַנטל. קיינער האָט אים נישט צוגערופן, אָבער ער האָט זיך דערנענטערט צום טיש פון די קריגסמענער. קיינער האָט אים נישט גע־פרעגט, אָבער ער האָט צו זיי געזאָגט אייפערדיקע רייד:

— אינאיינעם, וועט גאנץ ישראל דערשלאָגן די פיינט. ווי האָט גערעדט דער גאָט פון די חיילות דורך די רייד פון דוד: „איך וועל צעטיילן שכם און דעם טאָל סוכות וועל איך אויסמעסטן. מיין איז גלעד, מיין איז מנשה און

אפרים איז דער קיווער פון מיין קאָפּ. יהודה איז מיין צעפּטער, מואב איז מיין וואַשטאָפּ. אויף אדום וואַרף איך מיין שוך, איבער פלשת טו איך שאַלן".

פקחיהו און די הויפּטלייט האָבן פאַרוואונדערטע זיך איינגעהאָרכט ווי דער לערער פון די פּרינצן האָט איבערגעזאָגט די רייד וואָס דער צווייטער קרוינטרעגער פון ירושלים האָט אויסגעזונגען פאַר גאָט, איידער ער איז ארויס פּאַרטייליקן אדום. יצהר בן רעואל איז באַלד פאַרשוואונדן און צווישן דעם קעניגס געסט איז געוואָרן אַ גערודער. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די הענדלער, צינזהאַרן און נציבים זיך געהויבן פון די ערטער און געמאַכט אַ געזעמל ארום דעם מלכ'ס טיש. אין געדרענג האָט דער שקלאַפן־הענדלער מלכיאל בן רם ווידער זיך גערוקט צו פּקחיהו'ן.

מיט די שטאַרקע הענט האָט ער זיך גערייניקט אַ וועג פאָרויס פון די וואָס האָבן געוואָלט וואוילגעפעלן דעם קעניג. אהליאב, דער אַנגעזועענער אין פּאַלאַץ, האָט אויף אים געקוקט מיט געלאַסענעם שפּאָט, ווי אויף איינעם וואָס מיינט, אז ער וועט מיטנעמען זיין רייכטום צו די טרעפּ פון הימל. אלע טעג פון יאָר האָט דער שקלאַפן־הענדלער געהאַט אראָפּגעלאָזטע ברעמען און בייזע ליפּן, אָבער ביים האנדל מיט דעם קעניג זענען זיינע אויגן תמיד געוועזן אָפענע פענצטער און אויפן מויל זענען געלעגן זיסע רייד. ער איז אַצינד אַ פאַרעקשנטער נישט אָפּגעטראָטן פון מלך. ער האָט זיך געבוקט און געזאָגט:

— ווער איז אַ געערטער? דער, וועלכער גיט אָפּ כבוד מענטשן. וואָרן די, וואָס ערן מיך, וועל איך ערן און די, וואָס פאַראַכטן מיך, וועל איך גרינגשעצן.

דער קעניג האָט געלאַכט:

— דיין האַרץ איז ביטער. ווער האָט דיך פאַרשעמט?

— די וואָס שטייען ארום דיין שטול, מלך. זענען ווי בייזע בינען, וואָס רוישן לאַנג אין די אויערן, אָבער קיין האָניק טראָגן זיי נישט אין זייערע שטעכערס. פּקחיהו ווייס, אז מיינע קייטן האָבן אריינגעברענגט גאָלד אין דער מלוכה. אין פרידן האנדל איך מיט פרעמדע פעלקער, אָבער איידער די מלכים פון ישראל גייען ארויס אין מלחמה, שליס איך מיט זיי אַ בונד. איך ברענג דיר אַן אָנבאָט, מלך, וואָס וועט רייך מאַכן ישראל.

— מיינע קריגסלייט וואַרטן אויף פרישע לאָגלען ווייך, און בן הדד'ס חייל איז נאָך נישט געפאַנגען.

— איך בין ערב פאַר דיין נצחון, מיין האַר מלך. אָבער דעם בונד פון האנדל וויל איך שליסן איידער דער טאָג גייט־אויף. צוויי פאַרלאַנגען האָב איך: אלע קנעכט פון אפק זאָלן מיר געהערן, און צאָלן וועל איך אַ האַלבן שקל פאַר יעדן קאָפּ. און די צינזן פון די איינגענומענע שטעט זאָלן מיינע שליחים אויפמאָנען.

— די באַזיגטע און די איינגענומענע שטעט וואַרפֿן אויף דעם פֿרעמדן צינזהאַר שטיינער אָנשטאָט גאָלד.

— פֿיר הונדערט פֿון דיינע שווערדנציער, קעניג, וועל איך באַגלייטן און איך וועל לייגן דאָס גאָלד פֿון אַרם צו דיינע פֿיס. פֿאַר מיין רעכט צו באַזיצן אַלע געזונטע מענער און יונגע פֿרויען פֿון בן הדר׳ס לאַנד זאָל איך צוויי הונדערט צענטער זילבער. אָט איז דער פֿאַרמעט, מלך פֿון ישראל. זאָל דיין ערשטער ראַטגעבער פּקחיהו. אַרויפֿלייגן דעם זיגל איידער דיינע שלאַכטמענער גייען אַרויס פֿון שטאָט.

אַחאָב און די וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן געהויבן די ברעמען. מלכיאל׳ס צונג איז געוועזן לויז און זיין פֿאַרלאַנג דרייסט. און ווי דער קנעכט־הענדלער האָט געוואָרט מיט דעם אויפֿגעוויקלטן פֿאַרמעט אויף דעם קעניגס וואָרט, האָט דער גלאָסענער אהליאָב געזאָגט:

— ער רעדט אומדערשראָקן, ווי אַ שטאָלצער שלאַכטמאַן, אָבער זיינע רייד זענען איינגעהילט אין נעפּל, ווי די זאָאונג אין אַ שיינעם חלום. און חלומות פֿון שטאָלצע מענער זענען גוט אויסצוחערן. וואָלטן די שטאַרקע פֿאַר־טריבן פֿון זיך די טרוימען, וואָלטן אַלע פֿאַרבן פֿון דער ערד אָפּגעווישט גע־וואָרן און מיר וואָלטן איינגעזונקען אין טעמפּקייט ווי די אָקסן.

און וועלנדיק אָנוויזן דעם היציקן מלכיאל בן רם, אַז דער נצחון ביים שלאַכטמאַן און די קענכט אונטער די קייטן פֿון דעם אויפֿקויפֿער זענען ערשט אַ באַגער, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— דו מוזט פֿריער דורכגיין די היילן פֿון עקדישן, איידער דו וועסט קאָ־נען זינגען מיט די מלאָכים.

מלכיאל איז מיט גרינגשעצונג פֿאַרבייגעגאַנגען אהליאָב׳ן און דרייסט גע־קוקט אויף דעם קעניגס ליפּן. דער אומדערשראָקענער קנעכט־הענדלער איז געוועזן גערעכט. דער אָנבאָט איז וואוילגעפֿעלן אַחאָב׳ן, ווייל ער האָט געזאָגט צו פּקחיהו׳ן:

— דו וועסט אַרויפֿלייגן דעם זיגל אויף זיין פֿאַרמעט, אויב זיין ערבות האָט אַזויפֿיל געוויכט ווי זיין בייטל.

און דער מלך האָט זיך אַרויסגעהויבן פֿון זיין ווייכן געוואַנד. די פֿירשטן האָבן אים נאָכגעטון. אַ קנעכט האָט געעפֿנט אַ טיר מיט הערבן, און די פֿעלד־האַרן זענען אַרויפֿגעגאַנגען אין די אויבערשטע קאַמערן איבערצושלאָפֿן דעם ווייַן איידער די טראָמפּייטן אויפֿן טורעם וועלן שאַלן. די לאַנדפֿירשטן זענען אַוועק ציילן דאָס חייל, אָבער די נציבים און די חענדלער האָבן נישט פֿאַרלאָזט די טישן, ווייל דער קעניג איז געבליבן אין זיין שטול. די פֿאַרטריבענע טענ־צערינס האָבן זיך ווידער באַוויזן און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ראָד צווישן די

זיילן. שפּילעריננס אויף גיטאַרעס האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן טעפּיך און די קלאַנגען האָבן פאַרטויבט דאָס געפּילדער פון די געסט. אין דעם גערודער האָט איתמר זיך צוגעזעצט צו תורתונאַ׳ן. וואָס איז אַצינד געווען פרייליך אין דער מאָס, ווי איר האַרינטע איזבל איז געווען טרויעריק.

תורתונא האָט מיט ליבשאַפט אויף אים געקוקט. אין אירע אויגן איז אויפגעגאַנגען א פּייכטער גלי, וואָס איז פריער געווען פאַרלאָשן, ווען איר האַרץ איז געווען שווער. זי האָט געפּליסטערט:

— געדענקסטו ווי דו האָסט געזאָגט, אז ווען דער קעניג וועט פאַרלירן די שרעק פאַר איזבל׳ן, וועל איך מעגן רעדן רייד, וואָס זענען טיף פאַרבאָרגן אין מיין האַרץ?

— דער קעניג איז היינט געשטאַרקט קעגן איזבל׳ן, אָבער ער שרעקט זיך פאַר זיינע שלאַכטמענער.

תורתונא האָט ווידער געהאַט פּחד אין די אויגן.

— ער שיקט דיך ארויס אין שלאַכט? — האָט זי געפרעגט.

— ער שיקט מיך מלחמה פירן אין דעם וויטן לאַנד. און דו האָב נישט מורא צו בלייבן אין פּאַלאַץ.

— פיר מיך אין אהליאָב׳ס הויז. דאָרט וועל איך בלייבן ביז דו וועסט צוריקקומען.

תורתונא האָט זיך צוגעבויגן צו איתמר׳ס אויער אריינצורוימען די שרעק פון איר האַרץ, אָבער אין יענער רגע האָט א קלינגעריי פון א צעבראָכענער קרוג זיך צעטראָגן צווישן די זיילן. די גיטאַרעס זענען אנטשוויגן געוואָרן. די טענצעריננס זענען זיך צעלאָפן. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און געקוקט צום הייבשטול פון דער מלכה. פון א זיילשטיין האָט איזבל אַראָפּגעכאַפּט א קרוג פון פּאַרפיר און די כלי געשליידערט צו דער ערד, אז די צעבראָכענע שערבלעך זענען געפאַלן איבער דער לייבנפעל, וואו עס זענען אויף אַלע־פיר געקראָכן די אויסגעלאַסענע פירשטן מיט יונגפרויען. די דערצאָרנטע איזבל, פאַרגעסן פון דעם מלך און פון פאָלק, האָט אַצינד געזוכט די אויערן און אויגן פון די געסט. ווען אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ, האָט זי געשריגן:

— איר לוסטיקע און באַזויפּענע! מיינט נישט, אז איזבל איז פאַרלאָזן פון אירע וועכטער. דער, וואָס האָט געטון כישוף נעכטן אויפן באַרג, איז היינט אנטרונען. אָבער מיינע שפּיזנוואַרפער וועלן אים נאָכיאָגן ביזן סוף וועלט און אים פאַנגען א לעבעדיקן צי א טויטן. און איך וועל אונטערצינדן דעם באַרג חורב, אזוי ווי א הייל פון פוקסן!

די הערשערין פון שומרון איז געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט אויף איר הייבשטול, ווי א גרויזאַמע געטין. זי איז צעריסן געוואָרן צווישן צאָרן און

נקמה. און ווי אוממעכטיק די שטארקע פרוי איז געווען אין יענער רגע, ווען זי האָט געמוזט פארבייטן די שווערד אויף דער צונג! אירע אויגן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט פייער און איר קול האָט געוואָרנט:

— איך וועל אויסקלייבן די, וואָס זייערע הערצער האָבן נישט געציטערט פאר אים און זייערע ליפּן האָבן צו אים נישט גערעדט קיין רייד פון חניפה; און איך וועל אָפּציילן די, וואָס האָבן נישט געגאָסן קיין וואסער אויף זיינע הענט — און זיי אלע וועלן שטיין הינטער מיר און באוואכן דעם פּאלאץ ביז דער ערשטער הויפּטמאַן וועט אריינטראָגן בן הדר׳ס אָפּגעשניטענעם קאָפּ.

צווישן די צעטומלטע געסט האָט זיך אויפגעהויבן א געמורמל, אָבער עס איז ווידער געוואָרן שטיל, ווייל איר צונג איז געווען שארף ווי די קלינג פון א שווערד:

— מיין נקמה וועט זיין גרעסער ווי דאָס פייער אין זמרי׳ס הויז, און דאָס שווערדן־געפּעכט אין פּאלאץ וועט זיין מוראדיקער פון דער שלאכט מיט די ארמים. נישט אַחאָב, דער מלך, נאָר איזבל וועט משפּטן די מענער פון באַטרוג. און די ערשטע פון מיינע דינסטן, וואָס האָט מיך גענארט און וואָס האָט איר געלעגער געטיילט מיט די נידערטרעכטיקע, וועל איך אָפּרייסן, אזוי ווי מען רייסט־אָפּ א זאפטיקן איילבירט פון בוים און איך וועל זי ווארפן אויפן מיסט־הויפן הינטער דער מויער, ווייל פון מיסט האָב איך זי אויפגעהויבן. זי, תורתונא, איר נאָמען איז שוין אָנגעשריבן מיט שריפט פון פייער. פּארטרייב זי! נישט פרייד, נאָר אומגליק וועט זי ברענגען אויף שומרון! די מארקטענצערין פון אשור!

און איזבל איז אראָפּ פון איר הייבשטול און איז געלאָפן צום ארויסגאנג פון פּאלאץ. אויפן צייכן פון עובדיהו׳ן, זענען די קנעכט פאָרויסגעלאָפן און געשפּרייט טעפּיכער פאר אירע פיס. אָבער די מלכה האָט זיך געטראָגן פאַרויס ווי א שטורעמווינט און הינטער איר איז נאָכגעגאנגען דער דערשראָקענער מלך, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער ערשטער שלאכט.

ג

ווען איזבל איז אריינגעקומען אין איר קאמער, האָט זי ארויסגעשיקט אירע דערשראָקענע דינסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א האלבן ראָד, גרייט זי צו באדינען. דעם קנעכט איבער די פאקלען האָט זי געהייסן אויסלעשן אלע פייערן, אויסער דעם פלאַם אין דער קופּערנער איילאָמפּ צווישן די צוויי הענגזיילן. זי האָט געהערט אַחאָב׳ס טריט, ווען ער איז אונטערטעניק איר נאָכגעגאנגען, אָבער די טיר האָט זי פאר אים נישט פארמאכט. זאָל דער וואָס האָט חרטה, זיך שטעלן אצינד אויף די קני. איר צאָרן וועט ער נישט שטילן אין דער היינטיקער נאכט, אָבער וויסן זאָל ער, אז לייבן זענען אריין אין זיין טויער. פון דער סכנה וועט דער שוואכער אַחאָב לערנען, ווי גרויס עס איז די רעכט פון א קרוינטרעגער און ווי שטארק עס מוז ווערן זיין אָרעם.

צוקומענדיק צו דער שוועל זענען אַחאָב׳ס טריט געוואָרן לאנגזאמערע. איזבל איז אים אקעגנגעגאנגען. אין איר הארץ איז געווען אָנגעזאמלט די ביטערקייט פון א געשלאָגענער, אָבער אויף די ליפּן איז געווען דער שפּאָט, אזוי ווי פון א שקלאפין צו איר האר, וואָס איז אוממעכטיק מיט זיין הערשאפט.

— איין זאך האָסטו היינט פארגעסן, מלך פון ישראל, ווען דו האָסט פארשעמט די מלכה פאר דיינע געסט, —האָט זי געזאָגט,— האָסט פארגעסן, אז מיין טאָכטער עתליה, האָב איך נאָך פריער אין ירושלים אריינגעזעצט.

אַחאָב האָט מיט צעטומלטע אויגן געקוקט אויף איזבל׳ן. איר צונג איז אצינד געווען א רויט און אירע ווערטער — פיילן. וואָס וויל זי טון צו דעם קינד, וואָס ער האָט ווי א ריינע לאַם אויף זיינע אָרעמס געטראָגן? וויל זי דען דורך דער שווערד פון עתליה א מבול פון בלוט אראָפּברענגען?

— טו נישט צו עתליה דאָס, וואָס דיינע כהנים האָבן געטון צו דיר! — האָט ער אויסגערופן.— זאָל איך בעסער פארלענדט ווערן פאר מיין צייט איידער א יורש פון מיין הויז זאָל ווערן א שפּאָט־נאָמען ביי די עלטסטע און פירטשן!

— דאָס וואָס איז ביים טיש געווען פארבאָרגן אין מיין הארץ, ווער איך

אצינד ארויסזאָגן אין מיין קאמער. די ווענט פון דער מלוכה טרייסלען זיך. אחאב, אָבער דער טראָנשטול פון שומרון שטייט אין צוויי לענדער און די יור־שים פון אחאב׳ס הויז וואוינען אין צוויי פאלאצן. נישט דער שוואכער אחאב, נאָר די מלכה איזבל האָט געזאָרגט פאר יענעם טאָג, ווען אויף אפרים וועט לויערן א געפאר און א ברודער וועט מוזן אויפהייבן א שווערד אויף א ברודער.

— זאָל מיין נפש זיין פאר איר נפש, אויב עתליה וועט אמאָל באנייען די מלחמה צווישן יהודה און ישראל! — האָט אחאב א געשריי געטון.

— זי איז מיין טאָכטער, קעניג פון ישראל!

— א מלוכה פון פרידן וואַרט אויף איר אין ירושלים.

— איך האָב יהושפט׳ן געגעבן מיין טאָכטער פאר זיין זון יהורם, אז א בונד פון שלום זאָל הערשן צווישן ירושלים און שומרון. איך האָב געטון מיט עתליה׳ן, דאָס וואָס דיין פאָטער האָט געטון מיט דיר, אחאב, ווען ער האָט געבעטן די פריינטשאפט פון צידון. אָבער ווי לאנג קאָן א בונד פון פרידן דויערן, ווען די פעסטונגשטעט פון ישראל האָבן שוין א ציטער געטון?

— מלכים געבונדענע דורך בלוט, פירן נישט צווישן זיך קיין מלחמות, — האָט אחאב געזאָגט.

— נאָך אמאָל זאָג איך דיר, מלך פון ישראל, עתליה איז דיין ערשטע טאָכטער. געטריי ווי איר פאָטער, שטאָלץ ווי איר מוטער.

— זי איז געבוירן צו ווערן די מלכה פון יושלים!

איזבל האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע גליענדיקע אויגן.

— מאָרגן קאָנען די קריגער פון ישראל, אויף איר רוף, שטיין אויף דער ערד פון יהודה, און דיין מלוכה קאָן באפעסטיקט ווערן ביז צום מדבר צין און ווייטער ביז אדום. קלייב אויס צווישן דעם מוח און דעם הארץ. צ, פארוואָס איז מיין קעניג פרעמד צו זיין אייגן בלוט?

—איך האָב עתליה׳ן אוועקגעגעבן פאר א טאָכטער צו יהושפט׳ן און פאר א ווייב צו זיין זון יהורם, ווייל א ברודער צו מיר איז יהושפט און א זון צו מיר איז יהורם.

— דער, וואָס ביי אים ברענט דאָס הויז און עס פאלן־איין די ווילן, אנט־לויפט ער דען נישט צו דעם וואוינאָרט פון זיינע קינדער און זוכט ער דען נישט שוץ אונטערן דאך פון זיינע נאָענטע?

— מיין הויז ברענט נישט און די ווילן זענען שטארק ווי די פעסטונגען אין חצור.

— איידער דו רייטסט ארויס אין שלאכט און איידער די לאנדפירשטן וועלן איבערציילן דאָס חייל, שיק נאָך היינט א שליח צום מלך יהושפט אין ירושלים. דיין מלחמה איז זיין מלחמה!

— איך וועל נישט בעטן קיין חיל ביי יהושפט'ן. מיינע קריגער אליין וועלן דערשלאָגן בן הדד'ן ביים טויער פון שטאָט.

— ער וועט קומען א צווייט מאָל, ווייל דו ווערסט דעם אַרמי פריילאָזן נאָכן נצחון. ביזטו דען נישט ווייכהארציק צו די וואָס קומען דיך פארלענדן? און פארוואָס זאָלן דיינע הויפטלייט שפּעטן און ווידער זאָגן: וואָס דער שטאַרקער קעניג געווינט מיט דער שווערד, פארשפּילט ער מיט זיין ווייך הארץ.

איזבל איז אין געאייל צוגעלאָפן צו דער טיר און אריינגערופן א שווארצע שקלאפין, מיט קופּערנע רינגען אויף די פיס, און געהייסן איר אריינברענגען א טונקל דעקטוך און א פּאָר פּראָסטע סאנדאלן. דער נאָך איז זי צוגעגאנגען גאָר נאָענט צו אחאָב'ן און געזאָגט:

דיינע זין, ווי אָפט געדענקסטו אָן זיי? און וואָס פארא מלוכה וועסטו פאַר זיי איבערלאָזן? דער בכור אחזיהו, איז געבוירן געוואָרן א קראנקער, אָבער ווען דער יינגערער, יהורם, איז געקומען אויף דער וועלט, האָט מען מיר אָנגעזאָגט: א גאָט איז דיר געבוירן געוואָרן! אָבער צי האָט זייער פאָטער אמאָל רחמנות געהאט אויף דעם ערשטן שוואכן זון און געוועזן שטאָלץ אויף דעם צווייטן, דעם שטאַרקן?

אחאָב האָט געשוויגן. איזבל האָט לאנג אויף אים געקוקט און דער נאָך ווידער געזאָגט:

— נאָך איידער די זון וועט אויפגיין, וועל איך אריינרייטן אין בית־אל. זאָג מיר צו, אז דו וועסט ברענגען דעם קאָפּ פון בן הדד'ן.

— דער נצחון קאָן זיין אזוי גרויס ווי שטארק עס וועלן זיין מיינע שווערדנציער.

— דו רעדסט רייד פון אונטערטעניקע, אחאָב. צי געטרויסטו דען נישט דיינע שלאכטמענער?

— איך האָב זיי באפוילן צו גיין ביז אפק און ווייטער, ביז רמות־גלעד, און די איינגענומענע שטעט האָב איך זיי געהייסן האלטן אויף די שפּיצן פון זייערע שווערדן.

— איינעם פון זיי טאָרסטו נישט געטרויען, —האָט איזבל געזאָגט,— דעם געטרייען פון דיין פאָטער.

— איתמר בן צוער! איך שיק אים ארויס אין דעם ווייטן לאנד, ביז צו קיר־חרושת.

איזבל'ס ליפּן זענען געווען הינטערליסטיק:

— איין מלך איז געווען אין ירושלים, וואָס האָט געוואוסט ווי צו טון צו א קריגסמאן, וואָס האָט געלעסטערט דעם קעניגס פארלאנגען. אחאָב, מיין מאן, געדענקסטו דעם באפעל פון דוד צו אוריה החתי?

די קעניגין איזבל

— דוד האָט געשיקט זיין הויפּטמאַן שטאַרבן אין שלאַכט, ווייל ער האָט געגלוסט צו זיין ווייב. פאַר זיין זינד האָט דער געטלעכער מאַן דערנאָך געברענגט א קללה אויף דעם קאָפּ פון גזואַלבטן.

— און וואָס איז דען תורתונא צו איתמר׳ן, אויב נישט אזוי ווי א בת־שבע צו אוריה׳ן? איך וויים. אז נישט צו איר גלוסט מיין קעניג. אָבער זעסטו דען נישט, אחאָב, אז ביידע שטייען הינטער די ווידערשפּעניקע? איתמר קאָן נישט פאַרשטיינערט ווערן ביי דער וואַנט ווי איינער פון די נידערטרעכטיקע יונגען, אָבער געטויט קאָן ער ווערן פון דער שווערד אין שלאַכט. א געפאַנגענער קנעכט איז יענער קעניג, וואָס א זעער פון מדבר הייבט־אָן איבער אים צו געוועלטיקן. תורתונא האָט נישט געטאַנצט היינט פאַר דיין טיש, אָבער זי וועט טאַנצן אונטער מיין בייטש. אצינד גיי איך, און איך לאָז דיך איבער אין דער נאַכט פון דיין שמחה. אין בית־אל וואַרט מען אויף מיר.

— ווען דער קעניג רייט־ארוים אין מלחמה, בלייבט די מלכה אין פּאַלאַץ.

— דערנידעריקט איז היינט די מלכה געוואָרן ביים קעניגס טיש. דעריבער איילט זי זיך צו זען אין בית־אל די, וואָס זענען איר געבליבן געטריי. וואָס פאַרא כבוד איז דאָס געווען פאַר דעם מלך פון ישראל, זיך אָפּצודעקן פאַר די הענדלערס און שלעפּערס, אזוי ווי עס דעקט זיך אָפּ איינער פון די אומווירדיקע. מיין רייטוואָגן איז געשפּאַנט, אָבער קיין בית־אל רייט איך נישט אליין. חטיפאַ וועט מיך באַגלייטן און תורתונא קומט אויך מיט מיר.

אחאָב האָט שוין געוואוסט איזבל׳ס וואונטש, אז ער זאָל פאַרלאָזן די קאַמער. ער האָט געשפּרייזט צום ארויסגאַנג. ביי דער קופּערנער טיר איז ער שטיין געבליבן און געזאָגט:

— טו איר נישט קיין שלעכטס, איזבל.

— ווילסטו דען בעטן באַרעמהאַרציקייט פאַר א האַרנשלאַנג. וואָס בייסט די פּיאַטעס פון איר האַרינטע?

ער איז שוין געווען אויף דער שוועל און געשפּירט, ווי דאָס פייער אין איזבל׳ס אויגן באַגלייט זיינע טריט. ווען זיין הויבע געשטאַלט האָט זיך איינגעבויגן אונטערן פאַרהאַנג, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— שוינען זאָלסטו די, וואָס האָט שוין געמאַכט דיין נאָמען צווישן די פאַרדאָרבענע.

— דעם שיינעם נאָמען דאַרף די מלכה נאָר פאַר די פירשטן. צווישן פאַרדאָרבענע מוז זי זיין שטאַרק!

— און גערעכט!

— די שטאַרקע זענען די גערעכטע!

ד

ביים טויער פון בית־אל האָט איזבל׳ס רייטוואָגן זיך אָפּגעשטעלט נאָך זונאויפגאנג, אָבער די קעניגין האָט באַפוילן דעם קנעכט פאַרבייצוטרייטן די וואנט, וואָס האָט ארומגערינגלט די שטאָט, ביז זיי זענען צוגעקומען צו א שטיינער־עפענונג, וואָס האָט געפירט צום הויז פון דער יונגער וואָרזאָגערין נעמה. אין דעם פלאַקערנדיקן פרימאָרגן־ליכט האָט איזבל נישט געוואָלט זען די כהנים פון דעם גרויסן בעל־הויז. זי איז געווען איינגעהילט אין א טונקעלן געוואַנט פון לייַנענזאַק, אז מען זאָל זי נישט דערקענען. און דעם פּראָסטן רייטוואָגן האָט זי געהייסן נעמען ביי איינעם פון דעם קעניגס וועכטער.

הינטער איר איז נאָכגעפאָרן א צווייטער רייטוואָגן, מיט חטיפאָ׳ן און תורתונא׳ן, וואָס נעכטן האָבן זיי באַפוילן איבער קנעכט און היינט זענען זיי אליין געפירט געוואָרן ווי געפאנגענע. די פערד האָט איזבל געטריבן מיט אזוינע בייזע קללות, אז די רעדער האָבן זיך געהויבן איבערן וועג ווי פייערדיקע רייפן און פון די זיילן שטויב זענען געוואָרן געדיכטע וואָלקנס אונטער דער זון. צו די כוחות פון די היילן האָט זי איצינד זיך געאיילט נאָך הילף, ווען די כוחות פון הימל האָבן איר פארלאָזן.

דז זון איז שוין געווען הויך, אָבער די מלכה האָט אוועקגענומען אירע אויגן פון די שטרעקעס לאנד, וואָס האָבן זיך אויסגעשפרייט צווישן בערג און וואַסערן. די ערד איז נאָך נישט געווען טרוקן נאָך די שווערע רעגנס. די גרודעס האָבן געשמעקט מיט אויפגייענדיקע פלאנצן נאָך די יאָרן פון הונגער. אָבער איזבל האָט נישט געוואָלט זען די פרייד פון באַשאַף און נישט געוואָלט איינאָטעמען די ריחות פון בענטשונג. איבערן גאנצן וועג האָט זי אויסגעמיטן די טייכן און קוואַלן, וואָס האָבן געריזלט צווישן די ברוין־גאָלדענע פעלזן און זיך נישט אומגעקוקט אויף די נאקעטע ביימער, וואָס האָבן, ווי דורך א נס זיך געוועקט ווידער צום לעבן. זי האָט מורא געהאט צו באַגעגענען שפּילנדיקע קינ־

דער אין די הויפֿן און לאַכנדיקע יונגפֿרויען, וואָס האָבן אָנגעפֿולט זייערע קרוגן ביי די ברינעמער. פֿאַר א מלכּה, וואָס זוכט די קראַפֿט פֿון פֿינצטערניש, ווען דאָס ליכט פֿון דער זון איז פֿאַר איר פֿאַרשטעלט, זענען אַלע זעאונגען אונטער־וועגס א געפֿאַר. די שפּרוכן פֿון כּישוף אין איר האַרץ זענען ווי פֿאַרנעפּלטע בלומען אויף א טייער געוואַנט. איין בלאָז פֿון ווינט קאָן אָפּווישן די פֿאַרבן און אויסוועפּן די ריחות. דעריבער האָט איזבל מורא געהאַט, אַז דאָס האַרץ זאָל איר נישט ווייך ווערן ביים דערזען דאָס ליכט פֿון דער וועלט און דאָס גוטס פֿון מענטשן.

דער לויטערער הימל איז ווי אַן אומענדלעכע בלויע חופּה געהאַנגען איבער דער ערד. עס איז געווען נאָענט צו זומער, און ווען נישט דער הונגער אין לאַנד, וואָלט דאָס פֿאָלק שוין געהאַט אָראָפּגענומען די ערשטע תּבֿואות פֿון די פֿעלדער און געוואַרט אויף דעם צווייטן שניט, ווען עס גייט־אויף דער לקש. וואָרן דער ערשטער שניט אין ישׂראל איז געווען א צינז פֿאַר דעם קעניג, און ערשט די שפּעט־תּבֿואות האָבן געהערט צו די באַוואוינער פֿון די דערפֿער, וואָס האָבן גע־זייט, געאַקערט און באַאַרבעט די ערד מיט דעם שווייס פֿון זייער פּנים. אָבער אויך ביים צווייטן גערעטעניש זענען די רייכע לייט באַפֿאַלן ווי הייישעריקן די רייפֿע פֿעלדער און צוגענומען זייער פּעטן חלק פֿאַר צינזן און חובֿות.

ביי איזבל׳ן זענען די אויגן געווען פֿאַרשטעלט. אָבער דער מוח איז געווען אָפֿן. אין זכּרון זענען די האַרטע שאָלן ווי ווענטלעך איינגעפֿאַלן, און עס איז אויפֿגעגאַנגען די דערמאָנונג, ווי אַחאָב איז געוואָרן ווייך צום פֿאָלק און באַ־פֿוילן זיין חיל אָראָפּצוטרייבן די צינזהאַרן פֿון די פֿעלדער, אַז דאָס גערעטע־ניש זאָל בלייבן ביים אָרעמען המון.

דער רייטוואָגן איז געלאָפֿן אין די בערג־אַראָפּלאָזן, צווישן די דורכגעהאַק־טע רויטע פֿעלזן, און פֿאַר דער מלכּה׳ס צופֿוסנס האָט זיך אויסגעשפּרייט בית־אל, די שטאָט פֿון אַנטרינונג. די זיילן און טורעמלעך איבער די מויערן פֿון מירמלשטיין זענען געווען אָפּגעגאָסן מיט דעם זונליכט און דער לויטערער שיין האָט אָפּגעווישט די אָרעמקייט, וואָס האָט אַמאָל הייליק געמאַכט די אויסדער־וויילטע שטאָט. „ווי מוראדיק איז דאָס דאָזיקע אָרט!” — האָט געזאָגט דער פֿאָטער יעקבֿ, ווען ער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף דעם וועג קיין חרן. ער, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿאַר זיין ברודער עשׂיו, האָט גענומען פֿון די שטיינער פֿון דעם אָרט און געמאַכט זיין צוקאָפּנס.

דאָס הויז פֿון גאָט, אַמאָל, איז דער טעמפּל פֿון די געטער היינט, —האָט איזבל געטראַכט.— אין די מגילות אין קעניגס הויף איז פֿאַרשריבן, אַז ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען פֿאַר די אויגן פֿון דעם געיאָגטן יעקבֿ, איז ער דאָרט געבליבן נעכטיקן, און אין זיין חלום האָט ער געזען א לייטער, וואָס שטייט אויף

דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביז צום הימל, און מלאָכים גייען אַרויף און ני־דערן אַראָפּ אויף אים. גאָט אַליין האָט זיך באַוויזן צו אים און געזאָגט, אַז דאָס לאַנד וואָס ער ליגט דערויף, צו אים און צו זיין זאָמען וועט עס געהערן. און ער, וואָס איז געוואָרן ישראל, האָט אין פרימאָרגן זיך אויפגעהויבן און גע־נומען דעם שטיין פון זיין צוקאָפּנס און פאַר א זיילשטיין עס געמאַכט, און א נאָמען געגעבן דאָס אָרט בית־אל — דאָס הויז פון גאָט —, וואָרן דאָרט איז גע־ווען דאָס טויער פון הימל.

און נאָך האָט זיך איזבל דערמאָנט וואָס עס איז פאַרשריבן אין די מגילות. אין די טעג פון די שופטים, אין דער מלחמה צווישן ישראל און בנימין, איז אין בית־אל געשטאַנען דער הייליקער אָרון פון גאָט, און גאַנץ ישראל איז אַרויפ־געגאַנגען אַהינצו און געוויינט און געפאַסט פון פרימאָרגן ביז אָוונט און מקריב געווען בראַנדאָפּפּערס און פרידנאָפּפּערס. און דער עלטסטער פון ישראל האָט זיך געשטעלט פאַר דעם אָרון פון גאָטס בונד און אָנגעפרעגט. צי ישראל מעג שלאָגן מיט דער שווערד די קינדער פון דעם ברודער בנימין. ווי גערעכט איז ער געווען! דאָס אָרט, וואָס איז געווען פאַרכטיק פאַר דעם ערשטן ישראל, איז הייליק פאַר דעם היטער פון זיין ירושה. —האָבן איזבל׳ס ליפּן געמורמלט, — ווי שיין זענען די מזבחות און ווי לויטער די בימות אין דער דאָזיקער ליכ־טיקער שטאָט!

דער קנעכט האָט געצוימט די פערד, און ביידע רייטוועגענער זענען שטיין געבליבן פאַר א שטיינערנער וואַנט. א נידעריקע עפענונג, ווי דער אַריינגאַנג צו א הייל, איז געווען פאַרשטעלט מיט אַן אָפּגעבראָכענעם פעלז. איזבל האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצן פינגער און געקוקט אין דער אומענדלעכער ווייטקייט, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אייביקער שטילקייט. איר באַ־טריבט האַרץ האָט נישט געזאָרגט פאַר אחאָב׳ן, וואָס איז היינט אַרויסגעריטן אין שלאַכט, נאָר פאַר בית־אל, וואָס וועט בלייבן די פעסטונג פאַר דער פאַר־שעמטער מלכה. און ווי גוט, וואָס די נזירים פון מדבר זענען נישט באַפאַלן ווי פלעדערמייז די דאָזיקע שיינע שטאָט. א רגע איז זי געשטאַנען אַ שטאָלצע. דעם קאָפּ אויפגעהויבן. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער מויער, וואָס האָט אַרומגעצאַרטלט די געפּוצטע בנינים און געזאָגט: דאָס איז דער זיילשטיין, וואָס אויף זיינע שפּיצן קאָן די מלכה רוען. אַלע פּיילן קאָנען דאָ פאַלן און דער העכסטער שטיין וועט נישט קיין ציטער טון.

ביידע אַנטרייבער האָבן אוועקגעקייקלט דעם אָפּגעבראָכענעם פעלז. אויף יענער זייט עפענונג האָט זיך געוויקלט א טרעפּנגאַס, פינצטער און טיף ווי אַן אויסהויל אין דער ערד. איזבל איז געגאַנגען פאָרויס און די געהאַרכזאַמע זע־נען געווען הינטער איר. דאָס ליכט פון דער זון האָט נישט דורכגעבראָכן דעם

אויסהאַק צווישן די פעלזן, און איבערן גאַנצן וועג האָט די קעניגין געשוויגן, ווי דער פּחד פאַר די פאַרבאָרגענע כוחות וואָלט שטום געמאַכט איר צונג. ביי אַ שוואַרצער וואַנט האָט אַרויסגעלויכטן דער רויטער קופּער פון אַ נידעריקער טיר, און אַ פאַקל האָט נאָך דאָרט געברענט. איזבל איז שוין געווען ביי דער שוועל פון דער וואַרזאָגערינס הויז. זי האָט געוואָרפן אַ צאָרנדיקן בליק אויף תורתונאַ'ן און געזאָגט:

— דו קומסט מיט מיר, ווייל דו ציטערסט פון פּחד. אַן אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט געשפּעט פון אַ פאַרשעמטער קעניגין. אָבער דו טראָגסט שרעק אין דיין האַרץ. קום, לוסטפּרוי פון דעם קעניגס אונטערגאַס.

אויף איר צייכן האָט אַ קנעכט אויפגעוויקלט אַ טונקל דעקטוך, און די קעניגין האָט דאָס געוואַנט דערלאַנגט דער טענצערין. אָבער תורתונאַ האָט זיך אָפּגעטרייסלט:

— איך וועל נישט אָנטאָן דאָס שוואַרצע געוואַנט.

— בעטלערס און דינסטן קאָנען נישט זיין קיין איבערקלייבער, — האָט איזבל שטרענג געזאָגט, — נעם!

און תורתונאַ האָט זיך איינגעהילט אין דעם דעקטוך. דערנאָך האָט דער קנעכט געעפנט די טיר און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויס הויז, וואו די הויכע ווענט זענען געווען באַדעקט מיט פעלן פון חיות, און דער ווייררויך פון אַ טיפן בעקן איז אויפגעגאַנגען און זיך געקרעדלט אין קרייזן. דער שיין פון אַ גרויסער איילאַמפּ איז געפאַלן אויפן קאָפּ פון אַ קופּערנעם בעל, צופונס זייל. אַ שיינע יונגע פרוי, געוויקלט אין בלויען וואָל, איז אַקעגנגעגאַנגען די געסט. אירע דיקע, טונקעלע האָר זענען געווען אויסגעפלאָכטן ווי צאַפּלדיקע שלאַנגען. זי האָט געהאַט אַ רינג אין מיטן דעם ווייסן שטערן. אירע בלויע אויגן זענען געווען לוסטיק, ווי ביי אַ שפּילווייב. זי האָט אויפגעהויבן די הענט מיט שווערע אָרעמבענדער און זיך פאַרנייגט.

— געבענטשט איז די קעניגין אונטער מיין דאַך! — האָט זי געזאָגט.

איזבל איז געווען שטרענג:

— די קעניגין איז נישט געקומען אַהער זוכן אַ דאַך איבער איר קאָפּ, נעמה. דער הימל איבער גאַנץ ישראל איז איזבל'ס דאַך.

— ווי קלוג געזאָגט, — האָט נעמה זיך טיפער פאַרנייגט, — און זאָלן די רייד פון דער קעניגין ווי פּערל אויף אַ שנור בלייבן הענגען צווישן די ווענט פון איר דינסט.

— פיר מיך אין דעם קליינעם הויז פון בעל! — האָט איזבל באַפוילן. — אָבער זאָג נישט די טעכטער אין שטאָט, אַז די מלכה איז געקומען אין די קליי־דער פון אַ דינסט.

נעמה האָט צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרץ.

— בית־אל איז אָפּן פאַר די, וואָס פאַרלאָזן שומרון, און דעם קעניגס זועב־טער באַשטראָפן נישט די, וואָס קומען אין דעם הויז פון די שטערנזועער. איך האָב געוואוסט פון דיין קומען, קעניגין, און די כהנים האָבן שוין געפאַנגען דעם קרבן וואָס וועט איבערבעטן בעל.

נעמה האָט אַרויסגעשיקט די קנעכט, און אַליין אויסגעשפּרייט אויף דער ערד די פעל פון אַ לעמפּערט. דערנאָך האָט זי אַריינגעברענגט טייטלען און אַ קרוג ווייַן. איזבל האָט פאַרזוכט פון די פּרוכטן און פאַרטרונקען פון דעם וויין. חטיפאָ האָט נאָכגעטון אַזוי ווי עס האָט פאַרלאַנגט די מלכה, אָבער תורתונא האָט נישט אָנגערירט קיין שפּייז און קיין געטראַנק. די וואָרזאָגערין האָט אַ פּריילעכע אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און געזאָגט:

— איז דאָס די לוסטיקע תורתונא, די שפּילערין אין פּאַלאַץ? פון דער קעניגינס רייטוואָגן ביזטו אַרויסגעקומען, אָבער שטיין שטייסטו דאָ ווי אַ גע־פאַנגענע. אַלע אין בית־אל ווייסן פון די געשאָכטענע כהנים, אָבער צי מעג דען די, וואָס שטייט ביי איזבל'ס רעכטער האַנט, טרויערן?

איזבל האָט אַ צייכן געגעבן, אַז די וואָרזאָגערין זאָל שווייגן. אָבער עס איז נישט געווען דער שטייגער פון נעמה'ן צו האַלטן די ליפּן פאַרזיגלט, ווען אַ גאַסט האָט פאַרשעמט איר וויין און שפּייז, און זי האָט געזאָגט:

— אויך פאַר די שטאַרקע קומען טעג ווען זיי שרעקן זיך, און אויך אויף די היילער און שטערנזועער לויערט די געפאַר פון פאַרלענדונג. אַז די קינדער אין בית־אל זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און די ערד איז געלעגן אַ פאַר־צערטע פון פייער, האָבן די פאַרדאַרבענע מיך געפאַנגען און געפירט צו די ריכ־טער, ווייל געזאָגט האָבן זיי: די פאַרשאָלטענע, זי האָט די עופהלעך פאַרסמט! און ווען דעם קעניגס וועכטער האָבן מיך געבונדן אין קייטן און איך בין גע־שטאַנען נאָענט צום טויט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געזאָגט אַ הייסע תפילה צום בעל; און איך האָב געוואוסט אַז דער, וואָס ברענגט לעבן און טויט, וועט מיר ענטפערן. די פאַרדאָרבענע האָבן געשפּעט פון מיר, אָבער איך האָב געוואוסט אַז בעל וועט צו מיר רעדן, און ער האָט גערעדט. איך האָב געהערט זיין שטים: זוך מיך נישט אין הימל, ווייל דאָרט בין איך נישטאָ, אָבער איך בין דאָ אין די אויגן פון די אַלע, וואָס דאַרפן דיך און וואָס וואַרטן אויף דיין היילונג. אויב דו, נעמה, ביזט בלויז אַן איינציקע רינג אין דער קייט, וואָס בינדט צוזאַמען מיינע באַשעפענישן, וועסטו בלייבן לעבן, אַז זיי זאָלן דורך דיר בלייבן לעבן.

און נעמה האָט זיך געוואָלט אויסציען אויף דער ערד, צופוסנס דעם קאָפּ פון בעל. אירע אויגן האָבן געבליצט און די ליפּן האָבן נאָך הייס געמורמלט.

אָבער חטיפאַ האָט זיך געאײַלט, אַזוי ווי זײַן האַרינטע, און ער האָט געטריבן די באַגײַסטערטע פּרוי צו דער טיר. די וואָרזאָגערין האָט אַריבערגעוואָרפן אַ טונקעלן דעקטוך איבער איר וואָלענעם געוואַנט און אַרויסגעפירט די געסט פון הויז.

זיי זענען צוגעקומען צופוסנס אַ פעלזיקן באַרג. דאָרט האָבן די קנעכט איבערגעלאָזט די רײַטוועגענער און אַלע האָבן אַרויפגעקלעטערט ביז צום שפּיץ, וואו עס האָט געגרוט, אויף זײַלן פון עלפאַנטביין, דאָס קלײַנע בעל־הויז. די זון האָט געפּלייצט איר ליכט איבער די ווענט פון עלפאַנטביין און מירמלשטיין. דער פרימאָרגן איז געווען לויטער און דער טיפער הימל — בלוי, אָבער אין איזבל'ס האַרץ איז געווען נאַכט. ביים טויער־אַרײַנגאַנג פון טעמפּל האָט זי פּלוצים זיך דערמאָנט אָן אַחאָב'ן, ווי ער שטייט אויפן טורעם פון זײַן פעסטונג און ער טרײַבט זײַנע קריגער אַרויפצוגיין אויף אַרם. וויפל וועגן האַסטו פאַר אים אויסגעשפּרייט, בעל שמים פון צידון? —האָט איזבל געפרעגט.— די מלכה שטייט בײַ דער טיר פון געבעטהויז און דער מלך ביים טויער פון זײַן שטאָט! שיץ אים בעל, ווײַל אויף דײַנע הייליקטימער וויל ער זײַן האַק אויפהייבן! און איזבל האָט באַלד צו זיך געזאָגט: ווי אַזוי וועלן זײַנע שלאַכטמענער בייקומען דאָס, וואָס שפּיזן קאָנען נישט דורכשטעכן און פײַלן קאָנען נישט צעשטערן?

אויף דער שוועל האָבן זיך באַוויזן וועכטער אין לאַנגע, ווײַסע געוואַנטן. זיי האָבן די קעניגין נישט דערקענט און אויסגעשטרעקט די הענט נאָך דעם אָפּצאָל פון זילבער. דערנאָך האָבן זיי אויסגעטאָן די שיך פון די געסט און געוואַשן זייערע הענט. איבערן טויער איז געווען אויפגעשטעכן דער גרויסער קאָפּ פון בעל־שמים, דער גאָט פון באַשאַף. און אינעווייניק האָט געוואָרט זײַן הונגעריקער מזבח, וואָס האָט אַזוי ווי מולך, דער גאָט פון צעשטערונג, פאַרצערט אין זײַן פײַער די פעטע קרבנות. אַרויפגייענדיק די טרעפּ פון דער ערשטער קאַמער, האָט איזבל דערהערט אַ געפלאַטער פון פליגל. נעמה האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס דעקטוך און געפליסטערט צו חטיפאַ'ן, אַז די קעניגין זאָל הערן:

— ווען דאָס העכסטע הויז אין שומרון איז פול מיט פוקסן, גייט איר, ערשטע באַוואוינערין, זוכן רו דאָרט וואו עס פויזען טויבן.

אין טעמפּל איז געווען טונקל, און צווישן די זײַלן האָבן פאַרשפּעטיקטע מענער און פרויען זיך געבוקט. די ברייטע טרעפּ האָבן געפירט צום אינעווייניקסטן געביי. דאָרט זענען די ווענט געווען באַמאָלן מיט קעפּ פון חיות און געצן. אויף הויכע גרונטפעסטן זענען געשטאַנען דער בעל־שמים מיט אָקסלבקאָפּ, און די אָפּגעטין עשתורת מיט קי־הערנער, און הינטערביידן איז געשטאַ־

נען די אשרה. א געצנבוים מיט פארפלאַכטענע צווייגן אויף אראָפּ. דער אָפּשיין פון א פארבאַרגן בלוי ליכט, וואָס איז געקומען פון אויבן, איז געפאַלן אויף די פּנימער פון מענער און פרויען מיט שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָבן געקניט אויף וואָלענע טעפּיכער. איזבל האָט באַפוילן ארויסצוטרייבן די איינגעזאַמל־טע. אָבער נעמה האָט איר דערציילט, אז היינט זענען די באַזאָרגטע און דער־שראָקענע געקומען צו די שטערנזעער און גייסטבאַשווערער מיט פראַגן, וואָס האָבן שווער געמאַכט זייערע הערצער. זיי צאָלן מיט גאָלדשטיקער און קריגן דעם באַשייד פון חלומות, און פאַר דעם גאָלד ברענגען די כהנים קרבנות פון לעמער און טויבן, איבערצובעטן דעם צאָרנדיקן גאָט. זי האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט:

— און צי איז דען נישט דער באַגער פון דער קעניגין היינט איבערצובעטן דעם בעל־שמים?

— מיין קרבן איז נישט קיין לאָם, נאָר א יינגל, —האָט איזבל שטרענג געזאָגט,— און זיין לייב מוז זיין לויטער, אָן א פעלער.

— די וועכטער האָבן אים שוין געפאַנגען, קעניגין.

— א בכור!

— דער עלטסטער כהן וואַשט שוין זיין לייב.

אין איר באַגער איבערצובעטן דעם בעל. ער זאָל שטאַרקן איר מאַכט, האָט איזבל באַפוילן צו ברענגען א קרבן א יינגל, יינגער פון דרייצן יאָר. נעמה האָט דורך א שליח מיט א טאָג פריער דעם באַפעל געקראָגן. זי האָט דאָס דערציילט דעם עלטסטן כהן טלמון, און די וועכטער האָבן זיך ארויסגעלאָזט זוכן א יונגן אָפּפער, אָן ערשט־געבוירענעם ביי א פאָטער און מוטער, וואָס וועלן זיין שטאָלץ צו שיקן זייער בלוט און פלייש צום מזבח. פאַרכטיקע מאמעס, וואָס האָבן זייערע זין נישט געוואָלט אוועקגעבן, ביי זיי האָט מען געמוזט די קרב־נות צורויבן. א בכור האָט אויך געקאָנט געקויפט ווערן ביי בייזע שטיף־על־טערן, אָדער געפאַנגען ווערן ביי א שקלאַפין. אָבער איזבל האָט נישט געוואָלט קיין קינד פון א שקלאַף; זי האָט געוואָלט אויסוויילן א קרבן אין א הויז פון מיוחסים, מיט לויטער בלוט און א לייב, וואָרעם ווי ביי א לאָם. די וועכטער האָבן געפונען אזא קרבן אין דאָרף נערן. דאָס איז געווען א יינגל פון אן ארומ־שלעפער, וואָס האָט אויסגעביטן דאָס הויז פון בעל אויף א טרינקשטוב. ער האָט געטרונקען וויין פון פעלעכלעך און געלעבט פון רויב; ער האָט געשלאָגן זיינע ווייבער און זיך נישט געשראָקן פאַר קיין סכנה. ווען די בלוט־יעגערס פון די כהנים זענען געקומען אָפּקויפן דעם בכור, האָט ער זיי אוועקגעגעבן דעם עלטסטן פון זיינע זיבן זין. דאָס געיאָמער פון דער מאמען האָט נישט געקאָנט

אויסלייזן איר קינד פון דעם פייער פון מזבח, ווייל איר געוויין איז איינגע־שטילט געוואָרן דורך די בייטשן פון די שליחים.

ווען נעמה האָט אריינגעפירט איזבל׳ן צווישן די ווענט פון מזבח, האָבן די הייפלעך מענער און פרויען זיך א לאָז געטון צו אַן עלטערן שטערנזעער אין זילבערנע קליידער מיט לאַנגע פלעכטן באָרד, וואָס האָט ווי אַ שופט זיך גע־זעצט אויף א הויכער שטול. אין געלויף האָבן די ווייבער פארשפּארט דעם וועג פאַר דער איבערגעטוענער מלכה און באוואָרפן דעם זקן מיט פראגן וועגן ליב־שאפט און באטרוג, טויט און נקמה, וועגן ניי־געבוירענע און אלטע לייט, וואָס גייען אראָפּ אין די קברים. טייל האָבן געוואָלט וויסן, צי דער קעניגינס וועכ־טער האָבן דעריאָגט דעם מאַן פון גלעד, און וואָס עס וועט געשעען מיט די ארמים נאָך דער שלאכט.

און ווען אלע פראגן זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן, האָט דער עלטערער שטערנזעער אויסגעקריצט קרייזן און צירקלען אויף א ליימענעם טאָוול. די לאַנגע פלעכטן באָרד האָבן געטרוט אויף זיין בויך און די אויגן — אויף דער שריפט. קוקנדיק אויף די נייגעריקע פּנימער פון די אומוויסנדיקע, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין דעם קעניגרייך פון מחשבות שווימען די קלוגע רייד ווי אין די לויטערע וואסערן, און ער האָט יעדן איינעם באזונדער געגעבן דעם באשייד:

— דער איז טויט, ווייל ער האָט פארלאָזט דעם בעל צוליב דעם לייב פון א פרוי... יענער איז געפאלן פון נקמה, ווייל זיינע זין זענען געווען די מער־דער פון פרעמדע מאַמעס... דער, וואָס האָט נישט געפונען קיין פרידן אויף דער ערד, וועט אויפזוכן די רו אין זיין קבר... דער מאַן פון גלעד וועט מער נישט ארויס פון דער הייל פון חיות, ווייל ער האָט געברענגט אומגליק אויף דער פעסטונגשטאָט... ארם וועט ליגן אין חורבות, ווייל בן הדר האָט בא־לאַגערט שומרון און געוואָלט די קאַמערן פון עלפאַנטביין פאַר שטאַלן פון בהמות מאַכן...

נעמה, וואָס האָט מער נישט געזען די קעניגין ביי איר זייט, האָט לייכט ארויפגעלייגט די האַנט אויף תורתונא׳ס אַקסל און געזאָגט:

— פרעג אויף דיין באשייד, תורתונא. דיין הארץ איז ביטער.

— מיין הארץ איז פול מיט פאַרכט.

ביי נעמה׳ן איז דער שמייכל געוואָרן לוסטיקער און זי האָט געפליסטערט:

— ווי א געמאָלענע בלום, וואָס האָט נישט קיין דופט, אזוי האָט פאַלשע פאַרכט נישט קיין ווערט. פאַרוואָס שפּעטסטו פון מיר, תורתונא?

— דו שפּעטסט פון מיר, נעמה. מיין שרעק איז גרויס און דו גלייבסט מיר נישט. אָ, ווי איך האָב מורא פאַר דעם היינטיקן טאָג אין בית־אל!

נעמה האָט אַצינד געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק אויף תורתונאַ׳ן און זיך דערוווייטערט. איזבל איז די ערשטע אריין צווישן די ווענט פון מזבח און די געהאַרכזאַמע זענען געווען הינטער איר. צווישן די זיילן האָט זיך באַוויזן דער ערשטער כהן טלמון. ער איז געגאַנגען ווייזן דער קעניגין דעם געפאַנגענעם קרבן. איבער די ווייסע זיילשטיינער איז נישט געווען קיין דאַך און א הויכע וואַנט פון רויטן מירמלשטיין האָט אַרויסגעקוקט צום מזבח. אויף א רונדיקן גזימס, אויסגעלייגט מיט ווייסע טרעפ און באַצירט מיט פאָרפיר־שטיינער איז געזעסן דער אָפּגאָט בעל־שמים. דער געץ האָט נישט געהאַט קיין פּים. א זון־קיילעך מיט הערנער האָט גערוט אויף זיין שטערן. דער מעכטיקער שטיינער־נער גוף האָט זיך געטורעמט ווי א פאַרזעעניש, אָן פאָרעם, אָן געשטאַלט איבער א גרויסן מזבח. צוויי ריזיקע אָרעמס זענען געווען אויסגעשטרעקט צו דער זון אין מזרח, און פיר פליגלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט צו די ימען און שטורעמ־ווינטן, אין מערב.

דער בויך פון בעל, וואָס איז תמיד געווען פאַרמאַכט מיט א קיילעכדיקער קופּערנער טיר, איז אַצינד געווען אָפן. אינעווייניק האָט געפלאַקערט א פייער. די פלאַמען זענען געשפּרונגען אקעגן דעם מזבח און די פונקען, זיך טראָגנדיק אין דער הויך, זענען אויסגערונען אין דעם ליכט פון טאָג, וואָס האָט געפלייצט פון אָפענעם הימל.

ווען איזבל איז צוריקגעקומען צו אירע געהאָרכזאַמע, האָבן צוועלף יונגע קדשות זיך אריינגעוויגט פון צווישן די זיילן. זיי זענען געווען איינגעהילט אין שלייערן, רויטע ווי בלוט, און גאָלדענע זון־טעלערלעך האָבן זיי געטראָגן אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט ארום דעם מזבח. אונטערן שיין פון דעם גליענדיקן פייער האָבן זייערע האַלב־אַנטבלויזטע קערפּערס לייכט אויפגעצי־טערט ווי פלאַנצן אין ווינט. אין יענער רגע האָט פּלוצים א שטורעם אָנגעיאָגט פון דער הויך און דאָס ליכט פון אויבן איז פאַרשטעלט געוואָרן פון די אָנגע־שוואָלמענע וואָלקנס. א געדיכטע פינצטערניש איז געהאַנגען איבער די קעפּ. די וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט דאָס פּנים פון דער זון פאַר די קדשות. דאָס איז געווען א צייכן, אז דער בעל איז אריין אין גרימצאָרן, וואָרן ער האָט אָנגעטראָגן די שאָטנס פון דער נאַכט אין מיטן טאָג. די קדשות האָבן שוין געוואָלט אַרויסלויפן דורך די זיילן, אָבער אויף די טרעפ האָט זיך באַוויזן א פעטער כהן אין א סדין מיט פרישע געזאַלבטע קרויזן איבערן שטערן און נאַקן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט און גערופן:

— בעל־שמים! גאָט פון שטורעם און פרוכטבאַרקייט! דו, וואָס קאָנסט מיט איין האַנט אויפשוימען די וועלן פון ים און מיט דער צווייטער האַנט פעט מאַכן די ערד, צעטרייב די וואָלקנס און וויש־אָפּ דאָס געוויטער! זאָל אויפ־

שיינען דאָס ליכט פון דער זון און די שטראַלן זאָלן פאַלן אויף דעם יונגן וואַ־רעמען לייב פון דעם קרבן, וואָס וועט היינט אויפגיין ווי א געשמאַקער בראַנד־אָפּפער, און דער געבראָטענער ריח וועט זיין אָנגענעם אין דיין נאָז.

דער בעל־שמים האָט קיין ריר נישט געטון מיט דעם שטיינערנעם קאָפּ. די וואָלקנס זענען נישט פאַרטריבן געוואָרן, און דאָס געוויטער איז נישט אָפּגע־ווישט געוואָרן. די קדשות האָבן זיך אוועקגעלאָזט פאַר דעם געץ אין א ראָד. זיי האָבן געוויגט מיט די שענקלען, געטרייסלט מיט די בייכער, און מיט זייערע שלייערן, ווי מיט פעכערס, האָבן זיי געבלאָזן דעם פלאַקערנדיקן אינגעווייד פון דעם בעל און געזונגען. נעמה האָט זיך געשטעלט פאַר זיי א צעשטראַלטע און אויסגערופן:

— פלאַם־אויף, פייער און פאַרצער דאָס וואַרעמע לייב פון דעם אָפּפער, וואָס מיר ווען אין דיין שוים אַריינלייגן.

א קופערנע טיר האָט זיך געעפנט. א קנעכט איז אין געאייל אַריינגעקו־מען און אויפגעזוכט נעמה׳ן. ער האָט מיט באַוואָרעניש זיך אַרומגעקוקט אי־בערן טעמפל איידער ער האָט געעפנט זיינע ליפּן, ווייל א סוד פון שומרון האָט ער געבראַכט קיין בית־אל. איין רגע שפּעטער האָט נעמה אַריינגערוימט אין די אויערן פון דער מלכה, אַז די מורדים האָבן צוריקגעשיקט די זעק מיט גאָלד, וואָס זיי האָבן אויסגערויבט ביי חטיפאַ׳ן.

ביי איזבל׳ן האָבן די אויגן גענדערפט אויפשטראַלן פון דער בשורה, אָבער זי האָט אין יענער רגע נישט געטראַכט פון איר באַרויבטן גאָלד־קאַמער אין שומרון און פון חטיפאַ׳ן, דעם קנעכט פון באַטרוג. ווי א געביסענע שלאַנג איז זי, איזבל, אויפגעשפּרונגען. אויב עס זענען אָנגעלאָפן שטורעמווינטן — האָט זי געטראַכט — איז דאָס געווען דער וואונטש פון בעל. און פאַרוואָס איז נישט דערפילט געוואָרן איר באַגער ווען זי שטייט פאַר די העכסטע כוחות? מיט עקל האָט זי געקוקט אויף די דערשראָקענע קדשות, און פּלוצלינג האָט זי זיך א לאָז געטון צו תורתונא׳ן און אַראָפּגעריסן פון איר דאָס דעקטוך. די טענצערין איז געבליבן שטיין אין דעם טייערן געוואנט, וואָס זי האָט געטראָגן ביים מאָלצייט. די קעניגין האָט א געשריי געטון:

— טאַנץ, תורתונא!

תורתונא האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף איר האַרץ, ווי א פאַרשעמטע יונגפרוי וואָס אַן אויסגעלאַסענער יונג האָט זי פּלוצים אַנטבלויזט אין מיטן מאַרק. איזבל האָט העכער באַפוילן:

— טאַנץ, טאָכטער פון אשור! די, וואָס איז געווען ווידערשפּעניק אין פּאַלאַץ, וועט זיין אונטערטעניק אין הויז פון בעל!

תורתונא האָט זיך נישט גערירט, און די געהאָרכזאַמע נעמה מיט חטיפאַ׳ן

האָבן פון שרעק זיך אָפּגערוקט הינטער א זייל. די מלכה האָט זיך אויסגעדרייט צום כהן. די אויגן האָבן ביי איר געברענט און דאָס מויל האָט געשריגן:

— א רוט! ברענגט א רוט פאַר דער ווידערשפּעניקער דינסט!

ווען דער כהן האָט צוגעטראָגן די רוט, איז איזבל גרייט געווען צו צעשינדן דעם דאַזיקן קערפּער, וואָס האָט אויפגעהיט די שיינקייט אין איר גרעסטן פּחד. איר צאָרן איז געווען איינס מיט איר אכזריות. פון הארצן האָבן זיך געריסן קללות, אָבער אַנשטאָט צו פּלוכטן האָט זי געביסן די ליפּן. זי האָט זיך לאַנג-זאַם דערנענטערט צו תורתונאַ'ן און, אַנגעשטעקט מיט דעם בעל'ס שנאה, האָט זי איין רגע איר דורכגענומען מיט איר בליק און דערנאָך איר א שפּיי געטון אין פּנים אריין.

תורתונא האָט רואיק אָפּגעווישט דאָס געזיכט און געזאָגט:

— צי האָסטו נישט גענוג בלוט אויף דיינע הענט, קעניגין,

— א שפּיז אין דיינע הענט וואָלט איך בעסער געזען, איידער צו הערן רייד פון געפאַלנקייט. ביזטו גענוג שטארק אויפצוהייבן א שפּיז אויף דיין מלכה?

תורתונא האָט געשוויגן, און איזבל האָט געטראַכט: זי רעדט די רייד פון איר געליבטן, אָבער זי האָט נישט די העזה פון דעם שלאַכטמאַן. דאָס בלוט אין דער הערשערין האָט אויפגעשריגן. זי האָט געוואָלט נקמה נעמען פאַר דעם באַליידיקטן בעל, כדי בעל אליין זאָל זיך נישט דאַרפן נוקם זיין. זי האָט אויפגעהויבן די רוט, וואָס האָט זיך געריסלט ווי א האָרנשלאַנג און זי אַראָפּגעלאָזט איבער דעם לייב פון דער טענצערין, און געפּילט האָט זי, ווי די העכסטע כוחות שטאַרקן איר אצינד. די שמיץ זענען געפאַלן אויף תורתונא'ן, און די קעניגין האָט באַפוילן:

—טאַנץ, טאָכטער פון אַשור! פון מיסט האָב איך דיך אויפגעהויבן, אז דו זאָלסט ווערן א דינסט אין מיין טעמפּל און די ערשטע שפּילערין אין קע-ניגס שטאָט. טאַנץ, זונה פון מארק! טאַנץ צופוסנס פון בעל!

א ווייט געזאַנג האָט זיך געטראָגן הינטער די זיילן. אויף יענער זייט וואַנט האָט דער עלטסטער כהן טלמון, געשמירט מיט שמעקעוודיקן בוימאייל דאָס לייב פון דעם יינגל, און זיין נאָז האָט באַצייטנס אריינגעאָטעמט די ריחות פון געבראָטענעם פלייש. די יונגע קדשות האָבן צעבלאָזן דעם פלאַקער אין בויך פון דעם געץ און תורתונא האָט אָנגעהויבן טאַנצן אונטער דער בייטש פון איר הארינטע. אירע שענקלען האָבן געציטערט; אירע קני האָבן זיך גע-בויגן צו דער ערד און טרערן הייסע און לויטערע זענען געראָנען פון אירע באַקן. די טרערן זענען אַראָפּגעפאַלן אזוי ווי טראָפּנס וויין אין א לאָגל אריין, און אויף דעם לאָגל האָט געוואָרט איתמר בן צוער, וואָס האָט פון דער ווייטנס זי געטרייסט: איך וועל מיטנעמען דיינע טרערן מיט מיר, תורתונא. אין דער שלאַכט פון בלוט און רויך וועלן זיי לייכטן ווי דער ווייסער שיין פון פּערל.

ה

אַחאָב׳ס שליחים זענען אָנגעקומען צום מלך פון אַרם און געבּרענגט די רייד פון זייער קעניג: זאָל דער, וואָס גורט זיך ערשט אָן, זיך נישט רימען ווי דער, וואָס בינדט שוין אָפּ. איז דער דערצאָרנטער בן הדד ארויס צו זיין חייל און באפוילן: באלאגערט שומרון! און זיינע קריגער, באוואָפנט מיט פיילנבויגנס און שפּיזן, האָבן זיך אויסגעשטעלט אנטקעגן דער פעסטונגשטאָט.

די לאנדפירשטן פון ישראל האָבן ביים זונאויפגאנג איבערגעציילט דאָס חייל לענג־אויס די מויערן, און דער מלך אליין איז אין האלבן טאָג ארויפגעגאנגען אויפן העכסטן טורעם און אראָפּגעקוקט אויף בן הדד׳ס לאגערן. די פארפלייצונג האָט אויסגעווייקט דעם טאָל, וואָס האָט זיך געשפּרייט צו די גע־מארקן, אָבער דאָס וואסער האָט זיך נישט אויפגעהויבן ביז צו די ווענט פון די פעסטונגען. אויף דער אָנגעטרונקענער ערד זענען ארויס די ערשטע שפּראָצן גראָז. דאָס טויער פון די שופרות איז געווען פארריגלט און דער פּאלאץ איז געווען באוואכט. פון דער ווייטנס האָט אַחאָב געזען, ווי דער הערשער פון אַרם מיט זיינע צוויי־און־דרייסיק מלכים האָבן זיך אויסגעלייגט אין די אָפענע ביידלעך און געטרונקען פון די לאָגלס וויין און גערימט האָבן זיי זיך, אז די שענסטע צווישן די שטעט איז שוין ביי זיי א געפאנגענע.

און ווי די זון האָט באלויכטן די געלענדערס און זיילן, און דאָס ליכט איז געפאלן איבערן קאָפּ פון דעם אומרואיקן מלך, — ערשט דער באָרוועסער מאַן, מכיהו, האָט זיך באוויזן אין טורעם, באגלייט פון וועכטער. דער פאָרכטיקער מאַן איז געווען איינגעהילט אין א טייערן פּורפּור־מאנטל מיט א גאָלדענעם בויכבאנד, וואָס די קנעכט האָבן אים געצוואונגען אָנצוטאָן, איידער ער האָט זיך ארויפגעהויבן אויף די העכסטע טרעפּ. איך בין געקומען שטארקן דעם דערשראָקענעם מלך! —האָט דער פרומער שליח געשריגן און געקלאַפּט אין טויער ווען ער איז אָנגעקומען.— איך ברענג ווערטער פון טרייסט אויף מיינע

ליפּן! די וועכטער האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט, ווייל די טויערן זענען געווען פאַרשלאָסן. ער איז אָבער געווען שטרענג און אין זיינע אויגן האָט געברענט אַ הייליק פייער — האָבן זיי אים געפירט צו עובדיהו׳ן. דער שררה פון פאַלאַץ האָט דערקענט, אַז דער גייסט פון גאָט רוט אויף אים. ער האָט געהייסן איבערבייטן זיינע קליידער, איידער מען פירט אים אַרויף צום קעניג.

ווי נאָר אחאָב האָט דערזען דעם פאַרכטיקן שליח פון מדבר, האָט ער פון פּחד זיך צוריקגעצויגן צו דער וואַנט, ווייל געמיינט האָט ער, אַז מכיהו איז געקומען מיט דער בשורה פון טויט. אָבער מכיהו האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, — אַ צייכן אַז דער מלך זאָל זיך נישט שרעקן. ער האָט אים געהייסן אַראָפּקוקן אויף דעם פרעמדן חייל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אין טאָל.

— זעסטו דעם גרויסן המון?

— דער המון איז גרעסער פון דעם חייל, וואָס איך האָב געזען אין די פריערדיקע מלחמות, —האָט אחאָב געזאָגט,— און די צאָל מלכים זייערע איז צוויי־און־דרייסיק.

— איך גיב דעם דאָזיקן המון היינט איבער אין דיינע הענט, און דו וועסט וויסן, אַז גאָט, דער האַר איבער אַלע חיילות, איז יהוה!

— דורך וועמען וועט דער גרויסער המון געשלאָגן ווערן?

— דורך די יונגען פון די לאַנדפירשטן.

— און ווער זאָל אַרויספירן דאָס פאָלק אין מלחמה?

— דו אַליין, מלך פון ישראל!

און אַזוי אומגעריכט ווי מכיהו האָט זיך באַוויזן, אַזוי איז ער פאַרשוואונדן. און אחאָב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון טורעם און איז אַוועק ווידער אַמאָל איבערציילן די יונגען פון די פירשטן, וואָס האָבן איינגעזאַמלט דאָס חייל. זיי זענען געווען צוויי־הונדערט־און־צוויי־און־דרייסיק.

אַ פאַרבאָרגענער כוח, וואָס זאָגט־אָן נצחון און רום איז אויפגעגאַנגען אין אחאָב׳ן. ער האָט מיט פרייד פאָרויסגעזען, אַז די געטרייע צווישן זיינע הויפּט־לייט וועלן פאַרלענדן דעם פיינט אין דעם ערשטן געלויף, און די, וואָס ער האָט פריער נישט געטרויט, וועלן רייך מאַכן די מלוכה מיט נייע קנעכט און גאָלד. די שלאַכט וועט נישט זיין ביי די שטעט פון ארם — ביי די טויערן פון שומרון וועט בן הדד געשלאָגן ווערן. איזבל איז אין בית־אל און אַלע לאַנדפירשטן שטייען צופוסנס דעם טורעם. אויף אחאָב׳ס באַפעל איז איתמר צוריקגעקומען מיט זיינע רייטוועגנער צו דער פאָדערשטער מויער. אסף בן עודד האָט זיך געשטעלט אין די טויערן מיט זיינע פערד און שווערדנציער, און אלקנה השמעי האָט געפירט הינטער זיך די קריגסלייט מיט די פייַלנבייַלען און בויגנס.

די קעניגין איזבל

אחאב איז געווען ארומגערינגלט פון די קריגסלייט, ווען ער איז פארביי־געריטן דאס פאלק און באטראכט די כלי־זין, ברוסטשילדן, פאנצערס און שפיזן, און זיי זענען געווען בלויז זיבן טויזנט. ווען ער האט זיך אומגעקוקט אויפן העכסטן טורעם, זענען פארן טויער פון די שופרות געווען איינגעזאמלט די פירשטן און שלאכטמענער און הינטער זיי דאס חייל מיט דעם שווערן וואפן. אויף אסף בן עודד'ס צייכן, האבן די וועכטער צוגעשטעלט א לייטער צום הויכן טויער און דער ערשטער שלאכטמאן האט ארויפגעקלעטערט ביז צום געלענדער. נאך אים זענען ארויפגעגאנגען איתמר בן צוער און אלקנה השמעי. דער קור־פערנער קיוועד האט צוגעדעקט אסף'ס קאפ ביז צו די באקנביינער. א פערל־באנד איז געהאנגען ארום זיין אפגעברענטן נאקן. זיין פנים איז געווען באר־רעמלאז, ווען ער האט גערעדט צום פאלק:

— קריגער פון ישראל! היינט פיר איך אייך ארויס אין מלחמה, און דאס געפעכט וועט מוזן זיין אפן און גרויזאם, ווייל די ארמיס באהאלטן זיך נישט הינטער די בערג, נאר זיי זענען ארויסגעקומען אונטערן ליכט פון דער זון. איך ווייס נישט ווי גרויס זייער צאל איז. מיינע אויסשפירער האבן נישט געציילט זייערע קעפ. אבער איר זייט ווינציק. הונגער און מגפות האבן גע־טויט די בעסטע צווישן אייך. איר זייט אבער געשטארקט מיט די גוטע כלי־זין אויף אייערע אקסלען און ברוסטן. אויב איר וועט אויסברעכן אין א שטור־רעם, וועלן זיי צוריקשווימען אין דעם ים פון זייער אייגן בלוט, און אויב איר וועט זיך דערבארעמען אויף זייער לעבן, ווען אייערע שווערדן וועלן שוין הענ־גען איבער זייערע העלדזער, און איר וועט שוינען אייערע פיילן, — איז מיין באגער, זיי זאלן אייך דערשלאגן ביז איינעם, און ווי פארקריפלטע שקלאפן זאלן זיי אייך פארקויפן אויף פרעמדע מערק. איך בין מיד צו קוקן אויף די ווייבע פנימער פון ישראל'ס קריגער און אויף זייערע לויזע ארעמס. הייבט זיך אויף הינטער מיר, אומדערשראקענע! קומט, איר אלע, וואס איר ווילט ברענגען כבוד דעם מלך פון שומרון!

דער שלאכטמאן האט געקוקט אויף דעם חייל מיט א פאר גרויזאמע אויגן, און אונטער זיינע בליקן פון האס האט קיין איינער פון זיי נישט א ריר געטון מיט א דעקל פון אויג. זיין קול, וואס איז אראפגעקומען פון געלענדער, איז געווארן שטרענגער און הילכיקער:

— איך וועל אייך ארויספירן אין שלאכט, אבער איך וועל נישט רייטן פארויס, נאר הינטער אייך, צו זען וויפיל צווישן אייך עס זענען ווייכהארציק, און וויפיל וועלן אנטלויפן אין די בערג, אדער זיך אומקערן צו זייערע ווייבער און קינדער. איך וועל טרייבן די שוואכע און אונטעריאגן די מוטיקע, און נאך היינט וועט פון מיין בייטש טריפן בלוט, ווייל מיט מיינע אייגענע הענט וועל

איך געבן שמיץ צו די, וואס וועלן בלייבן שטיין אין מיטן געלויף. מיין בייטש שניידט טיפער ווי די קופערנע שפיזן פון די ארמים. איר זאלט זיין בארעמלאז צו דעם פיינט, וואס איז געקומען ביז צו אונדזערע טויערן, אייך צו פארצוקן. ווי ליבן זאלט איר זיי צערייסן! איר טראגט הארטע פעלן ארום אייערע לענדן, נישט קיין שלייערן. נאך דעם נצחון וועט איר זיך איינטיילן מיט זייערע פי און רינדער און אויסרויבן זייער גאלד און איידלשטיינער, וואס זיי האבן אויסגעפלינדערט אין די פרעמדע שטעט. איר וועט צונעמען זייערע ווייבער און טעכטער און איר וועט קאנען האבן מיט זיי פארגעניגן, ווייל די פרויען פון ארם זענען לוסטיקע און היציקע און זיי ליבן שטארקע קריגסמענער.

אסף בן עודד איז אנטשוויגן געווארן און זיינע אויגן האבן געוואנדערט איבער די קעפ פון זיינע קריגער, וואס האבן פלוצים ארויסגעלאזט א געשריי, אזוי ווי דאס געברום פון לייבן. זיי האבן אויסגעשטרעקט זייערע פאנצערס און אויפגעהויבן זייערע שפיזן און געוויגט מיט די בויגנס. די קארבן אויפן הארטן פנים פון דעם ערשטן שלאכטמאן זענען איינגעגאנגען. זיינע אויגן זענען געווארן ווייכער און זיינע ליפן האבן געשמייכלט. ער האט זיך אויסגעדרייט צו איתמר'ן און געזאגט:

— א סטאדע לעמער איז ביים קעניג געבליבן און איך האב פון זיי הארטע קריגער געמאכט.

איתמר האט אויפגעהויבן א האנט. עס איז געווען א צייכן, אז פאר דער שלאכט וויל ער אויך ריידן פאר דעם חייל. דער שטאלצער אסף בן עודד האט אפגעטרעטן אין א זייט און איתמר האט אויפגעהויבן זיינע ארעמס אקעגן דער זון:

— אייער קול איז אזוי ווי אייער גבורה, קריגער פון ישראל! —האט ער אויסגערופן.— דער באגער צו שיצן שומרון שרייט ארויס פון אייערע העלדזער! מיט דעם ווילן פון מלך וועל איך מיטגיין אין דער היינטיקער שלאכט. אבער איך וועל יא רייטן פארויס פאר אייך, ווייל ווען איך האב זיך געשלאגן אונטער דעם מלך עמרי, האט דער גאט פון די חיילות תמיד געריכטיקט דעם וועג פאר די אומדערשראקענע. נישטא היינט קיין פחד אין אייערע הערצער. איר זייט שטארק און אייערע ארעמס זענען הארטער פון דעם קופער פון זייערע שפיזן. דאס שארפסטע וואפן פון די ארמים וועט אייך נישט אפשרעקן, אויסער זייערע קולות, וואס זענען מוראדיקער ווי דאס ברומען פון חיות. אויב איינער פון אייך וועט אויפציטערן פון די ווילדע שטימען, זאל ער פארטויבן דאס געשריי מיט א געבעט צום הימל. היינט וועט איר ארויפגיין און פארקריפלען דעם פיינט, אז ער זאל מער נישט קומען צו אונדזערע טויערן און רו זאל הערשן אין אונדזער לאנד נאכן הונגער. איר זייט מענער פון קריג און דער גאט־באוואכטי־

קער וועט אויף אייך היינט גיסן וואסער פון שפרינגבעקן, אז איר זאָלט געריי־ניקט ווערן, און נייע הערצער וועט ער אין אייך אריינגעבן און א העל פייער וועט אין זיי פלאקערן, אז איר זאָלט ארויסגיין און זינגן!

איתמר׳ס אייפערדיקע רייד האָבן אויפגעוועקט דעם צאָרן פון אָסף בן עודד׳ן, וואָס האָט נישט פארטראָגן אז א שלאכטמאן זאָל ריידן די רייד פון א כהן. נישט ווי די הויפּטלייט פון מיין לאנד זענען די הויפּטלייט פון ישראל, — האָט דער עמוני געברומט און זיך איבערגעקוקט מיט אלקנה השמעי. אָבער איתמר האָט ווידער גערעדט צום חייל:

— אייערע הענט זאָלן זיין אויף דעם נאַקן פון אָרם, קריגער פון ישראל! איבער נאכט זאָלט איר פארוויסטן זיין לאנד, אז די ערד זאָל איינגעדארט ווערן און די טייכן זאָלן אויסגעטריקנט ווערן, אזוי ווי עס איז געווען אין אונדזערע טעג פון טריקעניש. פארלענדט זאָלן ווערן די מענער פון בן הדד׳ן און דאָס געזעמל פון די צוויי־און־דרייסיק מלכים, וואָס זענען געקימען לויערן אויף אונדז. איר זאָלט חרוב מאכן אפק און פארוויסטן קיר־דמשק. זייערע הערשער זאָלן אויף די בימות וויינען און די באוואוינער זאָלן אויף די גאסן און מערק יאָמערן. נאָר צו זייער גאָלד זאָלט איר זיך נישט צורירן און זייערע פרויען און טעכטער זאָלט איר נישט פאראומרייניקן, אז די שופרות פון נצחון זאָלן זיין אָנגענעם פאר דעם גאָט פון די חיילות!

די קריגער האָבן ווידער מיט געשרייען געהויבן זייערע פאנצערס און שפּיזן. די עלטסטע שלאכטמענער זענען אראָפּ פון דעם געלענדער. אָסף בן עודד האָט געפלאַמט פון צאָרן און איתמר האָט געהאַט רו אין זיין הארץ. אלקנה השמעי, וואָס האָט געהאט די געשטאלט פון א קריגסמאן און דאָס פנים פון א הייליקן, איז זיי נאָכגעגאנגען א צעטומלטער. איתמר איז אריין צווישן חייל. ער האָט געקוקט אויף די קופערנע ברוסטשילדן און קיווערס, וואָס האָבן געגליט אין דער זון. ער האָט אָנגערירט די שפּיזן און ארויפגעלייגט די פינגער אויף די בויגנס. ער האָט געטראכט: דער האר פון אלע מלחמות וואכט איבער אייך; ער שפרייט־אויס זיינע הענט איבער אייך און בענטשט אייך! אָסף האָט געשיקט זיינע בייזע אויגן צו די געהאָרכזאמע און געברומט: אייער גאָט מוז זיין אזוי רונדיק און ליכטיק ווי די זון אין דער הויך. קוקט אריין אין זיין פלאָם, אויב אייערע אויגן וועלן קאָנען אויסהאלטן דאָס העלישע פייער. איך האָב מורא, אז נאָך דער שלאכט וועלן זיינע פינגער בריען אויף אייערע אקסלען ווי הייסע נאָדלען.

א יונגער כהן פון די פארכטיקע, איינגעהילט אין ליינענטוך, איז אנט־קעגנגעקומען. זיין פנים איז געווען לויטער, זיינע אויגן ווייך און זיין באָרד געזאלבט. ער האָט געטראָגן איןביידע הענט א קרוג מיט אייל און א קרוג

מיט ווייַן, וואָרן ער איז געווען אויפן וועג צום מזבח און צום געזעמל כהנים, וואָס האָבן געגרייט דעם קרבן, און די שפּילער האָבן דאָרט געוואַרט מיט די זילבערנע טרומייטן.

דער המון קריגער האָט אַצינד אָנגעפילט די גאַסן און מערק, ביז צו דער אויבערשטער שטאָט. הינטער דעם חייל זענען געשטאַנען געשפּאַנטע אָקסן און באַלאָדענע אייזלען. די שלאַכטמענער זענען שוין געזעסן אין די רייטוועגנער און די עלטערע, אויסגעדינטע קריגסלייט, האָבן פון פאַרגעניגן וועגן גערוט אין זייערע הויכע טראָגשטולן הינטער דעם חייל. זיי האָבן גערעדט פון די אמאָליקע מלחמות מיט מואב און פּלשת און זיך געקלאָגט, אַז די היץ ברענט זייערע שטערנס. פּלוצים האָבן פון דער ווייטנס אויפגעבלאָזן טרומייטן און די פירשטן האָבן אַרויסגעפירט דאָס חייל. די פאָדערשטע טויערן האָבן זיך געעפנט און אַ הייפל כהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון בונד פאַר דער מחנה. דער מלך פון ישראל האָט געפירט די מלחמה, אַזוי ווי גאָט האָט פאַרלאַנגט פון יהושוע'ן: זאָג צו די כהנים, טראָגט דעם אָרון פון בונד און גייט פאָרויס פאַרן פאָלק.

די טרעגער פון אָרון האָבן געשוואוירן און געזונגען, און דאָס חייל האָט נאָכגעצויגן און מיטגעשוואוירן און מיטגעזונגען דאָס געבעט פאַר נצחון. דאָס הילכיקע געזאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם קלינגעריי פון שווערדן, שפּיזן און פאַנצערס. דורך די זיילן און טויערן אויסער די מויערן האָבן די קריגער געשטראָמט, און אָסף בן עודד מיט זיינע פירשטן האָבן פון הינטן זיי געטריבן צו די בערג.

דאָס פאָלק איז אַרויס אין מלחמה פון די גערעכטע קעגן די, וואָס האָבן פאַרבראָכן דעם בונד פון פרידן. איתמר בן צוער האָט זיך געטראָגן אין זיין רייטוואָגן פאָרויס, ווי אויף די פליגלען פון אַן אָדלער. זיין שווערד איז געווען אויפגעהויבן און דאָס הארץ פול מיט שאַלונג: זינגט, איר הימלען און פריי זיך, דו ערד, און ברעכט־אויס, איר בערג, אין אַ געזאַנג! זאָלן די פיינט פאַלן פאַר אונדז ווי פליגן, און די וואָס זענען געקומען פאַרלענדן, זאָלן פאַרטיליקט ווערן, און די געטרייע פון ישראל זאָלן צוריקקומען פון שלאַכט און זייערע טריט זאָלן זיין ווי אַ גוסרעגן אויף גראָז און ווי אַ שפּריירעגן אויף פלאַנצן!

פון הינטער די בערג האָט זיך געטראָגן דער אויפשאַל פון האָרנס. דאָס חייל פון אַרם איז אַרויסגעלאָפן פאָרויס פאַר די צוויי־און־דרייסיק מלכים, און אויך זייערע שפּיזן האָבן געברענט ווי גליענדיקע מעסערס אונטער דעם שיין פון דער זון. ווי נאָר די ערשטע מענער פון ישראל זענען אַרויס פון שומרון, האָט בן הדד אָנגעזאָגט זיינע פירשטן: סיי זיי זענען פאַר שלום אַרויסגעגאַנגען — כאַפּט זיי לעבעדיקערהייט! און סיי זיי זענען פאַר מלחמה אַרויסגעגאַנגען — לעבעדיקערהייט כאַפּט זיי! דאָס פייפעריי פון די פיילן איז געקור־

מען פון הינטער די פעלזן ביים וועג, און צווישן דעם המון פון ישראל האָט זיך געהערט דאָס זיפצן פון די ערשטע פאַלנדיקע קריגער וואָס האָבן, מיט די גע־טראָפענע פיילן אין זייערע נאַקנס, זיך געקאָרטשעט אויף דער ערד און געלאָזט איבער זיך טרעטן די, וואָס זענען געלאָפן צום ערשטן נצחון. איתמר, פון פאָרנט, האָט נישט געלאָזט זיינע מענער צוריקפאַלן, און אָסף האָט געברענט זייערע טריט פון הינטן, אז די הינטערשטעליקע זאָלן זיך נישט אויסגלייכן אין געלויף. די לייכטע רייטוועגנער האָבן גערייניקט דעם וועג. די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הימל און געברענט די בערג און טאָלן, און די שלאַכט פון די גערעכטע קעגן די גרויזאַמע האָט געפלאַקערט.

צו דעם שונא׳ס מחנה האָבן די טרומייטן גערופן דאָס צעשפּרייטע חייל אָנצופאַלן. דער לאַגער פון די אַרמים איז געווען באַהאַלטן ביי די באַרג־שפּיצן, פאַרשטעקט הינטער אויפגעשטעלטע שטיינער־ווענט און איינגעגראָבן אין ערד־אויסהוילן. זייערע מלכים און שיכורע פירשטן האָבן אוועקגעשטעלט די קרוגן ווייַן, אָבער זיי זענען געבליבן פאַר די שווערן פון זייערע ביידלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָרט אויף דעם גיכן זאַקרויב און אויף נייע קנעכט. איתמר האָט אריינגע־טריבן די שפּיזנטרעגער אין דער מיט, די בויגנשיסער ביי די זייטן און די רייט־וועגנער האָט ער אַרויסגעיאָגט פון דער מחנה, צוזאַמען מיט די פערד הינטער זיי, אז די אַרמים זאָלן איינגעקלעמט ווערן אין אַן אייזערנעם רינג. די רייט־וועגנער האָבן זיך געטראָגן מיט אזא אימפּעט, אז דער שטויב האָט זיי איינ־געוויקלט אין געדיכטע וואָלקנס און פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס ליכט פון דער וועלט. באַלד זענען די פערד געטראָטן איבער די פאַרבלוטיקטע קעפּ פון די געפאַלענע אַרמים, וואָס זענען געלעגן אָפּגעדעקטע פון זייערע לענדן־פעלן און פליגן זענען אַרומגעקראָכן אין זייערע פאַרשווימטע מיילער און אויפגעריסענע אויגן. אונטער די שאַלרופן האָט זיך איתמר געטראָגן פאָרויס צווישן די פליענ־דיקע פיילן, און זיינע ליפּן האָבן געפליסטערט אַ פאַרגעסן געזאַנג פון אַן אַלטן קריגער: ווען דער האַר פון מלחמות וועט אויפשטיין, וועלן צעשפּרייט ווערן זיינע פיינט און זיינע שונאים וועלן אַנטלויפן פאַר אים. ווי רויך ווערט צע־טריבן, וועסטו זיי צעטרייבן. ווי וואַקס צעגייט פאַר פייער, וועלן אונטערגיין די רשעים פאַר גאָט!

ביים אַראָפּלאָז צום טאָל, האָט אלקנה השמעי געפירט זיינע פיילנשיסער אין אַ ראָד. איתמר׳ס באַפעל איז געווען, צו לויערן אויפן פיינט ביי די זייטן און דורכצולעכערן מיט אַ פייל דאָס לייב פון יעדן אַרמי, וואָס וועט זיך אויפ־הויבן צום באַרג. דער געהאָרכזאַמער אלקנה, צוגעוואוינט, אז אָסף בן עודד זאָל אָפּשטרייטן די באַפעלן פון יעדן אַנדערן הויפּטמאַן, האָט געוואָרט אויף אַ וואָרט פון דעם ערשטן שלאַכטמאַן. אָבער דער קריגסמאַן פון עמון איז געווען

ווייט פון אים, און אין גרויס געאייל געטריבן די פוסגייער. דער צאָרן האָט אים געשטאַרקט און ער האָט געוואָרנט זיינע מענער, נישט צוריקצוברענגען פון שלאַכט קיין איינציקע פייל. איין האַנט זאָל נאָכאַנאַנד רוען אויף דעם פיילנבייטל, — האָט ער באַפוילן, — און די צווייטע זאָל אָנציען דעם בויגן!

פון די טאָלן איז אויפגעגאַנגען דאָס פייער פון ברענענדיקעביידלעך. געדיכטע זיילן רויך האָבן איינגעוויקלט דעם לאַגער פון פיינט. די אַרמים, וואָס זענען געלאָפן אין דער בהלה, זענען געווען פיל אין צאָל און זייער אומגעהויער געיאָמער האָט פול געמאַכט די לופט, ווען זיי זענען געשטויסן געוואָרן אַריינצושפּרינגען אין די פלאַמען. איתמר האָט פאַרדרייט איין רייטוואָגן הינטער אַ בערגל און האַסטיק אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל פון אַ פערד, וואָס זיין רייטער איז ערשט אַראָפּגעפאַלן פון אים מיט אַ פייל אין רוקן. דער שטאַרבנדיקער רייטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו זיין הויפּטמאַן. זיין לעצטער בליק האָט זיך געלאָשן מיט לייטזעליקייט, ווי ער וואָלט געבעטן מען זאָל פאַרהיטן זיין גוף פון שענדונג. אין יענער רגע איז אַ פייל פאַרבייגעפלויגן איתמר׳ס קאָפּ און צומאָל נישט געלעכערט זיין שאַרבן. אָבער ער האָט זיך געטראָגן צו די קריגער, וואָס זענען אַנטקעגנגעריטן צו דערציילן אים, ווי זיי האָבן, אויף זיין באַפעל, אונטערגעצונדן די ביידלעך פון די מלכים.

— דער לאַגער פון די אַרמים ברענט! — האָט איתמר געזאָגט, און אויסגעשטרעקט זיין אָרעם צום גרויסן פייער. — אַזוי זאָל פאַרצערט ווערן דאָס הויז פון בן הדר׳ן, ווייל ער האָט געוואָלט וואַרפן זיינע פאַקלען אויף שומרון.

הינטער די שווערדנטרעגער איז נאָכגעלאָפן אָסף בן עודד מיט דער בייטש און געשריגן:

— בייגט נישט איין אייערע קני, איר פּחדנים! פאָרויס! זייער חיל מיט וואָפן איז ווינציק. און דעם המון וואָס איז זעט, דאָס זענען בעטלערס, אַרומשלעפּערס און פוילע יונגען מיט זייערע געשפּאַנטע אָקסן און ווייבער. אייִדער די זון וועט אונטערגיין, וועט דאָס אַלץ זיין אין אייערע הענט. איילט זיך, קנעכט! איילט זיך, אַז איר זאָלט געניסן פון די געשמאַקע פליישן און גלוסטיקע ווייבער!

די אַרמים, געטריבענע דורך די בייטשן פון זייערע פירשטן, זענען נישט צוריקגעלאָפן אין דעם ברענענדיקן לאַגער. הונדערטער זענען געפאַלן. אָבער איבער די לייבער פון די הרוגים איז אָנגעלאָפן אַ נייע מחנה. זייערע שפּיזן זענען געוואָרן שאַרפער אונטער דער פלאַמענדיקער זון און זייערע פּנימער אונטער די קיוועס, האָבן געגליט אין דעם שיין פון דער גרויסער שריפה. דאָס פאָלק איז געשטאַנען אויפן באַרג און די אַרמים זענען געווען צופוסנס, אין טאָל. אויפן שאַלרוף פון די טרומייטן האָבן די קריגער פון ישראל, ווי אַ מחנה

היישעריקן איבער א פעלד, זיך אראָפּגעלאָזט דורך די פעלזן. די רייטער הינ־טער איתמר'ן האָבן געהאקט קעפּ און אויפגעשטאָכן לייבער, און גראָד די מידע שווערדנטרעגער, וואָס האָבן געהאט די בייטש פון אָספ'ן אויך זיך, האָבן גע־זוכט א צוריקוועג. אונטער זיינע שטרענגע אויגן האָבן די בויגנציער אויסגע־גלייכט די רייען און אָנגעשפּאַנט די בויגנס.

— דערשלאָגט זיי! —האָט אָסף געשריגן.— פאַרלענדט זיי ביזן לעצטן! אז איך וועל צוריק אריינפאָרן אין טוירע, זאָל דאָס בלוט טריפן נישט נאָר פון מיין שווערד, נאָר אויך פון די רעדער פון מיין וויִיטוואָגן!

איתמר האָט זיך געדרייט אויף זיין פערד אין א ראָד פון זיינע רייטער, וואָס האָבן אים געשיצט קעגן פיילן. אין דעם געפעכט פון שפּיזן און שווערדן, אונטער דעם געיאָמער פון די פארוואונדעטע איז דאָס ליכט פון טאָג פלוצים פארוואנדלט געוואָרן אין פינצטערניש פון דער נאכט. ביי זיין רעכטער האנט איז געפאַלן איינער. און פאר אים האָט זיך אראָפּגעקייקלט אויף זיין פאנצער א צווייטער. פון דער ווייטנס האָט ער געזען ווי אלקנה השמעי מיט א געזעמל שלאָגן זיך אין טאָל אָנמעכטיק אקעגן א המון ארמים. אָבער איתמר'ס אויערן האָבן אויפגעכאפּט דאָס ווילדע געשריי פון אָסף'ן, וואָס האָט געברענט די טריט פון זיין חייל, און א וואָרענונג איז פלוצים אויפגעלאָפן אין זיין מוח: ער היט דעם רום פאר זיך ווי א קארגער זיין גאָלד, דער דאָזיקער עמוני! און א רגע שפּעטער האָט ער געפליסטערט: ער וועט באזיגן, אָבער נישט הערשן.

א וואָלקן רויך האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר די אויגן. פון דער טיפער פינצטערניש האָט זיך ווידער ארויסגעשיילט דאָס ליכט פון דער וועלט. און ווי איתמר האָט ברייטער געעפנט די אויגן, איז ער אליין געווען אויף זיין פערד. צוויי פלינקע ארמים מיט שפּיזן האָבן זיך געטראָגן פאָרויס, צו אים. זיין פערד האָט זיך פארדרייט אין א זייט, צו פארמיידן די געפאר, אָבער די ארמים זענען אויסגעוואקסן העכער פון די פערד און זייערע פנימער זענען געווען גרוי־זאמער ווי ביי די חיות פון פעלד. געציילטע שפּאַן האָבן געפעלט, אז זייערע שפּיזן זאָלן אָנרירן זיין האַרץ. איתמר האָט זיך א הייב־ארויס געטון איבערן זאָטל און דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון וואַנען וועט קומען די הילף? פון דער ווייטנס האָבן זיינע געטרייע געפאָכטן מיט די שווערדן און קעפּ זענען געפאַלן ווי זאנגען אונטערן שניטמעסער. ער האָט געוואָלט צוקומען צו די, וואָס מען האָט פון אים מיט כוח דערווייטערט, אָבער דער וועג איז געווען פאַר־שפּאַרט. אין יענער רגע האָט דאָס פערד, פון פחד, געוואָלט אנידערקניען. איתמר האָט זיך ווידער א צי־ארויף געטון, גרייט אראָפּצושפּרינגען, און דער־זען פון וואַנען זיין הילף איז געקומען.

פונעם רויך ארויס, איז אויסגעוואקסן אָסף בן עודד מיט א געזעמל רייר־

טער, וואָס האָבן מיט די שפּיזן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די צוויי אַרמיס און מיט זייערע רוקנס פאַרשטעלט איתמר'ן. אחאָב'ס ערשטער הויפּטמאַן האָט אויסגערופן:

— ראַטעוועט זיין קאָפּ. ער איז טייער ביים קעניג!

דאָס פייער אין טאָל האָט איינגעהילט דעם גאַנצן לאַגער פון אַרם. די פלאַמען זענען אויפגעגאַנגען ווי אַ פלאַקערנדיקער טייך. די וועלט האָט געברענט און די רויטע צינגער האָבן געלעקט די שפּיצן פון די שפּיזן און קיווערס. דער שטויב איז אויפגעגעסן געוואָרן און די וואָלקנס רויך האָבן שוואַרץ געמאַכט דעם הימל, און אַזוי ווי עס איז געווען דער ווילן פון די הויפּטלייט, האָבן די רייטוועגענער און די רייטער אויף די פערד הינטער זיי, אַרומגערינגלט דעם ברענענדיקן לאַגער. די אַרמיס, וואָס זענען לעבעדיקע אַרויס פון דער שריפה, זענען געלאָפן צו די פעסטונגען פון אפק. פון זיין איינזאַמען אָרט האָט איתמר נאָכגעקוקט ווי די שלאַכט ווערט געוואונען. דער נצחון איז געקומען, אָבער די מענער פון ישראל האָבן נישט געוואָלט צוריקגיין מיט כבוד. געהאַרכזאַם צו אַספ'ן, זענען זיי באַפאַלן די פרויען און געטריבן די בהמות אין פייער אַריין. די קולות פון די מענטשן און חיות זענען געווען העכער ווי דאָס געברילל פון לייבן. וואָס די פלאַמען האָבן נישט פאַרצערט, האָבן די רייטוועגענער צעטראָטן. און די וואָס האָבן געבעטן אויף זייער לעבן, זענען דערשטאָכן געוואָרן דורך די שפּיזן און געטויט געוואָרן דורך די פיילן.

ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די בערג, זענען אַלע געווײנען איינגעשטילט געוואָרן און אַלע זיפצן זענען אויסגעגאַנגען. אַספ'ס שווערד האָט געוואַרט אויף דעם קאָפּ פון בן הדר'ן, אָבער דער הערשער פון די אַרמיס איז אַנטלאָפן אויף זיין פערד מיט זיינע רייטער. דער טאָל איז געווען פול מיט הרוגים, אָבער שיכורע פון נצחון האָבן די מענער פון ישראל ווייטער פאַרלענדט אַלץ וואָס האָט געהאַט אין זיך דעם אָטעם פון לעבן. זיי האָבן געטון אַזוי ווי אַסף האָט פאַרלאַנגט און דורכגעלעכערט די לייבער, וואָס האָבן מער נישט געלעבט און אַנגעצויגן די בויגנס אויף די בהמות, וואָס האָבן זיך שוין געוויקט אין בלוט, ביז איתמר האָט געהייסן בלאָזן די טרומייטן. פון דעם געשאַל האָבן זיך די לאַנדפירשטן אויפגעוועקט און געזען, אַז זיגער זענען זיי. די אַנטרייבער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די רייטוועגענער און די רייטער אין די זאָטלען, און די בויגנציערס האָבן צונויפגעטריבן די געפאַנגענע, איידער זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די טויערן פון שטאָט.

אין מערב איז דאָס ליכט פון טאָג אויסגעגאַנגען. די קריגער האָבן געהאַט אויף די ליפּן אַ לויב פאַר דעם גאָט פון נצחון. דער אָרון פון בונד איז שוין געווען גרייט צו גיין פאַרויס פאַר דער מחנה, ווי דער מלך פון ישראל איז

ארויסגעקומען צום אָרט פון שלאַכט און געהערט, אַז בן הדר, דער הערשער פון אַרם, איז אַנטרונען אויף אַ פערד מיט זיינע רייטער. אויף זיין אַפריון איז געזעסן דער מלך אַחאָב, ווען זיינע שלאַכטמענער האָבן דערשלאָגן די אַרמים מיט דעם גרויסן שלאָג.

עס איז געווען אָוונט, ווען אַחאָב האָט זיך אין שומרון געשטעלט אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ. זיין הויכע, לויזע געשטאַלט האָט זיך אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון פאָלק.. זיין האַרץ איז געווען פול מיט דער רו פון נצחון, און זיין בלוט האָט געריזלט מיט גבורה ווען ער האָט געקוקט אויף זיינע הויפּטלייט, אונטערן שיין פון די ברענענדיקע פאַקלען. ווי גערעכט עס איז געווען זיין וואָרענונג צו בן הדר'ן: זאָל דער, וואָס גורט זיך ערשט אָן, זיך נישט רימען ווי דער, וואָס בינדט זיך שוין אָפּ! שטויב פון שומרון האָט דער הערשער פון אַרם געוואָלט מאַכן, און אַ הויפן שטויב איז פון זיין חייל געוואָרן!

אויף דער העכסטער טרעפּ איז אים אַנטקעגנגעקומען דער באַרוועסער מכיהו. די קנעכט האָבן פאַר אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג. אָבער דער פּאַרכטיקער מאַן האָט דרייסט געגעבנט צו אַחאָב'ן און צו אים געזאָגט:

— גיי און פאַרשטאַרק זיך, מלך פון ישראל! זאָל דער ערשטער נצחון דיך נישט באַרוישן. שטאַרק דיין חייל און פאַרמער די פעסטונגען אין דיין שטאָט, וואָרן צום אומקער פון יאָר קומט דער מלך פון אַרם ווידער אַרויף צו דיר!

אַחאָב האָט אַוועקגעשיקט די קנעכט און איז אַריין צווישן די ווילן פון פּאַלאַץ. די פרייד פון דער דאָזיקער שעה געהערט אויך צו דער מלכה, — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געשטעלט פעסטע טריט פּאַרויס, — וואו איז אַצינד די, וואָס האָט ליב אָפּצוגעבן כבוד פאַר מאַכט? האָט זי זיך שוין אומגעקערט פון בית-אל? מיט איילנדיקע טריט איז ער געגאַנגען צו דער קאַמער פון איזבל'ן, איר אָנצוזאָגן דעם נצחון איבער אַרם.

ז

ווען דעם קעניגס חייל איז ארויסגעגאנגען פון שומרון שלאָגן די אַרמים, האָט איזבל געוואָרט אין בית־אל, אַז דער עלטסטער כהן זאָל אריינלייגן דאָס לעבעדיקע יינגל אין דעם פייערדיקן בויך פון בעל, כדי דער אָפּגאָט זאָל איר אומקערן איר מאכט. תורתונא איז געווען באַגאָסן פון טרערן נאָכן טאַנץ אונטער איר בייטש, אָבער דאָס געוויטער פון אויבן האָט זיך נישט איינגעשטילט. די שווארצע וואָלקנס זענען נישט פאַרטריבן געוואָרן און די וואָרזאָגערין נעמה האָט געוואוסט, אַז דער צאָרן ביי דעם געץ איז נישט אויסגעלאָשן. א פּאָר כהנים אין לײַנענטיכער האָבן אריינגעפירט אַן אָקס מיט א פאַרזיגלטן פּאַרמעט צווישן די הערנער, א צייכן אַז די בהמה איז אָן א פעלער, און זיי האָבן אים אויפן אָרט געשאָכטן פאַר א שולדאָפּפער. דאָס פייער אויפן מזבח האָט העלער אויפגעפלאַקערט, אָבער די ווינטן פון שטורעם האָבן שטאַרקער געבלאָזן

צווישן די זיילן האָט מיט אמאָל זיך פאַרטראָגן א טיף קול. דאָס איז געווען די שטים פון עלטסטן כהן טלמון, וואָס האָט, אָנקומענדיק פון דער זייטיקער קאַמער מיט דעם קרבן אויף די הענט, געזונגען א תפילה. דער כהן איז אצינד געווען אָנגעטון אין שאַרלאַך־רויטע קליידער און געטראָגן א גאָלדענעם, שטראַלנדיקן רינגבאַנד אַרום קאָפּ. הינטער אים זענען נאָכגעגאַנגען צוויי באַגלייטער אָנגעטאָן אַזוי ווי ער, אָבער אָן די גאָלדענע באַנדרינגען. זייערע שטערנס זענען געווען געפאַרבטע און די לויזע הויט איז אראָפּגעהאַנגען פון די קינבאַקן. זיי האָבן געטראָגן אייללאָמפּן און לאַנגע מעסערס. דאָס יינגל אין די אָרעמס פון כהן איז געווען איינגעהילט אין א דעקטוך פון ווערמיל־רויט. זיינע האָר זענען געווען אויסגעגאָלט ביז צום נאַקעטן ביין. די אויגן זענען געווען צוגעשלאָסן און זיין מויל אָפן. פון הינטערן דעקטוך האָבן זיך ארויסגעזען די שפּיצן פון די ציטערנדיקע אַקסלען. ווען דער כהן האָט געהאַלטן אין ארויפגיין אויף די טרעפּ צום מזבח, זענען די יונגע קדשות ווידער אָנגעלאָפן מיט ברענענדיקע פאַקלען. זיי האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שלייערן און געוויגט מיט די נאַקעטע היפטן

ארום דעם פייער און מיטגעזונגען דאָס געזאַנג פון דעם העכסטן כהן, וואָס האָט געטראָגן צום אָפּגאָט בעל אַ לויטער קרבן.

איזבל האָט געקוקט אויף דעם יינגל, וואָס האָט געציטערט אין די הענט פון כהן. דאָס לייב איז געווען פריש און יונג און דאָס בלוט יוארעם. פון אַלע לע־בעדיקע שולדאָפּפּערס וועט דאָס זיין דער גרויזאַמסטער, — האָט זי געזאָגט, — און איך האָב זיך נישט געריכט צו ברענגען טויט אין דעם הויז פון די שטערנ־זעער. אָבער דעם צאָרנדיקן האַר פון מאכט איז ליב דער ריח פון יונג בלוט, און בלוט ווערט פאַרצערט דורך פייער.

דער כהן טלמון איז שוין געשטאַנען אויפן העכסטן טרעפּל נעבן מזבח, ווי איינע פון די קדשות האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקטוך פון דעם קרבן און דער גליענדיקער שיין פון די פלאַמען איז געפאַלן איבער זיין קערפּער. דער כהן האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. דורכן אָפענעם דאַך האָט די פינצטערניש אָנ־געהויבן אויסרינען, אָפּדעקנדיק שווערע וואָלקנס. דער כהן האָט אַצינד געשיקט זיינע פרעגנדיקע בליקן צו איזבל'ן, און די מלכה האָט שטום געענטפערט: — טרייסט נישט דיין האַרץ און דערבאַרעם זיך נישט אויף דער דאָזיקער נשמה. פאַר די פירשטן און הויפּטלייט האָט דער קעניג פון מיר געשפּעט, און ווי שטאַרק עס איז געווען די בושה, אַזוי זיבן מאָל שטאַרקער וועט זיין מיין נקמה, די נקמה פאַר מיינע טויטע כהנים, פאַר מיינע צעבראָכענע במות. אויפן פייער! וואַרף דעם קרבן אויפן פייער!

און דאָס יינגל איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אויפן מזבח. דער באַריר פון דעם קאַלטן מירמלשטיין אַנטקעגן דער גליענדיקער היץ, וואָס האָט געשפּאַרט פון דעם בעל'ס פלאַקערנדיקן בויך, האָט געמאַכט אויפציטערן דעם יונגן, צאַרטן גוף אין גרויס אימה. דאָס נאַקעטע יינגל האָט געעפנט די אויגן און מען האָט געקאָנט הערן דאָס פאַרשטיקטע געוויין פון אַנגסט. אָבער די, וואָס זענען געווען נאָענט צו אים, זענען געבליבן אומבאַוועגלעך. דער ערשטער כהן האָט געהאַלטן דעם קרבן פעסט אין זיינע הענט און די ערשטע פון די קדשות האָט אים אויס־געשמירט מיט שמעקעוודיקע זאַלבן.

דאָס פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און דער שטורעם־ווינט פון אויבן האָט געבלאָזן שטאַרקער. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז דער בעל־שמים לאָזט זיך נישט איבערבעטן. אָבער דאָס פלייש פון דעם אָפּפער האָט גע־מוזט פאַרצערט ווערן אין די פלאַמען, און דער כהן האָט ווידער געפליסטערט צו דעם זון־קיילעך מיט הערנער, וואָס האָט גערוט אויפן שטערן פון דעם געץ: בעל־שמים, גאָט פון שטורעם און פרוכטבאַרקייט! צעטרייב די וואָלקנס און וויש־אָפּ דעם געוויטער, אַז דער געבראָטענער ריח פון בראַנדאָפּפּער, וואָס וועט אויפ־גיין, זאָל זיין אָנגענעם אין דיין נאָז! און איזבל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף

די קני געבן נעמה'ן, און ווי אן אונטערטעניקע דינסט געבעטן: ווי גרויס איז דיין פארלאנג. דו מעכטיקסטער פון אלע הערשער און שטארקסטער פון אלע שלאכטליים! איך האב דיר געברענגט נישט קיין אָרעם און נישט קיין אויג, נאָר א יונג לעבן לייג איך אוועק פאר דיין רום!

א צווייטע קדשה איז אָנגעקומען מיט א קופערנעם מעלער, און דער כהן טלמון האט א נעם געטון איינעם פון די מעסערס. אין יענער רגע האבן אלע קדשות מיט געזאנג אנגעזאגט דעם בעל, אז זיי צעשניידן א יונג לעבן, וואס איז געווען די פרייד און דער שטאָלץ פון א מאמען און ווארפן דאס לעבן אין די פלאמען פאר זיין כבוד וועגן. מיט אמאל האט א בליץ אָנגעצונדן די וואָלקנס. באלד האט זיך דערהערט דאס קראכן פון דונערן און א גאס רעגן האט אָנגעהויבן פלייצן איבער די קעפ פון די אלע וואס זענען געווען אין הויז פון בעל. דער כהן מיט זיינע דינסטן האבן זיך איבערגעקוקט, און די קעניגין האט געפאָדערט אָפּצוגעבן דעם געץ וואס אים קומט.

דער כהן האט פלינק א הייב־געטון דאס מעסער. אבער ווען ער האט געהאלטן ביים אראפלאזן די שארף איבערן האלדז פון קרבן, האט פלוצים א העלער בליץ פארבלענדט דאס גאנצע הויז און אראפגעפאלן צווישן אים און דעם נאקעטן יינגל. דערשראקן אויף טויט, האט דער כהן ארויסגעלאזט געשריי און איז אראָפּגעזונקען צו דער ערד. זיינע דינסטן, די קדשות זענען צעטומלטע פון אנגסט זיך צעלאפן צווישן די זיילן.

איזבל מיט נעמה'ן זענען שוין געווען אויף די פיס. צוויי פארשעמטע שטערנזעער זענען געלעגן אויף די קני און געוואלט אויפהייבן דעם שלאפן כהן. דער רעגן האט אצינד געפלייצט דורכן אָפענעם דאך מיט שטארקע שטראָמען און געשמיסן דעם נאקעטן גוף פון יונגן קרבן, וואס האט געפלאטערט ביים ראנד פון מזבח. די שטראָמען רעגן האט אויך געלאָשן דאס פייער פון בעל.

דער דאָרשט נאָך נקמה ביי איזבל'ן איז אצינד געווען גרעסער ווי דער צאָרן ביים בעל. זי האט זיך איינגעהילט אין איר דעקטוך און זיך געלאָזט לויפן צום טויער. ביי דער שוועל האט זי זיך אויסגעדרייט צו די צוויי קריענדיקע שטערנזעער און מיט א ציטערנדיקער שטים באפוילן:

— לאָזט לעבן דעם קרבן. א צווייטער אויף זיין אָרט וועט געטויט ווערן!

ז

אין דער רו־קאמער, וואָס הינטערן לוסטגאָרטן פון דעם בעל־הויז, האָט נעמה אריינגעפירט איזבל'ן און איר געבראכט קליידער און לייענטיכער פון קאָלירטן וואָל. זי האָט געוואָרט, אז דאָס בלוט ביי דער מלכה זאָל זיך קילן איידער זי וועט גרייטן פאַר איר דעם מאָלצייט. אָבער איזבל האָט, נאָכן אָנטאָן די איידעלע געוואנטן, ארויסגעשיקט די וואָרזאָגערין און געהייסן רופן חטיפאַ'ן, איר געטרייען כהן, און צו די קנעכט האָט זי אָנגעזאָגט, אריינצוזעצן תורתונא'ן אין רייטוואָגן ביים טויער, און היטן זאָל מען איר ביז צום סוף פון טאָג.

די קאמער איז געווען אָן ווייררויך־פאַנען, אָן קופער־שילדן און קיין ציפּ־רעסן־וואזעס זענען נישט געשטאנען ביי די ווענט. אײַפּן בעט מיט ביינערנע פיס, איבערגעדעקט מיט חופה־פאָרהאנגען, איז איזבל געזעסן א צערידערטע, נאָך דעם ווי די מעכטיקע כוחות האָבן זי פאַרלאָזן. זי האָט געהאַט א זון־טעל־לערל אויפן שטערן, און מיט די פינגער האָט זי געפוצט די העקעלעך פון דעם גאָלדענעם האלדזבאנד, וואָס נעמה האָט אין איילעניש אויף איר אָנגעטאָן. זיבן קללות האָט זי ארויסגעלאָזט אויף בית־אל, די שטאָט פון פאָרכט און לעסטע־רונג. איידער חטיפאַ האָט זיך געשטעלט פאַר איר.

דער ערשטער דינער פון דער מלכה האָט זיך געוואָלט אראָפּלאָזן אויף די קני. ער האָט שוין געקליבן אויף די ליפּן די ערשטע טרייסטווערטער. אָבער איזבל האָט שטרענג א זאָג געטון:

— שטיי אויף דיינע פיס ווי א כהן און נישט ווי א בעטלער! איך וויל רעדן מיט דיר, חטיפאַ, וועגן דיין גורל אין די טעג וואָס וועלן קומען.

חטיפאַ האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט:

— ווי גנעדיק איז מיין מלכה צו טראַכטן פון איר קנעכט אין אַזא צייט.

— די צייט איז נישט צו־פרי און נישט צו־שפּעט. איזבל האָט נישט פאַר־שפּילט פאַרן מזבח, און בעל וועט נאָך היינט קריגן וואָס אים קומט.

א שטראַל פֿרייד איז אויפֿגעגאַנגען אויף זיין דערשראָקן פּנים און ער האָט זיך טיפֿער פֿאַרנייגט:

— די שטאַרקייט פֿאַרלאָזט קיינמאָל נישט מיין קעניגין, אויך ווען איר האַרץ איז ביטער.

— מיין האַרץ איז פֿריילעך, חטיפֿאַ. און געדענק: עס זאָל זיך נישט דערבאַרעמען אַ קנעכט אויף דער, וואָס איז אַ האַרינטע איבער אים! דו ווייסט וואָס איך טראַכט פֿון מיינע געטרייע.

אין איזבל׳ס אויגן האָט געברענט אַ פֿייער וואָס האָט געקאָנט פֿאַרצערן חטיפֿאַ׳ן אויף קויל, אָבער אירע ליפּן האָבן געשמייכלט.

— פֿאַר מיר איז אָפֿן דיין לייטזעליקייט, קעניגין, ווי מיין אייגן האַרץ, — האָט ער אונטערטעניק געפּליסטערט.

— איך האָב געהערט, אַז דיין לאַסט איז צו־שווער, חטיפֿאַ, און איך וואונ־דער זיך ווי קאָנסטו דאָס אַלץ טראָגן אויף דיינע עלטערע יאָרן? דיינע אויגן וואַכן אויף דער גאָלדקאַמער. דו היטסט יענע, וואָס שאַרפֿן די שווערדן אויף דעם קעניגס הויז. איז דאָס נאָך ווייניק, מוזטו היטן דיין אייגענעם קאָפּ קעגן די באַהאַלטענע פֿיילן.

— ליב איז מיר דער כּבֿוד צו דינען די הערשערין פֿון שומרון, און די שווערסטע לאַסט איז פֿאַר מיר גרינגער פֿון אַ פֿעדער.

— פֿאַרוואָס זאָל איבערשאַצן זיין קראַפֿט אַ מאַן, וואָס זיינע כּוחות גייען אים אויס, און ער שטייט ביים ראַנד פֿון זיין גרוב?

ביי די ווערטער איז אַ פּחד אויפֿגעגאַנגען אין זיינע אויגן. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און אויפֿגעהויבן די אונטערטעניקע בליקן צו דער מאַכט־האָבע־רין, וואָס האָט געהאַלטן לעבן און טויט אין איר האַנט.

— איך האָב פֿאַרגעניגן פֿון יעדער רגע וואָס איך דין פֿאַר דיר, קעניגין פֿון שומרון.

— צו־גרויס איז דיין איבערגעגעבנקייט צו דיין מלכּה, חטיפֿאַ. מיין לאַנד איז נישט גענוג ווייט אויסגעשפּרייט און די רייכטימער האָבן נישט אַזויפֿיל ווערט, אַז איך זאָל קאָנען גענוג באַלוינען דיך פֿאַר דיין געטרייִשאַפֿט. ערשט נעכטן, נאָך פֿאַר דעם קעניגס מאָלצייט, האָב איך געפֿרעגט מיינע ראַטגעבער: איז נישט געקומען דער טאָג, אַז חטיפֿאַ זאָל מער נישט זיין דער אָרעמער וועכ־טער פֿון מיינע גאָלדקאַמערן?

— ווי לאַנג איך האָב פֿאַרגעניגן דיך צו דינען, מלכּה...

— וואָס וועט דען מיין ערשטער כּהן נישט גרייט זיין צו טון פֿאַר מיר?

—האָב איך ווייטער גערעדט צו מיינע ראַטגעבער.— ער וועט פֿאַרלענדן די, וואָס האָבן אויסגעהרגעט מיינע כּהנים און פֿאַרשטאַרקן די שבֿועה פֿון בונד צו

מיין הויז. ער וועט אויספלינדערן פאר מיר דעם פיינטס אוצרות, אָבער מיין אייגענע קאמער וועט ער נישט אָנרירן.

ביי חטיפאַ'ן האָט דאָס אָפענע מויל געציטערט. די אויגן זענען געוואָרן פארוואָלקנט, און איזבל האָט העכער גערעדט:

— ער וועט נישט פעלשן די וואָג מיט גאָלד און די אָנגעזאַמלטע שקלים און כלים פאר צינזן וועט ער פאר זיך נישט באהאלטן, — האָב איך געזאָגט צו מיינע ראטגעבער. — ווען איך וועל בלייבן אליין אין פאלאַץ, פארלאָזן פון קעניג און פאַרראַטן פון מיינע קנעכט, וועט ער נישט אָפּטרעטן פון מיין רעכטער האנט. ווי אזוי קאָן איך באלוינען דעם, וואָס האָט רייך געמאכט זיין הארינטע און אליין איז ער געבליבן אַן אָרעמאַן?

קאַלטע אנגסטן האָבן אצינד באדעקט דאָס לייב פון דעם איינגעבויגענעם חטיפאָ. די רייד פון לויב, וואָס האָבן געזאָלט ברענגען פרייד זיין הארץ, האָבן געמאכט ציטערן זיינע קני. פון דעם פעטן קיילעכדיקן גוף האָט געיאָגט היץ און קעלט. די ציין האָבן זיך געטרייסלט און די צונג האָט געוואָלט פרעגן: וויים זי דעם סוד, צי האָט זי צוליב דעם ארויסגעפירט אים מיט תורתונא'ן ביז בית־אל? אָבער אויף זיינע ליפּן זענען ווידער געווען ווייכע, שטאַמלענדיקע רייד:

— ווי לאנג איך מעג בלייבן דיין ערשטער כהן, קעניגין...

— דו ביזט נישט בלינד, חטיפאָ! — האָט איזבל א געשריי געטון. — דו שטייסט היינט פאר א שוואכער מלכה. ביים קעניגס מאַלצייט האָסטו געזען מיין געפאלנקייט. דאָס בלוט פון מיינע כהנים האָט רויט געמאכט די וואסערן פון קישון. די, וואָס העצן דעם קעניג, ווילן אויך פאראכטן די דרייסטע, וואָס ווילן אים נאָכגיין. עס איז שלעכט, חטיפאָ, צו בלייבן נעבן א מלכה, וואָס איז פארשעמט ביים פאָלק.

— ביז צו מיין לעצטן טאָג אויף דער ערד וועט דיין פארלאנג זיין מיין געבאָט.

איזבל האָט זיך אויפגעהויבן פון איר ביינערנעם בעט און זיך געשטעלט קעגנאיבער אים א שטרענגע, א שווייגנדיקע. איר קאַלטער אָטעם האָט גע־קאָנט אויף איינמאָל ארויסבלאָזן פון אים דעם לעצטן פונק לעבן, אָבער זי האָט בעסער געוואָלט לעשן די פונקען לאנגזאם, אזוי ווי מען מאכט צאנקען דאָס אש פון טליענדיקע קוילן.

— דורך אלע יאָרן פון מיין הערשאַפט האָבן פרעמדע מלכים מיך מקנא געווען, וואָס די געטרייע שטייען ביי מיין צוקאָפּנס, — האָט זי געזאָגט. — זאָג מיר, חטיפאָ מיין געטרייער, א קנעכט וואָס באַרויבט זיין האר, קאָן ער אָפּ־וואַשן זיין שולד?

— א שולדיקער קנעכט קאן אפוואשן זיין גוף, אבער נישט זיין נשמה.
— און צי וואשט נישט דער שולדיקער זיין גוף מיט זיין אייגן בלוט?
— אזוי איז געשריבן אין דעם בוך פון געזעצן.

—חטיפא, מיין געטרייער, וואס וועסטו טון אויב דיין קעפסווייב וועט דיר געבוירן א זון א רויבער און ער וועט ווערן א הויפטמאן אין קעניגס הויף, אבער ער וועט פאראומרייניקן די טאכטער פון דיין ווייב און די גזילות פון פאלאץ וועט ער ארייגלייגן אין זעק און די צינזן צום קעניג וועט ער נישט צאלן און די משכנות וועט ער נישט אפגעבן; די בארויבטע קרבנות וועט ער טויטן און פאר די ריכטער וועט ער וויינען, אז מען האט אים פאראַרעמט. וואס וועסטו טון מיט אים? וועט ער בלייבן לעבן נאך די דאזיקע אומווירדיקייטן וואס ער האט געטון?

—טויטן זאל ער געטויט ווערן און זיין בלוט זאל פאלן אויף אים! — האט חטיפא מיט אייפער אויסגעשריגן.

ביי איזבל'ן האבן די אויגן ווידער אויפגעגליט. זי האט אפגעמאסטן דעם געבויגענעם מאן, וואס האט נישט געהאט קיין קייטן אויף זיינע הענט און פיס, אבער ער איז געווען נידעריקער פון אלע קנעכט. פון זיין פעטן נאקן איז אראפ־געהאנגען די גאלדענע שנור מיט די בליציקע רינגען און זיין געלענקבאנד איז געווען געשלאסן מיט דעם ערשטן זיגל פון פאלאץ. וואס זענען די אלע רינגען און שילדן פון ערע, אויב זיי ווערן נישט געוואונען אין מלחמה, נאר דורך קניען פאר הערשער? —האט זי געטראכט.— די וועלט אויף יענער זייט וואנט איז איינגעהילט אין געוויטער און שטורעמווינטן, די ערד איז פארפלייצט פון א מבול, אבער דער בעל־שמים האט נאך זיין אפפער נישט פארצערט. זי האט געמאכט א טראט נענטער צו חטיפא'ן און איר שטים איז געווען ווייך:

— איך וויל נישט אז די פירשטן אין הויף זאלן זאגן: איזבל האט אפ־גענארט דעם געטרייען צווישן אירע דינער. דו האסט צו־לאנג געהארכט מיינע באפעלן און דיינע קני האבן זיך צופיל מאל געבוקט ביי מיין שוועל. היינט וועסטו פריי ווערן פון דינסט. איך וועל דיך פריילאזן פון דאנען נאך פאר מיין אומקער קיין שומרון, און זאלן די אייפערזיכטיקע אין פאלאץ הערן: באלוינט האט איזבל איר קנעכט חטיפא'ן אזוי ווי ער פארדינט.

און זי איז האסטיק צוגעלאפן צו די מירמלשטיינערנע טרעפ פון ארויס־גאנג. זי האט אויפגעפראלט די טיר און גערופן די קנעכט:

— פארשטיינט אים! און זיין טויטן גוף זאלט איר צו די הינטווארפן!

ח

און ווי איזבל איז געזעסן אין בית־אל און דעם מלכ'ס קריגער זענען ארוים אין מלחמה אויף ארם, איז אליהו, דער מאן פון גלעד, שוין געווען אנטלאָפן ביז באר־שבע. פאר דער נקמה פון דער מלכה איז ער אנטרונען ביז אין דער וויי־טער שטאָט וואָס אין יהודה, און אזוי אנטלויפנדיק פון איזבל'ס שווערדנציער, האָט ער געפרעגט ביים הימל: מיט וואָס איז ער דען בעסער פון זיינע אָבות? צי איז דען נישט יעקב אנטלאָפן פאר עשיו'ן, משה פאר פרעה'ן און דוד פאר שאול'ן? אָבער אוים פחד צו בלייבן אין באר־שבע, האָט ער דאָרט איבערגע־לאָזט דעם יונג, וואָס האָט אים באדינט און אליין האָט ער אוועקגעוואנדערט טיפער אין מדבר. ביים סוף פון טאָג איז ער געפאלן פון די פיס און זיך אוועק־געזעצט אונטער א בעזעמביימל. ער איז געווען הונגעריק און דאָרשטיק און זיין נשמה איז געווען מיד. און ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. גענוג אצינד, גאָט, —האָט ער מיט א געבעט אויסגעשפרייט די הענט צום הימל,— נעם־צו מיין זעל, וואָרן איך בין נישט בעסער פון מיינע עלטערן!

און ער האָט זיך געלייגט און איז איינגעשלאָפן. ערשט א מלאך האָט אים אָנגערירט און געזאָגט צו אים: שטיי־אויף און לען אונטער דיין האריץ! ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען א קוכן, געבאקן אויף אָנגעברענטע שטיינער, און א קרוג וואסער דערנעבן. האָט ער געגעסן און געטרונקען און זיך אוועק־געלייגט צוריק. און דער מלאך פון גאָט האָט זיך באוויזן צו אים א צווייט מאָל און אים ווידער אָנגערירט: שטיי־אויף און עס, ווייל א לאנגער וועג וואַרט אויף דיר! איז ער אויפגעשטאנען און ווידער געגעסן און געטרונקען. זיין גוף איז געווען געשטארקט און זיין נשמה האָט אָנגעשעפט רו, און מיט דעם כוח פון דעם שפייז איז ער שפעטער געגאנגען פערציק טעג און פערציק נעכט, ביז ער איז צוגעקומען צום בארג פון גאָט, וואָס הייסט חורב, און ער איז אריינ־געגאנגען אין דער הייל און דאָרטן גענעכטיקט. אָבער דאָס וואָרט פון גאָט האָט צו אים גערעדט: וואָס טוסטו דאָ, אליהו? איז דער מאן פון גלעד גע־פאלן אויף זיין פנים און זיך פארענטפערט, אז אנטלאָפן איז ער פאר דעם

צאָרן פון די קינדער פון ישראל. אָנגענומען האָט ער זיך פאַר דעם גאָט פון די חיילות, ווייל ישראל האָט דעם בונד מיט אים פאַרלאָזן, די מזבחות צעשטערט און די נביאים אויסגעהרגעט מיטן שווערד און איבערגעבליבן איז ער אליין, אָבער די קינדער פון זינד זוכן אויך זיין לעבן צו נעמען. האָט די שטים גע־זאָגט: גיי ארויס פון דער הייל און שטעל זיך אויפן בארג פאַר גאָט!

און דער מאַן פון גלעד איז ארויס און זיך געשטעלט אויף דעם מוראדיקן בארג, וואָס זיין שפּיץ האָט דערגרייכט צום הימל, און גאָט איז אים פאַרביי־געגאַנגען. און א שטאַרקער שטורעם איז אָנגעלאָפן און געריסן בערג און גע־בראָכן פעלזן פאַר גאָט, אָבער נישט אין שטורעם איז געווען גאָט. און נאָך דעם שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן אַן ערדציטערניש, אָבער נישט אין דער ערדציטערניש איז געווען גאָט. און נאָך דער ערדציטערניש איז אויפגעגאַנגען א פייער, אָבער נישט אין פייער איז געווען גאָט, און נאָך דעם פייער האָט זיך דערהערט א ווייט קול פון דער דינער שטילקייט ארויס. און עס איז געווען ווען דער מאַן פון גלעד האָט דאָס דערהערט, אזוי האָט ער איינגעוויקלט זיין פּנים אין זיין מאַנטל און ער האָט זיך געשטעלט אין אריינגאַנג פון דער הייל, ווייל ער האָט געוואוסט, אז אין דער שטילקייט איז געווען גאָט. אין א קול איז געקומען צו אים און ווידער געפרעגט: וואָס טוסטו דאָ, אליהו? און דער מאַן פון גלעד האָט זיך פאַרענטפערט אזוי ווי פריער, אז די קינדער פון זינד זוכן זיין לעבן צו נעמען.

האָט דאָס קול, וואָס איז געקומען נישט פון שטורעם, נישט פון ערדציטער־ניש און נישט פון פייער, אים באַפוילן, אז ער זאָל זיך אומקערן אויף זיין וועג צום מדבר פון דמשק, ווייל ער וועט דאָרט מוזן זאַלבן די קעפּ פון דריי מענער: איינעם, חזאל, זאָל ער זאַלבן פאַר א מלך איבער ארם, און א צווייטן, יהוא, דעם זון פון נמשי, זאָל ער זאַלבן פאַר א מלך איבער ישראל, און א דריטן, אלישע, דעם זון פון שפט׳ן פון אבל־מחולה, זאָל ער זאַלבן פאַר א נביא אויף זיין אָרט. און די דאָזיקע דריי געזאַלבטע וועלן שפּעטער אומברענגען די אלע, וואָס מאַכן זינדיקן ישראל, ווייל דער וואָס וועט אַנטרינען פון חזאל׳ס שווערד, וועט אומקומען דורך אלישע׳ן. אָבער נישט אַלע וועלן געטויט ווערן, ווייל גאָט אליין וועט איבערלאָזן אין ישראל זיבן טויזנט געטרייע, אַלע קני וואָס האָבן נישט געקניט צום בעל און איטלעכעס מויל וואָס האָט אים נישט געקושט.

דער מאַן פון גלעד האָט זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען א טאָג מיט א נאַכט, ביז ער איז אָנגעקומען צו א פעלד און דאָרט געטראָפן אלישע׳ן, דעם זון פון שפט׳ן, ווי ער אַקערט מיט צוועלף געשפּאַנען פאַר אים. מיט עלף פּאָר אָקסן האָבן געאַקערט זיינע קנעכט, און ער אליין, דאָס יינגל אלישע, האָט גע־אַקערט מיט דעם צוועלפטן געשפּאַן. איז ער, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם בארג

חורב, אריבערגעגאנגען צו אים און ארויפגעוואָרפן זיין מאנטל אויף אים. האָט אלישע אויפגעציטערט, ווייל ער האָט דערקענט דעם צייכן, אז פאַר א נביא ביים פאָלק איז ער פון גאָט באשטימט. און ער איז נאָכגעלאָפן און זיך געבעטן ביים געטלעכן מאַן: לאָמיך צוערשט גיין און קושן מיין פאָטער און מיין מו־טער און דערנאָך וועל איך גיין נאָך דיר. האָט דער מאַן פון גלעד א דערצאָרנ־טער געזאָגט: וואָס האָב איך דיר געטון, יינגל? גיי און קער זיך אום צו דיין פעלד!

און אלישע האָט פארשטאנען, אז דער געטלעכער מאַן איז אריין אין גרימ־צאָרן, ווייל ער האָט גרינגגעשעצט די הייליקע שליחות. האָט ער זיך אומגע־קערט פון אים און גענומען דאָס געשפאַן רינדער און באלד געשאָכטן און מיט דעם שפאַנצייג פון די רינדער האָט ער זייער פלייש אָפגעקאָכט. דערנאָך האָט ער דאָס שפייז געגעבן צו די קנעכט און זיי האָבן געגעסן. און אלישע איז אויפגעשטאנען און איז נאָכגעגאנגען דעם מאַן, אזוי ווי עס גייט־נאָך א קנעכט זיין האר, און ער האָט געגאָסן וואסער אויף זיינע הענט.

ב ו ך פ י ר

דער לייבן־עק פון יהודה

א

אחאב׳ס קריגער האָבן זיך אומגעקערט אין די פעסטונגען און איזבל אין פּאַלאַץ, און דער מלך האָט גערופן צו זיך די ערשטע שלאַכטמענער אויף צו באַלוינען די, וואָס האָבן אים געבּרענגט נצחון און דערוואַיטערן יענע, וואָס האָבן געלויערט צוצונעמען די הערשאַפט איבער זיין חייל. ער האָט אויך געשיקט אַ קנעכט צו ברענגען יצהר בן רעאול׳ן, דעם היציקן סופר, וואָס האָט געמאָנט כבוד פאַר דער תורה צווישן די זיילן פון פּאַלאַץ.

אומגעריכטע בשורות זענען געקומען צום מלך צומאָרגנס נאָך דעם גרויסן שלאַג איבער אַרם. פון פקחיהו׳ן האָט ער געהערט, אַז די דערשראָקענע מלכּה האָט אין בית־אל געלאָזט טויטן איר בעסטן קנעכט, חטיפאַ׳ן, און תורתונאַ׳ן האָט זי פאַרן מזבח מיט דער אייגענער בייטש געשמיסן, און מיט דעם הויפּטמאַן אָסף בן עודד׳ן וויל זי אָצינד שיקן חייל אויף די ערשטע זיבן שטעט פון יהודה, וואָס ציען זיך הינטער מיצפּה, אין בית־חורון, די שטעט וואָס זיין פאָטער עמרי האָט צוריקגעגעבן צום מלך פון ירושלים נאָכן בונד פון פרידן. אַזוי האָט איזבל געוואָלט אָפּנעמען אַ חוב, וואָס די געשלאָגענע מוזן צאָלן צום זיגער. עמרי האָט געוואונען די לעצטע שלאַכט מיט יהודה, אָבער אָנשטאָט צו נעמען רויב, האָט ער געטיילט געשאַנקען און אָפּגעשוואַכט די פעסטונגשטאָט פון דרום.

און נאָך האָט אחאָב געהערט פון פקחיהו׳ן, אַז דער, וואָס אים האָט דער קעניג נעכטן געטרויט, וועט מאָרגן פאַרראַטן, און דער, וואָס אויף זיין נאַקן האָט ער די האַנט געהאַלטן, איז געבליבן געטריי צו דער מלכּה. איתמר בן צוער האָט מיט זיינע רייטערגענער געשלאָגן אַרם און אָסף בן עודד, דער אכזר, האָט געפּייניקט זיינע קריגער דאָרט, וואו דער נצחון איז געקומען אָן בלוט. אין עמון האָט אָסף געלערנט גרויזאַמקייט, אָבער ביי איתמר׳ן, דעם געטרייען פון זיין פאָטער, איז טייער דאָס בלוט פון יעדן מאַן אין ישראל. נאָך היינט וועט אָסף מוזן הערן, אַז אויב אַ צווייט מאָל וועט בן הדר אַרויפגיין באַלאַגערן שומרון, וועט נאָר איתמר אַליין פאַרלענדן זיין חייל און פאַרוויסטן די שטעט

און טורעמס פון אַרם. ער איז דער זיגער. זיין ערשטער נצחון איז געקומען צומאָרגנס נאָך די רעגנס פון ברכה. ווען דער געטלעכער מאַן פון גלעד איז אַנטלאָפן אין מדבר פון איזבל׳ס נקמה.

דער מלך האָט געמאָסטן די געשעענישן אין לאַנד מיט דער קללה און ברכה דורך די דריי יאָר. אין בית־אל האָט איזבל געזאַמלט נייע כהנים פאַר איר אייגן הייל. אָבער מיט בלינדקייט איז די מלכה געשלאָגן, אויב זי זעט נישט, נאָר צוליב די, וואָס פאַרכטן פאַרן הימל וועט די ערד ווידער שפּראָצן און וואַסער וועט ווידער שטראָמען אין די טייכן. איבער דעם שטרייט מיט די פרומע איז די ערד געוואָרן פאַרוויסט און די באַוואוינער פאַרהונגערט. פון היינט־אָן וועט ער שעפּן גבורה פון דעם איינעם כוח וואָס אין די הויכקייטן, פון דעם מלך איבער אַלע מלכים, וואָס פירט זיינע חיילות.

עס איז געווען די צייט פון שקיעה, ווען די צוויי שלאַכטמענער און דער סופר יצהר בן רעואל האָבן זיך געשטעלט פאַר אחאַב׳ן אין טראָנזאַל. דער מלך איז געזעסן אויף דעם גאָלדענעם שטול, וואָס זיינע פיס, פון א קאַלב, זענען געשטאַנען אויפן טעפּיך פון וואָל. איבער זיין קאָפּ איז געווען די קעניגלעכע חופּה און אויף זיין פינגער — דער זיגל פון דער מלוכה. הינטערן טראָנשטול זענען אין א האַלבראָד געשטאַנען די פירשטן און די עלטסטע און ביי זיין רעכטער האַנט — פקחיהו. יצהר בן רעואל האָט געטראָגן זיין רויטן וויקלמאַנטל מיט פאַלדן. אחאַב האָט געזען, ווי אָסף איז געקומען מיט זיין שלאַכטשווערד, און איתמר האָט אויף זיינע לענדן נישט געהאַט קיין וואָפן. צווישן זיי איז געשטאַנען מיט הכנעה יצהר. זיין פּנים איז נישט געווען צעפּלאַמט און די צונג, וואָס האָט תמיד געהאַט שאַרפע רייד ווי פיילן, איז געווען שטום. א כעס איז אויפגעגאַנגען אין אחאַב׳ן. די האַלדז־אָדערן, אונטער זיין באָרד, האָבן געציטערט. גערופן האָט ער צוויי געהאַרכזאַמע הויפּטלייט, איז איינער געקומען ווי א ווידערשפּעניקער קריגסמאַן. ער האָט געוואָלט זאָגן צו דעם, וואָס באַרימט זיך: דו זאָלסט אָפּמעסטן דיין שאָטן, וואָרן דו ביזט נישט גרעסער פון אים; אָבער פון זיינע ליפּן זענען געקומען אַנדערע ווערטער:

— אָסף בן עודד! יעדער געטרייער אין מיין דינסט האָט געשוואוירן נישט אויפצוהייבן א בייטש אָדער א שווערד אויף די, וואָס שלאָגן זיך פאַר ישראל. דו האָסט געשמיסן מיינע הונגעריקע קריגער!

ביים הויפּטמאַן האָבן די קינבאַקן געצוקט, אָבער ער איז נישט אָפּגעטראָטן פאַר די רייד פון קעניג. ער, וואָס האָט נישט אָפּגעהיט דעם כבוד פון מלכים וואָס שרעקן זיך פאַר אכזריות, האָט געוואוסט פון איין כוח, וואָס קאָן טרייבן די שוואַכע צו אַלע סכנות — די בייטש. און נישט דער קרוינטרעגער אפילו

די קעניגין איזבל

קאַן די בייטש ארויסנעמען פון זיין האנט ווען ער רייט פאַרויס פאר דעם חייל. ער האָט געזאָגט:

— די שלאכט איז געווען קורץ און דער רויבזאַק ווינציק, קעניג פון ישראל. די מלחמה איז נישט ווערט געווען אזויפיל צייט, פון זונאויפגאנג ביז זונאונטערגאנג, און מיין בייטש שווימט שטענדיק דאָס בלוט פון גיבורים. אָבער מיר זענען צוריקגעקומען אָן שטעט, אָן קנעכט.

— די אַרמים זענען פארלענדט געוואָרן איידער דאָס חייל איז צוגעקומען צו די פרעמדע שטעט.

— וואָס פארא מלחמות פירט היינט ישראל?! —האָט אָסף אויסגערופן.

— נישט קיין קנעכט און נישט קיין הענדלער מיט קייטן זענען צוריקגעקומען. מיין בייטש איז געווען פלינקער פון די פערד. איך האָב געקאָנט ארויסטרייבן די אַרמים פון זייער פעסטונגשטאָט אפק, אָבער מיין קעניג האָט נישט געוואָלט די הייזער און די געפאַנגענע פון פיינט.

— דער פיינט זאמלט אלע טעג נייע כוחות. ער גייט און ער קומט. ארם האָט געלערנט ביי די פלישתים און די פלישתים האָבן נאָכגעטון מואב, ביז זיי האָבן, געשלאָגענע, זיך געשטעלט אויף די קני פאר שומרון. אויב בן הדר וועט ווידער ארויפגיין צום סוף פון יאָר באלאגערן מיין שטאָט, וועט נישט זיין קיין פרידן אין לאנד, סיידן איך וועל אים פארטיליקן. פון היינט־אָן וועלן מיינע קריגסלייט עסן פעטע שפייזן און טרינקען גוטן וויין. א שטארק חייל וויל איך האָבן, נישט קיין געשמיסענע קנעכט.

אָסף בן עודד האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ און געזאָגט:

— פארוואָס נישט אָפּריייניקן די געמארקן היינט, איידער דער פיינט זאמלט קריגער, שווערדן און פיילן פאר דער צווייטער מלחמה? שוואַך איז היינט בן הדר און געשלאָגן איז זיין חייל, אָבער די טורעמס פון אפק הענגען ווי שווערדן איבער ישראל'ס טאָלן. נאָר איין באפעל, קעניג און איך וועל אָפּהאקן דעם גאנצן האָרן פון ארם.

אחאב האָט אָנגעקוקט דעם אומגעהאָרכזאמען שלאכטמאַן און געלאכט.

— וויפל ווערט האָבן דעם קעניגס באפעלן ביי א ווידערשפעניקן שלאכטמאַן?

די שווערע ברעמען ביים הויפטמאַן האָבן זיך אויפגעהויבן ווי הערנער. דאָס בלוט אין זיין הארץ האָט אצינד געקאָנט חעבער שרייען פון זיינע רייד. וואו שטייט ער? אין פאלאץ, צי איז ער א געפאנגענער אין לאגער פון א פרעמדן הערשער? פארוואָס האָט דער קעניג אים דערנידעריקט אין די אויגן פון די פירשטן? ער האָט זיך אומגעקוקט אויף איתמר'ן און אָנגעשטעלט די בליקן אויף יצהר בן רעואל. דער דאָזיקער פרומער לערער, וואָס וויל לערנען

די קריגסלייט וואָס צו טון מיט געפאַנגענע פרויען, אויך ער האָט אריינגע־שטעלט אַ פוס אין קעניגס הויז! ערשט נעכטן, ווען ער האָט ארויסגעפירט אַ געפאַנגענע טאָכמער פון זיין געצעלט, איז יצהר אים אנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ וואָרענונג: דערפאַר ווייל דו האָסט נישט אָפגעהיט דעם כבוד פון אַ פעלדהאַר אין ישראל, נאָר ביזט נאָכגעגאַנגען די גלוסטונג פון יעדן נידערטרעכטיקן יונג, וועסטו פאַלן אין די אויגן פון מלך און איתמר וועט ארויסנעמען די שווערד פון דיין האַנט. אָסף האָט אַצינד מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף איתמר'ן ביי זיין זייט, אָבער זיינע רייד זענען געווען צום קעניג:

— ביז אויפן היינטיקן טאָג האָט מיך קיינער נישט גערופן ווידערשפעני־קער. איך בין אריינגעקומען אין דיין קעניגרייך אויף צו ברענגען נצחונות און נישט צו גנבענען די קרוין, אַזוי ווי עס ווילן די פאַרגעסענע שלאַכטמענער פון דיין פאָטער עמרי.

איתמר, וואָס אויף זיין קאָפּ זענען געפאַלן די רייד פון פאַרשעמונג, האָט זיך אַ צי געגעבן פאַרויס, און זיינע רויטע פלעכטן באַרד האָבן פון צאָרן אַ ציטער געטון. אָבער דער מלך האָט מיט אַ האַנטצייכן אים באַפוילן צו שווייגן. ער האָט אַ געשריי געטון:

— האַלט דיין צונג, אָסף!

— צי בין איך היינט גערופן געוואָרן אין פאַלאַץ צו קריגן באַלוינונג, אָדער חרפה?

— דער מלך הייסט שווייגן! — האָט פקחיהו געוואָרנט.

— נאָר קנעכט שווייגן. איך בין פריי אין דער מלוכה, וואָס איך האָב געהאָלפן שטאַרקן.

אחאָב האָט זיך ארויסגעהויבן פון זיין שטול, אָבער די ליפּן ביי דעם אויפ־געגרעגטן הויפטמאַן האָבן געפלאַמט:

— אויב פאַלשקייט האָט איתמר, דיין אויסשפּירער, אָנגערעדט אויף מיר, געטרוי אים נישט, קעניג! ער איז דער לייבנעק פון יהודה, וואָס איז געקומען פאַרברענען דיין הויז. פון דעם טאָג פון זיין געבוירן האָט זיין צונג נישט גע־וואוסט דעם אונטערשייד פון אמת און באַטרוג. היט זיך פאַר אים! היינט בוקט ער זיך פאַר דיר, מאָרגן וועט ער דיין האַר ווערן!

דער מלך איז אַראָפּגעגאַנגען פון זיין טראָנשטול. ער האָט מיט געמאָס־טענע טריט זיך דערנענטערט צו אָסף'ן. זיין שטים איז געווען אַזוי שטאַרק ווי זיין גרימצאָרן:

— מאָרגן, ווען די זון וועט זיין הויך, וועל איך דיך אַראָפּזעצן פון שפּיץ פון מיין חייל און איך וועל איבערלאָזן אין דיין האַנט די כורעמס פון די ווייטע

שטעט. דו וועסט היטן די וואכהייזער, אז מיינע געטרייע זאָלן קאָנען היטן דיין קאָפּ. קנעכט, עפנט דאָס טויער פאַר דעם ווידערשפעניקן!

אָסף בן עודד איז געשטאַנען צווישן די וועכטער, אָבער זיינע אויגן האָט ער געהאַלטן אויף דעם, וואָס דער קעניג האָט אים געמאַכט פאַר זיין ערשטן פיינט. ווי הייסע שטראָמען האָט דאָס בלוט אויפגעזאָטן אין די אָדערן. די ליפּן האָבן געמורמלט דאָס, וואָס דאָס הארץ האָט געפילט: מען רופט אים „דער לייבנעק פון יהודה"! ער וועט בלייבן דער עק און איך וועל נישט אָפּ־טרעטן פון דעם נאַקן פון שומרון! ער האָט מיך באַזיגט, ווייל ער איז דערבאַ־רעמדיק ווי דער קעניג. אצינד וועל איך מוזן שטאַרקן דעם בונד מיט דער קעניגין. די, וואָס האָט אַפשיי פאַר די שטאַרקע, וועט מיך פאַרשטיין!

ער איז נאָך נישט אַפּגעגאַנגען ביז צו די הינטערשטע זיילן, ווי דער מלך האָט זיך געשטעלט קעגנאיבער איתמר'ן און אויסגערופן:

— מאָרגן, אין דער אייגענער צייט, וועל איך דיך, איתמר בן צוער, אויפ־הייבן צו זיין מיין ערשטער הויפּטמאַן איבער די קריגסמענער. דו וועסט שטאַרקן דאָס חייל און פירן מלחמות. וועסט איינגעמען שטעט און איינוואַרפן פעסטונגען. וועסט פאַרקויפן קנעכט און באַוואַכן טורעמס, ווייל א היטער פון מיין מלוכה וועסטו מיר זיין!

א שטיל גערודער האָט זיך געטראָגן צווישן די פירשטן ביי די דאָזיקע רייד פון קעניג. דאָס גערודער פון איבערראַשטע, וואָס קאָנען שלום מאַכן מיט אַלע אומגעריכטע געשעענישן. פקחיהו, וואָס האָט געוואוסט די סודות פון דער מלוכה פריער פון אַלעמען, האָט מיט אויפגעהויבענע הענט איינגעשטילט דעם טומל, אז עס זאָל געהערט ווערן די רייד פון דעם רעגירער. אחאָב האָט צו די פירשטן געזאָגט:

— מיט בלוט זענען באַפלעקט א סך בלעטער אין דעם בוך פון מלכים אין אונדזער הויז. אויך אין מיינע טעג זענען די שווערדן איינגעטונקען אין בלוט. איך האָב צוגעזען ווי אין וויניק צייט האָבן מלכים איינער דעם אַנדערן פאַר־לענדט. פאַר דער שטאַרקייט פון ישראל, — האָבן זיי געזאָגט,— האָבן זיי דאָס געטון. פון היינט־אָן וועט די מלוכה געהיט ווערן פון א שטאַרקן מלך. און פאַר ישראל וועל איך אויך לאָזן מיין שווערד טרינקען בלוט!

און אחאָב האָט זיך אויסגעדרייט צו איתמר'ן:

— איינס האָב איך געלערנט נאָך דער מלחמה נעכטן, — האָט ער געזאָגט,

— מאַכט איז גרויזאַם. אויב דו האַלטסט זי נישט אויף דער שאַרף פון דער שווערד, וועסטו זי פאַרלירן.

ביי איתמר'ן האָט דאָס הארץ זיך געהויבן פאַר פרייד. דאָס בלוט האָט געבריט פון דעם כבוד וועגן, וואָס דער קעניג האָט מיט אים געטון. די מאַכט

איז געקומען אזוי אומגעריכט, ווי דער נצחון אין דער שלאַכט. דער ערשטער פאַרלאַנג איז געווען, ארויסצוטראָגן די בשורה צו דער פאַרשעמטער תּורתונא. אָבער דער מלך האָט אין יענער רגע אים נישט געלאָזט שפּינען זיינע פּלענער, ווייל ער האָט געזאָגט צו יצהר בן רעואל:

— גיי אריין אין דער קאַמער צו אחזיהו און יהורם. מיינע זיז וואַרטן אויף זייער לערער. לערן מיט זיי די געזעצן, אָבער מאַך נישט ווייך זייערע הערצער און שוואַך נישט אָפּ זייער ווילן, ווייל א מלוכה וועלן זיי מוזן ירשענען.

אחאַב האָט געגעבן א צייכן, אַז פּקחיהו זאָל ארויסשיקן די איינגעזאַמלטע פירשטן און עלטסטע. ער איז געגאַנגען צווישן איתמר'ן און יצהר'ן דורך די זיילן, וואָס האָבן געפירט צו דער קאַמער פון די פּאַרמעטן און גערעדט:

— מיינע קינדער האָבן ביז היינט נישט געזען, ווי גיפט, שפּיזן און פייער האָבן פּאַרטיליקט זייערע אָבות. אין מיינע יונגע יאָרן האָט א ברודער געטויט א שוועסטער; א וועכטער האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון זיין הויפּטמאַן, און אַלע האָבן זיי דאָס געטון פאַר מאַכט. זיי האָבן די אומווירדיקייטן געטון גע־שווינד, ווייל דער, וואָס איז נישט געווען געשווינד ביים וואַרפן זיין שפּיז, — אויף אים איז געפאַלן די שפּיז פון דעם פיינט. דאָס מוזן געדענקען די קינדער פון מלכים.

ביי דער שוועל פון דער קאַמער האָט פּקחיהו פאַרהאַלטן דעם מלך.

— אומגעריכטע געסט אין פּאַלאַץ, —האָט ער געזאָגט,— די שניטערס פון די פעלדער אין בית־ענת זענען אָנגעקומען. זיי ווילן זען דעם מלך.

— ווער האָט זיי אריינגעלאָזט אין שטאָט?

— זיי האָבן געבראַכט א שריפט מיט דעם זיגל פון ציניהאַר. אַז זיי האָבן אָפּגעצאָלט אין טויער אַלע צינזן פאַר די קעמלען מיט די קוישן זילבער און קרוגן אייל, וואָס זיי פירן מיט זיך.

— וואָס פירן זיי, מתּנות פאַר דעם מלך?

— זיי קומען בעטן גנאָד.

— פיר זיי אריין.

פּקחיהו איז ארויס און איז צוריקגעקומען מיט א הייפל טומלענדיקע לאַנד־באַזיצער, וואָס האָבן געטראָגן מאַנטלען פון קעמלהאָר און קאַפּטיכער פון גע־דרייטע ליינען אויף די קעפּ. זייערע פּנימער האָבן געפלאַמט און זייערע ליפּן זענען געווען ביטער, ווי וואויל זיי זענען געקומען בעטן און נישט מאָנען. א געוויקסיקער מאַן, מיט א גאָלדענער, דינער באָרד ארום די קינבאַקן, האָט אין געאייל זיך ארויסגעשטעלט, גרייט אָפּצוזאָגן אַלע רייד פון צאָרן און געבעט. אָבער אחאָב האָט זיך פריער דערנענטערט צו זיי און געפרעגט:

— וואָס צאָרנט איר און פאַרוואָס האָט איר געבראַכט בימערקייט אין

אייערע הערצער? צי זענען דען נישט געפאלן קיין רעגנס אויף די פעלדער פון בית־ענת, פון רמה און פון חצור, וואס איר האט מורא אז דאס גערעטעניש וועט נישט אויפגיין אויף אייער לאנד?

דער געוויקסיקער לאנדבאזיצער האט אונטערטעניק זיך איינגעבויגן.

— די רעגנס פון ברכה האבן אנגעטרונקען אונדזער ערד, —האט ער געזאגט,— אבער די מורא פאר דער גערעטעניש האט אונדז געבראכט אהער.

אחאב האט געקוקט אויף דעם הייפל געזונטע מענער, וואס זענען געבליבן שטיין שווייגעוודיקע, און לוסטיק א געשריי געטון:

— פקחיהו, פארוואס זיפצן די, וואס זענען רייכער פון קנעכט? זענען דען אומצופרידן יענע, וואס אנשטאט ארויסצוגיין אין מלחמה, רוען זיי אונטער זייערע פרוכטביימער?

— זיי זיפצן פון זארג, מלך.

אחאב האט ווידער אפגעמאסטן יעדן איינעם פון זיינע אומגעבעטענע געסט פון קאפ ביז די פיס און געפרעגט:

— איז נישטא קיין צונג וואס זאל פאר זיי רעדן?

— זיי ווילן זאגן, אז די מורא פאר דעם שניט פון תבואות האט זיי געטריבן ביז אהער, —האט פקחיהו פארטייטשט, און א ווינק געגעבן צו דעם, וואס איז געווען דאס מויל פאר דעם גאנצן הייפל, אז ער זאל ארויסזאגן פאר זיין מלך אלץ וואס דריקט זיין הארץ און ער זאל נישט פארהוילן פון גוטס ביז שלעכטס.

דער וואוקסיקער מאן האט אויפגעהויבן ביידע הענט און זיך איינגעבויגן ביז צום בויכבאנד און געזאגט, אז אבנר בן גרא הייסט ער, און ער קומט פון בית־ענת, און די וואס זענען מיט אים, שטאמען פון די טעכטער־שטעט ארום עכו. אין משך פון דריי יאר זענען זייערע פעלדער געווען פארדארט; די ערד האט נישט ארויסגעגעבן קיין שפראץ, די ביימער קיין פרוכט, אבער די מוכסים פון קעניג זענען געקומען אין צייט אויפמאנען די צינזן. די לאנדבאזיצער זענען פארארעמט און די חובות זענען געווארן א שווערע לאסט; זענען זיי געקומען בעטן ביים הערשער איבער די, וואס מאנען און איבער יענע וואס צאלן, אז ווען עס וועט קומען די צייט פון שניט אין לאנד, זאל מען זיי באפרייען פון איבערלאזן לקט אויף די פעלדער. ווי א מחנה היישעריקן וועלן די ארעמע לייט אנלויפן אויפן לאנד און שניידן דעם עק פון יעדן פעלד. אבער זיי, די מענטשן פון בית־ענת, פון רמה און פון חצור, וואס האבן געליטן פון דער קללה פון הימל, קאנען אין דעם ערשטן יאר נישט אוועקשענקען קיין איין־אייציקן זאנג. דעריבער זענען זיי נאר א חסד געקומען בעטן, אז די געליטענע פון טריקעניש זאלן אליין געניסן פון די אייגענע פעלדער.

דער מלך האָט אָנגעקוקט דעם מאַן, וואָס ערשט האָט זיין צונג געשטאַמלט און שוין זאָגט ער דעם פּאַלאַץ, אַז אומרעכט האָבן דעם קעניגס קנעכט אים געטון. ווי גייציק זענען די, וואָס רוען צוקאָפּנס זייערע לאַנדגיטער! זיי קאָנען נישט אָפּנאַרן די מלוכה, ווילן זיי באַרויבן דעם אָרעמאַן, און די רייכע שטייען אַצינד פאַר אים ווי בעטלער. ער האָט געפרעגט:

— און ווער זאָל פאַרטרייבן די אָרעמע לייט, וואָס וועלן קומען אויף אייערע פעלדער?

— דעם קעניגס חייל. צוויי הונדערט שווערדנציער וועלן זיין גענוג אָפּצוהיטן אונדזער פאַרמעגן פון די פרעמדע.

— די פרעמדע מעגן קלייבן די תבואה פון אייער עק פעלד, לויט דעם געבאָט פון הימל. דער מלך פון ישראל איז נאָר דער האַר פון די געבאָטן אויף דער ערד.

און אחאָב האָט לאַכנדיק זיך אויסגעדרייט צו יצהר בן רעואל'ן, דעם לערער פון זיינע זין און געפרעגט:

— ווער האָט אָנגעזאָגט דעם געבאָט פון לקט?

ביי יצהר'ן האָט אויפגעפלאַמט דאָס פּנים און די ליפּן האָבן געברענט, ווען ער האָט גערעדט צו די, וואָס האָבן פאַרגעסן די דינים פון תורה.

— פון סיני איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז ווען דאָס פאָלק גייט אַרוים שניידן דעם שניט פון לאַנד, זאָלסטו נישט דערענדיקן דעם עק פון דיין פעלד און דעם נאָכקלייב פון דעם שניט זאָלסטו נישט אַרומקלייבן ריין, און דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון דיין וויינגאָרטן זאָלסטו נישט אויפקלייבן. פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זיי איבערלאָזן. איך בין יהוה אייער גאָט!

יצהר בן רעואל'ס רייד זענען געפאַלן ווי שמיץ פון בייטשן אויף אבנר בן גרא'ן, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— וואָס פאַרלאַנגען מיר דען פון מלך? אַז מיר זאָלן קאָנען האַלטן די הענט אויף אונדזערע זאַנגען און די שלעסער אויף אונדזערע שייערן. און צי ווייס מען אין שומרון, אַז צווישן די, וואָס וועלן קומען אויף אונדזערע פעלדער קלייבן לקט זענען פאַראַן משפחות, וואָס זייערע פאָטערס און זין האָבן זיך נישט געשלאָגן קעגן אַרם? די מענער פון קדש און פון די וואוינערטער וואָס ציען זיך ביז אבל־בית־מעכה האָבן נישט געצויגן די שווערדן אויף דעם חייל פון בן הדד. צי פאַרדינען זיי דערפאַר א באַלוינונג, אָדער א שטראָף?

האָט דער מלך אַריינגעקוקט אין די אויגן פון אבנר בן גרא. פאַרוואָס רעדט ער שלעכטס אויף די באַוואוינער פון קדש? די מענער פון יענע וואוינערטער זיצן ביי די געמאַרקן פון אַרם, און ער, דער מלך פון ישראל, האָט די דערשראָקענע נישט גערופן צו מלחמה, אַז דער פיינט זאָל זיי באַלד נישט פאַר־

לענדן ביי זייערע שוועלן. אחאב האט נישט אראפגענומען זיינע אויגן פון דעם מאן מיט די בייזע ליפן, און אויפן זינען איז אים געקומען די גאנצע עדה פון ישראל אין מדבר, נאך דעם ווי מען האט זיי ארויסגעצויגן פון מצרים. דארט האט דאס פאלק געדארשט נאך וואסער און געמורמלט אקעגן משה׳ן זייער פירער. האט דער געטלעכער מאן זיי געזאגט: „וואס קריגט איר זיך מיט מיר? וואס פרואווט איר גאט?". דארט, אין מדבר, איז נישט געווען קיין וואסער פאר די קינדער און פאר די פי. א ברענענדיקער הימל פון אויבן און א גליענדיקע ערד אונטער די פיס. אבער דא, גייט־אויף א געדעטעניש אויף די פעלדער און עס וועט זיין גענוג פאר די, וואס וועלן קלייבן פון דעם איבערבלייב. דער כעס האט געצונדן זיינע קינבאקן און ער האט אויסגעשריגן:

— וואס זענט איר געקומען צו מיר? איר זאטע און פעטע, וואס איר ווילט האלטן די שלעסער אויף אייערע שייערן! איך וועל מארגן ווידער ארויסגיין אין געפעכט מיט די פעלקער. איך וועל ארויספירן מיינע קריגסלייט אין א צווייטער שלאכט, אז איך זאל מיט צוואנציק יאר שפעטער נישט ליידן פון חרטה, וואס איך בין היינט געווען א קנעכט פון מיין ווייך הארץ.

ער האט געקוקט אויף די לאנדבאזיצער מיט שנאה און פאראכטונג און געזאגט:

— אייער מלך גייט שטארקן זיין חייל און באפעסטיקן די שטעט, און איר קומט אויסבעטלען ביי אים דעם עק פון אייער פעלד! ארויס, בעטלער!
— קנעכט, פארטרייבט די גייציקע לייט פון קעניגס הויז!

ב

אחזיהו, דעם מלכ׳ס ערשטער זון, האָט געוואַרט אין דער קאַמער אויף זיין לערער. ער איז געזעסן אויף דעם בלויען טעפּיך צופוסנס דער קופּערנער ווייִרויך־פאַן, און אין זיין זכרון זענען אויפגעגאַנגען די געשעעניש׳ן דורך די זעכצן יאָר פון זיין לעבן. דער מאָגערער, שוואַכער גוף איז געווען קלענער ווי ביי אַנדערע הויף־קינדער פון זיין עלטער. זיין גרויסער קאָפּ האָט געהאַט אויף אַ קורצן האַלדז און דער הויכער שטערן פון דער געבויגענער נאָז ביז אַרויף צום שיידל האָט געהאַט טיפע קאַרבן, ווי ביי אַ זקן. אחזיהו איז געבוירן געוואָרן אין טאָג ווען זיין פאָטער האָט צוריקגעברענגט אַ פאַרבלוטיקטע שווערד פון דער ערשטער שלאַכט. צו פינף יאָר האָבן זיינע אויגן געקוקט תמימותדיק, ווי אַ לאַם אויף די פירשטן, כהנים און שלאַכטמענער, וואָס זענען געקומען און געגאַנגען אין דעם קעניגלעכן הויז, אָבער אונטערן דעקל פון זיין יונגן מוח האָט געדרוישט אַ פראַגע: וואָס איז טייערער פון בלוט און העכער פון דער קרוין?

קעגנאיבער אים, אויף אַ געפלאָכטענעם געוואַנט, אונטער פיר שטאַנגען, איז געלעגן זיין ברודער יהורם. ער איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פון אחזיהו׳ן, אָבער העכער פון אים אין וואוקס און היציקער אין בלוט. ער איז געווען פעט, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, אַזוי ווי ביי איינעם פון די זאַטע הויף־כהנים. ער האָט געהאַט אַ שאַרף פנים מיט שפּיציקע באַקנביינער און וואַכזאַמע אויערן. און אַזוי ווי אויף זיין ברודערס שטערן האָט געהאַט אַ קילער טרויער, אַזוי האָבן אין זיינע אויגן געפלאַקערט אַלע גלוסטונגען צו דער וועלט. וועןביידע האָבן געקוקט אויף די ווענט פון זייער פאָטערס קעניגרייך.

אחזיהו האָט געהערט, אַז דורך די פופצן יאָר פון זיין פאָטערס הערשאַפט זענען אַ סך פיילן געפאַלן אויף די טורעמס. די מויערן פון פּאַלאַץ זענען באַשפּריצט געוואָרן מיט בלוט. ער און יהורם האָבן צוגעזען ווי פעלדהאַרן און צינזהאַרן זענען געטויט געוואָרן ביי די טרעפּ פון העכסטן הויז, אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט געפאַלן אויף דער אייגענער שווערד. די מוטער, די קע־

ניגין, האָט ווידערשפעניקט אין די באַפעלן פון מלך, און דער פאָטער האָט פון גרימצאָרן געשיקט צו דער שטיינער־וואַנט די אומגעטרייע. אין אַזוינע טעג האָט דער ערשטער פרינץ זיך דערוואוסט, אַז דער שטאָלץ ביי אַ קעניג איז העכער פון מאכט און אַז אויך דער הערשער קאָן זיין געפאַנגען אין אייגענעם טראַנזאַל.

אין די שעהן ווען שטרייטן צווישן דעם קעניג און דער מלכה זענען אויסגעבראָכן אין פּאַלאַץ, האָט אחזיהו, אַ צעטומלטער, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, אָבער יהורם האָט זיך געשטעלט ביי דער רעכטער האַנט פון דער מוטער און זיך געשיצט אין די פאַלדן פון איר קלייד, ווי אונטער אַ פּאַנצער. די דינסטן האָבן דערציילט, אַז אין דער נאַכט ווען יהורם איז אויף דער וועלט געקומען, האָבן די שטערנזעער געזען וואונדערצייכנס אויפן הימל, און אַ פייערדיקע שריפט אין טעמפל פון בית־אל האָט אָנגעזאָגט, אַז אַ שטאַרקער קרוינטרעגער, וואָס וועט פּרי אָרבן די מלוכה, איז געשאָנקען געוואָרן דער מלכה. דער קעניג האָט נישט געגלויבט די שטערנזעער, אַז זיין צווייטער זון וועט ירשענען די קרוין, און די ריכטער האָבן פאַרווערט אַרויסצוטראָגן אין די גאַסן די רייד פון די הימלקוקערס. יהורם איז געוואָרן דער געליבטער זון פון דער מלכה. ווי נאָר ער האָט די ערשטע טריט געשטעלט, האָט די מוטער אים צוגעפירט צו דעם העכסטן קאַלב־אָפּבילד פון בעל און אים געלערנט: אָט די קאַלב זאָל זיין טייערער פון אַלץ אין דיין האַרץ, וואָרן די דאָזיקע געשטאַלט האָט די מאכט פון אַ גאָט.

אחזיהו האָט געזען ווי דאָס ליכט פון טאָג לעשט זיך אין די ראַמען פון די פענצטער און די שאָטנס, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער די ווענט, האָבן אצינד נאָך מער געקילט זיין טרויער. איז ער קראַנק, ווי עס זאָגן די היילער וואָס קומען יעדן חודש צום פאָטער, דעם מלך? ווי קאָן ער זיין קראַנק אָן ווייטיקן פון גוף, און ווי קאָן ער זיין שוואַך, ווען ער האָט קיינמאָל נישט געפאָכטן מיט אַ שווערד? ער ווייס, אַז ער האָט די פאָרכט און די רו פון זיין פאָטער, אָבער אויב דער קעניג איז שטאַרק אין מלחמות, וועט אויך ער, אחזיהו, ברענגען נצחונות פון די שלאַכטן. אַזוי האָט פאַרזיכערט יצהר בן רעואל, ער, וואָס לערנט אים צו בלייבן פרידלעך ווי אַ שעפּס און זאַמלען די גבורה פון אַ לייב. זיין לערער, וואָס איז פאַרהאַסט ביי דער מלכה און לייטזעליק אין די אויגן פון קעניג, הייסט יעדן מאָן אין דעם חויז דערשטיקן די קנאה און בייקומען באַגערן, ווייל ער אַליין פירט אַ לעבן אָן באַגערן.

מיט די אויגן אָנגעשטעלטע אויף דעם שיטערן נעפּל פון ווייררויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען ביז צום באַלקן, האָט אחזיהו געמאָסטן זיין אייגענע ווערט אקעגן זיין יינגערן ברודער. עס זענען געווען אמת די רייד פון עובדיהו׳ן און פקחיהו׳ן,

אַז אין הימל האָט מען אויסגעפּורעמט די הערצער און די גלוסטונגען פון ביידע זין. ער, אחזיהו, איז ווי דער פאָטער, און יהורם — אַזוי ווי די מוטער. ער איז קיל, ווי א קוואַל וואָס ריזלט, אָבער יהורם איז א פייער־שפּייענדיקער באַרג. ער האָט ליב מיטצורייטן מיט דעם פאָטער אין יאָגד אויף הירשן, און יהורם האָט פאַרגעניגן צו זען ווי די כהנים שפּריצן דאָס בלוט פון קרבנות, און ווי די קדשות טאַנצן אַנטבלויזטע. ער פאַרזוכט נישט קיין וויין, און יהורם האָט ליב אויפצוהייבן די פאָרהאַנגען אין די שלאָפקאַמערן פון די קעבסווייבער. ער מעסט די צייט לויט דער זון און לבנה, און יהורם לערנט דעם גאַנג פון די טעג אויף די ליפּן פון מכשפים און שטערנזעער.

ביי אחזיהו׳ן איז דער מוח מיט אַמאָל געוואָרן פאַרנעפּלט, אָבער ביי יהורמ׳ן האָבן געווימלט געדאַנקען ווי פייגל. ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דעם ווייכן געוואַנט, האָט ער איצינד געוואָרט אויף דעם מאַן וואָס קומט פּרעדיקן פון רעכט און פאַלשקייט, און לערנען דעם אונטערשייד צווישן אמת און באַטרוג.

פון יענער זייט וואַנט האָבן זיך געהערט קולות פון שטרייט, און יהורם האָט געטראַכט פון זיין באַליידיקטער מוטער, וואָס האָט פאַרלוירן אירע כהנים. וואו איז זי איצינד? פאַרוואָס איז זי נישט געקומען היינטיקן פרימאָרגן אייג־רייבן זיינע לענדן מיט שמעקעוודיקן אייל? זי איז זיין שטאַרקער אָרעם און זיין היציקער מוח. זי האָט אים געלערנט זיך דערווייטערן פון די פּחדנים און נאָכגיין די גיבורים. און זיין לערער יצהר, וואָס הייסט נישט אויפשטיין אַקעגן דעם שטאַרקן, נאָר לערנען די געזעצן און פאָרכטן פאַר גאָט, איז ער א פּחדן? וואָס פאַראַ מלוכה וואָרט אויף אים, ווען ער וועט קומען אין די יאָרן פון רייפ־קייט? די דינסטן האָבן דערציילט, אַז אין דער נאַכט ווען ער איז געבוירן גע־וואָרן, האָט די מוטער באַגנאַדיקט אַלע געפאַנגענע, וואָס האָבן געלעסטערט אירע געטער, ווייל א וואָרזאָגערין פון דמשק האָט אין חלום געזען, אַז איר צווייטער זון וועט פּרי אָנטאָן די קרוין און שיקן אַלע ווידערשפּעניקע צו דער שטיינער־וואַנט. איז עס פון הימל אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל פאַרטרייבן אחזיהו׳ן פון פּאַלאַץ? פון ערשטן טאָג אָן ווען ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין די שפּראַך פון די שלאַכטמענער, האָט יהורם געוואַרט אויף דער קרוין, וואָס ער וועט אוועק־נעמען ביי זיין עלטערן ברודער. און ווען ער איז געקומען אין עלטער ווען מען מעג אַקעגנריידן די דינסטן און שלאָגן די קנעכט, האָט ער איין מאָל געוואָרפן א שפּיז אויף דעם עלטסטן פון די טורעם־וועכטער און אים געטויט.

דער מלך האָט נישט געוואָלט לאָזן לערנען דעם ייִנגערן זון פעכטן מיט דער שווערד פאַר דעם עלטערן, אָבער איזבל׳ס קנעכט האָט שטילערהייט יעדן טאָג אַריינגעבראַנגט אין קאַמער א בויגן און א פיילנזאַק און א קורצע שווערד פאַר דעם פּרינץ. ווען אחאָב האָט געשיקט דאָס חייל אויף מלחמה מיט אַרם,

די קעניגין איזבל

איז יהורם ארויסגעלאָפן אין טויער פון שטאָט, צו ווערן איינער פון די שוועדנציער. אָבער אָסף בן עודד האָט געלאכט פון דעם היציקן ייִנגל און געזאָגט, אַז ער קאָן אים נישט אָננעמען פאר א קריגסמאן ווייל עס פעלן אים צוויי צייּנער. האָט יהורם געפרעגט: וואָס וויל מיין פאָטערס ערשטער שלאכטמאַן, איך זאָל בייסן די אַרמים, אָדער איך זאָל זיי שלאָגן מיט דער שווערד?

א גאנצן זומער איז יצחר בן רעואל ארייננגעקומען אין פאלאץ צו לערנען מיט די פרינצן די געזעצן פון הערשאפט און גערעכטיקייט, און די הבטחות וואָס גאָט האָט געגעבן צו די אָבות, ווען זיי זענען געקומען דאָס לאנד צו אַרבן. און וואָס גרעסער דער הונגער האָט געדריקט דאָס לאנד און וואָס אויסגעצערטער עס איז געוואָרן די ערד, אַלץ שטרענגער האָט ער גערעדט פון די געבאָטן פון יהוה, וואָס דער הימל און די ערד זענען די ווערק פון זיינע הענט; יענע געבאָטן, וואָס ווערן היינט געלעסטערט אין ישראל. דער לערער האָט גערעדט רייד פון ליבשאפט און גוטסקייט צום עלטערן זון און פאר דעם ייִנגערן האָט ער געהאט א שארפע צונג. פאר אחזיהו'ן זענען געווען ליב די רייד פון זיין לערער, וואָס האָט דערציילט ווי משה האָט איינגעזאמלט די גאנצע עדה פון די קינדער פון ישראל און זיי געזאָגט די געבאָטן פון גאָט. ער האָט די רייד געקאָנט האָרכן איין מאָל און א צווייט מאָל און א דריט מאָל. אָבער יהורם, זיין ברודער, האָט געהאט א וואך אויער נאָר פאר די מלחמות וואָס יהושוע בן נון האָט געפירט מיט די מלכים פון אמורי און פון כנעני, ווען ער איז אַריבערגעגאנגען דעם ירדן.

יצחר איז געטראָטן אין פאלאץ אויף די שפיצן פינגער. ער איז שטילערהייט פארבייגעגאנגען די קאמערן פון דער מלכה, אָבער זי האָט נישט פארפעלט אים נאָכצוקוקן מיט בייזע אויגן. און אחאָב האָט געזאָגט צו איזבל'ן, אַז ווילאנג עס איז א טריקעניש אין לאנד, ברענגט דער סופר טרייסט צו די פארביטערטע צווישן פאָלק, און זיין לערע איז ליב אין די אויערן פון די פרינצן צו פארטרייבן איר צאָרן האָט דער מלך איר געברענגט טייערע וויקלגעוואנטן און אָנגעהאנגען שווערע פערלשנורן אויף איר האלדז. איזבל'ס הארץ איז ווייכער געוואָרן. אין די טעג פון הונגער, ווען די געשרייען פון מאמעס און קליינע קינדער זענען ארויפגעגאנגען צום הימל, האָט די פריערדיקע פיינטשאפט צווישן זיי זיך אָפגעטון. די וואנט, וואָס האָט זיי אָפגעשיידט, איז איינגעפאלן און דער קעניג מיט די קעניגין האָבן פון פחד ארויסגעוויזן איינער דעם אַנדערן ליבשאפט. ער איז נישט געווען קיין מלך און קיין הערשער און זי איז נישט געווען קיין מלכה און נישט קיין פרוי פון אן אומגליקלעכן קעניג — א לוסטווייב פאר זיין געלעגער איז זי דעמאָלט געווען.

די לעצטע פלעקן ליכט זענען שוין אראָפּ פון די ווענט אין דער קאמער פון די פרינצן, און א קנעכט איז ארייננגעקומען אָנצינדן די פאקלען. דאָס קטורת

אין דער קופּערנער ווייִרויך־פאַן האָט זיך גערעדלט און זיך געהויבן ארויף און איינגעהילט אין א געדיכטן וואָלקן די טרעפּן־שוועל הינטער די זיילן, און פון דעם וואָלקן האָט מיט אמאָל זיך ארויסגעשיילט יצהר בן רעואל מיט זיינע בריענדיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט תמיד צו מזרח, דאָרט, וואו דאָס ליכט פון באשאַף גייט־אויף יעדן פרימאָרגן. ער האָט, ווי זיין שטייגער, זיך דערנענטערט צו די תלמידים מיט געשווינדטע טריט. אויף זיין פּנים איז אצינד געווען אויסגעגאָסן די איידלקייט פון א חכם, וואָס איז גרייט איבערצוגעבן די לערע צו די, וואָס דאָרשטן נאָך איר. ער האָט ארויסגענומען פון א באגילדעטער שייד א פאַרמעט און געזאָגט:

— מיר וועלן היינט לערנען די דינים פון ריינקייט און טומאָה.

ער האָט געקוקט אויף דעם געהאָרכזאמען אחזיהו, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר זיין לערער, און אריבערגעפירט די אויגן אויף יהורמ׳ן, וואָס איז געבליבן ליגן אויף זיין געוואַנט, ווייל ער האָט געוואוסט אז ער מעג זיין ווידערשפּעניק צו יענע, וואָס זענען העכער פון אים. אָבער פאַר יצהר׳ן זענען נישט געזעסן קיין זין פון מלכים, נאָר תלמידים, וואָס מוזן פאָלגן די געבאָטן פון דער תורה. מיט א נאכט פריער האָט דער קעניג אים געזאָגט, אז צוערשט זאָל דער בכור זיך גרייטן צו דער פרוי און דערנאָך צו דער קרוין, און מיט טעג פריער האָט איזבל אָנגעזאָגט איר קנעכט, אז מיט א פרוי וועט מען אחזיהו׳ן צונויפברענגען, וועט ער דעריבער היינט אָנהייבן מיט די דינים פון מאַן און פרוי אין די טעג פון זייער בלוטפליסונג, אז אויך פרינצן זאָלן וויסן, ווי די קינדער פון ישראל מוזן זיין אָפּגעשיידט פון זייער אומריינקייט, כדי נישט צו שטאַרבן דורך זייער טומאָה.

יצהר האָט זיך אנידערגעזעצט מיט דעם אויפגעוויקלטן פאַרמעט צווישן ביידע ברידער און גערעדט די רייד, וואָס גאָט האָט געלאָזט הערן צו משה׳ן אין מדבר. און דעם מלכ׳ס זין האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די געוואַנטן און מיט אָפענע אויערן זיך איינגעהאָרכט צו זיין לויטערן קול:

— א מאַן, אז פון אים וועט ארויס א פלוס פון זאָמען, זאָל ער באָדן אין וואסער זיין גאנץ לייב און זיין אומריין ביזן אָוונט. און יעטוועדער בגד און יעטוועדער פעל, וואָס דערויף וועט זיין דער פלוס פון זאָמען, זאָל געוואַשן ווערן אין וואסער און זיין אומריין ביזן אָוונט. און א פרוי, אז א מאַן וועט ליגן מיט איר א ביישלאָף פון זאָמען, זאָלן זיי זיך באָדן אין וואסער און זיין אומריין ביזן אָוונט.

די שטים האָט געקלונגען הילכיק און ריין, אזוי ווי דער ווידערהילך פונעם געזאנג ביי די לוויים, ווען ער האָט ארויסגערעדט אלע פאַרבאָטן פון אָפּשיידונג און אָפּזונדערונג נאָך די טעג פון באהעפטונג צווישן מאַן און פרוי. ביי

דער וואנט, קעגנאיבער אחזיהו׳ס טעפּיך, האָט ארויסגעשטעקט פון א הויכן קרוג א ציפּרעסן־בוים, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די צווייגן, אָבער דאָס אויג פון דעם לערער האָט נישט געוואָלט זען דעם פלאַנץ, כדי אין יענער רגע נישט הנאה צו האָבן פון די שיינקייטן פון דער וועלט. די אויערן פון די תּלמידים זענען געווען וואך; זייערע אָטעמס זענען געווען איינגעהאַלטן און די שטילקייט איז געווען אזוי געדיכט, ווי דער וואָלקן וואָס האָט זיך ארויסגעהויבן פון דער ווייררויך־פאַן. יצהר האָט ווייטער געלערנט:

— און א פרוי, אז איר בלוטפליסונג וועט פליסן פיל טעג, נישט אין דער צייט פון איר אָפּזונדערונג, אָדער זי וועט זיין פליסיק אין דער צייט פון איר אָפּזונדערונג, זאָל זי אַלע טעג זיין אזוי ווי אין די טעג פון איר אָפּזונדערונג. זי איז אומריין. איטלעכער געלעגער, וואָס זי וועט ליגן דערויף אַלע טעג פון איר פליסונג, זאָל איר זיין אזוי ווי דאָס געלעגער פון איר אָפּזונדערונג. און איט־לעכע זאך, וואָס זי וועט זיצן דערויף, זאָל אומריין זיין אזוי ווי די אומריינקייט פון איר אָפּזונדערונג. און איטלעכער וואָס רירט זיך אין זיי אָן, זאָל ווערן אומ־ריין. און ער זאָל וואשן זיינע קליידער און זיך באָדן אין וואסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. און אז זי ווערט ריין פון איר פליסונג, זאָל זי זיך ציילן זיבן טעג און זיך באָדן אין וואסער און דערנאָך זאָל זי זיין ריין. און אויפן אכטן טאָג זאָל זי זיך נעמען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן און זיי ברענגען צום כהן, צום אריינגאנג פון אוהל־מועד. און דער כהן זאָל מאכן איינע א זינדאָפּפער און איינע א בראַנדאָפּפער, און ער זאָל מכפּר זיין אויף איר פאר גאָט פון וועגן איר אומריינער פליסונג.

אין יענער רגע האָט אחזיהו זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצאָרט און איבער־געשלאָגן יצהר׳ס רייד, וואָס זענען געפלאָסן פון זיין מויל אזוי קלאָר ווי א ריזלדיקער וואסער.

— יצהר בן רעואל, — האָט ער געזאָגט, — האָסטו אונדז נישט געלערנט פריער, אז ווען איינער פון ישראל וועט זינדיקן פאר פעלשונג, אָדער אומריינ־קייט, זאָל ער ברענגען א לאַם, אָדער א ציג פאר א זינדאָפּפער? ווער איז אזוי אָרעם אין ישראל צו ברענגען פאר א קרבן ווינציקער ווי א לאַם?

יצהר האָט זיך צוגעבויגן צו זיין תּלמיד און פרידלעך געזאָגט:

— אזוי האָט גאָט גערעדט דורך משה׳ן צו די קינדער פון ישראל. אויב אָבער די האנט פון דעם זינדיקן פארמאָגט נישט גענוג אויף א לאַם, האָט גאָט גערעדט דורך זיין קנעכט צו ישראל, זאָל ער ברענגען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן צו גאָט. און אויב זיין האנט פארמאָגט נישט אויף צוויי טורטלטויבן, זאָל ער ברענגען א צענטל איפה זעמלמעל, און ער זאָל נישט ארויפטון אויף אים אייל און נישט ארויפלייגן אויף אים ווייררויך, וואָרן א זינד־

אָפּפּער איז דאָס. אזוי איז דאָס געבאָט פון דעם האַר פון דער וועלט, וואָרן ער איז דער באַשיצער פון די באַרויבטע און דער פאָטער פון יתומים און דער דיין פון אַלמנות.

יהורם, וואָס האָט נישט באַנומען פאַרוואָס א פרוי זאָל פאַר איין מאָל בלוטפליסונג זיין אומריין זיבן טעג, איז אויפגעשפּרונגען און געוואָלט פרעגן א סך פראַגן אויף די הארבע דינים. בלוטפליסונג ביי א פרוי איז נישט קיין זינד, אָבער פאַרוואָס אזוינע שטרענגע געזעצן? צי זינדיקן נישט די שטאַרקע הויפּטלייט אין זיין פאָטערס הויף מיט שוואַכע דינסטן, און קיינער רופט זיי נישט אומריינע? זענען נישטאָ קיין געזעצן פון שטראָף פאַר שטאַרקע מענער? שפּאָט און צאָרן איז געווען אין יהורם'ס אויגן ווען ער האָט געפרעגט:

— און א מאַן, אז ער גייט צום געלעגער פון א יונגפרוי און ליגט מיט איר, וואָס פאַרא זינדאָפּפער זאָל ער ברענגען צום כהן?

דעם יינגלס פראַגע איז געפאַלן ווי א שטיין אויף יצהר'ס אויערן. ער האָט אָבער נישט געקליבן אויף די ליפּן קיין שטראָף־רייד פאַר דעם, וואָס רעדט מיט עזות. א תלמיד פרעגט און א לערער דאַרף ענטפערן. און יצהר האָט געזאָגט:

— אז א מאַן וועט פאַרפירן א יונגפרוי, וואָס איז נישט פאַרקנסט, און וועט ליגן מיט איר, זאָל ער מיט נדן זי מאַכן פאַר א ווייב. אויב איר פאָטער וועט זי אים נישט וועלן געבן, זאָל ער באַצאָלן געלט, לויט דעם נדן פון יונג־פרויען.

דערנאָך האָט יצהר איינגעוויקלט דעם פּאַרמעט און אריינגעלייגט אין דעם שייד און אויפגעוויקלט א צווייטע מגילה.

— דאָס געהערט צו די געזעצן פון משפּטים, — האָט ער געזאָגט, און דער־לאַנגט דעם פּאַרמעט צו אחזיהון. — לייען, ערשטער זון פון אחאָב, לייען אויך די אנדערע געזעצן, וואָס גאָט האָט געשיקט דורך זיין קנעכט משה צו די קינ־דער פון ישראל.

אחזיהו האָט געהאַלטן די פּאַרמעטענע מגילה אין זיינע הענט און א רגע מיט שטאָלץ געקוקט אויף זיין ברודער, וואָס ווייסט נישט דעם כוח פון דער פייערדיקער שריפט. זיינע בלייכע קינבאַקן האָבן אויפגעלויכטן און די אויגן האָבן געגליט מיט א שטילן פייער, ווען ער האָט איבערגעזאָגט די רייד פון די דינים.

— א מכשפה זאָלסטו נישט לאָזן לעבן און איטלעכער וואָס ליגט מיט א בהמה זאָל טייטן געטויט ווערן... און א פרעמדן זאָלסטו נישט קריוודען און זאָלסט אים נישט דריקן, וואָרן פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים... און אַן אלמנה און א יתום זאָלט איר נישט פּייניקן. אויב פּייניקן וועסטו אים

פייניקן, איז ווי נאר ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך זיכער צוהערן זיין געשריי און מיין צארן וועט גרימען. און איך וועל הרגענען מיט שווערד און אייערע ווייבער וועלן זיין אלמנות און אייערע קינדער יתומים.

אחזיהו איז מיט אמאל אנטשוויגן געווארן, ווארן קאלטע אנגסטן האבן ארויסגעשלאגן אויף זיין גרויסן שטערן. דאס שטילע פייער אין די אויגן האט זיך געלאשן פאר דעם צארן פון די הארבע רייד אויפן פארמעט. אבער יצהר האט געזאגט:

— לייען ווייטער, אחזיהו!

— אז דו וועסט געלט לייען מיין פאלק, דעם ארעמאן ביי דיר, זאלסטו נישט זיין צו אים ווי א בעל חוב, און איר זאלט נישט ארויפלייגן אויף אים צינזן. און אז דו וועסט נעמען אין משכון דיין חבר'ס קלייד, זאלסטו עס אומקערן איידער די זון גייט־אונטער, ווארן דאס איז דער איינציקער צודעק, דאס איז זיין קלייד פאר זיין לייב. אין וואס וועט ער שלאפן? איז, אז ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך צוהערן, ווארן איך בין לייטזעליק.

א חזיהו האט געוואלט צוריקגעבן דעם פארמעט. זיינע פינגער האבן געציטערט. אבער יצהר האט מיט די אויגן געמאנט אלע הארבע רייד, וואס אויפן פארמעט און דער תלמיד האט זיך געשטארקט און געלייענט האסטיקער ווי פריער.

— גאט זאלסטו נישט שילטן און א פירשט אין דיין פאלק זאלסטו נישט פלוכן. און מיט דעם גוב פון דיין פולן שניט און מיט דעם אויסגוס פון דיין קעלטער זאלסטו נישט פארשפעטיקן. און דעם בכור פון דיינע זין זאלסטו אפגעבן צו מיר. און אזוי זאלסטו טון מיט דיין אקס, מיט דיינע שאף. זיבן טעג זאל עס זיין ביי זיין מוטער. אויפן אכטן טאג זאלט איר דאס אפגעבן צו מיר. און הייליקע מענטשן זאלט איר מיר זיין. און פלייש פון א פארצוקטן אויפן פעלד זאלט איר נישט עסן. פארן הונט זאלט איר עס אוועקווארפן!

אחזיהו איז אנטשוויגן געווארן און יהורם האט אצינד מיט שפאט געקוקט אויף דעם לערער, וואס דער פאטער האט דערנענטערט און די מוטער טוט אים פאראכטן. דער דאזיקער פארכטיקער מאן, ער איז נישט אזוי הויך און שטארק ווי א צעדערבוים, נאר שוואך ווי א צווייג אין געוויטער, אבער ער קאן איבערקומען שטורעמס און ווירבלווינטן. ער האט אפשיי פאר יעדן פירשט און ער הייבט נישט קיין פויסט אויף די שרים, וואס זייערע קני בוקן זיך צום בעל. יין הארץ איז אזוי ווי א פעלז. עס וועט אונטערגיין דער בעל־שמים, — האט ער איין מאל געזאגט, — עס וועט אפגעמעקט ווערן דער בעל־פעור. אויף שטויב וועט צעריבן ווערן דער בעל־מעון און דער בעל פון צידון, אבער בלייבן וועט די שריפט פון פייער אויף שטיין, וואס משה האט אראפגעברענגט פון הימל.

און יהורם האָט זיך געוואונדערט: קאָן עס זיין אמת, אַז די געטער אין זייל־שטיינער אויף די מערק אין שומרון זענען געמאכט פון מענטשן מיט פּאַלשע ליפּן, וואָס זייערע שקרים זענען שוין דערוויזן געוואָרן? אָדער איז יצהר גע־קומען שוואַך מאכן די הערצער פון די, וואָס דאַרפן אַרבן די קרוין? פאַר וועמען לאָזט ער הערן די שטרענגע רייד, פאַר כהנים צי פאַר פּרינצן?

ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום קאַרב פון די מגילות ביי דער וואַנט און מיט די פינגער איבערגעוואָרפן די צונויפגעוויקלטע שיידן, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט. דערנאָך האָט ער מיט כעס אַרויסגעריסן דעם אָפענעם פּאַרמעט פון זיין ברודערס האַנט און אַ געשריי געטון צו זיין לערער:

— די קינדער פון קעניג ביזטו געקומען לערנען, יצהר בן רעואל! גיב מיר דעם פּאַרמעט, וואָס דערציילט פון די מלחמות פון מלכים מיט זייערע זין. איך וויל לערנען וועגן די געפעכטן צווישן דוד'ן און אבשלום'ען!

אחזיהו האָט אַ דערשראָקענער געקוקט אויפן ברודער, וואָס האָט נאָר־וואָס רויט געמאכט דאָס פּנים פון דעם לערער. פאַרוואָס וויל יהורם נאָר הבטחות, וואָס ווערן געמאכט אויף דער שאַרף פון אַ שווערד? פון שוואַכקייט האָט אחזיהו זיך אַ וואַקל געטון און אַנגסטן האָבן באַדעקט זיין שטערן. ער האָט געוואָלט איבערבעטן יצהר'ן, אָבער זיינע ליפּן זענען געווען שטום און די גרויסע פונאַנדערגעעפנטע אויגן האָבן געקוקט צו דער טיר, וואָס האָט פּלוצים מיט אַ גערויש זיך געעפנט.

צווישן די זיילן איז געשטאַנען איזבל, איינגעהילט אין אַ לויזן, רויטן אָקסלצודעק. איר גאַנג איז געווען פון אַ מלכה, אָבער איר האַרץ האָט געציטערט ווי אַ פלאַטערנדיקער פויגל. צאָרן און מורא האָבן אַצינד זי אַריינגע־טריבן אין דער קאַמער. נישט קיין מאַכטהאָבערין נאָר אַ מוטער אין אַנגסטן האָט זיך דאָ אַריינגעריסן. ווער אין פּאַלאַץ וויל, אַז אחזיהו זאָל אַ שוואַכלינג בלייבן? נצחונות וואַרטן אויף דעם בכור, אָבער שוין היינט קילט מען דאָס בלוט אין זיינע אָדערן. זי האָט דערזען איר פאַרחלשטן זון אָנגעלענט ביי דער וואַנט, און אַ גרויס רחמנות איז איר באַפאַלן. זי האָט אים אַריינגענומען אין אירע אָרעמס און מיט פאַראַכטונג גערעדט צו דעם פּאָרכטיקן מאַן:

— צוויי־און־דרייסיק מלכים האָט זיין פאָטער נעכטן געשלאָגן אין מלחמה, און היינט ווילסטו אים קראַנק מאַכן מיט שרעק־רייד פון דעם באַרמלאָזן גאָט? און דו אליין, יצהר בן רעואל, צי גלויבסטו דען אין אַלע גרויזאַמע געבאָטן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אויף אַ פייערדיקן באַרג, אונטערן גערויש פון דונערן און בליצן?

ג

צומאָרגנס, פאר זונאונטערגאנג, האָט איתמר זיך געטראָגן אויף זיין פערד ארויף, צו די בערג, וואָס האָבן פארשטעלט די מויערן פון דער אונטערשטער שטאָט. ער איז געווען אויפן וועג צו שורק, די שטאָט, וואו תורתונא האָט זיך אויסבאהאלטן אין הויז פון אהליאָב׳ס פריינט זכרי בן נציח, דער רייכער גאָלד־מינצער, וואָס זיין טיר איז געווען אָפן פאר די געיאָגטע פון קעניגס הויף. צוויי באגערן האָט איתמר געהאט אין זיין הארץ, ווען ער איז געריטן צו דער שטאָט וואָס איז געלעגן ביים אראָפּלאָז צום ים: צוריקברענגען תורתונא׳ן אין פּאלאץ, וואו דער מלך האָט אים געשטעלט אין דער שפּיץ פון חייל און ארויסשיקן אויס־שפּירער נאָך דעם אנטלאָפענעם אָסף בן עודד. וואָרן עודד האָט געדונגען קריגסלייט אין פרעמדע לענדער פאר דעם טאָג ווען ער וועט, אויף איזבל׳ס באַ־פעל, לאגערן אויף דעם קעניגס הויז.

פון דער ווייטנס האָבן קליינע אינדזלען פון גאָלד געלויכטן אין דער בלוי־קייט פון ים, און גרויסע רויבפייגל זענען אַנגעלאָפן פון אומזעבארע הויכקייטן. איתמר האָט געהאלטן זיינע אויגן אויף די בארג־אויסבויגן, וואָס האָבן זיך גע־צונדן אונטער די זונפלאמען. די וועגן האָבן זיך געקאָלערט אראָפּ, צו דער נידער, וואו די טאָלן זענען געווען איינגעטונקען אין שיטערע ווייַנגערטנער. ער האָט געקוקט אויף די שמאָלע שטעגן, וואו עס האָבן זיך געשלעפּט געשפּאנטע אָקסן, אייזלען און קעמלען. דער טאָג איז אויסגעגאנגען אין פלאקער, און צווישן די רויטע פעלזנווענט איז געבוירן געוואָרן די נאכט. געצייל טע וועכטער מיט פאנצערס און שפּיזן האָט מען געזען אויף די שיידוועגן, און איתמר׳ן האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער קעניג באוואכט נישט גענוג די שטעט פון לאנד.

די פרייד אין זיין הארץ איז געווען אזוי שטארק ווי דאָס בלוט אין די אָדערן. איבערן קאָפּ פון דעם בייזן שלאכטמאן אָסף און העכער פון דעם ווילן פון איזבל׳ן, האָט אחאָב אים פאַר דעם ערשטן הויפּטמאן דערהויבן. ווען דער מלך האָט נעכטן אויסגעשטרעקט דעם זיגל און אויפגעהויבן די האנט און זי

איינגעשלאָסן אין זיינער, ווי א צייכן פון בונד, האָבן די פירשטן געמורמלט, אָבער די עלטסטע שופטים הינטער פּקחיהו׳ן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: דער ווילן פון מלך איז דער ווילן פון פאָלק! ערשט חיינט האָב איך זיך דער־וואוסט, אז מאכט איז גלוסטיק ווי א דופּטיקער געטראַנק, — האָט איתמר גע־האט ווערטער אויף די ליפּן, — איך האָב פאַרזוכט פון דעם דאָזיקן ווײַן און איך וועל דאָס אויסטרינקען ביז איך וועל שיכור ווערן. שומרון איז אין די הענט פון געטרייע. די מלוכה שטייט אָפן, אָבער איך וועל נישט אָנרירן די שטול פון מיין מלך, וואָרן די שווערד איז אויסגעשטרעקט צו אים.

געשטאַרקט פון צוזאָגן וואָס ער אליין האָט זיך געגעבן, האָט ער זיך טי־פער אריינגערוקט אין זאָטל און דאָס פערד איז ארויפגעלאָפן אויף א הויכן וועג צווישן רויטע, שפּיציקע פעלזנווענט. די מעכטיקע אויסגעהאַקטע פעלזן האָבן זיך ארויסגעהויבן העכער און העכער און דער ים־דעק חאָט זיך געשפּרייט צופוסנס, אזוי רואיק ווי א בלויער טייך. ווייטער האָבן נאָך העכערע ערדוואַלן און בארג־שפּועים זיך געטורעמט איבער גריבער און אָפּגרונטן. איתמר האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון באשאף ארום, וואָס האָט געברענט אונטער דעם רויטן ליכט פון שקיעה. דאָס אומענדלעכע לאַנד, וואָס איז דריי יאָר גע־לעגן פאַרצערט, וועט ווידער מיט שפּראָצן באדעקט. טייכן און קוואַלן ווערן אָנגעפילט, און דער ים גיסט זיך אריבער. אָפּגערוקט פון וועג, צווישן מאָגערע פלאַנצן, זענען געווען אויסגעזעצט אין א האלבן ראָד קאַראַוואַנען־טרייבער נעבן זייערע קניענדיקע קעמלען, און מיט תאווה געגעסן פון א געבראָטענעם שעפּס. די דאָזיקע קעמלפירער רוען ווי פעטע ווערים אין זומפּ, — האָט איתמר גע־טראַכט. איז דאָס אמת וואָס איזבל האָט געזאָגט, אז ישראל חאָט פעטע הענד־לער און שוואַכע קריגסלייט? איך וועל זיי ארויסטרייבן פון די רו־ערטער און זיי אריינשטעלן אין די פעסטונגען! די שפּיז און דער בויגן וועט אויסציען די באַלענס אויף זייערע לויזע אָרעמס און הארט מאכן זייערע רוקנס!

איתמר האָט געהאַט נאָך איין פאַרלאַנג: הייסן חנינא׳ן און תרשי׳ן אָנ־זאָגן אלע פירשטן, אז דאָס גאָלד און די כלים, וואָס זיי האָבן פריער צוגערויבט, איז שוין צוריק אין איזבל׳ס קאַמערן. חטיפא האָט אומזיסט באַצאָלט מיט זיין קאָפּ. שומרון האָט געוואונען נאָר די ערשטע שלאַכט. דאָס באהאַלטענע גאָלד און דאָס קופּער און אלע שווערדן פון דער וועלט וועט פון היינט־אָן גע־זאַמלט ווערן פאַר איין צוועק: צו שיצן ישראל פון אלע געפאַרן. דער סוד איז געווען אין זיין הארץ, און ער איז אצינד געריטן צו זכרי בן נציח אָן דעם ווּיסן פון קעניג. חנינא און תרשי האָבן געוואַרט אין הויז פון דעם גאָלדמינ־צער. אָבער ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו די ערשטע מויערן פון שורק, איז אים פּלוצים באַפאַלן א באַגער, אז תורתונא זאָל היינטיקע נאַכט ווערן זיינע.

ער איז געווען דורכגענומען פון אזא גלוסטונג און פחד, וואס ער האט ביז היינט נישט געוואוסט דערפון. עס איז אין אים אויפגעגאנגען דער הונגער פון א מאן, ווען שטארקער ווייו מוט אויפקאכן זיין בלוט. און ווי אומזיניק וואלט געווען צו אונטערדריקן אזוינע באגערן, — האט ער געטראכט. אבער מיט וואס קומט דער היציקער מאן צו דער פרוי, וואס ווארט אויף אים? צו זיינע קריגסלייט רייט ער מיט אן אנגעלאדן הארץ און מיט שטארקע רייד, אבער פאר תורתונא׳ן האט ער ליידיקע הענט. און ער וואלט דאך היינט געדארפט פירן א קעמל מיט מתנות פאר איר און זיי לייגן צו אירע פיס און זאגן: תורתונא, ליבשאפט פון מיין הארץ, אין טאג פון מיין זיג האב איך דיר געבאכט געוואנטן און פערל־שנורן און אניקשטיינער — די טייערסטע געשאנקען, אזוי ווי פאר א מלכה.

ער איז צוגעריטן צום קופערנעם טויער און א לאנגן פארמויערטן הויף און אראפגעשפרונגען פון פערד. ער איז געשטאנען פארן הויז פון דעם רייכסטן מאן אין שורק. אויפן הימל האבן שוין געברענט די שטערן און אין אויסהויל פון דער וואנט האט געלויכטן אן איילאמפ. צוויי מאל האט איתמר אנגע־קלאפט איידער א קנעכט מיט א פאקל האט זיך באוויזן. הינטער דעם קנעכט איז אנגעקומען זכרי בן נציח אין א האריקן אויבער־בגד. ער איז געווען א הויכער מאן מיט לוסט אין די בריענדיקע שווארצע אויגן. אויפן קאפ האט ער געהאט א וויקלטוך און אויף דער לויזער, שווארצער בארד זענען שוין געווען אויסגעטריקנט די זאלבן. ער האט אויסגעזען ווי יעדער מאן פון ווארשטאנד, איידער די דינסט גרייט פאר אים די נאכטבאד. אבער פאר איתמר׳ן האט דער שטאלצער מאן זיך איינגעבויגן און זיין לאכנדיק מויל האט געזאגט:

— דעם מלכ׳ס ערשטער הויפטמאן, און בלויז איין פערד מיט אים. טרעט אריבער, איתמר בן צוער, ווארן כבוד ברענגסטו אין מיין הויז.

דער קנעכט האט אריינגעפירט דאס פערד אין הויף און איתמר האט, נאכ־גייענדיק דעם רייכן מאן, געטראכט: ווי געשווינד די מלחמה מיט ארם האט געענדערט דאס לאנד און די באוואוינער. דער דאזיקער פריינט פון אחליאב׳ן איז א מאן פון גנאד. וויפל מענער פון זיין שטאנד זענען פריער גרייט געווען איינצושטעלן זייערע קעפ און עפענען די טירן פאר די גניאגטע פון איזבל׳ן? די מערסטע רייכע האבן מורא געהאט זיך קעגנצושטעלן די כוחות פון שלעכטס. זייער גאלד — האבן זיי געזאגט — וועט פארטרייבן דאס בייז פון זייער טיר. צווישן יענע דערשראקענע מענער זענען אחליאב, תקועי און זכרי געווען לויטע־רע, רעכטפארטיקע.

אריינקומענדיק אין הויז, האט זכרי מיט באווארעניש זיך ארומגעקוקט און געזאגט:

— אויף יענער זייט וואנט ווארטן די וועכטער און אויסשפירער אויף דיר.

אויף דיין באַפעל וועלן זיי היינט בייַנאַכט אַרויסרייטן איבער די וועגן, און תור־תונא האָט געפונען אונטער מיין דאַך אַלץ וואָס זי באַדאַרף: מיין דינסט, מיין פּלייט־שפּילערין און אַ טראַגשטול מיט צוויי שטאַרקע קנעכט.

— ווער האָט געהיילט די וואונדן אויף איר הויט? — האָט איתמר געפרעגט.

— די זון און דער ווינט פון ים האָבן פאַרהיילט איר איידעלע הויט. נישטאָ קיין צייכן פון איזבל'ס שמיץ אויף איר לייב, און איר האַרץ איז געשטאַרקט. ווילסט פריער זען דיינע וואָפנטרעגער, איידער דו גייסט אַריין אין איר קאַמער?

ער האָט שמייכלענדיק אַראָפּגעוויקלט דעם קאַפּטור און צוריק אַרייַנגערופן דעם קנעכט, ער זאָל לויזבינדן די רימענס פון זיינע סאַנדאַלן. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן דעם אויבער־בגד און איז געבליבן שטיין אין אַ דינעם גאָלדיק־רויטן מאַנטל, אויסגענייט לויט דעם שטייגער פון די צידונים. דער ווייסער שטערן איז געוואָרן העכער אונטער די שווערע ברעמען. די האָר פון קאָפּ און באָרד זענען געווען צעשויבערט, אָבער דאָס רויטע געוואַנט פון דעם האַלדז ביז אַראָפּ צום בויכבאַנד איז געווען באַהאַנגען מיט דינע קייטעלעך און גלעקעלעך, מיט אַניקשטיינער און קני־קלימפּערלעך און האַלדזבענדלעך — אַלץ אויסגעהאַמערט פון גאָלד און זילבער. ביי יעדן קער זיינעם האָבן די צירונגשטיקלעך אויף אים זיך געוויגט מיט אַ ציטער און גערויש. און ווי ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ גדלותדיקער חלפן, וואָס האָט אַרויסגענומען זיין פאַרמעגן פון דעם גלאָזקאַסטן און מיט די גאָלדשטיקער באַדעקט זיינע קליידער. ער האָט באַמערקט איתמר'ס אויפגעהויבענע ברעמען און געלאַכט.

— מיינע קנעכט זאָגן, אַז איך גיי אין גאָלד, און דו זעסט דאָך, אַז דאָס גאָלד באַדעקט מיין גוף. דאָס צירונג גיט רו מיין נשמה און פאַרטרייבט אַלע שרעקן. די ווענט פון מיין אונטערשטער קאַמער זענען באַדעקט מיט מער איידל־שטיינער ווי דאָס כלי־זין אין הויז פון אַ שלאַכטמאַן, און דאָך פאַרמאָג איך וויניקער פון יעדן צינזהאַר ביים מלך. פאַר יעדער האָר פון מיין באָרד בין איך שולדיק אַ שקל צו דער מלוכה. אָבער צו וואָס רייד איך צו מיין גאַסט רייד פון קאַרגשאַפט? טרעט אַריבער די צווייטע שוועל, איתמר. דאָרט וואַרטן תרשי, חנינא און אחיעזר. איז עס אמת וואָס זיי דערציילן, אַז נאָך דעם ווי די מלכה האָט געהייסן פאַרשטיינען חטיפאַ'ן, האָט זי גענומען אָסף בן עודד'ן פאַר אַ געליבטן? און דאָס — הינטער דער טראָגשטול פון אחאָב'ן? וואָס ווערט דען נישט אָפּטון אַ היינטיקע מלכה! עס איז אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין בוך פון די געזעצן, — האָט זכרי העכער זיך צעלאַכט — און די שעהן פון ליבע פאַרברענגען זיי אויף אַ גרינעם געלעגער. זייערע הויזבאַלקנס זענען פון צעדערן און זייערע וואַנטברעטער פון ציפּרעסן, כאַ, כאַ כאַ!

די ברעמען האָבן זיך פאַרצויגן ווי וויקלשנורן און דאָס געלעכטער איז

אריינגעקראָכן אין די גריבלעך פון די באַקן. זכרי איז דורכגעגאַנגען מיט זיין גאַסט א קליינע קאַמער, וואו עס איז געשטאַנען א נידעריקער טיש מיט עלפאַנט־ביין־פיס. אויף א וואַנט איז געהאַנגען א געשניצטע קופּערנער לאָמפּ, ארומגערינגלט מיט זיבן איילשאָלן. דאָ איז נישט אויפגעגאַנגען קיין ווייריך פון שמעקעוודיקע געווירצן. הינטער דעם לאָמפּ, אויף א שטענדער, איז געשטאַנען א יונגער אָקס, אויסגעהאַקט פון ברוינעם שטיין. דער אָקס איז געווען געבונדן און די הערנער אויסגעשטרעקט, ווי ער וואָלט געוואַרט מען זאָל אים ברענגען פאַר א זינדאָפּפער. דער לוסט אין די אויגן פון דעם גאָלדמינצער איז אצינד געווען פאַרלאָשן. ער האָט אָנגעוויזן מיט א פינגער אויף דעם שטיינערנעם אָקס.

— מיר אַלע זענען אזוי געבונדן, —האָט ער אומעטיק געזאָגט,— דער, וואָס פאַרמאָגט לאַנדגיטער און דער, וואָס האָט נישט קיין לייבגאַרטל אויפן גוף. דער רייכער איז צוגעבונדן מיט גאָלדענע קייטן אזוי ווי דער אָרעמער איז צוגעשמידט מיט אייזן.

און דעם מאַן מיט די באַהאַנגענע צירונגשטיקער אויף זיין לייב איז אין יענער רגע איינגעפאַלן, אז דער וואָס פאַרמאָגט צענטערס גאָלד אונטער זיין דאַך, דאַרף נישט מער ווי א האַלבן שקל פון איין שבת צום צווייטן. די מחשבה איז צו אים געקומען אזוי אומשולדיק ווי א ריינע טויב, און ער איז גרייט געווען, אָנשטאָט צו נעמען א באָד, אריינצוגיין אין דער קאַמער, וואָס איז פול מיט בלומענטעפּ און מגילות און זיך פאַרטיפן אין דער שריפט פון פאַרמעטן. יעדעס מאָל ווען דער גוף האָט געבענקט נאָך פאַרגעניגן און דער מוח נאָך רו, האָט דער מאַן פון וואוילשטאַנד געזוכט אין די מגילות די ענטפערס פון דעם שוואַכן מענטש צו די מאָנונגען פון הימל. די אָפּגעלעגענע קאַמער האָט געהאַט אן איינציקע טיר צום בלומענגאָרטן, אז עס זאָל נישט צוקומען אהינצו דאָס גערויש פון דער וועלט. אין מיטן שטאָט, צופוסנס פון די רייכטימער און צוקאָפּנס די קנעכט, איז זכרי בן נציח, אין דער שעה פון אומרו, אנטרונען אין דער קאַמער פון פאַרמעטן, ווי נח איז אנטרונען אין זיין תיבה. אָבער ווי קאָן ער אצינד זיך אָפּזונדערן אין שטילקייט, ווען אויף יענער זייט וואַנט קלינגען די קריגסלייט מיט זייער וואָפן ווי פאַר א נייער שלאַכט?

אין דער צווייטער קאַמער איז אנטקעגנגעקומען דער געטרייער אחיעזר. ווי נאָר דער גאָלדמינצער מיט איתמר׳ן זענען אריבערגעטראָטן די פעל פון א טיגער, האָט ער זיי פאַרהאַלטן ביי דער שוועל. אחיעזר איז אצינד געשטאַנען פאַר איתמר׳ן א פאַרעלטערטער. די מלחמה־וואונד אויפן שטערן האָט אויסגעזען גרעסער. די הייסע אויגן זענען געווען קילער און דאָס מויל האָט געציטערט.

— איידער דו רעדסט צו תרשי׳ן און חנינא׳ן, —האָט ער אין גאַייל גע־

זאָגט.— זאָג מיר צו, איתמר, אַז דו וועסט מיך שיקן אויפן ערשטן פערד מיט די אויסשפּירער. נאָכרייטן אָסף בן עודד'ן איז אַ סכנה, אָבער איך בין דער עלטסטער צווישן אַלע רייטער און מיין לעבן האָט ווייניק ווערט. איתמר, מיין פעלדהאַר, טו גנאָד צו דעם, וואָס איז אַמאָל דער ערשטער נאָכגעלאָפן דיין רייטוואָגן.

— דו איילסט זיך, אחיעזר.

— אַלע, וואָס וואַרטן היינט אין דעם הויז, איילן זיך. צי ווייסטו, אַז אָסף האָט גערופן צו זיך אין בית־אל איזבל'ס קנעכט און אירע דערשראָקענע ראַטגעבער? די אונטערגעקויפטע האָבן אים געשוואוירן געטריישאַפט. די נציבים פון בית־שאַן און עכו ווילן אים געבן חייל, אַז ער זאָל באַפרייען זייערע לאַנדגיטער פון מעשר און צינזן, אָבער זיינע שליחים דינגען מענער פון רבת־עמון און קיר־מואָב און פון גבתון. מיר מוזן זיך איילן, איתמר. איידער די אַרמים וועלן אַ צווייט מאָל באַלאַגערן שומרון, וועט דער פּאַלאַץ שוין זיין אין אָסף'ס הענט.

— דו ווייסט מער פון אַ הויפּטמאַן און ביזט דערשראָקענער פון אַ געפאַנגענעם אין קייטן.

און איתמר האָט צוגעשפּרייזט צו חנינא'ן און תרשי'ן, וואָס זענען געזעסן אויף דער פעל, אַרומגערינגלט פון וועכטער אין וואָפנקליידער. ער איז גרייט געווען אויסצוהערן די שליחים, וואָס האָבן געבראַכט נייעס פון די פאַרשווערער. אָבער איידער חנינא האָט געעפנט די ליפּן, האָט זיך דער גאָלדמינצער געשטעלט הינטער איתמר'ן און געפּליסטערט:

— גערעכט איז אחיעזר. אָסף איז נישט קיין געפאַלענער אָדלער, נאָר אַ טיגער מיט שאַרפע ציין. ער איז דורשטיק נאָך בלוט.

אויף דער פעל זענען געווען אויסגעשטעלט בעקנס מיט פּרוכטן און קרוגן מיט וויין, אָבער קיינער האָט נישט פאַרזוכט פון דעם געטראַנק. אויף חנינא'ס וואונק האָבן צוויי קנעכט אריינגעבראַכט אַ לאַנגן, אויסגעשפּרייטן פאַרמעט. זיי האָבן דעם פאַרמעט געטראָגן אויף פיר שטאַנגען, אַזוי ווי דעם צודעק פון אַ חופה. און איתמר האָט זיך איינגעקוקט אין די אָנגעצייכנטע שטרעקעס לאַנד מיט שטעט, טייכן, בערג און פעסטונגען, וואוהין די וואָס האָבן פאַרבראָכן דעם בונד מיטן קעניג, ווילן אריינקריכן ווי ווערים. אָסף האָט פאַרלאָזט די פעסטונגען, וואָס דער מלך האָט אים געהייסן באַוואַכן און איז אַוועק זאַמלען חייל קעגן דעם פּאַלאַץ. ער האָט פאַרראַטן פריער ווי מען האָט זיך געריכט. איתמר האָט אַרויסגענומען די אויגן פון פאַרמעט און געפרעגט תרשי'ן:

— ווי שטאַרק איז ער?

— זיין כוח איז אַזוי גרויס ווי זיין בייטל מיט גאָלד. ער וועט צאָלן צען

שקלים פאר אן אָרעם און פופצן שקלים פאר א פוס. יואָס יעדער געדונגענער קריגסמאן וועט פארלירן אין מלחמה.

— און די קריגער פון ישראל, —האָט איתמר געפרעגט,— זענען זיי גרייט צו פארלירן א האנט און אן אָרעם פאר זייער מלך?

חנינא׳ס פנים האָט אויפגעשטראלט און ער האָט אויסגערופן:

— וואָס איז דען אן אָרעם, א פוס און אן אויג פאר דעם נצחון פון ישראל?

דער צאָרן האָט אצינד אראָפגעקוקט פון איתמר׳ס פארוואָלקנטן שטערן. די באַקנביינער זענען געווען אָנגעצויגן און די הארטע האָר פון זיין רויטער באָרד זענען געווען שטייף. ער האָט פארלאנגט פון זיינע קריגסלייט אן ענט־פער, וויפל לעבנס זיי זענען גרייט אָפצוגעבן פאר דעם שוץ פון לאנד, וואָס איז ערשט בייגעקומען הונגער מגיפה און א הינטערליסטיקן שונא? ער האָט גע־וואָלט וויסן, ווי לאנג מען וועט דולדן, אז א געשלאָגענער קריגסמאן, פארטריבן פון מלך און פארהאסט ביים חייל, זאָל פארשעמען דעם נאָמען פון שומרון?

חנינא און תרשי האָבן דערציילט, אז אין די ערשטע צוויי נעכט האָבן אַספּ׳ס געדונגענע קריגסלייט זיך ארויסגעלאָזט אויף די וועגן און אויסגערויבט די הייזער פון די פּאַרכטיקע און ערלעכע. די מענער האָבן זיי געפאנגען און זייערע פרויען און טעכטער האָבן זיי אומריין געמאכט. אזוי באלוינט אַסף בן עודד זיינע קריגער היינט פאר די רציחות פון מאָרגן. ער וויל קילן זייער קאָפּ בעדיק בלוט און זעטיקן זייערע גלוסטונגען. צוויי הונדערט שווערדנציער האָט ער שוין איינגעזאמלט, און עס איז דאָ נאָך גענוג גאָלד פאר טויזנטער. אין שומרון רעדט מען, אז איזבל׳ס אוצר איז פאר אים אָפן, און קיינער האָט נאָך נישט געבראכט צו דער מלכה די וואָרענונג פון פייער.

איתמר האָט אויסגעהערט די פארביטערטע רייד און דערנאָך דערמאָנט די נצחונות, וואָס עס האָבן געהאט די מלכים פון ישראל איבער די, יואָס זענען גע־קומען זייערע הייזער פארברענען. צי האָבן זיי פארגעסן זמרי׳ן, דעם הויפּט־מאן פון די רייטוועגנער? איז ער נישט פארברענט געוואָרן אין דעם אייגענעם פייער? און תבני בן גינת, איז ער נישט אומגעקומען אין זיין בלוט פון עמרי׳ס שווערד? זיי פאלן נישט ווי אָדלערס, נאָר ווי טכוירן. צומאָל קיין אויפ־שטענדלער זענען נישט די, וואָס אַסף וויל אָנרייצן אויפן פּאלאץ, נאָר געבוי־דענע שקלאפן, נידעריקע ווערים. דאָס זענען די פלישתים פון גבתון, וואָס דער מלך עמרי האָט פריער געשלאָגן און געפייניקט. דעריבער, ווי עס לעבט יהיה, דער גאָט פון ישראל! — דעם קאָפּ פון די טכוירן זאָלן די אויסשפירער ברענגען א געפאנגענעם צו זיינע פיס!

מיט די פינגער אויף דעם אויסגעשפרייטן פּאַרמעט, האָט איתמר אָנגעוויזן די וועגן, וואו די געטרייע זאָלן לויערן אויף אַספּ׳ס רייטער און אומברענגען זיי

מיט דער שווערד. און דאָרט וואו זיי וועלן געפינען זייערעביידלעך, זאָלן זיי גיפטיקע פיילן אריינוואַרפן און פאַרברענען זייער לאַגער, אַז די גערונגענע זאָלן וויסן, אַז קיין פרעמדע רוצחים וועלן נישט געדייען אויף דער ערד פון ישראל. נאָך היינט ביינאַכט וועלן די אויסשפּירער אַרוים צו דרום און צפון, און רייטן פאָרויס פאַר זיי זאָל תרשי און חנינא, און אחיעזר, זיין אַלטער באַדינער, זאָל קריגן דאָס פאַרגעניגן אָפּצוהאַקן די קעפּ פון די נידערטרעכטיקע, ביז זיי וועלן ברענגען אָספּ׳ן אין קייטן.

די אויסשפּירער האָבן געהאָרכזאַם אויסגעהערט איתמר׳ס באַפעלן. דער ערשטער האָט געענטפערט תרשי. ער האָט דערמאָנט, אַז עס איז לייכטער ביי־צוקומען אַ ווינציקן שונא אין אַן אָפענעם שלאַכט, איידער זיך צו שלאָגן מיט גרויזאַמע יונגען, וואָס פירן מלחמה פון ערד־אויסהוילן. און עס איז אַ סכנה אונטערצוציינדן זייערע ביידלעך, — האָט תרשי געוואָרנט, — ווייל אַזוי און נאָך מער קאָן אָסף חייםן טון צום קעניגס קריגער.

איתמר איז אויפגעשפּרונגען.

— אויב דאָס בלוט פון איין־איינציקן קריגסמאַן פון ישראל וועט ער פאַר־גיסן, — האָט ער געשריגן, — וועל איך אַליין דורכלעכערן זיין לייב מיט מיין שפּיז!

— ער וועט אַנטלויפן פון דיין צאָרן.

— די וועלט איז נישט גענוג גרויס און די צייט נישט גענוג לאַנג, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן פון מיין נקמה.

אַלע גלוסטונגען ביי איתמר׳ן זענען אין יענער רגע אויפגעלייזט געוואָרן אין פייער פון איין פאַרלאַנג: אָסף׳ס קאָפּ אונטער דער שאַרף פון זיין שווערד! און די דאָזיקע וואָס שטייען פאַר אים אַצינד, האָט ער געדאַרפט רופן אין פּאַ־לאַץ און זיי באַשווערן: היינט שטייט איר אַלע פאַר אייער קעניג, דעם גע־זאַלבטן פון גאָט, און איר וועט האָרכן די באַפעלן פון אייערע פירשטן און הויפּטלייט, ווייל איר טרעט אריין אין בונד מיט דעם שליח פון יהוה, און אין דער שבועה וואָס דער אַלמעכטיקער אַליין האָט מיט אים געשלאָסן! אָבער געזאָגט האָט איתמר דאָס, וואָס דאָס האַרץ האָט אים געהייסן:

— דעריאָגט אים און ברענגט אים אַ לעבעדיקן, אַז איך זאָל אים קאָנען שטעלן פאַר די ריכטער אין טויער פון פּאַלאַץ. איך אַליין וועל אים דערשטעכן מיט מיין שווערד, אַז אַלע זאָלן זען און געדענקען, אַז גאָר אַ שלאַכטמאַן ווייס ווי צו טויטן אַ צווייטן שלאַכטמאַן!

און איתמר האָט צוגעשפּרייזט צו דער טיר. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז עס איז צייט זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס הויז. אויפן וואונק פון חנינא׳ן האָבן די קנעכט אַרויסגעטראָגן דעם פּאַרמעט אויף די שטאַנגען און תרשי האָט געשטויסן

די באוואפנטע רייטער צו דער טיר. אבער דער גאלדמינצער האט נישט גע־וואלט ארויסלאזן זיינע געסט, ביז זיי וועלן נישט פארזוכן פון זיין ווייז, אין ער האט אריינגערופן א קורצגעוויקסיקן פעטן קנעכט, ער זאל אנפילן די הויכע בעכערס.

ווען איתמר איז געבליבן אליין אנטקעגן דעם גאלדמינצער, האט זכרי בן נציח זיך דערנענטערט צו אים מיט א פריילעך פנים. זיינע לאכנדיקע ליפן האבן געררעדט:

— עס איז דא נאר איין ווילן, וואס קאן האלטן די הערשאפט איבער אלע חיילות, און דאס וויסן מלכים: געטרוי קיינעם נישט און לערן זיך אליין.

דערנאך האט ער דערלאנגט איתמר'ן א פולן בעכער און אנגעוויזן מיט א פינגער אויף דעם קורצגעוויקסיקן באדינער.

— איך גיב דיר מיין טייערסטן קנעכט, איתמר, —האט ער געזאגט.— ער איז הינטערליסטיק ווי אן אדומי, אבער געטריי ווי נאר א שלאכטמאן אין ישראל קאן זיין. נעם אים און פארטרוי אים די סודות פון דיין הארץ. ער וועט נישט אפטרעטן פון דיין רעכטער האנט.

איתמר האט אויסגעטרונקען דעם ווייז און פארוואונדערט געקוקט, צו ערשט אויף דעם קנעכט און דערנאך אויף זיין גאסטגעבער. ווי אזוי וויס ער, אז עס פעלט אים א געטרייער נאכרייטער? ער האט מיט פארדאכט אפגע־מאסטן דעם קורצגעוויקסיקן, וואס איז פאר אים געשטאנען איינגעבויגן, און געזאגט:

— רעד!

— איך וועל דיר נאכגיין ווען דו וועסט מיך רופן, און איך וועל פארויס לויפן, ווען א געפאר וועט לויערן אויף דיין קאפ, —האט דער קנעכט געזאגט.

— אשבעל הייס איך, און פון מיין האר אליין האב איך היינט געהערט ווי ער רעדט: פינף יאר דינסט אין מיין הויז איז גענוג. דו קאנסט זיין נוצלעכער ביים נאכטראגן דאס וואפן פון א שלאכטמאן, איידער וואשן די פיס ביי א זאטן גאלדמינצער. און אצינד, באפעל מיין האר איתמר, און איך וועל דיך באדינען!

און ווי איתמר האט זיך נאך געקווינקלט, האט זכרי אים דערלאנגט נאך א בעכער ווייז, און מיט א קאפ־שאקל געלאזט וויסן אשבעל'ן, אז ער איז געווארן דער קנעכט פון דעם מאן, וואס שטייט אויף דער העכסטער טרעפ פון פאלאץ. א גליקלעכער איז אשבעל ארויסגעלאפן, און דער גאלדמינצער האט צוגעפירט איתמר'ן צו א קופערנער טיר און אונטערגעהויבן א פארהאנג. א דיקע דינסט מיט א ברוין לייב און מיט פארבאטענע באגערן אין די אויגן האט זיך באוויזן. דער האר פון הויז האט לוסטיק צו איר געזאגט:

— עזובה, פיר אריין דעם שטארקן מאן צו דיין הארינטע. ער איז פול ווי א לאגל מיט ווייז.

ד

איתמר איז געשטאַנען אין תורתונאַ׳ס קאַמער אַ מידער און וואַקלדיקער פון דעם וויין וואָס ער האָט ערשט אויסגעטרונקען. דער בלויער באַלקן איז גע־ווען הויך און טיף געוועלבט. איבערן אריינגאַנג איז דער פּאַרהאַנג פון גע־וויקלטן לײַנענטוך געווען אַרויפגעצויגן, אָבער תורתונאַ איז דאָרט נישט געווען. דער אויסגעשעפּטער קריגסמאַן האָט געהאַט אַ באַגער אַראָפּצונעמען זײַנע קליידער, זײַן שווערד, וואַשן די פיס און זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם אײַדעלן געוואַנד פון דעם הויכן עלפאַנטביין־בעט. אָבער דער הונגער פון אויפגעוואַכטן לוסט איז געווען שטאַרקער פון דעם פאַרלאַנג נאָך רו, ווײַל ער האָט צו זיך געזאָגט: איך הער דאָס קול פון מײַן בלוט, און מײַן בלוט זאָגט מיר: נעם די דאָזיקע פרוי!

די קופּערנע אייללאָמפּ האָט געוואָרפן אַ גליענדיקן שײַן אויף די ווענט. אַ טיפער סוד איז אויפגעגאַנגען אינאיינעם מיט דעם ווייַרויך, וואָס האָט זיך גע־הויבן פון אַ בעקן אין ווינקל. די שטילקייט האָט דאָ גערעדט העכער פון הונ־דערט מײַלער. און ווי איתמר האָט זיך אַ קער געטון אַהין און אַהער, האָט ער דערהערט ווייכע טריט אין אַריינגאַנג און אַ ריח פון מירע, און שאַרפע געווירצן האָבן געבלאָזן אויף אים ווי אַ פרישער, קילער ווינט.

תורתונאַ האָט לאַנגזאַם אַריינגעשפּרייזט אין דער קאַמער און געבליבן שטיין פאַר אים אַ צוריקגעצויגענע. ער האָט זי קיין מאָל פריער נישט געזען אַזוי ווייך און צאַרט ווי אַצינד. דער רויטער, דינער שלייער האָט זיך אַראָפּ־געשאַרט פון אירע האָר און אָפּגעדעקט דעם גאָלדענעם קאָפּבאַנד, וואָס האָט געלויכטן ווי די שטראַלן אין אירע וואַרעמע אויגן. דאָס בלויע קלייד פון ווייכע טולן, אַנטבלויזט ביי די אָרעמס, איז געווען ענג אַרום דער בוזים און נאָך ענגער אַרום די היפטן. איר פּנים איז געווען לײַכט פאַררויטלט. אויף די ליפּן האָט געפלאַטערט אַ שמייכל געמישט מיט פרייד און שרעק.

— קום נאָענטער, איתמר, — האָט זי געפּליסטערט. — וואָס ברענגט דיך צו דער פאַרשעמטער תורתונאַ אין שפּעטן אָוונט?

ער האָט אויף איר געקוקט, און דאָס בלוט האָט געשטראָמט ארויף, צו די שלייפן. ווי זי איז ווערט צו זיין געליבט! — האָט ער געטראכט. אין גאנץ שומרון איז נישטאָ א פרוי וואָס זאָל פארמאָגן אזא רייף לייב און אזוינע אָרעמס, וואָס וואַרטן איינצוקלאַמערן א מאַן ווי אין קייטן. איתמר איז א לאנגע רגע געשטאנען אומבאוועגלעך און פון טיפן הארצן תפילה געטון: האר פון די חיילות, איך בין באטרונקען! אָבער זאָל דער קערפער פון דער דאָזיקער פרוי מיך נישט אומברענגען, נאָר פארקערט — מיך שטאַרקן!

— קום נאָענטער צו דער לעבעדיקער תורתונא, —האָט זי ווידער אמאָל געזאָגט.— די קעניגין האָט געטויט חטיפאָ׳ן. מיך האָט זי נישט געשיקט צו דער שטיינער־וואנט.

— זי האָט דיך נישט געקאָנט שיקן צום טויט! די קאַמער אין פּאַלאַץ וואַרט אויף דיר! — האָט איתמר א בארוישטער אויסגערופן.

זיינע אויגן האָבן גערוט אויף איר נאַקן, אָבער זיין ברייענדיקער אָטעם איז געוועזן ווייט פון אירע ליפּן. אין שאָטן פון דעם טונקעלן ליכט האָט די לוסט נאָך פרייד נישט געקאָנט בלייבן לענגער אונטערדריקט. תורתונא האָט גע־וואוסט ווי אויפצוואַועקן זיינע הונגעריקע פארלאנגען. אירע היפטן האָבן זיך געוויגט, ווען זי האָט געשטעלט אירע שטילע טריט.

— מיינע טעג דאָ, אין דעם שיינעם הויז, זענען פריילעכע, —האָט זי גע־זאָגט.— דו האָסט מיך ארייגגעזעצט אין א וויינגאָרטן, איתמר. דער האר איז איידל, דער טיש איז זאַט און די דינסטן בעטן־אויס מיין געלעגער מיט בינטלעך מירע; אָבער איך בין געבליבן אָן א היים.

א מורמל האָט זיך געריסן פון זיין האלדז. אלע ווערטער, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אויף די ליפּן זענען געוועזן שטום, און די טראכטונגען זענען געווען ווי שווערע רעדער, איינגעגראָבן אין זומפּ. ער האָט אצינד געקאָנט זען בלויז די גליענדיקע פלעמלעך אין אירע אויגן און דעם שטורעם, וואָס האָט ווי א געוויטער זיך געטראָגן פון אירע בריסטן. זי איז צוגעקומען נענטער.

— איך בין געבליבן אָן א היים, איתמר, און ווי קאָן א שפּילווייב זיין אָן א היים?

— איך וועל דיר אויפבויען א הויז, תורתונא, —האָט ער א בארוישטער גערעדט.— דו ביזט שיין און דרייסט. א הויז מיט ווענט פון ציפּרעסן וועל איך אויפשטעלן, און דיין וואַך־שטיבל וועט זיין הויך ווי דעם קעניגס טורעם.

זי האָט געלאכט:

— א שלאכטמאַן שטעלט־אויף געצעלטן אין לאַגער. ער בויט נישט קיין הויז פון ציפּרעסן.

— דאָס הויז וועט שטיין צופוסנס פון פּאַלאַץ, תורתונא, און איר באַוואוינערין וועט זיצן ווי אין אַ פעסטונג, געשיצט פון וועכטער.

— ווען?

— ווי נאָר איך וועל צוריקקומען פון די פרעמדע לענדער. נאָך איין מלחמה וואַרט אויף ישראל, און איך מוז גיין אין לאַנד פון די כותים און אין לאַנד פון אדום און פון די פּלישתים, און זען ווי די שמידן דאָרט גיסן־אויס זייערע רייטוועגענער און די וואָפנטרעגער ציען־אָן זייערע בויגנס, און ווי די שלייפער טונקען־איין די פּיילן אין גיפט. און דערנאָך וועל איך צוריקקומען און לערנען די שמידן פון ישראל ווי אַזוי צו מאַכן שטאַרקע כלי־זין. שומרון מוז ווערן די שטאָט פון פעסטונגען, ווייל אָרם איז אויף איר נאָקן.

— נאָך איין פיינט האָסטו פאַרגעסן, איתמר, וואָס אומברענגען וועסטו אים מוזן נאָך דיין אומקער.

— אָסף בן עודד?

— ער וויל דיין מאַכט, דיינע נצחונות און דיינע שפּילווייבער, וואָס דו וועסט דיר אויסקלייבן.

— איך וועל אים פאַרלענדן!

— ער איז קרעפּטיק ווי אַ לייב און שלוי ווי אַ פוקס.

— דער, וואָס האָט סם אויף זיין צונג און פייער אין זיין האַרץ, וועט מער זיך נישט אומקערן צו די טרעפּ פון קעניגס הויז.

— די קעניגין איז ביי זיין רעכטער האַנט. פרעמדע קריגסלייט רייטן הינטער אים.

— מיינע וועכטער יאָגן זיך שוין נאָך דעם נידערטרעכטיקן. איך האָב זיי באַפוילן אַ לעבעדיקן אים צו ברענגען, אַז איך אַליין זאָל אים מיט מיין שווערד פאַרלענדן.

— אַז דו וועסט אָפּוואַשן די שווערד פון זיין בלוט, וועסטו אויך אָפּוואַשן די אומריינקייט פון דער קרוין.

ביי די ווערטער איז דאָס בלוט מיט אַמאָל ביי איתמר׳ן אָפּגעלאָפן פון די שלייפן און ווידער געריזלט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס. דער קאָפּ איז געוועזן קלאָר און די צונג ניכטער, אָבער דאָס האַרץ איז געוועזן אָנגעלאָדן מיט פאַרדאַכטן. ער האָט אַ געשריי געטון:

— רעד!

— ער פאַרמאָגט מער כוח ווי דו מיינסט. ער האָט געהאַט אין זיין געצעלט דאָס ווייב פון דעם קרוינטרעגער.

— די מוטער פון די פּרינצן, —האָט איתמר אויסגערופן,— די הערשערין

פון שומרון טיילט איר געלעגער מיט דעם, וואָס הייבט די שווערד אויף דעם פּאַלאַץ? זאָל דער קעניג אַליין זי באַשטראָפן פאַר איר אומגעטריישאַפט.

— אָסף בן עודד שטעלט זיך נישט אָפּ ביי איין נצחון; ער וויל זיגן און הערשן. ער וויל אויך צונעמען די פרוי, וואָס איז פריער געווען געטריי דער קעניגין.

די ריחות פון איר לייב האָבן שאַרפער געבלאָזן אויף איתמר'ן, און ער איז געווען שיכור פון וויין און פון איר רייץ. ער איז געשטאַנען אַזוי נאָענט נעבן איר און ער איז געווען אַזוי ווייט אָפּגעשיידט. דער צאָרן האָט אין אים געגרימט.

— דיך, תורתונא?

תורתונא איז אָפּגעטרעטן. זי האָט פון א ווינקל אויפגעהויבן א קליינע קרוג און א בעכער, אויסגעפורעמט ווי א ים־שאָל. ביים אַריינגיסן דעם רויטן וויין, האָט אין אירע אויגן געברענט א ווילדע פרייד געמישט מיט שפּאָט.

— דיין בלוט שרייט נאָך א פרוי, —האָט זי לאַכנדיק געזאָגט,— אָבער דער וויין האָט אוממעכטיק געמאכט דיינע אָרעמס. נאָך איין בעכער פאַר דעם שלאַכטמאַן!

איתמר האָט אויסגעטרונקען דעם וויין און געזאָגט:

— דו ביזט שיין, שטאַרק און געפערלעך.

— דו רעדסט צו א פרוי אַזוי ווי דיין קעניג, מיט גלוסטונג און פּחד.

— מיין קעניג עמרי, האָט געהאַט א סך פרויען און קעפּסווייבער, אָבער ווען ער איז אַרויס אין שלאַכט, האָט ער אין זיי פאַרגעסן. ווילסטו דען זיין איינע פון די, וואָס א שלאַכטמאַן פאַרגעסט?

— דיינע ליפּן זענען שיכור, איתמר. און איזבל איז געווען גערעכט. דו ביזט נישט מער ווי א קריגסמאַן — גוט צו קעמפן, גרייט צו שטאַרבן. אויב עס איז דיר באַשערט א קריגסמאַן צו בלייבן, זיי איינער פון זיי: טרינק וויין, נעם דיר קנעכט, ברענג זינדאָפּפערס און קלייב דיר אויס פרויען!

ער האָט געקוקט צום געלעגער מיט גליענדיקע אויגן און געוואוסט, אַז עס איז געווען די צייט צו קומען צו איר, ווי עס קומט א מאַן צו א פרוי. דער שיין פון דעם אייללאָמפּ איז געוואָרן טונקעלער אונטערן בלויען באַלקן. זיינע ליפּן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט גלוסטונג און זיין בלוט מיט פייער, ווען ער האָט געפּליסטערט:

— איך ליב דיך, תורתונא; איך ליב דיך שטאַרקער ווי מיין לעבן. ווער וועט מיר גלויבן, אַז צוליב דיר בין איך געבליבן אין שומרון און זיך נישט אומגעקערט צו מיין פעלד? איך האָב אויפגעהויבן מיין שווערד אויף אַרם אין טאָג ווען מיינע קריגסלייט האָבן געשאַרפט דאָס כלי־זין קעגן דער מלכה. און צו־

ליב דיר האָב איך זיי באַפוילן צו שאַרפן דאָס וואָפן! צוליב דיר האָט מיין צונג פאַרגעסן די שטאַרקע רייד, און איך זאָג נאָך אַצינד די נאַרישע ווערטער פון אַ שוואַכן לוסטיונג. אָבער פאַלש וועלן זיין מיינע ליפּן, אויב איך וועל דיר צוזאָגן, אַז נישט ווי אַ מאַן קום איך היינט צו דיר מיט פּלאַמענדיקע באַגערן, נאָר ווי אַ נזיר, וואָס איז גרייט צו בענטשן דיין ריינקייט. איך שטיי פאַר דיר, תורתונא, ווי אַ דערצאָרנטער אָקס און איך באַגער דיך אַזוי ווי אַ וואָלף באַגערט די גאַזעל. קום צו מיר, איך זאָג דיר צו די שיכרות פון בלוט און דעם טרוים פון אַ זיסער נאַכט.

תורתונא האָט געלאַכט:

— אייל זיך, איתמר. אַ סך רייד וועלן איינשלעפערן דיין לוסט און באַליידיקן מיין שטאָלץ. צוליב וואָס פאַרלירן צייט? איך וויל פאַרזוכן דאָס גליק איידער עס וועלן אַנטרינען די שאָטנס פון דער נאַכט און אויפגיין וועט ווידער דאָס ליכט פון טאָג. אָבער איך שרעק זיך פאַר דיינע צוזאָגן. פאַר אַ קריגסמאַן איז לייכטער צוצוזאָגן דאָס גליק איידער עס צו געבן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך האָט זי ווידער געזאָגט:

— דו רעדסט שיינע רייד, אָבער דיין האַנט רוט אויף דער שווערד. ציי פאַרמאָגט דען די ליבע אַזעלכע סודות, וואָס אין שומרון זענען זיי נאָך נישט אַנטפּלעקט? דערנענטער זיך, דו, וואָס האָסט אַזוי לאַנג דערשטיקט באַגערן און אויסגעלאָשן גלוסטונגען.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט:

— שפּעט נישט פון מיר, תורתונא.

ער האָט זיך באַוועגט פאָרויס לאַנגזאַם, טריט נאָך טריט, און זי האָט זיך געצויגן אויף צוריק, אַ שריט הינטער אַ שריט, כדי שטאַרקער אויפצופלאַקערן דאָס פייער אין דעם האַרץ, וואָס איז ביז היינט פאַר איר געווען פאַרשלאָסן. פּלוצים איז זי שטיין געבליבן. אירע אויגן האָבן געבליצט און איר שטים איז געוואָרן הילכיקער:

— נאָך דער היינטיקער נאַכט וועל איך נישט אָפּטרעטן פון דיין רעכטן אָרעם, שלאַכטמאַן מיינער! אַזוי ווי אַ מלכה טרעט נישט אָפּ פון איר קרוינטרעגער! דיין שטאָלץ איז מיין שטאָלץ; דיין בושה איז מיין בושה. איך וועל זיך מער נישט באַהאַלטן מיט מיין ליבע, ווי עס באַהאַלט זיך אַ זינדיקע מיט איר אומריינקייט. אַז מען וועט דיך צוריקברענגען פון דער מלחמה אויף אַ הייבשטול, וועל איך נעבן דיר זיצן, און אַז די פערד וועלן טראָגן דיין פלינקן רייטוואָגן, וועל איך רייטן ביי דיין זייט. קיינער וועט מער נישט הייבן קיין בייטש אויף מיר און קיינער וועט נישט ריידן מיט אַ הויך קול צו דער, וואָס

געהערט צו דעם ערשטן הויפטמאן. קום צו מיר אצינד, אומדערשראָקענער, איידער עס וועלן אנטרינען די שאָטנס פון דער נאכט.

ער האָט זי אויפגעהויבן אויף זיינע אָרעמס, און זי איז געבליבן הענגען אויף זיין נאַקן א געפאנגענע. זי איז געווען אויסגעוויקלט פון אלע שלייערן. דער קאָפּבאנד איז אראָפּגעפאלן פון דעם טורעם האָר. ער האָט דערזען א בינטל מירע צווישן אירע קוועלנדיקע בריסטן און דאָס הונגעריקע מויל האָט געגעסן איר לייב. עס איז מער נישט געווען קיין צוים פאר זיינע פארלאנגען. זיין גוף האָט געערופן און זיין הארץ האָט געערופן, און אלע כוחות פון דער ערד און הימל האָבן נישט געקאָנט ארויסטרייבן דעם פלאַמענדיקן באַגער. א האַריקער אָדם האָט געהאלטן תורתונא׳ן, און איר אנטבלויזקייט האָט געבלענדט ווי די שיינ־קייט פון דער נאַקעטער חוה. צו־לאנג איז ער געווען אָפּגעשיידט פון א פרוי, אז ער זאָל קאָנען בייקומען היינט די לוסט. אויף זיינע שטאַרקע אָרעמס האָט ער תורתונא׳ן געטראָגן צו דעם עלפאנטביין־בעט, און ער איז געקומען צו איר ווי עס קומט א מאַן צו א פרוי.

ה

אין פרימאָרגן איז איתמר אליין געבליבן אויף דעם געלעגער. די יונגע זונשטראלן האָבן דורכגעבראָכן אלע עפענונגען אין דער קאמער. דאָס ליכט איז אויפגעגאנגען ביי זיין צוקאָפּנס, און דורך א ווינקל פון זיין לינקן אויג האָט זיך געעפנט א פענצטער צו אלע וואונדער פון דער וועלט. איתמר איז געווען וואך. דאָס בלוט איז געווען קיל און דער קאָפּ קלאָר, און די נעכטיקע נאכט פון לוסט — טויזנט יאָר הינטער אים. ער האָט האסטיק זיך אויפגעזעצט און דערזען קעגנאיבער אים שטיין תורתונא׳ן א רואיקע און אומבאוועגלעכע. אַ בלוי, לויז געוואנד, מיט באגילדעטע פעדים ארום די אקסלען האָט איינגעהילט איר קערפּער. די שמעקעוודיקע האָר זענען געווען אויפגעפלאָכטן אין א טורעם, באצירט מיט זילבערנע קאָמען. א פלעק זון האָט זיך געגליטשט אויף איר האלדז און ליכטיק געמאכט דאָס איילבירטן־געזיכט, ביז ארויף צום שטערן. זי איז ליבלעך אונטער דעם שיין פון דעם איילאָמפּ און פרעכטיק אונטער דעם ליכט פון דער זון! — האָט איתמר, מיט אויפגעוואכטן אימפעט געקוקט אויף איר.

ער איז געווען אויף די פיס, אָבער זי איז אים נישט אנטקעגנגעגאנגען. די פרייד, וואָס האָט געשוועבט אויף די ליפּן, איז געווען אויסגעלאָשן אין די אויגן. זי האָט זיך א צי געגעבן פאָרויס, אָבער זי איז געבליבן שטיין אויף אן אָרט, און די פינגער פון איין האנט זענען געווען פארשטעקט אין דעם ארבל פון דער צווייטער האנט, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס באהאלטן. ביי איתמר׳ן האָבן קינבאקן געציטערט. ער האָט דערקענט אז זי איז צערודערט. די פּאָר שריט צווישן אים און תורתונא׳ן האָבן אצינד אויסגעזען ווי א לאנגע ווייטקייט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שפּיץ פון אן איינגעוויקלטער מגילה, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון איר לויזן ארבל.

— דער פּארמעט, פון וועמען? — האָט ער געפרעגט.

ער האָט ארויסגעכאַפּט די מגילה און זי אויפגעוויקלט. ער האָט נישט געקוקט אויף איר. זיינע אויגן זענען געלאָפן איבער דער שריפט:

„פון אָסף בן עודד צו תורתונא, די פארשטויסענע פון דער מלכה! איך באַזיץ דיך ווען דו ביזט צומאָל ווייט פון מיר. די מלחמות פאר ישראל האָבן מיר פריער נישט געגעבן די צייט דיך אָנצורופן „מיין שפּילווייב". אָבער איך ווייס, אז דו האָסט געקוקט אויף מיר ווי עס קוקט א פרוי פון א הויף אויף דעם רעכטן אָרעם פון איזבל'ן. היינט איז מיין וואָרט צו דיר, תורתונא: א נייע מלוכה שטייט־אויף אין שומרון, און דו ביזט ווידער אין גנאָד פון דער הערשערין.

„אויב דו ווילסט זיין געטריי צו מיר, דעם ערשטן שלאַכטמאַן, נישט ווי א דינסט, נאָר ווי א קעפּסווייב, און מיר אָפּגעבן דיין הארץ און דיין לייב, וועל איך זיין דער פאנצער קעגן דיינע פיינט און די שפּיז קעגן דעם ווידערשפּעניקן הויפּטמאַן, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין פּאַלאַץ מיט פאַלשע צוזאָגן. ווייס תורתונא, אז דו ביזט ווידער לייטזעליק אין די אויגן פון דער מלכה. איך וועל דיר געבן מיין נאָמען און איך וועל דיך ארויסהייבן צווישן אַלע פרויען אין הארעם, וואָס וועלן דיך מקנא זיין צוליב מיין ליבשאַפט צו דיר.

„קום צו מיר און שיץ זיך הינטער מיין שילד, ווייל מיינע אָרעמס זענען אויסגעשפּרייט איבער דיר, ווי די פליגלען פון אן אָדלער איבער זיין פאַנג. נישט לאַנג וועט דער פאַלשער הויפּטמאַן בלייבן אין קעניגס הויז. אן א גע־פעכט וועל איך אים פארטרייבן. און צו מיין קנעכט, וואָס איך האָב היינט געשיקט צו דיר זאָלסטו זאָגן דאָס וואָרט, ווען מיין רייטוואָגן זאָל קומען דיך ארויסנעמען פון דעם פרעמדן הויז. און אויב שרעקן שרעקסטו זיך צו ענטפערן דעם קנעכט, זאָלסטו אָנצייכענען אויף דעם פאַרמעט דאָס אָרט פון באַהעלטע־ניש, וואו איך קאָן קומען און הערן פון דיין מויל: נעם מיך ארויס פון געפאַנ־גענשאַפט! וואָרום א געפאַנגענע ביזטו, תורתונא אין דעם פרעמדן הויז.

„אונטערגעשריבן דורך דער האנט פון דעם, וואָס באַזיצט דיך, אָבער וויל דיך נישט באַהערשן אָן דיין ליבשאַפט.

ערשטער שלאַכטמאַן ביי דער מלכה,
אָסף בן עודד".

ווען איתמר האָט צוריק איינגעוויקלט דעם פאַרמעט, האָט א הייסער צאָרן געגליט אין זיין הארץ. דער נידערטרעכטיקער האָט געפונען דאָס אָרט פון תורתונא'ס באַהעלטעניש. די געפאַר לויפט פלינקער ווי זיין פערד. אָסף האָט געוואונען די מלכה און ער וויל צוריק צונעמען די, וואָס האָט די קעניגין מיט געטריישאַפט באַדינט. ווי אזוי האָט אחאב ביז נעכטן נישט געוואוסט, אז אַ הארנשלאַנג לויערט ביי זיינע פיס? א גיפטיקע נעסט האָט אָסף אויסגעשפּר־

נעָן אין דעם העכסטן הויז. אין זיינע אָדערן איז שטענדיק געפּלאָסן פרעמד בלוט און זיינע מחשבות האָט ער גענומען ביי פרעמדע פעלקער.

איתמר האָט געוואָלט זיין מילד צו דער פרוי פון לוסט, וואָס האָט אין פרימאָרגן־ליכט זיך באוויזן פאַר אים איינגעוויקלט אין געוואַנט ווי א פרישע, לויטערע בלום אין אירע בלעטער. אָבער גערעדט האָט ער שטרענג:

— דער קנעכט, ווען איז ער געקומען?

— איידער די זון איז אויפגעגאַנגען.

— ווי אַזוי האָט ער זיך באוויזן פאַר דיין קאַמער? אַלע טויערן זענען פאַרריגלט.

— ער האָט אריינגעוואָרפן א ברענענדיקן פאַקל אין גאָרטן און אויפגעוועקט די דינסט.

— האָבן די וועכטער דעם קנעכט געפאַנגען?

— ער איז אַוועקגעריטן איידער דער גערטנער איז אראָפּ פון געלעגער.

— וואָס איז דאָס וואָרט וואָס דו האָסט מיטגעשיקט מיט דעם קנעכט?

— ער איז אַוועק אָן אן ענטפער.

איתמר'ס אויגן האָבן געקוקט מיט הינדערניש אויף תורתונא'ן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים דערשראָקן און פאַרשולדיקט. אירע קני האָבן זיך איינגעבויגן און זי איז א געהאָרכזאַמע גרייט געווען צו פאַלן אַלע זיינע באַפעלן, אויב ער זאָל נאָר זאָגן צו איר צאַרטע ווערטער. אָבער איתמר איז אין יענער רגע געווען ווייט פון דער באַרעמהאַרציקייט, וואָס מאַכט שוואַך דעם באַזיגטן. פאַרקערט, עס האָבן אים געפרייט די אַנגסטן פון דער דערשראָקענער פרוי, וואָס איז פריער געווען אַזוי נאָענט מיט קריגסלייט און פירשטן. וואָלט ער א פּאַרכטיקער נזיר געווען, וואָלט ער פון הייליקן צאָרן צעשניטן דעם דאָזיקן געפּורעמטן קערפּער, וואָס האָט אויפגעהיט זיין שיינקייט. זיינע מחשבות זענען געווען איינס מיט זיין פייערדיקן אימפּעט, און ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אָסף בן עודד האָט געקאָנט זיין דער, וואָס איז ביינאַכט געווען מיט תורתונא'ן, איז אים דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט. די פלוך האָט ער דערשטיקט אין האַלדז, אָבער די ציין האָבן געקריצט און די פלעכטן באָרד האָבן אויפגעציטערט. זי איז געשטאַנען פאַר אים א בלייכע און פאַרשעמטע, ווי זי וואָלט דורך ווייטע, אומהערבאַרע טענער פאַרנומען זיינע באַגערן. פּלוצים האָט ער אראָפּגעריסן דאָס געוואַנט פון אירע אַקסלען און אריינגענומען איר אַנטבלויזטן וואַרעמען לייב אין זיינע אָרעמס. און ווי שטאַרק עס איז געווען זיין אייפער, אַזוי שטאַרק איז געווען זיין קול:

— איך בין א שלאַכטמאַן אַזוי ווי איך בין געבוירן געוואָרן צו זיין, און דו ביזט א פרוי צו ברענגען פאַרגעניגן דעם שלאַכטמאַן. נעכטן ביינאַכט האָב

די קעניגין איזבל

איך דיר געזאָגט, אַז איך ליב דיך און איך באַגער דיך ווי אַ וואָלף באַגערט די גאַזעל. היינט האָט אַ צווייטער שלאַכטמאַן צו דיר געזאָגט, אַז ער האָט דיך ליב, אָבער ביי אים וועסטו זיין העכער פון אַ לוסטווייב, און דו וועסט זיצן אין זיין רייטוואָגן, ווייל אין די אויגן פון דער מלכה האָסטו ווידער לייטזעליקייט געפונען. וועמען פון די צוויי שלאַכטמענער וועסטו אויסקלייבן?

זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע שטאַרקע הענט און געוואוסט אַז זי האָט אים געוואונען. ביי אים איז די לוסט צו דער פרוי אַזוי ווי די לוסט צו מלחמה. צייט און דרייסטקייט ברענגען אים נצחון. ער וועט זיך מער נישט אָפּרייסן פון לעבן ווי אַ רייפער איילבירט פון בוים. זי האָט זיך ווידער איינגעהילט אין דעם געוואַנט. זי איז צוגעקומען צו אים אַזוי נאָענט, אַז איר אָטעם האָט אויף אים געבלאָזן.

— ווען פירסטו מיך אַרויס פון דעם הויז? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— נאָך איידער מיינע וועכטער וועלן צוריקקומען מיט זייער פאַנג.

— וואָס וועט זיין אָספּ'ס שטראָף?

— ער וועט פאַרשטיינט ווערן, אַזוי ווי עס זאָגט דאָס בוך פון געזעצן.

זי איז גרייט געווען זיך צו זעצן אויף זיין פערד און אַריינרייטן אין דער שטאָט, פון וואַנען זי איז פריער אַנטלאָפן. די קעניגין האָלט דורך אָספּ'ן ווי־דער אָפּן פאַר איר אַ הינטערטיר, אָבער זי וועט גיין מיט דעם, וואָס וועט אויפ־פראַלן דאָס ערשטע טויער.

איתמר האָט געזאָגט:

— מיין פערד וואַרט אין הויף.

— מיר זענען צוויי און דער קנעכט איז דער דריטער.

— איך וועל הייסן אַשבעל'ן אַרויפלייגן דיין לאָדונג אויף זיין פערד. דו וועסט רייטן מיט מיר.

תורתונא האָט געוואָלט אַריינרופן די דינסט, זי זאָל זאַלבן די באָרד און וואַשן די פיס פון איתמר'ן, אָבער זי האָט זיך געשטעלט אין אַרויסגאַנג און באַפוילן:

— עזובה, ברענג איילבירטן, פיש און האָניק־ווייַן פאַר צוויי.

אין קאַמער האָט זיך באַוויזן די ברוינלייביקע דינסט. זי האָט אַצינד אויסגעזען געוויקסיק און רייף ווי אַן אַם אין קעניגס הויף. איין רגע האָט זי אַ פאַרוואונדערטע זיך אַרומגעקוקט מיט אירע לויטערע אויגן. אירע אָרעמס זענען געווען פול און אירע הויכע אָנגעקוואָלענע בריסטן האָבן אַזוי ווי געררופן: מיין מילך איז פריש און פעט אָנצוזייגן קינדער פון מלכים. דערנאָך האָט זי פאַרשאַרט דעם שיטערן פאָרהאַנג איבערן עלפאַנטביין־בעט און איז אַרויס ברענגען שפייז. פאַר דעם ברייטן פענצטער האָט זיך געשפרייט דער גאָרטן,

אַנגעלאָדן מיט ציפּרעס־ביימער, פּרוכטן און בלומען. פייגל און טויבן האָבן מיט געפלאַטער זיך אויפגעהויבן פון צווישן די פלאַנצן. די צווייגן האָבן געציטערט פון פרייד. די זון האָט באַגאָסן די בלעטער און די בענטשונג פון דער ערד איז אויפגעגאַנגען אין דעם דופטיקן ווינטל. דערזעענדיק די יונגע שפּראָצן האָט איתמר אָפּגעגעבן זיין פרימאָרגן־געבעט צום אלמעכטיקן, וואָס שיקט אַראָפּ טוי און רעגן אויף דעם באשאף.

עזובה איז אריינגעקומען אויף די שפּיץ־פינגער. זי האָט געטראָגן אַ פלאַכן קאָרב מיט באַגילדעטע געפעס. אין א זילבערנער וואזע מיט רינוועס זענען ארומגעשוואומען געבראָטענע פישלעך און דערנעבן איז געשטאַנען א קרוג האָניק־וויין און א טיפע שאָל מיט איילבירטן.

ווען זיי האָבן זיך געזעצט עסן, איז אָנגעקומען, מיט געלאַסענע טריט, זכרי בן נציח. זיין באָרד האָט געגלאַנצט פון דופטיקן אייל; זיינע אויגן זענען געווען אויסגערוט נאָך דער נאכט שלאָפן, און אויף די ליפּן איז געווען גרייט א ברכה פאַר די געסט אויפן וועג. דער האַר פון הויז האָט געזען ווי איתמר עסט מיט גרויס הונגער שטיקער פיש און פארשלינגט מיט איילבירטן, וואָס תורתונא האָט פאַר אים געטונקען אין האָניק־וויין. ער האָט נאָכגעקוקט עזובה׳ן, וואָס איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, און געזאָגט:

— מיין דינסט שטאַמט פון אדום, אָבער זי האָט א לויטער לייב ווי א פירשטין. ווי גוט עס איז צו נעמען אלץ, וואָס אירע איידעלע הענט דערלאַנגען.

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט דורכן פענצטער צו די שיטערע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן פלוצים זיך געקליבן אונטערן לויטערן הימל. די וואָלקנס ווערן געטריבן פונעם ווינט, וואָס הייבט זיך אויף פון ים, — האָט ער צו זיך געזאָגט,— און מיינע געסט לאָזן זיך ארויס אהין, וואו עס וואַרט א געוויטער. אלע בשורות קומען צו אים מיט דעם ערשטן געפלאַטער פון די פייגל. פון דעם ברענענדיקן פאַקל, וואָס אָפּס׳ס שליח האָט אריינגעוואָרפן, האָט ער געהערט, אָבער וואָס אויפן פאַרמעט איז געשריבן — ווייס ער נישט. קאָן עס זיין, אז דער פעלשער וויל פאַר זיך צונעמען תורתונא׳ן? צווישן צוויי שלאַכטמענער קאָן די שטאַרקסטע פרוי פאַלן. און דער שטול פון אחאָב׳ן לענט זיך היינט אָן אויף איתמר׳ס שווערד און תורתונא׳ס אָרעמס.

און דער גאָלדמינצער, וואָס איז נישט געווען גרייט זיך צו דערוויסן סודות ביי די וואָס פאַרלאָזן זיין הויז, האָט געפרעגט איתמר׳ן:

— דיינע שליחים, האָבן זיי געשיקט א וואָרט פון וועג? ווי ווייט, ענען זיי אין דעם געיעג נאָך אָפּס׳ן?

— ער קאָן נישט זיין ווייטער פון ארובות. מיינע וועכטער וועלן אים נאָך היינט דעריאָגן.

— דאָס איז דיין ערשטער טעות נאָכן זונאויפגאנג, —האָט דער גאָלד־מינצער געלאכט.— זיינע קריגסלייט, וואָס שלאָגן זיך פאַר געלט, וועט ער צע־שפרייטן אויף אַלע וועגן פון געפאַר. ער אַליין וועט זיך באהאלטן אין טעמפּל פון דער מלכה, ביז איזבל וועט זיך שטארקן.

איתמר האָט א דערצאָרנטער געזאָגט:

— נאָך איידער די נאכט וועט צופאלן, וועט ער ליגן ביי מיינע פיס.

תורתונא איז צוגעגאנגען צו דעם גוטן, פרידלעכן גאסטגעבער.

— ווי אזוי וועל איך דאנקען דעם האר פון הויז? — האָט זי געפרעגט.

— תורתונא, דו ביזט מיר נישט שולדיק קיין דאנק, אזוי ווי די בלום איז נישט שולדיק קיין דאנק דעם טוי וואָס קומט זי אָפּפרישן ביים אויפגאנג פון טאָג. דו פארלאָזט דאָס קילע און שטילע לאנד, אָבער דער שלאכטמאַן וועט דיך צוריקפירן אין דער ווייטער שטאָט, וואָס האָט נישט קיין צאַמען און וואו מענטשן האָבן מער פארגעניגן פון טרויער ווי פון פרייד. היינט איז דאָרט א גערויש. שווערדן קלינגען און קריגער גרייטן זיך צו נייע שלאכטן. אָבער אין די שפּעטערדיקע טעג וועלן די בערג דאָרט נישט אונטערשפרינגען ווי שעפּסן פון פחד, און די שטערן ביינאכט וועלן לייכטן אין פרידן, און דו וועסט הערן דעם פליסטער פון די ווינטן, וואָס וועלן זיין שטילער פון די וואסערן. גיי תורתונא צוריק אין דעם העכסטן הויז פון שומרון.

ער האָט א פּאטש געטון אין די הענט, און עס איז אריינגעקומען אשבעל מיט דער שווערד אין זיין לייבגאַרטל.

— דאָס איז מיין לעצטער באפעל צו דיר, אשבעל, —האָט זכרי געזאָגט.

— ברענג די פערד צו דער טיר, און זאָלסט נישט פארשעמען מיין צוזאָג, אז דו וועסט זיין ביי דעם שלאכטמאַן דער געטרייער וועכטער אין פרידן און אין מלחמה.

איתמר איז געוועזן אויף די פיס. תורתונא איז ארויסגעגאנגען איבערטאָן אנדערע קליידער. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט ער זי ארויסגעטראָגן אויף זיינע אָרעמס ביז צום טויער פון הויף, וואו אשבעל האָט געוואַרט מיט זיין פערד און לאָדונג. ער איז ווידער געוועזן בארוישט פון פרייד און אויסגעשריגן:

— צום פּאלאַץ, תורתונא! און ווי נאָר דו וועסט זיך דערנענטערן צו די ערשטע טרעפּ, וועט דער מלך אליין אויסשפּרייטן דאָס בלויע געוואַנד פאַר דיינע פיס.

ו

אין דער אַכצענטער נאַכט פון חודש אייר, האָט זיך דער קעניג אַחאָב איבערגעוועקט פון א בייזן חלום. זיינע געשרייען האָבן אַראָפּגעטריבן פון געלעגער פקחיהו'ן. אָבער ער האָט נישט גערופן די וועכטער, נאָר געשיקט נאָך די שטערנזעער און גייסטבאַשווערער, זיי זאָלן געבן א באַשייד צו די זעאונגען וואָס קומען צום קרוינטרעגער, ווען דאָס ליכט פון דער וועלט איז פאַרלאָשן.

אין די טעג פון האַלבן חודש אייר האָבן די וויינגערטנער אין אפרים געבליט; די פּרוכטנביימער האָבן זיך געבויגן אונטער זייער לאַסט און די טייכן האָבן אַריבערגעפּליצט. די טעג פון שבועות האָבן זיך דערנעענטערט. די כהנים זענען געווען פעט און זייערע פּנימער האָבן געגלאַנצט פון אייל און געווירצן. דער רויך פון די קרבנות איז אויפגעגאַנגען פון די טעמפּלהויפן. פרידן איז געווען אין די שטעט און אויף די פעלדער, אָבער די שווערדנציער האָבן נישט אויסגעטאָן דאָס וואָפן, ווייל נאָך איין מלחמה מיט אַרם האָט געוואַרט אויף זיי. איתמר איז צוריקגעקומען פון פרעמדע לענדער מיט קאַראַוואַנען אָנגעלאָדענע מיט כלי־זין. עס איז געווען אין יענער נאַכט ווען די קריגסלייט פון ישראל האָבן געוואַרט אין די פעסטונגען אויף אן איבערפאַל פון בן הדד חייל, ווען אַחאָב האָט געהאַט דעם בייזן חלום.

פקחיהו האָט אַריינגעפירט דעם דערשראָקענעם מלך אין דער וויינקאַמער. ער האָט מיט די אייגענע פינגער איינגעריבן זיין שטערן מיט א דופטיקן געווירץ, אַז דער זכרון ביי אים זאָל בלייבן פריש. אַחאָב האָט ווידער געזען העל דאָס, וואָס איז פריער געווען פאַרטונקלט אין שלומער. נאָכן ערשטן בעכער וויין, האָט דער מלך דערציילט, ווי אין חלום איז ער געגאַנגען איבערן דאַך פון זיין פּאַלאַץ. פלוצים האָט א מוראדיקער געוויטער אים אויפגעהויבן ווי אויף פליגלען און אים אַרויפגעשטעלט אויפן שפּיץ פון אן עלפאַנטביין־טורעם, איבער די וואָלקנס, און א פייערדיקע האַנט, ווי א זייל ליכט, האָט אים געוויזן,

ער זאָל אראָפּקוקן אויף זיין לאַנד. דער מלך האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און דערזען ווי אַ חיישעריק איז באַפאַלן די פעלדער פון ישראל און אויפגעגעסן אַלע זאַנגען פון די תבואות און פאַרצערט די ערד, וואָס איז ערשט געווען פעט און אַרויסגעגעבן פון איר אינגעווייד שפּייז, ווי עס גיט אַרויס אַ מאַמע די פּרוכט פון איר טראַכט. און ווי דער היישעריק האָט פאַרוויסט די פעלדער פון אַלע מענער פון ישראל און זיך דערנענטערט צו די טויערן פון דעם קעניגס לאַנדגיטער, האָט אַחאָב דערזען, ווי הינטער זיין הויף שטייט איינער אַ גליקלעכער מאַן אויף זיין פעלד און שניידט געלאַסן זיינע זאַנגען, און ער זעט נישט די חרובע ערד הינטער זיך. און דער היישעריק האָט אויפגעגעסן אַלע קערנער ביז דעם לעצטן זאַנג, און די וואָרצלען פון די פלאַנצן אויף דעם מלכ׳ס לאַנד האָט ער אַרויסגעריסן, אָבער דאָס פעלד פון דעם שכן, דעם גליקלעכן מאַן, האָט ער נישט אָנגערירט.

אַחאָב האָט אַ דערשראָקענער גערופן זיינע שווערדנציער און פייער־שליידערער, אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. האָט ער געבעטן הילף ביים הימל, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. האָט דער מלך, אַ דערצאָרנטער פון קנאה, זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין טראָגשטול און אַרויסגעצויגן זיין שווערד צו טויטן דעם גליקלעכן מאַן, דעם גערטנער, אָבער אין מיטן געוויטער האָט אַ בליץ דורכגעבראָכן די וואָלקנס און פאַרברענט דעם טורעם פון עלפאַנטביין און אַראָפּגעשליידערט אַחאָב׳ן מיט זיין טראָגשטול אין אָפּגרונט. פון דעם פייערדיקן שטורעם איז אַרויסגעקומען אַ ריזיקע געשטאַלט, האַלב־קריגסמאַן און האַלב־הירש. דער קעניג האָט געוואָרפן זיין שפּיז, אָבער זי איז צעבראָכן געוואָרן אָן די הערנער פון דער חיה, וואָס האָט געהאַט די גבורה פון אַ צערייצטן אָקס. ער האָט אויפגעהויבן זיין ברוסטשילד, אָבער די חיה האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פיס און געטרייסלט דעם טראָן אַזוי לאַנג, ביז דער מלך איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ נאַך־טיפערן אָפּגרונט, און אויף זיין אָרט זענען געבליבן זיצן צוויי זייג־קינדער, און דערנאָך האָט איין זויגלינג אַראָפּגעשטופּט דעם צווייטן אין אָפּגרונט.

אַחאָב איז געווען באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס. דאָס האַרץ ביים מלך איז געווען פול מיט פּחד, אַזוי ווי ביי יעדן דערשראָקענעם בשר־ודם. אָבער ווען די שטערנזעער און וואָרזאָגער זענען אָנגעקומען, האָט ער זיי אַרויסגעטריבן מיט חרפּה. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס איז פאַרהוילן אין חלום, דערפון טאָר מען אויף דער וואָר נישט אָפּשפּעטן. מיט די פאַרבאָרגענע כוחות רעגירט יהוה, דער האַר פון הימל און ערד, און דעם אַלמעכטיקן קאָן מען איבערבעטן מיט קרבנות דורך די פּאַרכטיקע אין ישראל און נישט דורך איזבל׳ס כהנים וואָס בעטלען ווידער לייטזעליקייט ביים בעל און עשתורת.

דער מלך האָט געזוכט רו פאַר דער נשמה — אין ווײַן, און פרייד — אין פאַרווײַלונגען. ער האָט געהייסן זיין הויף־שררה, עובדיהו׳ן, מאַכן א גרויסן מאָלצײַט. אָבער ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין באַגער. פקחיהו האָט אין אים אויפגעוועקט א פאַרלאַנג ווידער צו רופן די שטערנזעער, וואָס ווייסן דעם באַשייד פון אַלע פאַרהוילעניש. אָבער דער מלך האָט געהאַט אַן אײַנפאַל, זיך איבערצוטאָן אין קליידער פון א בעטלער און אַרײַנגיין אין דער שטאָט דן, וואו עס שטייט דער טעמפּל מיט גאָלדענע קעלבער, און עס קומען דאָרט די גייסטבאַשווערער און צויבערלייט, אַלע הויפטלייט און פירשטן, ווען זייערע הערצער זענען ביטער און זייערע גופים זענען אויסגלאָשן פון לוסט.

דן איז געווען פול מיט טרינקשטיבער און שפּילהייזער, און די זינדיקע שטאָט האָט גערופן צו זיך יונג און אַלט, זיי זאָלן קומען שעפּן פאַרגעניגן אייִ־דער קראַנקייטן און עלטער לעשן־אויס די באַגערן נאָך פרייד. און ווער עס האָט נישט געפונען שיינקייט אין טעמפּל פון בעל, — דער גאָט פון זון און הימל, — האָט געקאָנט גיין אין טעמפּל פון עשתורת, די געטין פון פרוכטבאַרקייט, אָדער טאַנצן אין הויז פון דער אשרה. פון אַלע געצן און בימות אויף די גאַסן פון דן, איז די באַליבטסטע געווען א ווייטע געטין פון מצרים — איזיס, וואָס פרעמדע כהנים האָבן איר אָפּבילד אוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק. דאָס איז געווען דער פורעם פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי, אויסגעהאַקט פון שטיין מיט קי־הערנער. צופוסנס פון דער שטיינערנער געטין האָבן נידערטרעכטיקע גע־פּאַכעט מיט שווערדן, יונגע קדשות האָבן געטאַנצט מיט אָפּגעדעקטע שאָנדעס, און דאָס בלוט אויף דער שאַרף פון א שפּיז האָט נישט איין מאָל אײַנגעשטילט די שטרייטן צווישן פירשטן.

ווען אחאָב איז אָנגעקומען אין דן, פאַרשטעלט אין אָרעמע קליידער, איז געווען אַן אויסגוס פון די טייכן. דאָס וואַסער איז אויפגעגאַנגען הויך, ביז צו די ווענט פון טעמפּל, און ווען עס איז ווידער אַראָפּגעזונקען, איז די ערד באַ־דעקט געוואָרן מיט גרינע שפּראָצן. פייגל האָבן געבויט זייערע נעסטן און די ציפּרעסן און וויינשטאָקן האָבן געבליט אויך אין די נידעריקסטע טאָלן און פאַרשפּרייט שטאַרקע ריחות פון מירע. נאָכן זונאונטערגאַנג האָט זיך אחאָב דערנענטערט צו דעם ערשטן וואָרזאָגער אין דעם רוישיקן מאַרק און זיך געבוקט פאַר אים. דער וואָרזאָגער האָט געהאַט א נאַקעטן קאָפּ. ער איז געווען אײַנ־געהילט אין קעניגלעכן ליינענטוך, מיט א גאָלדענער קייט אַרום דעם פעטן האַלדז. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן א קורצע בייטש, וואָס דאָס איז געווען א צייכן, אַז ער האָט געקאָנט באַפעלן מיט וועכטער, וועמען זיי זאָלן אַרײַנלאָזן אין שטאָט און וועמען אַרויסטרייבן אויף יענער זייט טויער. ער האָט מיט הינדערניש און פאַרדאַכט אָנגעקוקט אחאָב׳ן און געפרעגט:

— וואס ווילסטו, ווילדער מאן, אויף דעם מארק פון פרייד?

— איך קום נאך היילונג פאר מיין נשמה און פאר מיין גוף, —האט אחאב אונטערטעניק געענטפערט.

דעם ווארזאגערס אויגן האבן געפארשט דעם הערשער פון לאנד, וואס האט זיך באהאלטן אונטער די קליידער פון א בעטלער, און שטרענג געזאגט:

— דו ביזט שטארק ווי אן אקס און קרעפטיק ווי א לייב. צוליב וואס דארפסטו א היילער?

— מיין הארץ איז ביטער און מיין בלוט איז מיד, און א בייזער חלום האט אויסגעלאשן אלע מיינע לוסטן צו לעבן. העלף מיר, גוטער מאן, דו, וואס קאנסט זען ליכט ווען דער הימל איז פינצטער.

אבער דער ווארזאגער איז אריין אין גרימצארן און געשריגן:

— די גאסן פון דן זענען פול מיט אזוינע אומגליקלעכע ארומשלעפער ווי דו, אבער אונדזער שטאט ווארט אויף די פריילעכע הויפטלייט, וואס קומען צאלן מיט גאלדענע שקלים — צוערשט פאר פארגעניגן און דערנאך פאר שולד־אפפערס צו פארגעבן זייערע זינד. אויב באשייד פאר חלומות זוכסטו, גיי צו די מכשפות, וואס זיצן פאר די הייזער פון די הורן. הער מיין עצה, פרעמדער: פארלאז די שטאט דורכן ערשטן טויער, איידער איך רוף די וועכטער, זיי זאלן אפשינדן דיין הויט און דיך אפבראטן אזוי ווי א שעפס נאך דעם טאנץ פאר דער אשרה.

און ער האט אויפגעהויבן זיין האריקע האנט אויף צו שלאגן דעם אומגע־בעטענעם גאסט. אבער זיין כעס האט זיך באלד געשטילט און ער האט אחאב'ן געגעבן א מטבע און אים געהייסן גיין טרינקען דעם וויין פון די פעלעכלעך, וואס די רייכע זויפערס ווארפן ארויס פון די לוסטהייזער.

ווען אחאב איז אוועק פון דעם ווארזאגער, האט ער זיך געלאזט גיין פאר־ביי די טרינקשטיבער און אויסגעלאסענע הייזער וואס הינטערן מארק. ער האט זיך געפרייט מיט די בייזע רייד פון דעם פרעכן מאן, ווייל אזוי ארום האט ער געקאנט זען און הערן די פארדארבענע פון דן אין זייערע אייגענע גאסן און נישט דעמאלט, ווען זיי קומען אין פאלאץ זיך אויסציען אין זיין שטויב. ער האט זיך געוואונדערט, וואס אזוי פיל קריגסלייט זוכן פארווייליונגען אין די פארדארבענע הייזער. שטארקע שווערדנטרעגער זענען געלעגן באזויפטע אין די אָרעמס פון זונות. ביי די טרעפ פון טונקעלע שטיבער, אויף די שוועלן פון ווייַנקעלערן און הינטער צווייגן פון שאטנדיקעביימער האבן די קריגסלייט פון ישראל געפירט שטרייטן, אפגעשפעט פון פאלאץ און געפלוכט דעם קעניג, וואס איז פרום געווארן. דערהערנדיק די רייד פון בושה פון די, וואס צעטרעטן

דעם שטאָלץ פון ישראל, איז אַחאַב געוואָרן טרויעריק און געזאָגט: איך מוז צוריקגיין קיין שומרון און ווידער אַמאָל אַריינזעצן די פּערל אין דער קרוין.

אויף צומאָרגנס, ווען די זון איז געווען הויך, האָט אַחאַב גערופן איתמר'ן און אים באַפוילן נישט צו לאָזן די קריגסלייט אַרויסגיין פון שומרון. צי זענען מיינע טורעם־וועכטער געוואָרן לוסטיונגען און מיינע שווערדנציער מענער פאַר זונות? — האָט דער דערצאָרנטער מלך אויסגערופן. — איך האָב זיי געזען ליגן אויף די הויפנס מיסט. זייערע קני זענען שוואַך און זייערע בייכער זענען אַזוי צעגאָסן. ווי ביי פרויען וואָס גייען געבערן! איתמר האָט זיך פאַרענט־פערט, אַז פיל קריגסלייט האָבן נאָך פריער פאַרלאָזט די פעסטונגען אויף דעם שטילן באַפעל פון דער מלכה. אָבער אַחאַב'ס האַרץ האָט געשטורעמט, און ער האָט געהייסן די ווידערשפּעניקע אַריינוואַרפן אין געפענגעניש און אָפּשליסן די טויערן פון דן פאַר זיינע וואַפנטרעגער, ביז ער וועט צוריקקומען פון דער צוויי־טער מלחמה מיט בן הדר'ן. דערנאָך האָט ער געשיקט אָנזאָגן יצהר בן רעואל'ן, אַז אין די טעג ווען פון די שטעט פון יהודה וועט מען אַרויפברענגען די בכורים אין בית־המקדש אין ירושלים, זאָל דאָס פאָלק אין ישראל אויך אָפּרייסן די ערשטע פּרוכטן פון די ביימער און אין געפלאָכטענע קאָרבן זיי אַרויפברענגען קיין שומרון. און די עלטסטע, די שׂרים און די סופרים זאָלן גיין פאָרויס פאַרן פאָלק, ווייל אַ נייעם מנהג וויל דער מלך איינפירן אין לאַנד, אַז ער זאָל וואויל־געפעלן אין די אויגן פון גאָט פון די חיילות, איידער עס וועלן קומען די טעג פון נייע נצחונות.

איתמר איז אַרויס פון פּאַלאַץ, כדי צו ווייזן זיין שטאַרקן אָרעם. דער פאַרמעגט פון אַחאַב'ן איז געווען אין די הענט פון בן רעואל'ן. אָבער דער מלך האָט זיך נישט באַרואיקט. די נאַכט איז ווידער פאַרביי אָן שלאָף און אין באַגינען האָט פקחיהו איבערגערעדט זיין האַר, אַז ער זאָל אַריינלאָזן אין זיין קאַמער די בעסטע פיר שטערנזעער פון בית־אל, אַז זיי זאָלן פאַרטייטשן דעם בייזן חלום. יענעם וואונט האָט אַחאַב אָנגעטאָן דעם מאַנטל פון פּורפּור און איז געווען גרייט אויפצונעמען די, וואָס לעבן אין שאָטן פון ליכט. ער איז געזעסן אין דער טראָנקאַמער, זיינע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרטע אויף די ביינער־נע אָנלעטס מיט די קעלבערנע קעפּ. די באָרד איז געווען פריש געזאַלבט, די פּלייצעס איינגעריבן מיט געווירצן. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם זיגל פון הערשאַפט. אויף פקחיהו'ס צייכן האָבן די שפּיזנטרעגער אַריינ־געפירט די פיר שטערנזעער.

— קומט נענטער און רעדט דרייסט! — האָט דער מלך צוגערופן די פיר פאַרנעפּלטע געשטאַלטן, וואָס זענען געבליבן שטיין אין אַריינגאַנג.

און אין יענער רגע האָט זיך אַחאַב שטאַרק געוואונדערט, ווייל ער האָט

געזען, ווי פון די פיר צויבערלייט זענען צוויי פון זיי געווען פרויען. פקחיהו האָט צוגעזאָגט צו ברענגען טרויעריקע שטערנזעער, זענען מיטגעקומען פריילעכע קדשות. נישט קיין לוסט־טאַנץ פון די דינסטן פון בעל וויל איך היינט הערן, נאָר די קלוגשאפט פון די, וואָס שעפּן וויסן פון די אָנגעצונדענע שטערן — האָט ער צו זיך געזאָגט, — אָבער די, וואָס קאָנען לייענען די פייערשריפט אין הימל, זענען נישט אנדערש ווי די אונטערטעניקע כהנים, וואָס קניען פאַר די בימות. אחאָב׳ס בליק איז געפאלן אויף זיין געטרייען פקחיהו, אָבער די שטערנזעער, איינגעהילטע אין טייערע, קאָלירטע געוואנטן ביז צו די העלדזער, האָבן זיך שוין געבוקט פאַר אים. דער מלך האָט באַפוילן:

— רעדט, אויב אייערע צינגער זענען אזוי שאַרף ווי אייערע אויגן! איך וויל הערן די, וואָס קאָנען פאנגען נשמות און זענען צו־שוואַך צו באַהערשן די לייבער פון בלוט און פלייש.

דער ערשטער שטערנזעער וואָס האָט זיך ארויסגעשטעלט, איז געווען גערוויקסיק און פעט, איינגעוויקלט אין א שוואַרצן מאנטל באַמאָלן מיט א גרינעם רייטוואָגן און א פערד מיט פליגלען. דאָס איז געווען א צייכן, אַז הינטער אים שטייען כוחות פון מלחמה, און ער קאָן ארויסרופן די בעסטע פיילנוואַרפער אונטערן הימל. ער האָט שוין געוואָלט עפענען זיינע ליפּן, אָבער אחאָב האָט מיט ווידערווילן אים געהייסן זיך דערווייטערן, און עס איז ארויסגעטראָטן דער צווייטער שטערנזעער, מיט א נאַקעטן שאַרבן און שיטערע הויט ארום די קינבאַקן. זיינע קליינע, גרינע אויגן האָבן געבליצט מיט פלאַמען, און די פינגער, אויסגעניייטע מיט גאָלדענע פעדים אויף זיין ווייסן מאנטל האָבן אָנגעזאָגט, אַז ער דינט דעם אָפּגאָט פון רויב, האנדל און כישוף. אויך אים האָט אחאָב אוועקגעשיקט, און עס האָט זיך דערנענטערט די ערשטע פון די פרויען, אין א דורכזיכטיקן בלויען מאַנטל. איר געזיכט איז געווען אזוי אָנגעקוואָלן ווי איר לייב, און אין מיטן שטערן האָט זי געהאַט אריינגעשטאָכן, אויף א קייטעלע, א גלעזערנעם רינג, ווי א דריט אויג. זי האָט געהאלטן אין די הענט א קליינע האַרפע און א גאָלדן ביימל מיט געדיכטע צווייגן. דער מלך האָט לאַנג נישט געדאַרפט קוקן אויף איר כדי צו דערקענען, אַז זי איז די דינסט פון עשתורת, און אַז אירע קני בוקן זיך אויך פאַר איזיס — די פרעמדע געטין פון מצרים —, וואָס ציט ארויס פון דער ערד, אזוי ווי פון איר טראַכט, פרוכטן, בלומען און תבואה.

ווען זי האָט זיך גערוקט פאָרויס, מיט אירע איידעלע הענט אויסגעשטרעקטע, האָבן אירע שענקלען זיך געוויגט און אין אירע פייכטע אויגן האָט געגליט תאווה. אָבער דעם מלכ׳ס אויפגעהויבענער ווייזפינגער האָט זי אָפּגעשטעלט, ווייל די לוסט פון אלע פריילעכע טעכטער האָט ארויסגעשריגן פון

אירע גלידער. אחאַב׳ס אויערן זענען אין דער באַטריבטער שעה געווען וואַך צו ריינע ווערטער, וואָס זאָלן איינזינקען אין זיין נשמה ווי אין א טיפן ברונים. און דעריבער האָט ער רואיק געוואַרט עס זאָל צוקומען די צווייטע פון די פרויען, וואָס איז געווען די לעצטע צווישן די שטערנזעער.

די לעצטע וואַרזאָגערין איז געשטאַנען פאַר אים א דערשראָקענע, מיט וואַרעמע, ברייט צעעפנטע אויגן. איר אויסזען איז געווען אומשולדיק ווי ביי א שעפס. אויף איר געטורעמטן קאָפּ האָט זי געטראָגן א ליינענעם וויקלטוך מיט גלעקלעך. איר גאָלד־געשטיקטער מאַנטל איז געווען באַמאָלן מיט א מעכטיק געשטאַלט, האַלב־שלאַנג, האַלב־לייביכע — די מוראדיקע חיה פון צפון־לאַנד, וואָס האָט מאַכט איבער די גורלות פון אַלע באַשעפענישן אונטער דער זון.

זי האָט נישט געעפנט די ליפּן און שטום געקוקט אויפן קעניג, ווייל זי האָט געזען, אַז זי איז וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן. אחאַב האָט זיך צוגע־בויגן צו איר און געזאָגט:

— דו ביזט אריינגעקומען אין מיין קאַמער צו זאָגן מיר פריער דאָס, וואָס מיינע שלאַכטמענער דערוויסן זיך שפּעטער. אין דער ערשטער מלחמה מיט אַרם האָב איך באַזיגט צוויי־און־דרייסיק מלכים. א צווייטע מלחמה וואַרט אויף מיר. מיינע פעסטונגען זענען שטאַרקע און מיינע קריגער זענען אָנגע־גורט, אָבער אין חלום האָב איך געזען, ווי דער הייזעריק עסט־אויף מיין גאַנץ לאַנד, ,אויסער איין פעלד פון א גליקלעכן מאַן. א חיה, האַלב־שלאַכטמאַן האַלב־הירש, האָט געטרייסלט מיין מלוכה. א בייז געוויטער האָט מיך אראָפּ־געשלייערט פון טורעם, און פון די צוויי זייגלינגען, וואָס האָבן זיך געזעצט אויף מיין טראָנשטול, האָט איינער דעם אַנדערן אריינגעוואָרפן אין אָפּגרונט. ווי גרויס איז די געפאַר?

די שטערנזעערין האָט זיך פאַרנויגט, און א שמייכל פון רו האָט געפלאַ־טערט אויף אירע דינע ליפּן. זי האָט ארומגעוויקלט אירע הענט ארום דעם אייגענעם נאַקן און געזאָגט:

— דו וועסט אויך די צווייטע מלחמה בייקומען, קעניג פון ישראל. דאָרט וואו דער קעמל באַגעגנט זיך מיט דער שיף; דאָרט וואו דער מדבר קומט זיך צונויף מיט דעם ים, וועלן געשלאָגן ווערן די קריגסלייט פון אַרם.

און זי האָט געגעבן א צייכן צו א קנעכט, וואָס האָט צוגעטראָגן א גרויסן קאָרב מיט א צודעק פון קופּער און א פּלייט פאַר א צולאָג. זי האָט אָפּגעדעקט דעם קאָרב, און ווי זי האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף דער פּלייט, האָט א שלאַנג ארויסגעהויבן דעם שפּיציקן קאָפּ און זי ארומגעקוקט מיט א פּאָר גרינע אויגן, וואָס האָבן געשפּיגן מיט פייער. אחאַב, א צערודערטער, האָט זיך פעסטער

אָנגעהאַלטן אין די אָרעמס פון זיין שטול, און פּקחיהו האָט פון פּחד געמאַכט א פּאָר שריט אויף צוריק. די שטערנזעערין האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאָלד־געשטיקטן מאַנטל, און אָפּדעקנדיק דעם אויבערשטן טייל קערפּער, האָט זי אָנגעהויבן טאַנצן ארום דער שלאַנג, ווייל זי האָט געוואָלט ארויסרופן די פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס קאָנען אנטפּלעקן אַלע סודות אונטער דער זון. איר פריערדיקע שרעק איז אוועק און געקומען איז דרייסטקייט. אין אירע אויגן האָט אַצינד געגליט א פלאַם־פייער. פּלוצים האָט זי צוגעדריקט צו זיך דעם קאָרב, אויסגעשפּרייט אירע פינגער ארום דעם האַלדז פון דער שלאַנג און צו־מאַכנדיק די אויגן, האָט זי געפליסטערט ווי פון שלאָף־ארויס:

— ווי איך הייס בלההּ, די טאָכטער פון חזון, אזוי הייסט מיין צונג „די בייטש פאַר מלכים״. מיין צונג איז ביטער, אָבער דאָס פייער אין די אויגן פון דער שלאַנג איז לויטער, אזוי ווי דאָס קאַלטע ליכט פון דער לבנה. דאָס געוויטער וואָס האָט דיך אַראָפּגעשליידערט פון טורעם, איז דער צאָרן פון דעם מאַן פון גלעד, וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן, אזוי ווי דער פלאַקער אונטערן מזבח. דער היישעריק — דאָס זענען דיינע ציינזהאָרן. זיי באַרויבן די פעל־דער און סעדער און נאָגן־אויס די זאַפטן פון דער ערד. די חיה — איז דיין בייזער הויפּטמאַן, וואָס דו האָסט פאַרטריבן. די זייגלינגען — זענען דיינע זין. איינער וועט האָבן א קורץ לעבן, אז דער צווייטער זאָל קאָנען ירשענען זיין קרוין. און דער גליקלעכער מאַן, וואָס זיין פעלד האָט דער היישעריק נישט אָנגערירט — אים זאָלסטו שוינען און א האָר פון זיין קאָפּ זאָל נישט פאַלן, ווייל ווי לאַנג ער וועט לעבן, וועט דיין קרוין זיין באַשירעמט.

קאַלטע אנגסטן האָבן ארויסגעשלאָגן אויף אַחאָב׳ס שטערן, און ער האָט זיך ארויסגעהויבן פון זיין טראָנשטול.

— ווער איז ער?

— ער איז פון די ווייניקע, וואָס האָבן זיך נישט געבוקט צו די זייל־שטיינער.

— וואו וואוינט ער?

— אין טאָל פון בלומען, אָבער ער שטייט הינטער דער טיר פון פּאַלאַץ.

— פאַרוואָס איז דער היישעריק נישט אָנגעפלויגן אויף זיין פעלד?

— ווייל ער איז דער רעכטפאַרטיקער צווישן די פאַרדאָרבענע. נישט דו, קעניג, און נישט דיינע ציינזהאָרן מעגן צונעמען זיינע לאַנדגיטער. אז דו וועסט אים אמאָל זען אין בלוט און פלייש אין דיין טויער — מויט אים נישט. א לעבעדיקן זאָלסטו אים האַלטן, ווי אן עדות פון ערלעכקייט אין דער שטאָט פון רויב.

אַחאָב איז שוין געווען אויף די פיס. אַלץ וואָס איז אין חלום געווען

פארהוילן, איז אצינד קלאָר. אָבער די צערודערטקייט האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטון. ווער איז זי, די שטערנזעערין, וואָס מיינט אז איר צונג איז א בייטש פאר מלכים? זי איז די דרייסטע צווישן די אונטערטעניקע. איר שטים איז ווייך, אָבער זי קאָן אָטווארפן א פּחד אויף א מלך; אירע הענט זענען איידל, אָבער מיט די פינגער קאָן זי דערשטיקן א שלאנג. אחאָב האָט אויפגעהויבן זיין האנט און פּקחיהו האָט געוואוסט, אז זיין קעניג איז מיד פון די, וואָס האָבן צוויבעררייד אויף די ליפּן. אויף זיין צייכן האָבן די קנעכט ארויסגע־פירט די פיר שטערנזעער.

ביי דער שוועל פון דער טראָנקאמער האָט אחאָב צוגערופן פּקחיהו'ן און זיך צעלאכט:

— וויפל שפּאָט און וויפל וואָר איז געווען אויף דער צונג פון דער וואָר־זאָגערין? האָסט געהערט אירע רייד? צוויי־און־דרייסיק מלכים האָב איך פארטריבן אין מלחמה און איין זייגלינג קאָן ירשענען מיין קרוין!

ז

ווען די טרעגער מיט די ערשטע פּרוכטן האָבן זיך דערנענטערט צום טויער פון די שופרות, איז אַחאָב געשטאַנען פאַר דער שוצוואַנט פון העכסטן טורעם און אַראָפּגעקוקט אויף זיין שטאָט, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין לויטערקייט, אַזוי ווי אַ כהן אין די הייליקע קליידער. זיין פּנים האָט געשטראַלט און די ברוינע קרייזלעך באָרד האָבן געציטערט פון פרייד, ווען ער האָט געזען אָנקומען דאָס פּאָלק פון אַלע וועגן מיט די פולע קאָרבן אויף די אַקסלען, אַזוי ווי די וואָס גייען־אַרויף קיין ירושלים און ברענגען אין גאָטס הויז די אָפּשיידונג פון די פריצייטיקע פרוכטן. די תבואה איז געווען אַראָפּגענומען פון די פעלדער, און די טעג פון ציילן די גאַרבן זענען אַריבער. פון די שטעט אין דער נידער ביים ים און פון די דערפער אויף די בערג זענען די מענער פון ישראל אַרויפגעקומען אין שומרון. די, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע געוואַנטן, ווי לוויים, האָבן געשפּילט אויף פליטן, און די וואָס האָבן געטראָגן שעפּסן און טויבן פאַר שולדאָפּפערס, האָבן געזונגען, און יענע וואָס האָבן געפירט די בעק און אָקסן פאַר בראַנדאָפּפערס, האָבן זייערע הערנער איבערגעצויגן מיט גאָלד און אויף זייערע העלדזער האָבן זיי אָנגעטאָן איילבירט־קראַנצן.

דאָס פריילעכע גערודער אין די טויערן האָט דערמאָנט דעם מלך, אַז יעדן פרימאָרגן דאַרף ער לויבן די שטאָט וואָס ליגט ביי זיין צופוסנס. אויב שוואַכקייט איז אַ בושה, איז גבורה אַ שטאָלץ. שומרון איז שטאַרק, אָבער דער קנעכט פון דער מלכה, אָסף בן עודד, וויל צעטרייסלען די זיילן. פון דעם הויכן געלענדער האָט אַחאָב אַראָפּגעקוקט אויפן דאַך פון זיין פּאַלאַץ. די קורפּאָלן, אויסגעהאַקטע פון עלפאַנטביין, האָבן זיך געבאָדן אין ליכט פון דער זון. די טורעמלעך איבער די געלענדערס, פון ווייסן מירמלשטיין, האָבן זיך אויפגעהויבן ווי באַרגשפּיצן, באַדעקטע מיט שניי פון דעם ווייטן חרמון. די זילבערנע טיר פון די הויף־ווענט און די פעסטונגען הינטער די פּאָדערשטע מויערן האָבן ווי אַ מעכטיקער פּאַנצער אַרומגערינגלט דעם ברייטן קיילעך, וואו עס

שטייט דאָס העכסטע הויז פון ישראל. דאָס געביי פון דער מלוכה האָט זיין פּאָטער אויפגעשטעלט מיט בוימייסטערס, קופּערשמידן און גאָלדמינצער פון פרעמדע לענדער, און חרוב מאַכן דאָס הויז וויל אַן אייגענער פיינט. איז ווייניק וואָס דער רויבפויגל אָסף האָט געהאַט זיין נעסט אין פּאַלאַץ, זיצט היינט די מלכה באַהאַלטן אין איר רו־קאַמער. און פּקחיהו איז געקומען אָנזאָגן, אַז נישט אַלע סופרים האָבן געהאָרכט דעם קעניגס באַפעל. און פאַרוּוּס פאַרן פּאָלק גייען היינט נאָר דער לערער פון די פּריצן, יצהר בן רעואל, און דער גרייז־גרויער אלישמע מיט זיינע תלמידים. פאַרוואָס ווידערשפּעניקן די, וואָס זענען ווינציקער אין יאָרן און יינגער אין לערנען פון דעם אַלטן געלאַסענעם חכם? צי האָט דען ער, אַחאָב, נישט געמאַכט דעם היינטיקן טאָג פאַר אַ הייליקונג און דאַנקזאָגונג צום האַר פון דער וועלט פאַר דער ברכה וואָס ער האָט געשיקט נאָך דעם הונגער און מגפות? אויב איינגעשפּאַרט האָבן זיך די ווידערשפּעניקע, אַז בלויז קיין ירושלים מעג דאָס פּאָלק ברענגען ביכורים מיט די זיבן מינים פּירות וואָס דאָס לאַנד איז געבענטשט מיט זיי — זאָלן זיי, די אומגעטרייע, אַנטלויפן אין מדבר אַריין, אַזוי ווי די אומגליקלעכע נזירים און נישט עסן דאָס פּעטס פון דער דאָזיקער ערד. און איזבל? פאַרוואָס ווערט זי היינט נישט געטראָגן פון די קנעכט אין דעם הייבשטול פאַרויס פאַר די פליי־טנשפּילער? אין טאָג פון פרייד זאָל די מלכה נישט בלייבן אין קאַמער. אין דעם אַפּריון, טעבן אים, וועט ער זי אַריינזעצן, ווי נאָר די ערשטע פּרוכטנטרעגער וועלן צוקומען צום טורעם, און ער וועט אַראָפּגיין צונעמען די געשאַנקען צו גאָט און צום קעניג.

געטרייסט פון דער זיכערקייט, אַז די קעניגין וועט זיך ווייזן מיט אים פאַרן פּאָלק, האָט זיך אַחאָב איינגעבויגן איבער דעם געלענדער און געזען ווי דער המון שטראָמט־אַרויס פון זיבן טויערן און לאָזט זיך דורך דעם וועג פון דער לבנה, וואָס איז איינגעטונקען אין ציפּרעסן־ביימער און וויטשטאָקן. אין דער אויבערשטער שטאָט, פאַר די רייכע הייזער פון מירמלשטיין, זענען נישט אַלע זיילשטיינער געווען אָפּגעריייניקט. ביי די אַריינגאַנגען פון די וואוינערטער פון די פירשטן, צווישן ברוינע זיילן, האָבן זיך אַרויסגעהויבן געצנביימער און נאַקעטע אָפּבילדער פון גראַניטשטיין, וואָס די אייפּערדיקע האָבן פאַרגעסן צו צעהאַקן. די טירן פון די טרינקהייזער זענען געווען פאַרמאַכט. אויף די לוסטשטיבער זענען געהאַנגען שלעסער. די הענדלער האָבן אַרויסגעפירט זייערע קעמלען פון די מערק און די וועכטער אויף די פערד האָבן זיך געררוימט אַ וועג צווישן די באַוואוינער, וואָס זענען אַרויסגעקומען אין זייערע אויסגעוואַשענע געוואַנטן און דעקטיכער, מיט פריילעכע געזאַנגען אויף זייערע ליפּן. אַזוי גאַסטפריינדלעך איז די שטאָט היינט, אַז יעדער מאַן פון שומרון קאָן זיך

שטעלן אין ערשטן טויער און רופן דעם דורכגייער: איך באשווער דיך, פרעמדער, קום וואוינען אונטער מיין דאך. מיין הויז איז דיין הויז, און איך און מיינע מענטשן וועלן זיין דיינע קנעכט! ווי וואויל איז דעם קעניג, וואס זיין שטאט איז אָפן ווי א גאסטהויז פאר מלכים! פון היינט־אָן וועט מען מער נישט זאָגן, אז אין ירושלים שטייען אַלע הייליקייטן פאר יהוה און שומרון איז פול מיט די גאָלדענע קעלבער פון בעל. שומרון איז שטארק, ווייל דער מלך איז נישט אָפּגעשיידט פון פאָלק ווי דער פאנצער פון דער שפּיז. אָן דעם אָנלען פון די געטרייע טרייסלט זיך דער טראָנשטול פון יעדער מלוכה.

נאָך אמאָל האָט דער מלך פון ישראל אָנגעשטעלט די אויגן צו די ערשטע רייען פון די פרוכטנטרעגער. פאָרויס האָבן לאנגזאם געשפּרייזט די כהנים, פירשטן און שאַצמייסטער, איינגעהילטע אין זייערע ליינענטיכער און קליידער פון בלויען וואָל, ציגנהאָר און ווערמילרויט. וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צום פאלאץ, אַלץ נידעריקער האָבן זייערע קני זיך געבויגן. פאר די טרעפּ פון ערשטן הויף־טויער זענען זיי געפאלן אויף די פּנימער און געקושט די ערד און די שטיינער, כדי וואָר צו מאכן די רייד פון דעם צווייטן מלך פון ירושלים: „דיינע קנעכט וועלן וואוילגעפעלן די שטיינער און דעם שטויב וועלן זיי ליטזעליקן”. ביי דעם קופּערנעם טויער זענען די וועכטער זיי אנטקעגנגעגאנגען מיט דער ברכה פון פרידן.

די טענער פון די פלייטן האָבן ווי מילדע ווינטן זיך געוויגט איבער דער שטאָט פון בלומען, אָבער די רו האָט אָנגעיאָגט אן אומרו אויף אחאָב'ן. זיין מוח איז געווען וואַך צו דער געפאָר וואָס אָסף מיט זיינע גערונגענע קריגסלייט האָבן געברענגט אין לאנד. ווי מדבר־רויבער באפאלן זיי די שוואַכע וואוינערטער אויף די וועגן. קעמלטרייבער און וואנדערנדיקע כהנים, וואָס זענען אָנגעקומען פון אנדערע שטעט, האָבן דערציילט, אז אָסף'ס רייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין איין פעסטונג און אין א צווייטער און אויסגעטיילט מתנות און גאָלדשטיקער צו די איבערגעשראָקענע וועכטער. אָסף בן עודד איז אליין נישטאָ צווישן די רייטער, אָבער אומעטום וואו ער האָט ביז היינט אראָפּגעשטעלט א פוס, האָט מען זיך פאר אים געבוקט, נישט אויס כבוד נאָר אויס פּחד. ער איז געשווינד און גרויזאם. ער האָט נישט קיין רחמנות אויף די מידע פערד, און די שוואַכע צווישן זיינע גערונגענע יונגען טוט ער טויטן. ער גזלט ציגן און דאָס רויב פארטיילט ער צווישן זיינע הויפּטלייט. די באוואוינער פון עלות און פון רמה האָבן געשיקט לויפערס ביז שומרון מיט א געבעט נאָך הילף. וואָרן ווען די פרעמדע רייטער קומען אריין אין די ווייננגערטנער, מאכן זיי זיך בעדער פון ווייַן, מיט די דינסטן האָבן זיי פארגעניגן און די טעכטער פארומרייניקן זיי. אין גליל האָבן זיי אונטערגעצונדן הייזער פון די אומ־

דערשראָקענע, און צו די שטעט פון די פּרעמדע באַוואוינער קומען זיי אָנזאָגן, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן פון ישראל׳ס יאָך. פון וואַנען שעפּט אַזויפיל כּוח א פּאַרטריבענער הויפּטמאַן? קאָן עס זיין, אַז צווישן אים און דעם מלך פון ישראל שטייט די שווייגנדיקע קעניגין און וואַרט אויף א שווערדן־געפּעכט אין פּאַלאַץ? איזבל, מלכּה מיינע, פּאַרוואָס בינדסטו נישט אין קייטן דעם נידער־טרעכטיקן אין טאָג פון ישראל׳ס פרייד?

לויט דעם געוויש, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן הינטער די מויערן, האָט אַחאָב דערקענט, אַז די ביכּורים־טרעגער דערנענטערן זיך צום פּאַלאַץ. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געזען, ווי פּאָרויס שטייט דער זקן אלישמע און שטרעקט־אויס זיינע הענט און בענטשט די וואַך־כּהנים, אַז זיי זאָלן אַרויפגיין בשלום אויף די טרעפּ און אַראָפּקומען בשלום. פאַרן קעניג איז געוועזן די צייט אַראָפּצונידערן פון טורעם, און ווי זיינע געטרייע באַגלייטער וואָלטן אין יענער רגע געוואוּסט פון זיינע מחשבות, האָבן זיך הינטער זיינע אַקסלען באַוויזן פּקחיהו און עובדיהו און זיי האָבן געראַמט א וועג פאָרויס, צום אַראָפּגאַנג.

אונטן, פאַרן פּאַלאַץ, האָבן די וואַך כּהנים געוואַרט צו געבן דעם צייכן, אַז די פּרוכטנטרעגער זאָלן אוועקשטעלן די קאָרבן ביי די טרעפּ, צופוסן דעם קעניג. צוערשט זענען אָנגעקומען די פירשטן פון הויף, וואָס האָבן באַגלייט די פּרינצן אחזיהו און יהורם. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען די הויפּטלייט און אָפּשטאַמיקע פון די מלכים פון אפרים, און א פּאָר שריט הינטער זיי, האָבן דער אַלטער אלישמע און יצהר בן רעואל אַרויסגעפירט די ערשטע עדה פּרוכטן־ברענגער. אַלע האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. אַן אויפזעער, איינגעהילט אין א דעקטוך פון פּורפּור מיט א טרומייט אין האַנט, דערזעענדיק דעם קעניג איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון געדרענג און אויסגערופן:

— גיט אָפּ כּבוד דעם מלך פון ישראל!

ער האָט צוגעלייגט דעם טרומייט צו די ליפּן, אַרויסגעלאָזט א בלאָז און ווידער אויסגערופן:

— גיט אָפּ כּבוד די פּרינצן פון ישראל!

דערנאָך איז אַרויסגעקומען א שורה מענער, אָנגעטאָן אַזוי ווי די לוויים, אין טיף בלויע זיידענע קליידער. הינטער זיי — א צווייטע שורה יונגע כּהנים אין ווייסע קליידער. פון זייער כּבוד וועגן האָט דער אויפזעער אויסגערופן:

— גיט אָפּ כּבוד דעם שטאַם פון די לוויים!

דאָס שאַרכעריי פון די קאָלירטע קליידער און געוואַנטן האָט זיך איינגע־שטילט, אָבער דער המון ביכּורים־טרעגער האָט ערשט געצויגן פון אַלע זייטן. אַחאָב איז געשטאַנען אויף דער אויבערשטער טרעפּ און זיינע אויגן האָבן גע־וואַנדערט איבער די קעפּ פון דעם דאָזיקן גרויסן המון. פאָרויס האָבן זיך

ארויסגערוקט די זינגער און עס זענען נאָכגעקומען די שפּילער מיט פּלייטן, גי־טאַרעס און דינע טרומייטן, און אויך יענע, וואָס האָבן געקאָנט ארויסברענגען די טענער פון אלע כלים פון נגינה. ווער האָט געהייסן אלעמען אראָפּגיין פון די דעכער און געלענדערס? — האָט דער קעניג א דערשראָקענער זיך געפרעגט. דאָס האָט פּקחיהו אזוי אויסגעליידיקט דעם הויף און עובדיהו האָט אים נאָכ־געטון, ווייל פאר דעם קעניגס אויגן האָבן אצינד זיך פארבייגעטראָגן די פריי־לעכע קטורת־צוגרייטער, די בעקנס פון די שיינע ברויטן און די קובערס פון די געשמאקע שפּייזן. עס האָבן נישט געפעלט די וועבערס פון די טייערע טעפּי־כער; עס האָט נישט פארשפעטיקט צו קומען דער גזבר און דער זאמלער פון די הויז־מגילות, און דער שר איבער די גאָלדמיטצערס. זיי האָבן אין א ראָד אריינגענומען די פירשטן און די כהנים. זייערע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין דעם געשאַל פון פרייד און ליב צום הערשער, וואָס האָט, נאָך די יאָרן פון פארוויסטונג, געברענגט בליאונג, און נאָך די פארשפּילטע מלחמות — נצחונות. פּלוצים האָט אחאָב דערזען, ווי אין דעם ראָד זענען אויסגעוואַקסן די רייכע הענדלער אהליאב און זכרי, און צווישן זיי האָט זיך אריינגעשטופּט מיט א גע־ליאַרעם דער קנעכט־הענדלער מלכיאל בן רם. דער קעניג האָט זיך געוואונ־דערט: וואָס טוען דאָ היינט יענע גלאָסענע הענדלער, וואָס האָבן מורא פאר א שטרייט, אבער זייערע בייטלען זענען שטענדיק אָפן פאר די מורדים? און ווי קומט אין זייער מיט דער היציקער מלכיאל בן רם? וואָס טוט דער, וואָס ווערט רייך פון שלאַכטן, נעבן די פרידלעכע, וואָס שרעקן זיך פאר בלוט? פּקחיהו, מיין געטרייער, — האָבן דעם מלכ׳ס ליפּן געמורמלט, — פארלאָז נישט מיין רעכטע האנט. באלד וועסטו מיר קאָנען זאָגן, אויף וועמען עס לויערן די דאָזיקע הינטערליסטיקע.

אחאָב האָט זיך אומגעקוקט. די רו איז צו אים צוריקגעקומען, ווען פּקחיהו׳ס אויגן האָבן זיך באגעגנט מיט זיינע. אבער באלד האָבן זיינע ברע־מען זיך אויפגעהויבן: וואו איז איתמר? פארוואָס פעלט דער, וואָס שיצט די קרוין מיט דער ערשטער שפּיז? דער מלך האָט געוואָלט פרעגן פּקחיהו׳ן, אבער אין יענער רגע איז דער זקן אלישמע לאנגזאם ארויפגעגאנגען די ערשטע דריי טרעפּ. יצהר, זיין אָנלען, איז געבליבן הינטער אים. די צען טרעפּ וואָס האָבן אָפּגעשיידט דעם קעניג פון דעם חכם, זענען געווען אויסגעשטעלט מיט וועכטער. ביים זקן האָבן די אויפגעהויבענע הענט געציטערט און די הויט אויף דעם אויסגעלאָשענעם פּנים האָט געפלאַטערט ווי א בלאַט אין ווינט, אבער זיין קול איז געווען שטארק און לויטער:

— מלך פון ישראל! זאָלן דיינע פיס אויף די שטיינער פון דיין הויז שטיין אזוי פעסט ווי די זיילן אין גאָטס היכל. נעם־צו די בענטשונג פון פאָלק

און די ביכורים פון זיינע פעלדער און סעדער, און בעט ביי יהוה, דעם האַר פון דער וועלט, אַז ער זאָל אָננעמען אונדזער תרומה מיט דער ליבשאַפט, ווי ער נעמט־אָן די געשאַנקען פון די וואָס גייען ארויף אין בית־המקדש אין ירושלים. און זאָל דער אַלמעכטיקער אונדז ווייטער אראָפּשיקן ברכה אויף דער ערד און פרידן אין אונדזערע וואוינערטער, אַז די לערער זאָלן קאָנען אריינברענגען די תורה אין איטלעכן הויז פון ישראל, ווי דער שניטער ברענגט־אריין זיין תבואה אין שייער.

און ווי אלישמע איז אראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, האָבן די וועכטער געלאָזט אָפן דעם וועג צום פּאַלאַץ. די פרוכטנטרעגער זענען אין גרויס געדרענג אָנגעקומען, אָבער נישט אַזוי ווי דער מנהג אין ירושלים, וואָרן די רייכע, וואָס האָבן געבראַכט די ביכורים אין גאָלדענע און זילבערנע קיישלעך, האָבן די וועכטער פריער דורכגעלאָזט, און די אָרעמע, וואָס האָבן געטראָגן זייערע פרוכטן אין קאָרבן, געפלאָכטענע פון צווייגן, האָט מען געלאָזט וואַרטן פון הינטן. ווען איינער נאָכן אנדערן האָבן אראָפּגענומען די קוישן פון זייערע אַקסלען, האָט א יונגער כהן דערויף ארויפגעלייגט זיין האַנט, און דער ביכורים־ברענגער האָט אנידערגעשטעלט דאָס געשאַנק אויף א פיר־עקיקן שטיין, צופוסנס דעם מלך, און איז אָפּגעגאַנגען. ווען דאָס איז אָפּגעטון געוואָרן, האָבן די כהנים אין ראַד גערעדט פאַר די שרים וועגן די דינים פון תרומה און מעשר, וואָס זענען גילטיק נישט בלויז פאַר די מיוחסים פון ירושלים, נאָר פאַר גאַנץ ישראל.

פון א געזעמל איז ארויסגעקומען מלכיאל בן רם און צוגעשפּרייזט מיט זאַכטע טריט צום מלך. ער האָט געטראָגן א מאַנטל פון קעמלהאָר מיט גאָלדענע פראַנזן, וואָס האָבן אראָפּגעהאַנגען פון זיין נאַקן. ער האָט, נישט ווי עס איז דער שטייגער פון די וואָס שטייען פאַר מלכים, פאַרגעסן זיך צו בוקן. מיט דעם שטאָלץ פון א רייכן הענדלער, וואָס פירט זיינע קאַראַוואַנען אין ווייטע לענדער, איז ער אויך היינט גרייט געווען צו ריידן מיט אחאַב'ן ווי א גלייכער צו א גלייכן. ער האָט מיט זיין ביינערדיקער האַנט געריבן די רעכטע באַק. ער האָט געדרעלט מיט די פינגער די דיקע פלעכטן־באָרד און געזאָגט:

— א מלחמה, אויב זי וועט אויסברעכן, וועט די ערשטע פייל פאַלן אויף דעם דאַזיקן המון.

אחאַב האָט אים שטרענג אָנגעקוקט.

— פאַרוואָס ברענגסטו רייד פון שרעק, איידער דאָס פריילעכע פאָלק גייט צוריק אין די הייזער? — האָט ער געזאָגט.

— די געפאַר איז אין טויער, מלך. מיינע שליחים קומען פון בן הדד'ס מחנה. זיין חייל איז אָנגעגורט.

— וויפל קייטן און שטריק האסטו אנגעגרייט פאר די געפאנגענע ארמים?

— עס וועלן שטענדיק זיין גענוג קייטנשמידער און שטריקפלעכטער. נאר די, וואס ברענגען נצחונות פון מלחמות, זענען ווינציק.

אחאב האט מיט פאראכטונג געקוקט אויף מלכיאל'ן. זיין מויל, מיט די שפיציקע בלענדנדיקע ציין, איז געווען אפן ווי ביי א רויבפויגל, אבער הינטער זיין טונקעלער הויט האבן ארויסגעקוקט טרוקענע ביינער, און הינטער דעם שייטל האר איז געלעגן א נאקעטער שארבן. און עס איז דעם מלך איינגעפאלן, אז אלע אומפארשעמטע זענען נישט מער ווי בינטלעך ביינער, איבערגעצויגן מיט הויט. זיי האבן כוח דעמאלט ווען א שטארקער הערשער באשיצט זיי.

— ווער גלויבט דען נישט, —האט ער געפרעגט,— אז אויך דאס מאל וועל איך בן הדד'ן דערשלאגן?

— איך בין א הענדלער פון שקלאפן, קעניג. און מיינע אויערן זענען אזוי וואך ווי מיינע אויגן זענען אפן. דאס געהער האט מיך קיינמאל פריער נישט גענארט.

— וואס האסטו געהערט?

מלכיאל בן רם האט זיך איינגעבויגן. זיינע רייד זענען געווען שטילער, ווי ער וואלט זיך געגרייט צו פארטרויען א סוד.

— דיין ערשטער הויפטמאן, איתמר, פארוואס פעלט ער היינט ביי די טרעפ פון פאלאץ?

זיין פראגע איז געווען ווי א שארפע פייל. אבער ווער איז דער הענדלער פון קנעכט, אז דער מלך זאל זיך פאר אים פארענטפערן וועגן זיינע הויפט־לייט? ער האט אומרואיק א קוק געטון הינטער זיך און פאר זיך, און געזאגט:

— איתמר יאגט זיך נאך די פיינט פון דער מלוכה. ער איז פלינק ווי א הירש. ער רוט נישט ווען די פיילנשיסער זאמלען זיך הינטער מיינע טורעמס.

מלכיאל האט זיך טיפער פארנייגט און א קילער שמייכל האט געפלאטערט אויף זיינע ליפן.

— דער, וואס איז פלינק ווי א הירש, —האט ער געזאגט,— רוט היינט אין דער שוים פון א פרוי.

אחאב איז אריין אין גרימצארן.

— האסטו נישט קיין בושה צו ריידן בייז אויף דעם, וואס האלט דעם פאנצער איבער דער קרוין, און ער באשיצט אויך דיין לעבן?

אצינד איז פון מלכיאל'ס שמייכל געווארן א פארשטיקטער שפאט; דער שפאט פון א שוואכן, וואס איז נאר־וואס בייגעקומען א שטארקן. ער האט געשוויגן אזוי לאנג, ביז דער כעס אויף אחאב'ס פנים האט זיך אנגעהויבן קילן. ער האט געזאגט:

— איך האב געלערנט ביי די קריגספירער פון פרעמדע לענדער, אז א שלאכטמאן, איידער ער גייט ארויס אין מלחמה, זאל מען אים האלטן ווי א הונגעריקע חיה אין א שטייג; זיין בויך זאל זיין ליידיק און זיינע הענט זאלן נישט אנרירן דאס לייב פון א פרוי, און דער צארן און די שנאה זאלן ארויס־שרייען פון זיין בלוט. טעג פון אפשיידונג זאל דאס פאר אים זיין. אבער דיין שלאכטמאן האט זיך אפגעזונדערט מיט תורתונא'ן א נאכט איידער ער גייט ארויספירן זיין חייל.

— האלט דיין צונג!

— אלע פירשטן ווייסן דאס, קעניג; און ווער בין איך, אכטונג צו געבן אויף בלוטפליסונג און ריינקייט צווישן זכר און נקבה? זאלן די כהנים היטן די אפשיידונג. איך איל זיך. מיינע קייטן ווארטן. נאר ביי א הונגעריקן און צארנדיקן קריגסמאן קאן זיין גרויס די מחנה פון די געפאנגענע אין מלחמה.

אחאב איז שוין געווען אויף דער אונטערשטער טרעפ און מלכיאל איז אצינד געשטאנען פאר אים אן אונטערטעניקער. נאך דעם ווי ער האט אפגע־זאגט די הארבע רייד, איז זיין פנים געווען נאריש ווי ביי א שעפס, אבער זיין ווילן איז געבליבן הארט ווי א פעלז. די, וואס ברענגען אריין געלט אין דער מלוכה, רעדן אנדערש ווי די, וואס קומען בעטן גנאד.

פלוצים האט זיך געעפנט א פאלד פון זיין מאנטל און ארויסגעצויגן א קורצע שווערד מיט א גאלדענעם שטול. די זילבערנע שייד איז געווען באצירט מיט אניקשטיינער. ער האט אוועקגעלייגט דאס טייערע וואפן פאר די פיס פון מלך און געזאגט:

— א קליינע מתנה פון דעם נידעריקן מלכיאל צום הערשער פון ישראל. אמאל האט דער נציב פון חמת אויסגעלייזט מיט דעם וואפן זיין ערשטע קעפס־ווייב פון צידון. און מעג איך בעטן, אז די דאזיקע שווערד זאל קיינמאל נישט אויפגעהויבן ווערן אויף די וואס מאכן רייך דעם קעניגס שאצקאמער?

דאס געשאל פון די שופרות האט אומגעריכט צונויפגעטריבן די יונגע וועכטער, וואס האבן מיט זילבערנע שטעקעלעך אין די הענט אפגערוימט דעם פרייען פלאץ צווישן דעם המון און די שרים ארום דעם קעניג. מלכיאל בן רם האט זיך דערווייטערט. אחאב האט געוואלט רעדן צו די אנדערע צוויי הענד־לער, אהליאב און זכרי, וואס איתמר איז ביי זיי טייער ווי א ברודער, אבער דער וועג איז געווען פארשפארט. פקחיהו און עובדיהו זענען ווי לייבוועכטער ווידער געווען הינטער אים, און דאס געדרענג פון די פרובטנטרעגער, וואס זע־נען געקומען און געגאנגען, איז געווארן געדיכטער. דער בארג מיט די פולע קארבן איז געווען אזוי הויך ווי א טורעם, און אחאב האט געטראכט: עס איז די צייט אריינצוזעצן זיך אין אפריון מיט דער מלכה און דורכפארן די שטאט.

אז דאָס פאָלק זאָל זען ביידע הערשער צוזאמען איידער די זון גייט־אונטער. ער האָט צוערשט געוואָלט רופן צו זיך זיינע זין, אָבער אנטקעגן אים זענען אויסגעוואַקסן די רייכע הענדלער, וואָס ער האָט פריער געזוכט. אהליאָב און זכרי, אין קאָלירטע מאנטלען, האָבן גערעדט מונטערע רייד צו פקחיהו'ן און עובדיהו'ן. דעם מלכ'ס אויערן זענען אצינד געווען אזוי וואך ווי ביי יעדן מאן, וואָס איז נייגעריק צו הערן רייד פון רעכטפאַרטיקייט און פאַלשקייט.

— וואו איז איתמר? ! — האָט זכרי אויסגערופן, און אָנגעוויזן מיט זיין האנט אויפן המון.— דער ערשטער אין שלאכט איז דער לעצטער ביים קעניגס טויער. און פארוואָס פעלט דאָ תורתונא?

די רייד האָט דער גאָלדמינצער געפרעגט זיין פריינט אהליאָב, אָבער גע־הערט האָט דאָס אויך פקחיהו, און ער האָט גיך געענטפערט:

— זי מאכט לוסטיק דעם שלאכטמאן, און די לוסט קאָן ווערן דעם קעניגס טרויער.

— איתמר האָט נישט קיין לוסטפרויען — האָט אהליאָב געזאָגט.

— תורתונא איז געוואָרן זיין ערשטע.

— ער איז אלע טעג געווען אָפּגעשיידט פון שפילווייבער.

— ביז צום טאָג, ווען דער קעניג האָט אים אויפגעהויבן אין דער שפיץ פונעם חייל.

זכרי האָט מיט באדויערונג געפרעגט:

— פארוואָס פארשעמסטו, פקחיהו, די וואָס איז טייער פאר דעם פאַלאַץ?

— זי איז דער פינפטער ראָד פון טראָן!

און פקחיהו'ס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט שפּאָט. ער האָט אָפּגע־זיפצט און ווידער געזאָגט:

— און הלוואי וואָלט איך געקאָנט זאָגן, אז זי איז ווי א פערל איינגע־וויקלט אין א טייער געוואנט, וואָס די האנט פון א מאן האָט נאָך נישט אָנגערירט.

און ער האָט זיך הילכיק צעלאכט און גרייט געווען אויסצוציילן, וויפל מאָל תורתונא איז געקומען זיך אָפּזונדערן מיט די שרים פון הויף. אָבער אין יענער רגע האָט זיך עובדיהו דערנענטערט צו אים. זיין פּנים איז געווען באַ־גאָסן מיט טרויער. אין זיין שטילן זיפץ איז געווען א גוואַלדגעשריי.

— אויך אים האָט זי געפאנגען, —האָט ער געזאָגט מיט באדויערונג.— תורתונא קאָן היינט אָנטראָגן מער פייער אין הויז, ווי אין יענע טעג ווען זי האָט אומגעברענגט צוליב דער מלכה די שטארקסטע הויפטלייט. די מוטיקע ווערן שוואַך און די שרעקעוודיקע הייבן־אָן ציטערן ווען זי שטעלט זיך פאר זיי.

— צי ווייס דאָס דער מלך? — האָט זכרי געפרעגט.

— קיין זאַך איז היינט נישט פאַרהוילן פאַר אים, —האָט פּקחיהו ווידער געלאַכט.— מלכיאל בן רם, דער, וואָס קאָן נישט האַלטן די סודות אין זיין בייטל, האָט אָקאָרשט זיך באַקלאָגט פאַר דעם הערשער פון ישראל.

אהליאָב האָט געקוקט אויף דעם קעניגס ערשטן באַגלייטער און געוואוסט, אַז נאָר אַ האָרן מיט וויין קאָן אַזוי לויז מאַכן די צונג פון אַ געטרייען. ווי גוט איז, וואָס ער רעדט אַרויס דאָס וואָס עס דאַרף זיין פאַרבאָרגן פאַר יענע צופרידענע אין שומרון, וואָס שרעקן זיך נישט פאַר שטראָף און וואַרטן נישט אויף באַלוינונג. אהליאָב'ס ליפּן זענען געווען אַזוי פריי ווי זיין האַרץ.

— איתמר איז אַ זכר, און ער האָט אַזוינע באַגערן ווי יעדער איינער פון אונדז, —האָט ער געזאָגט.— ער זוכט נישט דאָס גליק, וואָס איז אויסער די שטעט פון דער מלוכה. אויב תּורתּונא איז זיין פרייד, ווער זענען מיר, די דאָזיקע פרייד פון אים אַוועקצונעמען? מיר זענען פריי. מיר אַלע פאַרלאַנגען גאָרנישט אַזוינס וואָס די פייגל פאַרלאַנגען נישט, און מיר ווילן אַלץ וואָס זיי באַגערן. נאָר ווילדע און באַטרוגטע שטרעבן צו אַ גליק, וואָס זייער אָרעם קאָן עס נישט דערגרייכן. דעריבער איז מיר היינט פרעמד דער געליאַרעם און די שאַלונג אין שטאָט. צוליב וואָס האָט מען גערופן דעם המון מיט די קאָרבן פּרוכטן אויף די גאַסן? ווער וויל אַריינברענגען נייע מנהגים?

ער האָט געקוקט אויף עובדיהו'ן, אָבער דער שרה האָט געשוויגן און אהליאָב האָט ווידער געפרעגט:

— צוליב וואָס נאָכטון היינט דאָס, וואָס איז נעכטן געטון געוואָרן אין ירושלים? שומרון האָט אירע אייגענע צירונגען. נאָר אַ שוואַכע פראַש בלאָזט זיך אָן כדי זיך צו קאָנען אויסגלייכן מיט דעם שטאַרקן אָקס. די באַוואוינער אין שומרון זענען אָדלערס איבער בערג, נישט קיין קריכנדיקע פראָשן אין זומפּ. אָבער ווידער וויל איך פרעגן וועגן דעם הויפּטמאַן איתמר. איז די לוסטפּרוי אַזוי מוראדיק, אַז זי וועט דעם שלאַכטמאַן אומברענגען?

און איידער פּקחיהו האָט אָנגעקליבן ווערטער אויף די ליפּן, האָט זכרי פאַר אים געענטפערט:

— תּורתּונא איז געוואָרן אַנדערש ווי נאָר זי האָט באַגעגנט דעם קריגסמאַן, און פאַרלוירן די לייטזעליקייט ביי דער מלכה. איך האָב זיי ביידן געזען אונטער מיין דאַך. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך זיין ליבשאַפט אַזוי ווי די פלאַנץ זאַפּט־איין דאָס ליכט פון דער זון. זי האָט געקאָנט איתמר'ן פאַרטיליקן, אָבער זי האָט פאַר אים אויפגעדעקט די הינטערליסטיקייט פון זיין גרעסטן פיינט.

— ווען האָט די פרוי פון לוסט געמאַכט לויטער איר האַרץ? —האָט עובדיהו אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

די קעניגין איזבל

— נאָך דעם ווי די קעניגין האָט זי געשמיסן.

דער איבעררייד צווישן די מענער ביי די טרעפּ פון פּאַלאַץ איז נאָך גישט געווען פאַרענדיקט, ווי א גערודער איז געקומען פון דעם אָרט, וואָס איז געווען ארומגערינגלט פון די שרים און כהנים. אן אפּריון, געטראָגן פון פיר קנעכט האָט זיך גערוימט א וועג צו די טרעפּ. דער קעניג, אויפגערעגט פון די רייד הינטער זיינע אַקסלען, האָט א צייכן געגעבן פקחיהו׳ן, ער זאָל בלייבן מיט די כהנים און הויפּטלייט, און אליין איז ער ארויפגעגאנגען אויף דעם לייטער פון טראָגשטול, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט א חופּה פון בלוי־גאָלדענע פאָרהאנגען. ווען ער איז שוין געווען אינעווייניק, האָבן די קנעכט אונטער־געהויבן דעם אפּריון און זיך געטראָגן צום אָפּענעם וועג. וועכטער אויף פערד זענען געריטן פאָרויס, אָפּצורייניקן די גאסן פון דעם המון.

אחאָב איז געווען אויפן וועג צו דער מלכה. צווישן דעם פאָלק וואָס האָט געשאָלט פון זיין כבוד וועגן איז ער געטראָגן געוואָרן. פון דער ווייטנס האָט ער געזען ווי פלינקע רייטוועגענער מיט פליענדיקע פערד שניידן זיך אריין דורך די קופּערנע טויערן. מחנות פייגל האָבן זיך געטראָגן אונטערן טיפן בלויען הימל און פארשפּרייט א געזאנג איבער די קעפּ פון א לוסטיק פאָלק, און ביז צו די ווייטע געמארקן פון לאנד האָט זיך געהויבן דאָס גערויש פון זיין שטאָט עס איז געווען די לויטערע שעה אין מיטן טאָג. אָבער פאַר אַחאָב׳ן איז געווען ווייניק דאָס גערויש און די פרייד; נישט דאָס איז אצינד געווען זיין באגער. ער האָט געוואָלט אז איזבל זאָל זיצן אין אפּריון נעבן אים, און זען זאָל די וועלט, אז זיין הארץ איז נישט ליידיק און זיין לעבן איז נישט ווי אַש, זינט דעם טאָג ווען ער האָט געשלאָסן א בונד מיט דעם מאן פון גלעד.

ח

איזבל האָט נישט געוואַרט ביז דער קעניג וועט זיך שטעלן הינטער איר קאמער, זי איז אים אנטקעגנגעגאנגען. ווי נאָר די דינסטן האָבן זי אויסגע־באָדן און אָנגעטון אויף איר די קעניגלעכע קליידער, האָט זי זיך געשטעלט צווישן די זיילן פון פּאָרפיר. זי האָט געוואוסט, אז נאָך דעם ווי די קנעכט וועלן מיט דעם קעניגס אפריון דורכפאָרן די שטאָט, וועלן זיי זיך אומקערן צום פּאלאץ, און דער דערשראָקענער אַחאָב וועט זי פּארבעטן אין זיין הייב־שטול. היינט וועט זי צו אים זיין געהאָרכזאם. פון פרימאָרגן־אָן איז זי גע־ווען וואך צו די דופטן פון די בלומען און צו דעם ליכט פון דער זון, ווייל עס איז נישט געווען דער באגער פון א שטאָלצער מלכה צו דרימלען אין טאָג ווען דער קעניג האָט שיין־געמאכט זיין שטאָט שומרון. וואָלט זי פריער נישט גע־פאָלגט די עצות פון דעם היציקן הויפטמאן אָסף בן עודד, וואָלט זי נישט פאר־לוירן די געהאָרכזאמקייט פון צוויי מענער — דעם קעניג און דעם שלאכטמאן איתמר בן צוער. דער ערשטער איז געוואָרן אונטערטעניק צו זיינע חלומות, און דער צווייטער איז א געפאנגענער ביי איר דינסט תורתונא.

די מלכה האָט געשמייכלט. היינט אויפן געלעגער האָט זי געהערט די שטים פון איר הארץ, אז גרימצאָרן קאָן זיין דאָס וואָפן פון די שוואכע, און צופיל פרייד איז א בייטש פאר די אומזיכערע. פארוואָס איז אזוי פיל רו גע־געבן געוואָרן אין אַחאָב׳ס הארץ? די קרוין איז אין סכנה, און ער האָט איינ־געזאמלט דאָס פאָלק אויף די מערק אויסצוקויפן זיך מיט מתנות ביי דעם גאָט, וואָס האָט אים נאָך נישט געברענגט נצחון און נישט אויפגעהויבן אים איבער די פעלקער. אַחאָב האָט פארטריבן אָסף׳ן, אָבער דער צווייטער שלאכטמאן האָט נאָך קיין מלחמה נישט געוואונען. ער איז א גיטער שווערדנטרעגער, אָבער בארעמהארציק צו זיינע קריגער; ער איז שטארק ווי א בופלאָקס, אָבער אונטער תורתונא׳ס פייער וועט ער צעשמאָלצן ווערן ווי וואקס. אָסף איז

הארט ווי א פעלז, אָבער עס פעלט אים די ווייכע צונג, וואָס מאכט זיינע ווער־טער אָנגענעם אין די אויערן פון א הערשער. צוליב זיין הארטנעקיקייט האָט ער אויפגעוועקט דעם צאָרן פון דעם גאנצן חייל. און פארוואָס באפאלן זיינע געדונגענע יונגען שטעט און דערפער אין צפון און דערציילן די באוואוינער, אז די קעניגין שטייט הינטער זיי? האָט זי דען אָפּגעזאָגט אזוי באשוואוירן? ער וויל טון זאכן אָן איר ווילן און פירן שלאכטן אָן אירע באפעלן. אויך די פאר־טריבענע תורתונא וויל ער צוריקברענגען אין אירע קאמערן, אז זי זאָל ווערן זיין שפילווייב. איזבל האָט מיט פרייד זיך צוגעקוקט צו דעם געפעכט פון צוויי שלאכטמענער פאר א פרוי, וואָס זי האָט פון מיסט אויפגעהויבן און ארויפגעשטעלט אויף די טרעפּ פון פאלאץ. ס'איז צייט אָפּצושטעלן דעם, וואָס רימט זיך, איידער ער וועט איבערקויפן אלע אירע קנעכט. נאָך מאָרגן וועט זי פונאנדערטרייבן זיינע קריגסלייט און אים הייסן אנטלויפן אין א פרעמד לאנד.

געוואָלט האָט איזבל, אז אסף זאָל איינעמען די ערשטע שטעט פון יהודה און אפריימן שטיקער פון מואב און פלשת, און דערהויבן איר נאָמען ביים פאָלק נאָך דער שחיטה פון אירע כהנים ביי קישון. אָבער דער בייזער הויפּטמאַן וויל א מלחמה אין פאלאץ. האָט זי דען געעפנט איר שאצקאמער, אז ער זאָל מיט איר גאָלד הרגענען די קריגער פון קעניג? איזבל! איזבל! פון ווען־אָן וואָרעמסטו אין דיין בוזים א ווידערשפעניקן? ער מעג זיין א קנעכט ביי מיי־נע פיס, אָבער נישט קיין הערשער איבער מיין קאָפּ.

זי איז פארבייגעגאנגען א באנק פון מירמלשטיין הינטער א הויכן זונזייל. זי האָט אָנגערירט מיט די פינגער דאָס רויטע, ווייכע געוואנט, וואָס האָט צו־געדעקט די אָקסלען פון א קופערנעם אָפּבילד, און זיך אליין געגעבן א צוזאָג, אז אין אירע טעג וועט די מלכה מוזן בלייבן אזוי שטארק ווי די דאָזיקע זיילן. און ווי לאנג זי וויל האָבן מאכט, מוז אחאב טראָגן די קרוין. אירע אויגן האָט זי אָנגעשטעלט אנטקעגן, אויף די טרעפּ מיט די וואָלענע טעפּיכער, וואָס האָבן געפירט ארויף, צו איר רוקאמער. הינטער יענער וואנט האָט אצינד געוואַרט א שליח פון דעם ווידערשפעניקן שלאכטמאן, אָבער זי וועט מיט אים נישט רעדן. אין דער רגע ווי אחאב וועט אריינקומען, וועט זי אים וואָרענען, אז אויך היינט, אין טאָג פון פרייד, טאָר ער נישט פארגעסן די סכנה. שומרון האָט מען נישט פיינט, ווייל די מלכה האָט געבראכט אהער די הייליקייטן פון איר פאָטערס הויז אין צידון. די צייט־געשעענישן פון די אָבות: ירבעמ'ס טויט, בעשא'ס פארלענדונג, די שלאכטן מיט זמרי, און עמרי'ס געפעכט מיט תבני בן גינת — צי דערציילט דאָס אלץ נישט, אז אויף דער מלוכה פון ישראל לויערן פיינט אינעווייניק, אין פאלאץ?

פון דרויסן, הינטער די דיקע ווענט, האָט זיך געטראָגן דאָס גערויש פון

פֿאָלק. די ליבשאַפֿט צום קעניג האָט ארויסגעזונגען פֿון די טרומייטן, פּויקן און פֿון די שאַלרופֿן. איזבל'ס הארץ האָט זיך געהויבן ווי א שטורעמווינט. גיי נישט ארויס פֿון דיין מאַנס הויז! — האָט א שטים איר באַפֿוילן. און זי האָט זיך דערמאָנט וואָס איר קנעכט חטיפֿא האָט איר געזאָגט, איידער זי האָט אים געשיקט צו דער שטיינערוואַנט: „דריי מאָל מעג א פֿרוי ארויסגיין: ווען זי קומט ארויס פֿון מוטערס טראַכט, ווען זי גייט ארויס פֿון פֿאָטערס הויז צו נעמען א מאַן, און ווען זי פֿאַרלאָזט די וועלט". עס איז היינט נישט געווען דער ווילן פֿון איזבל'ן ארויסצוגיין פֿון דעם הויז און לאָזן אחאָב'ן אליין אין דער שעה פֿון זיין שטאַרקייט.

דאָס גערויש איז געוואָרן העכער. דער פּאַלאַץ און דער גאָרטן אין דרויסן זענען געווען ארומגערינגלט מיט א שוץ־מויער, אָבער די שאַלרופֿן האָבן דורכ־געבראָכן אלע ווענט. יעדן פֿרימאָרגן האָט איזבל געקוקט צו מערב, וואו עס הייבט זיך אויף די אויבערשטע שטאָט, און צו מזרח, וואו עס רוט דער טעמפּל פֿון אירע געטער, און צווישן זיי שטייט אצינד דאָס שאַלנדיקע פֿאָלק און בוקט זיך פֿאַר דעם קעניג. זי האָט אריבערגעטראָגן די אויגן צו די זיילן־גאַלעריע פֿאַר דער טראָנקאַמער, און געזען ווי ביי דער טיר פֿעלן די וועכטער. די טיר צום טראָן איז אָפֿן, און זי וועט היינט ווידער זיין די פֿרוי וואָס איז אין גאַנצן איבערגעגעבן צו אחאָב'ן, און זי וועט אים זאָגן: אין טאָג ווען דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעזאַמלט די ערשטע פֿרוכטן, איז איר לייב פֿול מיט אים ווי די פֿעטע ערד מיט זאָמען. אין אָוונט וועט זי זיך שמעלן פֿאַר אים ווי א ריפֿער בוים, אָנגעלאָדן מיט זאַפֿטן. ביים בעט וועט זיין געגרייט אַ קרוג וויין, א טעלער פֿלייש און פֿרוכטן, און דער גערוך פֿון די בעסטע געווירצן אין שומרון וועט פֿאַרשיכורן דעם מידן קעניג.

און ווי די שווערע טירן האָבן זיך מיט אמאָל געעפֿנט, איז אחאָב דאָרט שוין געשטאַנען אויף דער שוועל. ער האָט געלאָזט הינטער זיך די קנעכט און מיט גיכע שפּרייזן געגאַנגען אנטקעגן איזבל'ן. ער האָט דערזען אירע לאַכנ־דיקע אויגן און געבליבן שטיין א פֿאַרוואונדערטער. געקומען אהער איז ער איבערבעטן א דערצאָרנטע מלכה, אָבער געטראָפֿן האָט ער א ליבלעכע פֿרוי, גרייט צו שטיין אויף די קני פֿאַר איר מאַן. אין גרויס געאייל האָט אחאָב אויסגעשטרעקט א האַנט.

— דער אפּריון וואַרט ביי דער טיר, — האָט ער געזאָגט, — און דאָס פֿאָלק וויל זען די מלכה ביים קעניגס זייט.

— ווי גוט עס איז אָנצוקוקן דעם קעניג פֿון ישראל אין זיין שטאָלץ! — האָט זי געלאַכט און געשטעלט איין שריט פֿאָרויס.

— מיין שטאָלץ איז דיין שטאָלץ, מלכה!

איזבל האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פֿון זיין שטראַלנדיקן פּנים. ווי געזונט ער זעט אויס, —האָט זי געפּליסטערט,— ווי א רייפער ווײַנשטאָק! די באָרד איז ווי א צווייגן־געפלעכט; זיינע ליפּן זענען זאַט און זיינע קינבאַקן ציטערן נישט. די רו אין לאַנד און די מנוחה אין הארץ האָבן אחאב׳ן געגעבן כוחות. פון דעסטוועגן האָבן זיך לייכטע פייערלעך אַנגעצונדן אין אירע אויגן, איזבל׳ס פייערלעך פון אומצוטרוי. זי האָט געפרעגט:

— פון וואַנען קומט דיין גליק, אחאב? פון שטאַרקייט, צי פון אונטער־טעניקייט צו די, וואָס האָבן דיך באַצוואונגען?

— נאָר דער האַר פון דער וועלט האָט מיך באַצוואונגען, איזבל, און פון אונטערטעניקייט צו אים שעפּ איך מיין קראַפט.

זי האָט נישט געענטפערט. דער שטאָלץ פון א קעניגין איז אצינד געווען העכער פון רייד וועגן מאַכט. זי האָט געזען ווי אין אריינגאַנג וואַרטן די קנעכט, זי אריינצופירן אין הייבשטול. זאָלן וואַרטן די, וואָס זענען געבוירן אויף צו פאָלגן באַפעלן! די מלכה האָט געהאַט נאָך איין פראַגע פאַר איר קעניג, איידער זי וועט זיך זעצן אויף זיינע קישנס.

— ווי ווייט זענען אחזיהו און יהורם הינטער דעם הייבשטול?

— זיי גייען אין דער ריי נאָך די פירשטן!

— זין פון מלכים גייען פאָרויס, פאַר די פירשטן!

איר לייכטער אויסגעשריי האָט אחאב׳ן צעטומלט. ווען נישט זיין פרייד וואָלט ער איר געזאָגט דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן: זיי נישט האָפ־טיק מיט דיין מויל און דיין האַרץ זאָל זיך נישט איילן אַרויסצולאָזן א וואָרט פאַר גאָט, וואָרן גאָט איז אין הימל און דו ביזט אויף דער ערד. אָבער די מלכה איז אצינד נישט געווען אין גרימצאָרן; אירע ליפּן זענען געווען שאַרף, אָבער איר פּנים האָט געבלענדט פון פרישקייט. ער האָט געשוויגן, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי א מאַן וואָס וואַרט אויף די צערטלעכע רייד פון א פרוי, און זי האָט גערעדט:

— דו זעסט אזוי ווינציק דיינע זין, אז דו געדענקסט מער נישט, אז דער שוואַכער אחזיהו מוז זיין נאָענט ביי זיין פאָטערס שטול.

— איז דען נישט דער ליבסטער ביי דיר יהורם?

— יהורם איז געבוירן געוואָרן אונטערן ליכט פון דער לבנה, און אחזיהו איז געקומען אויף דער וועלט אין א שוואַרצער נאַכט. דער שטערנזעער, וואָס האָט דערבליקט דעם צייכן אין הימל, אז אחאב׳ס ערשטער יורש וועט האָבן ווייניק טעג אויף דער ערד, האָט גערעדט איפּערדיקע רייד. דעריבער וויל איך אז אחזיהו זאָל מיטגיין מיט די קריגסלייט, וואָס באַווייזן גבורות; ער זאָל זען מלחמות און רייטן פאָרויס פאַר זיינע קריגער. אָבער דיין סופר לערנט מיט

דיינע זין שטרענגע געזעצן און דעם טרויער פון לעבן. ווייסטו פאַרוואָס יהירם איז דער ליבסטער ביי מיר? ווייל אין זיין האַרץ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פחד און ער איז ווידערשפּעניק צו זיין פרומען לערער. ווי אומגערעכט דער גאָט פון ישראל האָט פאַרטיילט די כוחות אין אונדזער הויז. דריי קינדער האָב איך דיר געבוירן, אָבער שטאַרקער פון די צוויי זין איז מיין טאָכטער עתליה.

— עתליה טראָגט נאָך נישט די קרוין פון יהודה.

— זי וועט טראָגן די קרוין און זי וועט זיצן אויפן העכסטן שטול אין יע־נעם טאָג, ווען דער צאָרנדיקער גאָט וועט אָפּטון די שיינקייט פון אַלע טעמפּלען אין ירושלים, וועט איר קאָפּ בלייבן שטאָלץ און אירע פּוסרינגען וועלן קלינגען העכער פון די טרומייטן ביי די לווים. צי ווייס דען נישט דער קעניג יהושפט, איידער ער וועט פאַרלאָזן די ערד, אַז אין די טעג נאָך אים וועט די מלכה פון זיין זון פירן זיין מלוכה מיט א שטאַרקער האַנט?

אַחאָב איז נישט צוריקגעטראָטן פאַר איזבל'ן. אירע רייד האָבן גע־פלאַמט, אָבער אָן דעם פייער וואָס קאָן פאַרברענען זיין ווידערשטאַנד. ער האָט געזאָגט:

— עס איז נישט היינט דער טאָג פון רימען זיך, איזבל. קום אריין אין אַפּריון און זאָלן די קנעכט דיך טראָגן צווישן פאָלק.

— פאַרוואָס האָסטו מורא צו הערן פון די געבוירנטעג פון דיינע קינדער? צי האָב איך דען נישט געוואָלט אויפברענגען מיינע זין אָן פחד פאַר אַלע, וואָס זענען באַשאַפן פון בלוט און פלייש? ווי אַזוי וועלן זיי אויפהיטן דאָס קעניג־רייך נאָך דיר, אויב זיי וועלן נישט פאַרלענדן די פיינט פון זייער פאָטערס הויז? די נזירים האָבן מיך געוואָרנט און די פאַרכטיקע האָבן מיך געפלוכט. אָבער איבער די קעפּ פון די שרעקעוודיקע האָב איך מיינע זין שטאַרק געמאַכט.

— דו האָסט אויך שטאַרק געמאַכט דעם פיינט פון פּאַלאַץ.

— אָסף בן עודד! נאָך מאָרגן וועט ער צעמאָלן ווערן אַזוי ווי א שטויב־וואָרעם אונטער די רעדער פון רייטוואָגן. ערשט פריער האָב איך צו זיך גע־זאָגט: איך האָב אים געוואָלט בלויז ווי א קנעכט ביי מיינע פּיס.

— פאַר א קנעכט דעם, וואָס דער קעניג האָט פאַרטריבן פון העכסטן הויז?

— דו האָסט פאַרטריבן א טיגער, וואָס האָט געהאַט אויף זיינע ציין די זיילן פון דעם דאָזיקן הויז. מיט זיינע בליקן האָט ער געבריט די פּיס פון דיינע קריגסלייט, זיי זאָלן לויפן אין שלאַכט און דעריאָגן דעם פיינט. ער איז אָפּגעשיידט פון פרויען און זיין גומען איז נישט דורשטיק נאָך וויין. און דיין צווייטער געטרייער שלאַכטמאַן, איתמר, איז א גלוסטיקער זכר, וואָס וועט פאַרצערט ווערן אין פייער פון דער טאָכטער פון אשור. ווען האָסטו אויס־

געקליבן צו פירן דיין חייל? א פעלדהאר, צי א בארעמהארציקן מאן מיט ווייכע לעפצן? עס טאר נישט זיין קיין רחמנות דארט, וואו די שווערד איז דער ריכטער. ווען ווערסטו, אחאב, זיך אויסלערנען צו אכפערן גיבורים און צו וויסן, אז די שטארקע זענען די גערעכטע?

— און די שוואכע מיט שטארקע הערצער פאר גאט, זענען זיי נישט די גערעכטע?

איזבל האט געשטעלט נאך צוויי שפרייזן פארויס און גערעדט מיט פארוואורף:

— יעדער קעניג בויט זיין מלוכה איבער די קעפ פון פרעמדע מלכים. דו ביזט נישט אנדערש פון דיינע אבות, אחאב. עס איז נישט גענוג פאר א פריד־לעבן קעניג צו פלאנצן א וויינשטאק און אויסבויען א טורעם, אויסהאקן א קעלטער און זייגן דעם זאפט פון די וויינטרויבן. שפרייט־אויס דיין מלוכה און גרייט־צו דיינע זין צו הערשאפט. דיין אויפגאנג, אחאב, איז געווען א רייכער און ערנהאפטיקער; זאל דיין אונטערגאנג זיין ריין פון פעלערן.

אירע רייד האבן נישט געוועקט אין דעם גליקלעכן מלך קיין כעס אדער פאראכטונג. ער איז געבליבן שטיין פאר איר מיט זיינע באגערן.

— ווער ציילט פעלערן אין טאג פון נצחון? — האט ער געפרעגט.

— נצחון?! —האט זי אויסגערופן, און פון אירע אויגן האט ארויסגע־שריגן שפאט.— דו האסט געוואלט ארייגגיין אין מואב און ביזט נישט ארויס פון די געמארקן; האסט זיך געגרייט איינצונעמען פלשת און ביזט אהין נישט דערגאנגען, און היינט שרעקסטו זיך אויך צוריקצוקריגן די שטעט, וואס יהודה איז דיר שולדיק. די אפגעשראקענע מעגן ווארפן אויף דיר פיילן און די ווייכע קאנען מאכן ציטערן דיינע קני. שטיי־אויף, מלך פון ישראל, און פרעג דיין אייגן הארץ: וויפל פארלירט דער הערשער אין דעם טאג, ווען זיינע אונטער־טעניקע ווארפן אראפ דעם יאך?

אחאב האט נאך געקוקט אויף איר מיט באגער, אבער די מידע גלוסטונג האט זיך שוין געלאשן פאר דעם אויפגייענדיקן צארן אויף זיינע געלאסענע ליפן. ער איז געשטאנען גאר נאענט נעבן איר. די געהארכזאמקייט איז פלור־צים אוועק און די רייד זענען געקומען מיט היציקן אטעם:

— דו האסט אלע באגערן פון א פרוי, מלכה מיינע, און אלע שיינקייטן, וואס דער האר פון דער וועלט קאן שענקען זיין געראטן ווערק. דיין צונג איז שארף און דיינע ליפן רעדן קלוג. דיין לייב האט אזויפיל פייער ווי א יונגע לוסטווייב און דיין נשמה איז פול מיט דעם פארגעניגן פון מאכט. אבער איינס פעלט דיר, מלכה — א פארשטענדיק הארץ, וואס זאל פארשטיין דעם פיין און די בושה פון די, וואס שרעקן זיך פאר דיר. אן א ווארעם הארץ ביזטו אזוי ווי

אַ פאַרגליווערטער געץ, איזבל, אַזוי ווי אַ זונזייל פון שטיין. אין דעם היינ־טיקן טאָג, ווען מיין פאָלק איז דאַנקבאַר צו דעם גאָט פון רחמים, בעט איך ביי דיר: שייל זיך ארויס פון דעם קאַלטן מירמלשטיין און זאָל אונטער דיין הויט רינען וואַרעם בלוט, אַזוי ווי ביי יעדן איינעם וואָס איז אויסגעפורעמט אין גאָטס געשטאַלט און וואָס האָט מורא פאַר די כוחות, וואָס זענען העכער פאַר דער קרוין.

און אַחאָב האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו די פינגער־שפּיצן פון איזבל׳ן און שטיל געזאָגט:

— די קנעכט וואַרטן, אַז די מלכה זאָל זיך אַריינזעצן אין אַפּריון, ביי מיין רעכטער האַנט.

און ווי די מלכה האָט שווייגנדיק און געהאָרכזאַם זיך געלאָזט פירן צו אַחאָב׳ן צו דער הויכער טיר, אויסגעהאַמערט פון גאָלד, האָט מיט אַמאָל אַ לייכטער געמורמל זיך דערטראָגן פון יענעם אָרט, וואו די קנעכט האָבן גע־וואַרט. יצהר בן רעואל, דער לערער פון די פּרינצן, האָט מיט געשווינדע טריט זיך דערנענטערט צום קעניג. זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט און זיין אָטעם איז געווען היציק ווען ער האָט אָפּגעשטעלט אַחאָב׳ן און געזאָגט:

— דאָס וואָס איז הייליק פאַר גאַנץ ישראל, איז אויך אַ געזעץ פאַר שרים און הויפּטלייט.

אַחאָב האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף איזבל׳ן און דערנאָך שאַרף אָנגע־קוקט יצהר׳ן.

— לערער פון מיינע פּרינצן! —האָט ער געזאָגט.— רעד אויך אין די אויערן פון דער מלכה.

— פון איתמר׳ן און דער פרוי, וואָס צו איר איז ער געקומען, וויל איך דערציילן.

— דעם סוד ווייס איך. וואָס איז דער דין פאַר זיינע זינד?

יצהר איז געשטאַנען פאַר אַ גליקלעכן קעניג, אין טאָג ווען ער האָט גע־וואָלט זיין ערלעך צו גאָט, אָבער ווען אַן אומווירדיקייט איז אָפּגעטון געוואָרן אין פּאַלאַץ, איז דעם לערערס צונג גרייט געווען צו שטראָפן מלכים און שרים.

— אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פרוי אַ ביישלאָף פון זאָמען, —האָט יצהר אָנגעהויבן איבערזאָגן דאָס געזעץ פון ישראל.— און זי איז אַ דינסט, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ מאַן, אָבער אויסגעלייזט איז זי נישט אויסגעלייזט געוואָרן, און פרייהייט איז איר נישט געגעבן געוואָרן...

— מיט איין שולדאָפּפער קאָן דער מאַן פאַרגעבן די העכסטע זינד פאַר

דעם גאָט פון ישראל, — האָט איזבל איבערגעשלאָגן יצהר׳ס רייד, — פאַרוואָס האָסטו געמוזט אָפּשטעלן דעם קעניג ביי דער טיר?

דער לערער פון דעם קעניגס זין האָט אויפגעציטערט. אָבער זיין אייפער איז געבליבן שטאַרק, ווען ער איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט דער מלכּה.

— די זינד פון דעם ערשטן הויפּטמאַן איז גרעסער ווי די זינד פון א פּראָסטן מאַן, — האָט ער געזאָגט, — די שאַנד פון א שקלאַפין האָט ער אַנט־דעקט, און דעריבער זאָל ער, וואָס קאָן באַפעלן מיט קנעכט, נעמען פאַר א ווייב די דאָזיקע פרוי, איידער ער גייט אַרויספירן דאָס חיל אין מלחמה.

אחאב האָט אַרויסגעפירט איזבל׳ן צום אַפּריון און יצהר בן רעואל איז זיי נאָכגעגאַנגען. פאַר די טרעפּ פון פּאַלאַץ האָט דער קעניג דערזען ווי דער טור־רעם מיט די פּרוכטן־קאָרבן שפּאַרט אַרויף ביז אונטערן הימל. דאָס ליכט פון דער זון האָט געקושט די שפּיצן מויערן. מחנות פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ביימער־צווייגן. ווען דער קעניג מיט דער קעניגין האָבן זיך באַוויזן, האָט דאָס גערויש פון פאָלק זיך געטראָגן מיט אַזאַ אָפּהילך, ווי טויזנטער רייט־וועגענער וואָלטן געפאָרן אונטער דער ערד, און אַלע קני האָבן זיך געבויגט און פון אַלע מיילער האָבן זיך געריסן פריידיקע קולות: אחאב, דער קעניג פון ישראל! און די מלכּה ביי זיין רעכטער האַנט! די פּלייטן האָבן געשפּילט, די פּייקלער האָבן געקלאַפּט, און די שׂרים האָבן אין איילעניש זיך אויסגע־שטעלט אין צוויי שורות־זיילן, דורך וואַנען דאָס קעניגלעכע פּאָר איז געגאַנ־גען צום אַפּריון. אחאב האָט אויפגעהויבן די אויגן איבער די קעפּ פון דעם האַנקבאַרן המון און געטראַכט: מיט אַזאַ פאָלק, וואָס איז ריין פאַר גאָט, קאָן א מלך איינגעמען אַלע לענדער אונטער דער זון! א געטרייסטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די טרעפּלעך פון דעם אַפּריון, אָבער פּלוצים האָבן זיך זיינע אויגן ווידער באַגעגנט מיט די אויגן פון יצהר׳ן, וואָס איז געשטאַנען ווי א מאַנער הינטער אים. און אחאב האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און צוגערופן פּקחיהו׳ן. זיין ערשטער קנעכט האָט זיך געשטעלט פאַר אים אין אונטער־טעניקער.

— א בריוו אויף פּאַרמעט צו איתמר׳ן זאָלסטו היינט אַרויסשיקן! — האָט אחאב באַפוילן.

— זאָג דאָס וואָרט, קעניג, און איך וועל רופן דעם סופר, ער זאָל פאַר־שרייבן.

דעם קעניגס שטים איז געווען אַזוי הילכיק, אַז די שׂרים אַרום האָבן גע־קאָנט הערן:

— צו איתמר, מיין שלאַכטמאַן, זאָלסטו לאָזן שרייבן: דעם קעניגס הויז

ש. איזבאָן

איז אזוי ווי דאָס הויז פון גאָט — נישטאָ דאָרט קיין אָרט פאַר אומווירדיקייט און באטרוג. דער פאַלאַץ איז הייליקער פון אלע זיילשטיינער און בימות, און די געטרייע אונטער מיין דאַך זאָלן ריין זיין פאַר דעם העכסטן ריכטער, וואָס איז דער ערשטער האַר פון אלע חיילות. מאָרגן, איידער די זון גייט אונטער, זאָל איתמר נעמען תורתונא'ן פאַר א ווייב, אזוי ווי עס הייסן די געזעצן פון ישראל!

ט

איתמר איז געקומען נעמען תורתונא׳ן פאר א ווייב אין דעם פערצענטן טאָג פון אָב, אין הויז פון זכרי בן נציח. די חופה איז געגרייט געוואָרן פאר שקיעה, אין גאָרטן פון דעם גאָלדמינצער. דער קנעכט אשבעל האָט געברענגט אויף זיין פערד זיין האָרס געשאנקען, איינגעוויקלטע אין א בלויען געוואנט: א קאָפּבאנד, א גאָלדענע אָרעמשנור און אויערינגלעך מיט גלעקעלעך פון טאַ־פּאזן. אין געאייל זענען די געקליבענע געסט אריינגעפאָרן אין דער ווייטער שטאָט שורק, ווייל אין געאייל האָט איתמר געוואָלט טון אזוי ווי עס איז גע־ווען דעם מלכ׳ס באפעל. ער האָט פארווערט תרשי׳ן צו ברענגען פייקלער און פלייטנשפילער, וואָרן ער האָט געזאָגט: אין צוויי פלעצער דארף דער קריגס־מאן בלייבן ווייט פון דעם גערויש פון פלייטן: דאָרט וואו ער ריכט־אָפּ תפילה, און דאָרט וואו ער קומט צו דער פרוי.

דער גאסטגעבער האָט געעפנט די טירן פון זיין הויז פאר ווייטע און נאָענ־טע, אָבער איתמר האָט געוואָלט האָבן נעבן זיך נאָר די געטרייע. תקועי איז פארבעטן געוואָרן, אָבער דער אייפערדיקער וואָלהענדלער איז געווען אזוי אויפ־געטרייסלט פון איתמר׳ס זינד, אז ער האָט ארויסגעטריבן דעם קנעכט וואָס איז געקומען צו זיין שוועל מיט א פלינקן רייט־קעמל, און איתמר האָט באדויערט וואָס תקועי איז אוועק פון אים און ער וויל אים פארגעסן. אהליאָב האָט צו־געזאָגט צו קומען מיט זיין ברכה, ווייל דער מאן פון פרידן האָט געוואוסט, אז קיינער קאָן נישט אויסלעשן די ליבשאפט פון די מענער אין ישראל צו טעכטער פון פרעמדע פעלקער. אָבער צום סוף פון טאָג האָט מען ארויסגעפירט זיינע קאראוואנען קיין תאנת־שילו און ער האָט פארשפעטיקט אריינצופאָרן אין שורק. זיין מתנה, א זילבערנע הארפע מיט טייערע געוואנטן פון פורפור און זייד, האָט ער געשיקט מיט צוויי קנעכט. פקחיהו האָט שטילערהייט איבערגעגעבן זיין רייטוואָגן צו עובדיהו׳ן, דעם שררה פון פאלאץ, אז איתמר זאָל נישט מיינען, אז ער איז געוואָרן שטויב אונטער אחאָב׳ס פיס.

ש. איזבאַן

דאָס ליכט פון טאָג האָט זיך שוין געלאָשן ווען די פאַרבעטענע זענען געווען איינגעזאמלט הינטער די ציפּרעסן און פייגנביימער. אויסער זיין קנעכט אשבעל און אחיעזר, חנינא און תרשי, און אויסער די קרובים פון דעם גאָלד־מינצער, זענען אָנגעקומען פּערציק געקליבענע שווערדנטרעגער. נערה, זכרי׳ס שוועסטער, האָט מיט אירע דינסטן געבאַקן טרויבנקוכנס און אָנגעפילט די האָרנס מיט וויין. איבער אלע טירן פון הויז זענען געהאַנגען קופּערנע אייל־לאָמפּן. דאָס טויער און דער ברונים זענען באַדעקט געוואָרן מיט קאָלירטע טיכער און ווייכע טעפּיכער זענען אויפגעוויקלט געוואָרן איבער די וועגעלעך צווישן די פלאַנצן־בייטן. דער האָר פון הויז האָט פון זיין הינטערשטן טאַד אָפּגעריסן צווייגן מיט מילגרוימען, און די טישן מיט שפּייזן זענען געוואָרן באַפּוצט מיט נארד און זאַפראַן, געווירצנראָר און צימערינג. בלהה, די יינגסטע דינסט אין הויז, האָט אויסגעקליידט די כלה אין די איידעלע חופּה־שלייערן און געשמירט איר לייב מיט מירע און בשמים.

ווען חנינא האָט ארויסגעפירט א שעפּס צו דער שחיטה, כדי שפּעטער צו בראָטן אים פאַר א מאכל פאַר די געסט, איז איתמר געשטאַנען ביים טויער און געקוקט צום פלאַמענדיקן מערב. ער האָט געטראָגן מלחמה־קליידער, אָבער די שווערד האָט געפעלט ביי זיינע לענדן. דער הימל האָט זיך געטונקען אין א פייערדיקן טייך און די פלאַמען האָבן זיך אריינגעגאָסן אין דעם ווייטן, גרויען ים. זיין האַרץ איז געווען טרויעריק, אָבער זיין נשמה, האָט ער געוואוסט, איז ריין. און ער האָט געבעטן, אז אויפן אָרט פון דעם מלכ׳ס ליבשאַפט צו אים זאָל נישט אויסוואקסן קיין שנאה. ער האָט געזען ווי דער לעצטער פלאַקער זון קייקלט זיך אראָפּ אין טאָל און די קנעכט צינדן אָן די פאַקלען, האָבן זיינע ליפּן געמורמלט: האַר פון דער וועלט, אויב איך האָב אויפגעזוכט די דאָזיקע פרעמדע פרוי אין קעניגס הויף, האָב איך דאָך דאָס געטון אזוי גוט פון זיינעטוועגן ווי פון מיינעטוועגן. זי איז געטרייער צו דער קרוין פון ישראל ווי די, וואָס האָבן פאַרבראָון די שבועה צו דער מלוכה; און עס וועט זיין אן אומרעכט, אָ, גאָט, אז איך זאָל באַשטראָפט ווערן פאַר מעשים, וואָס עס האָבן שוין געטון פריער פאַר מיר מלכים פון ישראל!

די נאַכט האָט אראָפּגענידערט. דער הימל איז געווען טונקל און אזוי טונקל זענען געווען די מחשבות פון די וואָס ווילן דערצערנען דעם מלך אויף דעם פירער פון זיין חייל. האָט דען איזבל נישט געדאַרפט היינט זיין די ערשטע איינצוהילן תורתונא׳ן אין די טייערע שלייערן? א שלאַנג הינטערן טראָנשטול האָט די מלכה אויפגעצויגן. אצינד האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דעם שפּייענדיקן סם פון איר צונג, און שטילע שליחים שיקט זי צו טויטן אונטערוועגס די עלטסטע פון אָסף בן עודד׳ס רויביונגען. וויפל בלוט קאָן טרינ־

קען די שווערד פון א מלכה, וואס געטרויט נישט אירע אונטערגעקויפטע? היינט, נאכן זונאויפגאנג, האט אשבעל אפגעוואָרט די פארשטעלטע קעמל־טרייבער פון אבל־מחולה, און זיי האבן דערציילט, אז די איינוואוינער דאָרט האבן פארשטיינערט דעם פרעמדן נציב, וואס אסף האט ארייגעזעצט אין שטאָט־טורעם, אז ער זאל פאנגען צען רייכע לייט און מאַנען ביי זיי אויסלייז־געלט. ווען די רייטער פון פלשת האבן געפונען זייער האר ליגן אין בלוט, האבן זיי געכאפט צוויי מענער פון דעם המון, וואס האט אים געטויט. זיי האבן אַנגעטון קייטן אויף זייערע הענט און זיי געברענגט צו די ריכטער פון בית־אל. אבער איזבל האט אין מיטן דער נאכט ארייגעשיקט אהין איר נייעם קנעכט דואג, מיט א באפעל: קיין האר זאל נישט פאלן פון זייערע קעפ! טוט־אויס זייערע קייטן און ברענגט די געפאנגענע קיין שומרון, ווייל נאָר די ריכטער פון קעניג מעגן משפטן די מענער פון אבל־מחולה!

און אין איתמר׳ס הארץ איז אויפגעגאנגען א האפענונג, אז דעם האס צו תורתונא׳ן היינט, ווען די ווילדע מלכה אויסגיסן אויף אסף׳ן מארגן, ווארן זיין מאכט איז אזוי ווי א פאלשע וואג. זאלן די ערשטע שטעט פון ארם פאלן פאר ישראל, וועט איזבל זיך אפקערן פון די פרעמדע קריגסלייט ווי פון קרע־ציקע. פאר דעם פרייז פון ערשטן נצחון קאן זי שיקן דעם ווידערשפעניקן קריגסמאן צו דער שטיינער־וואנט.

איתמר האט געזען ווי פון צווישן די פייגנביימער קומט ארויס תורתונא, איינגעהילט אין ווייסע שלייערן און פון ביידע זייטן איז זי באגלייט פון זכרי׳ס שוועסטער נערה און פון דער דינסט בלהה. תורתונא האט געשפרייזט פארויס איבערן טעפיך, וואס איז געווען אויסגעלייגט מיט בלומענקראנצן. איר קאפ איז געווען ווי ביי א מלכה און אירע טריט ווי פון א גאזעל. איתמר׳ס ליפן האבן געוואלט זאגן: דיינע שלייערן זענען ווי שמעקעוודיקע צווייגן אין ווינט און דיינע סאנדאלן טרעטן אויף שטויב פון זילבער. אבער פלוצים האט ער דערהערט הינטער זיך א געפליסטער: איתמר, גיי אנטקעגן דער כלה! ע ר האט דערזען ווי ביי זיין רעכטער האנט שטייט אחיעזר און ביי זיין לינקער האנט — חנינא. די פערציק שווערדנטרעגער האבן אנגעצונדן פאקלען און זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן וועג, וואס האט געפירט צום הויז־ארייננגאנג. תרשי האט איין מאל א בלאז געטון אויף א האָרן און די וועלט איז אין יענער רגע שטיל געווארן. איתמר האט געשטעלט זאכטע טריט. ער איז געווען הויך ווי א צעדערבוים, זיין קופערנע באָרד פריש געזאלבט, די קינבאקן אנגע־צויגן און די אויפגעלויכטענע אויגן האבן צוגעזאגט: איך וועל דיך ברענגען אין די וואוינרטער פון לייבן און איך וועל דיך אויפהייבן אויף די בערג פון לעמפערטן! און ער איז געגאנגען צווישן די שווערדנטרעגער מיט די אנגע־

צונדענע פאַקלען ווי דורך ברענענדיקע מירמלזיילן, ביז ער האָט זיך דערנענטערט צו דער, וואָס האָט געטראָגן פאַר אים ליבשאַפט אין איר האַרץ.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם חופּה־שטיבל, וואָס איז געווען אין עק גאָרטן. אונטער א הימלצודעק פון פּורפּור, האָט דער האַר פון הויז זכרי בן נציח, גיך געבענטשט דאָס פּאָרל מיט א לויטערער שטים און די געטרייע האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט פולע האַרנס וויין. אחיעזר האָט דערלאַנגט איתמר'ן א גאָלדענעם בעכער, געפורעמט ווי א ים־שאָל. ער האָט געזופּט פון דעם וויין און צוגעטראָגן דעם בעכער צו תורתונא'ס ליפּן, און זיינע אויגן האָבן גערוט אויף איר. זיינע שענסטע מתנות האָבן באַצירט איר לייב: דער קאָפּבאַנד, די אויערינגען און די גאָלדענע אָרעמשנור. איר שטערן און האַלדז האָבן געבלענדט, און זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, וואָס האָבן געבריט מיט פרייד און טרויער, אַזוי ווי עס איז דער שטייגער פון א פרוי, וואָס ווערט אונטערטעניק צו דער לוסט פון מאַן. אויף זכרי'ס צייכן, האָבן אחיעזר און חנינא געטון אַזוי ווי עס הייסן די דינים פון ישראל, און די שווערדנטרעגער האָבן געטראַכט, אַז די שעה פון דער חופּה איז נישט ווייניקער פּאַרכטיק ווי די שעה פון קרוינונג.

תרשי האָט אויפגעוויקלט די געוואַנטן און אויסגעלייגט אויפן אויסבעט פון פּורפּור די געשאַנקען. א האָגל פון גאָלדענע מטבעות איז געפאַלן פאַר די פיס פון דער כלה. איתמר האָט אַריינגענומען תורתונא'ן אין זיינע אָרעמס, און די געסט זענען אַריין טיפער אין גאָרטן און האָבן אַראָפּגענידערט צו די בלומען־בייטן, וואו דער קנעכט אשבעל און די דינסטן עזובה און בלהה האָבן אין געאייל געבראַכט די בעקנס מיט שפּייז' און די קרוגן וויין.

נאָכן מאָלצייט האָט זכרי אָפּגעווישט די פעטע, גלוסטיקע ליפּן און זיך דערנענטערט צו תורתונא'ן, וואָס איז געזעסן אויף א טעפּיך נעבן איתמר'ן. דער גאָלדמינצער האָט זיך פאַרנייגט:

— זאָל אַצינד טאַנצן פאַר אונדז די שיינע, וואָס טאַנצט פאַר מלכים.

תורתונא האָט זיך טיפער געשיצט אין די אָרעמס פון איתמר'ן און געוואָלט נאָך הערן די צאַרטע רייד, וואָס דער שטאַרקער מאַן האָט געפליסטערט אין אירע אויערן. אָבער זי איז באַלד אַריינגעצויגן געוואָרן דורך אירע אונטערפירערינס נערה און בלהה, אין דעם ראָד פון די שווערדנטרעגער מיט די ברענענדיקע פאַקלען. זי האָט א צערודערטע אויפגעהויבן די אויגן — צום ערשטן מאָל איז זי געשטאַנען א דערשראָקענע פאַר מענער אין וואָפנקליידער. זי האָט שוין געטאַנצט אונטער פּויקן און אונטער בייטשן, אָבער קיינמאָל נישט אין אַזא טיפער שטילקייט, ווען דער הימל איבערן קאָפּ און די ערד אונטער די פיס זענען איינגעזונקען אין שווייגן.

דער האר פון הויז האָט געוואַרט און די הערצער ביי די געסט האָבן איינ־געהאלטן דעם אָטעם, און די פרוי וואָס איז געווען לייכטער פון א גאזעל, האָט זיך אויסגעוויקלט פון די שלייערן. זי האָט געקוקט אויף תרשי׳ן, וואָס איז געשטאנען אין ראָד מיט זיין זילבערנעם האָרן, אָבער זכרי, וואָס האָט אין יע־נער רגע געזען ווי אשבעל, זיין נעכטיקער קנעכט, שטופּט הינטערליסטיק בלהה׳ן אונטער די צווייגן פון א בוים און ער גלעט אירע לענדן, האָט ער אים אוועקגערופן און געהייסן צונעמען פון תרשי׳ן דעם האָרן. אשבעל האָט צו־געטראָגן דעם האָרן צו די ליפּן. ער האָט, אויף זכרי׳ס וואונק, ארויסגעצויגן שטילע, דינע טענער אזוי ווי א פאסטוך, און תורתונא האָט געשטעלט די ער־שטע טריט, ווי א קינד וואָס לערנט זיך ערשט גיין.

אירע שענקלען האָבן זיך פון אָנהייב געוויגט זאכט און אומזיכער. איר שטערן איז געווען לויטער, אָבער פון רעכטן אויג איז ארויסגעפלאָסן אן אויס־געוואשענע טרער. איז דאָס געווען א טרער פון גליק צי פון פחד? באלד האָט די הינדערניש זיך אָפּגעטון און זי האָט געטרייסלט מיט די קני פאָרויס, צו די שטילע קלאנגען פון דעם האָרן. דאָס גאָלד אויף דער אָרעמשנור האָט געלויכטן ווי פייער און די פינגער האָבן געציטערט. זי האָט אויסגעשפּרייט אירע אָרעמס און דער אויסגעוויקלטער קערפּער איז געבליבן שטיין אויסגע־שטרעקט, ווי אויף א דראָטנשנור. א רגע האָט זי געקוקט מיט געבעט אויף די ארומיקע, דערנאָך זענען די שפּרייזן געוואָרן האסטיקער אין דער ציטער פון די היפטן פלינקער, און זי האָט זיך געטראָגן אין א ראָד ווי אין א ווירבלווינט. די אויגן זענען געווען ווי קוילן און דער אָטעם ווי פייער. פון דעם געשווינדן געדריי איז דער קאָפּבאנד אראָפּגעפאלן; די האָר זענען צעפאלן אין לויזע פלעכטן; די אויערינגען האָבן געקלונגען העכער פון גלעקער, און תורתונא, א פייערדיקע כהנת, האָט געטאנצט נישט דעם אונטערטעניקן טאנץ פאר א שטיי־נערנעם געץ, נאָר א טאנץ פאר דעם ערשטן קריגסמאן, וואָס האָט אויסגע־שטרעקט צו איר זיין פאנצער.

פון הינטער די שווערדנטרעגער האָט זיך פּלוצים באוויזן עובדיהו, איינ־געהילט אין קעניגלעכן ליינענטוך. אויף זיין באָרד איז געווען דער גלאנץ פון פרישן זאלב, אָבער זיינע אויגן זענען געווען שטרענג, ווען ער האָט ארויסגענו־מען פון א קליין יאמער־קעסטל א גאָלדענע פייל אויף א דינער קייט און דער־לאנגט איתמר׳ן. ער האָט געזאָגט:

— פון דעם מלך א געשאנק. און ער האָט מיר באפוילן צו זאָגן צו אי־תמר׳ן: דו ביזט אריינגעקומען אין פּאלאץ אן ערנהאפטיקער. זאָל דיין ארויסגיין אין מלחמה זיין ריין. היטן וויל איך דיך פארהיטן פון פעלערן, וואָס זענען אומווירדיק פאר א שלאכטמאן.

עובדיהו איז אָפּגעטראָטן מיט דעם זעלבן בליק ווי ער איז צוגעקומען. איתמר האָט זיך דערווייטערט מיט דעם מלכ׳ס מתנה אונטער די טונקעלע צווייגן. אין יענער רגע האָט זיך תורתונא באַפרייט פון דעם טאַנץ־ראָד און איז צוגעלאָפן צו אים. זי האָט דערזען ווי זיין פּנים איז פאַרבייזערט און די ווינקלען פון אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן. דער שטאָלץ איז אוועק און געבליבן איז א מידע אונטערטעניקייט. זי האָט געקוקט אויף אים ווי א פריי, וואָס שרעקט זיך פאַר די סודות פון איר מאַן. דאָס עלנטע האַרץ האָט גע־פרעגט: ווי אַזוי האָט דעם קעניגס שליח אים אין איין רגע פאַרענדערט? פאַרוואָס איז ער אַצינד געוואָרן ענלעך צו אַלע אַנדערע מענער?

זי האָט אָנגעכאַפּט זיין אָרעם און מיט געבעט געזאָגט:

— מיין האַרץ האָט קיינמאָל נישט געהערט צו קיין אַנדערן מאַן, איתמר.

איתמר האָט זיך צעלאַכט:

— האָסטו דען מורא, אַז איך וועל דיך פאַרבייטן אויף אַן אַנדער פרוי?

— קיין פרוי איז נישט אין מיין וועג, אויסער דיין קעניגין.

די ברעמען ביי איתמר׳ן האָבן זיך פאַרצויגן.

— איזבל?

— איר פיינטשאַפט איז היינט שטאַרקער ווי אין טאָג ווען דו ביזט אָנ־געקומען אין פּאַלאַץ.

און ווי ער האָט זיך ווידער צעלאַכט און זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע האַרטע אָרעמס, האָבן די געסט זיך אויסגעזעצט אויף די טעפּיכער אין גאָרטן מיט די בעכערס אין די הענט. דער טויער־וועכטער נמשי, האָט אויפגעהאַנגען די פאַקלען אויף די ביימער. זכרי אַליין איז געווען לוסטיקער פון אַלעמען; ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ הויכער קרוג אין האַנט און גערופן:

— וויין, מיינע געסט, טרינקט מער וויין, אַז אייערע הערצער זאָלן דער־פרייט ווערן!

די נאַכט איז צוגעפאַלן, אָבער דאָס גערויש פון פרייד איז ערשט אויפגע־גאַנגען. דער ווידערקול פון די קולות און געלעכטערס האָט אָפּגעקלונגען צווישן די הויכע געוויקסן און נידעריקע פלאַנצן איבער דעם גרויסן גאָרטן. מיט אַמאָל זענען די וויינטרינקער שטיל געוואָרן, ווייל פון צווישן די ביימער האָט זיך פאַר־טראָגן אַ געטומל. דער טויער־וועכטער נמשי, איז אָנגעלאָפן אַ צעשלאָגענער, פון זיין שטערן האָט גערונען בלוט. ער האָט געשריגן:

— אַנטלויפט! אַסף׳ס רויבער־יונגען!

די וואָרענונג איז געקומען צו־שפּעט. קריגער פון די פּלישתים, אויף פערד מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין גאָרטן. אין געלויף האָבן זיי אומגעוואָרפן דעם טויער־וועכטער און די פערד האָבן געטראָטן איבער

אים. דער טומל פון די געפאלענע און די קולות פון די איבערגעשראָקענע זענען געווען איין גרויס געשריי אונטערן הימל. צוויי רייטער האָבן מיט די שווערדן אראָפּגעוואָרפן פון דיביימער די ברענענדיקע פאקלען און אין מיטן די פלאנצן איז אויפגעגאנגען א פלאמפייער. אין דעם גערודער האָט א פלישתי, שטארק ווי א פעלז, זיך דערנענטערט צו די צוויי פרויען בלהה און נערה, און זיי געוואָלט שלעפן צו זיך, אָבער אשבעל האָט מיט דעם שפּיץ פון זיין שפּיז פארשטעלט פאר אים דעם וועג. די, וואָס זענען ערשט געווען לוסטיק מיט בעכערס וויין, האָבן אין אנגסטן געזוכט באהעלטענישן. אחיעזר איז געווען גרייט אוועקצוגעבן זיין לעבן אין דעם געפעכט. חנינא און תרשי האָבן געבעטן ביים אלמעכטיקן, ער זאָל באשיצן דאָס הויז. ביי זכרי בן נציח'ן איז ארויסגעפאלן די קרוג פון זיינע הענט און דער רויטער, שוימיקער וויין האָט זיך געגאָסן ווי בלוט פאר זיינע פיס. אין יענער רגע זענען די דערשראָקענע געבליבן צוגענאָגלט צו די ערטער. איידער די פלישתים זענען אריבער דאָס טויער, האָט איתמר באפוילן זיינע געטרייע שווערדנטרעגער טיפער אראָפּצוגידערן אין גאָרטן און זיך באַהאלטן הינטער די ביימער.

זיין זיכער קול האָט איינגעשטילט די געשרייען. די בלייבע פרויען בלהה, עזובה און נערה, האָבן אָפּגעפירט תורתונא'ן הינטער אשבעל'ן, וואָס האָט אן אָנגעגאָסענער מיט צאָרן געוואָרט צו באשיצן זי מיט זיין לעבן.

איתמר האָט זיך געשטעלט אנטקעגן דעם עלטסטן פון די באפאלער. אונטערן שיין פון די פאקלען האָט ער דערזען די געוויקסיקע פלישתים מיט די הארטע פנימער און ברוינע לייבער. ריזן האָט אסף אויסגעקליבן פאר זיינע געדונגענע רויביונגען, — האָבן זיינע ליפּן געמורמלט, — אָבער זיי זענען אָנגעלאָפן ווי פוקסן אין דער נאכט. ער האָט געקוקט הינטער זיך. זיינע אומדערשראָקענע קריגסלייט זענען געווען זיין אָנלען. ער האָט מיט שפּאָט באטראכט דעם פלישתי אויפן פערד. אין זיינע אויגן האָט געברענט אייפער; זיינע ציין זענען געווען פארקריצט און ער האָט א געשריי געטון:

— גייט אראָפּ פון די פערד, איר קנעכט, וואָס איר קומט זיך שלאָגן פאר געלט!

דער עלטסטער פון די רייטער האָט געהאט א מאָגער, נאקעט פנים מיט א טיפן שניט אויף דער רעכטער שלייף. שווארצע שנורן האָר זענען נאָכגעהאנגען פון הינטערן קופּערנעם קיווער. זיינע באקנביינער זענען ווען הארט, אָבער אין זיינע אויגן איז געווען די ווייכקייט פון א לאָם. ער האָט געשמייכלט צו איתמר'ן, ווי ער וואָלט נישט באנומען זיין כעס.

— איך בין אָגת, דער שליח פון אסף בן עודד, — האָט ער געזאָגט. — קיין בייז וועט צו אייך נישט געטון ווערן, אויב פאָלגן וועט איר וואָס איך וועל הייסן.

אשבעל איז ארויסגעשפרונגען מיט זיין שפיז, צו לעבערן דאָס הארץ פון דעם, וואָס הייסט זיין האר פּאָלגן באַפעלן, אָבער אויף איתמר׳ס צייכן איז ער צוריקגעטראָטן. איתמר האָט מיט פאראכטונג געדעדט צו דעם פלישתי:

— פון וואָס פארא פוקסן־גרוב האָט דיך דיין הויפּטמאן ארויסגעשיקט? און וואו איז זיין באהעלטעניש?

אגת האָט ארויסגעהויבן זיין שווערן גוף פון זאָטל און גערעדט העכער:

— מיין הויפּטמאן אָסף בן עודד האָט מיר באפוילן: זיי און ברענגט מיר די ליבסטע פון די פרויען — תורתונא. אָבער דו זאָלסט זי נישט פירן צו מיר ווי א געפאנגענע שקלאַפין, נאָר ווי א פרינצעסין, אין א הימל־בעט. צו אירע וועכטער זאָלסטו שענקען דעם עלפאנטביין־קאָסטן מיט טייערע געשאנקען, און צו תורתונא׳ן זאָלסטו זאָגן, אז נישט אין מיין פארשטאנד און נישט אין מיין הארץ איז געווען אמאָל אָרט פאר האַס צו איר. גיי און ברענג זי מיט דיין שווערד!

א שטילקייט, ווי די לעצטע רואיקייט פאר א געוויטער, איז געהאנגען אונטערן הימל. דאָס ברומעניש אין אלעמענס העלדזער איז דערשטיקט געוואָרן אויפן אָנבליק פון איתמר׳ס שטרענגע אויגן. דער פלאמפייער, וואָס די רייטער האָבן אָנגעצונדן אין מיטן גאָרטן האָט זיך שוין געלאָשן, אָבער די שווערדנטרעגער האָבן געהאט א באגער, אז די שריפה זאָל זיך צעפלאקערן, אז זיי זאָלן קאָנען דאָרט ארייַנשליידערן די פלישתים. מיט אמאָל האָט תורתונא זיך א ריס געגעבן פון איר אָרט און זיך געשטעלט פאר איתמר׳ן. אויף איר געזיכט איז נישט געווען קיין שפור פון פחד. דער ווידערשטאַנד פון איינע, וואָס איז דורכגעגאנגען אלע שטורעמס פון לעבן, האָט געדרוט אין אירע קלאָרע אויגן. זי האָט זיך געשיצט הינטער זיין אָרעם און זיך געבעטן:

— גיב מיר דיין שווערד.

פאר דעם פלישתי איז די שטילקייט געווען א צייכן פון הכנעה, און ער האָט אצינד גערעדט נאָך הילכיקער:

— מיר זענען צוואנציק באוואָפנטע קריגער, אָבער קיינער איז נישט געקומען נעמען פאר זיך, ווי עס איז דאָס רעכט פון קריגסלייט — א מיידל פאר זיין פארגעניגן ביינאכט. נאָר די פרוי פאר אונדזער הויפּטמאן זענען מיר געקומען נעמען.

אין דער אָנגעלאָדענער שטילקייט האָט זכרי זיך געדרוימט א וועג צווישן די קנעכט און שווערדנטרעגער. דער פרידלעכער מאן האָט באַזאכט אראָפּגענומען א קורצע שווערד פון אשבעל׳ס לענדן, און איז גרייט געווען פון שלום וועגן צו זאָגן צו די פרעמדע: איך וועל אייך געבן גאָלדשטיקער און גייט ביזן עק שטאָט, דאָרט וואו עס שטייט דאָס הויז פון פארגעניגן מיט לוסטיקע פרויען.

איך בעט אייך, פארלאָזט מיין גאָרטן! אָבער ווי ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף איתמר׳ן, איז פּלוצים די שוואכקייט אוועק און עס איז אויפגעגאנגען א גבורה און א צאָרן פאר דער בושה, וואָס פרעמדע קנעכט האָבן אָנגעטראָגן אין זיין הויז.

— געסט מיינע! מענער פון ישראל! —האָט ער אויסגערופן.— די ניי־דערטרעבטיקע זענען געקומען נעמען די כלה פון דער חופה פאר א שלאכטמאן, וואָס איז פארטריבן פון גאָט און פאריאָגט פון קעניג. אונדזער פרייד איז פאר־שטערט און מיין הויז איז פארשוועכט. פארוואָס רוט איר אויף אייערע שווערדן? אויף זיי! אויף די געמיינע קנעכט!

די שווערדנטרעגער האָבן זיך געוואָלט ווארפן אויף די רייטער, אָבער איתמר איז געשטאנען רואיק, אזוי ווי צוגעוואקסן צו דער ערד. זיינע ליפן זענען געווען געשלאָסן, זיינע פויסטן געבייזלטע. אין די גליענדיקע אויגן איז געווען א שטור־מער פארמעסט מיט דעם פריינט, ווי ער וואָלט אין דעם געוויקסיקן פלישתי אגת געוואָלט אויפבלאָזן א שטורעם און א פייער. די געטרייע האָבן נישט פארשטא־נען איתמר׳ס געלאסנקייט. אויף דער ערד איז געלעגן דער צעשלאָגענער וועכ־טער נמשי, מיט א לאָך אין שארבן. פון דעם פלאמפייער אין גאָרטן איז אויפ־געגאנגען א רויך, אָבער דעם קעניגס שלאכטמאן הייסט נישט אויפהייבן די שווערד אויף די, וואָס זענען געקומען פארשוועכן דעם טאָג פון זיין פרייד.

דער עלטסטער פלישתי איז געוואָרן דרייסטער. אונטער די הארטע קינ־באקן האָט זיך געזאמלט האס און פארדאכט אויף די, וואָס פאָלגן ווילן זיי נישט און שלאָגן זיך האָבן זיי מורא. ער האָט א שטופּ געטון זיין פערד פאָרויס און געוואָרנט:

— איך וועל הייסן בלאָזן אין הארן זיבן מאָל. אויף יענער זייט טויער וואַרט א טראָגשטול און א רייטוואָגן, ווי אויך א קאסטן מיט געשאנקען. און ווי איך וועל ציילן צום זיבעטן מאָל, און איר וועט נישט ארויספירן די פרוי פאר אונדזער הויפּטמאן, וועלן מיר זי מיט דער שווערד נעמען!

ער האָט אויפגעהויבן א האנט און צוגערופן איינעם פון זיינע רייטער, א פּעטן הארנבלאָזער. נאָכן ערשטן בלאָז איז די שטילקייט נישט געבראָכן גע־וואָרן, און נאָכן צווייטן בלאָז איז די רו נישט אוועק, און נאָכן דריטן בלאָז איי־דער האָס צו אָפּס׳ס שליחים געשטאנען ווי א קנויל אין איתמר׳ס האלדז. די פּאראכטונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט אין זיין הארץ מיט טעג פריער, האָט געשריגן נאָך נקמה אין דעם אומדערבארעמדיקן פיינט, וואָס האָט גדרונגען פרעמדע קריגער, אויסגעפּלינדערט שטעט, געפאנגען משכנות, און היינט האָט ער געשיקט קנעכט צו ברענגען תורתונא׳ן א געפאנגענע. ביים פערטן הארנ־בלאָז האָבן אחיעזר, תרשי און חנינא געוואוסט, אז איתמר קאָן מער נישט צוימען

זיין שנאה און זיין נקמה, און זיי האָבן אייפערדיק געוואַרט אויף זיין צייכן. אָבער פּלוצים האָט א געמורמל פון פאַרוואונדערונג זיך געטראָגן אויף אַלעמענס ליפּן און קיינער האָט מער נישט אראָפּגענומען די אויגן פון דעם שטאַרקן שלאַכט־מאַן. איתמר האָט ארויסגערוקט תורתונא׳ן פאָרויס, און אליין האָט ער זיך דערנענטערט צום עלטסטן פּלישתי און רואיק געזאָגט:

— נעם דיין געפאנגענע, אויב דיין אָרעם איז אזוי שטאַרק ווי דיינע ליפּן זענען דרייסט.

דער פּלישתי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַראַכט. פונעם פאַראַכט איז אויפגעגאַנגען א פּחד, און ער האָט א געשריי געטון:

— מיט דער שווערד וועלן מיינע רייטער זי נעמען! און דו, וואַרף צו־ערשט דיין וואָפן צו מיינע פיס!

איתמר האָט שווייגנדיק אראָפּגענומען פון זיינע לענדן די קורצע שווערד און זי אוועקגעלייגט צופוסנס דעם פערד. און דער פּלישתי, נאָך מער דער־שראָקן, האָט באַפוילן צו אחיעזר׳ן און חנינא׳ן:

— און איר, וואַרפט אייערע שווערדן צו מיינע פיס!

אָבער זיי האָבן אים נישט געפאָלגט, נאָר אומבאַוועגלעך און געהאָרכזאַם געקוקט אויף איתמר׳ן. דער כעס האָט אויפגעפלאַקערט אין די שעפּסענע אויגן פון אַגת׳ן; דאָס טונקעלע פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און אונטערן שיין פון די פאַקלען האָט ער פּלוצים דערזען, ווי קעגנאיבער הייבן זיך ארויס פערציק הויכע שווערדנטרעגער. ווי צאָרנדיקע חיות, וואָס האָבן געלויערט הינטער די ביימער, זענען זיי אצינד אויסגעוואַקסן; יעדער שווערדנ־ציער א פּעלזיקער זייל, און זיי האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אנדערן און זיך צונויפגעגאָסן ווי א געשלאָסענע וואַנט. די שלייפן ביי אַגת׳ן האָבן גע־ברענט, זיין קין האָט געציטערט, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און באַפוילן:

— טוט אוים אייערע שווערדן און מיר וועלן אייך שוינען און ארויספירן דורכן מויער, אזוי ווי געפאַנגענע.

אין איתמר׳ן האָט דאָס האַרץ געברומט ווי א לייב, אָבער ער איז ארויס־געקומען רואיק און געזאָגט:

— אצינד קום און נעם תורתונא׳ן.

דער פּלישתי איז אראָפּ פון פערד און זיך גערוקט פאָרויס, צו תורתונא׳ן. שפּרייזנדיק טריט נאָך טריט, האָט ער אין גאַנג נישט אראָפּגענומען די צע־טומלטע אויגן פון די מענטשן אנטקעגן, וואָס זענען פּלוצים געוואָרן פריי פון פּחד. איתמר איז אָפּגעטראָטן אין א זייט, ווי ער אליין וואָלט גערוימט א וועג פאַר דעם עלטסטן פּלישתי, ער זאָל קריגן אָן שטערונג דאָס וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט. דרייסט און מיט באַוואָרעניש, האָט אַגת געשטעלט שפּאַן נאָך

שפּאַן. מיט אַמאָל האָט איתמר זיך אַ הייב־אַרויס געגעבן פון דעם אָרט, וואו ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, און מיט זיינע אויפגעביילטע הענט אַ שטויס געטון די פּלישתּי אין זיין האַרטן שטערן. איידער דער געשלאָגענער האָט פון וויטאָג זיך איינגעקאָרטשעט, האָט דער שלאַכטמאַן אים שוין געהאַט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס. ער האָט אַרויסגעריסן זיין שווערד און אים אויפגעהויבן אין דער הויך, און מיט זיין גאַנצער קראַפט אים אַ וואָרף געטון איבער די קעפּ פון זיינע רייטער, וואָס זענען אויך אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע פערד. דער גע־פאַלענער פּלישתּי האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך נאָך אַ פּאָר קריגער, און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה צווישן די וואָס זענען געקימען זיגן און זענען געשלאָגן געוואָרן.

און איתמר האָט אַ רוף געטון צו זיינע שווערדנטרעגער:

— אויף זיי! אויף די פּלישתּים!

נאַקעטע שווערדן האָבן אויפגעבליצט; אונטערן שיין פון די פאַקלען האָבן זיי געפלאַמט ווי ברענענדיקע מעסערס. די אומדערשראָקענע האָבן זיך גע־יאָגט פאָרויס. באַלד זענען אין דער שפּיץ געלאָפן אחיעזר, תרשי און חנינא, און האָבן זיך געריייניקט אַ וועג צו די צעטומלטע פּלשתּים. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געטראָגן זכרי, מיט דער קרומער שווערד אין האַנט, און געשלאָגן איבער די קעפּ פון די פיינט. די אויגן פון דעם פרידלעכן מאַן זענען געווען אָנגעצונדן מיט אַ וואַנזין, ווען ער האָט זיך געדרייט אין אַ ראָד און געהויבן דאָס שאַרפע וואָפן אין דער לופט און געשריגן:

— זאָלן אייערע קעפּ פאַלן אונטער מיין שווערד!

— פאַר דער שריפה אין מיין שיינעם גאָרטן!

— און פאַר דער חרפה, וואָס איר האָט געבראַנגט אויף מיין פרידלעך הויז!

— און פאַר דעם באַטרוג צום ערשטן הויפּטמאַן און זיין קעניג!

הינטער אים איז נאָכגעלאָפן אשבעל. מיט זיין שפּיז האָט ער דורכגע־שטאָכן דעם בויך פון איין רייטער און געלעכערט דעם מוח פון אַ צווייטן. די, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אָוונט פון זיין האַרס שמחה, האָט ער געוואָלט פאַרטיליקן. זיין דורשט נאָך בלוט האָט קיינער מער נישט געקאָנט לעשן. די צעשראָקענע פערד זענען געלאָפן אין דער בהלה הין און צוריק, און געטרעטן איבער די בייכער פון זייערע געפאַלענע האַרן. ווען אשבעל'ס שפּיז איז גע־בליבן שטעקן אין דער ריפּ פון אַ פּלישתּי, האָט ער אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון חנינא'ן, וואָס האָט זיך געקווייינקלט צו פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַ געשלאָ־גענעם יונג, וואָרן יענער איז געלעגן אויף די קני און געבעטן רחמנות. אָבער אשבעל האָט געשאָכטן דעם פּלישתּי און געטריבן די באַפאַלער צוריק צום

טויער. איתמר האָט איבערגעלאָזט תורתונאַ'ן הינטער אַ בוים און גערופן די אייפערדיקע מענער. זיי זענען געווען מער אין צאָל און די האַנט פון נקמה האָט קיינעם נישט געשוינט. טייל פּלישתים זענען געלעגן צעבלוטיקטע אונ־טער זייערע פערד און אונטער די שווערדן פון די דערצאָרנטע. אפילו בלהה, עזובה און נערה האָבן דרייסטע זיך געוואָרפן אויף די אָפּטרעטנדיקע פּלישתים, וואָס זענען געקומען ברענגען חרפה אויף זיי. מיט די הוילע נעגל האָבן זיי צעקראַצט די הויט פון זייערע פּנימער און געריסן זייערע האָר, ווייל די גבורה פון די מענער איז אויך געקומען אויף זיי.

די שלאַכט איז געווען פאַריבער, אָבער די פּלישתים האָבן נישט באַוויזן צו ציילן זייערע טויטע, ווייל די לעבעדיקע זענען אַנטלאָפן ביז צום גאָרטן־טויער. אשבעל האָט אוועקגעלייגט דעם טויטן וועכטער אויפן טעפּיך, און זכרי האָט אים שטיל באַוויינט. און די, מיט די פאַרוואונדעטע לייבער, האָט מ'ין אַריינגעטראָגן אין הויז און די פרויען האָבן געברענגט בעקנס וואַסער און טי־כער אָפּצוּוואַשן זייער בלוט. אין דער מהומה האָט איתמר געזוכט דעם עלט־סטן פון די פּלישתים און אים נישט געפונען. ער האָט געוואָלט אַרויספירן תורתונאַ'ן פון דער באַהעלטעניש, אָבער זי איז דאָרט נישט געווען. פּלוצים האָט ער דערזען, ווי אַ פייער פלאַקערט־אויף אויף די ביימער־צווייגן ביים טויער, און אויף יענער זייט פון די פלאַמען זיצן אַ הייפל פּלישתים אויף זייערע פערד. אַ ווילד געשריי פון אַ פרוי האָט זיך געטראָגן צו זיינע אויערן, און ווי ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, איז אַ פלינקער ריימער, מיט תורתונאַ'ן אויף זיינע קני, פאַרבייגעלאָפן אויף זיין פערד און איז אַריבערגעשפּרונגען דאָס פייער, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אַ שוואַרצן זייל רויך. אַ נעפּל האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר אים, און ער האָט דורכן נעפּל געזען תורתונאַ'ן מיט פאַר־טרערטע אויגן. נעבן איר איז געזעסן דער פּלישתי אַגת אויף זיין פערד. זיין פאַרבלוטיקט פּנים האָט געברענט פון ווילדער פרייד און זיינע גראָבע ליפּן האָבן געלאַכט: וואָס פאַרא שלאַכט האָסטו געוואונען, אז תורתונא איז מיין געפאַנגענע?

תורתונא איז געווען געפאַנגען, און פון דעם פייער ביים טויער איז געוואָרן אַ מוראדיקער שייטערהויפן, וואָס האָט באַלויכטן דעם בלומענגאָרטן און דעם אויבסט־סאַד ווי מיט גליענדיקע זונען. די פלאַמען האָבן פאַרשפּאַרט דעם וועג פאַר איתמר'ן און זיינע קריגער, וואָס האָבן געוואָלט נאָכיאָגן די פּלישתים און אַרויסרייסן די געפאַנגענע. איידער די פיינט זענען אַנטלאָפן, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם גרויסן פלאַקער דעם קאַסטן מיט די מתנות, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, ווי אַ צייכן פון גרויסמוט און פרידן. צירונג־שטיקער פון עלפאַנטביין, פון פּערלמוטער און פון דיאַדעמעס און איידלשטיינער זענען פאַר־

שלונגען געוואָרן פון די פלאַמענדיקע צינגער, און דער רויך האָט זיך אויפגע־הויבן צום הימל אַזוי ווי דער רויך פון מזבחות. דערנאָך האָט דאָס פייער זיך פונאַנדערגעברומט ווי אַ סטאַדע צאָרנדיקע לייבן און פאַרצערט ביזן לעצטן די טייערע געשאַנקען.

אויף יענער זייט טויער איז תּורתונא געלעגן אַ פּאַר'חלש'ט אין ־עם טראָגשטול פון די פּלישתּים. איר קאָפּ איז געווען פאַרוואָרפן אויף אַ קישן, אויסגעבעט מיט ליליעס. די פייכטע אויגן האָבן געבליצט און געציטערט האָבן אירע ליפּן. זי האָט שוואַך איינגעאָטעמט די בראַנד־ריחות. אין איר טיפן שלומער האָט זי געוואוסט, אַז בערג און טייכן, ימען און שטעט וועלן פריער הערן דאָס גערויש פון מלחמה, איידער איתמר אויף זיין פערד וועט זיך דורכ־רייניקן אַ וועג, און ביידע וועלן זיך ווידער באַגעגענען צופוסנס דעם קעניגס שטול.

איתמר האָט געקוקט צום ברענענדיקן הימל און זיך נישט גערירט פון אָרט. די צונג איז אים צוגעטריקנט געוואָרן צום גומען, און אין קאָפּ איז גע־ווען אַ מוראַדיקער טומל. און ווידער זענען אין יענער רגע אַלע זיינע גלוס־טונגען אויפגעלייזט געוואָרן אין דעם פייער פון איין פאַרלאַנג: אַספּס קאָפּ אונטער דער שאַרף פון זיין שווערד! אַ פאַרשעמטער האָט ער אַצינד תּפילה געטון: גאָט דער גנעדיקער! האַר פון דער וועלט! נעם־אָן מיין האַנט און פיר מיך צום געצעלט פון דעם פעלשער.

און באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט, ווייל זיין בליק איז ווידער פאַרנעפּלט געוואָרן און ער האָט מער נישט געזען קיין זאַך אונטערן הימל. אַ מחשבה איז אויפגעגאַנגען אין זיין מוח: אַז דאָס האָט דער אַלמעכטיקער אַליין מיט זיין האַנט פאַרשטעלט זיינע אויגן, אַז ער זאָל נישט זען תּורתונא'ן אין איר בושה. אויפגעמונטערט פון דער געטלעכער הילף, האָט איתמר זיך דערמאָנט די רייד וועגן אַספּ'ן, וואָס ער האָט געזאָגט צו זיינע געטרייע: די וועלט איז נישט גענוג גרויס און די צייט — נישט גענוג לאַנג, אַז ער זאָל זיך קאָנען אויסבאַ־האַלטן פון מיין נקמה.

בוד פינת

די שלאַכט פון אַפּק

א

זינט די טעג פון שאול, ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויף מלחמה מיט עמלק, ביי חוילה, האט די שלאכט אזוי נישט געפלאקערט ווי ביי אפק און אירע טעכטערשטעט.

גאט אליין האט אין יענעם טאג געפירט דאס חייל פון ישראל צו די פעס־טונגען פון די ארמים, וואס האבן זיך גערימט, אז קריגער פון בערג זענען די מענער פון ישראל, אבער געשלאגן קאנען זיי ווערן אין פלאכלאנד.

די ארמים האבן זיך באפעסטיקט אין אפק און אנגעפילט דאס לאנד אין דער נידער, און די שלאכטמענער פון ישראל, די לויפער, די שפיזנווארפער און די בויגנציער מיט זייערע פערד און רייטוועגענער האבן זיך אויסגעשפרייט אין דעם פלאכלאנד און געלאגערט אקעגן זיי אזוי ווי צעשאטענע סטאדעס ציגן.

זיבן טעג האבן די מחנות געלויערט איינע אקעגן די אנדערע. אויפן זי־בעטן טאג, ווען די זון איז געווען הויך, אין האלבן הימל, האט דער מלך אחאב זיך געשטעלט מיט זיין רייטוואגן הינטער די שלאכטמענער און גערופן צו זיך איתמר׳ן.

— דו גייסט ארויס אין מלחמה אקעגן א גרויסן חייל, — האט ער געזאגט, — אבער דו וועסט שלאגן די פיינט און דו וועסט הערשן איבער זיי מיט אן אייזערנער האנט! אין דעם נידעריקן לאנד זאלסטו זיי פארטיליקן. אין די טאלן זאלסטו אומברענגען פון א פוסגייער און א רייטער ביז אן אקס, אייזל און א שעפס. און די, וואס וועלן אנטלויפן און זיך אויפהויבן צו די פעסטונגען פון אפק, זאלסטו איבער זיי איינווארפן די מויער פון שטאט און זיי זאלן צע־טרעטן ווערן. און די לעצטע, וואס וועלן ארויסקריכן פון אונטער די חורבות, זאלסטו פארלענדן מיט דער שארף פון דער שווערד, אז קיין איבערבלייב פון ארם זאל נישט ליגן צופוסנס מיין לאנד.

אחאב האט ארויפגעקוקט צו דער זון, וואס האט זיך געשפיגלט אין די קופערנע קיווערס פון זיינע קריגסלייט. די היץ איז געווען אזוי פלאקערנדיק, אז די בלויקייט אין הימל האט געגליט. פון הינטער א צעריסענעם וואלקן איז

אַנגעלאָפֿן א רויבפויגל איבער זיין רייטוואָגן און באלד אוועקגעפלאַטערט צו די הויכע בערג, וואָס האָבן זיך געבויגן צום סוף וועלט. דער מלך האָט אויסגע־שטרעקט זיין האנט צו די פעסטונגען פון אפֿק און געזאָגט:

— אין דער ערשטער מלחמה האָב איך אָפּגעהאַקט דעם עק פון אַרם; אין דער צווייטער מלחמה וועל איך צעברעכן דעם גאַנצן האַרן, וואָרן א מאַן פון באטרוג איז זייער הערשער בן הדר.

די הויפלייט האָבן געוואוסט, אז דאָס רעדט דער געטלעכער מאַן דורכן מויל פון מלך. אלקנה השמעי, דער הויפטמאַן איבער די בויגנציער האָט דער־ציילט, אז מיט טעג פריער האָט צו אחאָב'ן זיך דערנענטערט דער באָרוועסער מכיהו און געזאָגט, אז דער האַר פון הימל און ערד, וואָס פירט אַלע חיילות, וועט איבערגעבן אין זיין האנט דעם גרויסן המון פון די אַרמים, ווייל זיי האָבן נישט מורא געהאט צו שפעטן אונטערן אָפענעם הימל: א גאָט פון בערג איז יהוה, און נישט א גאָט פון טאָלן.

איתמר האָט צעטיילט דאָס חייל צו דעם הויכן לאנד, ביז נאָך בית־רחוב אין צפון און אין דער נידער, ביז אַראָפּ, צו גשור. די פוסגייער און רייטער זענען אריבער דעם ירדן און זיך אויסגעשפרייט ביי לא־דבר און בית־ארבל, אריינצונעמען די אַרמים ווי אין א ניסנקנאקער. נאָך דעם ווי די כהנים האָבן ארויסגעפירט דעם אָרון פון בונד מיט גאָט, האָט איתמר איבערגעגעבן די מחנה פיילנשיסער צו אלקנה השמעי, און תרשי'ן מיט אחיעזר'ן האָט ער געשטעלט פאר די רייטוועגענער. ווען די זון האָט זיך גענויגט צו מערב, האָט די שלאכט געפלאַקערט אין די פיר עקן וועלט, און דורך די וואָלקנס שטויב זענען פאַרויס־געלאָפן די פיילנשיסער און אָנגעצויגן די בויגנס צו די קעפּ פון די אַרמים, וואָס זענען געלעגן אויף זייערע בייכער אין די טאָלן. אין דעם גרויסן געיעג איז אלקנה השמעי געבליבן הינטערשטעליק. תרשי, וואָס האָט געטריבן די רייטוועגענער, איז אים פארבייגעריטן ווי א שטורעמווינט. זיין פערד, וואָס האָט אָנגעטון פליגלען, האָט געפלאַטערט העכער פון דער ערד, און מיט אמאָל איז די רייט־חיה שטיין געבליבן אויף די פאָדערשטע פיס פאר א לאנגער גרוב, וואו די ערשטע געפאַלענע, מיט אויפגעריסענע בייכער, האָבן זיך געוויקט אין בלוט.

דאָס פייפעריי פון די פיילן האָט געטריבן די איבערגעשראָקענע שלעפּ־חיות פון שונא צו די ערד־אויסהוילן. די שלאכטמענער האָבן זיך געטראָגן אויף די פיינט, אָבער די אַרמים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט א שטאַרקן אָרעם, אזוי לאנג ווי די פערד פון איתמר'ס רייטער האָבן זיי נישט צעטרעטן אין שטויב. יענע, וואָס האָבן זיך שוין געוואָלגערט צופוסנס די רעדער פון די

רייטוועגענער, האָבן נאָך אויסגעשטרעקט זייערע שפּיזן צו די, וואָס זענען געקומען זיי בינדן אין קייטן.

פון מזרח און פון צפון האָבן זיך גערוקט מחנות פוסגייער און בויגנציער; פון מערב זענען אָנגעלאָפן די שווערע רייטוועגענער און פון דרום זענען אָנגעקומען די לויפער מיט בראַנדהעלצער. און דאָס גאַנצע חייל האָט איינגעקלעמט די אַרמים אין אַ רינג. פון די בערג, הינטער זיי, האָבן זיך געעפנט שטיינער־שליידערער און עס האָט געהאָגלט מיט צעקרישלטע פעלזן. דאָס וואָס די שטיינער האָבן נישט געטויט, האָבן די שפּיזן דערשטאָכן און די שווערדן האָבן פאַרלענדט. דער פלאַמענדיקער הימל אין מערב איז פאַרטונקלט געוואָרן פון רויך און שטויב, און דאָס ליכט פון טאָג איז אויפגעגאַנגען אין דעם ווייטן אויסבייג. פאַר די רייטוועגענער האָט זיך געטראָגן אחיעזר. זיין שטערן איז געווען באַדעקט מיט שטויב, די אויגן האָבן געבליצט, זיין אייפערדיק קול האָט נישט באַפוילן נאָר געבעטן:

— פּאָרויס, רייטער מיינע! פּאָרויס וואַרט דער נצחון און פון הינטן לויערט דער טויט!

פון הינטן האָט געלויערט טויט, אָבער תרשי, וואָס האָט נאָכגעריטן הינטער אים, האָט געוואוסט, אַז אַ פעלד־האַר בעט נישט, נאָר באַפעלט, און ער האָט הילכיק גערופן:

— איר, שלאַכטמענער פון ישראל! דרייסטע פון שומרון! גיבורים פון אפרים! לויפט פאָרויס און וואַרפט־איין די פעסטונגגראָבנס פון ארם, אזוי ווי עס האָט באַפוילן דער מלך, און גרויס וועט זיין אייער באַלוינונג!

ביים סוף פון טאָג, ווען די בהלה איז געוואָרן גרעסער און די וואָלקנס שטויב געדיכטער, אונטער דעם גליענדיקן פלאַמפייער פון דער אויסגייענדיקער זון, איז די האַנט פון ארם געווען אויפן נאַקן פון ישראל. איתמר, וואָס האָט געשוואוירן צו געפינען דעם אַנטלאָפענעם אָסף בן עודד אין דעם לאַגער פון פיינט, האָט זיך געטראָגן אויף זיין פערד אַרום די ערדוואַלן און פעסטונגגראָבנס הינטער די בערגלעך מיט גראָז. צוואַנציק רייטער אין וואָפנקליידער זענען אים נאָכגעריטן, אָבער זיין הארץ האָט געשטורעמט. אין דעם דאָזיקן אָרט, וואָס איז געווען גוט ווי אַ פיטערפּלאַץ פאַר שאָף, פאַלן אַציינד קעפּ און דער זאַמד איז איינגעווייקט אין בלוט. — האָט ער געזאָגט. — נאָך איין קאָפּ וועט ער אויפהויבן אויף דער שאַרף פון זיין שפּיז, איידער ער וועט זיך אומקערן מיט נצחון אין טויער פון שטאָט. דער באַגער אויפצושטעכן אָסף'ס קאָפּ אויף דער ערשטער מויער האָט אים געזאָלט שטאַרקן, אָבער איבער זיין גוף איז דורכגעלאָפן אַ ציטער. עס איז געווען דער ציטער פון אַנגסט און נישט פון שטאָלץ.

ער האָט דערהערט דעם רוף פון בלוט און זיך געטראָגן מיט זיינע רייטער צו די טונקעלע בערגלעך און היילן, צו זוכן דעם ביטערן שונא אין זיין באהעל־טעניש. ער איז צוגעקומען צו א פעלז, פון וואנען מען האָט געקאָנט זען דאָס ליכט פון געציילטע פאקלען אין א ווייטן טאָל. ער האָט אָפּגעשטעלט זיינע באַגלייטער. די פאקלטרעגער אין דער נידער האָבן אָנגעצונדן א פארדאכט אין זיינע אויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט א האנט און שטיל געזאָגט:

— זייערע פאקלען זענען ווי א ברענענדיקער וואלד, וואָס אונדזערע שווערדן וועלן ווי א שטורעמדיקער טייך אויסלעשן. פאָרויס לויפט און שלאָגט זיי אין די בייכער און פּנימער! זיי זענען שליחים פון שונא און מיר זענען מער אין צאָל — צוויי צו איינעם. גייט, איך וועל דאָ בלייבן לויערן אויף דעם נידערטרעכטיקן אָסף בן עודד.

די רייטער זענען אראָפּ אין טאָל. און דער באגער נאָך נקמה האָט אָנגע־פילט איתמר׳ס הארץ מיט א זיסן האַס. ער האָט געהאט א פארלאַנג צו דער־שטיקן אָסף׳ן לאנגזאם, לאנגזאם און קוקן אים טיף אין די אויגן אריין. ער האָט געהאט א לוסט ארומצובינדן אָסף׳ס האלדז מיט זיין אייגענער בייטש, וואָס האָט פריער געשמיסן די זעלנער פון ישראל, און ווארטן ביז זיין נשמה וועט אויסגיין ווי א קנויט אין א ליידיקן איילאָמפּ. ווי משוגע בין איך גע־ווען, —האָט ער געטראכט,— ווען איך האָב ארויסגעלאָזט תורתונא׳ן פון מיינע הענט דעמאָלט ווען אָסף׳ס רוביונגען האָבן זיך באוויזן. עס איז געווען ווילד צו מיינען, אז גבורה און נצחון קאָנען קומען אָן איר. איך האָב געטראכט פון דעם מלך און פון געטריישאפט, און פארגעסן, אז די זיכערקייט איז פארלוירן אָן דער דאָזיקער פרוי ביי מיין רעכטער האנט. איך האָב גענומען תורתונא׳ן אזוי ווי עס האָט באפוילן דער קעניג און דאָס געזעץ אין ישראל, אָבער איך בין בלינד געוואָרן אין יענער רגע, ווען אָסף׳ס שליחים, די פּלישתים, זענען אריין אין טויער. אָ, האַר פון דער וועלט, גאָט פון ישראל, ברען מיין לייב, צאַפּ־אויס דאָס בלוט אין מיינע אָדערן, טריקן־אויס דעם מאַרך אין מיינע ביי־נער, אָבער דערלאָז נישט, אז דער מאַן פון באַטרוג אין אונדזער מחנה זאָל אומריין מאכן די דאָזיקע פרוי.

דאָס הארץ איז נאָך געווען אָנגעלאָדן מיט האַס, ווען פּלוצים האָט דער שאָל פון א טרומייט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. זיין פערד איז אויפגעשפרונגען און זיך א קער געטון הינטערוויילעכץ. אין דעם ווייכן זאַמד האָבן געקלאפּט די טריט פון אן אָנלויפנדיקן פערד. דער רייטער איז געווען אחיעזר. זיין קופּערנער קיווער איז געווען ארויפגערוקט איבערן קאָפּ־שיידל; די אויגן זענען געווען היציק און די וואונד אויפן שטערן איז אציינד געווען רוי־טער. די ברוסט זיינע איז געווען געשיצט פונעם פאנצער, אָבער פון זיין האַ־

ריקן אָרעם האָט גערונען בלוט. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין שפּיז צום טאָל און א געשריי געטון:

— דאָרט!

אונטן, אין פּלאַכלאַנד, האָבן איתמר׳ס רייטער געפּאַכטן מיט די פאַקל־טרעגער. דאָס זענען געווען פּריסטער פון אַרם, וואָס האָבן געפירט גאָלדענע געצן און בלאָטערס פון בראָנז אין דעם לאַגער פון בן הדד׳ן, צו שטאַרקן זיינע קריגער. זיי זענען געווען אין מיטן וועג ווען די רייטער זענען זיי באַפאַלן און צעהאַקט די געצן און זיי פאַרלענדט מיט די נאַקעטע שווערדן. די געשרייען פון פיין און די זיפצן פון גסיסה אין טאָל זענען ארויפגעגאַנגען ביז צו די באַרגשפּיצן. איתמר האָט אַראָפּגעשיקט אחיעזרן אין דער נידער און געקוקט ווי זיינע רייטער פאַרלענדן אַלץ וואָס קומט אונטער דער שווערד. די איבער־געשראָקענע האָבן שפּרינגענדיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רייטער און צע־טראָטן די אַרמים. איין איינציקער אַרמי, מיט א ברענענדיקן פאַקל אין האַנט, האָט זיך ארויסגעריסן פון פייער און בלוט און ער איז אַנטלאָפן מיט א צע־שניטן לייב אויפן וועג צום הויכן לאַנד וואָס פירט צו קיר־דמשק. ער איז אָבער ווייט נישט דערלאָפן; צופוסנס א הויכן פעלז איז ער געפאַלן פון אחיעזר׳ס שפּיז.

איתמר האָט א שטויס געטון זיין פערד נענטער צום פעלז וואָס איבער די ערדוואַלן. דאָס געשטאַנק פון רויך און פאַרברענטע לייבער האָט זיך געטראָגן פון דער נידער. די געצן זענען געווען צעשמעטערט און זייערע טרעגער — פאַרטיליקט. די שליחים פון טויט זענען געפאַלן, אָבער בן הדד׳ס צווייטע גרויסע מחנה האָט ערשט געלאַגערט אין די פעסטונגגראָבנס הינטער גשור, און זיי מוזן געשלאָגן ווערן מיט א גרויסן שלאַג, איידער די לבנה וועט אויפגיין. אין מערב האָט די פלאַקערנדיקע זון נאָך געברענט די נאַקנס פון די פעלזיקע בערג. די וועלט, וואָס האָט זיך ארויסגעשיילט פון דעם ליכט פון טאָג, איז געווען איינגעהילט אין א מוראַדיקער שריפה. איתמר האָט זיך געוואונדערט וואָס זיין קנעכט אשבעל איז נאָך נישט צוריקגעקומען. צו אלקנה השמעי האָט ער אים געשיקט אָנזאָגן, ער זאָל פאַרהאַלטן זיינע פיילנשיסער ביז דער לעצ־טער שטראַל זון וועט אויסגעלאָשן ווערן, און דעמאָלט וועלן די פוסגייער און די רייטער און די בויגנציער איינקלעמען בן הדד׳ס מחנה אזוי ווי אין א פייַ־ערדיקן רייף. דער טאָג גייט־אויס, אָבער אשבעל איז נישטאָ. איז זיין קנעכט געפאַלן אין וועג?

איתמר האָט אַראָפּגעקוקט אין טאָל. זיינע רייטער האָבן געזוכט אין די קליידער פון די אַרמים און ארויסגעצויגן גאָלדענע רינגען, זילבערנע האַלדז־קייטן, און די קולות פון פרייד האָבן געשריגן צום הימל. פּלוצים האָט ער דער־

ש. א י ז ב אָ ן

הערט הינטער זיך טריט פון א לויפנדיקן פערד. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. עס איז ווידער אמאָל געווען אחיעזר. דאָס בלוט פון זיין אָרעם איז געוואַן אָפּגעווישט, די שפּיז אראָפּגעלאָזט און אין דעם גליענדיקן קופּער פון זיין ברוסטשילד האָט געפלאַמט א שטיק זון. ער האָט אָנגעוויזן צום טאָל און געשריגן:

— מיר האָבן צו־וויניק פאַרטיליקט!

איתמר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו די צפון־בערג, ווי ער וואָלט גערופן הינטער זיך גאַנץ ישראל:

— אויף אָפּק! די שלאַכט הייבט זיך ערשט אָן!

ב

אויף די טורעמס פון אַפּק האָבן אויפגעבלאָזן די טרומייטן. זיבן שטייערנע קעפּ פון די געצן זענען געהאנגען איבער דער הויכער, פאָדערשטער וואנט פון דער פעסטונגשטאָט, וואָס האָט פון צפון־זייט אַראָפּגעקוקט צום לאַנד גולן. אירע הינטערשטע מויערן האָבן זיך אויפגעהויבן אריבער בית־ארבל און לא־דבר, און אַקעגן איר רוקן האָט אין דער נידער זיך געשפּיגלט דער ים כנרת. אין די טויערן, וואָס זענען געווען אויסגעדרייט צו די פיר ווינקלען פון דער וועלט, זענען געשטאַנען בן הדד׳ס וועכטער מיט שפּיזן און ברוסטשילדן און אַראָפּגעקוקט צום ברוקענעם לאַנד הינטער חמת, וואו אין די ערד־אויסהוילן האָבן די קריגער פון ישראל געוואַרט אז די זון זאָל אויסגיין.

אין דעם גרויסן הויף פון דער פעסטונג, איז אין דער שעה פון שקיעה געווען א גערודער. פון די שטאַלן זענען אויפגעגאנגען שווערע ריחות פון פערד־אַפּפאַל. לאנגע רייען מיט ארמים, אין זייערע וואַפנקליידער, זענען געשטאנען גרייט צו הערכן די באַפעלן פון די הויפּטלייט. די טרומייטן האָבן ווידער אמאָל אויפגעשאַלט און די טאָג־וועכטער זענען אָפּגעטראָטן צו לאָזן אָרט פאר די שומרים פון דער נאכט.

פארביי די זיילן, אין הויף, האָבן צוויי שווארצע קנעכט אין איילעניש דורכגעטראָגן א הייבשטול, באַדעקט מיט א בלוי־גילדענעם געוואנט. די צעטומלטע וועכטער האָבן געוואָלט אָפּשטעלן די קנעכט, וואָס האָבן זיך דערנעגטערט אזוי דרייסט צו דער קאמער וואו דער מלך בן הדד, דער חייל־פירער רוט, אָבער די טרעגער האָבן אין גאנג געקוקט אויף זיי מיט בליקן פון פאראַכטונג, און אן עלטסטער, געוויקסיק ווי א ריז, האָט מיט א האַנט־צייכן געלאָזט וויסן, אז דאָ קומט א חשובער גאסט פון ווייט, וואָס פאר אים איז דעם קעניגס טויער קיינמאָל נישט פארמאכט.

די קנעכט האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם הייבשטול פאר א קופּערנעם טויער, און עס איז ארויסגעקומען מלכיאל בן רם. ער איז געווען הויך און ברייט, און ווי שטענדיק, האָט פון זיין געלער באָרד געבלאָזן דער דופט פון פרישן זאַלב.

ער האָט געטראָגן א רויטן מאַנטל, אויסגעמאָלן מיט קייטן, שאַרבנס און ביי־נער — אַ צייכן, אז דער רייכסטער הענדלער פון שקלאַפן מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן שטאַרקע און שוואַכע מלכים, וואָרום אויך קרוינען בייגן זיך פאר די, וואָס ציילן גאָלד.

אין דער קאַמער פון אונטערשטן מויער איז בן הדד געזעסן און אראָפּגע־קוקט אויף דער שלאַכט אין טאָל. זיין רו־קאַמער איז געווען ארומגערינגלט מיט שויץ־ווענט און הויכע מאַמאריסקן־ביימער האָבן אַנגעוואָרפן אַ שאָטן אויף דעם גליענדיקן מויער. דער שקלאַפנהענדלער איז האַסטיק דורכגעגאַנגען די הויכע זיילן און אַ זעלנער האָט, לויפנדיק פאָרויס, אָפּגעטריבן איטלעכן ווע־טער וואָס איז אנטקעגנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער שפּיז. ווען מלכיאל איז שוין געשטאַנען ביי די טורעם־טרעפּ, האָט אַן אַלטער מאַן זיך איינגעבויגן פּאר אים ביז צום בויך־נאַפּל. זיין קין איז געווען אויסגעשוירן, אַזוי ווי דער שטייגער ביי הימלזעער און גייסטבאַשווערער, און פון זיינע אויערן האָבן נאָכ־געהאַנגען גאָלדענע רינגען. די באַקן האָבן געהאַט לויזע פאַלדן, אין די אויגן האָבן געברענט פייערלעך פון שלעכטס.

— מיינע גערעדעים האָבן זיך איבערגערדרייט, ווען איך האָב דיך געזען אָנקומען דורך די זיילן, — האָט ער געזאָגט. — דיינע טריט קלינגען ווי די קייטן פון טויזנט שקלאַפן. דער, וואָס רעגירט איבער די פיר ווינקלען פון דער וועלט, וואונדערט זיך און פרעגט: ווער איז דער מאַן וואָס קומט צום קעניג ווען אים געפעלט, און נישט ווען דער הערשער שטרעקט־אויס צו אים זיין צעפּטער?

מלכיאל׳ס ברייט מויל מיט די שאַרפע ציין האָט ביטער געלאַכט. אויף זיין שטערן איז געווען גרימצאָרן.

— טרעט־אָפּ, אַלטער מאַן, — האָט ער בייז גערעדט, — דיינע רייד זענען ווי דאָס גערויש פון בינען אין מיינע אויערן. טרעט־אָפּ! ווען דו שטייסט נישט ביים קעניגס טיר, וואָלט איך דיך פאַרטריבן ווי א קרעציקן בעטלער.

— איך בין אחימן, דער אויפקויפער פון די קנעכט ביים הערשער פון אָרם! — האָט דער אַלטער זיך אויסגעגלייכט און אַ געשריי געטון. — איך בין איינער פון די צען הענדלער וואָס וואַרטן אויף די געפאַנגענע פון ישראל. אונד־זער גאָלד איז שוין ביי די שאַצמייסטערס אין טורעם. און ווער ביזטו, שווינד־לער, וואָס דו קומסט פון דעם פיינטס לאַנד אַנצובאָטן אַן אוצר בן הדד׳ן? ווער דו ביזט נישט, וויים, אז אויב דער קעניג וועט דיך אריינלאָזן נאָך דער שלאַכט, וועסטו אַ העלפט פון די שקלאַפן מוזן אונדז אָפּגעבן.

מיין קנעכט איז נישט מיט מיר, ער זאָל אוועקטרייבן די אָפּנאַרערס און שנאָרערס, וואָס שטייען מיר אין וועג, — האָט מלכיאל געזאָגט מיט שפּאָט. — דו ביזט אַלט און נאַריש, וועל איך דיר ווייזן, אז גאָלד און זילבער איז נישט

מער ווי שטויב פאר מיינע פיס. נעם, בעטלער, דו וואס לויערסט ביים קעניגס טיר!

און ער האט ארויסגעשלעפט פון זיין מאנטל־פאלד א פולע האנט מיט גאלדענע האלדז־שנירלעך און קייטעלעך, און דאס צירונג געווארפן צו זיינע פיס. איבער דעם אומגעריכטן געשאנק, זענען די ליפן ביים זקן געבליבן שטום און ער האט אליין אריינגעפירט מלכיאל'ן אין דעם קעניגס קאמער.

בן הדד איז געזעסן אויף א הויכן געלעגער, אונטערגעבעט מיט ווייכע געוואנטן, אן די ראטגעבער ביי זיין רעכטער האנט. אן איילאמפ האט געברענט און אויף די ווענט זענען געווען אויסגעהאנגען קאלירטע טולן און שלייערס. פון א ווינקל איז אויפגעגאנגען ווייהרויך, ווי דא וואלט געווען א רו־ארט פון א לוסטיקן מלך וואס ווארט אויף זיינע הארעם־פרויען און נישט א טורעם, וואו א קריגספירער איז גייציק נאך דעם נצחון פון זיינע שלאכטמענער. דער קעניגלעכער מאנטל איז געהאנגען לויז אויף זיין קורצן ברייטן גוף. מיט די פינגער האט ער געגלעט דאס שנירל האלדז־בארד. צוויי קנעכט האבן מיט פאלמע־צווייגן געקילט זיין צעהיצט לייב. ווי נאר דער זקן איז אריינגעקומען, האט ער זיך אנידערגעווארפן צו דער ערד און מיט דער צונג געלעקט דעם שטויב פאר דעם קעניגס פיס. ער איז געשפרונגען ווי א פראש ארום זיין געלעגער, וואס איז געווען דורכגעזאפט מיט ריחות פון מירע, און אין איילעניש האט ער גערעדט:

— איך האב געוואלט פארהאלטן דעם פרעמדן הענדלער, וואס איז געקומען אויסנארן דעם רויב פון דער מלחמה. אבער ער האט מער מאכט פון א הויפטמאן, און די וועכטער לאזן אראפ די שפיזן ווען ער באווייזט זיך אין טורעם.

בן הדד האט מיט א האנט־הויב איינגעשטילט דעם היציקן זקן.

— ער איז מיין גאסט, אחימן, — האט ער געזאגט, — און זיין בייטל איז פול. אויף א טראגשטול האבן אים די קנעכט געברענגט צו מיר און דו ביזט ווי א הארנשלאנג אונטער זיינע פיאטעס. טרעט אפ, אחימן. דו ביזט אלט און ארעם. דיין זילבער איז נישט גענוג צו קויפן קייטן פאר מיינע ערשטע הונדערט קנעכט.

דער אלטער מאן איז ווידער געשפרונגען ארום בן הדד'ס געלעגער און מיט זיין מויל געריניקט די ערד פאר די פיס פון זיין הערשער. דער קעניג האט א געשריי געטון:

— קוק אויף מיר!

דער קניענדיקער זקן, מיט דעם קאפ איינגעקוועטשט צווישן די אקסלען, האט געקוקט אויף אים. דעם הערשערס געשטאלט איז געווארן העכער אין זיי־

נע אויגן. אונטערן שיין פון דעם איילאָמפּ האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון האַלב־געץ, האַלב־מאַן און זיין צאָרנדיק פּנים האָט געברענט ווי אַ גליענדיקע קויל. פון גרויס הכנעה האָט אחימן אַצינד געקלאַפּט דעם שטערן אָן דער ערד און אויסגערופן:

— דו ביזט העכער פון אַלע הערשער אין די פיר ווינקלען פון דער ערד, קעניג מיינער!

און ער האָט, ווי אַ געשלאָגענער הונט, זיך אַרויסגעשאַרט פון דער קאַמער. בן הדד האָט זיך אַ קער געטון צו מלכיאל׳ן:

— ווי אַזוי ביזטו דורכגעגאַנגען צווישן אַלע קריגסלייט און דיין קאָפּ איז נישט געלעכערט פון פיילן?

— איך בין פלינקער פון דיינע בויגנציער — האָט מלכיאל בן רם געלאַכט.

— דער טאָל איז פול מיט הרוגים. דו האָסט געקאָנט הענגען אויף דער שאַרף פון אַ שפּיז.

— סכנה איז ווי לופט און וואַסער פאַר אַ קנעכטהענדלער, קעניג פון אַרם!

— נישט סכנה, נאָר פאַרלענדונג האָט געוואַרט אויף דיר. דיין לייב האָט געקאָנט צעמאָלן ווערן פון אַ רייטוואָגן. דו ביזט אַ גיבור אָן אַ שווערד, מלכיאל בן רם; און אויב אין דיין האַרץ איז נישטאָ קיין פּחד פאַרן טויט, וועל איך דיך אַריינפירן צו מיינע געטרייע שאַצמייסטערס און מיין צונג וועט ווערן לויזער. וויפל גאָלד האָסטו געבערענגט פאַר יעדן קאָפּ פון ישראל?

— איך צאָל די ווערט פון איטלעכן שטאַרקן קנעכט. און די געפאַנגענע מוזן שטיין פאַר מיינע אויגן. איך וועל וואַרטן אויף דיין זאַקרויב ביז צום סוף פון טאָג.

— מיינע קריגסלייט זענען אכזרים, זיי לאָזן נישט קיין גראָז אונטער זייערע פיס. גלויבסטו נישט, אַז דער נצחון וועט קומען איידער די זון וועט אַראָפּגיין פון באַרג?

מלכיאל איז נישט צום ערשטן מאָל געשטאַנען פאַר אַ קעניג אַ רימער, און ער איז נישט געפאַלן ביי זיך פון חוצפּהדיקע רייד. מיט דעם זעלבן פעסטן קול האָט ער גערעדט צו ריכטער, פירשטן און זייערע דינער:

— איך מעסט נישט די גבורה פון מלכים, איך צייל זייערע שקלאַפן.

— ביזט האַרט ווי דיינע קייטן, הענדלער פון ישראל. האָב איך דיר דען נישט געוויזן מיינע רייטער, מיינע פוסגייער און מיינע בויגנציער נאָך איידער איך האָב אַרויסגעפירט מיין חייל אין מלחמה?

בן הדד׳ס ליפּן האָבן גערעדט אמת. מלכיאל בן רם האָט נישט פאַרגעסן ווי דער אַרמי האָט פאַר אים איבערגעציילט זיין חייל. עס איז געווען אין די טעג, ווען די אַרמים האָבן באַפעסטיקט די איינגענומענע שטיקער לאַנד פון

ישראל און פון יענער זייט ירדן, און זיי האָבן זיך נאָר געשראָקן צו באַלאַגערן שומרון. בן הדד האָט געפירט מלחמה מיט די שבטים פון אראַבער אין דעם טיפן מדבר דמשק, הינטער קרנים, און מלכיאל האָט געוואַרט אָפּצוקויפן זיין פעטן זאַקרויב. יעדער געפאַנגענער מדבר־רויבער איז אַ שטאַרקער קנעכט, אָן אַ פעלער אויפן לייב, און מלכים אליין קומען זיי אויסקלייבן אויף די מערק. דעריבער האָט מלכיאל דעם הערשער פון אַרם געהייסן טיפער אַריינגיין אין מדבר, ווייל ער וועט שלאָגן אַ גרויסן שלאַק. און נישט פאַרלענדן די אַראַבער זאָל ער — האָט מלכיאל געזאָגט — נאָר לאָזן אָנטון אויף זיי זיינע קייטן. בן הדד איז צוריקגעקומען אין טויער פון שטאָט מיט די געפאַנגענע שווערדנפעכ־טער, מיט זייערע קעמלען, רויב און שאַף און געקושט מלכיאל'ן: רוף אָן דאָס געשאַנק וואָס דיין הארץ גלוסט און עס וועט דיר געגעבן ווערן — האָט ער גע־זאָגט. — דו האָסט היינט שטאַרק געמאַכט אַרם! און דער קנעכטהענדלער, וואָס האָט געוואוסט, אַז בן הדד וועט שפּעטער אַרויפגיין אויף שומרון, האָט געזאָגט: אויב איך בין ווערט דיין געשאַנק, ווייז מיר דיין מאַכט, קעניג פון אַרם! זאָל די גבורה פון דיינע שלאַכטמענער שטענדיק שטיין פאַר מיינע אויגן, ווייל זיי האָבן געפאַנגען די הערשער פון מדבר! און בן הדד האָט גע־ענטפערט: דו ביזט ווערט צו זען מיין שטאַרקן אַרעם! דיין צונג האָט גע־רעדט נביאות איידער איך בין אַרויס מלחמה האַלטן אין מדבר!

און ווען מלכיאל בן רם האָט אָפּגעקויפט די שקלאַפן, האָבן די קרינגסלייט פון בן הדד'ן זיך פאַרבייגעטראָגן פאַרן טויער פון פּאַלאַץ. דער קעניג איז געזעסן ביי די טרעפּ אויף זיין גאָלדענעם שטול, מיט אַ געלערנטן טיגער ביי זיינע פיס. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געלויף פון די שלאַכטמענער מיט זייערע ברוסטשילדן, די שפּיזנוואַרפער מיט זייערע מעסערס, די פיילנשיסער מיט זייערע בויגנס. עס זענען געפלויגן די רייטוועגענער און דאָס ליכט פון בליציקע שווערדן האָט אַרויסגעשיינט פון די געדיכטע וואָלקנס שטויב. האָט מלכיאל בן רם, וואָס האָט געשאַצט אַ שלאַכטמאַן פון היינט ווי אַ קנעכט פון מאָרגן, געזען דאָס וואָס עס האָט נישט געקאָנט זען דער מלך פון ישראל. ער האָט געזען, אַז די פּנימער פון די לויפנדיקע זעלנער שמעלצן זיך פון אייל און זיי זענען אַזוי פעט, אַז אין מיטן געלויף פעלט זיי אויס דער אָטעם, און אַלע האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר דעם זאַטן הערשער ווי אַ האַרדע אָקסן. און די זעלנער פון די ווייטע שטעט זענען געווען קויטיק און פון זייערע לייבער האָבן געבלאָזן ריחות פון שטאַלן; זייערע בייכער זענען געווען געשוואָלן און די אויגן אָנגעצונדן. ביי פיל האָבן געפעלט שפּיזן. די פאָדערשטע רייטוועגענער זענען געווען אַלט און ביי די הינטערשטע זענען די רעדער געווען צעבראָכן. זעכציק מאָל זעכציק טויזנט האָט מלכיאל איבערגעציילט, און ביים סוף פון טאָג האָט

בן הדד געפרעגט דעם קנעכטהענדלער: האָסטו געזען מיין מאַכט? און מלכיאל האָט געענטפערט: דו ביזט דער שטאַרקסטער מלך אין דעם לאַנד פון בארג און טאָל, און אצינד ווייס איך פאַרוואָס דיינע געטרייע רופן דיך „הערשער פון די פיר ווינקלען פון דער ערד״.

אין יענער נאַכט האָט מלכיאל אַרויסגעפירט זיינע קנעכט פון אַרם. אויפן דריטן טאָג איז ער געקומען צו אַחאָב׳ן און געזאָגט: שרעק זיך נישט, מלך פון ישראל. דאָס חייל פון אַרם זענען די שוואַכסטע קריגסלייט אונטער דער זון. דו וועסט די אַרמים שלאָגן מיט א גרויסן שלאַק! אין אַחאָב האָט באַפוילן די וועכטער צו האַלטן אָפן פאַר מלכיאל׳ן די טויערן פון זיין פאַלאַץ ביים ליכט פון דער זון און ביים ליכט פון דער לבנה, וויל נישט נאָר איז ער געקומען רייך מאַכן דעם מלכ׳ס אוצר, ער האָט אויך פאַר אים אויסגעשפּירט אין דעם לאַגער פון שונא.

א יאָר איז פאַרביי. אַחאָב האָט פאַרלענדט די אַרמים אין די בערג און געברענגט נצחון פאַר ישראל. און היינט שטייט ער, מלכיאל בן רם, ווידער פאַר דעם געשלאָגענעם בן הדד און רעדט צו אים שלויע רייד. איז ער א נאַר, אָדער א פאַראומגליקער פון זיין פאָלק? האָט ער נישט געזען פון זיין טורעם ווי זיינע קריגסלייט באָדן זיך אין בלוט? ווען די זון וועט אַראָפּגיין פון באַרג, וועט נישט זיין ווער עס זאָל אָנצינדן די פאַקלען אין שטאָט; עס וועט זיך אויסלעשן דער טאָג און קומען וועט די נאַכט, און בן הדד וועט אָנטון א זאַק אויף זיינע לענדן און שיטן אַש אויף זיין קאָפּ און פאַלן אויף די קני פאַר זיינע געצן און יאָמערן: מיינע שטעט האָב איך צעשטערט און מיינע קריגער האָב איך געטויט! ווי א שפּין אין איר געוועב זיצט בן הדד און ווי א שפּין וועט ער צעטראָטן ווערן. אַן אָרעמער מלך איז ווי א פאַרשווענדער, וואָס וויל איינשטעלן אויף גרויסע געווינסן, אָבער אין זיין גאָלדקאַמער איז נישטאָ גענוג שקלים צו באַצאָלן דעם געווינער נאָכן פאַרלירן.

און ווי מלכיאל בן רם איז געווען פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, האָט בן הדד זיך אַרויסגעהויבן פון זיינע געוואַנטן. זיין געשטאַלט איז געווען פול און רונדיק און זיינע דינע פיס אין די גאָלדענע סאַנדאַלן האָבן קוים געשלעפּט דעם שווערן גוף, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— ביזט האַרט אַזוי ווי דיינע קייטן, — האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט, — און דו ביזט קאַרג ווי א פוקס. אָבער איך וועל דיך נישט אַרויסלאָזן פון טורעם איידער דו וועסט אָפּוועגן גענוג גאָלד פאַר די ערשטע צוויי טויזנט קנעכט.

— ביז צום סוף פון טאָג וועל איך וואַרטן, קעניג! — האָט מלכיאל פאַרעקשנט גערעדט. — און די געפאַנגענע קנעכט וועלן מוזן שטיין פאַר מיינע אויגן.

— וואו האָסטו געלאָזן דאָס גאָלד? — האָט בן הדד געפרעגט.

— די זעק, אָנגעלאָדן אויף קעמלען, שטייען צווישן ביידע לאַגערן פון די קריגער. ווער עס איז נענטער צום נצחון — איז נענטער צום גאָלד.

בן הדד איז אריין אין גרימצאָרן:

— הייס דיינע קנעכט אריינפירן די קעמלען!

— ביים סוף פון טאָג, קעניג, אויב דער נצחון וועט זיין דיינער.

ביי בן הדד'ן האָבן די קינבאַקן אויפגעפלאַמט און דאָס בלוט האָט פאַר־גאָסן די אויגן, אָבער ער האָט באַלד דערשטיקט זיין כעס. ווער נאָך ווי ער ווייס ווי צו קילן די אָדערן פון הארטנעקיקע מענער? ווייַן צינדט דאָס בלוט פון זכר, אָבער אין די אָרעמס פון אַ האַרעמווייב ווערט דער גיבור אַ שוואַכלינג. די בעסטע פון זיינע לוסטפרויען וועט ער הייסן ברענגען צו דעם, וואָס קאָן בינדן מענטשן אין קייטן. מלכיאל בן רם וועט איינדרימלען אויף דעם בוזים פון אַ פרוי ווי אַ זייגלינג, און ער וועט נישט רעדן פרעכע רייד צום מלך, וואָס רעגירט איבער די דריי מלוכות פון פדן־ארם, חמת און דמשק, און דאָס גאָלד וועט ער אָפּוועגן נאָך איידער די שלאַכט אין טאָל וועט אריבער.

און בן הדד האָט זיך איינגעבויגן צו מלכיאל'ן און אריינגעפליסטערט אין זיין אויער:

— אין טאָל ברענט, אָבער דער ווייַן האָט אָנגעוואַרעמט מיינע געדערים און איך וויל אַצינד גיין צו מיינע פרויען. קום מיט מיר, מלכיאל. דאָס פייער אין שלאַכט און דאָס פייער אין דער שויס פון אַ פרוי איז איינס. די פאַרגעניגנס פון דער וועלט זענען נישט פאַרבאָטן פאַר דיר, וואָס זענען געבוירן צו הערשן. דו ביזט מיין גאַסט, מלכיאל, און איך וועל נישט זיין פאַרשעמט אַז דו וועסט דיר נעמען דאָס שענסטע לוסטווייב, וואָרן זי וועט דיך זעטיקן מיט ליבע. קום, איך וויל זען ווי אַ שטאַרקער מאַן פון ישראל האָט פאַרגעניגן מיט אַ פרוי פון אַרם.

אָבער מלכיאל בן רם האָט זיך איינגעבויגן:

— אין מיינע יאָרן האָט אַ העגדלער פאַרגעניגן פון טרייבן קנעכט און לאַסט־חיות — האָט ער געזאָגט.

— דאָס געפינט מען אזויפיל און נאָך מער אויף די מערק!

— קנעכט און לאַסט־חיות קריגט מען נישט שטענדיק גענוג אויף די מערק, —האָט מלכיאל געלאַכט, — פרויען יאָ.

אָבער בן הדד האָט גערופן אַ וועכטער און געהייסן גיך שיקן אַ יעוונוך נאָך יובבה, די שיינע לוסטפרוי פון זיין קאַמער, און מיט זיין גאַסט האָט ער זיך שטום געריי צט: וועלכער געזונטער מאַן מיט לוסט אין די אברים וועט פאַרטרייבן אַ הייסע האַרעמווייב? און מלכיאל, וואָס האָט געמעגט אַנטקעגנ־

ריידן מלכים, אים האָבן מיט אמאָל אויסגעפּעלט רייד, און ער האָט געטראַכט: דער דאָזיקער תּם! זיין לאַגער אונטן ברענט, דאָס חייל בראָט זיך אין פלאַ־מען, די רעדער פון די רייטוועגענער דונערן, פיילן פליען, אָבער ער וויל פאַר־געסן זיין מפּלה אין בוזים פון א לוסטווייב. אויף די חורבות פון זיין שטאָט וועט אזא מלך זיצן און זיך רימען: איך בין דער זון פון די געטער! די וועלט איז מיין קעניגרייך!

ווען די לוסטיקע יובבה איז אריינגעקומען, באַגלייט פון א יעוונוך, איז זי געווען איינגעהילט אין דינע קאָלירטע שלייערן, און אירע אָרעמס און קני זע־נען געווען באַדעקט מיט בליציקע גלעקעלעך און רינגען. אין גרויס געאייל האָט מען זי אריינגעפירט אין דעם טורעם, און איר האָריז איז געווען דערשראָקן. זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר איר האַר מיט אַן אָפּגעדעקטן בויך, צו געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, אָבער דער קעניג האָט מיט פאַרזיגלטע ליפּן איר אָנגעוויזן אויף זיין גאַסט, און די געהאַרכזאַמע דינסט האָט פאַרשטאַנען דעם ווילן פון איר געביטער. זי, וואָס האָט שטענדיק געזען ארום זיך נאָר יעוונוכן און דעם קעניג, האָט אצינד א פריילעכע זיך דערנענטערט צו דעם פרעמדן, שטרענגן מאַן מיט דער געלער דופטיקער באָרד. זי האָט אויסגעשפּרייט אירע הענט, ברוינע ווי די הויט פון איילבירטן, און געוויגט מיט אירע שענקלען און זיך געבעטן:

— נעם מיך אריין אין דיינע אָרעמס, פרעמדער מאַן. זאָל דיין קראַפט אריינפליסן אין מיין בלוט, אזוי ווי דער טוי פליסט אריין אין דעם בעכער פון ... גיב מיר דיין היץ און דיין פייער! ליב מיך אזוי ווי א דינסט וויל געליבט ווערן פון איר האַר.

אָבער מלכיאל האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעטריבן פון זיך די לוסטיקע פרוי, וואָס האָט געקאָנט פאַרפירן א מלך און א הענדלער. איילנדיק צו דער טיר, האָט ער אָפּגעשטויסן דעם יעוונוך און א געשריי געטון:

— איך וועל נישט קומען מער אין אָפּק!

דער יעוונוך איז אנידערגעפאַלן צו דער ערד. די אָפּגעדעקטע טענצערין איז געשטאַנען פאַרשעמט, און דער מלך פון אַרם האָט געלאַכט אויף אַלע ציין:

— דו וועסט צוריקקומען אין דעם לאַנד, ווייל וועד עס פאַרזוכט מיינע פרוכטן און טרינקט דאָס וואַסער פון מיינע קוואַלן און רירט־אָן דאָס וואַרעמע לייב פון מיין לוסטפרוי, דער קאָן מער נישט האָבן קיין פאַרגעניגן פון אַנדערע פרוכטן און פון אַנדערע קוואַלן און פון אַנדערע פרויען.

דער קנעכטהענדלער איז געשטאַנען ביים ארויסגאַנג. נאָך קיינמאָל פריער האָט אין אים נישט געברענט אזא האַס צו א געפאַלענעם הערשער ווי אין דער דאָזיקער רגע. קאָן עס זיין, אז ער איז שוין בן הדד׳ס געפאַנגענער? ער האָט

געוואַלט אויפפראַלן די קופערנע טיר, אָבער צוויי קנעכט מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן זענען אויסגעוואַקסן. אנטלויף! — האָט א שטים אים געוואָרנט. — אַנטלויף פון דער פלאַמענדיקער ערד! די אָרמים טראָגן אין זיך די זאָמען פון טויט!

א קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זיין שטערן און שאַרבן, און ער האָט דערשפּירט דעם פּחד פאַר דער אומגעזעענער סכנה. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו בן הדד'ן און זיין צונג איז געוואָרן ווייכער:

— איך וועל וואַרטן אין הויף ביז עס וועט קומען דיין נצחון, מלך, און מיינע קנעכט וועלן אריינפירן די קעמלען מיט גאָלד.

אָבער בן הדד האָט לאַנג געהאַלטן אויף אים זיינע בריענדיקע אויגן, ווי איינער וואָס ווייס די סודות פון דער וועלט, נאָר ער וועט זיי נישט אויסזאָגן, און ער האָט באַפוילן די שפּיזנטרעגער:

— זעצט אים אריין אין טראָגשטול, אזוי ווי יעדן גאַסט פון מלך, אָבער לאָזט נישט די קנעכט אים ארויספירן פון טויער! היט אים! זיין קאָפּ איז מיין משכון!

ג

דער קנעכטהענדלער איז ארויס דורך איין קאמער, און דער שלאַכטמאַן אָסף בן עודד, איז אריין דורך א צווייטער קאמער. ער האָט געטראָגן זיין ברוסטשילד און קופערנעם קיווער, און דער שוויים איז פון אים גערונען. די קורצע שווערד האָט געפּעלט ביי זיינע לענדן, אָבער די בייטש האָט ער נישט ארויסגעלאָזט פון האנט. הינטער אים איז נאָכגעגאנגען ששן, בן הדד׳ס הויפטמאַן, אין צעריסענע וואָפנקליידער. ער איז געווען הויך, ביינִיק, מיט א הויט הארט ווי א לעדער. זיין נאָז איז געווען אויסגעבויגן ווי א האָרן און די אויגן גרין, ווי דער ים אין באגינען. ער איז געגאנגען אונטערטעניק און אָסף האָט געשפּרייזט פעסט, שטרענג, ווי א קריגסמאן וואָס האָט אָקאָרשט מיט א שטורעם איינגענומען א פעסטונג. ער האָט גערעדט מיט צאָרן:

— צוועלף הויפטלייט פעלן אין לאגער, צופוסנס דעם טורעם, די צוועלף וואָס זאָלן נאָך היינט געווינען די מלחמה פאר דעם קעניג. וועלן פאלן זייערע קעפּ, וועט פאלן ארם. גיי פאָרויס, ששן! דו וועסט ענטפערן דיין האר פאר דיינע צעריסענע קליידער און פאר דיינע פארלוירענע שלאכטמענער.

אין קאמער איז בן הדד נישט געווען. זיי האָבן אים געטראָפן שטיין צווישן די זיילן פון דער אויבערשטער טורעם־וואנט. ער האָט טרויעריק אראָפּגעקוקט אין טאָל, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין פלאמען. די גאנצע ערד האָט זיך געטרונקען אין א מבול פון בלוט און פייער. בן הדד איז אצינד געווען איינגעהילט אין א טונקעלן דעקטוך, און דאָס שיטערע שנירל האָלדז־באָרד איז געווען פארשטעלט פון דעם ברייטן קאַפּטוך, באַזוימט מיט גאָלדענע פעדים. דער גרימצאָרן האָט געגעסן זיין הארץ. נאָך איידער אָסף בן עודד מיט דעם הויפּטמאַן האָבן זיך דערנענטערט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אראָפּגעוואָרפן זיין דעקטוך, און דער הויפטמאַן האָט געזען ווי זיין קעניג טראָגט מלחמה־קליידער, מיט א שווערד ביי די לענדן.

— מיין לויפער איז פלינקער פון מיין הויפטמאַן צו ברענגען די בשורה פון אומגליק — האָט ער געזאָגט.

די קעניגין איזבל

ער האָט מיט שפּאָט געקוקט אויף דעם ערשטן פון זיינע קריגסלייט, וואָס איז אצינד געווען נידעריקער פון דעם לעצטן קנעכט.

— מיינע הויפּטלייט, וואָס פעלן, —האָט ער געפרעגט,— זענען זיי טויט?

דער געבויגענער ארמי האָט געשוויגן.

— די האָרנס מיט ווײַן! —האָט ער הילכיקער געזעדט.— האָט מען זיי ארויסגענומען פון זייערע געצעלטן?

ביים הויפּטמאַן זענען די ליפּן געווען שטום.

— די זונות! —האָט זיין קול געדונערט— האָט מען זיי פאַרטריבן?

דער הערשער פון אַרם האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם, וואָס איז גרייט געווען צו קושן זיין שטויב, און קאַלטע אנגסטן זענען אים פּלוצים באַפאַלן. אונטער דעם פייער פון ברענענדיקן הימל, — ווי שוואַך זענען די דאָזיקע וואָס דאַרפן היטן זיין קרוין! —האָט ער געטראַכט.— זיי האָבן אויסגעטרינקט בלוט אויף ווײַן און גבורה אויף פּחדנות. ווי אַנדערש איז די קראַפט פון די קריגער פון ישראל! זיי רירן נישט אָן קיין ווײַן־האָרן און האַלדזן נישט קיין פרויען פאַר אַ שלאַכט, און זייער גאָט, צי ער איז דער האַר פון בערג, צי דער האַר פון טאָלן — ער שטייט ביי זייער צוקאָפּנס! אַ שטיל געלעכטער האָט זיך געוואָרגן אין זיין האַלדז. ווי ווייניק ער ווייס פון זיינע פיינט. ערשט פריער, האָט ער געוואָלט שוואַך מאַכן דעם קנעכט־העדלער מיט אַ פרייליכער שפּיל־ווייב, אָבער דער הארטנעקיקער האָט אויסגעקליבן געפאַנגענשאַפט אַנשטאָט דערנידעריקונג.

בן הדד האָט מיט די פינגער אָפּגעווישט דעם שוים פון זיינע ליפּן. ער האָט מיט דעם עלנבויגן אַ שטויס געגעבן דעם הויפּטמאַן. זיינע אויגן האָבן געבריט ווי הייסע שפּיזן.

— וויפל זענען געבליבן לעבן?

— קיין איינער נישט, מיין האַר קעניג! — האָט ששן, אַ געבויגענער, געענטפערט.

— זענען זייערע לייבער צעשניטן?

— דאָס פייער האָט זיי פאַרברענט.

— פייער צופוסנס מיין טורעם?

דער הויפּטמאַן האָט זיך איינגעבויגן נידעריקער, זיין שטים איז געוואָרן שטילער:

— אויף רייטוועגענער זענען די קריגער פון ישראל דורכגעלאָפן אונדזער מחנה, ווי זיילן פייער וואָלטן אראָפּגעקומען פון הימל, און זיי האָבן געוואָרפן ברענענדיקע פאַקלען פאַרוים. די געצעלטן פון די פירשטן זענען אויפגעגאַנגען

אין פלאַמען. די, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסלויפן אין פעלד, האָבן די רעדער זיי צעטראָטן און די שווערדן האָבן זיי פאַרלענדט.

בן הדד'ס געשריי האָט זיך געטראָגן איבערן טורעם פון איין וואַנט צו דער אַנדערער:

— וואָס פאַר א סוף פאַר די פירשטן פון אַרם! ווי געבונדענע פערד אין די שטאַלן האָט מען זיי פאַרלענדט. איצינד איז מיין פעסטונגשטאָט אָפן פאַר די פיילן פון שונא!

זיינע געשרייען זענען געוואָרן ווילדער. פון די עפענונגען אין דער אויבערשטער מויער האָבן וועכטער אַרויסגעשטרעקט די קעפּ; קנעכט האָבן זיך געשטעלט הינטער זיילן און טירן און נייגעריק נאָכגעקוקט דעם דערצאָרנטן מלך, וואָס איז געלאָפן הין און צוריק. ער האָט נישט געקאָנט דערשטיקן דעם שטורעם אין זיין האַרץ. זיינע ציין זענען געווען פאַרקריצט, די נאָזלעכער האָבן געציטערט און ער האָט זיך צעברומט:

— ברענג צוועלף לויפערס, ששן, פון די וואָס שטייען אויפן שיידוועג ביי אָפק, און שיק זיי אַרויס זיי זאָלן טון אַזוי און נאָך מער צו די פירשטן פון ישראל! און דו אַליין וועסט רייטן פאַרויס פאַר זיי, ששן. דו האָסט פאַרלוירן מיינע בעסטע הויפּטלייט און דו פאַרדינסט נישט אזא כבוד. אָבער איך באַלוין שטענדיק אַן אַלטן קריגסמאַן מיט טויט אין א שלאַכט.

און ער האָט פאַרטריבן פון זיך דעם הויפּטמאַן, און מיט לאַכנדיקע ציין זיך אויסגעדרייט צו אָסף בן עודד'ן, וואָס איז שווייגעוודיק געשטאַנען הינטער אים.

— און דו, גערונגענער עמוני, וואָס נעכטן האָסטו מלחמה געהאַלטן פאַר ישראל און היינט פאַר אַרם, פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט, צי טו איך רעכט צו מיינע געטרייע?

אויף די דאָזיקע רייד האָט אָסף געוואַרט. בן הדד'ס געפאַר איז זיין סכנה, און דעם מלכ'ס טויט קאָן קאָסטן זיין קאָפּ. אַז דער איבערגעשראָקענער הערשער האָט אים גערופן, וועט ער אים א ראָט געבן. ווי נאָר צוויי וועכטער האָבן אַרויסגעפירט דעם געבויגענעם ששן, האָט אָסף געזאָגט:

— שיק זיי נישט צום טויט, קעניג! דיינע לויפערס זענען שוואַכער פון דיינע רייטערס. ישראל'ס רייטוועגענער וועלן זיי ביי די טויערן צעמאָלן. איך האָב דיינע לאַנדפירשטן געוואָרנט, אַז דיינע קריגער זענען זאַט געוואָרן; זייערע בייכער זענען פעט, און זיי גייען אַרויס אין מלחמה מיט פריילעכע אויגן, אַזוי ווי צום הויז פון פאַרגעניגן. שיק זיי נישט צום טויט. איך וויל זיי נישט זען פאַלן פון די ערשטע פיילן.

ביי בן הדד'ן האָבן זיך די קינבאַקן געבלאָזן.

— דער טורעם איז אָפּן, —האָט ער געברומט,— די פּיילן וועלן באַלד לעכערן מײַן העכסטן מויער. צי האָב איך אַמאָל געגלויבט, אַז דער לאַגער פון ישראל וועט אַרויפקומען אין מײַן שטאָט?

— איך וועל זיי אָפּהאַלטן! — האָט אָסף בן עודד אַ געשריי געטון.

בן הדד האָט זיך געשטעלט אַזוי נאָענט צו אָסף'ן, אַז זײַן שווערער אָטעם האָט געבלאָזן אויף אים.

— האַלט נישט קיין סוד פאַר דעם וואָס קאָן אַרײַנקוקן אין אַלע הערצער, רעד! ווי אַזוי קאָנסטו אָפּשטעלן אַ היישעריק אונטער אַ ברענענדיקן הימל?

אָסף בן עודד האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, און איידער ער האָט גע־עפנט זײַנע ליפּן, האָט דער מלך אַ ברום געטון: וואַרט! ווײַל ער האָט דער־הערט אַ פאַרדעכטיק גערויש. פון די פיר זײַטן האָט זיך געטראָגן אַ מוראדיקער גערודער, וואָס איז געוואָרן שטורעמדיקער און ברויזנדיקער, אַזוי ווי טויזנטער רייטוועגענער וואָלטן געפאָרן אונטער דער ערד און זי געשפּאָלטן אין צווייען. אין יענער רגע איז דער הימל געוואָרן נאָך טונקעלער און די זון האָט אויסגע־לאָשן איר לעצטן פלאָם. דערנאָך האָט פון דער ווײַט דער ים גענומען רוישן, אָבער עס האָט קיין ווינט נישט געבלאָזן. אוראַלטע, פאַרבאָרגענע קוואַלן האָבן פּלוצים גענומען שפּריצן. אַ ברומעניש פון די טיפסטע טיפענישן האָט צע־טרייסלט אַלץ, וואָס איז געווען אויפן פּנים פון דער ערד: מויערן זענען גע־פאַלן און געלענדערס זענען צעקרישלט געוואָרן. אַ פײַער האָט זיך אויפגע־הויבן און אײַנגעשלונגען ביידלעך, פערד און רייטוועגענער, וואָס האָבן ווי שפּענדלעך זיך געוויגט אין דער ברענענדיקער לופט. און דער מלך פון ארם האָט געזען ווי דער טורעם הינטער אים האָט זיך אַ שאָקל געטון. די וועכטער ביי די זיילן זענען אויפגעשפּרונגען און מיט פּחד זיך אָנגעהויבן צוריקציען, אָבער די שטיינער הינטער די פיס האָבן זיך נישט אײַנגעבראָכן.

אונטן, אין נידעריקן לאַנד, האָבן הײַזער, וואַך־שטיבער און געצעלטן גע־קראַכט. די ערשטע וואַנט, וואָס האָט ווי אַ פאַנצער פאַרשטעלט די שטאָט, איז אײַנגעפאַלן ווי אַ הויפן ברוכוואַרג. דערנאָך איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי דער אָטעם פון דער וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צאַרנדיקע ערד האָט זיך באַרואיקט. אַ שטילקייט, וואָס קומט פון טיפסטן אָפּגרונט, איז געהאַנגען אין דער גליענדיקער לופט, און פון דער שטילקייט אַרויס האָט זיך אויפגעהויבן אַ דערשראָקן קול, דאָס קול פון בן הדד'ן:

— דער גאָט פון מלחמה איז מיט זיי!

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אָסף'ן מיט אַ ביטערן געלעכטער פון אַ מענטש, וואָס פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד אין דער רגע פון יאוש.

— און אַצינד זאָג מיר, קאָנסטו נאָך אָפּהאַלטן דעם מבול פון פײַער?

— איך װעל זײ אָפּהאַלטן! — האָט דער גערודונגענער קריגסמאַן הילכיק אויסגערופן.

אָסף׳ס זיכערקײט, װען טויט און פאַרװיסטונג איז שוין בײ דער טיר, האָט בײ בן הדד׳ן פונדאַסנײ אויפגעװעקט א גרימצאָרן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט און געטרײסלט זײנע שטאַרקע אַקסלען:

— רעד, אײדער איך װעל הײסן דײן צונג אויסשנײדן!

— איך האָב א געפאַנגענע פרוי מיט זיך, —האָט אָסף בן עודד געפּליסטערט,— א טײערער פאַנג פון שומרון. זי איז געװען א דינסט אין אַחאָב׳ס טעמפּל, אָבער הײנט איז זי מער װערט פאַר דעם קריגספירער פון ישראל װי די קרוין פון זײן קעניג. איך װעל זי אַרויפשטעלן אויפן שפּיץ טורעם און זי װײזן פאַר דעם, װאָס האָט געברענגט פײער אויף דײן שטאָט. עס װעט זײן איר טויט פאַר זײן נצחון. װעט ער זיך דערנענטערן צו די מויערן, װעל איך זי אַראָפּװאַרפן אין אָפּגרונט, און איר שײנער קאָפּ װעט צעשמעטערט װערן אָן די שטײנער פון דעם הויז.

בײ בן הדד׳ן האָבן די שמאָלע ברײענדיקע אויגן זיך איבערגעקערט, און ער האָט געקוקט אויף אים מיט א דול פּנים. באַלד האָט ער אויפגעציטערט פון װילדן פרײד. צװײ משכנות האַלט ער אין זײן שמײג: דעם רײכן קנעכטהענדלער און די ערשטע דינסט בײם מלך פון ישראל. זענען זײערע קעפּ אזוי פיל װערט, אז דער הערשער פון ישראל װעט צוריקציען זײנע קריגער און אויסלעשן דאָס פײער אין שטאָט? אָסף איז פאַרטריבן געװאָרן פון שומרון און געקומען אהער איז ער ברענגען נצחון פאַר אַרם, אז ער זאָל דערנאָך קאָנען צוריקגײן און אײננעמען אַחאָב׳ס פּאַלאַץ. ער האָט געברענגט שטאַרקע קריגער פון פּלשת און פון עמון, אָבער ער האָט פאַרשפּעטיקט די ערשטע שלאַכט. פאַרװאָס זאָל ער אויך אים, דעם פאַרלירער, נישט האַלטן פאַר א משכון? מיט דרײ טײערע קעפּ אין געפאַנגענשאַפט קאָן א געשלאָגענער הערשער רעדן צום זיגער שטאַרקע רײד און נישט בעטן רחמנות אויף די קני. אין זײן מוח איז געװאָרן א װירבל־װינט. דער טורעם ברענט, אָבער די מלוכה איז נאָך גאַנץ. בן הדד! פאַרהיט דײן קרוין אײדער עס װערט צו־שפּעט! די פרעמדע קריגער טאָרן נישט אַנפאַליען װי א הײשעריק איבערן לאַנד, און דו װעסט קאָנען בלײבן בײ דער שמאַנט פון רינדער און בײ דער מילך פון שאָף; דו װעסט װידער עסן דאָס פעטס פון לעמער און די װידערס פון בשן און די בעק מיט נירנפעטס, און פון טרויבנבלוט װעסטו װידער טרינקען שוימיקן װײן.

בן הדד׳ס שװערער אָטעם האָט אָנגעיאָגט א היץ אויף אָסף׳ס פּנים. נישט אונטערגאַנג האָט אויף אים געװאָרט, נאָר דערהויבונג. דער פאַרלאַנג איז געװען אזוי האַסטיק װי די מחשבה, אָבער די צונג איז געװען אָפּגעהיט.

— ווען וועסטו ארויספירן דיין געפאנגענע אויפן שפיץ טורעם? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— דער קנעכט איז שוין אראָפּ אין דער קאמער נאָך איר.

— טו אזוי ווי עס פירן זיך די געשלאָגענע קריגסלייט אין דיין לאנד, — האָט בן הדד הינטערליסטיק געלאכט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט: — איין משכון קאָן ווערט זיין א צענטער גאָלד; צוויי משכנות זענען אזוי פיל וויפל דעם קעניגס אוצר.

— צוויי משכנות? — האָט אָסף א צעטומלטער געפרעגט.

— דעם קנעכטהענדלער מלכיאל בן רם האָב איך פריער געפאנגען.

אָסף בן עודד האָט ארויסגערוקט דעם רעכטן פוס, ווי ער האָט שטענדיק געטון אין א רגע פון אומגעריכטער געפאר. זיין אויער איז געווען ווי א שוואַם און זיין צונג שטרענג.

— באפריי אים, קעניג, —האָט ער געזאָגט.— מלכיאל איז נישט קיין מאן פון שווערד; ער קויפט קנעכט ביי אלע מלכים.

— ער האָט גערעדט צו מיר ווי איינער, וואָס שטייט הינטער די שטארקע.

אין ווי בן הדד האָט זיך גערוקט נענטער צו אים, האָט זיין אָטעם אויס־געלאָשן אָסף׳ס כעס. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב נאָך א דריטן משכון, און ער שטייט אצינד אוממעכטיק ווי א לעמפערט אָן נעגל.

— א דריטער משכון?

אָסף׳ס פנים איז פינצטער געוואָרן. ער האָט מער נישט געדארפט פרעגן. אויף א געבראָכענעם מויער איז ער געשטאנען פאר דעם איינזאמען הערשער, וואָס זיין הארץ ברענט מיט דעם סם פון נקמה און צווייפל. אליין איז ער אצינד מיט אים. א שווערד הענגט ביי זיינע לענדן און דער לעצטער וועכטער ווארט אויף זיינע באפעלן. בן הדד׳ס אויגן האָבן געגליט מיט א גרינעם פייער ווי ביי א ווילדער קאץ, זיינע ציין האָבן זיך געטרייסלט:

— איך האָב געוואָלט דאָס גאָלד פון שומרון און א גוטע מלחמה פאר מיינע קריגער, —האָט ער געזאָגט.— אָבער איך האָב פארגעסן צו נעמען ביי דיר א שבועה פון בלוט, אז דו וועסט נישט ברענגען קיין באטרוג אין מיין הויז, ווי אין דעם הויז פון ישראל׳ס מלך.

— ווי שטארק איז די שבועה וואָס א שלאכטמאן קאָן געבן? זענען דען נישט דעם קעניגס קריגער דער כוח וואָס ברענגט נצחון?

— מיינע זעלנער זענען רוויבוינגען און מיינע פירשטן ליגן באזויפענע מיט די שפּילווייבער. איין רייטער האָב איך געפונען צווישן מיינע קריגער. ער איז יונג, אָבער זיין לייב איז אומריין — נעמען הייסט ער. ער קאָן ברילן ווי

א לייב און צערייסן קייטן אויף זיינע ציין. איך שווער! אויב לעבן וועל איך בלייבן, — נאָך היינטיקן טאָג וועט ער פירן מיינע קריגסלייט אין א דריטער מלחמה!

אָסף האָט זיך געשטארקט און ווידער דערמאָנט בן הדד'ן:

— דעם קנעכטהענדלער מלכיאל בן רם, באפריי אים, קעניג. נישט מיט קיין שווערד איז ער צו דיר געקומען. ער שאצט און אכפּערט יעדן הערשער לויט דעם ווערט פון זיין מאכט.

— מיין מאכט! —האָט בן הדד א געשריי געטון.— וויפל ווערט האָט זי?

אָבער אָסף בן עודד האָט זיך מער נישט געשראָקן פאר דעם צעטומלטן קעניג, און ווידער גערעדט צו אים שטרענג, ווי עס איז געווען זיין שטייגער צו ריידן צו מלכים וואָס האלטן ביים פאלן:

— לאָז ארויס דעם מאן וואָס האָט קייטן און גאָלד. ער וועט קאָנען רעדן פרידן מיט אחאב'ן.

— פרידן? ווער האָט אונטערגעגעבן אָרם צו ישראל?

— דער וואָס קאָן פארלירן היינט די מלחמה, קאָן ארויסגיין א זיגער אין א נייער מלחמה. דער הערשער פון ישראל איז א מלך פון גנאָד; ער וועט נישט אָפּשניידן דעם קאָפּ פון א געפאנגענעם קעניג.

ביי בן הדד'ן האָבן די אָדערלעך אין די שלייפן געציטערט. דער וואָס איז אים געקומען שיצן, האָט אים איינגעשלאָסן אין א פייערדיקן ראָד און ער קאָן פון די פלאמען נישט ארויסשפרינגען. וועט ער פאלן, וועט ער ווי א קנעכט מוזן אויסבעטלען זיין נפש ביים קעניג פון ישראל. די ערד אונטער דעם טור־רעם ברענט און די מויערן וועלן באלד איינפאלן אויף אירע קריגער. פון יענעם זייט טויער האָבן זיך געטראָגן די זיפצן פון געפאלענע וועכטער. דער טאָג איז געווען אויסגעלאָשן און א שטיק קופערנע לבנה, מיט איין שטערן, איז לאנגזאם אויפגעגאנגען איבערן הימל, ווי אן עדות פון דער פארוויסטונג. בן הדד איז געווען צו־שוואך צו בעטן גבורה ביי די כוחות וואָס געוועלטיקן איבער אים, און ער האָט זיך א קער געטון צו אָסף'ן:

— פארהיט וויפל די שווערד קאָן פארהיטן.

— און מלכיאל בן רם?

— באפריי דעם קנעכטהענדלער און פיר ארויס אויפן טורעם די געפאנגענע!

ד

אָסף האָט געטראָפֿן תורתונאַ׳ן אויף איר געלעגער אין דער קאַמער פֿון איר געפֿאַנגענשאַפֿט. זי איז אַהין אַריינגעפֿירט געוואָרן פֿון זיינע וועכטער, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט: נישט אין קייטן, נאָר אין אַ הייבשטול, ווי אַ פּרינצעסין; און ווי אַ פּרינצעסין, האָט זי דעם שלאַכטמאַן געלאָזט לאַנג וואַרטן ביי איר טיר. ווען איר דינסט האָט אים דערנאָך אַריינגעלאָזט, זענען אירע אויגן מער נישט געווען רויט פֿון טרערן. זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און פֿאַרבויגן דעם פֿאָרהאַנג פֿון פּורפּור. די ווענט זענען געווען באַלויכטן פֿון אַ פֿיר־רעריקן אייללאָמפּ מיט בראָנזענע שלאַנגען. אירע ווייסע אַקסלען האָבן געבלענדט אַנטקעגן די זיידענע קישנס אויף דעם גילדענעם גזימס, וואָס איז געווען באַצירט מיט אויסגראַווירטע פֿייגל און ווערים. זי האָט אויפֿגעטורעמט אירע האָר אין אַ קנופּ מיט קרויזן און זיך צוגעדעקט ביזן האַלבן קערפּער מיט דעם רויטן טולענעם געוואַנט, און געבעטן די דינסט זאָל אַראָפּנעמען פֿונעם שטענדער אַ בעכער מיט דופּטיקע טראָפּנס און אַ שאָל מיט מירע, וואָס האָבן פֿאַר שמעקט דעם קאַמער.

און ווי תורתונאַ האָט געהאַלטן אין באַנעצן איר האַלדז און אירע אָרעמס מיט די דופּטיקע וואַסערלעך, האָט דער קריגסמאַן געקוקט אויף דער מיטלסטער וואַנט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט געמעלן פֿון פֿרויען אין מענער, ווי זיי טיילן פֿאַרגעניגן דורך באַהעפֿטונג און טוען־אָפּ אומווירדיקייטן אין הויף פֿאַר די אויגן פֿון מענטש און בהמה. דער שלאַכטמאַן איז געקומען אָן זיין בייטש, אָבער זיין צאָרן איז נישט געווען פֿאַרלאָשן. אַ שטרייט האָט ער געדאַרפֿט אויספֿעכטן, נישט מיט דער שווערד נאָר מיט דער צונג. די געמעלן, וואָס דער מלך דער לוסטיונג האָט געלאָזט אויסמאָלן, זענען געווען אַ שמאַך פֿאַר יעדן קריגער, אַז די אויגן זאָלן לאַנג רוען אויף זיי. ער האָט אויך אויסגעמיטן צו קוקן אויף דעם ווייסן אָפּבילד פֿון דער נאַקעטער געציין מלכום, וואָס האָט אַרויסגעבלענדט פֿון אַ ווינקל. געקומען איז ער אונטערטעניק מאַכן די פֿרוי,

וואָס איז געבליבן שטאָלץ אין איר געפאַנגענשאַפט. זי איז דאָ אַצינד געווען פול מיט לוסט, אַזוי ווי פריער אין שימרון. איר פול לייב האָט געשמעקט מיט שאַרפע דופטן, וואָס קאָנען פאַרשיכורן דעם שטאַרקסטן מאַן, אָבער געווירצן און מירע זענען נישט מער ווי א רויך פאַר די נאָזלעכער פון דעם האַרטנעקיקן שלאַכטמאַן. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געשיקט דעם קנעכט, ער זאָל דיך אַרויספירן אויפן טורעם. פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען?

זי האָט געלאַכט:

— די, וואָס קאָן אַליין באַפעלן מיט קנעכט, לאָזט זיך נישט פירן פון זיי.

— גיי אַראָפּ פון דיין געלעגער, תורתונא. איך אַליין בין געקומען נאָך דיר.

— דו האָסט מיך געפאַנגען, אָסף — האָט זי מיט נקמה גערעדט, — אָבער דו קאָנסט נישט הערשן איבער מיר. ווי קליין מוז זיין א שלאַכטמאַן וואָס שטייט פאַר זיינע געפאַנגענע אָן זיין בייטש.

— דו וועסט אַרויפגיין מיט מיר אויף דעם העכסטן מויער, און דו וועסט רעדן צו די קריגער פון ישראל רייד, וואָס איך וועל דיך הייסן ריידן.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט. אירע אויגן האָבן געלייענט זיינע סודות, דעריבער איז זי געווען פריי פון פּחד.

— די שטאָט איז באַלאַגערט אין דער סוף פון דער שלאַכט איז נאָענט, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב געהערט די דונערן פון איתמר׳ס רייטוועגענער און די פלאַמען פון זיינע פייער־וואַרפערס האָבן אויפגעלויכטן הינטער מיין פענצטער; און דאָס זאָג איך אַצינד צו דיר: נישט איך וועל דיך פאַרהיטן פון אונטערגאַנג. האָסט פאַרגעסן, אַז דיין געפאַנגענע איז די פרוי פון דעם קריגסמאַן, וואָס וועט נאָך היינט אָנטאָן קייטן אויף דיינע הענט!

ביי אָסף׳ן האָט דאָס האַרטע פּנים אויפגעפלאַמט.

— ווי א לוסטווייב ביזטו געקומען אין איזבל׳ס היף און א לוסטווייב ביזטו געבליבן! — האָט ער גערעדט מיט צאָרן. — דו טוסט תמיד וואָס שטאַרקע זכרים בעטן ביי דיר צו טון. דו קאָנסט אונטערקויפן א ריכטער און רייצן א הויפּהאַר, און דו קאָנסט אָנבאָטן פאַרגעניגן צו א רייכן הענדלער, וואָס בעטלט ביי דיר ליבע פאַר א בייטל מיט איידלשטיינער. אָבער פאָלגן מוזט, תורתונא, דעם שלאַכטמאַן פון קעניג, ווייל באַפעלן און נישט בעטן קומט ער.

די דאָזיקע רייד זענען געווען פאַלשע, ווייל ער האָט זיך שוין געטונקען אין שוויים פון פּחד. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אירע אויגן, וואָס האָבן אַצינד געהאַט שפּאָט און רחמנות. אָט דער גרויזאַמער מאַן איז שטענדיק געווען איינזאַם און אומגליקלעך. אים פעלט א פרוי וואָס זאָל זיך פרייען מיט

זיינע גבורות, טרינקען פון זיין וויין און זינקען אין זייגע אָרעמס, וואָרום לאַנג צוריק האָט איינע א פרוי, א געשטראָפטע מיט האַס, געמוזט פאַרוואונדן זיין הארץ, און די ביטערקייט רינט היינט אין זיין בלוט. די פאַרבאָרגענע קראַפט פון צויבער האָט פּלוצים אין תורתונא׳ן אויפגעוואַכט. מעג ער זיין ווי א פעלז אין זיין רייטוואָגן, אָבער אונטערן דאַך פון איר קאַמער איז ער ווי וואַקס, וואָס ווערט צעשמאָלצן אין פייער. זי האָט אים געוואָלט אויפרייצן, אָבער אירע ליפּן זענען געבליבן ווייך און זי האָט געפרעגט:

— וואָס באַפעלסטו, אָסף בן עודד?

— צו איתמר׳ן און זיינע רייטער זאָלסטו אַראָפּרעדן פון דעם טורעם, אַז ער זאָל צוריקציען זיין חייל פון די מויערן און זיך אומקערן אין פרידן ביז שומרון.

תורתונא האָט געשוויגן. זיין אונטערגאַנג האָט אַראָפּגעשריגן פון יעדן קער זיינעם: פון די טראָפּנס שווייס אויף זיין שטערן אונטער דעם קיווער, פון די ציטערדיקע קינבאַקן. ער האָט געוואָרנט, אָבער זיין קול איז געווען אומזיכער.

— אויב דו וועסט נישט רעדן מיינע רייד, וועסטו שטאַרבן, תורתונא, אין צוזאַמען מיט דיר וועט אומקומען איתמר. איך וועל דיך אַראָפּוואַרפן פון דעם טורעם און דאָס בלוט פון דיין שטאָלצן קאָפּ וועט באַשפּריצן די שטיינער פון דער ערד ביי זיינע פיס.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז תורתונא אַראָפּגעלאָפן פון איר געלעגער און זיך איינגעהילט אין א טייערן געוואַנט פון פורפור. דערנאָך האָט זי זיך געשטעלט פאַר אים מיט ברענענדיקן האַס אין איר שטורעמדיק הארץ און געזאָגט:

— דו, וואָס לעבסט נאָר צו זיין גרויזאַם צו אַנדערע, פאַרוואָס האָסטו נישט די ערע פון א שלאַכטמאַן אין דער רגע פון אונטערגאַנג? א קופּערנער פאַנצער פאַרשטעלט דיין הארץ און מיט בלינדקייט זענען געשלאָגן דיינע אויגן. זאָל איך גלויבן, אַז אויך פאַר דיין סוף איז אין דיר אויסגעלאָשן דער לעצטער פונק פון באַרעמהאַרציקייט?

— דו רעדסט צו א קריגער אן אכזר! טו, וואָס ער באַפעלט!

— קאָן דען א געפאַנגענע פרוי צווינגען א שלאַכטמאַן ווי איתמר צוריקצוציען זיין חייל ביי די טרעפּ פון נצחון?

— דו קאָנסט ווייך מאַכן שטאַרקע, תורתונא. דאָס האָבן שוין געטין פרויען פאַר דיר.

— וויפל ווייסטו וועגן פרויען, דו, וואָס ביסט קיינמאָל נישט געשטאַנען נאָענט צו הערן דעם ציטער פון א פרוים הארץ און צו זען א טרער פון איר ערשטן פיין?

— פרויען ווייסן נישט פון קיין פיין.

— גרויזאַמער!

— אַלע פרויען האָבן איין באַגער: צו טראָגן קינד־ער אין זייער טראַכט, און עס אַרט זיי נישט פון וועמען, פון אַ האַר צי פון אַ קנעכט.

— אויף איין רגע האָט זי צוגעשלאָסן די אויגן אויף צו באַריאָגן דעם נעפּל פון זיך. ערשט נעכטן האָבן זיינע ווערטער זי געפאַנגען, אָבער דער אונטערטע־ניקער איז היינט ער. זיין נאַקן ציטערט ווי די וואָל ביי אַ לאַם. ער וואָלט די דאָזיקע רייד אויך געזאָגט אויף די קני. אַלע געליבטע האָבן איבערגעלאָזט צייכנס אין תורתונא׳ס נשמה, און זי האָט געוואוסט וואָס צו נעמען ביי זיי, אין אַ וועלט, באַהערשט פון שטאַרקע מענער, מוז אַ פרוי ווערן גלייך מיט זיי. שפּילן זייער שפּיל און פאַר אַ צולאָג פאַנגען זיי אין דער נעץ, וואָס די געטער אַליין האָבן אַריינגעלייגט אין אירע הענט.

דער דופט פון אירע האָר האָט געבלאָזן אויף אים, און פון זיין לייב איז געקומען דער שווערער ריח פון שוויים. פון אים, דעם געשלאָגענעם, האָט זי אַצינד געהערט אַז די וועלט איז פּלוצים איינגעשרומפּן. אַ מדבר האָט פריער אָפּגעטיילט איתמר׳ן פון איר, אָבער אַצינד דערנענטערט ער זיך צו דער מויער. און תורתונא האָט געוואָלט פאַרציען אירע רייד אַזוי לאַנג ביז דער לעצטער פּלאַמפּייער וועט פאַלן אויף דעם טורעם און די קריגער פון ישראל וועלן איינ־נעמען די שטאָט.

— פאַרוואָס זאָלסטו בלייבן גרויזאַם צו דער, וואָס האָט דיך קיינמאָל נישט געהאַסט? —האָט זי גערעדט צאַרטע רייד.— ביים ראַנד פון אָפּגרונט בלייבט דיין האַרץ פאַרביטערט און דיין מוח פאַרנעפּלט. פאַרוואָס האָסטו פיינט די, וואָס האָט אַלע טעג באַוואונדערט דיין אומדערשראָקנקייט? ביידע זענען מיר היינט ווייט פון שומרון. איך, אַ טאָכטער פון אַשור, דו — אַ קריי־גער וואָס האָט ערשט נעכטן געדינט ישראל. אָבער ווי אַנדערש זענען אונדזערע באַגערן! איך וויל פאַרהיטן שומרון פון אומגליק און דו ווילסט זי צעשטערן. קוק אויף מיר, אָסף בן עודד! בין איך דען פון די דערשראָקענע, וואָס דאַרפן מורא האָבן פאַר מאַכטהאָבער? עס איז אמת, אַז איך קאָן רייצן אַ ריכטער און אַ הויפהאַר, אָבער דו האָסט קיינמאָל מיך נישט געהאַלטן אין דיינע אָרעמס. ווען דו האָסט מיך נישט געקאָנט קריגן דורך דיין פאַלשן פאַרמעט־בריוו, האָבן דיינע רויביונגען, די פּלישתים, מיך געפאַנגען. דו האָסט דאָך אַ פרייליכער געקאָנט געניסן פון מיין צערטלעכקייט, אָבער דו האָסט בעסער גע־וואָלט מיר נאָכגיין ווי אַ שווארצער שאָטן. פאַרוואָס האָסטו נישט גענוג גע־האַט מיך אַליין? פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען צו מיר פריער פון איתמר׳ן? איך האָב נאָך דיר נישט געבענקט, אָבער דו האָסט געקאָנט מיך מאַכן גליקלעך.

די קעניגין איזבל

— דיין צונג רעדט ליגן. קיין פרוי איז נישט גליקלעך איידער זי האלט איר מאן הינטער א שלאס, אין שטייג.

זי האט לוסטיק געלאכט:

— איך האלט דאס טירל פונעם שטייג אפן; מיינע מענער קאנען אריינפליען. זיי וועלן אבער צוריקקומען צו מיר, ווי געטרייע פייגל.

אסף האט געקוקט דורך דער אויפגעהויבענער פארהאנג צום פענצטער. דער הימל איז געווען טונקל. פון יענער זייט טורעם האט נאך געברענט פלאמען, צווישן די זיילן־גאלעריעס פון די אויבערשטע שטאקן האבן געאיילט דערשראקענע היפדינער. א פאר הינט זענען נאכגעלאפן. די רגע׳ס זענען געווארן אומענדלעך און די דונערן פון די לויפנדיקע רייטוועגענער הילכיקער. ער האט אריבערגעפירט די בליקן צום געהיימען ארויסגאנג, וואס האט געפירט צו די אונטערשטע קאמערן. די וועכטער האבן דארט געפעלט. דער שיין פון א פאקל האט ארויפגעווארפן א שאטן אויף דעם ווייסן אפבילד פון מלכום, און די געטין פון שטיין האט מיט אומצוטרוי געגאפט אויף אים.

— קום תורתונא, איך אייל זיך! —האט ער א געשריי געטון.— קום און רעד צו די קריגער פון ישראל!

— איך וועל נישט רעדן צו זיי רייד פון באטרוג!

— אין דעם לאנד פון וואנען מיר קומען, רעדן באטרוג די הויפהארן און די כהנים, די הויפטלייט און דעם קעניגס ראטגעבער. פון העכסטן ריכטער ביז צום קלענסטן וואלשערער — אלע רעדן פאלשקייט פאר גאלד און מאכט. געדענקסטו, תורתונא, דיין ערשטן באטרוג מיט דעם אנטרייבער פון דער קעניגינס רייטוואגן?

— עס איז דעמאלט געווען דער קעניגינס באפעל.

— אזוי ווי דעמאלט, אזוי היינט! דער וואס הערשט, באפעלט! ביים ערשטן באטרוג ביזטו איר געווען געטריי, אבער איזבל האט איר געטרייע אין טעמפל מיט שמיץ באלוינט. צי האט די מלכה דיך דען נישט געשמיסן פאר די אויגן פון אירע קנעכט? און צי ווילסטו היינט שטארבן פאר איזבל׳ן, אז דיין לייב זאל זיין א שפייז פאר די רויבפייגל אין מדבר?

מיט פאראכטונג האט זי זיך אפגערוקט פון דעם מאן וואס זי האט געהאסט און וואס איז געווען אזוי מיאוס, אז זי האט געוואלט שפייען אין די הארטע קינבאקן פון זיין בארעמלאז פנים. תורתונא איז געווען גענארט. איר נעץ איז געבליבן אן פאנג. פון איר לוסט איז געווארן מרויער. אזוינע מענער וואשן נישט אפ די טרערן פון פרויען און קינדער; זייערע שפיזן טרינקען בלוט און זייערע ליפן זויפן סם.

ש. איזבאַן

אָסף בן עודד האָט ווי א צאָרנדיקע חיה זיך גערוקט צו איר א שריט נאָך א שריט און געברומט:

— קום ארויף אויפן טורעם, תורתונא. ווען איתמר וועט אָפּפירן זיין חייל צום טויער פון שומרון, וועסטו ווידער זיין פריי. קום, וואָרום דיין קאָפּ איז פאר אים טייערער פון דער קרוין.

אָבער זי איז געשטאנען ווי א שטרענגע אָנקלאָגערין פאר דעם, וואָס איז אָן מורא פאר שטראָף און אָן אנגסט פאר נקמה. דאָס טייערע געוואנט האָט פאמעלעך זיך אראָפּגעשאָרט פון איר אַקסלען. דער ראָזער נאקן האָט גע־בלענדט. אירע אויגן האָבן געפלאקערט מיט א פייער, וואָס האָט געקאָנט פארברענען דעם האס און די גבורה פון אלע נידערטרעכטיקע.

— פארוואָס האָסטו מיך געפאנגען? — האָט זי שטיל געפרעגט. — צו שטילן דיינע פארבאָטענע לוסטן, וואָס זענען אלע טעג געווען דערשטיקט אין דיר, אָדער אויסקויפן זיך מיט מיר האָסטו געוואָלט פון די שטארקע, ווי א הענדלער קויפט זיך אויס מיט א זאק גאָלד פון א רויבער?

— די קנעכט וואַרטן, תורתונא, קום!

און ער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף איר ווי א לעמפּערט און איינגע־שלאָסן זי אין זיינע הענט, און מיט צוואנג זי אויפגעהויבן און ארויסגעטראָגן פון דער קאמער פאָרויס, צום גערויש פון די דונערדיקע רייטוועגענער. ביי די טויער־טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די אויבערשטע שטאָקן, האָט ער גערופן די איבערגעשראָקענע וועכטער, זיי זאָלן ברענגען קייטן.

ווען ער האָט אָנגעטון די אייזערנע רינגען אויף אירע הענט, האָט דער צאָרן אויף די וועכטער אין אים געברענט און ער האָט געשריגן:

— שקלאַפן און זין פון זונות! איר האָט היינט גאָרנישט געזען און גאָר־נישט געהערט אין דער דאָזיקער קאמער! טראָגט ארויף אויפן שפּיץ טורעם די פרוי, וואָרום זי גייט אויסלייזן דעם קעניגס קאָפּ וואָס אייערע שווערדן האָבן נישט געקאָנט שיצן!

ה

די נאכט האָט איינגעשלונגען דאָס ליכט פון דער וועלט, אָבער די גליענדיקע היץ אין דעם פלאכלאַנד האָט געברענט אַזוי ווי די זון אין האַלבן הימל, ווען איתמר איז געשטאַנען מיט זיין חייל ביי די מויערן פון אַפק. די פאַקלען אין שטאָט זענען געווען פאַרלאָשן. דער ווינט אין די בערג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צווייגן אויף די ביימער האָבן זיך נישט געוויגט און די קילע גערטנער זענען געווען פאַרוועלקט, ווי אַלע קוואַלן וואָלטן פּלוצים אויסגעטריקנט געוואָרן און דער היישעריק פון דרום־לאַנד וואָלט איינגעגעסן יעדן שפּראָץ אויף דער ערד. הינטער די קאַמערן פון בן הדד'ס הויז האָבן די באַוואוינער געליטן דאָרשט און זייערע שפּייזן זענען געווען באַדעקט מיט דעם שטויב פון די איינגעפאַלענע ווענט. דעם קעניגס הויז אויפן באַרג, האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ ווייסער שלאָס אַקעגן דעם בלייכן פייער פון דער לבנה, אָבער אַ העלפט פון דער אונטערשטער שטאָט איז געלעגן פאַרוויסט.

די באַוואוינער האָבן נישט געיאָמערט ווען זיי האָבן געזען די רייטוועגענער פון ישראל ביי די טויערן פון שטאָט, ווייל נישט אומגעריכט האָבן זיי זיך באַוויזן. פון אַ מבול פון פייער זענען די קריגער אַרויסגעשפּרונגען, צו שלאָגן מיט נקמה די אַרמים וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען איינצונעמען שומרון, אָבער פאַרטיליקט האָבן זיי אין וועג די פרידלעכע באַוואוינער אין די נידעריקע שטעט ביי בית־שאָן.

איתמר, אויף זיין פערד, האָט זיך אַרויסגעהויבן פון די ערדוואַלן. הינטער אים איז נאָכגעריטן זיין קנעכט און קאַפּ־היטער אשבעל. ער האָט געזען ווי זיין חייל האָט אַריינגענומען בן הדד'ס לעצטע מחנה אין אַ פייערדיקער צוואַנג. די פוסגייער זענען געווען אויסגעשטעלט צו דרום און די בויגנציער האָבן געלויערט אין מזרח, און די רייטוועגענער האָבן געוואַרט ביי דער מערב־וואַנט. פון צפון האָבן אויף זיין רוף געדאַרפט אָנקומען די לויפער מיט די בראַנדהעלצער, וואָרן אַפק, די שטאָט פון רויב, מוז אויפגיין ווי אַ פלאַמפייער

אין ווינט. צעברעכן זאָלסטו דעם האָרן פון אַרם! — האָט אין זיינע אויערן געקלונגען דער באַפעל פון מלך. די לבנה, באַגלייט פון שטערן, איז שוין געווען הויך אין הימל, און די נקמה פון פייער און בלוט האָט געברילט אין די הערצער פון זיינע קריגער. זיי זענען געקומען אַ שלאַכטהויז מאַכן אין דער שטאָט פון די פאַרדאַרבענע, וואָס זענען געווען צו־שוואַך צו שלאָגן דאָס חייל פון ישראל, אָבער אומדערבאַרעמדיק זענען זיי געווען צו פאַרברענען ישראל׳ס שייערן, הויפן און הייזער אינאיינעם מיט זייערע באַוואוינער, און זיי האָבן דאָרט געשאָכטן פון אַ זייגלינג ביז אַ זקן.

איתמר איז שטיל פאַרבייגעריטן אלקנה השמעי׳ן מיט זיינע פיילנשיסער, וואָס האָבן געלויערט אויף זייערע בייכער. ער האָט אַ שטויס געטון דאָס פערד און זיך אַרויפגעהויבן אויף אַ בערגל, ווי אויף אַ טורעם, און אַריבערגעקוקט ווי פון דער ווייטנס רוקן זיך אַרויס די פוסגייער פון די ערד־אויכהיילן מיט זייערע פאַרשטויבטע פאַנצערס און קופּערנע שפּיזן. ער האָט אַריבערגעטראָגן די אויגן צו די ערדוואַלן, וואו עס זענען געווען איינגעגראָבן די לויפערס. דער ווילן פון זיין האַרץ איז אַצינד געווען דער באַגער פון גאַנצן חייל. ער האָט נישט געדאַרפט איבערזאָגן די ווערטער: דאָס גאַנצע פלאַכלאַנד איז פאַר אייך אָפן! איר וועט אָנצינדן די בראַנדהעלצער און פאַרברענען די טורעמס און די שפּיצן מויערן און איר וועט אוועקלאָזן מיטן רויך די פעלדער פון אַ סטויג ביז צו די שטייענדיקע זאַנגען און פון אַ סאָד ביז אַן איילבירטגאָרטן! ווייל אַזוי ווי ער, איתמר, אַזוי האָבן זיינע קריגער געהערט די גרויזאַמקייטן, וואָס עס האָבן אָפּגעטון די אַרמים ווען זיי האָבן פאַרן זונאויפגאַנג זיך אַריינגעריסן אין די אומבאַשיצטע וואוינערטער. שליחים פון אבל־מחולה האָבן דערציילט, אַז אין איין דאָרף זענען די בני־אַרם מיט רייטוועגענער אַריינגעפאָרן אין די גאַסן און אַרויפגעכאַפּט די מענער, וואָס ביי די טויערן, אויף זייערע געשפּאַנען און זיי שטילערהייט דערשטיקט, אַז דאָס בלוט זאָל נישט רינען אויף די רעדער פון זייערע רייטוועגענער. די רייטער האָבן אויסגערויבט די הייזער און אומריין געמאַכט די פרויען און טעכטער, און זייערע פערד האָבן צעטרעטן די זקנים און קינדער, וואָס זענען נאָכגעלאָפן מיט שטיינער.

און די שליחים פון אבל־מחולה האָבן נאָך דערציילט, אַז אין אַ צווייטן דאָרף האָבן די שניטערס אָפּגעוואָרט דעם שונא ביים הויז פון די וואָלשערער, אָבער די פיילנוואַרפער האָבן מיט זייערע אָנגעצויגענע בויגנס דערוואָרגן די מורדים און דערנאָך צוגעבונדן די טויטע לייבער זייערע צו די עקן פון די פערד און מיט בייטשן זיי געטריבן איבער די וועגן, אַז דער פּחד זאָל פאַלן אויף די באַוואוינער. און אין אַ דריטן דאָרף זענען די אומדערשראָקענע בייגעקומען בן הדד׳ס קריגער און זיי אַראָפּגעשלעפּט פון די וועגענער און פערד און זיי פאַר־

שטיינערט. אָבער די נקמה פון די רוצחים, וואָס זענען געקומען נאָך זיי, איז געווען אזוי גרויס, אז די שטיינער אויפן וועג זענען געוואָרן פעט פון דעם מאַרך פון די געשפּאָלטענע קעפּ פון זקנים און די ברונימער זענען געוואָרן רויט פון דעם בלוט פון קליינע קינדער.

דער אָנגעזאַמלטער צאָרן און דאָס געשריי נאָך נקמה האָט אויפגעזאָפּט דאָס בלוט ביי אַלע קריגסלייט, אָבער איתמר האָט געוואַרט ביז די לבנה וועט לייכטן אזוי הויך, ווי ביי דער שלאַכט פון יהושוע אין טאָל פון אילון, אז אַפּ זאָל חרוב ווערן פון אונטער דער שיין פון הימל. ער האָט אויסגעדרייט זיין פערד צו אשבעל'ן, און אויף זיין צייכן האָט דער קנעכט גערופן הינטער זיך צוואַנציק געטרייע רייטער. איתמר האָט געוואוסט, אז דעם שונאס פּיילנ־וואַרפער זענען געבליבן פאַרשטעקט אין די אויסהוילן. זייערע נעסטן מוזן אויסגערויכערט ווערן איידער די ערשטע בראַנדהעלצער וועלן געוואָרפן ווערן אויף דער שטאָט. ער האָט אויפגעהויבן א האנט און די רייטער האָבן אים באַגלייט ביז צו א דורכגאנג פון שווארצע פעלזן, וואו פוןביידע זייטן זענען געשטאַנען געדיכטע ביימער מיט נידעריקע, שווערע צווייגן. אין דער פינצ־טער זענען די רייטער אראָפּגעשפּרונגען און געפירט די פערד ביי די לעדערנע צאַמען. פּלוצים האָט אשבעל געהערט א פאַרדעכטיקן גערויש. ער האָט נאָך נישט געהאַט געעפנט די ליפּן, ווי איתמר האָט באַפוילן די רייטער ארויפצוקריכן אויף די צווייגן פון די ביימער. אַן אויסגעצויגענער געוויין פון א שאקאַל האָט זיך פאַרטראָגן און א צווייטער שאַקאַל האָט געענטפערט. א דערשראָקענער אַרמי, מיט א בויגן, איז ארויסגעקומען פון א פעלזן־שפּאַלט. נאָך אים האָט זיך באַוויזן א צווייטער און א דריטער, און זייער צאָל איז געווען צוויי מאָל זיבן. איידער די אַרמים האָבן זיך ארומגעקוקט פון וואַנען דאָס געוויין פון די שאַקאַלן איז געקומען, האָבן טונקעלע געשטאַלטן אָנגעהויבן אראָפּצושפּרינגען פון די ביימער. די געשטאַלטן זענען אויסגעוואַקסן פון אַלע זייטן, פון אויבן, פון אונטן. עס איז פאַר די אַרמים נישט געבליבן קיין צייט אויף א ווידער־שטאַנד, ווייל זייערע העלדזער זענען געוואָרן איינגעקלאַמערט אין די קרעפטיקע פינגער, וואָס האָבן זיי געוואָרגן ביז זייער אָטעם איז אויסגעגאַנגען.

פון דער טונקלקייט ארויס האָט איתמר מיט זיינע רייטער זיך געהויבן העכ־בער איבער די שווארצע פעלזן, ביז זיי זענען ארויפגעקומען אויף א שפּיץ בארג, באַלויכטן פון דעם ווייסן לבנה־שיין. אין זאַטל האָט איתמר אויסגע־שטרעקט זיין קאָפּ און דערזען דעם טורעם פון בן הדד׳ס פעסטונג. די מעכ־טיקע מויערן זענען געשטאַנען נאַקעטע, פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. צופוסנס האָט זיך אויסגעשפּרייט דער טאָל, פאַרזייט מיט הרוגים וואָס זיין שווערד האָט פאַרלענדט. די לופט איז געווען ריין. דער רויך פון פייער האָט זיך אויסגע־

וועפּט און דער שטויב איז אויסגערונען. די פּיילן האָבן מער נישט געפּייפט, אָבער דאָס איז נישט געווען די שטילקייט פון סוף; אַ שטורעם האָט זיך געזאַמלט אונטערן הימל אָן וואָלקנס. ביז צו די קני אין בלוט זענען זיינע קריגער דורכגעגאַנגען דאָס נידעריקע לאַנד, ביז זיי האָבן זיך געשטעלט ביי דער אָפענער שטאָט, און אַצינד האָט איתמר געוואָלט אויסשרייען: בן הדד, מלך פון ארם! דיין שטאָט איז באַלאַגערט! זאָלן זיך אונטערגעבן די, וואָס זענען פאַרשאָלטן פון גאָט צו פאַרלענדונג! זיינע ליפּן האָבן געשוויגן, אָבער זיין האַרץ האָט גערעדט: היינט שטייען די קריגער פון ישראל אויף דער ערד פון ארם! אויפן אָרט פון דער ברענענדיקער שטאָט וועט איך אויפשטעלן אַ פּעמטונג און זי רופן: די שטאָט פון אַחאָב!

און ווי ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום געלענדער פון דער מויער, וואו וועכטער האָבן געשפּרייזט, האָט פּלוצים אויפן שפּיץ טורעם אויפגעלויכטן דאָס פייער פון פאַקלען און אַ שטים פון דער הויך האָט גערופן:

— צו איתמר בן צוער, דעם הויפּטמאַן פון ישראל, וויל דער מלך פון ארם רעדן פרידן!

די רייד זענען געפאַלן אויף זיינע אויערן ווי שווערע גלעקער, אָבער זיין זכרון איז נישט אָפּגעטעמפּט געוואָרן. אין מוח האָבן אויפגעשריגן אַחאָב׳ס ווערטער: „אין די טאָלן זאָלסטו זיי אומברענגען! און די, וואָס וועלן אַנטלויפן און זיך אויפהייבן צו די פעסטונגען פון אַפק, זאָלסטו איבער זיי איינוואַרפן די מויער פון שטאָט און זיי זאָלן צעטרעטן ווערן! און די לעצטע, וואָס וועלן אַרויסקריכן פון הינטער די חורבות, זאָלסטו פאַרלענדן מיט דער שאַרף פון שווערד, אַז קיין איבערבלייב זאָל נישט ליגן צופוסנס מיין לאַנד!"

— אַזוי האָט באַפוילן דער מלך פון ישראל. די מלחמה, וואָס דער פיינט האָט אָנגעהויבן, זאָלסטו פירן אויף זיין ערד ביזן סוף!

און איתמר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די ברענענדיקע פאַקלען און אויסגערופן:

— צו־שפּעט רעדט פרידן דער געשלאָגענער צו די, וואָס שטייען שוין אין זיין טויער.

די פייערן פון די פאַקלען אויפן טורעם זענען העלער געוואָרן און די שטים פון אויבן איז געוואָרן הילכיקער און חוצפּהדיקער:

— נישט היינט קאָן דער זיגער זיין אַ רימער, וואָרום מיר האָבן אַ משכון אויפן טורעם. תורתונא, דיין געטרייע, איז אונדזער געפאַנגענע.

איתמר׳ס האַרץ האָט אויפגעציטערט. ער האָט דערקענט דאָס קול: עס איז געווען אָסף בן עודד׳ס געשריי. די צונג פון באַטרוג האָט אַראָפּגערופן, אַז תורתונא איז זיין משכון. איתמר האָט געהאַלטן די אויגן אויפן טורעם, וואָס

האָט אצינד געלויכטן ווי א פלאַמפייער, און פון דעם פייער האָבן זיך ארויסגע־הויבן די געשטאַלטן פון זעקס וועכטער מיט פאַנצערס אין א ראָד. אין מיטן ראָד איז געשטאַנען אָסף מיט זיין ברוסטשילד און קיווער, ווי א קופּערנער געץ, און מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער פאַרויסגעפירט צום געלענדער תורתונא׳ן אין קייטן. די געפאַנגענע איז געשטאַנען ביים ראַנד פון דער מויער א דער־שראָקענע; איר געזיכט איז געווען בלייך, דער קאָפּ איז געווען איינגעהילט אין א שאַל פון דורכזיכטיקן געוואַנט, אָבער אויף איר נאַקן איז אָנשטאָט איידעלע טולן, געהאנגען א גראָבער דעקטוך.

אונטער דעם ליכט פון די פייערן האָט די שטים פון אויבן געוואָרנט:

— טרעט אָפּ מיט דיין חייל ביז שומרון, איתמר! דער קאָפּ, וואָס איז דיר טייערער פון דער קרוין, וועט פאַלן אויב דו וועסט שטורעמען די ערשטע וואַנט.

אין יענער רגע האָט די וועלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די לבנה איז פאַר־טונקלט געוואָרן. דער ים, פון דער ווייט, האָט אָפּגעשטעלט די וועלן און דאָס טרוקענע לאַנד אין טאָל איז איינגעזונקען. אָבער די שטים פון טורעם האָט נאָך העכער גערופן:

— וואָס איז ווערט דער נצחון פון א שלאַכטמאַן, ווען די קאָפּ פון זיין געטרייע וועט צעשפּאָלטן ווערן אָן דער מויער פון דער באַזיגטער שטאָט?

איתמר האָט געקוקט הינטער זיך. זיינע רייטער האָבן געשוויגן. ביי זיין רעכטער האַנט האָט אשבעל זיך א רוק געטון מיט זיין פערד פאָרויס. אויך זיין צונג איז געווען שטום, אָבער די ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געקוקט מיט הכנעה צו זיין האַר, האָבן אצינד געשריגן: וועסטו דען האָרכן דעם פּחדן אין טאָג פון זיין אונטערגאַנג? שלאָג די אַרמים, מיין פעלדהאַר, שלאָג זיי, און דו וועסט תורתונא׳ן ארויסרייסן א לעבעדיקע פון זייערע הענט! הייס אָנצינדן די בראַנדהעלצער אויף זייערע מויערן, און דו וועסט טרעטן אי־בער דער חרובער שטאָט! נאָך אַמאָל האָט איתמר ארויפגעקוקט אויפן טו־רעם. דאָס קול פון אויבן איז נאָך נישט געווען איינגעשטילט:

— תורתונא האָט מורא צו שטאַרבן, איתמר! —האָט אָסף ווידער גערופן.

— ווייסטו דען נישט, אז אין אומגליק טוט די פרוי אויס אלע שלייערן, אויסער איינעם? זי נעמט אַראָפּ דעם שלייער פון בושה, דעם שלייער פון לוסט און דעם שלייער פון שנאה, אָבער דער לעצטער שלייער, וואָס זי וויל פון זיך נישט אַראָפּוויקלען, איז דער שלייער פון פּחד. די שטאַרקע תורתונא האָט פּחד פאַרן טויט, איתמר!

איתמר׳ס אויגן זענען געהאַנגען אויף דער מויער, וואו די געפאַנגענע איז אָן באַוועגונג געשטאַנען פאַר איר תליון. דאָס פייער פון די פאַקלען האָט

באַלויכטן די הויט פון איר געזיכט. איין שטום פּאָרויס, און זי וועט זיך אַראָפּקייקלען פון די הויכקייטן אין טיפן אָפּגרונט, און איר שיינער קאָפּ וועט צעשמעטערט ווערן אָן די שפּיצן שטיינער. גאָט פון ישראל! האָב איך דען צוגעפירט מיין חייל ביז צו די דאָזיקע טויערן, אז תורתונא׳ס טויט זאָל אָפּ־שטעלן די לעצטע שלאַכט? אסף איז פארלוירן, אָבער ער איז שטאַרק אין זיין פּחד. ער צווינגט מיך צו שווייגן. מיינע שטומע ליפּן זענען פאַר אים א רע־טונג און מיין שטילשטאַנד איז זיין אויסלייזונג. און ווי איתמר וואָלט וועלן אָנשעפּן בטחון און רו פאַר זיין האַרץ, האָט ער ווידער אַמאָל זיך א קער געטון צו אשבעל׳ן און ווידער אַמאָל האָבן די אויגן פון זיין קנעכט געוואָרנט: שטיי־אויף, מיין הויפּטמאַן און כאַפּ א לעבעדיקן דעם פּאַראומגליקער, וואָס האָט באַטריגט דעם קעניג און צוגערויבט דעם שוואַרצאַפּל פון דיין אויג! גיי אַרויף און פאַרברען אים אויף זיין אייגענעם טורעם, אז דאָס פעטס פון זיין גוף זאָל זיך בראָטן אזוי ווי א קרבן אויף א פייערפאַן פאַר דעם כהן! און אין יענער רגע האָט דער האַר פון הימל און ערד געמוזט שטאַרקן דעם צעטומלטן איתמר, ווייל א האַרטנעקיקייט, באַגלייט פון צאָרן און שפּאָט, האָט אין אים אויפגעוואַכט און ער האָט אַרויפגעשריגן צום טורעם:

—איז דאָס אָסף בן עודד, וואָס שטייט אויף דער העכסטער מויער און האָט מורא צו שטאַרבן פאַר זיין באַטרוג צום מלך? פון דיין שטערן רינט שוין דאָס בלוט, אָסף! די קללה פון גאָט איז אויף דיר!

אָבער אָסף בן עודד האָט די געפאַנגענע אויפן טורעם נענטער א שטופּ געטון צום ראַנד, און די זעקס וועכטער האָבן אויפגעהויבן די פאַקלען איבער איר קאָפּ, און א הילכיק געלעכטער האָט באַגלייט זיינע רייד:

— בעסער וואָלט מיר געווען, ווען איך האָב די מלכה איזבל אויפן טורעם. אָבער, צי האָסטו דען איתמר אליין נישט געזאָגט צו דיינע הויפּטלייט אין פּאַ־לאַץ, אז מער פון דער קעניגין איז דיר טייער די, וואָס איז איר דינסט געוואָרן?

— לאָז זי אַראָפּגיין פריי פון טורעם, און דו וועסט ווי א געפאַנגענער אין פרידן אַריינגעפירט ווערן אין מיין לאַגער! — האָט איתמר אַרויפגעשריגן.

— פאַרוואָס רעדסטו אזוי אונטערטעניק, לייבנעק פון יהודה, ווען דו האָסט די מאַכט פון דעם ערשטן קריגספירער? איך ווייס! ווייל די מורא איז אין דיר אזוי ווי אין תורתונא׳ן! ביים טויער פון דער באַלאַגערטער שטאָט האָט מורא געקראָגן דער ערשטער שלאַכטמאַן פון ישראל!

— עס האָט נישט מורא דער, וואָס שטייט מיט בראַנדהעלצער ביי דעם שונאס מויער!

— ווי א קריגסמאַן צו א ברודער פון שווערד רעד איך אצינד אַראָפּ צו דיר,

ליבנעק פון יהודה! נעם די לוסטפרוי, וואס ווארט אויף דיר און לאז גאנץ די שטאט אפק!

— ווי א פלאמפייער וועל איך די שטאט פארברענען און דאס אש וועט דער ווינט אויפהייבן און עס וועט צעשאטן ווערן איבער די פיר עקן וועלט ווארן א צוזאג צו פארלענדן די שטאט האב איך געגעבן דעם מלך פון ישראל!

— און מיין צוזאג צום מלך פון ארם איז צו שוינען זיין פעסטונג פאר דעם פרייז פון איר קאפ! אצינד קלייב אויס, איתמר! די לעבעדיקע תור־תונא פאר דעם צוריקטריט פון דיין חייל, אדער איר פארבלוטיקטן קאפ ביי דער חרובער שטאט.

פונעם שפיץ טורעם איז געקומען א גערויש, ווי דער שארך פון קייטן, און איתמר האט דערזען ווי דער תליון האט נאך א מאל א שטויס געטון פארויס די געפאנגענע צום ראנד. איתמר'ס לייב איז געווען באגאסן פון אנגסטן און ער האט אויסגערופן:

— דיין נקמה איז דיין אונטערגאנג, אסף!

— מיין נקמה איז דיין פחד, איתמר!

— באזין זיך, פארשטויסענער פון גאט! דו, וואס ביזט געווארן דער ערשטער קנעכט ביי דעם לעצטן פון די מלכים!

— גיי אוועק פון טורעם, איתמר! דער טויט פון תורתונא'ן וועט עפע־נען א קבר אין דיין הארץ!

א נעפל האט זיך אויפגעהויבן פאר די אויגן, ווי א וואלקן רויך וואלט פלוצים זיך אראפגעלאזט אויף אים. איתמר האט אויפגעציטערט. אלע פאר־בארגענע כוחות האבן ארויסגעשריגן פון זיין בלוט. דער כוח פון גרימצארן, דער כוח פון גערעכטיקייט און דער כוח פון שנאה האבן אזוי ווי געבונדענע לעמער זיך אפגעריסן אין זיין הארץ. ער האט געפליסטערט א תפילה: שטארק מיך, גאט פון חיילות! אויב נישט פאר מיר, טו דאס פאר דעם מלך פון ישראל! אזוי ווי משה האט דערשלאגן עמלק'ן און דוד איז בייגעקומען גלית'ן, און עמרם, דער פאטער פון אחאב'ן, האט פארוויסט מואב, אזוי זאל היינט מיין פיינט דער אכזר ווערן ווי טויב און ווינט.

דער נעפל איז אויסגערונען. די שטילקייט פון א וועלט אן אטעם איז געהאנגען צווישן הימל און ערד. אונטערן ליכט אויפן שפיץ טורעם זענען ארומגעהאנגען שאטנס, און די שטים פון אסף'ן האט ווידער געלאכט מיט א גרויזאם געלעכטער:

— ווער זענען מיר דען אוועקצונעמען דאס לעבן פון דער פרוי, וואס איז היינט צעטראטן ווי א ווארים? זאל די, וואס טראגט קייטן, אליין אצינד

רעדן! ווײל זי טויט פֿאַר דער גבֿורה פֿון אַ שלאַכטמאַן, אָדער לעבן ווײל זי פֿאַר די פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט,

אין דער אויסגעשעפּטער שטילקייט האָט אַלץ אונטערן הימל געשוויגן. די פֿעלזנבערג, די זאַמדבערג און די טיפֿע גריבער, און די לבֿנה איז אײנגעגאַנגען ווי אַן אָרונטערגעדרייטער קנייט פֿון אַן אײלקלאָמפּ און הינטער דעם בלײַכן שײַן האָט זיך אַרויסגעהייבן די געפּײניקטע תּורתונאַ. ווי אַ דערלייזטע האָט זי זיך גערוקט נענטער צום תּהום. אַ וועכטער האָט אַראָפּגענומען די קייטן פֿון אירע הענט. דאָס דעקטוך איז פֿון איר אַראָפּגעפֿאַלן און זי האָט אויסגעשפּרייט די ווייסע הענט ווי צוויי נאַקעטע פֿליגלען. אין יענער רגע האָט אַ גרוויזאַמע שטים, אַספּס שטים, זיך ווידער צעלאַכט:

— שפּרינג אַראָפּ, תּורתונאַ! מלאָכים וועלן דיך אונטערכאַפּן. שפּרינג אַראָפּ!

אָבער תּורתונאַ׳ס שטים איז געווען העכער פֿון דעם געלעכטער, ווײל זי איז פּלוצים געשטאַרקט געוואָרן. אַ כּוח, וואָס איז פֿרײַ פֿון פּחד אין דער לעצטער רגע פֿון טויט איז געווען אין איר געשריי.

— איתמר, שלאַכטמאַן פֿון ישׂראל! —האָט זי גערופֿן,— וואַרף אַרויף די צינדהעלצער און שיק אַרײַן דײַנע קריגער צו שטורעמען די ווענט! זעסטו דען נישט ווי עס ציטערט דער גרוויזאַמער ביי מײַן זײַט, נאַקעט, ווי אַן אָפּגעשוירענע לאַם שטייט ער דאָ! קריגער פֿון ישׂראל, אײַלט זיך און קומט און פֿאַרברענט די פֿעסטונג און די אַלע, וואָס שטייען אויף איר שפּיץ!

גרוויזאַמער פֿון אַספּס געלעכטער איז געווען תּורתונאַ׳ס שטים אין איתמר׳ס אויערן. ווי אַ ווײַטער דונער האָבן די רייד אָפּגעהילכט. ער האָט געוואָלט געבן דעם צייכן צו די רייטוועגענער, צו די בויגנציער און צו די פֿייערשליידערער. אָבער ער האָט אויף איין רגע צוגעשלאָסן די אויגן. דאָס האַרץ האָט געשטורעמט, אָבער אויף די ליפּן איז געווען אַ געבעט צום באַשעפֿער אין די הויכקייטן: שטאַרק מיך, גאָט, און לאָז לעבן די דאָזיקע געטרייע צווישן פֿרויען. ווען איך וועל אָנצינדן די דאָזיקע שטאָט פֿון רויב, וואַרף אַרויף אַ שלאָף אויף מײַנע אויגן! לייג מיך אוועק ווי אַ שטיין און וועק מיך אויף ווי אַ לאַם. און אויב עס איז דײַן ווילן, אָ, גאָט, זאָל דער דאָזיקער זאַמד הײַנט ווערן מײַן קבֿר!

ו

די שווערד פון איתמר׳ן איז געווען אויפגעהויבן און דאָס גאַנצע איינגעזאַמלטע חייל איז אַרויפגעגאַנגען שטורעמען די ווענט פון אַפק. ווען די טרומייטן האָבן אויפגעשאַלט, זענען פון צפון אָנגעקומען די לויפערס מיט די בראַנדהעלצער און פון מערב האָבן נישט פאַרשפּעטיקט די רייטוועגענער. די בויגנציערס זענען אַרויס פון די ליוער־גריבער אין מזרח און די פוסגייער זענען ווי אַ שוואַרצע מחנה אַרומגעגאַנגען די ערדוואַלן פון דרום.

די שטאָט איז געווען איינגעקלעמט, און ווי נאָר די רייטוועגענער האָבן אויפגעבראָכן דאָס מערב־טויער, האָבן די פייער־וואַרפער אָנגעצונדן די ווינקלען פון דער פּאָדערשטער וואַנט פון אויבן און פון אונטן, און יעדער שטיין און ציגל האָט געפלאַקערט ווי אַ פלאַם אויפן מזבח פאַר גאָט. אויף אלקנה השמעי׳ס צייכן, האָבן די פיילנשיסער אָנגעצויגן די בויגנס אויף די וועכטער אינעווייניק. אָבער תרשי, אויף זיין פערד, איז אַזוי פריער, פאַרן זונאונטערגאַנג, ווידער אים פאַרבייגעריטן ווי אַ שטורעמווינט און איינגענומען די אונטערשטע שטאָקן, און דאָרט דערשלאָגן מיט דער שווערד פון אַ פירשט ביז אַ קנעכט.

אויף די לייטערס פון בויגנשטריק האָבן די שפּיזנטרעגער געקלעטערט צו די אויבערשטע זיילן. די שטיינערנע געצן אויף דער הויכער וואַנט האָבן זיך געבראָטן אין פייער ווי לעבעדיקע לייבער וואָס גייען־אויס אין יסורים. אונטערן גערויש פון די פליענדיקע פיילן און הינטער דעם געדיכטן רויך האָבן די דערשראָקענע באַוואוינער געשטראָמט פון די גאַסן אין דער אונטערשטער שטאָט צום טעמפּל אויפן באַרג, ביז דער הויף מיט די זיילן פון ווייסן מירמלשטיין איז געוואָרן פול, און אַ המון ווייבער און קינדער האָבן באַלאַגערט די אַריינגענג. אָבער דאָס פייער האָט זיי דעריאָגט, ווייל די קריגער פון ישראל זענען שוין געשטאַנען אויפן מאַרק פון די רינדער און די רייטוועגענער זענען אַריינגעפאָרן אין די הייזער, און זייערע אָנטרייבער האָבן אַראָפּגעוואָרפן די שינדלדעכער און אויסגעריסן די גרונטפעסטן. די וואָס האָבן ווידערשפּעניקט, זענען דערשטאָכן געוואָרן און יענע, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני,

האָבן געפונען שוץ אונטער די פּאַנצערס פון די זיגער. פון די חרובע שטיבער זענען ארויסגעקומען זקנים מיט פרוכטן, האָניק און קרוגן וויין. אָבער די קריגער האָבן אויסגעגאָסן דעם וויין און דעם האָניק ווי אַן אומריינקייט, און די פרוכטן האָבן זיי צעטרעטן מיט די פֿיס. דערנאָך האָבן זיי אריינגעוואָרפן ברענענדיקע פאַקלען אין יעדער אָפענער טיר און פענצטער, וואָרן געאײַלט האָבן זיי זיך צוריקצולויפן צו דער פעסטונג, וואו די אָרמים האָבן זיך פארשמעקט צום לעצטן געפעכט.

אז די פוסגייער זענען אָנגעקומען, האָבן זיי געזוכט אין די טעפּ און אין די בעקנס גאָלד, צירונג און טייערע געוואנטן. זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אין די וויינקעלערס און געגראָבן אויסהוילן אין די אייל־קעלערס, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָך יעדער שלאַכט מעגן דעם קעניגס זעלנער פּלינדערן דריי טעג דאָס פארמעגן פון די געשלאָגענע, אָבער נישט געהערט האָבן זיי היינט פון דעם מלכ׳ס פארבאָט אָנצורירן דאָס גאָלד, ווייל נאָר א פייערפלאַקער מוז פון אַפּק בלייבן.

ביים אריינפאָר פון מזרח־טויער, איז אויף זיין פערד געזעסן אחיעזר. ער האָט געקוקט ווי די אָרמים לויפן פון די ברענענדיקע געצעלטן און געוואָרט אויף די געפאנגענע פון דעם רייכן הויז אנטקעגן, וואו די גאָלד־הענדלער פון אַפּק האָבן זיך באהאלטן. פון דער וואונד אויף אחיעזר׳ס אָרעם האָט ווידער געטריפט בלוט און א טיפער שניט איז געווען ביים לינקן שלייף אונטערן קאָפּערנעם קיווער. הינטער אים זענען געווען רייטער מיט שפּיזן, אָבער זיינע אויגן זענען געווען צעשראָקן, ווען ער האָט דערזען, ווי אָנשטאָט געפאנגענע מענער מיט אויפגעהויבענע הענט זענען דורך דער זילבערנער טיר ארויסגעקומען געאַכפּערטע זקנים און געטראָגן מאַצן מיט מתנות. פון פאָרנט איז געגאנגען אַן איינגעבויגענער גרייז אין א לאַנגן, שווארצן מאנטל מיט פארלייגטע הענט, ווי פאַר א געבעט. אחיעזר האָט פארדעכטיקט געקוקט אויף דעם אונטערטעניקן און געטראכט: ער איז איינער פון די הינטערליסטיקע, וואָס באַגערן די שמיץ פון דעם זיגער, אָבער זיי האלטן פאַר אים גרייט א שטייג פון טויט. און ווי ער האָט אים געפאָרשט מיט די אויגן, האָט דער געבויגענער זקן זיך פארנייגט ביז צום בויכגארטל און געזאָגט:

— קום אריין אין מיין הויז, פעלדהאַר, און לאָמיר זיך פרייען מיט דעם נצחון פון די גערעכטע, ווייל גרויזאַם זענען היינט געווען אונדזערע אייגענע רויביונגען אין שטאָט.

און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך די זקנים דערנענטערט און אוועקגעלייגט צופוסנס אחיעזר׳ס פערד זייערע געוואנטן, טעפּיכער און גאָלדענע כלים. אחיעזר האָט נישט געטרויט די מתנות־טרעגער, און ווי ער האָט געהייסן זיינע

רייטער אָפּפירן די אָרמיס צום מארק, וואו מלכיאל בן רם מיט זיינע וועכטער האָבן שוין געבונדן די שקלאַפן, האָט דער ערשטער גרייז זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

— איך בין כלוב, דער עלטסטער פון די גאָלדהענדלער אין אַפק, — האָט ער געזאָגט. — אַנטלאָפן זענען אַלע וועכטער פון טויער. קומט אַריין, איר מע־נער פון גנאָד, און שיצט אונדזערע פאַרמעגנס.

די ווייכע רייד האָבן נישט פאַרלאָשן אחיעזר'ס פאַרדאַכט. געשיקט האָט אים איתמר צו פאַנגען די פירשטן און רייכע לייט, אַזוי ווי פיש אין אַ נעץ, און דאָ, אַנשטאָט מיט האַס אין זייערע הערצער, קומען זיי אַנטקעגן מיט בענטשונג אויף די ליפּן. ער האָט אַ געשריי געטון:

— אויף אייערע ערטער בלייבט! און לייגט נישט קיין מתנות פאַר מיי־נע פיס, ווייל דעם קעניגס געפאַנגענע זייט איר!

זיין געשריי איז נישט געווען פריי פון שרעק. אַ צעטומלטער האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום מארק, ווי ער וואָלט געזוכט הילף פון דאָרט וואו עס פלאַקערן נאָך נישט די פייערן. און ווי דאָס געשריי פון פחד וואָלט דערהערט געוואָרן פון דער ווייטנס, אַזוי איז פלינק אָנגעריטן אשבעל מיט זיין אויסגע־שטרעקטער שווערד. ער האָט נאָך נישט באַוויזן איינצוהאַלטן דאָס פערד ווי ער האָט אָן אָטעם אויסגערופן:

— פון איתמר, מיין האַר, אַ באַפעל! פאַרלענגדט זיי ביז צום לעצטן, וואָרן פאַר זייער גאָלד האָט בן הדד אָנגעטון שווערדן אויף זיינע קריגער!

די רייטער האָבן אַרומגערינגלט די געאַכפּערטע זקנים, אָבער כלוב האָט זיך געשטאַרקט. ליגנדיק אויף די קני האָט ער געקלאַפּט דעם שטערן אָן דער ערד און געבעטן:

— איידער איר וועט אונדז טויטן, פירט אַרויס פון דעם הויז דאָס יונגע ווייב פון דעם פרידלעכן פירשט עקוב, וואָס האָט קיינמאָל נישט איינגעטונקען זיין שווערד אין בלוט. ער איז היינט דערשטיקט געוואָרן פון די רויביונגען, אָבער זי וויל נישט שטאַרבן, ווייל די געטער האָבן געבענטשט איר לייב מיט לוסט און שיינקייט. נעמט זי פאַר אַ שקלאַפין. זי איז גוט פאַר דעם האַרעם פון קעניג.

אָבער אשבעל האָט מיט זיין שווערד אויפגעפּראַלט די זילבערנע טיר, און די רייטער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און זענען אים נאָכגעגאַנגען אינעווייניק. זיי האָבן זיך אומגעקערט טראָגנדיק פולע באַצן און שפּרינגבעקנס מיט גאָלדענע האַלדזשנורן, קאָפּבענדער און נאָזרינגען. הינטער דעם רויב האָבן פיר זעלנער געטראָגן אויף אַ פּורפּור־געוואַנט מיט שטאַנגען די יונגע פרוי. איר לייב איז געווען אָפּגעדעקט און זי האָט זיך געראַנגלט מיט די

טרעגער. אויף אשבעל׳ס צייכן, האָט א זעלנער א זעץ געטון מיט זיין שפּיז איבער איר קאָפּ. בלוט איז גערונען פון דעם ווייסן שטערן און דער פאַלשער, רויטער האָר־שייטל האָט זיך אראָפּגעגליטשט. אשבעל האָט ארויפגעלייגט זיין האַריקע האַנט אויף איר ברוסט. איר הארץ האָט האַסטיקער געקלאַפּט און איר הויט איז געווען צארט ווי א ווארעמער סאַמעט, אָבער פאַר אים איז דאָס געווען ווי ער וואָלט אָנגערירט די פעל פון א האָרנשלאַנג. זאָל איר הארץ דורכגעשטאָכן ווערן! נישט דאָס פאַרבלוטיקטע לייב פון א פירשטין וועט ער פירן צום פּאַלאַץ, נאָר א טויטע שקלאַפין וועט ער וואַרפן אויף דעם ברענענדיקן שייטער, ווייל דאָס שווארצע בלוט פון באַטרוג רינט אין אירע אָדערן. איתמר, האָר מיינער! דו ווייסט נאָך נישט הינטער וועלכער מויער תורתונא׳ס קאָפּ ליגט צעשמעטערט, אָבער אשבעל, דיין געטרייער, האָט דער ערשטער נקמה גענומען פאַר איר בלוט.

ער האָט מיט זיין אייגענער שווערד געטויט די פרוי, און די זקנים זענען זיך צעלאָפן אין גרויס שרעק. אחיעזר האָט געוואָלט אָפּשטעלן דעם רויב, און די זעלנער האָבן אויסגערויכערט דעם הויף מיט די שטאַלן. ווען די פלאַמען זענען אויפגעגאַנגען, האָט א טרומייט אויפגעשאַלט און אשבעל האָט געטריבן די פאַקלטרעגער צו די קופערנע טויערן פון טעמפּל.

אחיעזר האָט געריטן צום מערב־טויער. ווי נאָר דאָס פערד איז אָפּגעלאָפן א קורצע שטרעקע, האָט א גערויש פון פליענדיקע פיילן אים באַטויבט. ער האָט דערזען, ווי אויפן געלענדער פון א שינדלדאַך שטייט אן אַרמי, א בויגנציער, און ער שליידערט אָפּן די פיילן אויף די דורכלויפנדיקע רייטער. דער אַרמי איז געווען א ריז. ביילן האָבן באַדעקט זיינע אָרעמס און בלוט איז גערונען פון זיין האַרטן נאַקן, אָבער ער האָט נישט געפילט קיין פיין פון זיינע וואונדן, ווייל ער האָט געלאַכט מיט א גרויזאַם געלעכטער. ער האָט אָנגעשפּאַנט זיין בויגן און געטויט איטלעכן מאַן פון ישראל, וואָס איז פאַרבייגעריטן פאַר דעם שינדלדאַך. דער פאַרציטערטער אחיעזר האָט טיפער אראָפּגערוקט דעם קיווער איבערן שטערן און זיך באהאַלטן הינטער דעם איינגעבראָכענעם הויז. ביי א פאַרביילויפנדיקן פיילנשיסער האָט ער ארויסגעכאַפּט דעם בויגן און געשאָסן הינטערווייליעכץ אויף דעם אכזר א פייל נאָך א פייל, אָבער דער לאַכנדיקער ריז איז נישט אומגעפאַלן. צען טויטע פון ישראל׳ס רייטער האָט אחיעזר אי־בערגעציילט, און די האַנט פון דעם שטאַרקן אַרמי איז נאָך געווען אויסגע־שטרעקט.

— ער איז אומבאַזיגבאַר, א גאָט! —האָט אחיעזר אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געבעטן.— זיין לייב איז פון קופּער און זיין קאָפּ איז פון פעלדז!

האר פון אונדזערע חיילות, ווייז מיר אָן דאָס שוואַכע אָרט אין זיין גוף, און איך וועל אים אומברענגען!

אין יענער רגע איז אַ פלאַמענדיקער בראַנדהאָלץ געפאַלן צווישן אים און דעם ריז. אחיעזר האָט נאָך אַמאָל אַנטשפאַנט דעם בויגן. אַ פייל האָט גע־טראָפן אין דער קני פון דעם אַרמי. אַן אומגעהערטער קול, ווי אַ צעריסענער דונער, האָט אויפגעטרייסלט די לופט און דער ריז איז אַריינגעפאַלן אין דעם וואָלקן רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער ברענענדיקער חורבה.

די שלאַכט אין דער אונטערשטער שטאָט איז געווען ביים סוף, אָבער די ווענט פון די אויבערשטע פעסטונגען זענען נאָך געשטאַנען גאַנץ, ווי מעכטיקע פעלזן. אויף דעם געלענדער פון מיטלסטן שטאָק האָט זיך באַפעסטיקט איתמר מיט זיינע שווערדנטרעגער און אַראָפּגעקוקט אויף דער ברענענדיקער שטאָט. וואָלקנס רויך האָבן אַרויסגעזעצט פון די חורבות, און פאַר זיינע אויגן האָט אַצינד דאָס פעטס און דאָס רייכקייט פון אַפּק זיך אויסגעטריקנט, אַזוי ווי דאָס בלוט פון אַ זאַפּטיקן קערפּער. אונטערן פלאַקער ליגט דאָס חייל פון אַרם, — האָט ער מיט נקמה געברומט,— זיי זענען געווען ווי לייבן ביים אָנהייב, און ווי פאַרלוירענע לעמער ביים סוף. עס וועט נישט זיין גענוג שטריק און קייטן זיי צו בינדן. אַ פירשט וועט פאַרקויפט ווערן פאַר אַ לייבגאַרטל און אַ פרוי פאַר אַ פּאָר רינגען.

ער האָט זיך געשטעלט צווישן די פּאָדערשטע צוויי זיילן מיט די שלאַנ־גענקעפּ, און דער ריח פון דעם ברענענדיקן טעמפּל פון דער ווייטנס, איז געווען אָנגענעם ווי קטורת פאַר זיינע נאָזלעכער. די וועכטער פון די קאַמערן, אויבן, האָבן זיך אונטערגעגעבן אַזוי ווי די זעלנער אין די גאַסן, אונטן; אָבער ער טאָר נישט אַראָפּגיין פון דאַנען, ביז דער טורעם אַנטקעגן, מיט בן הדד׳ן, וועט איינ־גענומען ווערן. דער מלך אחאָב אַליין וועט קומען זען דעם אונטערגאַנג פון אַפּק. דאָס לעצטע חייל האָט זיך איינגעזאַמלט צווישן די ווענט. זייער צאָל איז גרויס, אָבער דער שונא וועט נישט אַנטרינען. אַלע אַרויסגענג זענען פאַר־שפּאַרט און די געהיימע עפענונגען זענען איינגעוויקלט אין פלאַמען.

נאָך איין בליק פון נצחון האָט איתמר געוואָלט געבן אויף דער רויבערנדי־קער פעסטונגשטאָט, איידער זי וועט איינגעבראָכן ווערן. הינטער די פלאַמען ליגט אָפן דאָס ברייטע לאַנד, ביז אַרויף צו קיר־דמשק. גייט־אַרויף, קריגער פון ישראל, גייט־אַרויף און פאַרוויסט ביזן לעצטן גרונטפעסט! הינטער אים האָט פּלוצים אַ דונער געטון, און אַ וואַנט פון דעם טורעם אַנטקעגן איז איינ־געפאַלן. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל און פון דעם וואָלקן האָט זיך אַרויסגעשיילט אַשבעל. דער קנעכט איז געשטאַנען איינגעבויגן;

זיינע גליענדיקע אויגן זענען געווען אַנגעפילט מיט טרויער ווען ער האָט שטיל געזאָגט:

— תורתונאַ׳ס טויטער ליב, מיין האַר. אונטער דעם מערב־מויער האָבן די וועכטער זי געפונען.

העכער פון דעם דונער פון דעם איינגעפאַלענעם מויער איז אשבעל׳ס שטים געווען, וואָרן זיינע אויערן זענען טויב געוואָרן צום גערויש ארום, און זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט; ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. בלויז דריי ווערטער האָבן געשאַלט: תורתונאַ׳ס טויטער ליב! טעג און נעכט האָט ער געקוקט אויף דעם שטאָלצן קאָפּ און שיינעם גוף, און קיינער האָט אים נישט דערמאָנט, אז דער טויט וועט אויסלעשן די אויגן ביי תורתונאַ׳ן.

דער וואָלקן שטויב פאר די אויגן איז געוואָרן געדיכטער. תורתונאַ שטאַרבט! צו וואָס דער נצחון און דאָס ליכט פון דער לבנה איבער דער שריפה פון אַפּק? ווי מוראדיק איז געווען דער פרייז פון זיג! פאַרוואָס האָט ער נישט אויסגעלייזט דעם משכון מיט זיין אייגן בלוט? זיין פרוי איז זי געוואָרן אין טאָג פאר איר אומקום, און ווי ווייניק ער האָט זי פאַרמאָגט דעמאָלט ווען זי האָט אים אזוי שטאַרק באַגערט. קוואַלן פון ליבע האָט זי פאַרשפרייט פאר אים, און ווי ווינציק ער האָט פון זיי געשעפּט! פון ווילדן ווייטאָג האָט ער פאַרגעסן צו שיקן א פּלוך אויפן קאָפּ פון דעם, וואָס האָט זי פון דעם מויער אראָפּגעשליידערט. דער צאָרן איז פּלוצים אָפּגעטעמפּט געוואָרן; די ליפּן האָבן געברומט: נאָך איין מאָל מוז ער זי זען! ער וועט אראָפּגיין און איינגעצן זיין מויל אין דעם בלוט פון איר קאָפּ. —דו ביזט דעם קעניגס ערשטער קריגער! דו טאָרסט נישט אראָפּגיין פון דער פעסטונג! — האָט א שטרענגע שטים צו אים גערעדט.

די פייערן האָבן אָנגעצונדן דעם הימל פון איין עק וועלט ביזן צווייטן עק, אָבער איתמר איז געשטאַנען מיטן פנים אראָפּ צו דער ערד און געזאָגט: ווען איך קאָן אליין דורכשטעכן דאָס האַרץ פון אַספּ׳ן! ווי זיס עס וועט זיין דער ריח פון זיין בלוט!

אשבעל, וואָס האָט געבראַכט די בשורה פון טויט, איז נאָך נישט אָפּגעטרעטן; ער האָט געהאַט פאר זיין האַר נאָך אַן אָנזאָג:

— דער קעניג! זיין רייטוואָגן דערנענטערט זיך צו דער פעסטונג!

און ער האָט אויסגעשטרעקט א האַנט צום טאָל. איתמר׳ס בלוט איז נאָך נישט געווען אָפּגעקילט. דאָס האַרץ איז געבליבן פאַרגליווערט, אָבער ער איז אראָפּ פון דער פעסטונג און אַנטקעגנגעגאַנגען דעם גאָלדענעם רייטוואָגן, וואָס האָט זיך אונטן געטראָגן ווי א ווירבלווינט, דורך פייער און בלוט. זיבן רייט־

וועגענער זענען נאָכגעפאָרן מיט שטורעם; זיי האָבן זיך געטראָגן צווישן די אויסגערויבטע בהמות און רינדער, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אונטערן רויך פון די ברענענדיקע געצעלטן. שאַלנדיקע טרומייטן האָבן געררוימט א וועג פאָרויס דורך די טויטע און פארקריפּלטע מיט אויסגעדרייטע קנאָכנס. די קריגער, דערזעענדיק דעם מלך אין דער פארוויסטער שטאָט, האָבן זיי איבערגעלאָזט דעם רויב, און ווילדע זענען זיי געלאָפן צו דער לעצטער פעסטונג. זיי האָבן געוואוסט, אז עס איז דער סוף פון שלאכט.

הינטערן מזרח־טויער האָבן תרשי׳ס קריגער פארשטאָפּט מיט שטיינער די לעצטע עפענונגען פון דער פעסטונג. די פארשפאַרטע אָרמים זענען געווען צו־שוואַך צו א ווידערשטאנד. תרשי האָט שוין געהאט פארברענט די פאָדערשטע קאמערן, אָבער דאָס חייל, אינעווייניק, האָט זיך נישט פארטיידיקט. אין בן הדד׳ס הויז זענען געזעסן באַזויפענע פירשטן און געוואַרט, אז די כהנים זאָלן אין דער לעצטער רגע פון אונטערגאנג אויסבעטן הילף ביי די געטער. עס איז געווען צו־שפּעט. די שווערדן פון אחיעזר׳ס רייטער האָבן זיי געכאפּט לעבע־דיקערהייט. פון די הארעם־שטיבער זענען ארויסגעלאָפן יעוונוכן און געוויינט, ווען זיי האָבן דערזען דאָס בלוט פון די געשאָכטענע.

אויף די געלענדערס איז קיינער פון די וועכטער נישט אנטרונען פון אלקנה השמעי׳ס פיילנשיסער; אנטרונען איז נאָר אָסף בן עודד, דער פארטריבענער פון קעניג און פארשטויסענער פון גאָט. אָבער איתמר האָט באנייט זיין שבועה, אז ביז צו די פיר עקן פון דער ערד וועט ער אים נאָכיאָגן, וואָרן די צייט איז נישט גענוג לאנג און די וועלט איז נישט גענוג גרויס, אז ער זאָל זיך קאָנען אויסבאהאלטן פון אים. מיט דעם גערויש פון דונערן, וואָס עס שליידערט אראָפּ דער צאָרנדיקער גאָט, זענען דעכער איינגעפאלן און מויערן האָבן געקראַכט אזוי ווי שפּענדלעך אין ווינט, און די חורבות אין אָפּק זענען געלעגן איינגע־וויקלט אין וואָלקנס שטויב און רויך, ווייל דאָס חייל איז דערלאָפן ביז צום אנדערן עק שטאָט, און אזוי ווי עס האָט באפוילן דער מלך פון ישראל — האָבן זיי פארברענט די פעלדער, פון א סטויג ביז צו די שטייענדיקע זאנגען, און פון א וויינסאָד ביז אן איילבירטגאָרטן.

ז

אחאַב מיט זיינע קנעכט זענען דורכגעגאנגען בן הדד׳ס הויז, א קאמער נאָך א קאמער, אָבער דעם מלך פון אַרם האָבן זיי דאָרט נישט געפונען. מיט זיינע פירשטן איז דער געשלאָגענער אַרמי אנטלאָפן. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט א שטאָק נאָך א שטאָק און זיך באהאלטן אין א טיפן אויסהויל הינטער דעם גרונטפעסט פון הויז. ווען דער מלך פון ישראל איז צוגעקומען ביז צו דער לעצטער קופערנער טיר, האָט פקחיהו אויפגעהויבן זיינע פריילעכע אויגן צום קעניג און געזאָגט:

— נאָך איין וואנט איז געבליבן ביי דעם אַרמי, זאָל איך זי איינוואַרפן?

אחאַב האָט באפוילן:

— ברעך־אויף די טיר, ווייל אין געפענגעניש האָבן זיי זייער מלך פאַר־שפּאַרט!

און ווען די קנעכט האָבן אויפגעבראָכן די קופערנע טיר, איז בן הדד דאָרט אויך נישט געווען, וואָרן ער האָט מורא געהאט פאַר זיין לעבן און ער איז נישט ארויסגעקראָכן פון זיין באהעלטעניש. נאָך דעם ווי ער האָט געהערט, אז די קריגער פון ישראל האָבן געשלאָגן הונדערט טויזנט פוסגייער, און די מויערן פון שטאָט זענען איינגעפאלן אויף די זיבן און צוואנציק טויזנט איבערגעבליבענע מענער, האָבן די פירשטן זיינע געזאָגט צום איבערגעשראָקענעם בן הדד: זע נאָר, פון שטענדיק־אָן האָבן די מלכים פון ישראל געהאט גנאָד אין זייערע הערצער, און דער מלך אחאָב איז נישט אנדערש פון זיינע פאָטערס; לאָמיר אָנטאָן זאקקליידער אויף אונדזערע לענדן און שטריק אויף אונדזערע קעפּ און לאָמיר אַרויסגיין צו אים, אפשר וועט ער דיך לאָזן לעבן?

האָט בן הדד ארויסגעשיקט זיינע פירשטן, און זיי האָבן אָנגעגורט זאַק־קליידער אויף זייערע לענדן און שטריק אויף זייערע קעפּ, און זיי זענען געפאלן אויף די קני פאַר דעם מלך פון ישראל און געקושט דעם שטויב פון זיינע פיס און געזאָגט:

— פון דיין קנעכט בן הדד קומען מיר מיט א געבעט, ווייל ער האט אונדז אנגעזאגט: גייט און רעדט צום קעניג דעם זיגער, אז דער הערשער פון ארם בעט אויף זיין לעבן.

— לעבט ער נאך? ער איז מיין ברודער! — האט אחאב אויסגערופן.

האבן די פירשטן אויף די קני אויפגענומען די רייד פאר א צייכן פון גנאד, און ווידער אמאל געקושט דעם שטויב און אונטערטעניק געזאגט:

— דיין ברודער איז בן הדד, דיין ברודער.

— גייט און ברענגט אים! — האט דער מלך פון ישראל באפוילן.

און ווען זיי האבן ארויסגעפירט בן הדד'ן, איז ער געווען אן א קרוין און אן א שווערד; איינגעהילט אין זאקקליידער איז ער געשטאנען פאר אחאב'ס רייטוואגן. זיין פנים איז געווען פינצטער און זיין האריץ האט געציטערט, און זיי האבן אנגעהאנגען די אויגן איינער אויפן אנדערן. צוויי מלכים, א שטארקער און א געשלאגענער, האבן זיך געטראפן אין דער חרובער שטאט.

בן הדד האט זיך איינגעבויגן ביז צו די לענדן און געזאגט:

— פון דעם רויך גייט־אויף פרידן אויף דער וועלט, און איך בין אצינד דיין געהארכזאמער קנעכט, מלך פון ישראל.

אחאב האט אויסגעשריגן:

— דו ביזט אזוי ווי א טיגער וואס מען האט ביי אים אפגעשוירן די נעגל, און אזוי ווי אן אקס וואס מען האט ביי אים איינגעוויקלט די הערנער אין וואל. די מויערן ברענען נאך און די שווערדן זענען איינגעטונקען אין בלוט, און דו זאגסט: פרידן איז אויף דער וועלט!

איז בן הדד געבליבן שטיין א דערשלאגענער און נאך שטילער גערעדט:

— איך שעלט דעם טאג ווען איך בין ארויס אין מלחמה אויף דיר, מלך פון ישראל. איטלעכעם יאר אין דעם היינטיקן טאג וועל איך אנגורטן א זאק אויף מיינע לענדן און שיטן אש אויף מיין קאפ, ווארן מיין לעבן האסטו מיר געשאנקען.

אחאב האט אראפגעקוקט אויף דעם הערשער, וואס איז געקומען אויסבעטלען, ווי א נדבה, זיין לעבן, און א רחמנות האט אנגעפילט זיין האריץ אויף דעם אומגליקלעכן מאן. ער האט געוואלט זיין גרויזאם צו דעם געשלאגענעם, ווי עס זענען די קריגער אין שלאכט, אבער אין יענער רגע האט בן הדד אויפגעהויבן זיינע אויסגעלאשענע אויגן אויף די געפאנגענע, געבראכענע און פארבלוטיקטע, וואס זענען מיט בייטשן געטריבן געווארן צום שקלאפן־מארק, און געזיפצט:

— ווי א ווארעם מעגסטו מיך טרעטן אין מיין פינצטערן טאג, מלך פון ישראל, אבער פרידן קום איך בעטן ביי דיר.

זיין צונג האָט געדערט אמת. יעדער געשלאָגענער בעט פרידן, אָבער אויף ווי לאנג? — האָבן אחאָב׳ס אויגן געפרעגט ביי פקחיהו׳ן און ביי די שווערדנ־טרעגער הינטער אים. וואָלט פקחיהו געטראָגן היינט די קרוין פון ישראל, וואָלט א שפיז דורכעשטאָכן בן הדד׳ס הארץ אין מיטן זיין שטאָט, און זיין בלוט וואָלט רויט געמאכט די רעדער פון דעם מלכ׳ס רייטוואָגן.

אחאָב׳ס אויגן האָבן גערוט אויף זיין געפאנגענעם. די נאָז האָט גע־שמעקט דעם ריח פון פייער און דעם גערוך פון בלוט, און ער האָט געזאָגט:

— היינט שטייען די קריגער פון ישראל אויף דער ערד פון אַרם.

— און מיין שטאָט ליגט ביי דיינע פיס — האָט בן הדד אונטערטעניק צוגעגעבן.

— מיט דיין שטאָט ביי מיינע פיס, וואָס פאר א פרידן קאָן איך דיר געבן?

— קלייב אוים צווישן דיין מוח און דיין הארץ, מלך פון ישראל.

— איך האָב דיר געשלאָגן אויפן בארג איין מאָל און איך האָב דיך גע־שלאָגן אין פלאכלאנד א צווייט מאָל! וואָרן רימען האָסטו זיך גערימט, אז א הויפן אַש וועסטו פון שומרון מאכן.

— ווי ווערים זענען מיינע הויפטלייט דורך דיר צעטראָטן געוואָרן, מלך פון ישראל.

— און ווי נאָר דו האָסט זיך גערימט, האָב איך צו די מענער פון ישראל איידער זיי זענען ארוים אין מלחמה, אזוי געזאָגט: האָט נישט קיין פחד אין אייערע הערצער, ווייל דער גאָט פון די חיילות, וואָס איז דער גאָט פון בארג און טאָל, איז מיט אונדז!

— ווי גערעכט זענען די רייד פון די שטארקע, קעניג פון ישראל!

— איך בין א מלך און א קריגסמאן, בן הדד, און איך רעד ערלעכע רייד צו א צווייטן מלך. איך וואָלט געקאָנט אויף דעם אָרט פון דער ברענענדיקער שטאָט אויפשטעלן א פעסטונג און זי רופן: דער טורעם פון אחאָב; און איך וואָלט געקאָנט גיין ווייטער איבער דיין לאנד ארויף, ביז דמשק. איך האָב באזיגט די פעסטונגשטאָט, אָבער איך וועל אין איר נישט הערשן. איידער די לבנה וועט אויסגיין, וועל איך צוריקפירן מיין חייל אין מיין לאנד.

בן הדד האָט געשוויגן; זיין קאָפּ איז געווען טיפער געבויגן צו דער ערד און די הכנעה איז געווען פון דאנקבארקייט און פון פחד. אחאָב האָט לאנג געהאלטן זיין בליק אויף דעם געפאנגענעם און דערנאָך האָט ער א געשריי געטון:

— אין מיין רייטוואָגן, בן הדד!

און ווי פקחיהו האָט ארייננגעזעצט בן הדד׳ן אין אחאָב׳ס רייטוואָגן, האָט זיך פארטראָגן א גערויש פון אָנלויפנדיקע פערד. איתמר, און הינטער אים

אשבעל, האָבן מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן זיך געריסן א וועג איבער די טויטע און פאַרוואונדעטע צום מלך. אשבעל האָט מיט פרייד פון נקמה גע־קוקט אויף דעם געפאַנגענעם הערשער פון אַרם. איתמר איז נאָך נישט אראָפּ פון פערד, ווי אחאָב איז אים אנטקעגנגעגאַנגען מיט פרעגנדיקע אויגן.

— די פירשטן אונטערן טורעם בעטן צו באַגראָבן זייערע טויטע — האָט איתמר געזאָגט.

— זאָלן זייערע גופים ליגן אין פעלד, ביז דאָס געשטאַנק וועט אויפגיין צום הימל! —האָט אחאָב געזאָגט.— נאָר זייער מלך, וואָס איך האָב אים גע־לאָזט לעבן, מעג בעטן ביי מיר גנאָד!

איתמר איז נישט אָפּגעטראָטן, און דער מלך האָט דערזען פיין אויף דעם פנים פון זיין געטרייען שלאַכטמאַן. פקחיהו האָט אים פריער אָנגעזאָגט וועגן טויט פון תורתונא'ן. איתמר איז איינזאַם, —האָט אחאָב געטראַכט.— הונ־דערט טויזנט גיבורים הינטער אים, אָבער ער איז אוממעכטיק. זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן די זיכערקייט און אויף די ליפּן פעלט די פרייד פון א זיגער. ווי גרויס איז אָספּ'ס באַטרוג און ווי שווער מוז פאַר איתמר'ן זיין דער פאַר־לוסט פון תורתונא'ן! אויף דעם מלכ'ס ליפּן זענען געווען ווערטער פון טרייסט, אָבער איתמר'ס צונג איז געווען פלינקער:

— שענק מיר דיין גנאָד, מלך, אין דער שעה פון נצחון.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, איתמר?

— לאָז מיך באַגראָבן תורתונא'ן אין טויער פון שומרון!

— אחאָב האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם, וואָס האָט געשטאַרקט די מלוכה פון ישראל און געזאָגט:

— באַגראָב זי ווי א קעניגין און נישט ווי א מכשפה אין דער נאַכט.

און איתמר איז אָפּגעריטן. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען ווי אויסער זיין קנעכט אשבעל, באַגלייטן אים אחיעזר, תרשי, אלקנה השמעי און זיינע רייטער. אלע, וואָס האָבן געפאָכטן די היינטיקע שלאַכט, זענען גרייט געווען ביז שומרון אוועקצוטראָגן דעם אָרון פון תורתונא'ן. די שווייגעוודיקע ריי־טער האָבן געזוכט א טרער אויף איתמר'ס געזיכט, אָבער די קינבאַקן פון דעם שלאַכטמאַן זענען געווען האַרט ווי א פעלז. ווי זאָל דען וויינען א הויפּטמאַן פון ישראל אונטערן שיין פון דער שריפה אין דעם שונאס שטאָט? ער האָט געריטן פאָרויס צו דער ערשטער איינגעפאַלענער מויער, וואו די טויטע תורתונא האָט געוואַרט אויף איר קבר. דער פּיין איז ווי א ווילד געברילל געווען אויף זיינע ליפּן: מיינע הענט זענען געווען פריי ווען דו ביזט געשטאַנען אויפן טורעם אין קייטן, תורתונא, —האָט ער געזאָגט.— ווי אַזוי האָב איך געלאָזט צונעמען דיין לעבן? דער טויט האָט אונדז צעשיידט, אָבער איך וועל דיך צו־

ריקבערענגגען אין שומרון, און ווי א ריינע און א הייליקע וועסטו שלאָפן אין איר ערד.

פון דער ווייטנס האָט זיך געטראָגן דורך די פלאַמען אחאָב׳ס רייטוואָגן. איבער דעם גאַנצן וועג הינטערן מזרח־טויער, וואָס האָט זיך געקאָלערט אראָפּ פון א פעלזיקן בארג, זענען געלעגן טויטע אָרמים אונטער פארברענטע ביידלעך און צעבראָכענעם געשפאַן. די העלע לבנה האָט אראָפּגעקוקט אויפן מארק, וואו מלכיאל בן רם האָט געציילט די געפאַנגענע קנעכט. צווישן די חורבות האָבן דערשראָקענע יונגפרויען געזוכט באהעלטענישן פון די צעווילדעוועטע רייטער, וואָס האָבן מיט פאַקלען זיי נאָכגעיאָגט. די איבערגעבליבענע מענער, וואָס זענען ארויסגעלאָפן שיצן די ווייבער און טעכטער קעגן די לוסטיונגען, זענען געפאַלן ווי סטויגן אונטער די שווערדן פון די זיגער.

אויפן רייטוואָגן האָט פקחיהו געהאַלטן דאָס געשפאַן אין די הענט. די פערד זענען געשפרונגען איבער היגלען ביז ארונטער, צום טאָל. דער מלך אחאָב האָט אָנגעכאַפּט בן הדד׳ס אָרעם און געפרעגט:

— וואָס וועסטו מיר אומקערן פאַר א בונד פון פרידן?

— די שטעט, וואָס מיין פאָטער האָט צוגענומען פון דיין פאָטער, וועל איך דיר אומקערן, — האָט בן הדד געענטפערט מיט היציקן אָטעם, — און די הענד־לער פון ישראל וועלן אָנפילן מיין שטאָט דמשק, און א מארק מיט גאַסן זאָלסטו דאָרט מאַכן, אזוי ווי דיין פאָטער האָט געמאַכט אין שומרון פאַר מיין פאָטער!

— איך וועל דיך אוועקלאָזן, — האָט אחאָב געזאָגט, — אויב דו וועסט שליסן דעם דאָזיקן בונד מיט דיין שווערד, איינגעטונקען אין בלוט פון א ווידער.

און דער רייטוואָגן מיט די צוויי מלכים איז ארויפגעפאָרן צום שיידוועג, וואו עס שטייט דאָס שערהויז פון די שעפּסן, צו פארזיגלען דאָרט דעם בונד מיט דעם בלוט פון א ווידער.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען

2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאַדיק פון יידישער שפראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — בעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)

4) שלמה סיימאָן — אַמאָליקע יידן (אויספאַרקויפט)

5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד

7) י. י. טרונק — דער פרייליכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)

8) ש. סיימאָן — תוך יידישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
(פרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)

10) אברהם זאַק — אין רומרו פון יאָרן
(פרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקואפט)

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע

14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)

17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)

18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)

20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען

21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)
23) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — יידישער אומקום אין פראַנקרייך
24) דוד איגנאַטאָוו — „אַפּגעריסענע בלעטער"
25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאַמפּאַדור
26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן
27) י. ה. פישמאַן — פריער און שפּעטער
28) ל. לאַסאָווין — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון
29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן)
30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון
32) אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר — 1־טער טייל
33) אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר — 2־טער טייל
(פּרעמירט דורך דעם לואיס לאַמעד־פאָנד)
34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן
35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור־קוואַלן
36) ב. ריווקין — יידישע דיכטער אין אַמעריקע
37) יצחק פערלאָוו — פלאָראַ איינגבער
38) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל — 1־טער טייל
39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל — 2־טער טייל

אין גיכן דערשיינט:

שלמה סיימאַן — צווייגן

מרדכי בערנשטיין — און דאָס איז געווען אַשכנז...

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
S. ISBAN
N. York
1959

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina (C)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 20 DE NOVIEMBRE DE 1959
EN LOS TALL. GRAF. "CULTURA" SARMIENTO 2157 BUENOS AIRES

וועגן אלע ענינים פון פארלאג זיך ווענדן:

Editorial "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87-9566 — BUENOS AIRES

SAMUEL IZBAN

LA REINA ISABEL

(DI KENIGN IZEBEL)

★

Editorial "IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1959

באַמערקטע דרוק פעלערן

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
9	11	צענטער	צענטנער
12	26	בלוי	בלויז
15	12	אויך	כ׳ווייס
26	15	דריטן	היינטיקן
29	29	מייבונגען	פייניקונגען
25	1	קריגסמאַן	מאַן
47	26	נישט פארווירקלעכט	נישט וואָר
54	16	בלויע פאַפירן	בלויע סאַפירן
57	23	געפאָכעט	געפאָכטן
81	4	געזעצן	געצן
94	32	לויטע	לויטערע
99	14	ווייל	חייל
101	7	לאַסטקאַסטן	לאסטאקסן
112	15	מלאכים	מלכים
116	26	בעסט	בעטסט
140	28	באַק-ברית	באַך־כרות
153	17	חבר בן הקיני	חבר הקיני
153	20	שטן	שאָטן
155	17	וויינרויך	ווייררויך
159	22	פעטלייביקייט און לויזלייביקייט	פעט, לויז לייב
179	14	מיכיהו בל ימלא	מיכיהו בן ימלא
182	8	אליפו	אליפז

באַמערקטע דרוק פעלערן

זייט	שורה	אָנשטאָט	דאַרף זיין
185	23	באציט	באַשיצט
209	21	אויפגעהויבן	ארויסגעהויבן
221	19	מיצבא	מידבאָ
222	20	פאררײַטן	פאַראַכטן
223	6	צענטער	צענטנער
227	19	יושלם	ירושלים
248	33	קיוועס	קיווערס
285	10	אָניקשטיינער	אניקלשטיינער
315	7	מלכים	מלאכים
317	7	בעקנס	בעקערס
320	20	אָניקשטיינער	אניקלשטיינער
321	21	ראָד	פוס
341	13	פריינט	פיינט
351	10	אויפגעגאַנגען	אויסגעגאנגען
355	22	חשובער	געאַכפערטער
369	6	צענטער	צענטנער
383	28	טויב	שטויב
389	5	אומגעהערטער	אומגעהאריש.

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1960